This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

סאָוועטיש היימלאנד

10

1973

סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראַריש-קינסטלערישער
כוידעש-זשורנאַל

אָרגאַן פון שרייבערפאַרבאַנד פון פססר

דערשיינט פון 1961

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל"

מאָסקווע

אָקטיאַבער

10

1973

אינהאלט

זײַט

אַרן וווערגעליס. אפּדאָסנײַ (לידער) 3

נאַטאַן זאַבאַרע. אונטער דער הייסער זון פון פּראָוואַנס (ראָמאַן. פאָרזעצונג) 7

ליובע וואַסערמאַן. ס׳איז הויך דער הימל (ליד) 64

אַלעקסאַנדער ליזען. גרינע מאַציייוועס, וואָס שווײַגט איר? (דערציילונג. ערשטער טייל). צייכענונגען פון ה. אינגער 65

אידע שולקינע. ער (דערציילונג) 98

איטשע באָרוכאָוויטש. אַזוי דאַרף זײַן (לידער) 104

פונעם ליטעראַטור־אויצער. ל. כאַנוקאָוו. די לעצטע גרענעץ. — צום שלאָס מיט די שטאָלענע טויערן (דערציילונגען). א וואָרט וועגן ל. כאַנוקאָוון פון נאַכמען מײַזיל 107

באַגעגענישן מיט אינטערעסאַנטע מענטשן. י. דאָמבראָווסקי. דער קינסטלער איטקינד 118

לעבעדיקע גרוסן. כאַים מעלאַמוד. פאַרוואָס האָבן מיר דיך אַזוי ליב, טשערנאָוויץ? 127

הירש בלאָשטיין. מיר זײַנען אַ צווילינג (לידער) 134

זיכרוינעס. כאַים טאַמאַרקין. דאָוויד האָפּשטיין, אַזאַ ווי איך געדענק אים; ביניאָמין שוואַרצער. פאַרבליבן אין מײַן זיקאָרן 138

מאָטל טאַלאַלאַיעווסקי. דער קוואַל פון גליק (לידער) 152

פּובליציסטיק

נ. אָדיעגאָוו. די נאַציאָנאַלע פראַגע און דער אידעאָלאָגישער קאַמף 155

מיר ענטפערן אויף פראַגעס פון אונדזערע לייענער. אַזוי האַנדלען זיי; קאַליפן אויף א שאָ 160

בלעטערנדיק זשורנאַלן און צײַטונגען. ווער האָט פאַראַטן? („אונדזער פרײַנט״); א געשיכטע אין ברוקלין („נײַע פרעסע״); וועגן די אומרוען אין אשדאָד („ניו־יאָרק־טײַמס״) 163

ליטעראַטור־קריטיק. ביבליאָגראַפיע. פראַגן פון קונסט

הערש רעמעניק. פּראָבלעמען פון דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער ליטעראַטור. 1. טראַדיציעס. ווירקונגען. נאָוואַטאָרישקײַט 167

באָריס שיינין. קונסט, וואָס רופט צו פאַרטראַכטן זיך 175

אונדזער רעפּליק. מ. גלייזער. לייענענדיק די „ייִוואָ־בלעטער״ פון 1973 177

אונדזערע מיטיילונגען. מייער ברוקאַזש. פאַרזענלעכקײַטן פונעם טויזנטיאָריקן וויטעבסק 179

גריגאָרי פערקעלס ליטאָגראַפיעס 182

קאָמענטאַרן פון רעדאַקציע. א סקאַנדאַל אין דער פּסאַרניע 183

ווינקל פון געזעלשאַפטלעכן פאַרשפּרייטער פון „סאָוועטיש היימלאַנד״. י. ש. עס גייט די אַבאָנירונג אויף „סאָוועטיש היימלאַנד״ 185

פאַרשיידנס 186

כראָניק 97, 184

פון אונדזער פאָטאָ־אַרכיוו. וויניק־באַוווּסטע פאָטאָגראַפיעס פונעם דיכטער איטשע באָרוכאָוויטש 188

נאָטיצן אויפן קאַלענדאַר 190

מוישע שאַפּיראָ. שמועסן וועגן ייִדישער שפּראַך 191

הויפּט־רעדאַקטאָר

א. וווערגעליס.

רעדקאָלעגיע:

א. גאָנטאַר, ש. גאָרדאָן, ט. גען, י. טשיטשעלניצקי (פאַרטרעטער פון הויפּט־רעדאַקטאָר), נאָטע לוריע, מ. לעוו, כ. מאַלטינסקי, ב. מילער, כ. מעלאַמוד, ה. פּאָליאַנקער, ס. פּרײַ.

פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר

י. שוסטער

ארן ווערגעליס

אפּראָסנײַ

דער טאָג

ניט אויסגערונען איז דער טאָג, ניט דורכגעלאָפן.
א טאָג! א גאַנצער טאָג! אין אים איך האָב געלעבט.
קיין איינציקע מינוט איך האָב הײַנט ניט פאַרשלאָפן,
ביז טאָג ביז מאָרגעדיקן
דורכגעגאַנגען אַלע טרעפּ.

אַרויס פון טאָג א מידער כ'בין, ווי פון א מיל,
די אויגן און די האָר מיט ווײַסקײַט פאַרפּאָראָשעט,
און עפּעס אַזאַ גרויסע שטענדיקײַט דערפילט —
אַנטקעגן איר דאָס אייגנס איז ניט ווערט א גראָשן.

נאָר מיינט ניט, אַז דאָס אייגנס איז שוין גאָרניט ווערט:
אַזוי ווי איך דעם טאָג, — דער טאָג איז מיר באַשערט.

שלאָך עט אמי

און ענטפער דעם ציוניסט

קער אום מײַן פאָלק צוריק פון דײַנע בלינדע נעצן
(כאַלילע, כ'מיין דאָ ניט
דאָס פאָלק,
נאָר יענעם טייל,
וואָס האָט געליפערט זיך פאַר דײַן געשעפט דעם לעצטן
און אָפּגענאַרט בלויז זיך,
און זיך אַליין פאַרטיילט).

קער אום מײַן פאָלק צוריק פון כוישעכן פון דײַנע
(איך מיין — פון פאָלק דעם טייל,
וואָס דו פאַרשלעפּט האָסט פרעך
אַהין, ווו ס'איז פאַרוועדט דער העלער זון צו שײַנען,
ווו ס'נעכטיקע איז גוט און ס'הײַנטיקע איז שלעכט).

קער אום צוריק דעם ייִד פון דײַנע וויסטע היילן,
ווּהין האָסט אים פאַרנאַרט מיט שווינדל און מיט שאַנד.
ווען פון דײַן לאַנד דו האָסט ניט אופגעהערט דערציילן,
אַז קלוימערשט ס'איז ניטאָ פאַר אונדז קיין אַנדער לאַנד.

ניט „שיק מײַן פאָלק“, ניט שיק.
קער אום מײַן פאָלק צוריק!

פּייזאַזש

באַשרײַבן דעם פּייזאַזש ביז מיר האָט שוין ניט אײַנער.
דאָס אָרט פאַרדינט עס. כאָטש אין טאָך איז פאַרב פאַראַן דאָ ווייניק,
און ס'איז דאָס שטיקל לאַנד ניט אַנדערש פונעם גאַנצן.
א מיטלרוסיש דאָרף מיט קלוניעס און מיט פלאַנצן.
באַם שרײַבן דעם פּייזאַזש א יעדער קינסטלער זוכט
אַרומכאַפּן דעם סאָד, אַרויסכאַפּן די פרוכט,
באַווײַזן דעם צוזאַמענהאַנג פון דרויסן מיט די שטיבער,
ניט אויסמײַדן דעם פּראַט פון בערגלעך און פון גריבלעך,
דערזען אין גראָז אַפילע א געגנוצטע פלאַש.
קורץ: יעדער קינסטלער זעט זײַן אייגענעם פּייזאַזש.
און דאָך בין איך מיט עפּעס שולדיק פאַרן לייענער:
באַשרײַבן דעם פּייזאַזש ביז מיר האָט שוין ניט אײַנער.

איך זוך באַ אים אַליין, באַ דעם פּייזאַזש, א טרייסט,
און איך באַרויִק זיך, ווײַל איצטער שוין איך ווייס:
דאָס אָרט — דאָס זעלבע, נאָר עס איז ניט שווער דערקענען
דאָס הײַנטיקס אין פּייזאַזש — די הײַנטיקע אַנטענע.
מ'האָט אויסגעפאַרבט מיט פרישער פאַרב די דעכער,
די ביימער זײַנען אויסגעוואַקסן העכער.
אַלץ ווי געבוירן פונדאָסנײַ איז אַזש
(ווען ניט —
פאַרוואָס וואָלט איך באַדאַרפט
הײַנט
מאָלן דעם פּייזאַזש?).

פאַרוואָס באַ דיר איך פרעג

עס גייט גאָר ניט אין דעם,
צי דיר עס וועט געפעלן,
איך ווייס ניט, צי ס'וועט יאָ,
צי ניט
די זאַך דיר קוועלן,

נאָר איידער וועסט דערהערן
פון מײַן מויל א וואָרט,
איך וויל,
זאָלסט זאָגן קלאָר,
דאָ טאַקע אָף דעם אָרט,
יאָ, איידער כ'גיב די האַנט דיר,
זאָלסטו זאָגן אָפן:
ווי קוקסטו אָף דעם מענטש,
וואָס איז פון אונדז אַנטלאָפן?

אַוועק פון אונדזער היים,
פון טאַטע־מאַמעס קוואָרים,
א ריס געטאָן פון דר'ערד
מיט קאַס דעם וואָרצל — קאָרען,

און איצטער אײַנדערפרעמד
ער טרייסלט אויס דעם סאַם
(צו טעשלעך — ס'גאַנצע יאָר...)
באַם ברעג פון טויטן יאַם.

אָן אַנדערשמאָל איך וואָלט
דעם מענטש אָט דעם דערמאַנט דען? —
נאָר כ'האָב מיט אים גערעדט,
געדריקט איך האָב זײַן האַנט דאַן...

ווען וויסן וואָלט איך פרי'ר,
איך וואָלט עס טאָן פאַרשפּאָרט.
איך וויל,
זאָלסט זאָגן קלאָר,
דאָ טאַקע אָף דעם אָרט,

יאָ, איידער כ'גיב די האַנט דיר,
זאָלסטו זאָגן אָפן:
ווי קוקסטו אָף דעם מענטש,
וואָס איז פון אונדז אַנטלאָפן?

פאַרוואָס באַ דיר איך פרעג?
ווײַל לעצטנס ביסטו אויך
פאַרטשאַדעט — ווײַ צו דיר —
מיט פרעמדלענדישן רויך.

מיט דער פרישקײַט פון ערשטן באַצויבער

וועץ איך פּיל,
אז ס'איז אלץ שוין דערגרייכט,
אז צו מיר מיטן הארצן דו פּיבערסט,
און אָט איז זי, פון ליבע די הייך, —
אפּדאָסנײַ דאן באקום איך דיך ליב ערשט
מיטן כידעש פון ערשטן באריר,
מיט דער פרישקײַט פון ערשטן באַצויבער,
גלײַך געגאן
צוליב דעם
כ'וואָלט צו דיר,
קעדיי צוריבן דיך
בא רויבער.

וועץ איך פּיל,
אז די לאַסט ווערט דיר שווער,
אז דו ביסט נאָך צו שוואך פאר די ליידן,
און אָט העררסטו אוף ליב האָבן מער, —
אפּדאָסנײַ דאן כ'וועד שטרענג און באשיידן,
און איך האלט שוין ניט מער פאר קיין שאנד,
וואָס פון גליק איז דער זינען דערשיטערט, —
גלײַך צו דיר
צוליב דעם
כ'וואָלט געגאן,
קעדיי אָפּהיטן דיך
פון היטער.

פונעם ציקל „לידער, געשריבענע ניט אין דער היים"

לידער וועגן דעם גוילעם

1. דער מאהאראל האָט אָפּגענארט

אָפּגענארט דעם בוירע אוילעם:
ניט געשאָלטן, ניט געבענטשט,
און פון ליים געמאכט א גוילעם,
וואָס איז שטארקער פון דעם מענטש.

אָפּגענארט דעם מענטשן־אוילעם:
קלוימערשט צווישן יאָ און ניין
אויסגעקלעפּט פון ליים א גוילעם,
וואָס איז קלוג ווי גאָט אליין.

אָפּגענארט אויך אים, דעם גוילעם:
ניט פארבאָרגן, ניט געהיים —
ער געוועזן שוין צווישן גדוילים
און צוריק געוואָרן ליים.

און צי איז אין פּראָג דער אוילעם
פאר א גוילעם־נעס שוין צײַטיק?

אויב דו וועסט באם שעפער פוי'לן,
שאפן זאָלסט מיט אלץ אליין זיך,
וועט דער מענטש דיר ניט באפוילן,
און ניט העלפן וועט אים קיין־זאך, —

האָבן וועסט אליין די דייע:
ווער און וואָס און ווען און וועמען,
פאָלגן וועסט ניט קיין קאמייע,
און א שפּרוך וועט דיך ניט נעמען,

ווײַל עס איז אין פּראָג דער אוילעם
פאר דעם גוילעס־נעס ניט צײַטיק.

2. זאָג מיר, גוילעם

וואָסער גוירל,
זאָג מיר, גוילעם,
האָט פארגרייט פאר דיר דער צאדיק?

וואָסער גוירל,
זאָג מיר, גוילעם,
האָט פארגרייט פאר דיר דער צאדיק?

3. די בעהאָלע

א בעהאָלע אין דער אלטשטאָט.
— ייִדן, היט זיך פאר אים, ייִדן!
היט זיך, ייִדן, פאר דעם גוילעם. טוט א רוף דעם מאהאראל,
וועלכער האָט דעם קוי'ך האכאַים אים ארײַנגעטאָן מיט פרידן,
און אצינד אין גוטן דערעך קוים ער האלט אים אײַן מיט גוואלד...

א בעהאָלע אין דער אלטשטאָט.
— ייִדן, האלט דעם רעבעס יוירעש!
עפּעס פונקט ווי ס'וואָלט דער גוילעם בעגילופן גאָר געוועזן.

זאָל בא אים דער מאהאראל גלײַך אָפּנעמען דעם שיים האמפּוירעש,
און — ניטאָ אין פּראָג קיין גוילעם, קיינער האָט אים ניט געקענט...
א בעהאָלע אין דער אלטשטאָט.
— אָט צעוואָרפט ער אלע קלייטן!
אָט צעמיימעסט ער די מענטשן... שאט, עס גייט דער מאהאראל
— —

ס׳גייט
דער גרויסער רעבע ליוואַ —
„האָב געשטעלט דיך, וועל דיך שפּרייטן...״ —
און דער גוילעם פאלט פארגליוועט,
צו דער ערד ער טוט א פאל...

א בעהאָלע אין דער אלטשטאָט.
— ייִדן, ראטעוועט אים, ייִדן!
ראטעוועט דעם גוילעם, ייִדן! ווײ, וואָס טוט דער מאהאראל!
ער אליין האָט קוי׳ך האכאִים אים ארײַנגעטאָן מיט פרידן,
און אצינד דעם שיים האמפּוירעש רײַסט פון מויל זײַנעם מיט גוואלד...
זאָגט אים, ייִדן, אז די אלטשטאָט אָן א מעסער טוט ער קוילען,
ווײַל א שוימער,
א באהעלפער
איז געווען פאר אונדז דער גוילעם.

4. צו אײַך איך רעד

היי, שפּעטערדיקע געוינים,
מײַסטערס פון עלעקטראָנישע ראָבאָטן!
איך, דער ליימענער גוילעם,
וועל בא מײַן צײַט זיך אָפּבעטן
און דערגיין צו אײַער צײַט,
ביז צו די לאַבאָראַטאָריעס.
באַגעגענען מיך אָן פײַערלעכקײַט
דאָרטן מע וועט, א סוואָרע.

פאר מיר פלעגן פאלן קוירים
די שלעגער אין פּראָג, ווען איך פלעג
ארויסגיין — א ליימענער גוילעם —
אנטקעגן באַיאַנעס אָן שרעק.
בא אײַך מע וועט רופן מיך ראָבאָט,
און דרינגען עס וועט דערין:
פון מענטשלעכס קיין סימען כ׳האָב ניט,
בין פּאַשעט א מאשין.

געמאכט פון אנטענעס און טרײַבלעך,
מײַן לאָשן — די ליכט פון טאבלאָ,
מע וועט מיך צונויפקלײַבן
און אײַנשליסן אף א שאָ,
איך זאָל פאר דער צײַט דער קארגער
אויסרעכענען גיך און ריכטיק,
וואָס פון וואָס עס איז שטארקער,
וואָס פון וואָס עס איז וויכטיקער:
טויזנט פערד מיט פלייש און ביינער,
צי פון שטאָל און אײַזן איינער...
— — — — — — — — — — — — —

צו אײַך איך רעד, געוינים
פון עלעקטראָנישע צײַטן.
איך, דער ליימענער גוילעם,
וויל אף בעסערס ניט בײַטן —
ניט די איינפאכע טוירע,
וואָס מיר האָט מײַן שעפער געגעבן,
ניט מײַן ביטערן גוירל —
שווײַגן דאָס גאנצע לעבן.

5. אדעראבע

— אויב איך פון כוימער בין געמאכט און איר פון פלייש און בלוט,
אויב איר זײַנט מענטשן, טאָ פארוואָס בין איך אײַך גויווער?
פארוואָס, ווען ס׳קלעקט אײַך ניט קיין קויעך און קיין מוט,
איר רופט צוהילף א ליימענעם טשורבאן — א גוילעם?

— אויב דו ביסט מעכטיקער פון אונדז, איז אדעראבע — נעם
און מאך פון פלייש א מענטש, און זאָל דײַן האנט זײַן גוירעם
צו געבן אים אזויפיל כיין און שווונג, אזא מין ברען,
אז מענטשן זאָלן אים ניט רופן
ליימענער גוילעם.

פּראָג

נאַטאַן זאַבאַרע

אונטער דער ריטער פון פּראָוואַנס

ראָמאַן

דאָס דריטע קאַפּיטל

ריטער פון דער שפּאָגע און דער ריטער פון גײַסט

באטאָג, אַז מע טוט אַ קוק אויפן שטיינערנעם שלאָס, וווהין וועטוריע מיט יויעלן האָבן פאַרבלאָנדזשעט און געפונען נאַכטלעגער, זעט מען ערשט, ווי נעבעכדיק ער זעט אויס אין דער אומגעגנט אין פאַרגלײַך מיט אַנדערע ריטערלעכע שלעסער. פונדערווײַטנס שטייט ער ווי אַ פלאָקן אויפן שפּיץ באַרג. און בײַם דערנעענטערן זיך זעט מען די גראָבע מויער־וואַנט, אַ ברייטערע בײַ דער ערד און וואָס העכער אַלץ אײַנגעדאַרטער. די געבײַדע איז פאַר־בויט פון אויבן מיט טורעמס און טורעמלעך. דעם גאַנצן אַנסאַמבל גאַרטלט אַרום אַן אָנשיט איבער אַ טיפער האַלב־אויסגעטריקנטער רינווע, וואָס בײַ אַ נויט קאָן זי אָנגעפּילט ווערן מיט וואַסער און די בריקן אויף איר וועלן אויף קייטן שטאַרצאָם אויפגעהויבן ווערן.

אַלץ איז דאָ ווי בײַ לײַטן, נאָר דער שלאָס־אייגנטימער, דער באַראָן בערנגאַר, אַן אָפּ־שטאַמלינג פון דאָר־דוירעסדיקער סראָרעשאַפט, רעכנט זיך צווישן פּראָוואַנסאַלן אַדלשטאַנד ווי אַ פּאָשעטער ריבאַדען. דאָס איז דער טיטל פון אַ גאַנץ געוויינלעכן וואַסאַל־ריטער, אָן שום ייִכעס אַצמוי און מיט אַ גאַנץ קנאַפּן פאַרמעגן.

פונדעסטוועגן, ווען די גאַנצע וועלט זאָל אונטערגיין און ס׳זאָל מער ניט בלײַבן ווי דער באַראָן מיט זײַנע אונטערטאַנער, וואָלטן זיי גאַנץ פײַן געקאָנט אויסקומען אָן דער איבערי־קער מענטשהײַט. דעם באַראָנס גוט, דער שלאָס־הויף מיט די עטלעכע צוגעטוליעטע ייִשווים אין אַרום — דאָס איז לאַכלוטן אַן אָפּגעזונדערט קליין וועלטל, וואָס געפינט זיך ווי אויף אַן אינדזל אינמיטן יאַם.

די לײַבאייגענע וועבן דאָ פאַר זיך און פאַר זייער סעניאָר די לײַוונטן, און ס׳ווערן פון זיי גענייט אײנע און די זעלבע קליידער פאַר זיך און פאַר די הערשאַפטן. דאָ אַרבעט מען אויס דעם לעדער און מע נייט אַליין די שיך. דאָ קאָכט מען אַ האָניק־געטראַנק און מע מאָלט מעל, מע פירט צונויף די טוווּעס אינעם סעניאָרס שפּײַערן, זײַנע שפּיזאַרניעס פּילט מען אָן מיט רינד־פליישן און מיט געפליגל, מיט האָניק און מיט אייער, מיט דער פּרוכט פונעם בוים און פון דער ערד. דער לײַבאייגענער פּאַשעט דעם סעניאָרס שאָף און רינדער, האָדעוועט די כאַזיירים און כאַפּט פיש פאַרן סעניאָרס טיש. ער איז ניט דער קנעכט פונעם אַלטן רוים, נאָר ער איז אויך ניט קיין פרײַער מענטש. ער האָט ליב און טוט גערן קאָלעריי

פאָרזעצונג. אָנהייב זע „סאָוועטיש היימלאַנד״ נומ. 9 פון 1973.

ארבעטן, נאָר ער ארבעט ניט פאר זיך. די גרעסערע העלפט, און אמאָל דרײַ פערטל פון זײַן מי, גייט אוועק לעטויוועס דעם שלאָס. דער רוימישער קנעכט האָט גאָרנישט ניט געהאַט, און דער האָט זיך זײַן ווײַב און קינדער, זײַן הײַזל, זײַנע פארהאָרעוועטע הענט. נאָר פונקט אזוי ווי יענער, האָט ער ניט דאָס רעכט און האָט מוירע צו פארלאָזן דאָס אײַנגעזעסענע אָרט. ס׳רינגלען אים ארום באדראָעטע וועגן, געדיכטע וועלדער מיט כײַעס־ראָעס, מער צווייפּיסיקע — דעם סעניאָרס באדינער און באשיצער, וואָס באפאלן דעם אנטרונענעם ווי די וועלף, און ווי די היצליעס שלעפן זיי אים צוריק אין הויף ארײַן, אַף צו באקומען די געהעריקע צאָל שמיץ.

עמעס, צו דעם אויפן שטראָף איז ער אויך אָן דעם אנטלויפן צוגעווינט, ווײַל כוץ פעלד־ און שטוב־ארבעט, דארף מען פארן סעניאָר טאָן קאָלהאמינים אנדערע ארבעטן: ברענען ציגל, פאריכטן א געבײַדע, זײַן א שמיד און א האָלצהעקער, דעקן א דאך און גראָבן א ברונעם. טוסטו ניט אזוי ווי ס׳באדארף צו זײַן, איז צאָל מיט דער הויט אפן לײַב. אפילע פאר א קריגערײַ צווישן זיך, א רײַסערײַ מיטן אייגענעם ווײַב איז דער סעניאָר אליין דער שטרענגסטער שופעט. ער איז שטענדיק גרייט ארויסצוטראָגן דעם גערעכטן פסאק און באשטימען די צאָל שמיץ. אפן שטראָף־פלאץ קאָן מען אָפט זען ליגן א פארשולדיקטן נאָך דער עקזעקוציע. אין בעסטן פאל קומט מען אָפ מיט א צינש־שטראָף, וואָס מע טראָגט ארײַן מיט שאָווע־קעסעף[1] פארן סעניאָרס שאצקאמערן.

אזוי איז דער שטייגער אין אלע גיטער קימאט. מיט איין זאך אָבער שיידט זיך אונטער דער באראָן בערנגאר פון א סאך אנדערע פון זײַן גלײַכן: בא אים אין גוט באנוגנט מען זיך בלויז מיט דעם, וואָס ער באקומט ארויס פון זײַנע לײַבייגענע, און מיט דעם, וואָס ער פארמאָגט בא זיך אפן הויף. לוקסוס־ארטיקלען, שמוק־זאכן, צירונגערײַ־באפוצונגען, — דאָס אלץ, וואָס ס׳ברענגען ארײַן די וואנדערנדיקע סאָכרים פון מעייווער־לעיאם, איז בא אים ניט בענימצע. ער באגייט זיך אפילע אָן געווירצן אַף צוריכטן די מײַכאָלים. זײַן עס־טיש האָט קיינמאָל ניט געזען קיין פעפערמינץ. ער ווייסט ניט דעם כאריפעסדיקן טאם פון אינגבער, קימל, די געשמאקע שארפקײַט פון צימערינג, קובעבע, דעם גוטן רייעך פון זאפרען, לאָרבערבלעטער, נעגעלעך. דער שארפסטער מײַכל איז בא אים א ביטערע ציבעלע און דאָס הארבסטע — א גוט באזאלצן אָנגעקנאָבלטער אָקרײַעק ברויט.

די פרוי זײַנע, די שיינע וואלענסיע, האָט בא אים אין שלאָס קיינמאָל ניט געפילט דעם ווילגערוך פון בסאָמים, דעם איידעלן אראָמאט פון רויזן־אייל און דעם דופט פון קאָלערליי באלזאמען. זי איז געווען קרעפטיק, שיין, מיט א יאָדערדיק פריש לײַב, מיט א צארט ראָזער הויט, און די ברוין־רויטע האָר אַף איר קאָפ מיט אָן אָפגלאנץ פון פארבאקן בלוט האָט גוט געשמעקט אָן די פרעמדע רייכעס. זי האָט צו אכצן יאָר געבוירן דעם זון אירן עוואר, וואָס איז שוין איצט אויסגעוואקסן א גוואר. ער דארף שוין אינגיכן פײַערלעך געזאלבט ווערן פאר א ריטער.

א ריטער ווערט מען ניט געבוירן, א ריטער מוז מען ווערן. אפילע דער קיניג אליין האָט געמוזט דורכגיין בעהאדראָגעדיק די אלע שטאפלען פון צוגרייטונג. צוערשט בא זיך אין דער היים, דערנאָך אין דער פרעמד, ביז ס׳איז ענדלעך געקומען דער גרויסער טאָג, ווען ער איז פײַערלעך ארײַנגעבראכט געוואָרן אינעם ריטער־שטאנד.

אין דער גאָר פריִער קינדהײַט האָט זיך באם קליינעם עוואר ארויסגעוויזן א מין אײַנגעשפארטע לײַדנשאפט צו געפעכט און געראנגל. ער איז נאָך געווען די גרייס אַף ארומשפאצירן אונטערן טיש, האָט ער זיך שוין ארומגעריסן מיט גרעסערע פון זיך. ניט קעגלבאָן, ניט די פילקע, ניט די שטאָלצן און ניט אנדערע שפילן האָבן צוגעטיילט דעם קליינעם באראָן אזויפיל פארגעניגן, ווי דאָס פאָכן מיטן הילצערנעם ראפירל, די שפיל מיט פײַל און בויגן, דאָס קינדער־העלמל אפן קאָפ. דאָס הערצל איז בא אים אויסגעגאנגען פון קלעמעניש, ביז מע האָט אים דאָס ערשטע מאָל ארופגעזעצט אַף אָן עכטן רײַטפערד. ער וואָלט שוין אזוי קיינמאָל ניט ארויס פונעם זאָטל, ער וואָלט זיך אלץ געטראָגן איבער בערג און טאָלן מיט דער אנטבלויזטער שווערד אין האנט, קעדיי אָנשרעקן די סאָנים און ארויסרופן רום און באגײַסטערונג בא זײַנס גלײַכן.

זײַן קינדער־דימיען איז שוין דעמלט געווען איבערפולט מיט וווּנדער־מײַסעס וועגן דרײַסטע ריטער און וועגן די העלדנטאטן פון זייערע קליינע זין, וועלכע האָבן זיך אויך בארימט געמאכט און פאָטער־מוטער געבראכט לויב און פארערונג. ער ווייסט וועגן דעם צוועלפאָריקן דאלען, וואָס שווימט אליין אין א צעפוילט שיפל איבער די גרויסע וואסערן פון אָקעאן;

[1] כפייצים, וואָס האָבן די ווערט פון דער באשטימטער שטראָף־סומע.

וועגן א ריטער־ייִנגל, וואָס לעבט אָן די עלטערן אין א פינצטערן וואלד, ווו ס׳פרעסן זיך איינס דאָס אנדערע די ווילדע כּיַעס. דאָס ייִנגל זעט אלע טאָג די צערייצטע לייבן, די מוי־רעדיקע טיגערן מיט די צעעפנטע מיַילער. זאָלן זיי זיך נאָר דערנעענטערן, וועט ער זיי אריַינשטעקן דאָס מעסער גליַיך אינעם שלונג אריַין.

מיט אָט די אלע העלדן־געשיכטעס האָט ער זיך ביז אהער אָנגעהערט פון דער באָנע און אמאָל אויך פון דער מוטערס א באדינערן. איצט, ווען ס׳איז אים שוין געוואָרן זיבן יאָר, איז ער אינגאנצן אריבער אינעם רעשוס פון פאָטער. דאָ האָט זיך פאר אים אָנגעהויבן דאָס לאנגדויערנדיקע צוגרייטן דעם גוף זיַינעם, ער זאָל די ווערט האָבן אָנגענומען צו ווערן אינעם ריטער־שטאנד. צוליב דעם דאַרף ער ניט שאָענוויַיז זיצן איבער די פּאַרמעט־בלעטער מיט די גרויסע בוכשטאבן פונעם אלפאבעט, איבער די סאראצינישע אָדער אלטרוימישע צאָל־צייכנס, און זיך ברעכן דעם קאָפּ בא כיבער אָדער כיסער. דאָס איז אָן איניען פאר די קלירקער און פאר דעם עלטערן געשוועסטערקינד, וואָס האלט זיך אוף בא זיי אין שלאָס.

דאָס איז א געראָטן פליַיסיק מיידל, דער הויף־גאלעך לערנט זי לייענען און אף א ברעטל פון וואקס ארויספירן מיט א פארשניצט שטעקעלע קאָלערליי אויסיעס. אז זי וועט אונטער־וואקסן, וועט זי האָבן א מעגלעכקיַיט צו צעטריַיבן אין די לאנגע ווינטער־נעכט דעם אומעט, וואָס באהערשט די שלאָס־באוווינער. זי וועט פאר זיי פאָרלייענען אין דער הייך א ריטער־געשיכטע אָדער איַינכאזערן אף אויסווייניק מיט די הויף־דאמען אוועלכע־ס׳איז ריטער־באַ־לאדע אף צו זאָגן און זינגען, אזוי ווי ס׳טוט אמאָל די מומע אירע, די שיינע וואלענסיע, אווראַרס מוטער.

די באראָנעסע, ווען ס׳כאפּט זי אמאָל אָן א טיפע בענקעניש, א פארדראָס אף דעם, וואָס פארשווינדט, און פיַינלעכע אנגסטן פאר דעם, וואָס קומט, זוכט זי דעמלט אויך א טרייסט אינעם גראָב־שווערן לאטיַינישן טפילע־בוך, וועלכער איז פארן מאַן אירן א שטומער כייפעץ, און ער האָט פאר אים אזוי טיַיער באצאָלט. ער וואָלט פאר אזא פריַיז געקאָנט קויפן דאָס בעסטע ריַיטפערד. מיט די פּאַרמעט־בלעטער פונעם בוך וואָלט מען געקאָנט פארפילן אלע ראמען פון די פענצטער אינעם שלאָס. בא אלע זיַינע אָוועס, פון דאָר־דוירעס, איז געווען דאָס סאמע אומנייטיקסטע אינעם לעבן — קענען לייענען און שריַיבן, און אָט אזוי וועט ער אויך דערציִען דעם זון זיַינעם.

דער הויף־גאלעך לערנט דאָס ייִנגל דעם קאטעכיזיס, ניט פונעם געשריפטס — פון אָט די הארטע אומפארשטענדלעכע טויטע פּאַרמעט־בויגנס, נאָר מינדלעך און אף אויסווייניק. טאָג נאָך טאָג פארפעסטיקט ער אין אים די קריסטלעכע עמונע מיטן איַינכאזערן אף אויסוויי־ניק די קאנאָנען, דאָגמעס און טפילעס, מיטן איַינפלאנצן אין אים ליבע און ערפורכט פאר דער דריַי־אייניקיַיט, דערוועקן אינעם ייִנגל א דראנג צו העלפן גאָט מיט געווער אין האנט, קעמפן דאָס גאנצע לעבן מיט די אנדערש־גלויביקע, אויסראָטן און פארניכטן די אפּיקאָרסעס אינעם אייגענעם לאנד. דאָס ביסל פארקערטע, וואָס ס׳איז פאראן אין יעזוסעס לערע: וועגן ליבע צו מענטשן, וועגן פארגעבונג, וועגן גאָטס גנאָד צו אלדאָס לעבעדיקע, ווערט אויסגעיעט באם ארומגיין און צוכטן דעם פלאנץ, ווי א מין ווילדגראָז. דאָס ייִנגל זעט דעם גאנצן זין פונעם קריסטלעכן גלויבן אינעם הייליקן קריג מיט די סאָנים פון דער קירך, און א באפליגל־טער טרוימט ער וועגן העלדנטאטן, וועגן פארניכטונג און בלוטיקע שלאכטן אין גאָטס נאָמען.

דערוויַיל גיט ער זיך אָפּ מיט ליַיב און לעבן, מיטן גאנצן יוגנטלעכן ברען און האסט צו די ראנגלענישן מיט קינדער פון זיַין עלטער, צום שלאָגן זיך מיט בייַטשן, שטעקנס אָדער גלאט אזוי מיט די הוילע הענט. אונטער דער אופזיכט פון עלטערע האָט מען אים אויך צוגע־לאָזט צו א געפעכט מיט שווערדן, שפּיזן און צו אנדערע קערפּערלעכע איבונגען. שאָענוויַיז האָט ער געקאָנט פארברענגען בא דער פערד־שטאל, בא די הינט־בייַדלעך מיט היצליעס, באם פאלקנער, ווו ער האָט זיך געלערנט אופּאסן אפן פאלק־פויגל, וויִאזוי אים האלטן אין האנט בייסן ריַיטן אפן פערד, וויִאזוי און ווען אים אָפּלאָזן נאָכן רויב. אף גאנצע טעג האָט מען אים געלאָזט פארפאלן ווערן אין וואלד מיט די יעגער. ס׳איז אלץ געטאָן געוואָרן, אז דאָס ייִנגל זאָל אויסוואקסן געשיקט און קרעפטיק, א ווידערשטאנדפייִקער און א דרייסט־פליַנ־קער, ס׳זאָל אים דערנאָכדעם ליַיכט זיַין צו באהערשן די אלע זיבן מינים ריטער־קונסט...

אין אָט אזעלכע פארוויַילונגס־טעטיקיַיטן זיַינען אומבאמערקט אדורכגעלאָפן די פינף־זעקס יאָר, און פארן צוועלפיאָריקן באראָנעט איז געקומען די צייַט צו פארלאָזן די היים, אָנקומען אין א פרעמדן ריטער־הויף.

דעם באראָן האָט געערגערט דאָס שיקן דעם זון זיַינעם צו וועטוריעס פאָטער, צו ריַי־מונד דעם זעקסטן. ער טראָגט אפן טולוזער הערצאָג אן אלטן פארדראָס פאר א ביטערער אולע, וואָס איז קעגן אים מיט יאָרן צוריק באגאנגען געוואָרן. דעריקער פלאָגט אים, וואָס

דאַפקע דער בכאָר זײַנער, עוואר, דאַרף דאָרט דורכגיין דעם גאַנצן דערנער־וועג פון א דינער־יונג ביז ער וועט אַמאָל דערגרייכן צום ריטער־ראַנג. דער הערצאָג איז אָבער זײַן סוזערען, צו וועמען ער איז פאַרפליכטעט זײַן א שטענדיקער איבערגעגעבענער אונטערטאַ־נער, און דער באַראָן איז געטרײַ זײַן שווּע, האָגאַם ער ווייסט, אַז דער סעניאָר זײַנער איז א לעצטער־שעבעלעצטער. ער האָט אַפילע דעם באַראָן אַמאָל געשענקט א היפּשן צוגאָב צו די גיטער, נאָר אַלציינס איז אָט דער מעכטיקער ריימונד אַן אומפאַרשעמטער פאַרעטער, וואָס מע קאָן פון אים שטענדיק דערוואַרטן די ערגסטע געמיינהייט. אַזאַ גרויסן אומרעכט, וואָס ער האָט מיט אים געטאָן, מוז ער נאָך, דער באַראָן, אַרויסווײַזן זײַן אונטערטעניקייט און אים אָפּגעבן זײַן בכאָר. ער האָט דעם זון זײַנעם נאָך אָנגעזאָגט פאַרן צעשיידן זיך:

— געדענק, אַז דו ביסט א זון פון אַן עכטן ריטער־שטאַם. פיר זיך אויף מיט ווירדע און היט אָפּ די ערע און דעם רום פון דײַנע אָװעס. מעגסט מיט זיי שטאָלץ זײַן און גאַנץ ערע־גײַציק, נאָר צופיל באַווײַז עס ניט, ס׳זאָל זיך ניט וואַרפן אין די אויגן. זאָלן זיי אַליין דער־זען, פון וועמען דו קומסט אַרויס. דו זײַ שטענדיק דרייסט און באַשיידן. אומעטום, אין אַלץ און מיט אַלעמען. לויב די געשיקטקייט פון דײַנע כאַוויירים, און באַרים זיך ניט מיט די אייִ־גענע דערפאָלגן. א באַרימער איז נאָר דער, וואָס וויל זיך אויספּײַנען מיט דעם, צו וואָס ער איז ניט פייִיק. ווען דו וועסט אונטערוואַקסן און וועסט שוין זײַן גוט אײַנגעקונדיקט אין דער ריטער־קונסט, זאָלסטו זײַן דער ערשטער אין שלאַכט און דער לעצטער אין ראַט. זײַ בעסער מוטיק מיט דער שווערד און ניט מיט דער צונג. דעמלט וועלן דיך לויבן דײַנע כאַווירים. דו אָבער באַמי זיך צו רימען זייערע העלדנטאַטן, ניט דײַנע אייגענע... ווײַל דער, וואָס פאַר־שווײַגט די העלדישע מײַסים פון זײַן כאַווער, דער באַרויבט אים, דער איז זײַן רויבער...

די מוטער האָט געזען, אַז ער וועט אַזוי גיך ניט ענדיקן. ס׳איז אים שווער צוקומען צום סאָף, האָט זי דעם מאַן איבערגעשלאָגן אינמיטן די רייד און צוגעגעבן:

— זײַ גוט צום פּראָסטן שטאַנד, צו די שטאָט־בירגער. זײַ צו זיי געמיטלעך און נאָכ־גיביק. זיי וועלן דיר דערפאַר באַצאָלן פילפאַכיק. זיי וועלן לויבן דײַן גרויסמוטיקייט, און דײַן רום וועט צעטראָגן ווערן איבער אַלע שטעט פון פּראָוואַנס. אַפילע די שטאַרקערע פון דיר וועלן ניט האָבן אַזאַ גוטן נאָמען און ניט זײַן אַזוי געהויכט און געקרוינט בײַ די פּאָשעטע שטאָט־מענטשן.

דער באַראָן האָט זי ניט געלאָזט ווײַטער ריידן. זי איז אַליין לויט איר אָפּשטאַם פון די רײַך־געוואָרענע שטאָט־בירגער, וועלכע פאַרטונקלען מיט זייער אַרט לעבן, מיט זייער פּוץ און גלאַנץ דעם מיטעלן ריטער־שטאַנד, ער האָט זי גענומען צו זיך אין שלאָס פון א שטאָ־טיש הויז, וואָס פאַרמאָגט מער ניט ווי א האַלב צענדליק כאַדאָרים, נאָר אין יעדן כיידער דאָרט זײַנען פאַראַן מער רײַכטימער, ווי בײַ אים אויפן גאַנצן הויף מיט אַלע געבײַדעס. דער שיינער וואַלענסיע האָט דעמלט געלאָקט דער הויכער טיטל, און דעם באַראָן — איר פּרעכטיק שלאַנק געשטאַלט, האָט ער פאַרבויגן זײַן ריטערלעכן שטאָלץ, און אויך אויף דעם, וואָס מע וועט א צײַט אים האַלטן אין די מײַלער. דאָס איז געווען מיט יאָרן צוריק, איצט וויל ער ניט, אַז פון איר רייד זאָל עפּעס וואָס דערגיין צו זייער הויז־גאַלעך. האָט ער דעם הייליקן פּאָטער איבערגעגעבן אין די הענט אַרײַן זײַן זון און זאָל ער מיט אים אָפּריכטן די פרי־מאָרגן־מעסע פאַרן אָפּפאָר.

דעם קליינעם עוואר איז דערווידער די צאַרטקייט פון ניט דער מאַמעס הענט אויף זײַן קאָפּ בײַס דער בענטשונג. ער באַנעמט קוים דעם שלאָל לאַטײַן־ווערטער, וואָס שיטן זיך אַזוי לײַכט פונעם גאַלעכס מויל. ס׳דערגייט צו אים בלויז זײַן פּאָטערלעכער אָנזאָג, מיט א ווייכן גלעט די באַק, ווען ער האַלט שוין באַם ענדיקן פריידיקן:

— דו פאַרלאָז זיך אין אַלץ אויפן הייליקן יעזוס, וועט פון דיר מיט גאָטס הילף אויסוואַקסן א ווירדיקער קרייץ־ריטער, א באַשיצער פון דער הייליקער קירך. מיט דער שווערד אין האַנט וועסטו שטענדיק גרייט זײַן פאַרטיידיקן דעם קאָוועד פונעם רוימישן גלויבן און פונעם גאָטס שטעלפאַרטרעטער אויף דער ערד, דעם הייליקן פויפּסט.

נאָך די אַלע אָנזאָגונגען און גוטע אייצעס האָט אים די מוטער אָנגעטאָן אויפן האַלדז א קליינעם קרייציפיקס פון מאַטן זילבער און אין די הענט האָט זי אים געגעבן א קעסטעלע מיט רעליקוויע־ביינער. דער טאַטע האָט דעם באַגלייטער זײַנעם, א געטרײַען הויף־דינער, אָנפאַרטרויט א זעקעלע מיט ניט קיין גרויסער צאָל קופּערנע מאַטבייעס. דער צוקינפטיקער ריטער האָט נאָר געוואָלט אַליין, אָן קיינעמס הילף, זיך אַרופדערלאַנגען אויפן אויסגעבעטן אייזל־רוקן. אין א מינוט אַרום איז שוין אויך דער באַגלייטער זײַנער געזעסן אויפן פערד און א געזעמל פון הויפלײַט זײַנען זיי נאָכגעגאַנגען באַם אַרויספאָרן פונעם שלאָס־הויף.

אָט אַזוי האָט מיט יאָרן צוריק פאַרלאָזט די היים זײַנע דער איצטיקער גוואר עוואר, דעם הערצאָגס געווער־טרעגער.

דער הערצאָג רײמונד דער זעקסטער איז גלײַך פון אָנהייב געווען צופרידן מיטן ייִנגל. ער האָט אים גערן דערנעענטערט צו זיך, און אין דער זעלבער צײַט ניט באַפרײַט פון די אַלע שווערע פליכטן, וואָס ס'האָבן אַף זיך די אַנדערע דערצויגלינגען בא אים אין שלאָס. צוזאַמען מיט אַלע איבעריקע האָט עוואַר געריייניקט די פערד־שטאַלן, מיט דער קראַץ־באַרשט געפּוצט די פערד, באַדינט דעם סעניאָר זײַנעם און די געסט, וואָס קלײַבן זיך אָן פאַרן טאָג. זאָל פון אים אויסוואַקסן אַ געשיקט־פלינקער קרעפטיקער יונג, האָט דער הערצאָג געטראַכט, וועט פון אים ווערן אַ גוטער ריטער. שלאַנק און שיין איז ער, ווי די מוטער זײַנע, געזונט פעלט אים אויך ניט. ניט אַזוי ווי דער ניט געראָטענער אייגענער זון, דער עמפּינדלעך קרענקלעכער בערטראַן.

אַליין האָט ער דעם זון זײַנעם, אַז ס'איז אים אַוועק דאָס נײַנטע יאָר, אָפּגעשיקט צו זײַן בוזעם־פרײַנט, צום גראַף רײמונד ראַזשער. ווען ס'איז בא אים מיט יאָרן צוריק געבוירן געוואָרן דאָס ערשטע קינד — אַ מיידל, איז דער הערצאָג געווען איבערגליקלעך. מיט אַ טאָכטער איז ער פאָטער פון זי אָפּגעבן פון דער היים, עמעצער זאָל מושטרירן און הערשעווען איבער זײַן בלוט און פלייש. ער איז נאָך דעמלט יונג געווען — נאַרוואָס אַליין דורכגעמאַכט דעם לאַנגדויערנדיקן אײַנגעגעסענעם טרעניר־פעריאָד, האָט זיך אים געדוכט, אַז ס'געפעלט אים שוין ניט אָט דער אײַנגעפלאַנצטער פון דאָר־דוירעס ריטערישער אויפן פון דערציִונג. נאָכאַמאָל אַזאַ אויספּרוּוו וואָלט ער שוין ניט איבערגעכאַזערט, ניט געקוקט דערויף, וואָס דערמיט וואָלט ער געבראַכט צו אַ פּגאַם אין זייער ריטער־דינאַסטיע, וועלכע ציט דעם ייִכעס אירן נאָך פונעם אַכטן יאָרהונדערט. ווען בעלאַדאָנע האָט אים אָבער דאָס צווייטע קינד געבוירן אַ ייִנגל און די געראָטענע טאָכטער איז אונטערגעוואַקסן מיט אַ קלוגן קאָפּ און מיט אַ דאָרשט נאָך וועלטלעכע כאָכמעס, — זי האָט אָנגעהויבן ריידן וועגן לאָזן זיך אין דער גרויסער וועלט אַרײַן, — איז שוין דעמלט דער הערצאָג געווען גאָר אַן אַנדערער. ער איז בעהאַדראַגעדיק אַרײַנגעצויגן געוואָרן אין די אַלע פּילזײַטיקע סראָרע־איניאָנים. ס'איז אים צוגעקומען דאָס הערצאָגטום פון נאַרבאָנע, דאָס גראַפטום ווענעסען, די געביטן פון דער וויקאָנטן דע־פוא און נאָך פיל רײַכע דאָמענען. ער האָט די שטעט אַלביזשוא, וויוואַפע און אַנדערע געגעבן רעכטלעכע אויטאָנאָמיע מיט זעלבסטפאַרוואַלטונגען, און ער האָט זיי געמוזט נעמען אונטער זײַן שוץ. וויפל פון זײַנע וואַסאַלן איז ער געצוווּנגען געווען צו פאַרטיידיקן פונעם הערצאָג אַקוויטאַני, פון דעם קיניג פון אַראַגאָניע אָדער צאָפן־פראַנקרײַך? דערצו האָבן אים נאָך פאַרשלונגען די קליינע באַטאַליעס קעגן באַזונדערע ווידערשפּעניקע אונטערטאַנער. ער איז גאָרניט געווען אַזוי גיריק צו פאַרמערן זײַנע פעאָדן, ער האָט אָבער ניט געקאָנט מעוואַטער זײַן אַף קיין איין מאַרטיאַרים, אַף די רעכט איבער אַ טייל גיטער, וואָס ס'קומט אים נאָכן טויט פון זײַנעם אַ וואַסאַל. צו דעם אַלעמען איז נאָך צוגעקומען דאָס אָפּגעבן זיך די שטורמישע טורנירן, די געיעג־אויספלוגן, די קאָלערליי שלאָס־פּײַערלעכקײַטן, אַף וועלכע טרובאַדורן און טרווערן האָבן פרײַ געקאָנט אויסלאַכן די קאַטוילישע קירך, באַזינגען די ליבע, אַרויסברענגען זייערע ליבּ־הימנען פאַר דער אָדער יענער דאַמע. איבערן גאַנצן קאַנטאָן האָט געשעמט דעם הערצאָגס סאַנטוסי־שלאָס מיטן זאָרגלאָזן סיבאַריטישן שטייגער־לעבן, וואָס סע פירט זיך דאָרט. צווישן די גײַסטלעכע האָט מען גערעדט, אַז ווען די גאָטספאַרכטיקע טאָכטער זײַנע, די שיינע וועטוריע, האָט קעגן פאָטערס ווילן פאַרלאָזט די היים און איז אַוועקגעפאָרן אין דער ווײַטער סאַלערנאָ, האָט דער הערצאָג נאָך מער פאַרגרעסערט די צאָל פון זײַנע מעטרעסעס און האָט זיך אינגאַנצן דערווײַטערט פונעם אייגענעם ווײַב און פון דער הייליקער קירך.

זיי האָבן אים קעגנגעשטעלט דעם גראַף רײמונד ראַזשער, האַגאַם יענער איז מיט אַ צענדליק יאָר ייִנגער פונעם הערצאָג, און דאָך פירט ער זיך אויף אַ סאַך מעסיקער און געשטעלטער, העכן בענעגייע דעם אַפּאָסטאָלישן גלויבן, העכן בענעגייע דאָס פאַרהאַמעוון די טײַווע. מע זעט בא אים ניט אַרויס דעם מין צעלאָזנקײַט, דאָס יאָגן זיך נאָך די ערדישע פאַרגעניגנס, מיט די געיעגן, מיט די בלוטפאַרגיסנדיקע טורנירן, מיט די פאַרפונדעוועטע סודעס אַף גאַנצע מעסלעסן, ער איז אויך ניט אַזוי אָפּגעפרעמדט פונעם גײַסטלעכן שטאַנד. מע קאָן אים אַמאָל טרעפן אין אַ מאָנאַסטיר, צווישן די אָרדען־ברידער, וועלכע זײַנען פייִק אַראָפּשרײַבן פאַר אים אַ קאָפּיע פון אַ קסאַוויאַד. דער איהומען איז מיט אים זייער קאָנטעט. ער לאָזט זיך אָפּט קאָסטן פאַרן מאָנאַסטיר, און מיט דער ברייטער האַנט. דער אַבאַט פועלט בא אים שטענדיק, וואָס ער באַדאַרף. איין זאַך האָט ער נאָר ניט געקאָנט בא אים פועלן, בעשום־אויפן ניט.

דער מאָנאַסטיר געפינט זיך אין דער נאָענט פון דער שטאָט בעזיע. די ייִדן פון שטאָט, דערהויפט די עלטערע, טראָגן אין א שלעכטן וועטער ברייטע מאַנטיעס מיט קאַפּיושאָנען איבער די קעפּ. קעדיי מע זאָל קיין טאָעס ניט האָבן, — מע קאָן זיי נאָך אָנעמען פאר די באַרעמהאַרציקע ברידער פון זײַן אַבאַטנטום, — האָט ער געוואָלט זיי פאַרווערן צו טראָגן די לאַנגע קליידער, און נאָך אָן פאַלדן. האָט עס דער גראַף ניט דערלויבט אין קיין פאַל ניט. ער וועט ניט דולדן קיין שום באַגרענעצונגען פאַר די בירגער פון זײַן דאָמען.

דעם אַבאַט האָט עס פאַרדראָסן. ער האָט אף מאָרגן אָפּגערופן דעם קליריקער, וואָס האָט געלערנט דעם קליינעם בערטראַן לייענען און שרײַבן, און ער האָט אים פאַרשיקט אין א ווײַטן וויקאַריִאַט. דער צוועלפיאָריקער זון פונעם טולוזער הערצאָג איז שוין געווען זייער צוגעבונדן צום יונגן מאָנאַסטיר־ברודער, וואָס האָט מיט אים ניט נאָר געלערנט די שריפט־קונסט, ער האָט מיט אים אויך אײַנגעכאַזערט טרובאַדור־לידער. באַם ייִנגל האָט זיך ארויסגעוויזן א גוט געהער מיט אן אָנגענעם לויטער קעלעכל, האָט דער קליריקער צוגעשפּילט אף דער האַרפּע און מיטגעזונגען מיט אים אַלץ אַזוינע אומגעווײנלעכע לידער, און אַלע טאָג עפּעס א נײַע. דער קליריקער האָט זיי אָפּט אליין געשאַפן, אַמאָל אפילע בייסן געזאַנג. זיי זינגען, דוכט זיך, וועגן די פייגל אין הימל און וועגן שוועבנדיקע מאַלאָכים, וואָס מע זעט זיי ניט, מע הערט נאָר דעם פאָך פון זייערע פליגל, גיט ער מיטאַמאָל צו שורעס וועגן זײַן קליין שוועסטערל, וואָס פיטערט אף דער גרינער לאָנקע בא דער אָזערע די ווײַסע שוואַנען. ער האָט אים אויך גענומען לערנען א שפּיל מיט א קיניג און א קיניגן, מיט רײַטער־ער און לעמפערטן, און דאָס אַלץ ווערט צעשטעלט אף א צעקעסטלט ברעטל. דאָס ברעטל מיטן שפּילגעצײַג האָט ער אים איבערגעלאָזט, ווער וועט אים אָבער ווײַזן די אַלע קלאָלים, וואָס ער האָט נאָך קיין צײַט ניט געהאַט צו פאַרגעדענקען? און דעריקער ווער וועט זײַן דער קעגנצאַד, אף דער צווייטער העלפט פונעם שלאַכטפעלד?

ער צעלייגט זיך אַמאָל מיט די שפּיל־מאַכשירים אף דער ערד אינעם געווער־צימער. דאָרט איז א הילצערנער געהובלטער דיל. ווי אף א גלאַטן טיש, צעשטעלט ער אף די קעסטעלעך די ארומגעשניצטע פיגורלעך, וואָס זעען אויס ווי די קליינינקע אָפּגעטער, און פאַרטראַכט זיך וואָס ווײַטער צו טאָן? לאַנג אַזוי אָפּזיצן פאַרכושטערהייט לאָזט מען אים ניט. דער געווער־מײַסטער האָט נאָכאַמאָל ארײַנגעבראַכט דעם אָנגעבעטן באַפּאַנצערטן מאַנעקען. דער קליינער בערטראַן דאַרף מיטן ערשטן אָנפאַל אַדורכלעכערן מיט דער שפּיז די געדיכט־מעטאַלענע נעץ אף דער מיט שמאַטעס אָנגעשטאָפּטער פּופּע. ער צווינגט אים נאָכאַנאַנד זיך וואַרפן אפן אומבאַוועגלעכן קעגנער. דער פאַרשאַרפטער שפּיזן־שפּיץ האָט שוין אין עטלעכע ערטער צעלעכערט דעם פּאַנצער־געוועב. דאָס דאַרף אָבער געטאָן ווערן מיטן ערשטן מאָל, מיט איין באַוועג. ביז ער וועט ניט מיטן ערשטן שטויס זיך ארײַנשטעכן אינעם מאַנעקען, וועט ער אים ניט אָפּלאָזן.

נעכטן האָט ער דאָס ייִנגל אויסגעלערנט: מיט איין זעץ פון דער סעקירע צעשמעטערן א האַרטן שטיין. מיט אייניקע כאַדאָשים צוריק האָט ער אָט די שטרײַט־האַק אפילע ניט געקאָנט אופהייבן ווי ס׳באַדאַרף צו זײַן. מיכאַיִל סקאָט האָט זיך אַנומלטן פאַרקוקט אף אים בייס אָט די איבונגען. דער זון ווערט אַזוי ענלעך אפן טאַטן, ווי איין איי אפן צווייטן, — האָט ער א טראַכט געטאָן. דער באָכער פאַרמאָגט שוין איצט דעם הערצאָגס שטעל, און דער אויסדרוק פונעם פּאָנעם בייס אן אָנשטרענגונג איז בא אים פּונקט דעם פּאָטערס — אפילע מיט די צוויי קנייטשן אפן שטערן ניט אין דער ברייט, נאָר פון אויבן אראָפּ. בא וועטוריען זײַנען די קנייטשן אויך אַזוי...

מיטן קליינעם הערצאָג פאַרנעמט זיך מיכאַיִל סקאָט ניט זייער אָפּט. אין די זיבן ריטער־קונסטן, וואָס דאָס ייִנגל דאַרף דאָ באַהערשן, גייט ניט ארײַן דאָס, וואָס ער האָט זיך פירגענומען אײַנפלאַנצן אינעם באָכערס נעשאָמע. ער קאָן אים מיט גאָרנישט ניט צוהעלפן אין די געביטן פון רײַט־פאַרמעסט, שיסן פון בויגן, שווערדן־געפעכט, האַנט־געראַנגל, אין דער שווים־קונסט און אין יעגערײַ. דערפאַר קאָן ער אים צוגעווינען צו גוטע זיטן, צו איידעלער באַנעמונג און אופירונג, צו ריינקײַט.

דער קליינער בערטראַן איז געבראַכט געוואָרן אהער א צעפּעסטעטער, אן אופגעשרויפטער און מיט פליי אין דער נאָז. שטאַרק עמפּינדלעך צו יעדן פאַל פון ניט נאָכגעבן אים. דערצו נאָך א צערייצטער, וואָס ער איז ניט גלײַך אין די קויכעס צו אַנדערע קינדער. ער איז ווייניקער ווידערשטאַנדפייִק און איז ניט אַזוי פלינק און דרייסט, ווי יעדער אַנדערער פון זײַן עלטער. א קאַפּריז־פאַרכמורעטער, האָט ער זיך דאָ באַקאַנט מיט זאַכן, וואָס ער האָט זיי ניט געהאַט באַם טאַטן אין שלאָס. בא זיי, אינעם גרויסן יעגער־צימער, זײַנען די

ווענט באהאנגען מיט פיל פעלן, אראָפּגעשונדענע פון טויטע רויב־כײַעס, מיט אויסגעטריקנטע ביינער און הערנער, מיט רײַכקאָליריקע פעדערן פונעם צעשאָסענעם געפליגל. דאָ אָבער האָט ער דערזען עטלעכע צימערן מיט לעבעדיקע שטרויספייגל, פריילעכע מאלפּעס אין די שטײַגן, א סאַך אנדערע מינים כײַעלעך, וואָס ער האָט בא זיך אין דער היים קיינמאָל ניט געזען. ער האָט דאָ דאָס ערשטע מאָל אף זײַן לעבן באטראכט א שטייענדיקן אָרגל, אף וועלכן מע קאָן אויסשפּילן די שענסטע נעגינע. בא זיי אין שלאָס שטעקן די בוימל־לײַכטער, ווי פּאקעלן אין די ווענט, און דאָ האָט ער דערזען זיי אראָפּהענגען פון דער סטעליע. ער האָט דאָ א סאַך זאכן געהאט וואָס צו באוווּנדערן און זײַן דערפון פארגאפט. מער פון אלץ האָט אים איבעראשט דאָס טונקלפארביקע גלאָז אין די פענצטער. אָנשטאָט דעם דורכגעבוימלטן פּערגאמענט שטעקט דאָ אין די הילצערנע ראמען אזא גלאט הארטער שטאָף, וואָס מע זעט דורך אים די מענטשן, דעם דרויסן אין אזא ווונדערבאר פאנטאסטישן קאָליר, ווי דאָרט וואָלט גאָר אן אנדער וועלט געווען.

מיכאַיל סקאָט האָט אים א סאַך זאכן דערקלערט, געלערנט, באוויזן. דאָס ייִנגל האָט זיך געלאָזט הערן, געוואָלט פארשטיין, זיך באמיט ניט דורכלאָזן און ארײַנדרינגען אין דעם, וואָס מע רעדט צו אים. אָבער א סאַך מערער האָט ער באנומען פון זיך אליין צוקוקן און נאָכשפּירן די עלטערע פון זיך — זען, וואָס זיי טוען, הערן, וועגן וואָס זיי ריידן. ער האָט זיך צוגעהערט און אופגעכאפּט, וויִאזוי מע דארף ריידן און זיך האלטן צווישן מענטשן, וויִאזוי מע דארף זיך אופירן מיט פארשיידנערליי אונטערטאנער. צו זײַן גרויסן ווונדער האָט ער באמערקט, ווי דער גראף אליין באציט זיך צו אלע מענטשן אף איין און דעם זעלבן אופן. ער האָט נאָך ניט געהערט, אז ער זאָל אף עמעצן אופהייבן זײַן קאָל, מעג יענער זײַן פון נידעריקסטן שטאנד און האָבן אָפּגעטאָן דאָס סאמע געמיינסטע. בערטראן איז בײַגעווען, ווען דער גראף האָט אויסגעמוסערט א הויף־דינער, וואָס האָט צעשלאָגן זײַן אייגן ווײַב. ער האָט מיט אים גערעדט אָן דראָונגען און מיט ווייכע רייד. זײַן טאטע דער הערצאָג וואָלט אזא איינעם פארשמיסן ביז בלוט, און ער וואָלט אים נאָך אף א גאנצן מעסלעס אײַנגעקלעמט די פיס אינעם שרויפשטאָק. ביז דעמלט האָט ער אזא גוטע באנעמונג מיט מענטשן געזען נאָר באם בריט און באם עסקולאפּ, וואָס היילט די מוטער און איז איצט געקומען צו פאָרן אהערצוזאמען מיט וועטוריען.

וועטוריע מיט יויעלן זײַנען פארפאָרן אהער ניט נאָר אלס געסט. ערגעץ דאָ אין דער סוויווע, ארום קארקאסאָן, דארפן זיי אָפּזוכן די אנטרונען־געוואָרענע שלאָס־דאמע, וועלכע איז יאָרנלאנג געווען די קאמער־פרוי בא וועטוריעס מוטער.

נאָכדעם ווי יויעל האָט אף זיך אויסגעפּרוווט דעם סאמהאמאָוועס — די גיפטמישונג, וואָס האלט אונטער און פארלענגערט די וויסטע כאלאָעס בא דער הערצאָגן, האָט מען זיך גענומען צו טאנכומס געליבטער, וואָס האָט אים באזאָרגט דערמיט. דאָס איז געווען א יונג הויז־מיידל פון די נײַע באדינערנס, וואָס מע האָט געהאט צוגעשטעלט צו דער קראנקער נאָך יויעלס אָנקומען. פון דערשרעק האָט זי פארלוירן דאָס לאָשן, ווען מע האָט זי ארומגעזעצט מיט אזויפיל הערשאפטן: דער סענעשאל, די סעניאָרן וועטוריע, דער קאפּעלאַן און דער פרעמדער עסקולאפּ און דער, וואָס האָט זי אויסגעגעבן, מיט וועמען זי האָט זיך אָפּט באהאלטן און אזוי לײַדנשאפטלעך אין דער פינצטער מיט אים געקושט. איצט איז ער זיך אזוי נויקעם אין איר, ער דערציילט פאר זיי וועגן דעם ביסל רעפוע־מעל, וואָס זי האָט פאר אים ארויסגעגאַנוועט, וויִאזוי ער האָט עס אליין ארויסגעשלעפּט בא איר פונעם בוזעם. ער איז דאָך אליין די גאנצע צײַט צוגעשטאנען צו איר. ער האָט איר געגעבן דאָס פּארמעט־בײַטעלע: זי האָט אים געגלייבט, אז דאָס העלפט צו האמעווען די געבליטן און ער וועט זיך קאָנען אף ווײַטער באנוגענען מיט צערטלערײַען בלויז, האָט זי א קליין ביסעלע פאר אים אראָפּגעשאָטן, און ניט בא דער הערצאָגן בעלאַדאָנע.

דאָס זײַנען געווען די ערשטע ווערטער, וואָס זי האָט פון מויל ארויסגעבראכט, האָבן זיך אלע אָנגעכאפּט דעריין. זי האָט זיך געמוזט מיסוואדע זײַן און ווײַטער דערציילן, וויִאזוי זי האָט געהיט דעם ארײַנגאנג צו דער הערצאָגן אינעם פאָדערכיידער פון איר שלאָפצימער. זי איז דאָרט געזעסן און פעדערן געפליקט. זי האָט געוווּסט: די סעניאָרן וועט זיך אזוי גיך ניט אופכאפּן. זי האָט דאָס זעלבע געזאָגט דער קאמער־פרוי, נאָר יענע האָט זיך אדורכגעריסן, און זי נאָך איר. האָט זי באמערקט, ווי די דאמע האָט עפּעס א שטעק געטאָן אונטערן צוקאפּנס. זי האָט קלוימערשט פאריכט די האָר, א פארקעם געטאָן די צעוואָרפענע פּאטלעס בא דער שלאָפנדיקער הערצאָגן און איז באלד ארויס. האָט זי עס דערנאָך ארויסגעשלעפּט פון אונטערן קישן, און נאָר א קליין ביסעלע אראָפּגעשאָטן. די רעשט אינעם שמאטקעלע האָט זי ארונטערגערוקט צוריק.

דאָס מיידל האָט נאָר ניט געוווּסט, ווי׳אַזוי מע רופט די דאַמע. זי האָט זי בלויז עטלעכע מאָל געזען אינעם שלאָפצימער. די הערצאָגן, ווען זי איז וואַך און מונטער געווען, האָט זי די דאַמע זייער ליבלעך אופגענומען, זיך געפרייט מיט איר, זי געהאַלדזט און ארומגענומען. ערשט אַפן דריטן טאָג האָט דאָס מיידל געהאַט אַ מעגלעכקײַט אָנצווײַזן אַף דער דאַמע. מע האָט זי דערזען באַם קעלטער שטיין מיטן טרינק־מײַסטער. זיי זײַנען ביידע געווען אַ ביסל מעוווּסעמדיק.

דאָס איז געווען פענסולינע, וואָס איז שוין דאָ יאָרנלאַנג אַפן הויף. דאָ האָט זי אָנגעהויבן אַלס קאַמער־מיידל. דאָ האָט זי איבערגעלעבט צוויי מענער, און דעם דריטן האָט זי אַליין אוועקגעוואָרפן. אַ קינדערלאָזע, אַ באַוועגלעך־אופגעהײַטערטע, האָט זי פון שטענדיק אָן ליב געהאַט אָנהענגען אַף זיך פון אַלע מינים עכטע און נאָכגעמאַכטע באַפוצעכצן. אויך איצט, ווען זי איז שוין אין די יאָרן, און מע האַלט זי פאַר אַ נאָבעלער שלאָס־דאַמע, איז זי די זעלבע שטוצערקע ווי געווען. איר פּאָנעם איז טאָמיד אונטער אַ געשמעלץ און מיט אַ טונקל געפאַרבטער באַברעמעכץ איבער די אויגן. אַפן האַרץ אַ באָמבערל פון רויטע קרעלן, געפאַסט מיט קופערנע צייל עמלעך. אָט אַזאַ האָט מען זי אַראָפגעלאָזט אין דער טיפסטער צעל פונעם הויף־קאַזעמאַט, מיט אַ שפּאָן־העלצל אַף די פיס: זאָל זי אויסגעבן דעם מאָקער, פונוואַנען ס׳קומט צו איר די גיפט־מישונג. אין שטיבל באַ איר האָט מען געפונען אַ היפש ביסל פון אָט דעם סאַם. באַ דער הערצאָגן האָט מען אויך אָפגעזוכט, און צוגענומען די רעשט, וואָס ס׳איז באַ איר פאַרבליבן. אַ שטיק צײַט האָט זי געשטורעמט, איז געקראָכן אַף די ווענט, זיך געריסן ווי פון אַ מעשוגאָים־העמדל. מע האָט ניט געטאָרט צוטרעטן צו איר. אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט זי זיך אײַנגעשטילט, אַליין זיך גענומען צום עסן און פון די ליפן קיין וואָרט ניט ארויסגעבראַכט, ווי מע וואָלט איר אָנגעטאָן אַ שלאָס אַפן מויל.

פענסולינע אין טפיסע האָט זיך געהאַלטן באַ איינס: די מאַכשייפע האָט זי דערמיט באַזאָרגט. זי פלעגט זיך אַ באַווײַז טאָן אַהער זעלטן־ווען... פונוואַנען? ווער זי איז? ווו זי געפינט זיך? הייבט זי ניט אָן צו ווּיסן.

ווען מע האָט זיך צוריקגעקערט פונעם צענטאָגיקן יאַגד, איז די טפיסע־צעל געווען אַ ליידיקע. די באַוועגלעכע פענסולינע, וואָס איז אַזוי פעסט פאַרשפּאַרט געווען הינטער שלאָס און ריגל, איז ווי אויסגערונען געוואָרן. די הערצאָגן איז שוין ווידער געווען ניט צו דערקענען. זי איז געלעגן אַ פאַרטויבטע, פון אַ צו גרויסער דאָזע, אפּאָנעם. די אויגן זײַנען באַ איר געווען ווי שטיקלעך גלאָז, און מיט די פאַרטריקנטע ליפן האָט זי ניט געקאָנט אײַנצוימען די צונג, וואָס האָט זיך באַ איר אין מויל געפלאָנטערט. וויפל מע האָט ניט געזוכט אַף איר און אַרום איר, האָט מען גאָרנישט ניט געקאָנט געפינען.

וועטוריע איז געווען פאַרצווייפלט. אין אַ פּאָר טעג אַרום, ווען די מוטער איז אַ ביסל צו־זיך געקומען, ס׳האָט זיך באַ איר, אַפּאָנעם, אויסגעלאָזט דאָס אײַנעמעכץ, האָט מען די הערצאָגן איבערגעלאָזט אונטער אַ שטרענגער אופזיכט און וועטוריע מיט יויעלן האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַרײַן אָפזוכן אָט די שוידערלעכע דאַמע, באַ איר אין געבורט־היים, צי באַ וועמען־ס׳איז פון די דאָרטיקע, — עפשער וועלן זיי דאָרט געפינען אַ שפּור פון דער מאַכשייפע.

איצט זײַנען זיי אינעם קאַרקאַסאָנער שלאָס באַם גראַף ריימונד ראַזשער. יויעל איז דאָ דאָס ערשטע מאָל. דער גראַף געפעלט אים. ער האָט אַ סאַך גוטס געהערט וועגן אים פון וועטוריען, פון סקאָטן. אַליין זעט ער נאָך מערער. ווען מע האָט אים באַפרײַט פונעם בישאָף, האָט ער דאַן אַפן גראַף קיין אַכט ניט געלייגט. איצט איז ער געקומען צום אויספיר, אַז דער גראַף איז זייער פּאָשעט אין זײַן אויסערלעכן אויסזען. אַ פאַרגרעבט פּאָנעם מיט זייער מילדע קלוגע אויגן. אַ בערישער טראָט, אַזאַ פעסטער און געלאַסענער, מיט אַן אײַנגעבויגענעם האַלדז־און־נאַקן. גרויסע שווערע הענט. אַ הויכער שטערן מיט אַן אָנדײַט פון אַ פליך באַ די קאָפּ־ווינקלען. די שטים איז באַ אים אַ ווייכע, אַ וואַרעמע, אַזוי אויך פּאָשעט און אָנגענעם־מילד איז ער אין זײַן ריידן. אַ מין ליבלעכע געמיטלעכקײַט נעמט דיך אַרום, ווען דו לאָזט זיך אַרײַן מיט אים אין אַ לענגערן געשפּרעך.

ס׳געפעלט אויך יויעלן דער שלאָס, אַ ריי באַזונדערע כאַדאָרים. ס׳וואַרפן זיך דאָ אין די אויגן די כפּייצים, וועלכע שטאַמען פון יענער זײַט יאַם. זיי זײַנען דאָ טײַער אָפגעשאַצט. אַפן אויבנאָן באַם גראַף אינעם אָפּרו־צימער איז צוגעפּעסטיקט צו דער וואַנט ניט קיין געוויינלעכע בראַ. דאָס איז אַ ווענעציאַנישער קלעפּסעליי־לאָמפּ, אין וועלכן דער בוימל דרינגט אַרײַן מער ניט אַף אַזויפיל, וויפל ס׳איז נייטיק אַף אונטערצוהאַלטן איינעם און דעם זעלבן פלאַם. אונטן שטייט אַ געפּאַלצעוועטער פּיופּיטער, די הייך פון אַ שטענדער. די שײַן פונעם פײַער־פלאַם פאַלט גלײַכמעסיק אַפן צעעפנטן קסאַוויאַד, ווו ס׳ווערט גוט באַלויכטן דער לאַטײַן־גע־

שריפט, וואָס רעמלט ארום מיט קליינע אויסיעלעך די געאָמעטרישע פיגורן. ווער האָט דאָ אַרײַנגעקוקט אינעם כיבער, קאָן זיך יויעל ניט פאָרשטעלן. ער זיצט מיטן גראף אף דער שפּאַנישער קאַזעטקע, א מין טאָלעדער שמאָלער דיוואַן פאַר צוויי, און זיי ריידן ארום די נײַע מעדיצין־שול אין מאָנפּעליע. דער גראף איז דאָרט אַן אָפּטער באַזוכער. ער גרויסט זיך מיט זײַן לאַנגעדאָק און מיט גאַנץ פּראָוואַנס, ווו ס'געפינען איצט א מאָקעם־מיקלעט געלערנטע פון ווײַטע לענדער. ער איז גרייט צו אויסבערענגען א גרעסערן סכום געלט, מאָנפּעליע זאָל ניט זײַן הינטערשטעליקער פון דער אַלט־באַרימטער סאַלערנאָ. די סאַמעטענע ווייכקײַט פונעם באַגדאַדער טעפּיך שלינגט אײַן דעם גראַפס שווערן טראָט, בייס ער גייט אופּשליסן דעם צעדער־קופערט, וואָס זעט אויס ווי נויעכס טייווע. ער שלעפּט פון דאָרט ארויס א פּאַק פּאַרמעטענע בויגנס. דאָס האָט ער ערשט ניט לאַנג א מאָטאָנע באַקומען פון זײַנעם א געוועזנעם אונטערטאַנער פון דער שטאָט אַרל. זײַן נאָמען איז גיירשוים בען שלוימע. דאָס איז א כיבער מיטן נאָמען „שאַאר האַשאָמאַיִם", וואָס האָט דרײַ טיילן: א נאַטורוויסנשאַפטלעכן, א טייל וועגן אַסטראָנאָמיע און מעטעאָראָלאָגיע, און דער דריטער — פילאָסאָפיע און מעטאַפיזיק. זיי טראָגן זיך מיטן פאָליִאַנט אריבער צו סקאָטן, וואָס געפינט זיך אינעם רעכטן פליגל פונעם שלאָס. דאָ האָט ער זיך זײַן וווין־צימער, און דערבײַ א גרעסערן כיידער־מעיוכעד פאַר זײַנע פּרווונגען. אַהער קאָן אַמאָל אַרײַן נאָר דער גראַף. יויעלן, ווי א גאַסט און ווי א מענטש פון וויסן, האָט ער, ווען וועטוריע איז שוין אוועק אף נאַכט־רו, פאַרבעטן אין זײַנע קאָדשיי־קאָדאָשים. א פרישן מענטשן טוט באַלד א שלאָג דער רייעך פון שוועבלזויער מיט עפּעס א נאָכגערוך פון געברענטע פעדערן. איבער דער גאַנצער גרייס פון צימער זײַנען אין אַן אומאָרדענונג אָנגעוואָרפן און צעשטעלט כפייצים און פאַרשיידענע קיילים. א גרויסער בעקן מיט בראָכשטיקער טאָמפּאַק — א געשמעלץ פון קופּער מיט צינק — ליגט אונטער די פיס, און יויעל האָט אים געמוזט אריבערשפּרינגען. ער האָט שיר ניט איבערגעקערט די הויכע אַמפאָרע, וואָס איז ביז האַלב אָנגעפילט מיט א מין פליסיקײַט. סקאָט האָט זי פאַר די צוויי אויערן פאַרזיכטיק אוועקגערוקט אין א זײַט. דער ברייטער קאַמין, די הייך פון א שמיד־אויוון, אונטער א האָרן מיט א בלאָזזאַק, איז ארומגעשטעלט מיט פײַערפעסטע טעפּ פון גראַפיט, מיט טיגלען אף צו שמעלצן מעטאַלן און מיט נאָך אַנדערע דורכגעברענטע ליימענע געפעסן. דאָס פײַער אפן קאַמין איז שוין אויסגעלאָשן, ס'ברענען נאָר די גראָבע וועקסענע ליכט, אָנגעשטאָכן אפן שפּיץ פון א שטיינערנער פּראָפּעטקע. פון אַן איטאַליענישער קאַליטע — אַזא גראָבן לעדער־זאַק — שלעפּט סקאָט ארויס די פּאַטינע: אַלטע קופּערנע און זילבערנע קיילים מיט א גרינבלעכן אָדער געלבלעכן שימל, און זוכט צווישן זיי אָפּ א קליינינקן קאַסאַלעט — דאָס איז א בסאָמים־פּושקע מיט אָפּגעריבענע אויסיעס מערובאָעס[1]. זיי פּרווון אײַנצווייען צוזאַמענשטעלן פון די באַזונדערע איינצלנע בוכשטאַבן, וואָס זײַנען נאָך ניט אָפּגעריבן, דעם געוועזענעם פּאָסעק. דערווײַל האָט זיך דאָרט באַקומען נאָר איין וואָרט א גאַנצס — דאָס וואָרט „יערושאָלאַיִם".

סקאָט האָט דאָס אַנטיקל אײַנגעהאַנדלט אין דער נאָענטסטער שטאָט פּאַסקיער... ער דערציילט יויעלן, אַז ס'איז דאָרט א גרויסער לערן־צענטער, וווהין ס'ציִען זיך מענטשן פון דער גאָרער ווײַט. ער איז דאָרט מיטן גראַף א פּאָר מאָל געווען, און אַליין איז ער געפאָרן אַהין. דער כאָשעווסטער געלערנטער איז דאָרט אַן אומגעפּער יונגער ייִד, א בלינדער אףביידע אויגן. נאָר דאָס איז דער ליכטיקסטער מויעך פון אַלע די, וואָס ער האָט ביז איצט געקענט, ער האָט נאָך אַזא דענקענדיקן קאָפּ ניט באַגעגנט. מע דערציילט, איינער האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און בא אים געפרעגט: ווי קומט ער צו אַזויפיל וויסן, אַז ער האָט אָנגעווירן די ליכטיקע שײַן, ווען ער איז נאָך א קינד געווען? האָט ער געענטפערט: אף א זעגל־שיף, צווישן זיבעציק רײַזנדע און שיפלײַט, איז געווען איין בלינדער. אין א גרויסן שטורעם, ווען די שיף האָט אָנגעהויבן קראַכן און זינקען, האָט זיך דער איינער בלינדער געראַטעוועט. ווײַל ער האָט זיך ניט געהאַט אף וואָס צו פאַרלאָזן, האָט ער זיך גלײַך אָנגעכאַפּט אין א קלאָץ און איז מיט איר צוגעשווומען צו א ברעג.

יויעל באַטראַכט דעם געל־האָריקן בריט. די נויצרים האַלטן, אַז יעהודע איש קעראָיויס[2] איז געווען א רויט־געלער, און רויטע האָר איז א סימען פון ראַמאָעס, צוויִעס און פּאַראַט. אָבער אָט דער סקאָט? ווי ווייניק ער קען אים, איז אויסער דעם אומגעהייערן דאָרשט נאָך וויסן, פאָרשן, אַלץ אַליין אויספּרווון, זעט ער אין אים קיין שום אַנדערע מידעס ניט. אַכוץ עפּשער אויב ניט צורעכענען די טיפע סינע צום פּויפּסט. מיט א טיפן קוק פון א טאַלמידכאָכעם האָט ער ליב אין אַלץ אַרײַנדרינגען, דערלערנען, אויסגעפינען — סײַ אין די פאַרמעט־

[1] פּירקאַנטיקע אויסיעס; [2] אין די קריסטלעכע קוועלן — יעהודע איסקאַריאָט.

בלעטער פון קסאוויאדן, ווי אויך אינעם אַרומיקן לעבן, אין זאַכן, וואָס רינגלען אים אַרום, וואָס זײַנען אים נאָענט. ווי פיל אַנדערע אין דער איצטיקער צײַט, זוכט ער דעם לעבנס־עליקסיר. ער באַמיט זיך צו געפינען אַ מיטל, וויאַזוי אומקערן דעם מענטשן די יוגנט זײַנע. ער זוכט אַ פּאַנאַציי צו יעדער מין קרענק פונעם מענטשלעכן קערפּער, און פאַרשטייט זיך, אויך דעם פילאָסאָפישן שטיין זוכט ער, די מעגלעכקײַט צו פאַרוואַנדלען פּראָסטן מעטאַל אין גאָלד.

דער גראַף קאַרגט ניט קיין אויסגאַבן אויף אָט די אַלע אַלכימישע אויספּרוּוון זײַנע. דאָס אַלץ, מיט וואָס ס'איז אָנגעפּילט דאָס צימער, אויך מיט די זעלטן טײַערע קסאוויאדן, באַזאָרגט אים דער גראַף מיט דער פולער האַנט. יעדער אַדלמאַן, די אַבאַטן און בישאָפן, דער פּויפּסט אַליין, די קיניגן, וואָלטן זיך אויך ניט אָפּגעזאָגט צו האָבן בײַ זיך אָט אַזאַ איינעם, ווי מיכאיִל סקאָט. מע קאָן זיך באַציִען גלײַכגילטיק צו די גורל־טרעפער, צו די אַסטראָלאָגן, וואָס האָבן צו טאָן מיט ווײַטע הימלשע קערפּערס, צו די שטערנזעער, וואָס ווילן פאַרשטיין דעם גאַנג פון די שטערן און לויט זיי באַשטימען די מענטשלעכע גורלאָלעס, אָבער ניט צו די גאָלדזוכער. די טײַוועס צום גאָלדענעם קאַלב האָט איצט באַהערשט די מענטשן פון אַלע העכערע שיכטן און ראַנגען. מיט אָט דער גיריקײַט זײַנען אָנגעשטעקט די סאַראַצינער, ייִדן־סאָכרים, און אויך די קריסטן זײַנען דערמיט קראַנק געוואָרן. ס'איז נאָר דער אונטערשייד: ווער, אויף וועלכן אויפן און מיט וואָס פאַראַ מיטלען מע וויל צו דעם גאָלד דערגרייכן?

אַ מאָדנער געדאַנק האָט יויעלן מיטאַמאָל אַ בליץ געטאָן און בײַ אים אַרויסגערופן אַ שמייכל. דעם אַלביאָנס גאָלדהאָריקער קאָפּ האָט אים דערמאָנט אין אַ טאַלמודישער מעמרע, אַז יעדעס הערעלע האָט זיך זײַן זויג־נעסטל אין דער הויט. דעם מענטשנס לעבן וואָלט מעקאַצער געוואָרן אויף אַ העלפט, ווען צוויי הערעלעך זאָלן דאַרפן זויגן פון איין נאָפּל. זאָל ער אויסלעבן זײַנע יאָרן, ווינטשט אים יויעל. זאָל ער עטלעכע מענטשלעכע לעבנס אָפּלעבן. עפּשער וועט ער אַמאָל סאָפקאָלסאָף דערגיין צום געגאַרטן סאָד, וויאַזוי צו מאַכן פון גאָרניט גאָר.

ער האָט נאָך געטראַכט וועגן דעם, יויעל, בײַ זיך אין כיידער באַם שלאָפן גיין. ער האָט זיך דערמאָנט אינעם כאַלפן — אוריס פּאָטער, בײַ וועמען ער האָט געזען אַזויפיל גאָלדענע מאַטבייעס פון פאַרשיידענע לענדער, אינעם פעטער שעמטאָוו דעם ראַדאַניט, דורך וועמעס הענט ס'גייען אַדורך אַזויפיל גאָלדשטיקער. ער שטעלט זיך ניט פּאָר, אַז עמעצער פון די אַכיינו־בעניי־ייִסראָעל, אַפילע פון די אַמערסטן גיריקע נאָך קוירעכס אויצרעס, זאָלן זיך פאַרלאָזן אויף אַזאַ ניט געשטויגענער זאַך... און זיי קוקן אויף דער אַלכימיע, ווי אויף עפּעס אַן אָפּגאָט, אַ נײַעם מין אייגעל־האַזאָהאָוו[1], אַ מין קישעף.

פאַרן אײַנשלאָפן האָט ער נאָך אַרײַנגעקוקט אינעם צווייטן ייִדישן כיבער, וואָס דער גראַף האָט אים אונטערגעטראָגן, אין דער האַקדאָמע צום ווערק, וואָס איז געשריבן געוואָרן אין לונעל דורך איינעם אַ באַלטויספּעס, רופט ער אָן דעם מעכאַבער ראַב'ד האַשלישי דער באַל־האַסאָגעס[2]. ער לויבט אין די הימלען דעם „ספר השגות" און דעם שעפער זײַנעם דעם באַר־אוריאָן — דעם געלערנטן ראַבי אַוורהאָם בען דאָוויד פון פּאָסקיער, פאַר זײַן טקיפעסדיקער קעגנערשאַפט צום ראַמבאַמס מישנע־טוירע. אינעם כיבער ווערט דער ראַמבאַם געטאַדלט פאַר זײַן צו ריינעם מישנע־לאָשן און פאַר זײַן שטייגער אַרומריידן די האַלאָכעס און ניט אָנווײַזן דעם מאָקער, פונוואַנען זיי קומען. די ביידע זאַכן ברענגען צו אַ סאַך טאָעסן. די האַלאָכעס אָן דעם טאַלמודישן שפּראַך־לעוווש ווערן אָן זייער עמעסן באַטײַט.

אויף מאָרגן האָט זיך יויעל אַ סאַך מערער דערוווּסט וועגן אָט דעם פּאָסקיערער בען־טוירע אַוורהאָם בען דאָוויד. די שטאָט פּאָסקיער איז שוין פון קאַדמוינים אָן איר וואָיים געבעיִסראָעל[3]. דער זיידע פונעם איצטיקן גראַף, דער וויקאָנט ריימונד טראַנקוואַל, האָט געצוווּנגען דעם בישאָף ווילהעלם, ער זאָל פאַרבאָטן דעם שענדלעך־ווילדן מינהעג פון פאַרצײַטן: אין דער אוסטערן־וואָך, אין די קריסטלעכע פּייסעך־טעג באַוואַרפן די אָרטיקע ייִדן מיט שטיינער. דער זון פונעם וויקאָנט, ריימונד דער צווייטער, דעם איצטיקן גראַפס פּאָטער, האָט מיט אַכט און צוואַנציק יאָר צוריק, גענוי אינעם יאָר 1172, באַפרײַט פון דער טפיסע און פון פאַרטיליקונג דעם פּאָסקיערער געלערנטן אַוורהאָם בען דאָוויד. ער האָט געזאָלט זײַן דער קאָרבן פאַר אָן אומדערטרעגלעכן איינמאָליקן שטײַער, וואָס די גײַסטלעכע מאַכט האָט געפאָדערט פון די ייִדן. דער קאַטוילישער הערשער עלזעאַר האָט נאָך געוואָלט דערצו אויסצאַפּן אַ מאַטמען מיט אויסקויף־געלט פאַר אַזאַ געהויבענעם געפאַנגענעם, איז ער דער־

[1] גאָלדענער קאַלב; [2] ראַבי אַוורהאָם בען דאָוויד דער דריטער, דער אוטאָר פון „סייפער האַסאָגעס"; [3] אַ גרויסע ייִדישע שטאָט.

פאַר פאַרטריבן געוואָרן פון שטאָט, און דער אַרעסטאַנט איז נאָך מער באַליבט און באַרימט געוואָרן צווישן ייִדן. דער גראַף אַליין, רײמונד דער דריטער, אָדער רײמונד ראַזשער, ווי מע רופט אים איצט, האָט ביכלאַל אַרויסגענומען די פּאַסקיערער ייִדן פונעם רעשוס פון דער קלויסטער־מאַכט, און ביז הײַנטיקן טאָג האַלט ער זיי אונטער זײַן שוץ. בײַ אים אין דער לאַנד־גראַפשאַפט האָבן די ייִדן ווי די ניט־ייִדן אײנע און די זעלבע פּריווילעגיעס. אין אייניקע מעקוימעס פאַרנעמען זיי אַפילע הויכע מאַכט־שטעלעס. אין אַנדערע פילן זיי אויס געריכטלעכע און פּאָליציייִשע פונקציעס. אין קאַרקאַסאָן האָט ער דעם ייִדן שמועל געשענקט דעם טיטל הויף־באַראָן. דער לאַנד־פאַקטער, דער מעמונע איבער זײַנע ווײַטסטע גיטער איז דער ייִד עלקאָנע. דאָס איז טאַקע דער זון פונעם פּאַסקיערער לאַמדן, וואָס דעם איצטיקן גראַפס פאָטער האָט באַפרײַט. דער צווייטער זון פון אַווראָהאָם בען דאָוויד דעם באַל־האַסאַגעס איז ייִצכאָק דער סאַגי־נאָהער[1].

ער איז געבוירן געוואָרן אינעם ערשטן יאָר נאָכן פאָטערס באַפרײַונג פון דער טפיסע. אויפן צענטן לעבנס־יאָר האָט ער לאַכלוטן פאַרלאָרן די ריִע. איצט איז ער אַ טיף געלערנטער. אויף זײַן לערנען זאָגט מען, אַז ס'איז סולת נקיה ועמוק כמעין[2] — ריין ווי זעמל־מעל און טיף ווי אַ קוואַל. ס'קומען אים הערן אַלט און יונג. ייִדן און אַמאָל אויך ניט־ייִדן. לערן־באָכערים פון אַלע טפוצעס ייִסראָעל ציִען זיך אַהער ווי צו אַ שפּראָצנדיקן קוואַל. צווישן זײַנע שטענדיקע צוהערער זײַנען פאַראַן די צוויי ברידער אַזריִעל און עזרע, די בעניי־מענאַכעם פון געראָנע, נאָך קינדער קימאַט, און אַ זאַקן פון הוידו מיט אַ לײַב פול מיט ווונדן. מענטשן, וואָס זײַנען שוין אַליין צוררוואָ דעראַבאַנאָן[3], קומען אַהער ווי צו אַ גרויסן געלערנטן. דאָ איז דאָוויד בען אַווראָהאָם האַלאָוואָן פון פראַנקן־לאַנד, און עליִעזער בען יעהודע פון דער שטאָט וואָרמס, וואָס אין אַשקענאַז, אַפילע פון ווײַטן באַהעמען האָט זיך דערלאַנגט אַהער אַ ייִד אַ יעדייִע־סייפער. פאַר אָן אָם ראָוו — פאַר אַ גרויסן אוילעם איז דער סאַגי־נאָהער מאַרביץ־טוירע[4] אין די פיר ווענט פונעם גרויסן פּאַסקיערער בעסמעדרעש. ער האָט אָבער אַמאָל ליב אַנטפּלעקן טיפקײַטן אויף דער פרײַער לופט: פאַר אַ קלענערן אוילעם — אינעם סעדל בײַ זײַן שטיבל, און פאַר אַ גרעסערן — אויף דער לאָנקע צווישן גראָזן. דערהויפּט ווען ס'קומען אים הערן די כאַכמיי אומויס האָוילאָם[5].

דער היגער פּלעמעניק זײַנער אָשער בען דאָוויד טרעט פון אים ניט אָפּ. ער וואָלט וועלן דינען בײַ אים פאַר אַ שטעקן. אויך אַנדערע וואָלטן עס געהאַלטן פאַר אַ קאָוועד. נאָר דער סאַגי־נאָהער לאָזט זיך קיינמאָל ניט פירן. לשם שאני אוהב, — דערמאָנט ער זיי הילעלס אַ מעמרע, — שם רגלי מוליכות אותי[6]. ער גייט איבער דער גאַס אָן אָן אָנשפּאַר. דער הויכער שטערן, זײַנע טיף פאַרגראָבענע אויגן מיט די ברייט צעשטעלטע געדיכטע ברעמען זײַנען געווענדט שטענדיק אויף אַרויף, ווי ער וואָלט געגאַרט דערזען כאָטש אַ מינדסטן סימען פון דער ברענענדיקער זון.

מ'האָט צו אים אַראָפּגעבראַכט דעם יונגן רויפע פון בעזיע, יויעלס כאַווער, דעם ספאַרדי, האַגאַם מע ווייסט, אַז ער איז אַ בעסערער מייוון אויף גוטע ווײַנען איידער אויף אויגן־קראַנקײַטן. דער רויפע מיטן כוילע האָבן אַ שטיק צײַט גערעדט וועגן וועלט־זאַכן, וועגן כאַכמאַס־האַרעפוע, און פאַרן באַטראַכטן די קראַנקע אויגן האָט דער ספאַרדי אַ שפּאַס געטאָן:

— איר וואָלט מיר געדאַרפט צוערשט באַצאָלן. צו אַ רויפע, וואָס קאָסט געלט, האָט דער כוילע מער צוטרוי, און דער גלויבן אין אים איז אַ פעסטערער. דאָס אַליין איז שוין אַ שטיק רעפוע.

— איך האָב אָבער מוירע, אַז ס'וועט מיר נאָך אַרויסקומען, — האָט אים דער סאַגי־נאָהער געענטפערט, — איך נייטיק זיך אין רעפועס־האַגוף, און דו דאַרפסט ווי אין לעבן אַרײַן די רעפועס־האַנעפעש.

מע דערציילט, אַז דער ספאַרדי האָט זיך אים דעמלט מוידע געווען, אַז ער איז בעעמעס אַ כוילע־נעפעש. ער איז שוין דערגאַנגען צו דער מאַדרייגע, ווען אָן ווײַן קאָן ער שוין ניט אויסקומען. און נאָך האָט ער אים מעגאַלע־סאָד געווען, אַז אָפּט נאָכן אויסטרינקען אַ גרויסע קויסע פילט ער זיך ווי אויפן אוילעם־האַטויהו, און ווייסט גאָרניט, וואָס מיט אים טוט זיך.

צי האָט ער דעמלט באַקומען אַ טרופע דערצו, ווייסט מען ניט. מע ווייסט נאָר, אַז איצט איז ער, דער ספאַרדי, אַן אָפּטער גאַסט דאָ אין פּאַסקיער. ס'ציט אים צום אָנגעפּאָ־

---

[1] ייִצכאָק דער בלינדער; [2] סוילעס נעקיִאָ וועאָמויק קעמאַאיאָן; [3] לאַמדאָנים; [4] פאַרשפּרייט די טוירע־לערע; [5] ניט־ייִדישע געלערנטע; [6] צום אָרט, וואָס איז מיר ליב, אַהין פירן מיך די פיס אַליין.

רענעם אוילעם פון די פּרעמדע לענדער, צו די לערנער־באָכערים, וואָס האַנדלען דאָ אַפּן הויף מיט אָראַפּגעשריבענע קסאָוויאַדן, צו די סיכאָס־כולין[1] פונעם סאַגי־נאַהער.

ער איז בײַגעווען באַ זײַנעם אַ געשפּרעך מיט אַ ייִדן פון גאָר ווײַטע מעקוימעס. דער ייִד דערציילט הוילע ניסים פון זײַן לאַנד, ווו ייִדן ווערן געבעטן צו קומען אַהין און זיך באַזעצן אַף שטענדיק, ווו דער קיניג אַליין, מיעשקאַ דער אַלטער, דער מיילעך־שאַלעם, איז זייער באַשיצער און באַשירמער. פאַר טאָן שלעכטס אַ ייִדן באַקומט מען די זיבעציק: דאָס איז אַ שטראָף אַזאַ, די זעלבע, וואָס מע באַקומט פאַר באַליידיקן זײַן מאַיעסטעט דעם קיניג אָדער פאַר אַ פאַרברעכן קעגן זייער קריסטלעך גלויבן.

דעם ייִדן האָט מען באַשאָטן מיט פּראַגן. ער האָט געמוזט פאַרענטפערן אַ סאַך שײַלעס. דערקלערן דעם טאַך פונעם אוינעש זיבעציק: אַז דאָס קאָן הייסן זיבעציק שמיץ, און אַז מע וויל ניט געשמיסן ווערן, קאָן מען עס דעקן מיט זיבעציק מאַטבייעס אָדער מיט דער זעלבער צאָל האַזן־פעלעכלעך. פונוואַנען זײַנען די ייִדן, וואָס האָבן דאָרט געפונען אַ מאָקעם־מענוכע? און וויאַזוי איז דער נאָמען פון דעם דאָזיקן געבענטשטן לאַנד? פּוי...לין?.. האָבן זיך די אָרו־מיקע געכידעשט. זיי הערן דאָס ערשטע מאָל פון אַזאַ מעדינע. דער סאַגי־נאַהער האָט זיך פאַרטראַכט. ער האָט פאַרהויבן דעם קאָפּ צום הימל און עטלעכע מאָל דאָס וואָרט איבער־געכאַזערט, ווי ער וואָלט עס געפּרווט אַפּן צונג.

— פּוילין, פּוילין... פּה־לין. אָט דאָ נעכטיק איבער. אָט דאָ נעכטיק איבער און גיי ווײַ־טער, — האָט ער גערעדט ווי צו זיך אַליין. — דאָרט, ווו מע נעכטיקט, דאָרט איז נאַכט, און נאַכט איז וואַיאַמייש כוישעך — פינצטער ווי אין אַ קייווער. אונטער אַ צודעק פון נאַכט — וואָס קאָן ניט אָפּגעטאָן ווערן? אומקום און פאַרניכטונג, מע זאָל אַפילע ניט זען דעם אָפּאַר וואַייפער — דעם אַש פון די ביינער...

דער אוילעם איז נישטוימעם געוואָרן, ווי זיי וואָלטן פון אים געהערט אַ שטיק פון דער טויכעכע. דער ייִד, אַ דערשראָקענער, האָט אָנגעהויבן שטאַמלען:

— ס׳איז דאָרט דאָ אַ זון. זי שײַנט ליכטיק, פאַר אַלעמען... אַלע טאָג. און באַנאַכט איז אויך ניט פינצטער, ווען ס׳איז דאָ די לעוואָנע. — אַז דער סאַגי־נאַהער האָט דערויף גאָרנישט געענטפערט, האָט ער נאָך דרייסטער געפּרווט זיך אויסטײַנען: — ס׳איז נאָר דער נאָמען אַזאַ אַף אויסטײַטשן צום שלעכטס... אָבער דאָס לאַנד... ס׳איז ניט ערגער פון אַנדערע גאָלעס־לענדער. פאַרקערט, דאָרט ווייסט מען ניט פון די נויסע האַצלאָוו — פון די קרייץ־טרעגער און פון אַלע זייערע נעגישעס און פּוראָניעסן. דאָס פאָלק איז דאָרט אַ סאָוולאָנעסדיקס, און די מענטשן זײַנען געמיטלעך רויִקע, און געהאָרכזאַם ווי די שאָף.

דער סאַגי־נאַהער האָט געמאַכט אַ באַוועגונג אַף זיך אופהייבן פונעם גראָז. די ייִדן האָבן זיך אַ כאַפּ געטאָן אים אָנטאָן די שיך, נאָר דער פלינקער פלעמעניק זײַנער האָט שוין געהאַלטן דעם רעכטן סאַנדאַל אין האַנט, גרייט אָנצושיכן דעם פעטערס באָרוועסע פיס. דאָס איז דאָס איינציקע, מיט וואָס ער לאָזט זיך דינען. ווײַל יעדער איינער באַם אָנטאָן אָדער אויסטאָן אָט דאָס זומערדיקע שוכווארג, מוז אָנקומען צו אַ זײַטיקן מענטשן. די סאַנדאַלן האַלטן זיך דעריקער אַף רימענדלעך, וואָס ציִען זיך פון צווישן דעם הילצערנעם טראָט מיטן לעדערנעם אויבן. צוויי פון זיי ווערן דורכגעלאָזט דורך די אָזנאַיִם (אויערלעך) באַם לעפל, וואָס האַלטן פעסט אײַן זיך דאָס קנעכל. דער כויטעם פון שוך איז אָן אָפּענער. פון דאָרט פאַרכאַפּט איין רימען דאָס צינגל, וואָס פאַרדעקט קוים די שפּיץ פינגער פון דעם פוס, דער צווייטער גייט אַדורך צווישן גראָבן און שכיינעסדיקן פינגער און באַהעפט זיך מיט די איבעריקע דרײַ. אַלע פיר רימענס ווערן אַזוי קונציק איבערגעפלאָכטן, און ווי מיט רעצועס רונדיקן זיי אַרום דעם פוס ביז אונטער דעם קני־בויגן.

ווען דער לינקער פוס איז שוין אויך געווען אָנגעטאָן און דער סאַגי־נאַהער האָט זיך אופגעשטעלט, איז געווען צו באַמערקן, אַז ער איז אַ היפּש ביסל נידעריקער פון מיטעלן וווקס. דער דאַרלעכער קערפּער מיט די שמאָלע אַראָפּגעבויגענע אַקסל האָט אים נאָך מער אַראָפּגעצויגן צו דער ערד. ער וואָלט געהאַט דאָס אויסזען פון אַ מאָגער באָכערל צי פון אַ ייִדל אַ כאָלוש, ווען ניט דאָס געזיכט זײַנס. אַז מע טוט אַ קוק אַף זײַן פּאָנעם מיט די אַקשאָנעסדיקע קינבאַקן (מע זעט זיי טראָץ דער קײַלעכיקער געדיכטער באָרד, וואָס באַ־רעמלט די אונטערשטע העלפט פּאָנעם), דערזעט מען ערשט דעם מאַן פון באַ די דרײַסיקער אין זײַן גאַנצער אייגנאַרט: די אײַנגעשפּאַרטקײַט ליגט אויך באַם מויל־אויסשניט, און אַ בייזקײַט צווישן די נאָז־ווינקלען, מיט אָן אומרו אין די שטאַרק באַוועגלעכע הענט. טוט

[1] געמיינט: שמועסן.

ער אָבער אַ שמייכל, ווערט עס אַלץ אַנטרונען און ער באַקומט אַן אויסזען פֿון הוילער גנאָד, מיט אַ פּאָנעם פֿון אַ פֿאַרכידעשט קינד. אַזאַ איז אויך די שטים זײַנע: אַ צאַרט פֿאַרכאַלעמטע, אַ געמיטלעך ווארעמע. דער כיטעך־האַדיבור איז בײַ אים אַ שאַרפֿער, אָבער ניט קיין הויכער, האַגאַם מיט אַ פֿעסטער באַטאָנונג דאָרט, וווּ מע דאַרף. זײַנע רייד — אָן דווייקעס און היס־פּײַלעס, אָבער ס׳פֿילט זיך, אַז ס׳רעדט אַ מענטש מיט געפֿילן, און ניט זעלטן מיט ווערטער, וואָס קומען פֿונעם האַרצן.

דעם זאָקן פֿון הוידו, נאָכדעם, ווי ס׳איז אַנטפּלעקט געוואָרן, אַז ער איז אַ גער (מע האָט עס געזען אין דער שפּעטער מילע, דער ספֿאַרדי האָט פֿעסטגעשטעלט: אַז זי איז דורכגעפֿירט געוואָרן מיט אַ פּאָר יאָר צוריק, שוין אָף די עלטערע יאָרן), זאָגט ער, ווי קילע־אַכער־יאַד:

— דו ביסט אַזוי זינדיק, מענטש אײַנער, אַז די רעמאַסים[1] ווילן דיך שוין אַפֿילע ניט אָנרירן. דו ביסט שוין, אַפּאָנעם, ניט ראָע, זיי זאָלן דיך צעבײַסן, ווי יעדן אַנדערן לעבעדיקן מענטשן.

מע האָט דעם סאַגי־נאָהער דערציילט, אַז ער זעצט זיך מיטן נאַקעטן לײַב אָף אַ נעסט מיט קריכנדיקע שטעך־מוקן, און ער טוט זיך אַפֿילע קיין קרים ניט. דער מענטש לאָזט זיך פּײַניקן מיט נאָך אַנדערע שווערע פּײַניקונגען. די הויט אָף אים האָט קיין גאַנץ אָרט ניט. ער קען זיך אוועקשטעלן קראַצן דאָס לײַב מיט אַ צעלעכערטן בלעך. צודערצו נאָך באַנוגנט ער זיך טאָגטעגלעך בלויז מיט אַ קעזײַעס ברויט אײַנגעטונקען אין זאַלצוואַסער.

דער סאַגי־נאָהער דערציילט אים וועגן יויכענען בען טעראַדיען, ווי מע האָט אים געברענט און געבראָטן אָפֿן פֿײַער. ער האָט פֿאַרשטשעמעט די ציין, פֿאַרפּרעסט די ליפּן, ער זאָל קיין קרעכץ ניט אַרויסלאָזן, זאָלן זיך די סאָנים ניט פֿרייען מיט זײַנע געבראָטענע ליידן. אַ מענטש דאַרף קענען אַרויסווײַזן אַ גרויסן קויעך, אַ שטאַרקן גײַסט, אַ קשיי־אָוירעפֿעדיקן[2] ווילן, אַז ס׳איז דאָ צוליב וואָס. אָבער ניט גלאַט אַזוי לעשעם אָפּקומעניש. לעשעם באַם לעבן וועלן פֿאַרזוכן דעם טאַם פֿון געהענעם.

דער זאָקן האָט זיך ניט מיטאַמאָל אונטערגעגעבן. נאָר ער האָט זיך אָנגעהויבן צוביס־לעכווײַז ענדערן. ער האָט זיך געלאָזט היילן די ווונדן, דער ספֿאַרדי האָט אַכטונג געגעבן אָף זײַן צוגעווינען זיך צו בעסערע און מער מעזוינעס. פֿון מאָל צו מאָל האָט ער אים געשטאַרקט מיט אַ בעכער גוטן ווײַן. דאָס איז דעם אַלטן אַרײַן אין טאַם. דער ספֿאַרדי האָט זיך דערמיט באַרימט פֿאַרן סאַגי־נאָהער: ער וועט נאָך פֿונעם גער מאַכן אַ גוואַר. ער איז אַזוי אויך שטאַרקער פֿון אַנדערע גיבוירים, — האָט אים דער סאַגי־נאָהער מעיושעוודיק געענטפֿערט, — ס׳טרעפֿט אָפֿט, אַז אין אַ שטאַרקן גוף איז די נעשאָמע אַ קראַנקע און אין אַ קראַנקן גוף איז די נעשאָמע אַ שטאַרקע.

דאָס זעלבע האָט ער אַמאָל געענטפֿערט דעם גראַף ריימונד ראַזשער, ווען יענער האָט אים פֿאַרגעוואָרפֿן, לעמײַ ער טוט גאָרניט פֿאַרן געזונט. זאָל ער נעמען אַ בײַשפּיל פֿון זײַן עלטערן ברודער, דעם פֿאַכטער עלקאָנע. יענער איז שוין פֿאַרוואַקסן מיט שמאַלץ, און דער בויך פֿאַרקײַלעכט זיך בײַ אים, דאָך קאָן ער נאָך פֿונדעסטוועגן צוימען דעם ווילדסטן קענ־טאַוור.

איצט איז דער גראַף פֿאַרפֿאָרן אַהער מיט סקאָטן און מיט זײַנע צווי געסט — וועטוריע און יויעלן. ס׳איז שוין געוואָרן טכילעס אָווגוסט. צו דער צײַט זונדערט זיך אָפּ דער סאַגי־נאָהער פֿונעם אוילעם אין זײַן צימער, ווו ער שאַפֿט. דאָרט וואַרט שוין אָף אים דער קאַסוועַ־ראַבע — אַ ייִד, וואָס שרײַבט פֿאַר אים אַרײַן אינעם „ספר הבהיר״[3] די אַלע נײַע געדאַנקען, וואָס זײַנען הײַנט צוגעקומען פֿאַרן טאָג. שוין אַ שיינע פּאָר יאָר, ווי ס׳מערן זיך די זײַטן פֿונעם סאַגי־נאָהערס כיבער. מיט דער הילף פֿון זײַנע טאַלמידים ווערט טיף אַרײַנגעקוקט אין זיי. העען אין זין פֿון באַטראַכטן די וועלט־זאַכן, ווי אויך אינעם פֿאַרטיפֿן זיך אין די ספֿירות העליונות[4].

דאָס ווערק הייסט בײַ אים „ספר הבהיר״ — „דאָס בוך פֿון העלער שײַן״, און אָנגעהויבן האָט ער דעם כיבער אָפֿן ערשטן בלאַט מיט דער שורע „ועתה לא ראו אור בהיר, הוא בשחקים״[5] — און איצט איז נאָך ניט צו זען די העלע שײַן, זי איז אין די הימלען. דאָס אָבער שטערט אים ניט יעדן טאָג אין דער זעלבער צײַט אַרומשפּאַנען אַ פֿאַרדימיענטער פֿון ווינקל צו ווינקל איבערן כיידער, אין אַ וועלט פֿון כוישעך־וועאַפּיילע, און דאָך טוט ער אַ בליק

[1] קריכנדיקע פּאַראַזיטן; [2] אײַנגעשפּאַרטן; [3] סייפֿער האַבאָהיר; [4] ספֿירויס האָעליוינויס — קאַבאָלע־אַטריבוטן; [5] וועאַטאָ לוי ראָו אויר באָזיר, הו באַשכאָקים.

מאחוירי הפרגוד[1]. אַרום אים — הוילע כאַשכעס, אַ מין טויהו־וואָוויהו, און אין אים שטראַלט אַרויס מיט ליכט פֿונעם אור הגנוז[2]. ניט אומזיסט האָט מען אים אַ נאָמען געגעבן סאַגי־נאָהער — דער מאַן פֿון אַ סך ליכט. דער שײַנשרײַבער קען ניט נאָכיאָגן נאָך זײַן געדאַנקענגאַנג, האַגאַם דער דיקטירער ציילט קימאַט די ווערטער, און ער שטעלט זיך אָפּ בײַ דער באַטאָנונג, ווי ער וואָלט וועלן, דער איבערשרײַבער זאָל דאָ ניט דורכלאָזן דעם טראָפּ. ווי נאָר דער סקריפּ פֿון דער דין פֿאַרשניצטער גאַנדז־פֿעדער ווערט אָפּ אַ ווײַל אײַנגעשטילט, גייט ער ווײַטער. נאָר דאָ האָט ער דערהערט אַ געשאַר הינטער דער טיר. ס'ריידן צווישן זיך עטלעכע מענטשן, צווישן זיי הערט זיך אַ פֿרויען־שטים. וואָס קאָן דאָס הייסן? ער ווייסט, אַז קיינער אין דער צײַט פֿון טאָג שטערט אים ניט. אַפֿילו פֿון די פֿרעמד אָנגעפּאַרענע. דער פֿלעמעניק גיט שוין אַכטונג דערויף.

דער סאַגי־נאָהער ריגלט אויף די טיר און דערקענט גלײַך דעם גראַף. לויטן רייעך פֿון זײַנע בגאָדים דערקענט ער אים, אינעם אָטעמצוג. מיט אים איז אויך דער בריט און נאָך צוויי נעפּאַשעס. זיי זײַנען נאָך ניט געווען בײַ אים. ער האָט אַ באַזונדער כוש פֿאַר נײַע מענטשן:

— קומט אַרײַן, אײַער ווילגעבוירט, מיט די פֿרײַנט אײַערע. פֿריד צו אײַער קומען.

דער שײַנשרײַבער שטעלט זיך אויף, העלפֿט מאַכן פּלאַץ פֿאַר די געסט. זײַן אָרט בײַם טיש פֿאַרנעמט דער סאַגי־נאָהער.

— איר טוט מיר אַזוי זעלטן אָן דעם קאָוועד, גראַף ריימונד... און איר אויך, סיר מיכאיל — האָט ער זיך געווענדט צו סקאָטן.

— מיט אונדז, ייִצכאָק, איז די טאָכטער פֿונעם טולוזער הערצאָג, די סעניאָרן וועטוריע, און זייער יונגער שלאָס־רופֿע מיטן נאָמען יוליאַן זאַבאַרע, — האָט דער גראַף אים צו וויסן געגעבן.

— מיר האָבן אײַך זיכער געשטערט, סעניאָר ייִצכאָק... איך ווייס דאָך, אין דער צײַט... — האָט סקאָט זיך געוואָלט פֿאַרענטפֿערן.

— מיר זײַנען דאָך עפּעס אוּוראָהאָם אָווינוס אייניקלעך, גוטע אָרכים זײַנען קיינמאָל ניט קיין שטער, — האָט ער זיך אויפֿגעהויבן פֿון לעבן טיש, — אָט וועט ער אונדז אַדורכלייענען דאָס לעצט אַרײַנגעשריבענע, אַ פּאָר פּסוקים בלויז, און מיר וועלן זײַן פֿרײַ.

דער איבערשרײַבער פֿרעגט ניט, פֿונוואַנען אָנהייבן. ער ווייסט גאַנץ גוט, אַז דעם סאַגי־נאָהער איז ניכע, ווען זײַנער אַ געדאַנק, אַפֿילו נאָך ניט אינגאַנצן קיין אויסגעפֿורעמטער, זאָל ניט איבערגעריסן ווערן אינמיטן, ער זאָל דערגיין צום צוהערער פֿאַרגאַנצטערהייט, ביפֿראַט נאָך איצט פֿאַר די געלערנטע ניט־ייִדן. אים קימערט עס גראָד ניט. ס'איז שוין בײַ אים ניט דאָס ערשטע מאָל צו זײַן אײַנצײַטיק דער פֿאַרלייענער און אויך דער מעטאַרגעם. אָט וועלן זיי זיך באַלד איבערצײַגן, וואָס פֿאַר אַ מײַדים ער איז צו לייענען די דוואָרים שעביקסאָוו, גלײַך פֿונעם פּאַרמעט־בויגן, אָף דעם פּראָוואַנס־לאָשן. ער הייבט אָן פֿונעם פֿאַרלעצטן זאַץ, פֿון די שורעס, וואָס דער סאַגי־נאָהער האָט שוין געהאַט איבערגעהערט. דאָ פֿאַרהיקעט ער זיך אַפֿילו ניט. אַזוי פֿליסיק גלאַט און געלונגען קומען אים אונטער די געהעריקע ווערטער פֿון דער רייד־שפּראַך. ער הערט זיך אַליין אײַן אינעם אייגענעם קאָל, און אים דוכט זיך, אַז ס'קלינגט דערווײַל גאָר ניט שלעכט.

— דאָס זיס־ביטערע געפֿיל פֿון אָן אייביק־זוכער, דער שטענדיקער דאָרשט אַרײַנצודרינגען אין די כאַדריי־כאַדאָרים, אין די טיפֿסטע טיפֿענישן, און דאָס באַוווסטזײַן, אַז דאָס איז נאָך פֿאַר דיר דערווײַל הינטער זיבן שלעסער, אַ מינדסטער ווונק, און מעגלעך, אַז מיר וועלן טאַקע קיינמאָל ניט דערגיין צום סאַמע טאָך, צום סאָד פֿון אַלע סוידעס, צו אַ צושטאַנד, ווען דער מענטש זאָל קענען פֿאַרשטיין און דערפֿילן דאָס איבער־אימיקע, ווי אויך דאָס אין־אימיקע, דאָס ניט באַגריפֿענע און דאָס ניט געזעענע, דעם איבער אַלץ און דער אין אַלעמען שטראַלנדיקער קויעך, דעם קיינמאָל אָנהייב און קיינמאָל סאָף... דאָך איז עס אַ גרויסער נאַכעס־רועך, אַ שטיק טײַנעג אוילעמהאַזע, אָט דער פֿאַרמאַכטער פֿאָרהאַנג, אָט דאָס ניט וויסן און אָט דער ווילן צו דערזען דאָס, וואָס ניט נאָר מיט די אויגן קאָן מען עס זען. דאָס וועלן דערהערן דאָס, וואָס ניט נאָר מיט די אויערן קאָן מען עס הערן. דאָס וועלן גיין ניט נאָר מיט די צוויי פֿיס אָף אַ באַגרענעצטן שעטעך, נאָר דערשפּירן און דערפֿילן דעם גרויסן גאַנג איבער שטאָכים, איבער דער צײַט, איבער מענטשן און דוירעס, און עפּשער אויך איבערן רוים, אין וועלטאַל...

---

[1] מעאַכוירײ האַפּאַרגויד — פֿון הינטער דעם הימלישן פֿאָרהאַנג; [2] אויר האַגאָנוז — געמיינט: די שײַן, וואָס איז פֿאַרגרייט פֿאַר די צאַדיקים.

דאָ האָט זיך דער פאַרלייענער אָפּגעשטעלט. ווײַטער האָט די געגנדזענע פעדער געלאָזט אַ קליין שטריכעלע פון אַ ניט דערשריבענעם אָס. די גרעסערע האלב פונעם פארמעטענעם בויגן האָט נאָך געבלענדט מיט ווײַסקײַט און גערייצט דאָס אויג פונעם קאסווע־ראבע. ווער ווייסט, וואָס פארא געדאנקען ער וואָלט נאָך הײַנט דאָ פאַרשריבן, ווען ניט די אומגעריכטע, ניט דערוואַרטע צוהערער? פון זיי אַלע האָט נאָר דער ענגלענדער אינדערשטיל אַ זיפץ געטאָן, ווי נאָך אַן ארופדראפּען זיך אַף אַ הויכקײַט, נאָר די הייך איז דאָרט אזוי פאַרנעפּלט און דאָס ווײַטערדיקע איז אזוי אומקלאָר... ער דערמאָנט זיך אין דעם ייִדנס פאַלקן־פויגל בייסן יאגד, וואָס ער האָט דעמלט געטראַכט, ווען דער פויגל האָט אזוי שיין און שטאָלץ זיך אַ הייב געטאָן אין די הייכן. ער זאָגט איצט צום סאַגי־נאָהער:

— איר רעדט דאָך אזוי באַגײַסטערט וועגן דעם בען־אָדאָם. איך האָב אַמאָל געהערט, מיט וואָס פאַר אַ פאַרערונג איר האָט גערעדט וועגן דעם פון דער פרוי געבוירענער. פאַר־וואָס ניט גלייבן, אַז ס'וועט קומען אַ צײַט, ווען אָט דער בחיר היצורים[1], ווי איר האָט דעם מענטשן אַנומלטן געהאַט אָנגערופן, וועט סאָפּקאָלסאָף דערגרייכן צו אָט דעם אַלעמען, וואָס מיר האָבן נאָרוואָס געהערט.

— גלייבן איז גרינגער פון אַלץ. ניט אינעם גלייבן גייט עס... סײַדן עפּשער אינעם סאָף פון די טעג, — האָט אים דער סאַגי־נאָהער ניט געוואָלט נאָכגעבן.

— אָט האָב איך אַ טראַכט געטאָן, — האָט סקאָט זיך גענומען היצן, — איז דען דער מענטש נארישער פון אַ פויגל? צי פון אַ פיש אין טײַך? איך וואָלט וועלן, אַז מענטשן זאָלן קאָנען זײַן און לעבן אונטערן וואסער, פליִען אזוי פרײַ אין די רוימען, ווי די פייגל. פאַר־וואָס ניט?

דער געדאנק האָט אַ רודער געטאָן די אַלע איבעריקע. וועטוריע האָט איר דערשטוינונג שיר ניט ארויסגעשריִען. דער גראף האָט זיך הילכיק צעלאַכט און גענומען פאָרשטעלן דאָס פאָכן מיט די פליגל, וואָס וועלן דארפן ערגעץ שטעקן באַם מענטשן, ניט ווי באַ אַ פויגל, נאָר ווי באַ מאַלאָכים פונעם הימל. יויעל האָט דערזען, ווי דער סאַגי־נאָהער האָט אַ ביטלדיקן שמייכל פאַרלוירן, און אינדערשטיל האָט ער אַ מורמל געטאָן:

— באַם סאָף פון די טעג עפּשער. ניט אזוי גיך, — און ווען ס'איז שטיל געוואָרן, ווען אַלעמענס בליקן זײַנען געפאַלן אַף אים, האָט ער עטוואָס דײַטלעכער איבער־געכאַזערט: — איצט ניט. איצט וואָלט איך עס אפילע ניט וועלן...

דאָס ארויסגעזאָגטע האָט געבראַכט צו אַ פאַרלעגנהײַט. נאָכדעם ווי זיי האָבן נאָרוואָס געהערט בעשאַסן לייענען וועגן דעם גרויסן גאַנג איבער שטאָכים און אין די רוימען, האָבן די דאָזיקע פּאָר ווערטער געפּלעפּט. זיי האָבן ניט פאַרשטאַנען דעם פּלוצעמדיקן קער און זײַן פאַרדימיענט בלײַבן זיצן, ווי ער וואָלט זיך נאָכאַמאָל ארײַנגעטראַכט אין דעם, וואָס ער האָט נאָרוואָס געהייסן פאַרשרײַבן, און איצט האָט ער כאַראָטע דערוף. דער גראף, נאָך אַלץ אַ פריילעכער, מונטערט אים:

— זײַ פונדעסטוועגן מאַסקים, יִיצכאָק. איך מיט דיר וואָלטן שוין נאָר צוגעקוקט, ווי די ייִנגערע פון אונדז וועלן זיך אַ לאָז טאָן אין די הייכן, דורך אַלע זיבן הימלען ביז צו גאָטס שטול.

— אָ, יעזוס מאַריִע! — האָט זיך וועטוריע גענומען צײלעמען און באַלד זיך פאַרלוירן, ווען דער סאַגי־נאָהער האָט זיך אופגעשטעלט און אַ שאָקל געטאָן פון לינקס אַף רעכטס מיטן קאָפּ.

— ניין! נאָך צו פרי, — האָט ער מילד אַ שמייכל געטאָן, — די געצנדינער האָבן זיך באַמיט צו מאַכן דעם מענטשן שענער, שטאַרקער, געזונט און מעכטיק, ווי די אָפּגעטער, אין וועלכע זיי האָבן געגלייבט. אָבער זיי האָבן ניט געהאַט אין זינען אים צו מאַכן אַ ביסעלע בעסער. אַז די נויצרים האָבן אַ געבוירענעם פון אַ פרוי ארײַנגענומען אין גאָטס מישפּאָכע, אים געמאַכט פאַר גאָטס זון, און די, וואָס האָט אים געבוירן, — פאַר גאָטס מוטער, איז דען דער מענטש איצט ניט פאַרדאַרבענער, ווי ער איז געווען ביז דעמלט?.. איך האָב מוירע, ווען אונדזער אַ באַרנאַש[2] וועט ווירקלעך אַמאָל דערהויבן ווערן, און מיט זײַן סייכל וועט ער אַלץ דערגרייכן — ניט נאָר פליִען אין די הימלען און זיך דערגרונטעווען צו די יאַם־טיפן, נאָר ער וועט בעיעכוילעס זײַן ענדערן דעם דערעך־האָוילאָם, אויקער זײַן האָרים־אוגוואָעס און אויסטריקענען וואסערן, אראָפּברענגען אַ צווייטן מאַבל, און אופשטעלן נאָכאַ־מאָל אַ באָוול־טורעם, ווי גאָט אַליין וועט ער בעיאַד האָבן צו בויען און כאָרעוו מאַכן גאַנצע

[1] בעכיר האיעצורים — דער אויסדערוויילטער צווישן די באַשעפענישן; [2] אַ מענטש.

אוילעמעס,— מיינט איר, אז פון דערפון וועט דער מין מענטש בעסער ווערן? בעסער זייַן פאַרקנעכטעט צו די ערגסטע מאַלאַכיי־כאַבאָלע, ווי צו אַ בען־אָדאָם מיט דער קראַפט פון אַ גאָט.

ער האָט זיך אופגעהויבן און גענומען אַרומשפּאַנען איבערן כיידער. די הענט פאַרלייגט אַף דער ברוסט, דאָס פּאָנעם — פאַרטרויערט פייַערלעך, און אַז ער האָט גענומען עפּעס זאָגן, האָט ער זיך אַלעמאָל אָפּגעשטעלט. מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, ווי דאָ וואָלט קיינער אין צימער ניט געווען, ווי ער וואָלט גערעדט צו זיך אַליין, טוט ער מיטאַמאָל אַ זיפץ:

— קאַרג האַרגעט מען זיך אָן אַף דער ערד, פעלט נאָך אין די הימלען, אונטערן וואַסער די האַריגעס... דאָס גרויזאַמסטע, אַף וואָס אַ מענטשלעך אויג איז ניט בעקויעך אַ קוק צו טאָן, איז בלוט, צעפּירט אין וואַסער. איך געדענק עס פון דער פּריסטער קינדהייַט, אַ צעבלוטיקטע ליפּ, און דעם טרונק פון דער קוואַרט... ס׳האָט זיך געדוכט, אַ פולע קוואַרט מיט בלוט... הייַנט אַ טייַך מיט בלוט? און אין די הייכן? לאָז דעם מענטשן העכער דעכער, וועט פאַלן אַף די קעפּ אַ שלאַק פוראַניעס. באַם ערשטן קריג וועט זיך פון דאָרט שיטן פעך און שוועבל. וואָס קען די מענטשלעכע רישעס ניט צוטראַכטן? כוץ די שאַרפע פייַלן... אַ האָגל פון שטיינער, פייַער־פלאַמען, בר׳ענענדיקע פאַקלען, צינד־העלצער... מאַלע וואָס מע קאָן נאָך אויסגעפינען,— האָט ער ווידער גענומען מעסטן די לענג פון צימער, און גייענדיק, האָט ער געהאַלטן אין איין טראַכטן אין דער הייך:— צוערשט דאַרף מען דעם בען־אָדאָם מאַכן פאַר אַ לייַט, דאָ, אַף דער ערד. אים צווייגענען גוטע מידעס אין די באַציִונגען פון איינעם צום צווייטן, דערוועקן אין אים אַ געפיל פאַר יוישער, אייַנפלאַנצן אין די נעשאָמעס דעם דאָרשט נאָך גערעכטיקייט. און דאָס איז אויך זייער וויכטיק, אים צוגעווויינען צו זעלבסטווירדע, דערהייבן דעם מענטשן צו אַזאַ זיטלעכער הייך, ער זאָל ווערט זייַן דעם געבאָט פון „ואהבת לרעך כמוך“[1]. ס׳איז, פאַרשטייט זיך, ניט אַזוי לייַכט ברענגען דעם מענטשן צו שליימעס. דאָס איז אַ לאַנגער שווערער שטרויכל־וועג, וואָס איז מעאַקעוו די געולע...[2] ווער ווייסט עס נאָך אַזוי, ווי מיר, יידן, וועלכע האָבן מישיישעס־יעמיי־בערייִשיס זיך אונטערגענומען צו בעסער מאַכן דעם מענטשן. מיר האָבן עס געטאָן אַפן באַרג סינייַ מיט מוישעס לוכעס. דערנאָך מיט די שטראָף־רייד פון די נעוויִים. נאָך שפּעטער מיט די האַלאָכעס פון די כאַכמיי־האַטאַלמוד, און ווער קאָן זאָגן, ווי לאַנג ס׳וועט נאָך דויערן, ביז מע וועט אַמאָל קומען צו אַ וועלט פון דערהויבנקייַט.

ער האָט אַ צייַט געטראַכט נאָך זייער אוועקגיין, אַרומשפּאַנענדיק איבערן צימער, דער־נאָך אַפן געלעגער. וויפל ער היט זיך, ער זאָל ניט אַרייַנפאַלן אין זאָגן שלעכטע אַסידעס[3], קאָן ער עס ניט בייַקומען. ער האָט דעם גאַנצן אָפּדערנאַכט גערעדט מיט זיי, ווי איינער פון די פאַלשע נעוויִים. מע טאָר ניט קוקן מיט אַזאַ אומצוטרוי אַפן מאָרגעדיקן טאָג, און מע דאַרף אויך ניט זייַן אַזוי אייַנגעגלייבט אין דער באַשטענדיקייַט פון אָט דער געמיינער וועלט.

אַפן יידן פון דער ווייַטער פוילן־מעדינע האָט ער דאָ ניט לאַנג גאָר אָנגעוואָרפן אַ מאָרעשכוירע. פאַרוואָס איז אים געקומען אַרייַנגעבראַכט צו ווערן אין אַ מאָרעשכוירע, אָט דעם פרעמדן יידן? נאָר צוליבן מאָדנעם באַטייַט פונעם נאָמען פון זייַן מעדינע? אַז ער קאָן זיך גאָר ניט באַהערשן, ווען ס׳קומט אים אָן דער אומרו, ער זאָל קענען שוילעט זייַן איבערן קויעך־האַדימיען, אייַנצוימען די אופרודערונג און ניט אויספלאַצן טייקעף־אומעיאַד מיט די אָנגעלאָפענע פאַרצווייפלטע ראַיוינעס.

אין נאָך אַ פאַל איז דער סאַגי־נאָהער ניט שאָווע־בעשאָווע מיט זיך. צו גיך טראָגט ער אַרויס אַ פּסאַקדין וועגן מענטשן, וועלכע ער באַגעגנט צום ערשטן מאָל. ער דערקענט זיי, דוכט זיך אים, מיט אַ מין אינוויינעקסטער שפּירונג, וואָס האָט גאָרניט צו טאָן מיט די זעקס כושים.

אָט די פרוי, וואָס זיי האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט, זי האָט זיך צניִעסדיק געהאַלטן, זעלטן געלאָזט הערן איר שטים, אָבער אין די פּאָר ווערטער, וואָס זי האָט אַרויסגעבראַכט, האָט ער דערהערט די בויגרעס, וואָס איז שוין ראָש־לעכופּע[4]. איין שטיקל האַלץ קאָן זיך אַליין ניט צעברענען. ער האָט אין דימיען געזען די גלוסטונג־פּעדעם, וועלכע ציִען זיך צום יונגן רויפע, און ער האָט זיך פאַרגעשטעלט די פאַרייניקונג פון אָט די צוויי אָנהייבן: די היסכייַוועס מיט דער פּעולע. צי וועט זייַן דערפון אַ פּויעל־יויצע? זי איז אַ קריסטן, די באַסיעכידע פונעם טולוזער הערצאָג, און ער איז, ווייַזט אויס, אַ חכם וירא חטא[5]. אויך דאָס

---

[1] וועאָהאַווטאָ לערייאַכאָ קאָמויכאָ — האָב ליב דייַן נאָענטן, ווי זיך אַליין; [2] פאַרהאַלט די אויס־לייזונג פון גאָלעס; [3] פאָרויסזאָגונגען וועגן דער צוקונפט; [4] אַ דערוואַקסן מיידל, וואָס מעג שוין כאַ־סענע האָבן; [5] כאָכאָם וועיערייִ כעט — קלוג און פרום.

איז וויכטיק. אין די ווייניקע רייד זײַנע האָט ער געזען, אז דער באָכער איז פאַרזיכטיק. ער האָט, אפּאָנעם, גלײַך געכאַפּט, אז אין די פּאָר פּסוקים, וואָס דער קאַסווע־ראַבע האָט איבערגעלייענט, רעדט זיך דערהויפּט וועגן דער דריטער פון די צען ספירעס — וואָס הייסט בינע[1].

דער סאַגי־נאָהער האָט א גאַנצן טאָג מעאיען געווען[2] אין אָט דער אַלץ ארומכאַפּנדיקער ספירע פון פאַרשטאַנד און וויסן. ס׳איז א גרויסער פאַרגעניגן זיך גריבלען אין די כאַדריי־כאַדאָרים פונעם סייכל, ווו ס׳איז נאָך אַלץ פאַרבאָרגן, און דורך א מינדסטן אָנדײַט קען מען זיך אמאָל אָנשטויסן... זאָל זײַן זייער זעלטן, אָבער אין עפּעס אזוינס, וואָס עפנט מיטאמאָל נײַע וועלטן.

אין טאָך ארײַן זײַנען די אַלע צען ספירעס דער אמוד האָייש[3], אין וועלכן ס׳איז פאַראַן דער שטאָף, וואָס ברענט. דער פלאַם, פונקען, דאָס פלאַקערן — אַלץ באַזונדערע זאַכן, און אינדערעמעסן זײַנען זיי באַשטאַנדטיילן פון איין און דעם זעלבן פײַער. דאָס זײַנען די פאַרשיידענע פאַרבן פונעם זון־אויפגאַנג, די קאָלערליי קאָלירן פונעם זעלבן רעגנבויגן... און פונקט ווי די ספירעס, וועלכע האָבן צו טאָן מיט דער גײַסטיקער וועלט, ווי כאָכמע און בינע, אזוי אויך די, וואָס האָבן צו טאָן מיטן אינערלעכן געפיל פונעם מענטשן, ווי כעסעד, טיפערעס[4] און די איבעריקע, וואָס האָבן א שײַכעס צו אַנדערע אייגנשאַפטן, אַלע צוזאַמען געניסן זיי פון איין קוואַל — פונעם איין־סאָף.

אָט וועגן איין־סאָף און וועגן דער ספירע פון בינע האָט ער הײַנט באַטאָג א סאַך גערעדט. ער האָט געהאַט א שווערע מאַגידעס. ער האָט גערעדט אין דרויסן, אַף דער פרישער לופט, אונטערן פרײַען הימל. דער אוילעם איז דאָ א סאַך א גרעסערער און פון קאָל האַמינים שעהוי[5]. ס׳קלײַבן זיך אָן מענטשן צופעליקע, גלאַט דורכגייער, און אָנגע־פאָרענע פון פרעמדע ערטער.

ווען סקאָט האָט אָנגעוויזן יויעלן אַפן געזעמל פון אזא גרויסן אוילעם, וואָס האָט גע־הערט דעם בלינדן ייִדן, איז יויעל באַלד אראָפּ פונעם פערד, זיך אָפּגעבעטן בא די מיטפאָרער, אז ער וועט גיך אונטערקומען, ער וועט נאָר א קוק טאָן, וואָס ס׳טוט זיך דאָרט. אראָפּגע־וואָרפן פון זיך דעם פאַרשטויבטן מאַנטל און געלאָזט אים אַפן זאָטל, איז ער אָן אומגע־דולדיקער ארײַן אינעם אָפענעם גאָרטן, ווו מענטשן זײַנען געשטאַנען קעפּ אַף קעפּ. ווען ס׳האָט אָפּגעגליקט זיך אָנשפּאַרן אין א בוים, ווער ס׳האָט פאַרכאַפּט א שטיקל באַנק אָדער אַפן הוילן גראָז זיך געמאַכט א פּלאַץ. יויעל האָט געזען, ווי יונגע לערן־באָכערים, איינער אַפן אַנדערנס פּלייצע, פאַרשרײַבן אינדערגיך אַף שטיקלעך פּאַרמעט מיט קסיווע־אויסיעס דאָס, וואָס זיי הערן. ער וואָלט עס אזוי ניט געקענט. ער כאַפּט קוים דעם צוזאַמענהאַנג פון אייניקע מעמרעס, און ס׳איז אים שווער צו צונויפבינדן דעם געדאַנקענגאַנג אַף צו פאַרשטיין דעם גאַנצן אינהאַלט. אמאָל באַנעמט ער ניט פון לעכאָטכילע דעם גוירעם[6] פאַר אזא אַרט אויספיר. ס׳איז אים פרעמד דער נײַער גאַנג פון ארײַנלאָזן זיך אין הויכע דראָכים. איינס איז פאַר אים קלאָר: אַלץ, וואָס ער הערט דאָ, איז עפּעס א מין פרישע אַנטפּלעקונג. ער האָט נאָך אזא אויפן פון פאָרשן און בויען נײַע סוואָרעס ניט געהערט. דער אָנפלוס פון אזוי פיל האַנאָכעס און באַגריפן, וועלכע עס איז אין ערגעץ ניט צו געפינען, און דאָס דרייסטע צעשטערן דעם אדורכגעטראַכטן מיקאַדמוינים געדאַנקענגאַנג ציט ארײַן, שלעפּט און וויל צוטראַכטן נײַס. ער ווייסט, אז דאָס איז א קאַבאָלע־לערע, וואָס מע רעדט שוין פון איר אין א סאַך מעדינעס. נאָך אין די ייִנגל־יאָרן, בא זיך אין דער היים אין דער מעדינע ספאַרד, האָט ער געהערט דערפון. דערנאָך אין סאַלערנאָ, ווו ער האָט געלערנט. ער האָט געהערט פון א יאַנקעוו האַנאָזיר און פון זײַן „ספר אצילות“[7]. ער ווייסט פון א סייפער יעצירע[8], און אז מע פאַרבינדט די לערע מיט די נעמען פון עלײִאָהו האַנאָווי און פון שימען באַר יויכאַי, וואָס האָט זיך באַהאַלטן אין א הייל, קעדיי ניט געשטערט ווערן ארײַנצוטרעטן אינעם גאָרטן פון דער קאַבאָלע־לערע, וואָס מע זאָל וועגן איר ניט זאָגן, זעט ער איצט בעכוש, אז בא אירע אָנהענגער איז פאַראַן אָט דאָס שטיל־גלײִענדיקע פײַער, וואָס איז בע־קויעך צו דערוואַרעמען מענטשלעכע הערצער.

מע זעט עס אַף די צוהערער. דעם סאַגי־נאָהערס רייד ווירקן אַף דער נעשאָמע מער ווי אַפן מויעך. דאָ זײַנען א סאַך פּאָשעטע ייִדן, וואָס זײַנען ווײַט צו זײַן לאָמדים, און זיי שטייען ווי צוגעשמידט צו די ערטער. עפּעס דערהייבט ער אָט די אַלע מענטשן, ווען ער

---

[1] פאַרשטאַנד; [2] ארײַנגעקוקט; [3] פײַער־זײַל; [4] פּראַכט; [5] געמיינט: פאַרשיידענע מענטשן; [6] סיבע;
[7] סייפער אצילוס — דאָס בוך וועגן עמאַנאַציע (א קאַבאָלע־באַגריף); [8] דאָס בוך וועגן דער וועלט־באַשאַפונג.

טוט מיטאמאָל א זאָג: אין שפע יורדת מלמעלה, אלא אם קודמת לה התעוררות מלמטה[1] — דער גנאָד און די שעפע פאר די מענטשן, — דערקלערט ער זיי, — נידערט קיינמאָל ניט אראָפּ פון אויבן, ביז ס׳קומט ניט אנטקעגן די אופוואכונג צו א מער ווירדיק לעבן. אָן דעם מענטשנס הילף, אָן דעם ליכט פון יוישער און גוטע מײַסים דאָ, אױף דער ערד, וועלן מיר קיינמאָל ניט מעסוגל זײַן אראָפּצוברענגען די גרויסע העלקײַט אױף דער גאָרער וועלט, די שײַן, וואָס איז נאָענט צו דער שײַן בײַס דעם וועלט־באשאף.

אָט דאָס אוועקשטעלן דעם מענטשן אינעם מיטלפונקט פונעם וועלט־באשאף, אָט דאָס צוזאָגן אים א כיילעק, מאכן אים פאר א שוטעף אינעם וועלט־באשאף... און דאָ רינגלט אים ארום אָן איידע ווילנלאָזע, אומבאגרענעצט־געהאָרכזאמע באשעפענישן. אין א שאָ ארום, אויסערן געדער פון זײַנע דאלעדאמעס, ווערן זיי צוריק די וואָכעדיקע באיאָכטע ייִדן, יעדערער באַזונדער מיט זײַנע דײַגעס־פארנאָסע. דאָס זײַנען מילתא דלא שכיחא[2]. אָבער אז יויעל טוט א קוק אױף די לויכטנדיקע פּנעמער, אױפן פײַער אין די בליקן, זעט ער, ווי מיטן גאנצן ווילן, מיט אלע זייערע כושים, געדאנקען און טרוימען זײַנען זיי איצט פאריינס מיט אָט דעם דאר־קווארן ייִדן, וואָס פארמאָגט קיין שעמעץ ליכט ניט פאר זיך און אזא ברייטע צעשטראלונג פאר אָט די אלע ארומיקע.

א באָכער האָט יויעלן א טאָרע געטאָן פארן ארבל:

— איך האָב אלץ פארשריבן. אלץ, וואָס ער זאָגט וועגן מענטשן. שוין א יאָר, ווי איך לעב דאָ, און אלץ פארשרײַב איך.

יויעל האָט בא אים אָפּגעקויפט א פאק פארמעט־בויגנס. ער האָט ניט באוויזן ארײַנקוקן אין זיי. ווי נאָר ער האָט זיך אומגעקערט צו זײַניקע, האָט מען זיך שוין גענומען קלײַבן גיין צום סאגי־נאָהער. דער אפדערנאכט בא אים אין הויז האָט אױף יויעלן געמאכט א שוואַכערן אײַנדרוק, ווי דאָס הערן אים באטאָג אונטערן פרײַען הימל, פאר א גרויסן אוילעם. אין דער מעכיצע פון פיר ווענט האָט זיך יויעלן געדוכט, אז ער הערט א גאָר אנדער מענטשן. ווו איז אהינגעקומען דער כיטעף־האדיבער? און דער שטילער פלאם, מיט וועלכן ער האָט אָנגעצונדן די צוהערער? ער האָט אים אפילע געכאפּט אין א ווידערשפרוך בא א געוויסער ארויסזאָגונג. יויעל האָט עס פארשוויגן. ער איז געווען ניט שטארק זיכער, צי דער ווידערשפרוך איז טאקע פון די ערנסטע סטירעס. אָבער די גאנצע טיראדע, אױף וועלכער סקאָט האָט אים ארויסגערופן, איז געווען פול מיט אומגלויבן אין דער זיטלעכער פארבעסע־רונג פונעם מענטשן־מין. דאָס האָט יויעלן שאָקירט.

אױפן דריטן טאָג איז געקומען צו פאָרן עלקאָנע, דעם סאגי־נאָהערס ברודער. דאָס איז א באלײַבטער ייִד מיט א הייזעריקלעך געדיכטער שטים און מיט ליכטיקע פריילעכע אויגן. די באָרד איז בא אים אזא, ווי באם סאגי־נאָהער, אויך א שווארצע און קײַלעכיק געוואקסן, נאָר דאָס פּאָנעם איז בא אים ברייטער, און ער איז מיט א קאָפּ העכער פונעם ברודער. ער איז ביכלאל פון די הויכוווקסיקע. אינעם שלאָס פונעם פאסקיער סראָרע, וווהין ער איז געקומען זיך זען מיטן גראף, האָט ער אויסגעזען העכער פון אלעמען. ס׳האָט געהייסן, ס׳זאָל ניט זײַן קיין פכיסעס־האקאָוועד פארן סאגי־נאָהער, אז ער האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט באם ברודער. נאָר געווען איז ער אמיינסטן מיטן גראף דאָ אין שלאָס, ווו זיי האָבן ארומגערעדט און זיך פארנומען מיט די פאכטער־איניאָנים.

סקאָט מיט וועטוריען זײַנען ארויסגעפאָרן הינטערן שטאָט באזוכן די אונטערערדישע הייל, ווו ס׳זײַנען באערדיקט די קריסטלעכע מארטירער. יויעל האָט זיך דאָ באגעגנט מיטן ספארדי, און זיי פארברענגען צוזאמען שוין דעם צווייטן טאָג. דער ספארדי וואָלט וועלן, זיי זאָלן אראָפּפאָרן אױף שאבעס צו אים קיין בעזיע. ער וועט אים דאָרט געבן טויעם זײַן פונעם עמעסן יאַיִן־האמעשומער, וואָס איז פארהיט געוואָרן נאָך פון יעהודע־האלייוויס צײַטן. ער האָט אים דאָ ניט לאנג אײַנגעהאנדלט בא א ייִדן פון טאָלעדאָ. יויעל קאָן זיך אָבער ניט אָפּשיידן פון וועטוריען. עפשער וועלן זיי נאָך ביז שאבעס אוועקפאָרן פונדאנען. דערווײַל איז אוועק נאָך א וואָכעדיקער טאָג, און ס׳איז געקומען דער פרײַטיק.

נעכטן זײַנען זיי ווידעראמאָל געווען געסט באם סאגי־נאָהער, נאָר אָן יויעלן. סקאָט האָט אים פון וועג אראָפּגעפירט. אינדערפרי באם אופשטיין האָט ער דערציילט, אז זיי קלײַבן זיך מיט וועטוריען צופאָרן אין א ניט ווײַטן מאָנאסטיר־הויף, ווו ס׳איז פאראן אן אבסעקוועג־ציע — א טפיסע אזא, ווו ס׳ווערן געהאלטן די ניט געהאָרכזאמע מאָנאסטיר־שוועסטער. יויעל

---

[1] איין שעפא יוירעדעס מילמײַלאָ, עלאָ אים קוידעמעס לאָ היסוירערעס מילמאטאָ; [2] מילסאָ דעלוי שכיכאָ — ניט געוויינלעכע זאכן.

איז נאָך ביז פרישטיק אוועק צום ספּאַרדי. זיי האָבן גוט ביידע איבערגעביסן באַם פּאַסקיער מויהעל, וואָס פאַרנעמט זיך אַמאָל אויך מיט רעפואס־האַגוף. זיי האָבן באַ אים פאַרזוכט פון עטלעכע מינים מאַשקאָעס, און צו מיטיק־צו האָבן זיי זיך געקליבן גיין הערן דעם סאַגי־נאַהער.

היינט האָט ער געזאָלט צוליבן רעגנדיקן וועטער זאָגן אינעם בייס־האַקנעסעס. די בייס־האַקנעסעס איז ווי טאָמיד געווען איבערפולט מיט לערן־באַכערים, מיט יידן לאָמדים און מיט גלאַט יידן. נאָר דער סאַגי־נאַהער איז באַ זיך אין דער היים געווען דעמלט פאַרנומען מיט אופנעמען אָרכים — דעם ברודער עלקאָנע מיט זיינע קריסטלעכע פריינט. קיין פּאָנעם־כאַדאָשעס צווישן די געסט האָט ער דאָ איצט ניט. קימאַט אַלע, וואָס זיינען געקומען מיטן ברודער, האָט ער זייער גוט געקענט. אויב ניט נאָך זייער אויסזען, האָט ער זיינע באַזונדערע סימאָנים, לויט וועלכע ער פאַרגעדענקט זייער גוט יעדן איינעם. די שפּירפּייזיקייט אופצוכאַפּן און גלייך דערקענען אַ מענטשן איז באַ אים פּילזייטיק אַנטוויקלט. מיטן טאַפּ־כוש באַם געבן די האַנט האָט ער געקאָנט באַשטימען דעם מענטשנס וועזן. מיטן כוש־האַרייעך — דאָס קערפּערלעכע, דאָס, וואָס עס געפינט זיך אַרום דעם מענטשן. מיטן כוש־האַשמיִע — דעם כאַראַקטער און די גייסטיקע אַנלאַדונג פון זיין מיטשפּרעכער. דעם סראַרע פּונעם היגן שלאָס וואָלט ער אַנטדעקט, ווען אַפילע אַלע זיינע פּילבאַרע כושים זאָלן מיטאַמאָל אָפּגעטעמפּט ווערן. ער דערפילט גלייך דעם אָטעם זיינעם, די לופט, וואָס ער שטויסט אַרויס פונעם שטיקל כאַלאַל, וואָס ער פאַרנעמט מיט זיין שווערן גוף.

ער האָט אים באַזעצט לעבן זיך. אָט אַזוי באַנאַנד זיינען זיי עפּשער געזעסן, ווען זיי זיינען נאָך גאָר קליינע קינדער געווען. דער סאַגי־נאַהער געדענקט אַ פייסעך־נאַכט, ווען ער האָט דעם איצטיקן סראַרע בעמאַמאָשעס געזען לעבן זיך באַם סיידער־טיש (ער איז נאָך, אַפּאָנעם, דעמלט געווען באַ דער ריִע). דער גאַלעך האָט זיך אַריינגעריסן צו זיי מיט זיין מוטער די סעניאָרינע און אַ גוואַלד געמאַכט, אַז מע וויל איר קינד, דאָס קריסטלעכע קינד, אַראָפּפירן פונעם ריכטיקן גלויבן.

אים איז בעעמעס לאַכלוטן ניט שווער אַראָפּצופירן פונעם דערעך־האַיאָשער. אָט זיצט ער איצט באַ דער לינקער זייט פונעם סאַגי־נאַהער, און ער קען זיך גאַרניט אָפּריידן וועגן זיין דאַמסוינע, מיט וועלכן ער איז אין אַ שטענדיקער קריג. ווען ניט זיין ווילגעבורט, דער גראַף ראַזשער, וואָלט ער מיט איין איבערפּאַל געמאַכט טיל־טעל פונעם סוינעס שלאָס מיט אַלע זיינע גיטער. יענער איז אַן אויסוואורף פון דער נאַטור, אַ הונט־קאַפּ, אַ געזעצברעכער, אַ העפּקערניק...

דער סאַגי־נאַהער זעצט אים גלייך אַראָפּ:

— נאַראָנים באַמערקן נאָר די כעסרוינעס פונעם מענטשן און לייגן קיין אַכט ניט אויף זיינע מײַלעס. זיי זיינען ענלעך צו אָט יענע פליגן, וואָס באַמיִען ראַק זיך אוועקזעצן אויף דער צאַראַעס־ווונד פונעם קערפּער.

— אָט האָסטו דעם ריכטיקן באַשייד, — האָט זיך דער גראַף ראַזשער דערפרייט, — איצט זע, ווער דו ביסט!

— איך בין פון העכערער נאָבעליטעט, ווי אָט דער הינטישער לעבער, — האָט זיך דער פּאַסקיער סראַרע באַליידיקט, — דער גראַף ווייסט אַליין אונדזער גלאַר־רייכע פּאַן. ווען מיינע ווייטע פּאַרגענגער זיינען שוין געווען פונעם ריטער־שטאַנד, האָבן זיינע נאָך עפּשער זיך געיאָגט נאָך די ווילדע כאַזיירים אין די זומפּן.

— גאָט האָט באַשאַפן אָדאָם־האַרישענען, — האָט דער סאַגי־נאַהער אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער הילצערנער לעפל אין טיש, — אָן איין־איינציקן, ביכדיי די מענטשן זאָלן זיך דערנאָך ניט קאָנען איבערנעמען מיט זייער אָפּשטאַם. מיר זיינען דאָ אַלע רינגען פון איין גאָלדענער קייט. מיר קומען אַלע אַרויס פון איין ייכעס. פונעם ייכעס מענטש.

— ייִצכאָק, לאָז אונדז צורו מיט דיינע פּילפּולים, — האָט זיך באַ אים דער ברודער על־קאָנע געבעטן, — לאָז אונדז איינמאָל האַנאָע האָבן פונעם געדישעכטס אָן דיין מוסער. דו ווילסט, איך זאָל זיך וואַרגן מיטן מאַרכביין?

— אָבער די מענטשן זיינען דאָך ניט אַלע פון איין ווערט? — האָט וועטוריע אַ שעפּטשע געטאָן, גלייך ווי זי וואָלט עס געזאָגט נאָר צו סקאָטן, וואָס זיצט לעבן איר.

— אָט וועל איך צונעמען באַ דיין ברודער עלקאָנען די פּאַכטער־רעכט, — האָט דער גראַף זיך צעשמייכלט און געגומען אַרומווישן דאָס מויל, — דעם טייערסטן פּאַכט וועל איך אָפּגעבן דעם ערשטן באַליביקן מענטשן, וואָס איך וועל באַגעגענען אין גאַס.

— קאָן זיין, אַז ס'וועט זיך באַקומען גאָר ניט שלעכט, — האָט זיך דער סאַגי־נאַהער געהאַלטן באַ זיינס, — יעדער מענטש איז אַן אוילאָם קאַטאָן, און מע קאָן ניט ווייסן, וואָס

אין אָט דעם קליינעם באַזונדערן וועלטל געפינט זיך. אַלקאָלפּאָנעם באַ אַ קלוגן הערשער איז יעדער בען־אָדאָם אין גרויס כשיוועס. אַזוי ווי די טראָפּן וואַסער אין אַ טײַך, פאַרנעמט יעדער טראָפּן באַזונדער דאָס גלײַכע ענלעכע אָרט, אַזוי מוז יעדער יאָכיד האָבן די זעלבע ווערט און די גלײַכע רעכט.

דער דאָזיקער געשפּרעך וועגן מענטשנס ווערט איז מיטן ווײַטערדיקן עסן און טרינקען אַזוי ווי פאַרשלונגען געוואָרן. דעם היגן סראָרעס לאַנגיאָריקע קריג מיט זײַן שלעכטן שאָכן איז ווידער געוואָרן דער אינהאַלט פון דער קריגערײַ צווישן אים מיטן גראַף. ערשט נאָך אַלע געריכטן, ווען מע האָט אָנגעהויבן צונעמען פון טיש, האָבן סקאָט מיט וועטוריען זיך דערנעענטערט צום סאַגי־נאָהער, און ס'איז באַנײַט געוואָרן דער פריִערדיקער וויקועך אַרום דעם מין „מענטש".

די דאָזיקע אָנגעלעגנהײַט האָט וועטוריען באַפליגלט פון גאָר אַן אַנדער שטאַנדפּונקט: האָט דאָך דער קריסטלעכער גלויבן אַזוי דערהויבן און פאַרהייליקט דעם מענטשן. ווער איז נאָך אַזוי גרויס און פולקאָם אַפן העכסטן אויפן, ווי דער געקרייציקטער גאָטס זון?.. און ווער האָט נאָך פאַרשפּרייט אַרום זיך אַזויפיל ליבע, גנאָד, אָפּערוויליקײַט?

דער סאַגי־נאָהער האָט אַ שטיק צײַט געשוויגן. גלײַך ווי ער וואָלט זי באַקוקט און געהאַט אַ יישעוו־הדאַעס, צי זאָל ער זיך בכלל פאַרפירן מיט אָט דער אישה נכריה[1]. סקאָט האָט איבערגעריסן דאָס אומאָנגענעמע שווײַגן.

— ...און מע קאָן ניט זאָגן, אַז ער איז געווען גרויס באַ זיך. ער האָט זיך געהאַלטן זייער פּאָשעט און באַשיידן. מיט יעדן איינעם פונעם גרעסטן ביזן קלענסטן אַף איין און דעם זעלבן אויפן.

דער סאַגי־נאָהער האָט זיך דאָס מאָל אָפּגערופן מיט אַזאַ מינע, גלײַך ווי ער וואָלט געטײַנעט מיט זיך אַליין. אַזוי האָט עס אויך אויסגעזען. דאָס פּאָנעם זײַנס געווענדט גלײַך פאָרויס, ווי ער וואָלט גערעדט גלאַט צו דער וועלט, צום כאָלאָל:

— דער אָפּגאָט האָט באַ די היידן צוגענומען דעם פרײַען שווונג פון מענטשלעכן קויעד־האדימיען, זײַן אויסטרוים־קראַפט צו עפּעס העכערס פון זײַן דעמלטיקער האַסאָגע, פון דעם, וואָס ער האָט דעמלט געקאָנט באַגרײַפן. דער מענטש האָט אין יענער צײַט געהאַט אַ באַשטענדיקן מאַמאָשעסדיקן הויז־גאָט מיט אַ באַשטימטן אויסזען, וואָס ער האָט אַליין מיט די אייגענע הענט אויסגעפורעמט. אַפילע די זון־אַכפערונג, די פײַערדינסט פון די געצנדינער האָבן זייער פאַרגעטערונג געמוזט זען מיט די אויגן, אויב מע קאָן עס ניט אָנטאַפּן מיט די הענט. דער געצנדינער האָט זיך גאָרניט געקאָנט פאָרשטעלן, ווי מע בוקט זיך צו עפּעס אַזוינס, וואָס האָט ניט קיין געשטאַלטיקונג. דער געדאַנק פון אכדוס האַבוירע[2] איז געקומען באַפרײַען דעם מענטשן פון אָט דער קנעכטישער צוגעבונדנקײַט צום קערפּערלעכן, פון אָט דער בלינדער געהאָרכזאַמקײַט צו דעם מאַמאָשעסדיקן, באַ דעם אָדער יענעם פון זייערע פיל געאַכפערטע געטער. וואָלט מען געקאָנט מיינען, אַז מאָלע האַארעץ דאַאַס — אַלע זײַנען שוין באַ דער דייע פון איין באַשעפער. איצט איז נאָר געבליבן דערוועקן אינעם מענטשן דעם ניצעץ פון אַ בוירע, פון זײַן אַליין אַ שוטעף, אַן אָנטיילנעמער אינעם וועלט־באַשאַף. און אין יעדן מענטשן, ניט נאָר אין אַן אויסדערוויילטן יאָכיד. יעדער יאָכיד באַזונדער איז אייניציק ווי גאָט אַליין, און ער איז פּונקט אַזוי באַזאַלבט מיטן צעלעם עלויהים[3]. האָט איר, קריסטן, דערהויבן דעם איין־אייניציקן אויסוי האָיִש[4] און אים געקרוינט פאַר אַ גאָטס זון. און אין רוים זיצט נאָך באַ אײַך „גאָטס שטעלפאַרטרעטער" — דער פּויפּסט...

דאָ האָט שוין מיכאל סקאָט ניט געדאַרפט, מע זאָל אים איבערצײַגן אין עפּעס. דאָס לעצטע, וואָס איז נעגייע דעם הייליקן פאָטער, דעם פּויפּסט, ווייסט ער אַליין גאַנץ גוט. וויפל מאָל האָט ער געטראַכט און זיך אַרויסגעזאָגט אַפן זעלבן אויפן. קוקנדיק אַף וועטוריען, האָט ער געוואָלט, זי זאָל אויך באַמערקן זײַן פולסטע באַפרידיקונג, וואָס דער מענטש האָט אים אַזוי געלונגען צוגעטראָפן. ער האָט ניצאָכנדיק געשמייכלט צו איר, ווי ער וואָלט איר ווען דערמאָנען: געדענקסט מײַנע ווערטער וועגן דעם? וועטוריע אָבער איז זיך מיט אירס פאַרנומען. זי האָט געזאַמלט דרייסטקײַט און זיך געקליבן שאַרף אָפּענטפערן. דער סאַגי־נאָהער האָט עס, אַפּאָנעם, אין איר אָטעם־צוג דערשפּירט. איז ער איר פאַרלאָפן דעם וועג:

— דו, טאָכטער, דאַרפסט אַליין גוט וויסן דעם באַטײַט פון אהבה שאין עמה קנאה, אינה אהבה[5]... דאָס זײַנען אַזעלכע ליבע־ליידן, וועגן וועלכע מע טראַכט שטענדיק: באַם שטיין

---

[1] אישאָ נאָכריִאָ — אַ פרוי פון ניט־ייִדישן גלויבן; [2] איין גאָט; [3] גאָטס געשטאַלט; [4] יענעם מענטשן; [5] אַהאַוואָ שעיין אימאָ קינאָ, איינאָ אַהאַוואָ — אַ ליבע אָן אייפער איז ניט קיין ליבע.

און באַם זיצן, באַם שלאָפֿן לייגן זיך און באַם אופֿשטיין, באַם עסן און טרינקען. אָבער נאָך מערער ווי צום יאַכיד, דאַרף זײַן די אַהאַווע אַזאָ[1] צום מענטשן ביכלאַל, צום מענטשן ווי א טיילעכל פֿון דער וועלט, פֿונעם לעבן. דו האָסט א גוט האַרץ, איך ווייס. ס'בלאַנדזשען אַמאָל אַרנטלעכע נעשאָמעס, ריינע, צאַרטע, גלײַך ווי זיי וואָלטן גאָר קיינמאָל אינעם מענטשלעכן גוף ניט געווען, און זיי זוכן א טיקן. עפּשער וועסטו אים אויך אַמאָל געפֿינען. אַשער, גיי שוין אוועק פֿונדאַנען! גרייט זיך בעסער צום פֿאַרענדיקן מאָרגן דעם קאַדיש־יאָר, — האָט ער מיטאַמאָל אויסגעדרייט דעם קאָפּ אָף צוריק און מיט קאַס א געשריי געטאָן צום ברודערס זון.

דער פּלעמעניק זײַנער אַשער בען דאָוויד איז געשטאַנען פֿונדערווײַטנס און געזינדיקט מיט די אויגן. הינטערן פּעטערס פּלייצע איז ער צוגעשמידט געוואָרן מיט זײַנע הייסע בליקן צו וועטוריען. דער אומרו האָט אים געברענט די הויט, דאָס פּאָנעם האָט בא אים געסאַרפּעט, נאָר ער האָט זיך ניט געקאָנט אָפּרײַסן און אָפּטרעטן פֿונדאַנען. האַגאַם ער האָט געוווּסט, עמעצער וועט באַלד באַמערקן, ווי ער האָט זיך אײַנגעגעסן אין איר פּאָנעם, אָבער אַז דער פּעטער זאָל זײַן אָטעם דערשפּירן דאָ, אָף דעם האָט ער זיך גאָר ניט געריכט. פֿונעם סאַגי־נאָהערס אויסגעשריי האָט ער א ציטער געטאָן מיט אַלע אייוורים, און צו שאַרף האָט ער זיך א וואָרף געטאָן אָף צו פֿאַרשווינדן פֿונעם צימער.

שוין באַלד א גאַנצער זמאַן, אַז דאָס ייִנגל איז באַרמיצווע געוואָרן. מאָרגן זאָגט ער דעם לעצטן קאַדעש נאָכן פֿאָטער, וואָס האָט ניט דערלעבט צו דערהערן זײַן מאַכן די בראָכע באַם ערשטן מאָל לייגן טפֿילן. מאָרגן צום יאָר פֿונעם טאַטנס פּטירע וועט אוועקגעשטעלט ווערן די מאַציייווע אָף זײַן קייווער. דער קייווער געפֿינט זיך אָפֿן שטיקל קאַרקע, וואָס לעבן דעם אויהעל, ווו ס'רוען די ביינער פֿונעם זיידן זייערן, אוורהאָם בען דאָוויד.

יויעל האָט אָף מאָרגן גוט באַטראַכט די מעַנוירע, וואָס געפֿינט זיך אינעם אויהעל. דאָס איז א ניט גאָר טיפֿע הייל, מיט שטיינערנע טרעפּ בא דער עפֿענונג. אינווייניק אינדערפֿינצטער האָט ער זיך אָנגעשטויסן אָף עטלעכע קוואָרים־בערגעלעך מיט א באַנק בא דער זײַט. דאָס איז, אַפּאָנעם, דער רעשוס־האַראַבים פֿון דער מאַכפּיילע פּאַר די שיוואָ טוּווי האָ־יִר[2]. ווען ס'האָט זיך אים אײַנגעגעבן אויסקראַצן פֿונקען און צעבלאָזן א פֿלעמל אָפֿן שפּיץ קנויט, האָט ער דערזען האַרט בא דער וואַנט אַן אויסהוילונג אין דער פֿאָרם פֿון אַן אָפֿענעם אָרן, דערנעבן בישכיינעס א שטיין מיט אויסגעקאַרבטע אויסיעס. ער האָט איבערגעלייענט: הציון זה הוקם על קבר איש גדול בחכמה, בקי בכל חדרי תורה, אברהם בן דוד שנפטר ביום שישי בשנת ד"תתקנט (1199)[3].

הײַנט איז אויך פּרײַטיק. פֿונקט מיט א יאָר צוריק איז געשטאָרבן דער בכאָר זײַנער דאָוויד. די צוויי ברידער זײַנע: דער עלטערער עלקאָנע, און דער סאַמע ייִנגסטער — דער סאַגי־נאָהער, זײַנען זיך דאָרט פֿון אויבן איצט מיסאַסעק באַם אוועקשטעלן די מאַציייווע אָף זײַן קייווער.

בא א מיניען ייִדן ריגעווען דעם שווערן שטיק פֿעלדז, וואָס איז נאָר פֿון איין זײַט ארומ־געטעסעט. אָפֿן ארומגעטעסעטן זײַנען די אויסיעס ניט אײַנגעקריצט אין דער טיף, נאָר אויס־געוועלבט, ווי זיי וואָלטן אוועקגעלייגט געוואָרן אָפֿן פֿלאַך פֿונעם שטיין. עלקאָנע האָט זיך פֿײַן געלאָזט קאָסטן און האָט אראָפּגעבראַכט א ייִדן פֿון א ווײַטן באַרג־ייִשעוו, אַן אמן יד[4]. ער האָט אָף א גאַנץ נײַעם אויפֿן באַארבעט דעם מאַציייווע־שטיין.

באַם ארויסקריכן פֿון דער הייל האָט יויעל דערהערט, ווי מע איז שוין מעסאַמייעך דעם ניפֿטער מיט די אויסגעשרייען מאַזלטאָוו. די מאַציייווע שטייט שוין אָפֿן אָרט, און דאָס ייִנגל דער יאָסעם זאָגט דעם לעצטן קאַדעש. האָט ער זיך אוועקגעלאָזט, יויעל, אָף די שטעגן צווישן די קוואָרים באַטראַכטן די מאַציייווע־שטיינער, דאָס אָנגעשריבענע אָף זיי. ס'איז גוט, וואָס ער איז דאָ אַליין, שטערט אים קיינער ניט זיך אָפּשטעלן און באַוווּנדערן דעם אָדער יענעם נוסעך פֿון די שוואָכים, וואָס מע טיילט צו דעם שויכיין־אָפֿאָר. אָף א קייווער־שטיבל האָט ער איבערגעלייענט א צעטל נעמען פֿון א גאַנצער מישפּאָכע, וואָס איז דערטרונקען געוואָרן. ער וואָלט נאָך לאַנג אַזוי ארומגעגאַנגען אין דער לענג און אין דער ברייט פֿון אָט

---

[1] אַהאַוואָ אַזאָ — די שטאַרקע ליבע; [2] כּאַשעוווסטע לײַט פֿון שטאָט; [3] האַציִון זע הוקאָם אַל קעווער איש גאָדויל בעכאָכמאָ, באָקי בעכאָל כאַדריי טויראָ, אוורהאָם בען דאָוויד שעניפֿטאַר בעיוים שישי בישנאַס ד"תתקנט — דער צייכן איז אוועקגעשטעלט אָפֿן קייווער פֿון א מענטשן, וואָס איז גרויס אין כאָכמע, קלאָר אין דער גאַנצער טוירע, אוורהאָם בען דאָוויד, געשטאָרבן פּרײַטיק פֿונעם יאָר 4959 (1199); [4] אומאַן יאַד — א ספּעציִאַליסט.

דער מייסים־שטאָט, ווען בא אַן אויהעל טרעפט ער זיך ניט מיטן ספּאַרדי און מיט סקאָטן. ער האָט זיך פון זיי אָפּגעשיידט באַם אַראָפּגיין אַליין אין דער הייל, ווען זיי זײַנען געבליבן צוזען דאָס אופדעקן די מאַציייווע.

איצט איז זיך שוין דער הויפּט־אוילעם פון דאָרט צעגאַנגען. באַם טויטן איז נאָר געבליבן דער סאַגי־נאָהער מיטן פּלעמעניק און מיט אַ טייל פון זײַנע טאַלמידים. זיי האָבן זיך אויס־געזעצט אַף דער באַגראָזטער ערד, אין אַן איגול אַרום זייער וועגווײַזער, וואָס איז נאָך גע־בליבן זיצן אַף דער קלאָגבאַנק לעבן קייווער. לעבן אים צופוסנס זיצט דער פּאַריאָסעמטער אָשער בען דאָוויד און פּילט אַף זײַן קאָפּ דעם וואַרעמען גלעט פונעם פּעטערס צאַרט ווייכע הענט, און ס׳שרעקט אים דאָס שטילשווײַגן, וואָס האָט דאָ אַלעמען אַרומגעכאַפּט.

— ענויש קעכאָציר יאָמאָוו — דעם מענטשנס טעג זײַנען ווי גראָז, — זיפצט אַרויס איינער פון די עלטערע ייִדן, און בייסמײַסע אַ פאַרכושטער רײַסט ער דאָס גראָז אַרום זיך. די שטיקע האַלט אָן ווײַטער, קיינער וויל ניט אופרודערן דעם איניען פון שטאַרבן. דער גע־דאַנק פון בלע המות לנצח[1] קאָן צו ווײַט פאַרפירן, און דער סאַגי־נאָהער איז אַ גרויסער מאַקפּיד אַף די אַלע מאַכשאָוועס און ראַיוינעס פון דעם מין. פונדעסטוועגן כידעשט זיי די מענוכע און שאַלווע, מיט וועלכער ער זאָגט אַרויס, אָט דאָ באַם טאַטנס און באַם עלטערן ברודערס קוואָרים, די ווערטער — וועיאָציצו קעייסעוו בעסאָדע — זיי וועלן שפּראָצן, ווי דאָס גראָז אַפן פעלד, און ער צערעדט זיך וועגן דער אייביקײַט פונעם לעבן אַף דער ערד, און דער מענטש, וואָס ער איז דער מיטלפּונקט, דער עצעם טאַמציס, און דער פּויעל־יויצעדי־קער טאַכלעס פון אַלדאָס לעבעדיקע, מוז ער אויך זײַן אומשטערבלעך. האָוילאָם באָראָ בי־שוויל האָאָדאָם — אַלץ דאָ, אַף דער ערד און אין די הימלען איז באַשאַפן געוואָרן פאַר דעם מענטשנס־וועגן. ער איז דער איקער און טאָך פון גאָר דעם באַשאַף. ער איז דער העכסטער אויסדרוק, די קרוין פון דער וועלט־באַשאַפונג.

יויעל האָט ערשט נעכטן געלייענט און זיך אַרײַנגעטראַכט אין די פּאַרמעט־בויגנס, וואָס ער האָט געקויפט באַם לערן־באָכער, אָט דעם ייִדנס אַ טאַלמיד. יענער האָט אין זיי אַרײַנגע־שריבן אַלץ, וואָס ער האָט פון אים געהערט וועגן מענטשן. דאָרט איז פאַראַן אַ סאַך וועגן דעם קיוון צו דערגיין צום אידעאַלן מענטשן, אַף וועמען מע קאָן זאָגן: המלאך שואף ממנו[2] — אַ מאַלעך גענישט פון אים. ווײַל אַ מאַלעך איז בעיעכוילעס צו טאָן בלויז דעם ראָצן פונעם בוירע, און נאָר דאָס, וואָס ס׳איז פאַר אים פון פאָרויס אָנגעצייכנט: אָדער גוטס, אָדער כאָלילע שלעכטס. אַנדערש איז דער מענטש. אין אים איז אַלץ פאַראַן, און ער האָט אַ פרײַען ווילן. ער פאַרמאָגט אין זיך דאָס גאַשמיִעסדיקע און דאָס רוכניִעסדיקע. ס׳איז בא אים דער שטענ־דיקער וואָיסרויציצו צווישן רישעס און גוטהאַרציקײַט, צווישן דערהויבנס און שיפלעס, און, אַ באַשענקטער מיט ראַכמים און מיט סייכל, מיטן קויעך פון דענקען און מיט דער מעגלעכ־קײַט פון בחירה חפשית[3], איז דעריבער תכליתו להיות כאלוהים[4].

איצט הערט ער פון אים דאָס זעלבע, אָט דאָ אַפן בייס־מענוכע, צווישן אַזויפיל שויכניי־אָפאָר, ווו יעדעס זעמדעלע דערציילט דאָ וועגן סויף אָדאָם לאָמאָוועס, רעדט ער וועגן דער העכסטער מאַדרייגע פון דער יעצירע — דעם מענטשן, דעם מענטשן, וואָס איז די ערשטע געשטאַלטונג פון אַלץ, וואָס געפינט זיך אַפן הימל און אַף דער ערד.

דער קאָפּ איז באַם סאַגי־נאָהער פאַרהויבן. אַרום דער נאָז — צעשטראַלטע קנייטשעלעך, און מיט אַזאַ מעסיקעסדיקער דווייקעס ווערן פאַמעלעך רוִיק אַרויסגעבראַכט די ווערטער פונעם מויל, גלײַך ווי דאָס וואָלט געוועזן הוילע נעגינע. מע זעט דעריבער גלײַך די צוגעבונדנקײַט צו אים פון זײַנע צוהערער, דעם טיפן טײַנעג, וואָס זיי האָבן פונעם הערן אים.

יויעל האָט נאָך קיינמאָל ניט באַגעגנט אַ מענטשן מיט אַן אויסזען פון אַן עכטן איש תמים[5], און מיט אַ מעסיק קאָל, וואָס רעדט שטענדיק כמסיח לפי תומו[6], און ער זאָל האָבן אַזאַ ווירקונג אַפן אוילעם. אַנדערע, מיט אַ פײַנערן געשטעל, זײַנען זיך מיסגאַבער[7], די שטים זאָל בא זיי קלינגען. זיי צינדן זיך אַליין אָן, און מיט אַ פײַער אין די אויגן עגבערן זיי דעם כאָלאָל. זיי דונערן מיט אַ מין אופּבראַוויז פון רעגישעס[8] און היסלײַוועס, און דאָך זײַנען זיי מער ניט ווי דער האַרטער שטיין, פונוואַנען ס׳איז שווער צו באַקומען אַ טראָפּן וואַסער. דער אָבער איז ווי אַ שלאָגנדיקער שטילער קוואַל. ער רעדט איצט וועגן מאַאַסע מערקאָוואָ —

---

[1] בילא האמאָוועס לאָנעצאַך — דער טויט זאָל פאַרשווינדן אַף אייביק; [2] האַמאַלאָך שויעף מימענו; [3] בכירע כאָפשיס — פרײַען ווילן; [4] טאַכליסוי ליהיויס קעעלויהים — זײַנען זיי באַרופן צו זײַן ווי גאָט; [5] איש טאָמים — אַ מענטש אָן פּניעס; [6] קעמאַסיאַך לעפי סומוי — וואָס רעדט אופריכטיק־נאַיִוו; [7] שטאַרקן זיך; [8] פּילבאַרקײַט.

גאָטס קיסע־האַקאָוועד, און מיט אַזאַ פּאַשעטער געמיטלעכקייט, גלײַך ווי ס'וואָלט געגאַנגען אַ רייד וועגן גאַנץ געוויינלעכע שאַפּלדיקע זאַכן.

— דער יעסאָד פון אַלץ אין דער וועלט, — זאָגט ער, — איז טנועה[1]. אָן דעם קויעך פון באַוועגונג, ווען די זון זאָל זיך אָפּשטעלן, וואָלט קיין זאַך ניט געקאָנט ווערן, און קיין זאַך וואָלט ניט געקאָנט אופהערן צו ווערן. ס'איז אויך פאַראַן אַ מין קויעך־האַמוישעך... אַ מין קראַפט אַף צוציִען...

— און מיר האָט אַ שטערנזעער געגעבן צו פאַרשטיין, — שלאָגט אים איבער אַ ייִד פון דער זײַט, וואָס איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אין אַ בוים, — אַז אַלע פאַרנאַכט נעמען פיר הונדערט מאַלאָכים אַראָפּ די קרוין פון דער זון און לייגן זי אַוועק באַם קאַוואַיאָכלס שטול צופוסנס. פאַרטאָג טוען זיי די קרוין ווידער אָן אַפן קאָפּ פון דער זון. און דאָס איז טאַקע די שײַן, וואָס גייט פון דער קרוין...

דאָ האָט זיך יויעל דערמאָנט אינעם אויסדרוק קאַדור־האָאָרעץ[2], וואָס ער האָט דאָס ערשטע מאָל געהערט פונעם סאַגי־נאָהערס מויל. ער האָט איצט ניט געוואָלט שטערן זײַן דערקלערונג וועגן דעם טאָג־שפּאַציר פון דער זון. נאָר ווען ער האָט שוין גענומען ריידן וועגן דער לעוואָנע מיט די שבעה כוכבי לכת[3], די זיבן פּלאַנעטעס, וועלכע שטייען אויך ניט אַף אַן אָרט, איז אים יויעל אַרײַן אין די רייד:

— דאָס קאָן מען אַמאָל זען דורך אַ טרויב אָדער אַפילע מיטן פּאָשעטן אויג, ווען מע קוקט זיך לאַנג אײַן. אָבער די ערד, אַף וועלכער מיר געפינען זיך, וויאַזוי קאָן זי זײַן אַ קאַדור? און פאַרוואָס עפּעס אַ קאַדור?.. — ווען ווי ווײַט דער מענטש זאָל ניט דערלאַנגען, אין די ווײַטסטע מעדינעס, איז אומעטום אײנס און דאָס זעלבע.

— אין טאַלמוד יערושאַלמי איז נאָך פאַראַן געשריבן: ראה העולם ככדור[4], — האָט דער סאַגי־נאָהער געלאָסן אָפּגעענטפערט, — און בא אַזאַ בר סמכה ווי רב אמנון סבא[5], האָב איך מפיו הקדוש[6] געהערט: די גאַנצע באַווינטע ערד דרייט זיך אַרום איר אַקס, ווי אַ קײַלעך.

אין דערין האָט זיך שוין אָנגעכאַפּט מיכאיִל סקאָט, דער ספאַרדי, דער ייִד, וואָס האָט פאַרפירט אַ רייד וועגן דער זון. זיי האָבן געהאָלפן יויעלן אָפּפרעגן די דאָזיקע האַשאָרע. דער לעצטער האָט מער פון אַלעמען געשטרײַט. לאָזט זיך אויס, אַז דאָס איז דער מײַסטער פון שטיינקריצערײַ, וואָס עלקאָנע האָט אים מיטגעבראַכט מיט זיך, ער זאָל בײַזײַן באַם שטעלן די מאַציייווע. דער דאָזיקער באַלמעלאָכע האָט זיך פאַרופן אַף אַ קסאַוויאַד, וואָס ער פאַרמאָגט אַן אייגנס בא זיך אין דער היים. דאָס איז אַ כיבער פון איינעם אַ באַרימטן אַסטראָנאָם, פון דער שטאָט טאָלעדאָ. ער האָט געלעבט מיט העכער הונדערט יאָר צוריק. זײַן נאָמען איז אַבו ייִצכאָק איבראַהים בען יעכיע איבן זערקאַלאַ. דער דאָזיקער מאַן פון וויסן דיסקוסירט מיט פּטאָלאָמייען וועגן דעם גאַנג פון די הימלקערפּערס. ער רעדט דאָרט אַרום אינעם כיבער וועגן די צוועלף מאַזאָלעס. וועגן דעם נעהאַר די־נור — דעם מילך־וועג. וועגן דער עגלה[7] — די גרויסע בעריכע. וועגן די כוכבא דשביט[8] — די קאָמעטע, דערהויפּט וועגן דעם כוכב נוגה[9], וואָס הייסט בא די אומעס־האָוילאָם ווענערע...

— און וועגן דער קרוין פון דער זון, וואָס די מאַלאָכים נעמען זי אַראָפּ אַף באַנאַכט, רעדט ער דאָרט ניט? — האָט עמעצער פון די טאַלמידים מיט אָפּענעם שפּאַס אַ פרעג געטאָן.

— וועגן דעם איז דאָרט ניטאָ, — האָט דער שטיינקריצער זיך פאַרלוירן. אַ רויט־געוואָרענער האָט ער זיך געפּרוווט פאַרענטפערן: — דאָס האָב איך גלאַט אַזוי... אין דעם גלייבט דער האַמוין־אַם...

— האָט איר געמיינט, אַז איר האָט דאָ אויך אָנגעטראָפן אַף אַן ערעוואָוו? — האָט זיך אַף אים אַרופגעוואָרפן אַ צווייטער, פונעם סאַגי־נאָהערס טאַלמידים, און נאָך אַנדערע האָבן אים אונטערגעהאַלטן.

— דער מענטש האָט קיין בושעס־פּאָנעם ניט.

— אַזאַ ניט־דערצויגנקייט! געקומען אַהער אָפּשפּאָטן!..

— אַזאַ כאַרפּע!

— פאַר אַזאַ זאַך ציילט מען די ביינער.

— און ס'האָט גאָר קיין גנײַ ניט, קוקן אין פּאָנעם אַרײַן...

---

[1] באַוועגונג; [2] ערד־קײַלעך; [3] שיוואָ קויכווי לעכעס; [4] ראָאָ האָוילאָם קעקאַדור — ער האָט געזען די וועלט, ווי אַ קײַלעך; [5] באַר סאַמכאָ, ווי ראַבי אַמנוין סאָוואָ — בא אַזאַ געלערנטן, ווי דער אַלטער ראַבי אַמנוין; [6] מיפּיוו האַקאָדויש — פון זײַן הייליקן מויל; [7] אַגאָלע — געמיינט: געשטערן; [8] קויכווע דעשאָוויט; [9] קויכאָוו נויגאַ.

דער שטיינקריצער האָט געזען, ווי די יונגען הייבן זיך פון די ערטער. אינגאַנצן אַ צעטומלטער, האָט ער גענומען שטאַמלען מיט כאַראָטע אין דער שטים:

— איך האָב גאָרניט געמיינט... איך האָב נאָר געוואָלט זאָגן... דאָרט רעדט זיך אויך וועגן דער ערד, אָבער ניט אַף אַזאַ אויפן, ווי מיר האָבן דאָ נאָרוואָס געהערט. אָט דער יונגערמאַן... — האָט ער אָנגעוויזן אַף יויעלן, און מיט אַ קאָל־טאַכנונים: — זאָגט דאָך אויך... אויב ס'איז אַ קאַדור?.. איך ווייס ניט... איך פאַרשטיי ניט, ווי?אַזוי איז מיט די, וועלכע שטייען גאָר פון הינטן...

— די, וועלכע שטייען גאָר פון הינטן, — האָט דער סאַגי־נאָהער געמיטלעך געגעבן אים צו פאַרשטיין, — געפינען זיך דאָרט, אַפּאָנעם, אַזוי פעסט און זיכער, ווי די, וואָס פון אויבן. דער ערדפלאַך איז גענוג ברייט און גרויס. אַף דעם אומגעהייער ריזיקן שטעטך זײַנען מיר, מענטשן, ווי די קריכנדיקע באַשעפעניש. מעגלעך, אַפילע אַף אָט דער גוואַלדיקער גרייס, ערגעץ אין עק־וועלט איז טאַקע יאָמעש כוישעך, ווען באַ אונדז איז העלער טאָג. אויך פאַרקערט, ווען באַ אונדז איז נאַכט, איז באַ זיי טאָגיק ליכטיק. — און אַ פאַרטראַכטער נאָך אַ קירצערן איבערײַס האָט ער צוגעגעבן: — עפשער איז טאַקע עמעס, אַז ס'זײַנען אויך פאַראַן אַזעלכע מעקוימעס און מעדינעס, וווּ ס'איז שטענדיק ליכטיק. די כאַשכעס דאָרט איז נאָר אַף אַ קורצער צײַט.

ס'האָט זיך פּלוצעם דערטראָגן אַהער דאָס האָרן־געשאַל, ווי מע וואָלט געבלאָזן מיטאַמאָל אין עטלעכע שויפערס. דאָס איז די ערשטע טקיִע, וואָס רופט צו פאַרלאָזן די אַרבעטן הינטערן שטאָט, אַף די גערטענער און פעלדער. ס'איז שוין צײַט זיך מייכן זײַן צום שאַבעס־קוידעש. די זון האָט שוין אַריבערגעשפּאַנט דעם זעניט און איז אַרײַן אין דער צווייטער העלפט טאָג...

ווען דער גאַנצער אוילעם פונדאַנען איז שוין געווען ווײַט פונעם בייס־כאַיִם, ערגעץ אַפן מיט וועג צו דער וועבער־גאַס, וואָס אינעם ייִדישן פּערטל, האָבן זיי דערהערט די צווייטע טקיִע, וואָס זאָגט אָן עטוואָס אײַנגעהאַלטענער, מיט אַ שטילערן שאַלן־רוף, אַז ס'איז שוין געקומען די צײַט צוצומאַכן די אַרבעטס־פּלעצער, די פּאַרקויף־שטעלעס און די געוועלבער. די אַלע ערטער, וואָס האָבן צו טאָן מיט וואָכעדיקײַט.

דער שטיינקריצער האָט זיך אין וועג אָנגעכאַפּט אין יויעלן, ווי אינעם איינציקן, מיט וועמען ער איז באַ איין מיינונג אין דער פראַגע וועגן קאַדור־האָאַרעץ. ער קלאָגט זיך, וואָס ער האָט זיך דאָ צו לאַנג פאַרהאַלטן, ביז ס'האָט זיך אונטערגעכאַפּט דער שאַבעס, און ער האָט אַף זיך נאָך אויסצופילן אַ וויכטיקע שליכעס. מע האָט זיך דאָ גאַנץ שיין געקאָנט באַגיין אָן אים. ער האָט זײַנס אַפן אָרט אָפּגעטאָן בישליימעס, האָט אים דער עלקאָנע געצווונגען מיטצושלעפּן זיך מיטן שטיין ביז הי. זיי האָבן געהאַט אַ שווערע נעסיִע. דער לאַסטוואָגן האָט זיך אָפּט געבראָכן. מע האָט אין וועג צוויי מאָל געדאַרפט בײַטן די מויל־אייזלען. דאָס אַרויספאָרן אַהער אַפן בעסוילעם איז אויך אָנגעקומען מיט מאַטערניש. אַזוי־אַרום האָט ער אַרײַנגעצויגן ביז צום סאָף וואָך.

יויעל הערט אים און איז פאַרטאָן אין זײַנע אייגענע ראַיוינעס. ער האָט זיך געוועדט, ווען יענער האָט פונדאַסניי געוואָלט פאַרפירן אַ רייד וועגן דער פלוגטע מיטן סאַגי־נאָהער. דעם ייִדן גייט שוין אַזוי ניט אָן דער עצעם וויקועך, ווו און באַ וועמען ס'ליגט דער עמעס, ווי אָט דער בייזער אַזעסדיקער אָנפאַל פון די לערן־באָכערים די אַמעראַצים. זיי שטעלן זיך ניט פאָר, אַז אין זייערע יאָרן איז שוין געווען אַ מײַדים אין אַסטראָנאָמיע, און ביז הײַנטיקן טאָג איז ער גרייט אָפּגעבן אַ גאַנצן אוצער פאַר אַ רעכטן כיבער וועגן דער אַסטראָנאָמישער וויסנשאַפט.

דער ייִד קאַרגט ניט קיין לויב־געזאַנגען אויך פאַר יויעלן. ער האָט באַלד דערקענט אין אים אַ דאָרשטיקן וויסן־זוכער. דאָס איז גאָרניט, וואָס ער ווייסט נאָך ניט אַלץ. אַ יודע שאַנו יודע איז שוין אַ האַלבער יודע[1]. דערצו איז ער נאָך יונג און האָט אַ דראַנג און ווילן צום נאָכדענקען, צום אַליין זיך פאַרטראַכטן. ניט אַזוי ווי אָט די אַמעראַצים, וואָס מיר האָבן נאָרוואָס געזען, אָט די פּוסטע קעפּ, וואָס וואַרטן אַף גרייטן. זיי האָבן אַפילע קיין האַסאָגע ניט אַליין מיטן אייגענעם סייכל צו עפּעס דערגיין... ער האָט נאָך לאַנג גערעדט, און נאָכאַמאָל וועגן זיך. וועגן די קסאַוויאַדן יעקאַר־האַמציִעסן, וואָס ער פאַרמאָגט זײַן אייגנס. ווי?אַזוי ער קויפט זיי אויס, ווי נאָר ער געפינט עפּעס אַזוינס, וואָס האָט אַ שײַכעס צו די הימל־קערפּערס. אָט דאַרף ער זיך דערלאַנגען קיין טולוז. אימײַרצעהאַשעם מאָצע־שאַבעס לאָזט ער

---

[1] אַ יעדייע שעוינוי יעדייע, איז שוין אַ האַלבער יעדייע — אַז מע ווייסט, אַז מע ווייסט ניט, איז מען שוין אַ האַלבער ווייסער.

זיך אין וועג אַרײַן. ער וועט דאָרט זײַן באַם הערצאָג אין שלאָס, באַם גוטן ריימונד דעם זעקסטן. ער דאַרף זען דעם הערצאָגס טאָכטער. עפּשער וועט ער בײַ איר עפּעס קריגן. מע זאָגט, זי איז אַ וויל־געלערנטע, און זי קויפט אויס כיבורים איבער קאַלעריי כאַכמעס...

יויעל איז שטיין געבליבן:

— אַט צוליב דעם פאָרט איר אַהין?

— ניט נאָר צוליב דעם. איך האָב דאָרט אַ גרויסע באַשטעלונג באַם טולוזער אָוו־בעסדן. ער האָט מיר געלאָזט וויסן, אַז זיי מוירען דאָרט אַ שטיינערנעם אויהעל, און זיי דאַרפן אַ גוטן שטיינהעקער, נאָר איך וועל אין שלאָס אויך זײַן. איך האָב צו איר אַ באַזונדער שליכעס, צו דער יונגער הערצאָגן.

ווען איבער פּאַסקיער האָט זיך צעטראָגן צום דריטן מאָל דאָס שאַלן פון די האָרנס און דאָס האָט געהייסן, אַז ס'איז שוין צײַט אָנצינדן די שאַבעס־ליכט, איז יויעל מיטן שטיינקרי־צער שוין געווען בײַ וועטוריען. דער ייִד האָט איר געבראַכט אַ געשריפטס פונעם פויגל־יעגער, דעם עלטערן פאַלקן־דרעסירער, וואָס יויעל האָט אים געהאַט אָנגערופן נימרעד דער צווייטער. ער גיט צו וויסן, אַז ער האָט געזוכט און געפונען דעם מאָקעם־מענוכע פון דער מאַכשייפע. זי וווינט איינע אַליין אין אַ כאָרעוון שלאָס, אין דער נאָענט פון אַ באַרג־ייִשעוו. דאָרט האָט ער זיך אָנומלטן אָנגעשטויסן אַף דער אַנטלאָפענער הויף־דאַמע, וואָס מע רופט זי פּענסולינע. זי האָט קיין אַנונג ניט געהאַט, אַז ער איז ניט לאַנג צוריק געקומען פונעם שלאָס, ווו מע ווייסט גוט, ווער זי איז, ווו ער האָט זיך גענוג אָנגעהערט וועגן איר ניד־ערטרעכטיקע טאַטן. זי האָט אים אַליין אויסדערציילט, ווער זי איז און פונוואַנען זי קומט. זי האָט זיך אַפּילע באַרימט, אַז אײַנגיכן וועט זי צוריקגערופן ווערן צו דער עלטערער הער־צאָגן. ס'האָט זיך בײַ אים געשאַפן אַן אײַנדרוק, אַז דאָס איז די פּענסולינע די עמעסע מאַכ־שייפע, ניט די, צו וועמען זי איז צוגאַסט געקומען. ער זעט זי דאָס ערשטע מאָל, נאָר ער האָט נאָך אַף זײַן לעבנס־לעבן ניט געזען, אַז אַ פרויענצימער זאָל זײַן אַזאַ אַכצי־כצופּעדיקע מופקערעס.

ס'האָבן שוין לאַנג אָפּגעהילכט די לעצטע דרײַ טקיִעס, וואָס האָבן מודיִע געווען, אַז ס'איז שוין אַרײַנגעטראָטן דער שאַבעס. דער שטיינקריצער דערציילט נאָך אַלץ וועגן זײַן בעסטן יעדיד דעם פאַלקן־דרעציִער נימרעדן, מיט וועמען ער וווינט בישכיינעס אַ טיר בײַ אַ טיר. וואָס פאַראַ געטרײַע בוזעם־פרײַנט זיי זײַנען. אַז נאָך פון די קינדער־יאָרן האָבן זיי ביידע געפליקט די בערג־ניס, פון וואָס פאַר אַ הייך דער נוסנבוים זאָל ניט זײַן. איז ווי האָט ער געקאָנט אים אָפּזאָגן פון זען זיך מיט דער גנעדיקער הערצאָגן און אויך מינדלעך איר אַלץ איבערגעבן וועגן אָט דער פאַרשײַטער נאַפקע, וואָס איז אַנטלאָפן פונעם שלאָס?

יויעל זיצט ווי אַף קוילן. ער וואָלט שוין איצט וועלן זײַן אַליין און זיך טאָקע אָפּגעבן דעם פאַרגעניגן פון אַן עמעסער שאַבעס־רו, ניט די רו, אין וועלכער אַ מענטש נאָך אַ שווע־רער אַרבעט, אַן איבערגעמידעטער, נייטיקט זיך. נאָר די עכטע רו, ווען דו האָסט דאָס געפיל, אַז דו רוסט אָפּ בעגוף און אויך בענעפעש, מיטן געמיט און מיט דער נעשאָמע, מיט אַלע ראַמאַך איִיוורים און מיטן גאַנצן זינען. דעריבער איז די שאַבעס־רו אָנגעזאָגט געוואָרן אַלי־ציינס פאַרן קנעכט ווי פאַרן האַר, וועלכער איז לאַכלוטן ניט פאַרהאַרעוועט, אַפּילע פאַר די הויז־באַלעכאַיִם, אַף אַלדאָס לעבעדיקע איז אָן שום מעכיצעס כאַל דאָס געבאָט פון שאַבעס שאַבאָסוין.

ער באַדויערט וועטוריען, וואָס פילט זיך ווי געטראָפן דערפון, וואָס דער שטיינקריצער האָט זיך אויך מיטאַמאָל אַ הייב געטאָן, און ביידע פאַרלאָזן זיי זי, אָן דעם צוניפרייד וועגן דעם נאָכשאַבעסדיקן אַרויספאָר אײַנדרײַען אין די באַרג־מעקוימעס, ווו ס'האַלטן זיך איצט אויף די מאַכשייפעס.

לאַנג נאָך איינער אַליין בײַ זיך אין כיידער טראַכט יויעל וועגן וועטוריען מיט אַ גוט־האַרציק וואַרעם געפיל. ס'טוט אים לייד, וואָס זי וועט קיינמאָל ניט פאַרשטיין און ניט דער־פילן דעם עכט גוטן טאַם פון אָט דעם מענוכע־טאָג. איז עס דען בלויז מענוכע? ווי וואָלט זי עס געקאָנט באַנעמען, אַז ס'איז אַן אויסגעטרוימט שטיק לעבן, אַן אויסגעכאַלעמטער רו־טאָג, וואָס אַז ער קומט, ברענגט ער מיט זיך אַ מין דערהויבנקײַט, באַגלייט מיט אַ שטילער כעדווע[1].

---

[1] פרייד.

דאָס פערטע קאַפּיטל

אין אַ פּאַרקישעפטן קרײַז

1

אין צאָפן פון לאַנד, אינעם קליינעם יִשעוו יוזערשע, האָבן געלעבט מענטשן טמימעסדיקע און בִיז גאָר גאָטספאָרכטיקע. דער כאָשעווסטער און באַגלייבטסטער מאַן איז בא זיי געווען דער קיורע, אַ גוטמוטיקער אַלטיטשקער, אַ נעשאָמע־פאַרזאָרגער, פול מיט לײַטזעליקײַט צו די אונטערגעאָרדנטע פון זײַן פּאַראַפיע. די דאָרטיקע אײַנוווינער זײַנען גרייט געווען צו גיין אין פײַער און אין וואַסער פאַרן קריסטלעכן גלויבן, פאַר דער הייליקער קירך, פאַר גאָטס קאָוועד. באַם קיורעס קלויסטער־דינער מאַרטין לאַראָש איז דאָס ווײַב געווען אַ צויבערגעשטאַלט פון אַ גאַליערן. מע האָט זי גערופן דזשאַנע. ווער ס׳האָט זי געזען אין אַ פאַרכמורעטן ווינטער־טאָג, האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז ער זעט פאַר זיך די שײַנענדיקע פרילינגזון. אַזאַ בילד־פּאַרשוין איז דאָס געווען. נאָר זי האָט קיין קינדער ניט געהאַט. ניט דער מאַן און ניט דער אַלטער קיורע מיט זײַנע טפילעס האָבן דערצו ניט געקאָנט העלפן. גאָטס גנאָד האָט זיך פון איר אָפּגעטאָן.

אויפן קלויסטער־הויף, הינטער גראַטעס, איז געשטאַנען אין דער גאַנצער גרייס אַ שטיינערנע סטאַטוע פונעם הייליקן יוסטוס. יונגע מיידלעך, וואָס האָבן געבענקט נאָך ליבע, האָבן געוואָרפן אויף דער סטאַטוע קנײַלעכלעך וואָל — וועט דאָס קנײַלעכל טרעפן אין דער סאַמע מיט פון האַרצן, וועט שוין דאָס געגאַרטע זיכער קומען. באַיאָרטע אַקאָרעס, קינדערלאָזע יונגע ווײַבלעך האָבן זיך באַמיט צו טרעפן מיטן קנויל אַ ביסל נידעריקער פון דער מיט. די וואָל, וואָס האָט זיך אָנגעקליבן פאַר דער וואָך, האָט דער קיורע צונויפגעזאַמלט און דער פּידיען איז געגאַנגען אויף אונטערצוהאַלטן קײַלעכיקע יעסוימים. די וואָל־וואַרפערנס אָבער האָט עס אַמאָל יאָ געהאָלפן, דערהויפּט די ליבע־בעטערנס, און אַמאָל ניט. אַלנפאַלס דעם קלויסטער־דינערס בילד־שיין ווײַב דזשאַנען האָט עס קיינמאָל ניט געהאָלפן. זי האָט אפילו אָפּט טפילע געטאָן צו דער הייליקער מאַדאָנע מיטן קינד אויף די הענט. נאָר אַז ס׳האָט אַראָפּגעקוקט דאָס ערנסטע פאַרזאָרגט־טרויעריקע אויסזען פון גאָטס מוטער, וואָס איז, אַפּאָנעם, פּונקט אַזוי, ווי זי, טיף אומגליקלעך געווען מיט איר בסולעשאַפט, און מיטן מאַן דעם טויגעניכטס, האָט זי פאַרשטאַנען, אַז זי וועט בא איר גאָרניט אויסבעטן. זי וועט דאָ האָבן די זעלבע פּולע, וואָס מיט די וואָל־קנוילן.

דער יונגער סראָרע פונעם נאָענטן שלאָס, וואָס קומט אָפּטמאָל צום קיורע, האָט אויף איר אַן אויג געוואָרפן. זי פון אים האָט אויך דאָס אויג ניט אַראָפּגענומען. ער באַגיטיקט דעם מאַן אירן פון מאָל צו מאָל מיט אַ געשאַנק. ער האָט אפילו אַמאָל בא זיי אָפּגעוואָרפן אַ זײַטל פון אַ קאַלב, וואָס ער האָט געבראַכט פאַרן קיורע. אין אַ וואָכעדיקן טאָג פון אַ גאַנץ יאָר אַזויפיל פלייש פאַרמאָגן?! אירע גרויסע אויגן האָבן אופגעלויכטן מיט אַנציקונג. זיי זײַנען געוווינט צו אָט דעם מין עסנוואַרג נאָר אין די געציילטע גרויסע כאָגע־טעג. דאָס עסן זייערס אַ גאַנץ יאָר באַשטייט טאָגטעגלעך פון גאָרטנוואַרג מיט צוואָרעך. אַמאָל פאַרגינען זיי זיך אַ געבראָטן פישל. זעלטן ווען טוען זיי זיך אָן דאָס פאַרגעניגן מיט אַ פּיקעט־געטראַנק, וואָס זיי קאָכן אויס פון קרײַטעכצער איבערגעמישט מיט אויסגעקוועטשטע ווײַנטרויבן.

מאַרטין, דער מאַן אירער, אינעם בלויען העמד ביז די קני, אין די ברייטע לײַוונטענע הויזן, איז ווי צוגעשמידט געוואָרן מיט די באָרוועסע פיס צו דער טיר־שוועל, ווען ער האָט דערזען אַזאַ גרויסן פריידעק פלייש בא זיך אויפן טיש. ער האָט אפילו קיין פריילעכע מינע ניט אַרויסבאַוויזן. זי, אַ צעפלאַמטע, האָט דעם סראָרע די הענט געקושט, און ער, דער מאַן, האָט דאָס מויל ניט געעפנט אויף אָפּצודאַנקען. עפשער בעסער אַזוי. אַז ער זאָגט שוין יאָ עפּעס, קלעפּט זיך אויך ניט אַ וואָרט צו אַ וואָרט. דער קימרישער אָדער זיצט אין אים געווינג פעסט. ער איז שוין גאָרניט אַזאַ נאַר, ווי ער מאַכט זיך. אָפּטמאָל באַווײַזט ער אפילו אַ מין שעלמישקײַט. זי ווייסט, אַז ער איז אפילו דורכגעטריבן־צווײַעסדיק, כאָטש אַזוי זעט ער אויס ווי אַ באַדאַכטער מענטש. ער וועט קיינמאָל ניט געבן קיין גלײַכן ענטפער אויף דעם, וואָס מע פרעגט בא אים. ער איז פון דער נאַטור, ווי אַלע פון זײַן שטאַם, ניט אַזאַ דרייסטער און פלינקער אויפן וואָרט, האַגאַם דער סייכל איז בא אים אַ גאַנץ ניכטערער, מיט דער געעריקער אויסגערעכנטקײַט און שטענדיק באַזיניקט. דאָס איז בא אים אַ יערושע־זאַך, וואָס גייט פון די בריטן, מיט וועמען די קימרים האָבן קרויוויש בלוט. ס׳פּעלט אין אים די אײַנגעבוירענע האָפערדיקײַט, די לעבעדיקע אָפנהאַרציקײַט, דער אימפּעט, דער ברען, וואָס ס׳פאַר־

מאַגן אין זיך די גאַליערן, די עכטע פראַנקן. אפילו די אויסערלעכקייט איז בא אים א טויט־ערנסטע, א קאַלט־שווײַגנדיקע.

ביז זי האָט אָנגעהויבן לעבן מיט אים, איז איר געפעלן געוואָרן און ס׳האָט איר גערייצט זײַן שטאַלטנע וווקס, מיטן בלאָנדן קאָפּ האָר, דאָס לענגלעכע פּאָנעם מיטן הויכן ברייטן שטערן. זי האָט אפילו מיט אירע פינגער אויסגעמאָסטן, אז די אויגן בא אים געפינען זיך אין דער סאַמע מיט פונעם געזיכט. ער האָט זי אויסגעלאַכט: דאָס איז דאָך בא יעדן מענטשן אזוי. ס׳איז איר געווען אָנגענעם זײַן פולבלעך שיין מויל מיט די קרעפטיקע ווײַסע ציין. דערפאַר דער פאַרקײַלעכטער קין — צו אן ארויסגעשטאַרטשעטער. זי האָט פון אים ניט איין מאָל געשפּאָט: די נאָז קוקט בא אים אַף אראָפּ, און די באָרד אַף ארויף... און נאָך האָט זי געלאַכט פון אים: וואָס ער קאָן ניט פאַרלײַדן איר געזאַנג, און אז זי שלעפּט אים אמאָל ארײַן אין א טאַנץ־ראָד, דרייט ער זיך אן אומצופרידענער ווי א גוילעם און מיט א מין קאָמישער ערנסטקייט אַף זײַן זויער גאָטספאָרכטיקן פּאָנעם.

אָט מיט דער זעלבער זויערער מינע איז ער איצט געשטאַנען פארן יונגן סראָרע, דערצו נאָך א צעכראַסטעטער, מיטן הוילן קאָפּ, אַף וועלכן די האָר־פּאַסמעס זײַנען געווען אונטער־געהאַקט ביז העכער די אויערן, און דער האַלבקײַלעך געדיכט פאַרפּלאָנטערטע ביבער־האָר האָבן אים צוגעגעבן א האַכנאָעדיק בעטלערישן אויסזען.

דער אָפענער געשפּרעך צווישן אָט דיביידע מענער האָט געמוזט סאָפקאָלסאָף אויס־ברעכן, און דאָס איז פאָרגעקומען בא דער אָנוועזנהייט פונעם קיורע.

די׳אַנע האָט שוין געהאַט זיך מיסוואַדע געווען. זי האָט קלאָר און דײַטלעך בײַס דער ווידע געזאָגט דעם קיורע: אז זי וועט אײַנגיין אַף אָט דער גרויסער און שווערער זינד. ס׳ברענט איר דאָס לײַב. זי ווערט פאַרקוילט פון אָט דעם לאַנגן טליען. אויב זי וועט זיך ניט אופלייזן און ס׳וועט ניט געעפנט ווערן איר מוטערטראַכט, וועט זי זיך א מיסע אָנטאָן.

— דאָס איז נאָך א גרעסערער כעט, — האָט דער קיורע א צעטומלטער אופגעשוידערט און זי גענומען שרעקן, — דאָס איז א גלײַכער וועג אינעם פלאַמפײַערדיקן געהענעם, און אויך אַף דער־וועלט וועט מען דיר פאַרשילטן דאָס געביין, און אז ס׳וועט קומען די צײַט, וועט מען דיך ווי א נעווילע באַגראָבן אַף א פוסט פעלד ניט אונטערן קרייץ, און אָן א רעקוויעם.

דאָס איז געשען נאָך דער זונטיק־מעסע, אינעם הויף־קלויסטער באַם שלאָס. דער יונגער סראָרע האָט באַלד דערנאָך פאַרנאַרט דעם קיורע צו זיך אין א באַזונדער ציידער, און ער האָט געוואָלט בא אים פועלן, ער זאָל זיך אין דעם איניען לאַכלוטן ניט ארײַנמישן. זאָל ער בלויז הערן און שווײַגן. ער דאַרף אים נאָר פאַר אן איידעס: אז דאָס צוגעזאָגטע, אויב ס׳וועט נאָר צו שטאַנד קומען דאָס, וואָס ער באַגערט, וועט פון זײַן זײַט אָפן אָרנטלעכסטן אויפן אויסגעפילט ווערן.

דער מעוווּלבעלער איידע־פּאַסטעך האָט זיך געאַקשנט. ניט געקוקט אַף דעם סראָרעס דראָונגען, האָט ער פאַרוואָרפן מיט הענט און פיס, נאָר ס׳האָט אים גאָרנישט ניט געהאָלפן. ער איז מיט גוואַלד און צוואַנג פאַרבליבן אָפן אָרט, און זײַנע אויגן האָבן געמוזט צוזען און די אויערן זײַנען געצוווּנגען געווען צו הערן, ווי דער סראָרע האָט געוואַגט צו זאָגן דעם ארײַנגעקומענעם מאַרטינען, זײַן קירכן־דינער. דערבײַ איז אויך געשטאַנען די מופקערעס, זײַן ווײַב:

— דו לאָז מיך איבער מיט דײַן פרוי, און וויפל ערד דו וועסט אויסמעסטן, ארומקרײַזנ־דיק אַף דײַן מויל־אייזל, ביז איך וועל זיך מיט איר באַפרידיקן, וועט דאָס אַלץ דײַנס זײַן. דײַן אייגנס. ס׳וואַרטן שוין אַף דיר מײַנע מענטשן, — האָט ער געשמייכלט צום אַף טויט דערשראָקענעם קיורע, — מע וועט דאָ אונטערצינדן א סטויג היי, וועלן זיי וויסן, ווען דיך אָפּשטעלן.

דער קלויסטער־דינער איז צונטער־רויט געוואָרן. דאָס פּאָנעם, די אָדער־שלייפן אַף די ציטעריקע הענט זײַנען געדראָלן געוואָרן. ער האָט אראָפּגעבויגן דעם שווער געוואָרענעם קאָפּ און געשוויגן. די איבעריקע האָבן זיך אויך מיט קיין וואָרט ניט אָפּגערופן. ווען ס׳איז צו פײַנלעך און פאַרדעכטיק געוואָרן דאָס פאַרלענגערטע שטילשווײַגן, האָט דער סראָרע שוין מיט ווייניקער קוראַזש, א ביסל פאַרלוירן, מיט א צוגעדעמפּטער שטים ווידער אָנגעהויבן:

— דו וועסט מיטאַמאָל ווערן אן אייגנטימער פון א היפּשן גוט. דער רײַכסטער גוטבאַזי־צער דאָ אין יוזערשע, און זיכער... אויך א טאַטע, די פרוי דײַנע... די קלוגע די׳אַנע... איך האָב איר געוויזן דאָס געהילץ אַף א נײַ הויז, וואָס איך וועל שענקען, — האָט ער שטאַמ־לענדיק געשמייכלט.

דער קלויסטער־דינער האָט א פארבאהאלטענעם האסטיקן קוק געטאָן אפן ווייַב, וואָס האָט אראָפּגעלאָזט די אויגן. איינגאנצן א פינצטערער האָט ער זיך אוועקגעדרייט און מיט שווערע טריט ארויס פון צימער.

אפן הויף האָט שוין געווארט אַף אים זייַן מויל־אייזל אונטער א פרעמדן זאָטל און דעם סראָרעס צוויי באגלייטער אַף הויכע געזונטע רייַט־פערד. ער האָט מיט א בייזקייַט ארויס־געריסן דעם צוים־געביס פונעם אייזלס אייַנגעשפּארט מויל, גענומען אָפּשפּיליען די אלע באפרענדזלטע רימענס, און ווען דער זאָטל מיט די נאָכהענגער האָט זיך שוין געוואלגערט אַף דער ערד, האָט ער זיך ארופגעכאפּט אַף דעם אייזלס הוילן רוקן. ער האָט זיך אפילע ניט געגעבן די מי אָפּצוזוכן די דערע, מיט וואָס דעם אייזלס פעל איז געווען צוגעדעקט, בייס ער איז געקומען צו פאָרן.

דאָס ווייַב זייַנס, און נאָך איר דער סראָרע, זייַנען שוין געווען אפן הויף. נאָר נאָך איידער זיי האָבן זיך דערנעענטערט צו אים, איז ער שוין געווען באַם הויף־טויער מיט די צוויי פערד־רייַטעריער בא די זייַטן. באַם ארויספאָר האָט ער נאָך באוויזן, ניט אויסקערעווענ־דיק דעם קאָפּ אַף צוריק, אויסצושרייַען אַף א קאָל מיט א געמאכטער דרייסטקייַט:

— דו פארהאלט זיך מיט אים וואָס לענגער, דו הינטישע הורן־טאָכטער!

פונעם פון פאָרויס באשטימטן אָנגעצייכנטן אָרט האָבן זיך די דרייַ רייַטעריער געלאָזט אין גאלאָפּ. די באגלייטער וואָלטן אזוי ניט געאיַלט, נאָר זיי האָבן געמוזט נאָכפאָלגן דעם קלויסטער־באדינער, וואָס האָט זיך באמיט אייַנצושלינגען וואָס מער שעטעך.

אויס מיט די קירכן־גלאָקן. אויס מיטן האָבן צו טאָן מיט הייליקן ברויט, מיטן סאקראַ־מענט־ווייַן. מיטן שפּרענג־פּענדזל און מיט דעם טויף־וואסער. ער זעט פאר זיך א גרויס־ברייטע פלייץ־לאָנקע, וואָס איז באשטימט פאר א ווייַט פארשפּרייטן פּיטער־פּלאץ, ווו ס׳וועלן זיך טאָג און נאכט פּיטערן מעכטיקע טשערעדעס שאָף און רינדער. עמעס, ער טראָגט זיך דערווייַל איבער א פארטריקנטער בסולע־קארקע, ווו די ערד איז פול מיט קיזל. דעם אייזלס פּיס שטויסן זיך אלעמאָל אָן אַף בערגלעך מיט שטיין־הרודעס, האגאם זיי לויפן גאנץ איַליק. ס׳מאכט דעם אייַנדרוק, ווי ער וואָלט געגאנגען אין א געוועט מיט די רייַטעריער אַף די געזונטע אָגערס. ער וויל זיי באווייַזן, וואָס מע קאָן אייַנעמען מיט אָט די אָפּטע מויל־אייזלשע טריט, ווען מע האָט נאָך דערצו א באגער צו אן אייגענער גרויסער נאכלע, מיט וואָס מער אקער־באָדן, ווען מע וויל פון אן אָרעמען קלויסטער־דינער מיטאמאָל פארוואנדלט ווערן אין א רייַכן גוטבאזיצער. אָט ערשט דעמלט וועט ער קענען לעשן ווי ס׳באדארף צו זייַן דעם פארדראָס־געפּיל מיטן זיך נויקעם זייַן אין זייַן נאפקע.

נאָר ס׳איז פון אים קיין גוטבאזיצער ניט געוואָרן. אין א קליין שטיקל צייַט ארום האָט דער יונגער סראָרע מיט א מאכנע באגלייטער זיך אוועקגעלאָזט באפרייַען דאָס הייליקע לאנד פון די אומגלייביקע. דאָס איז געווען די צייַט, ווען די קאטוילישע קירך האָט גערופן צום ערשטן קרייץ־צוג. דער פאָטער זייַנער, דער אלטער וויקאָנט, האָט דעם קלויסטער־דינער אין הויף ניט אריינגעלאָזט. ער וויל אפילע ניט וויסן פונעם זונס פארדאָרבענע מייַ־סים. מארטין איז שטיין געבליבן פון יענער זייַט טויער. צו פארנאכט־צו איז ער נאָכאמאָל אוועק צו די גרויסע שטאָכים רויערד, וואָס ער האָט פאר זיך געהאט אויסגעמאָסטן. אהיים האָט ער שוין ניט וואָס צו גיין. ווי דאָ, אפן פוסטן פלאכלאנד, האָט זיך בא אים אין הויז שוין לאנג קיין מענטשלעכע שטים ניט געהערט. דאָ, אין פעלד, כאפּט דער אויער דאָס שטי־לע גערויש פון א פויגל־פּלאטער, דעם קוים דערהערבארן געזשום פון די קאָל־האמינים אינ־זעקטן, און דאָרט, אין דער היים, האָט ער פון יענעם טאָג אָן מיט זייַן פּליאנדרע קיין וואָרט ניט אויסגערעדט. אויך פון איר, פון זייַן נעקייווע, האָט ער קיין פּיפּס ניט געהערט.

מער האָט ער זיך שוין צו איר ניט אומגעקערט. ער איז מיטאמאָל אנטרונען געוואָרן. דעם קיורע האָט ער געזאָגט, נאָכן באזוכן דאָס לעצטע מאָל דעם וויקאָנט, אז ער פארלאָזט די היים און גייט זיך באהעפטן צו די קרייצטרעגער. די שיינע דזשאנע איז געבליבן איינע אליין אָן דעם געליבטן און אָן דעם געזעצלעכן מאן... און דעריקער אָן א מינדסטן סימען פון באפרוכפּערונג. די יונגע ווייַבלעך, בא וועמען דער בויך איז שוין געווען אַף דער נאָז, האָבן מיט שטאָלץ אדורכגעטראָגן פאר איר זייער פארפּעקלען זיך. אינעם קליינינקן יישעוו יוזערשע און אינעם נאָענטן ארום האָבן שוין אלע געוווסט וועגן איר העפקערדיקן פארקער מיטן יונגן סראָרע. די ווייַבער האָבן אין איר א נעקאָמע געהאט, און מיט קלוימערשטן בו־שעס־פּאָנעם אַף די פרומע ליפּן האָט מען זי בארעדט. וואָס מער די צנ׳יעס שעמט זיך, אלץ מער האנאָע האָט זי פון צעקייַען און פּילן א טאם אין פרעמדע זינד. די מענער האָט זי גע־רייצט און בא זיי ארויסגערופן א קינע צום גליקלעכן פארפירער אירן. ס׳האָבן זיך שוין געפונען ווילע יונגען, וואָס האָבן אויך געוואָלט פּרווון דאָס מאזל. נאָר דזשאנע האָט געטריבן

פון זיך ניט נאָר די דרייסטע באַלטיַיוועניקעס, נאָר אויך די נאָענטסטע כאַווערטעס אירע. די פריַינטלעכסטע שכיינעס האָט זי אף דער שוועל ניט ארופגעלאָזט. זי האָט זיך אינגאנצן געוואָלט אָפזונדערן פון מענטשן און פונעם ארום. זי איז קיין איין מאָל נאָכן מאנס פארשווינדן ווערן ניט געווען אין קלויסטער. זי האָט אויסגעמיטן זיך צו באגעגענען מיטן קיורע. ס׳האָט זיך פארשפרייט א קלאנג, אז זי גייט אלע טאָג ארויס אף די וועגן און קוקט ארויס ניט אפן מאן, נאָר אפן יונגן סראָרע, דעם ריטער אירן, וואָס האָט איר צוגעשיקט א יעדיִע, אז ער וועט זיך איַנגיכן אומקערן.

ס׳זיַינען שוין אָבער אוועק טעג און וואָכן און פיל כאדאָשים. א סאך האָבן זיך שוין צוריקגעקערט פונעם ניט־געלונגענעם קרייץ־צוג, און צו איר איז קיינער ניט געקומען. מע דערציילט, אז עמעצער האָט זי געזען שפעט באנאכט אפן שיידוועג באם שטיין מיטן גרויסן קרייץ. זי האָט דעם ציילעם באצירט מיט א רויזנקראנץ, געקושט דעם קרייציפיקס און מיט פארוויינטע אויגן ארויסגעקוקט אין דער וויַיט פון אלע זיַיטן: עפשער וועט זיך עמעצער באַוויַיזן. אנדערע האָבן זי געזען ברעכן די הענט און זיך ווארפן מיטן פּאָנעם צו דער ערד, צו דער זעלבער ערד, וואָס דער מאן אירער האָט פאר זיך געמאָסטן.

אָט די טרויעריקע בענקשאפט, די עלנט, די איינזאמקיַיט, אין וועלכער זי האָט זיך אליין איַינגעשלאָסן, האָט זי געמאכט נאָך רייצנדיקער. דערצו האָט נאָך צוגעשפּילט דער בליִענדיקער עלטער אירער, די לעצטע פּאָר יאָר צום דריטן צענדליק. די אויגן בא איר האָבן מאָמעש געקישעפט. זיי זיַינען אזוי ווי גרעסער געוואָרן און לויטערער. אין זיי איז פאראן די טיפקיַיט פונעם בליק בא א מיזרעך־פרוי און די זויבערע אויגן־בלויקיַיט, וואָס בא א פרוי פון צאָפן. ווער ס׳האָט זי נאָר איין מאָל געזען, איז צו איר צוגעזאָטן געוואָרן.

א פון דער פרעמד געקומענער, ניט היגער, האָט פונדערוויַיטנס דערזען דעם קאָפּ אירן. איז ער איר נאָכגעגאנגען. דאָס איז אָן שום סאָפעק, — האָט ער געטראכט, — איינע פון די שענסטע פרויען־קעפּ, וואָס ער האָט ווען־עס־איז אף זיַין לעבן געזען. ער שטייט אזוי שטאָלץ־גרויסארטיק אפן שיינעם האלדז, און די גאנצע ציַיט אזוי פעסט־גליַיך, ווי מער וואָלט זי גאָרנישט ניט אינטערעסירט פון דער זיַיט. פון הינטערן טיכל קוקן ארויס ליַיכט טונקעלע האָר, און אזא געטאָקטקיַיט פונעם גאנצן געשטאלט... אויב נאָר דער פאָדערטייל צי די געזיכט־שטריכן האָבן זי ניט אונטערגעפירט...

ווען דער אָנגעפאָרענער האָט זי דעריאָגט און איר אריַינגעקוקט אין פּאָנעם אריַין, האָט ער גליַיך געמאָלדן, אז אזעלכע שיינהיַיטן איז ניט צו באגעגענען איבערן גאנצן פראנקנלאנד. „איך בין א ריַיזנדער, — האָט ער זיך איר פאָרגעשטעלט. — איך האָב שוין אף מיַין לעבן געזען גענוג פרעכטיקע פרויען... נאָר אזא מוסטער פון א שיינהיַיט... דאָס איז לאכלוטן ניט ענלעך צו דעם אלץ, וואָס איך האָב ביז איצט געזען”.

זי האָט אפילע קיין שמייכל ניט געטאָן. זי האָט זיך אויך ניט אומגעקוקט אף אים און איז זיך געגאנגען איר וועג וויַיטער. ער האָט זי ניט אָפּגעלאָזט, איר אלץ נאָכגעגאנגען און זיך געבעטן בא איר, זי זאָל אים עפּעס זאָגן. זי זאָל א וואָרט ארויסריידן. זאָל זי אים זידלען, אבי ער זאָל איר שטים דערהערן. זי איז דאָך זיכער ניט קיין טויבשטומע? ער זעט אין איר הערלעכן גלאנץ דעם אויך קלוגן פארשטאנד, דעם ניכטערן סייכל. ס׳איז אין איר קיין סימען ניטאָ פון אָט דער נאריש שטאָלצער טעמפּקיַיט, וואָס מע קאָן אמאָל אָנטרעפן בא אָט אזעלכע מינע שיינהיַיטן, בא פרויען, וועלכע האָבן קיין טראָפן סייכל ניט, וויִאזוי זיך צו באנעמען מיט א ווירדיקן מאנספארשוין.

זיי זיַינען באגלייט געוואָרן מיט פיַינטלעכע שפּאָט־בליקן פון די אָרטיקע טוישווים. די גאנצע קינע־סינע, וואָס איז זיי נאָכגעגאנגען, איז געפאלן ניט אזוי אפן כעזשבן פונעם פרעמדן שארלאָט, דעם פרויען־פארפירער, ווי אף דיִאנען, האגאם ס׳איז געווען צו זען, ווי זי וויַיכט פון אים. זי האָט אף אזויפיל פארגיכערט אירע טריט, אז ס׳האָט זיך באקומען, ווי ער לויפט איר נאָך. ענדלעך איז זי צוגעקומען צו איר היים, ווו זי האָט אים איבערגעלאָזט אָן א זיַי־געזונט, און אין שטוב בא זיך האָט זי גליַיך פאריגלט טיר־און־טויער.

אָבער ניט טאָמיד איז עס איר אָפּגעגאנגען אזוי גלאטיק. דער יונגער אלמען ווערען, דער אָרטיקער פליייש־העקער, איז זי איינמאָל באפאלן אין א פינצטערער נאכט און האָט זי צעשלאָגן מאקעס־רעצאך. מע האָט זיך אף מאָרגן גענומען צו אים. מע האָט אים באשולדיקט, אז ער האָט זי געוואָלט הארגענען אף טויט, האָט ער געלייקנט שטיין און ביין.

— וואָס דען האָסטו פון איר געוואָלט? — האָט מען אים ניט אָפּגעלאָזט, ער זאָל נאָר אויסזאָגן, וואָס האָט אים געבראכט צו אָט דעם ווילדן אָנפאל. האָט ער געשוויגן. ער איז גרייט צו באצאָלן דעם גרעסטן קנאָס. ער איז גרייט אָפּזיצן אין שטראָף־הויז, וויפל מע וועט באשטימען, נאָר מער וועט ער גאָרניט זאָגן. מע האָט אים אָפּגעהאלטן אונטערן שלאָס דריַי

מעסלעס, און מע האָט זיך ווידער גענומען צו אים. ער האָט געבעטן, מע זאָל בא אים נעמען פאַר דער מאַכשייפֿעס־וועגן שאָדן־געלט. זאָל זי האָבן מיט וואָס צו באַצאָלן פאַרן אויסהיילן די ווונדן, וועלכע ער האָט איר אָנגעמאַכט.

— איצטער האָסטו אַף איר ראַכמאָנעס? — האָט מען בא אים געפרעגט. — צי עפּשער האָסטו אַף איר ראַכמאָנעס געהאַט דעמלט, ווען דו האָסט זי געמיימעסט? געוואָלט איר צוהעלפן וואָס גיכער פּאָטער ווערן פון איר אומווירדיק ניוועדיק לעבן? — ער האָט געשוויגן. — האָסט זיך געוואָלט עפּשער אָנעמען די קריוודע פון מאַרטינען? ער איז, דוכט זיך, געווען דײַן א בוזעם־פרײַנט?

— די בעסטע גוטע־ברידער, — האָט עמעצער פון די ראַטמענער אונטערגעזאָגט.

— האָסטו זיך געוואָלט פאַר אים אין איר נויקעם זײַן? פאַרוואָס האָסטו זיך אַזוי שפּעט דערמאָנט?

— איך האָב אים טיף אין דער ערד, מאַרטינען, — האָט דער פלייש־העקער בייז ארויסגעברומט.

— אָט זאָג דעם עמעס! וועסטו ניט זאָגן, וועלן מיר דיר נאָך אָנטאָן דיבעס אַף די פיס, און אַזוי גיך וועט מען דיך ניט אָפּלאָזן. דײַן באַלעבאָס האָט שוין גענומען אַן אַנדער העקער.

— איך וועל אים די געדערים אויסטרענען, דעם פרעמדן העקער, — האָט ער זיך אָנגעצונדן.

— ער איז ניט קיין פרעמדער. ער איז אַזאַ ווי דו, פונעם פלייש־העקער־צעך, און דו זיצסט א פאַרשפּאַרטער.

— איך האָב געוואָלט, זי זאָל איבערגיין אַף מײַנע קעסט, די מאַכשייפֿע, — האָט ער זיך סאָפּקאָלסאָף מיט גרויס צאָרן מוידע געווען.

— און זי האָט, פאַרשטייט זיך, ניט געוואָלט? האָסטו זי ניט געקאָנט אײַנריידן מיט גוטן? ניט גלײַך צעהאַרגענען א מענטשן. וואָס וועסטו שוין פועלן איצט? — האָבן אים די איבערפרעגער גענומען זאָגן מוסער.

— וואָס איז דאָס ריידן? איך האָב זי געוואָלט מאַכן פאַר א קאַליקע. וואָלט זי קיין אַנדער ברירע ניט געהאַט, — האָט דער פלייש־העקער זיך, ענדלעך, ביזן סאָף מוידע געווען.

פון דעמלט אָן איז צו איר צוגעקלעפּט געוואָרן דער צונאָמען מאַכשייפֿע, און ניט נאָר דער נאָמען. מע איז אינעם יִישעוו געקומען צום אויספּיר, דערהויפּט די פרויען, אַז די שײַנקײַט אירע איז מער ניט ווי א פאַרבלענדעניש. דער גאַנצער צויבער־כיין אירער איז אַף אויסנעמען און פאַרקישעפן די מענער. מע האָט שוין אָנגעהויבן דערזען א מין פאַרדעכטיקן שימער אין אירע אויגן, א מין שלאַנגען־גלאַנץ אַף איר אויסגעבלייכטער צורע. אַנדערע האָבן געוווסט צו דערציילן, אַז זי פאַרנעמט זיך טאַקע מיט דער שוואַרצער קונסט. די בעסטע באַשטעטיקונג דערצו: ווי זי האָט פאַרבלענדט דעם יונגן סראָרע. ניט אומזיסט האָט זי אַזאַ קישעף־קראַפט אַרײַנצונאַרן אין איר נעץ אַרײַן די נאַרישע מאַנצבלען. ווי נאָר זיי טוען א קוק אַף איר, ווערן זיי פאַרכאַפּט ווי פון א בייזווונדער.

די געציילטע יונגעלײַט, וועלכע פלעגן ביז איצט אַזוי ריטערלעך איר צוהעלפן אין דער באַלעבאַטישקײַט, אַפן גאָרטן, אין פעלד, האָבן זיך פּלוצעם מיטאַמאָל אָפּגעשלאָגן פון איר. עמעצער האָט געזען באַנאַכט, ווי פון איר קוימען צוזאַמען מיטן רויך שפּרינגען ארויס מאָדנע אויסטערליש־ווילדע קליינינקע באַשעפענישן. דאָס זײַנען, אַפּאָנעם, די כײַעלעך, וואָס מע רופט זיי שרעטעלעך, און זיי טוען שוין פאַר איר אַף די אַלע מיִעסע מײַסים.

אַלע אינעם יִישעוו האָבן אָנגעהויבן ווײַכן פון איר. זי האָט ביז אַהער זיך אַליין באַמיט אויסצומײַדן מענטשן. איצט האָט זי אָנגעהויבן צו באַמערקן, ווי די אײַנוווינער מאַכן זיך, אַז מע זעט זי ניט. מע באַגריסט זיך ניט מיט איר און מע ענטפערט ניט אַף איר גוט־מאָרגן. זי האָט מיטאַמאָל דערפילט, אַז קיינער וויל ניט שטיין אין אירע דאַלעדאַמעס. דאָרט, וווּ זי קומט צו, ווערט באַלד א הוילער שעטעך אַרום איר. אַפילע אָרעמעלײַט האָבן אָנגעהויבן מוירע האָבן צו נעמען בא איר א געשאַנק. גייט זי אַמאָל דורך דעם פּלאַץ, וואָס באַם קלוימוירע... סטער, ווו זי איז שוין אַזוי לאַנג ניט געווען בא א גאָטעסדינסט, און זי שטופּט דעם בעטלער אין האַנט אַרײַן א מאַטבייע, שטויסט ער אָפּ פון זיך די נעדאָווע און נעמט שפּײַען און זיך ציילעמען, אַלע זאָלן זען, ווי ער טרייסלט זיך אָפּ פונעם קישעף, וואָס זי האָט אים געוואָלט אָפּטאָן.

נאָך אָט דעם פאַל האָט זי אַליין אָנגעהויבן אַנטלויפן פון מענטשן. מיטאַמאָל האָט זי זיך אויפגעהערט באַווײַזן אין גאַס. באַטאָג זעט מען זי אינגאַנצן ניט. זי פאַרשליסט זיך אין די פיר ווענט, און פון זון־אויפגאַנג, ביז ס'הייבט אָן גוט צו דעמערן, טרעט זי ניט אַריבער די שוועל פון איר הויז. ווען מענטשן לייגן זיך שלאָפן, דעמלט ערשט גייט זי ארויס פון שטוב,

און ווי א נאַכט־וואַנדלערן קאָן מען זי אָפט זען אין גאַנץ אומגעריכטע ערטער. עמעצער האָט זי געזען זיך גראָבן אַפן צווינטער. אַנדערע האָבן זי באַגעגנט קלײַבן גראָזן אַף דער לאָנקע. זי פאַרבלאָנדזשעט אַמאָל, אַפילע אַף א גאַנצער נאַכט, אינעם נאָענטן וועלדל.

אין איינעם א טאָג האָט מען געפונען די טיר און די לאָדנס פון איר שטיבל פאַרקלאַפּט פון דרויסן. מענטשן האָבן געמיינט: מע איז שוין פון איר פּאָטער געוואָרן. נאָר ס'הייבט זיך ניט אָן. זי האָט זיך באַזעצט אין א פאַרלאָזט כאָרעוו הײַזל הינטערן ייִשעוו, ניט ווײַט פון איר שטיקל פעלד, און מער קוקט מען זי דאָ ניט אָן.

דאָרט, אין איר כורווע, זעט מען זי אויך זעלטן. ערגעץ ווערט זי פאַרפאַלן אַף די וויסטע און פּוסטע פעלדער, אינעם נאָענטן וועלדל. עפּעס זוכט זי דאָרט צווישן די ווילדע גראָזן און קרײַטעכצער. איינער אַן אומלײַט פון די לאָבוסעס, וואָס קאָנען זיך נאָך אַלץ ניט באַפרײַען פון איר קישעף, האָט זיך אַמאָל פאַרקליבן צו איר אין הײַזל, ווען זי איז אין דער היים ניט געווען, און ער האָט דאָרט געפונען א ביטערן געטראַנק, אַזאַ, וואָס האָט אים ווי ביר פאַר־שיקערט. זי מאַכט עס, אַפּאָנעם, פון די קאָלערליי וואָרצלען און פלאַנצן, וואָס טריקענען זיך דאָ. אַן אַנדער כעווּרעמאַן האָט געפונען אין א טעפּל א מין געלבלעכע זעמלמעל. ער האָט עס גענומען אַפן צונג: שאַרף־טערפּקע און ביטערלעך זיס. ווען ער האָט עס בא זיך אין דער היים גענומען גוט פאַרזוכן, האָט אַף אים די הויט אין מויל אָנגעהויבן ברענען און דער שלונג האָט אָנגעהויבן טריקענען. אין קאָפּ האָט אָנגענעם גערוישט, ווי אין א גוטער שיקרעס. פאַר די אויגן האָבן אַרומגעשוועבט אַזעלכע מעשונעדיק־פילקאָליריקע און פלאַמפּײַערדיקע דריידעלעך און שפּילעכלעך. ס'האָט אים געשטופּט צו פלאַפּלערײַ און געלעכטער. ס'האָט זיך געוואָלט עפּעס טאָן, זיך באַוועגן, זיך שלאָגן מיט עמעצן, נאָר די פיס האָבן זיך געטוקט און די צונג האָט זיך געפּלאָנטערט. ווען ער האָט אַף מאָרגן געגעבן פון דערפון פאַרזוכן, בעסאָד־סוידעס, דעם כאַווער זײַנעם, האָט ער דערזען, ווי בא יענעם האָבן זיך אַזש פאַרברייטערט די שוואַרצאַפּלען. ניט אומזיסט, אַפּאָנעם, זײַנען בא דער מאַכשייפע אַזעלכע צעעפנטע גרויסע אויגן. דער כאַווער איז געווען אין אַזאַ טראַנס, אַז ס'איז שיר ניט דערגאַנגען צו א געשלעג צווישן זיי. אַן אופגערעגטער, האָט ער אים אַלץ געשלעפּט אינמיטן באַטאָג צו סאַרפאַלינען, דער איין־איינציקער גאַסנפּרוי דאָ אינעם ייִשעוו.

דורך איר, דורך אָט דער זוינע, האָבן זיך די ווײַבער געוווי דערוווסט וועגן דעם קישעף־מיטל, מיט וועלכן די מאַכשייפע האָט אַזוי צוגעצויגן צו זיך דעם יונגן שיינעם וויקאָנט. אַפן זעלביקן אויפן קאָן זי קאַליע מאַכן אַלע זייערע מענער. מע איז געלאָפן צום קיורע, ער זאָל געפינען עפּעס אַן אייצע קעגן אָט דער שוואַרצער ראָב. פון דעמלט אָן האָבן די פרויען, וויבאַלד מע האָט זי נאָר דערזען פונדערווײַטנס, זיך צעקראַקעט, נאָכמאַכנדיק דעם געשריי פון די ראָבן. זאָל זי וויסן, וואָס פאַר א פאַרשאָלטענע ראָב זי איז צווישן דער איידע דאָ.

דערווײַל איז באַקאַנט געוואָרן: דער וויקאָנט האָט באַקומען א יעדיִע, אַז דער יונגער סראָרע איז דערהאַרגעט געוואָרן, — ניט אַפן שלאַכטפעלד, אין קאַמף קעגן די אומגלויביקע. אים האָט דערשטאָכן דער מאַכשייפעס מאַן, דער קלויסטער־דינער מאַרטין. זיי האָבן זיך דאָרט באַגעגנט אינעם הייליקן לאַנד, איינס אַף איינס, און דער כויוו איז געדעקט געוואָרן באַלד אַפן אָרט. איצט בלאָנקעט ער ערגעץ אַרום, דער אָרעמער מאַרטין, אָט דאָ אין דער סוויווע, און ער וויל זיך דערלאַנגען צו דער מאַכשייפע, אַף זיך מיט איר אויך אָפּרעכענען. אַנדערע זאָגן, אַז ער האָט זיך נאָך ניט אינגאַנצן פון איר קישעף באַפרײַט, ער וויל זי צונעמען און אַוועק מיט איר אין א פרעמד לאַנד.

מיטאַמאָל איז די מאַכשייפע אַנטרונען געוואָרן. צי א דונער האָט זי דערשלאָגן, ווען ער האָט געטראָפן אין איר כורווע, צי זי האָט אַליין דאָס הײַזל אירס פאַרברענט און ס'איז געבליבן נאָר אַש און שטויב, דער איינציקער זייכער, וואָס זי האָט געלאָזט נאָך זיך אַפן אָרט פון איר געבוירן.

אין א קליין שטיקל צײַט אַרום האָט מאַרטין, דער קלויסטער־דינער, אינמיטן דער נאַכט אָנגעקלאַפּט צום קיורע. ער האָט זיך אײַנגעשטעלט קומען, זיך דערפרעגן אַף דער שיינער מעטרעסע זײַנער. ווען ער האָט זיך דערוווסט, וויִאַזוי זי האָט געלעבט און אַז זי איז מיטאַמאָל פאַרשוווּנדן געוואָרן, האָט ער זיך אַליין איבערגעגעבן אין די הענט פונעם וויקאָנט.

דיִאַנע איז שוין צו יענער צײַט דורכגעגאַנגען א שטיק מעדינע.

פון דער היים האָט זי זיך אַוועקגעלאָזט צאָפנדיקער קיין סען־פּאולאָ, ביז צו דער שטאָט קאָן, און נאָך ווײַטער. דעם גאַנצן וועג האָט זי זיך געפונען צווישן דעם מאַנס לאַנדסלײַט, אויך אַזעלכע ווי ער, פאַרומערט־קאַלטע, שטענדיק שווײַגנדיקע בריִעס. קיין איינער פון זיי האָט זיך אַפילע ניט אומגעקוקט אַף אָט דער פאַרקויטיקטער פוסגייערן אין די צעריסענע בעגאָדים מיט קימאַט א ליידיקן קאָרב אַף די פּלייצעס. דערפאַר איז דאָ די לאַנדשאַפט א

פֿאַרביקערע, ווי בײַ איר אין דער היים. דער קאַנט איז דאָ אַ מער באַוואַלדיקטער, און אויך די ערד־שטאָכים זײַנען דאָ ווילד באַוואַקסן מיט די נײַטיקע פֿלאַנצן, צו וועלכע זי האָט זיך צוגעוווינט. כּוּץ דעם, איז דאָ פֿאַראַן דער יאַם, וואָס מאַכט פֿאַרגעסן, און אײַנצײַטיק דער־וועקט ער און צערודערט די נעשאָמע. ער רופֿט בײַ איר אַרויס די דערהויבנסטע און שטאַרקסטע פֿאַרלאַנגען, וועלכע זי האָט שוין לאַנג דערשטיקט אין זיך. זי קאָן ניט פֿאַר־שטיין, וויִאַזוי קאָנען די מענטשן דאָ ניט באַווירקט ווערן פֿון דער רײַכער נאַטור? און זיי זאָלן פֿאַרבלײַבן אַזעלכע טרוקענע, ווי איר מאַרטין... זי האָט זיך אַנומלטן אָנגערופֿן מיט זײַן מישפּאָכע־נאָמען, איז זי שיר ניט אַרײַנגעפֿאַלן.

— לאַראָש? — האָט די אײַגנטימערן פֿונעם האַרבעריק איבערגעפֿרעגט. — איך קען זיי, די ברידער לאַראָש פֿון אַווראַנש. איינער פֿון זיי האָט אַרײַנגעכאַפּט די שענסטע פֿרוי פֿון ברעטאַן. מאַרטין האָט ער געהייסן.

דיִאַנע האָט זיך פֿון דאָרט קוים אָפּגעטראָגן. זי איז שוין די נאַכט פֿאַרבליבן אָן אַ נאַכט־לעגער, און אויף מאָרגן איז זי שוין זייער ווײַט געווען פֿון דעם דאָזיקן מאָקעם. דאָ טאָר זי זיך מער ניט פֿאַרהאַלטן. אין אָט דער פֿאַרשאָלטענער נאָרמאַנדיע קאָן זי זיך נאָכאַמאָל באַ־געגענען מיט זײַנע אייגענע, צי אַפֿילע מיטן מאַן אַליין. זי האָט זיך לאַנג געשלעפּט צופֿוס קיין דאָרעם־צו, ביז זי האָט זיך ענדלעך דערלאַנגט קיין לאַנגעדאָק און צום זוניקן פּראָוואַנס. אין אַ שטעטל באַם ברעג פֿונעם טײַך ראָן האָט זי זיך באַגעגנט מיט פּענסולינען. דיִאַנע איז נאָרוואָס אַרויס פֿונעם וואַסער, זי האָט נאָך ניט באַוויזן אָנציִען אויף זיך די טראַנטעס. די נאַסע האָר אויפֿן קאָפּ זײַנען נאָך געווען צעשאָטן ביזן נאַקן, און אַ פֿרעמדע פּעטלײַביקע פֿרוי האָט איר פֿאַרשטעלט דעם וועג.

— ווער ביסטו, טײַערע? ביסט ניט קיין היגע? — האָט פּענסולינע געגאַפֿט און זי באַקוקט פֿון קאָפּ ביז די פֿיס. — פֿונוואַנען קומסטו אַהער, אַזאַ שיינע מאַדאָנע?

דיִאַנע איז אָפּגעגאַנגען אין אַ זײַט. ס'האָט זי געשראָקן אָט די געזונטע הויכע פֿרוי מיט די פֿולע אָנגעגאָסענע בריסט, מיטן ליבלעך־זיסן שמייכל אויפֿן צעבליטן פּאָנעם. זיי זײַנען עפּשער ביידע פֿון איין עלטער, נאָר דיִאַנע פֿילט זיך קעגן איר ווי אַן אויסגעדאַרט מיידעלע. זי שעמט זיך מיט דער אויסגעצערטער איידלקײַט נאָך מערער ווי מיט די צעפֿוילטע קליידער, וואָס זי וועט באַלד דאַרפֿן אַרופֿשלעפּן אויף זיך. יענע האָט שוין מיטן זײַדענעם ברוסט־טוך אײַנגענומען די הויכע בריסט אירע, וועלכע זײַנען צונויפֿגעדריקטערהייט ווי אײַנגעשרומפּן געוואָרן, זי ציט שוין אָן אויף די פֿיס די אונטערלעך, און דיִאַנע שטייט נאָך אַלץ פֿאַר איר אַ נאַקעט־הוילע, און ענטפֿערט מיטאַמאָל אויף עטלעכע פֿראַגן, וועלכע שיטן זיך נאָכאַנאַנד און אָן אויפֿהער.

דעם זעלבן טאָג אין אַ קליין צימערל פֿונעם אָרטיקן גאַסט־הויז איז שוין דיִאַנע געזעסן אָן איבערגעטאָנענע אין אַ נײַעם סטאָן, מיט אַ פּאָדערשטן אויסבעט, וואָס האָט נאָך בוילעטער געמאַכט איר געשטאַלטיקײַט. פּענסולינע אין אַ שאַל־מאַנטל אויף די אַקסל איז געזעסן אויפֿן געלעגער. זיי זײַנען שוין ביידע געווען גוט זאַט, נאָך אַ געשמאַקן מיטיק־עסן מיט פֿליישן און ווײַנען. זיי האָבן שוין וועגן אַלץ איבערגערעדט. זיי ווייסן שוין איינער פֿונעם אַנדערן אַלץ, וואָס עס לוינט, אַז דער קעגנערישער צאַד זאָל וויסן. דיִאַנע האָט זיך אַפֿילע ניט געשעמט צו דערציילן, אַז זי איז אַוועק פֿון דער היים מיטן צונאָמען מאַכשייפֿע. אַז זי האָט שוין אַליין אָנגעהויבן גלייבן, אַז זי קען פֿאַרקישעפֿן אי זיך, אי יענעם. פּענסולינע שלאָגט איר איבער די רייד, זי זאָגט עס, ווי זי וואָלט גערעדט צו זיך אַליין, ווי זי וואָלט געטרוימט אין דער הייך:

— ער וואָלט מיר אַזוי דאַנקבאַר געווען, אונדזער גוטער שיינער ריימונד... און דו... דו וואָלסט בײַ אונדז געוואָרן פֿון די ערשטע הויף־דאַמען. ער וואָלט דיך געהויכט און געקרוינט. איך וועל דיר זאָגן דעם עמעס: ער האָט נאָך אַזאַ, ווי דו, אויף זײַן לעבן ניט געזען. די איצטיקע מעטרעסע זײַנע איז אַ פּאַרזשעניש קעגן דיר.

דיִאַנע האָט לאַנגזאַם געשאָקלט מיט איר שיינעם קאָפּ אויף ניין.

— ער איז דאָך דער מעכטיקסטער אין פּראָוואַנס, דער טולוזער הערצאָג. איז דען צו פֿאַרגלײַכן ריימונד דעם זעקסטן מיט עפּעס אַ שאַלעמייזל, ווי דײַן וויקאָנטס זון? אָט דעם מיִעסן פּאַכדן און שווינדלער, אָט דעם טויגעניכטס, וואָס איז אַפֿילע ניט פּייִק געווען צו באַפֿרוכפּערן אַזאַ שיינהײַט.

— רעדט וועגן אים ניט, — האָט זיך בײַ איר דיִאַנע געבעטן, — איך אַליין טו אַלץ אויף צו דערשטיקן אין זיך, אויסלעשן... די מינדסטע געדעכעניש וועגן אים, און ביכלאַל וועגן די מענער.

— דו אנטלויפסט פון ליבע, — האָט זיך פענסולינע צעלאַכט, — און דו ביסט געקומען אין אַ לאַנד, וווּ דאָס טײַערסטע, דאָס דערהויבנסטע און שענסטע אינעם לעבן איז — די לײַדנשאַפט. אין אַ לאַנד, וווּ מע רעדט וועגן דעם אָפן, אָן קונצן, און מע איז שטענדיק גרייט צו מײַסים... וווּ באַזינגט מען זי נאָך אַזוי, די ליבע, ווי בײַ אונדז אין פּראָוואַנס? — און זי נעמט אויסזינגען באַזונדערע סטראָפן פון פאַרשיידענע ליבע־לידער.

דאָס ערשטע מאָל אין איר לעבן הערט דזשאַנע אַזעלכע צאַרטע טענער, וואָס צערודערן די נעשאָמע, דרינגען אַרײַן אינעם בלוט און פאַרקלעמען דאָס האַרץ ביז טרערן. זי האָט זיך געמוזט אָפּקערעווען קלוימערשט אויסווישן די טרערן, נאָר זי האָט זיך געפּאַרקעט אין קאָרב בײַ זיך, און מיט דעם זעלבן טיכל, וואָס זי האָט זיך געווישט די אויגן, האָט זי אין מויל אַרײַנגעשמוגלט אַ היפּשע דאָזע פונעם באַרויִקונגס־מיטל, וואָס זי פירט מיט זיך נאָך פון דער היים.

אין אַ שאָ אַרום האָט זי פענסולינע ניט דערקענט. די פרוי האָט זיך אינגאַנצן געענדערט. ס'האָט זיך איר דאָס מויל ניט פאַרמאַכט. די גאַנצע צײַט האָט זי פריילעך געפּלאַפּלט, געלאַכט און געוויינט, זיך אַלעמאָל געכאַפּט קושן מיט דער צעטומלטער פענסולינען. זיי האָבן גאָר אַזויפיל ווײַן ניט געטרונקען, אַז זי זאָל זײַן אַזוי באַזויפן. און וווּ איז געווען די שיקרעס ביז אַהער?

ביז אַף מאָרגן אינדערפרי האָט שוין פענסולינע געוווסט מיט אַלע איינצלהײַטן דעם גאַנצן לעבנשטייגער דזשאַנעס, נאָכדעם ווי זי איז געבליבן איינע אַליין. וויאַזוי זי האָט איבערגעלעבט דעם קראַך פון איר געהענעם־ליבע, ווי דער קיורע האָט זיך אויסגעדריקט, — די איינציקע עכטע גלוסטונג אין איר לעבן צו אַ צעלאָזענעם אויסוווּרף, צום וויקאָנט־יונג, וואָס קעדייַ זיך פון איר באַפרײַען, איז ער אַוועק צו די קרייץ־טרעגער. וויאַזוי זי איז געקומען צום מיטל אַף זיך צו באַרוישן, באַרויִקן און פאַרגעסן אין דער ווירקלעכקײַט, וואָס האָט זיך געשאַפן אַרום איר. ווען ניט דאָס, וואָלט זי שוין לאַנג זיך גענומען דאָס לעבן. אין די פײַנפולסטע שאָען האָט זי זיך דערמיט אָנגעשטאָפּט, און אַלץ איז ווי מיט דער האַנט אַראָפּגענומען געוואָרן. דאָס איז געווען איר איינציקער אָנהאַלט און די נעקאָמע אירע. איר שאַנד און זעלבסטבאַרעכטיקונג. זאָלן די ווײַבער, וואָס זײַנען גרין געוואָרן פון פאַרדראָס און קינע צו איר קורץ־צײַטיקן גליק, זען, וויאַזוי זי קאָן זיך פאַרגינען אַליין אַ טעל מאַכן פון איר פאַרשאָלטענעם כיין און רייץ... און די מענער? אָן אָנגעפּראָפּטע מיט אָט דער באַטויבונג, דאַרף זי שוין לאַכלוטן קיין ליבע ניט, און ביכלאַל גאָרנישט ניט אַף דער וועלט. פאַר אירע גלעזערנע אויגן איז שוין דעמלט אַלציינס, וואָס ס'זאָל זיך ניט געפינען לעבן איר.

פענסולינען האָט עס ניט געקאָנט איבערצײַגן. זי האָט זיך אײַנגעשטעלט עס נאָר פאַרזוכן אַפן שפּיץ צונג, איז זי באַלד אַנשלאָפן געוואָרן. איצט, בײַם אויפכאַפּן זיך, זעט זי, ווי דזשאַנע איז נאָך אַלץ פאַרזונקען אין אַ טיפן שלומער. זי לאָזט זיך ניט דערוועקן. זי האָט געפּרוווט בײַ איר אַ קערעווע טאָן דעם קאָפּ, צונויפדריקן די נאָזלעכער, אָטעמט זי שטאַרקער מיטן צעעפנטן מויל, און נאָך אַ פּאָר שטילע קרעכץ ליגט זי ווידער צעשפּרייט מיטן פּאָנעם אַרויף. איין האַנט איז בײַ איר אַפן צוגעמאַכטן קאָרב, וואָס זי האַלט בײַ דער זײַט, די האַרט אונטער דער פּאַכווע, און די צווייטע האַלט זי אַפן בויך. זי איז אינגאַנצן אָפּגעדעקט, די שלאַנקע פיס אירע פאַרלייגט איינס אַפן צווייטן. פענסולינע מעסט בײַ איר די שמאָל־דינע טאַליע, וואָס מע וואָלט זי געקענט אַרומכאַפּן מיט די פינגער פון אַ פּאָר געזונטע מענערישע הענט. זי גלעט אַרום איר לײַב, וואָס איז צאַרט־ווײַס און שפּרודלדיק. אַזוי זײַנען בײַ איר אויך אָנגעצויגן האַרט, ווי בײַ אַ יונגער בויגרעס, די קליינע בריסטלעך. פענסולינע איז אַ שטיק צײַט פון איר ניט אָפּגעטראָטן.

נאָר דזשאַנע איז דעמלט אַף גאָר אַן אַנדער וועלט געווען. איר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זי איז טאַקע אַן עמעסער נויקעם־וועגויטער. זי נעמט נעקאָמע ניט נאָר אין די מענטשן, נאָר אויך אין זייערע הויז־באַלעבאַטים. די גיפּטיקסטע וואָרצלען און גראָזן וואַרפט זי זיי פאַר די פיס, און דאָס פי פאַלט ווי פון אַ מאַגייפע. די גאַנצע באַפעלקערונג פון יוזערשע איז אויסגעשטאָרבן זיך, און איר טוט האַנאָע. זי פרייט זיך מיט יעדן אומגליק, וואָס ס'טרעפט אַ דאָרטיקן טוישעוו. ס'ווײַזט זיך איר אויס, אַז אַלדאָס בייזע, יעדע שלעכטסקייט, וואָס געשעט דאָרט מיט מענטשן, דאָס איז איר אויפטו, און זי גרויסט זיך דערמיט. זי באַרימט זיך אַפילע פאַר אַלעמען, אַז דאָס אַלץ ווערט געטאָן דורך אַ קישעף. ווען מע האָט זי גענומען צום מישפּעט און אָנגעהויבן פײַניקן, האָט זי זיך באַלד מוידע געווען און אָנגערעדט אַף זיך און אויך אַף אַנדערע, מיט וועלכע זי איז קלוימערשט פאַרבונדן. זיי האָבן איר אַלע מיטגעהאָלפן אויסצופילן אירע מאַכשייפעדיקע שטיק. מע האָט איר די הענט און פיס אַרײַנגעטאָן אין קלעצער. זי קאָן זיך מיט זיי ניט רירן. זי ליגט אין אַ קאַלט־נאַסער פינצטערער הייל, טאָג און נאַכט אָן אַ טראָפּן

וואסער אף די פארשמאכטע ליפּן, און ס'איז איר גוט. זי איז צופרידן. זי גייט מיט א טאנץ צום ברענענדיקן שײַטער, וואָס וואַרט אף איר. אָט וועט זי זיך ארײַנוואַרפן אהין. צוערשט וועלן אָנהייבן ברענען די העלצער, וואָס אף איר. דערנאָך וועט די הויט אף איר לײַב זיך אײַנשרומפּן. דאָס געבראָט וועט דערגיין צום פלייש, וואָס וועט זיך נעמען סמאַליען און שלאָגן פון זיך דעם רייעך פון געברענטע פעדערן...

פענסולינע האָט צוגעכאַפּט דעם אָנגעצונדענעם עק פלעדערוויש, ווען זי האָט דערזען, ווי דיאַנע האָט זיך אָנגעהויבן רודערן. זי האָט הינטן־ארום מיט די הוילע פינגער געלאָשן די ברענענדיקע פעדער־שפּיצן, זיך געבריט די הויט, און אינעם הינטערטייל געריבן די אָפּגעבריטע ערטער פון די הענט, וואָס האָבן נאָך אַלץ ניט אוועקגעוואָרפן דעם צוגעברענטן פלעדערוויש.

דיאַנע האָט דערווײַל געעפנט די אויגן, און מיט א שמייכל אף די ליפּן האָט זי זיך גענומען אויסציִען.

— דײַן שטאַרקער שלאָף האָט מיך באומרויִקט. איך האָב דיך גאָר ניט געקענט דער־וועקן, — האָט זיך פענסולינע פאַרענטפערט.

— איך וואָלט נאָך אזוי געשלאָפן דעם גאַנצן טאָג און די נאַכט, און נאָך א טאָג... — האָט זיך דיאַנע געפעסטעט, — איך בין שוין לאַנג אף אזא געלעגער ניט געלעגן.

— דו וועסט דאָרט האָבן א סאַך א בעסערן. דער הערצאָג וועט פאַר דיר באַשטעלן א הויך שלאָפבעט, מיט א לייטערל אף אַרופצוקריכן. דאָס בעט־צײַג וועט דאָרט זײַן מיט א זײַדענעם איבערציִ, און די פוך־פערענעס לופטיקע, און אָט אזעלכע הויכע.

זי האָט נאָך ניט באַוויזן צענעמען די הענט, אף צו באַווײַזן די הייך, איז דיאַנע בליץ־שנעל אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט און זיך גענומען אײַליק אָנטאָן אין די אייגענע קליידער, די צעריסענע טראַנטעס, וואָס זי האָט פארשטופּט אין קאָרב, בייס די פרעמדע פרוי האָט זי נעכטן געצוווּנגען זיך איבערטאָן.

פענסולינע האָט זיך געראַנגלט מיט איר, געוואָלט בא איר אַרויסרײַסן פון די הענט דאָס צעפוילטע אַלטוואַרג, וואָס, דוכט זיך, אָט־אָט וועט עס זיך צעפאַלן צווישן די פינגער. נאָר דיאַנע האָט פלינק און געשיקט אָנגעצויגן אף זיך איין שטיק קלייד נאָכן צווייטן, ביז יענע איז געבליבן מיט ליידיקע הענט. דאָס איינציקע, וואָס זי האָט געפּויעלט בא איר: זי זאָל די נײַערע, די געשענקטע האלבאָשע ארײַנפּאַקן צו זיך אין קאָרב. ס'וועט איר צוניץ קומען.

העט שפּעטער, אין דער צווייטער העלפט טאָג, באַם צעשיידן זיך, האָט פענסולינע בא איר צוגענומען א היפשן כיילעק פון אירע קישעף־מיטלען פאַר דער הערצאָגן בעלאַדאָנע. דיאַנע האָט מיט גרויס מיטלײַד אויסגעהערט וועגן דעם ביטערן גוירל פון דער שוין ווײַט ניט יונגער הערצאָגן, וועלכע איז פונקט אזוי אומגליקלעך, ווי זי. יענע לײַדט פון א נאָך ערגערער טאַלאַנטוס־פּײַן, וואָס הייסט אייפער. נאָכן איבערלעבן דעם גרויסן ווייטעק־אויס־בראָך, ווען מע דערפילט זיך מיטאַמאָל פאַרלאָזט און אוועקגעשטויסן, דאַרף מען נאָך געשמיסן ווערן טאָגטעגלעך מיט די בײַסיקע בײַטשן פונעם באַוווּסטזײַן, אַז עמעצער פאַרנעמט דײַן אָרט אָט דאָ ניט ווײַט פון דיר, אין דײַנע אַפּאַרטאַמענטן, בא דיר אינעם שלאָס... און דאָ נאָך, די ניט אויסגעלאָשענע ליבע צינדט אַלעמאָל אָן און האַלט שטענדיק אונטער דעם פאַר־צווייפלטן פאַרדראָס, די פאַרביטערטקײַט און דאָס יאָדען זיך. אָט אזא שווער־געטראָפענע, אומגליקלעכע איז דיאַנע שטענדיק גרייט מיטצופילן.

פון דעם טאָג אָן האָט פענסולינע זי ניט אַרויסגעלאָזט פונעם אויג. דיאַנע האָט אזוי לאַנג אַרומגעזוכט אין דער געגנט די אַלע טרופּע־פלאַנצן, וואָס זאָלן זי קאָנען באַטויבן, ביז זי האָט זיך דערקליבן צו די בערג בא פּערטיניאַן, ווו זי האָט לעראָוו דאָס דאָזיקע גוטס געפונען. דאָ איז שוין ניט ווײַט צו דער באַרג־קייט פון די פּירענייען, בא דער גרענעץ פונעם ספּאַ־ראַד־לאַנד, וואָס איז אזויפיל געבענטשט מיט ליבע און מיט אוואַנטור־פּאַסירונגען.

ביידע זאַכן האָבן דאָ דיאַנען אויסגעמיטן.

פאַר די העכער צוויי יאָר, פון זינט זי האָט זיך באַזעצט אין די בערג, זײַנען מיט איר קיין באַזונדערע פּאַסירונגען ניט פאָרגעקומען. קיינער קומט ניט צו איר, און אויך זי באַ־ווײַזט זיך זייער זעלטן צווישן מענטשן. לאָזט זי זיך יאָ אַמאָל אַראָפּ צו א מענטשלעכן יישעוו, האָט זי דאָרט צו טאָן מיט ברויִם, וואָס זײַנען אליין איינזאַמע באַשעפענישן, פאַר־שטויסענע פון דער געזעלשאַפט. האגאַם זייער כעיונע ציִען זיי פון טרעפעריַי, וואָרזאָגערײַ, אָפּשפּרעכענישן, פון באַשיידן כאַלוימעס און צושטעלן פאַרדעכטיקע רעפּועס. זיי לעבן דאָס־ראָוו אין די פאַרלאָזטע כורוועס, וואָס אין עק שטאָט, אין די פאַרוואָרפענע הײַזקעס, ערגעץ אָפּן מיטן פעלד אָדער באַם פאַרקן פון א צווינטער. אָפט זעט מען זיי אף די מאַרק־פּלעצער און בא די קלויסטערס. אויך אף די וועגן, צווישן די וואַנדערנדיקע פּוסגייער און בעטלער.

אָט דורך די דאָזיקע לײַט האָט פּענסאָלינע באַקומען פּאַר דער הערצאָגן דאָס, וואָס דיאַנע האָט פּאַר איר צוגעגרייט. זיי האָבן עס געבראַכט צו טראָגן און איבערגעגעבן פֿון האַנט צו האַנט, פֿון איין יִשׁעוו צום צווייטן, ביז ס'איז דערגאַנגען צום טולוזער הערצאָגס שלאָס. די פֿאַרגיטיקונג, דאָס באַצאָלן מיט קלינגעוודיקע מאַטבייעס, אָדער מיט שאָווע־קעסעף, איז פּונקט אַזוי געגאַנגען אַף צוריק, צו דער באַרג־מאַכשייפֿע.

קיין אַנדער נאָמען האָט דיאַנע באַם דאָזיקן עולם ניט געהאַט.

אינעם גאַנצן אַרום, אַפֿן גרויסן שטעטעך לאַנד פּונעם טײַך ריאָן ביז פּערטיניאַן, האָט מען געקאָנט הערן ניסים־וועניפֿלאָעס וועגן דער נאָך אַן ערעך יונגער בילד־שיינער מאַכשייפֿע, וואָס האַלט זיך אויף אין די בערג און לאָזט קיינעם ניט צו צו זיך.

דיאַנע אַליין האָט זיך געגנוג אָנגעהערט ווילדע אויסטערלישע ניט געשטויגענע מײַסעס וועגן זיך, בייס זי האָט דאָס איין־איינציקע מאָל זיך געלאָזט אין וועג אַרײַן צו פּענסאָלינען. זי האָט דעמלט אַ פּאָר שאָ, ניט מער, זיך פֿאַרהײַעט אַפֿן שלאָס־הויף, געזען די הערצאָגן און איז באַלד פֿון דאָרט פֿאַרשוווּנדן. פּענסאָלינע איז באַ איר זיך איצט פֿאַרזעסן אַף אַ סאַך לענגער. שוין באַלד אַ כוידעש, פֿון זינט זי האָט זיך פֿון דער טפּיסע אַרויסגעריסן, באַהאַלט זיך דאָ אויס. די ביידע פֿרויען האָבן קיין אָנונג ניט וועגן דער געפֿאַר, וואָס לויערט אַף זיי.

דער שטיינקריצער האָט אויסגעפֿילט זײַן שליכעס בישליימעס. ער האָט געבראַכט וועטוריען מיט אירע באַגלייטער צו זײַן פֿרײַנט דעם פֿאַלקן־יעגער. דער טאַטע מיט די זין, נימרעד דער עלטערער און נימרעד דער יִינגערער, האָבן אַפֿן בעסטן אויפֿן צוגעגרייט דעם אַרויספֿאָר אין די בערג. זיי האָבן באַשטעלט נאָך צוויי געזונטע יעגער־יונגען. פֿאַרן וועגווײַזער האָבן זיי גענומען דעם הויקערדיקן פּיער, אַן אַלטן באַרג־טוישעוו. צוזאַמען מיט יויעלן און מיכאִיל סקאָטן זײַנען זיי געווען אַ קאָהאָרטע פֿון זיבן מענער און צווישן זיי איין וועטוריע.

זיי זײַנען אַרויסגעפֿאָרן אינמיטן באַטאָג. די זון האָט גוט געבאַקן. אַכוץ דער גרופּע רײַטער, איז ניט געווען צו זען קיין לעבעדיקן נעפֿעש. זייערע שאָטנס האָבן זיך געשפּרייט ניט נאָר אַף דער ברייט פֿונעם שמאָלן וועג, זיי האָבן אויך פֿאַרכאַפּט אַ שטיק באַ די זײַטן, און די גאַנצע צײַט האָבן די רײַטער אומבעראַכמאָנעסדיק געשניטן די צעלעכערטע ניט באַוועגלעכע ביימער־שאָטנס. דאָס צאָקען פֿון די פֿערד־טלאָען האָט פֿאַרהילכט דעם לאַנגווײַליק טרוקענעם גרילץ פֿון די ציקאַדעס און פֿון די קאָלערליי אַנדערע מינים גרילן. זיי האָבן זיך דערווײַל געטראָגן איבערן פֿלאַכלאַנד — אַן אומענדלעך ברייטער טאָל, באַגרינט מיט אַ געדיכטער פֿאַרווילדעוועטער פֿלאַנצונג. צווישן הויכן ווילדגראָז האָט געקאָנט אַ שימער טאָן מיט זונרויזן און מיט דרײַפֿאַרביקע פֿײַלעכלעך, אָדער ס'האָט זיך אַרײַנגעריסן אַ שטיק וואַלד, אונטערגעבעט מיט יונגע סכאַך־ביימלעך, און אינמיטן אַ צעפּעכערטע פּאַלמע. איינצלנע ציפּרעסן האָבן אָנגעהויבן אַנטקעגנקומען, ווען דער וועג האָט זיך גענומען שלענגלען אַף אַרויף. פֿון ביידע זײַטן האָט זיך געהויבן אַ וואַנט פֿון געדיכטע פּלאַטאַנען, טוטנביימער און ווײַסע יאָדלעס. ס'האָט זיי אַרײַנגענאַרט צו זיך אַ מין קאַדמען־וואַלד, נאָר ער האָט זיך לאַנג ניט געצויגן. ער איז מיטאַמאָל ווי אָפּגעשניטן געוואָרן, און זיי האָבן זיך געפֿונען אַף אַ נאַקעטן באַרג, פֿונוואַנען ס'איז געווען צו זען דעם גאַנצן מעהאַלעך, וואָס זיי האָבן אַדורכגעמאַכט.

זיי האָבן זיך באַוועגט אַלץ פֿאָרויס, נאָר וועטוריע האָט זיך אַלעמאָל אומגעקוקט. זי האָט ניט געקענט רויִק ווײַטער פֿאָרן. אַ פּאָר מאָל האָט זי געמאַכט אַ קאַראַקאָל, אַ מין רונדיקן אויסקערעווען זיך צוזאַמען מיטן פֿערד אַף צוריק, און איז שטיין געבליבן. זי האָט זיך ניט געקענט אָפּרײַסן פֿונעם שטיקל לאַנדשאַפֿט, וואָס זיי לאָזן הינטער זיך. דער טאָל איז געלעגן ווי אַפֿן דעק פֿון אַ מעכטיקן בעקן. אַ פֿילפֿאַרביקער טעפּיך, אַ באַזוימטער מיט געדיכטגרינע פֿרענדזן און אַן אָנגעפֿילטער מיטן גאָלד פֿון דער זון.

— וואָס וואָלט איך נאָך געקאָנט צוגעבן צו אָט דער פּראַכטפֿולער שיינקײַט, ווען אַפֿילע איך זאָל זײַן גאָט אַליין? — האָט זי געזאָגט צו יויעלן, וואָס האָט זיך פֿאַרהאַלטן לעבן איר.

זיי זײַנען ביידע געפֿאָרן מיט קורבער־טריט, אַזעלכע קורץ־קליינע גאַלאָפּ־שפּרינג. דאָס גיט זיי די מעגלעכקײַט אָנצויאָגן די מיטרײַטער.

דער קאָהאָרטע רײַטעריִער קומט אַנטקעגן פּאָנעם צו פּאָנעם אַ לאַנגע קייט געשלייפֿלטע בערג, און ס'דוכט זיך, אַז וואָס העכער זיי הייבן זיך אויף, אַלץ העכער וואַקסט דער באַרג־רוקן. פֿונדערווײַטנס זעען זיך שוין גוט אָן די פֿעלדזיקע שאַרפֿע קאַנטן. אויך דאָ, אונטער די פֿערדישע קאָפּיטעס, הילכט שוין אָפּ דער טראָט איבערן טרוקענעם האַרטן שטיינפֿעלד. דער וועג איז דאָ אַ שמעלערער, ער שלענגלט זיך און איז פֿול מיט שטרויכלונגען. מע שטויסט זיך אַלעמאָל אָן אָט אַף אַ בערגל און אָט אַף אַ שיפּוּי. נאָך אַ לענגערן באַרג־צופֿוסנס זײַנען

זיי אראָפּ אַף אַ שטעגל, וואָס איז געלעגן צונויפגעדריקט אַן אײַנגעשרומפּנס, צווישן אַן אראָפּהאַנג פון איין זײַט, און פון דער צווייטער אַ שטראָמענדיק וואַסער מיט אַ ווײַסן שוים. זיי האָבן געמוזט צו איינציקווײַז איינער הינטערן צווייטן זיך לאָזן אַף פּאָרויס. דער שטראָם האָט זיך אַזוי האַסטיק געטראָגן, אַז בא די פערד, וועלכע האָבן געפּרוּווט אַ שווענק טאָן אין אים די לעפצן, האָט די פעל אופגעציטערט, און זיי האָבן זיך געהאַלטן נעענטער צו דער שטיינערנער זײַט. ס׳האָט געמאַכט אַן אײַנדרוק, ווי דער וואַסער־פּלייץ וואָלט דאָ צופעליק פאַרבלאָנדזשעט און איצט, אַ צוגעשמידט געפאַנגענער, שלאָגט ער זיך דורך אַ וועג אַף זיך ענדלעך ארויסרײַסן פון אָט דעם ענגן שטיין־באָדן. די רײַטער האָבן אפילע ניט באַמערקט, ווען זיי האָבן פאַרלוירן אָט דעם שוימיקן וואַסער־פלוס. די פערד האָבן איצט געבויגן די קעפּ צו אַ דין וואַסערל, וואָס האָט קוים געריזלט. דער וועג איז דאָ אויך ברייטער געוואָרן. זיי האָבן געריטן איבער אַ באַרג־פּלאַך אונטערן ברענענדיקן הימל. די הויכלאַנד־שפּיצן האָבן ערגעץ זייער ווײַט געבלענדט מיט אַ שאַרפן גלאַנץ פון זייערע שניי־קעפּ. ס׳האָט זיך אין דער לופט געמינעט און ס׳האָט געשניטן דאָס אויג די צו שטאַרקע שײַן פון דער זון. הײַנט ווי וועט זײַן דאָרטן, אַף אַ נאָך העכערן געבערג? ניט שוין זשע האָט זי זיך טאַקע פאַרקליבן אַף אַזאַ הייך, די מאַכשייפע?

די באַגלייטער, גענומענע פון הי, טרייסטן וועטוריען: זיי וועלן נאָך ניט איין מאָל זיך הויכן און אראָפּנידערן. דער וועג גייט דאָ לענגויס דעם באַרג־רינג. דאָס אָרט, וואָס זיי דאַרפן דערגרייכן, איז שוין גאָרניט אַזוי שטאַרק הויך. און נאָך אַ זאַך מעג זי וויסן, די סעניאָרן: וואָס העכער, איז אַלץ נעענטער צו גאָט. אַף די העכסטע בערג שײַנט טאַקע די זעלבע זון, נאָר זי איז דאָרט אַ סאַך קעלטער. די הויט אַפן לײַב, אַנשטאָט זיך באַדעקן מיט שווייס, אַזוי ווי איצט דאָ, הייבט זיך דאָרט אָן צו בערגלען, און מע קאָן אפילע כאַפּן אַ ציטער.

זי האָט דערזען אַפן גרויען באָדן איידלווײַסע בלימעלעך, נאָר ס׳ווילט זיך דאָ ניט ווען־ס׳איז באַלעסטיקן דערמיט. אַלע זײַנען, זיכער, ניט ווייניקער פון איר איבערגעמידט, און עפּשער טאַקע הונגעריק אויך. גוט, וואָס מע האָט פון פאָרויס באַשטימט ניט דערפאָרן הײַנט נאָך ביז צום סאַמע אָרט, וווהין זיי צילן. בעסער צוקומען אַהין, ווען סע וועט שוין אָנהייבן שפּראָצן אַף טאָג. נאָך איידער די מאַכשייפעס וועלן פאַרלאָזן זייער נעסט, וועט מען נאָך זיי קאָנען נאָכקוקן, זען, מיט וואָס זיי פאַרנעמען זיך דאָרט, און דערנאָך ערשט אַ צערודער טאָן די באַהעלטעניש זייערע.

דער וועגווײַזער פירט זיי נאָכאַמאָל אַף אראָפּ־אַ־באַרג. דאָס אראָפּנידערן, דוכט זיך איצט וועטוריען, איז אַ סאַך שווערער, ווי דאָס ארופשטײַגן. די קיזלשטיינער קײַקלען זיך אונטער די פערדישע פיס און פאַרשווערן די רעגלמעסיקייט פון זייער גאַנג, און דאָ נאָך ווערט דאָס שטעגל ארומגעשניטענער, זיי דרינגען ארײַן ווי אין אַ פאַרקלעמטן שפּאַלט, וואָס מע זעט גאָר ניט, ער זאָל זיך אַמאָל ענדיקן. דער וועג איז נאָך אַ לאַנגער, אַזוי ווי דער לאַנגער זומער־טאָג, וואָס רירט זיך ניט פון אָרט. זיי וועלן נאָך, אַפּאָנעם, האָבן ניט איין מאָל דעם אראָפּ און ארוף. אָט זײַנען זיי ארופגעשטיגן און געבליבן שטיין פאַר אַ וואַסער־ברעג, וואָס קושט זיך מיטן גלאַט פון אַ פעלדז. דאָס וואַסער דאָ האָט אַזוי ווי איבערגעקערט מיטן קאָפּ אראָפּ די באַרג־שטיינער און צונישט געמאַכט פון זייער גאַנצער מעכטיקייט. זיי סטאַרטשען ארויס דאָ און דאָרט מיט אַ שטיקל פלאַך אָדער מיט אַ נעבעכדיקן שפּיץ, און דער צופלוס... ווי ער וואָלט זיך רייצן מיט זיי, טוקט זיי אַלעמאָל אונטער און לאָזט ווידער ארויסקריכן. ביז זיי האָבן געפונען אַ וועג אַף אויסצומײַדן דעם ווײַט צעגאָסענעם וואַסער־בעקן, האָט דער טאָג אָנגעהויבן אָפּשטאַרבן. די זון איז ערגעץ פאַרשוווּנדן און האָט איבערגעלאָזט אַ פּיסנע גרויען הימל און דעם טרויעריקן אויסזען פון די נאַקעטע פעלדזן, וועלכע גרײַפן אָן אַף דעם מענטשן, און דערמאָנען וועגן געפאַרן, שווידערלעכער איינזאַמקייט און מילבנאַרטיקייט פונעם מענטשלעכן מין.

ווען ס׳איז געוואָרן גוט טונקל, האָבן זיי זיך ענדלעך דערקליבן צו די נעזירישע היילן, וואָס ליגן באַהאַלטן אין די פעלדזן־שפּאַלטן. זיי זײַנען שוין געווען אויסגעהונגערט ווי די וועלף. די ערעמיטן האָבן זיי אונטערגעטראָגן דאָס עסן, וואָס האָט געהאַט איין מײַלע, די סאַמע וויכטיקסטע מײַלע, וואָס האָט בא זיי אין דער איצטיקער מינוט מער פון אַלץ אויס־גענומען, — דאָס, וואָס אַלץ איז געגעבן געוואָרן בעשעפע. מע האָט געהאַלטן אין איין דער־לאַנגען צום טיש: געפּרעגלטע קאַרפּן, קרויט, אייער מיט ציבעלעס, זויערמילך, און צו דעם אַלעמען אַלטגעבאַקן ברויט. די מענטשן האָבן אופגעלעבט. מע האָט געגעסן און געלאַכט. געקײַט אַף ביידע באַקן און זיך געווערטלט. ווען איינער פון די דערלאַנגער האָט דערהערט וועטוריעס קלינגעוודיק געלעכטער, איז בא אים ארויסגעפאַלן די ערדענע קיילע, אַ פולע מיט האָניק, פון דער האַנט. ער האָט באַלד געבראַכט מיט זיך דעם עלטסטן זייערן, דעם

ריגאַריסט, און יענער האָט זיי גלײַך אָנגעהויבן טרײַבן פונעם טיש. דער פאַרדראָס האָט בא אים אַרויסגעקוקט פון די אויגן, און פון גרויס גרימצאָרן האָט זיך בא אים געטרייסלט די ברייטע באָרד אַף זײַן אויסגעדאַרט אַסקעטישן פּאָנעם. ער האָט עס אָנגענומען ווי אַן אַרויסרוף, ווי אַ פּערזענלעכע באַליידיקונג און ווי אַ בייזע אָנשיקעניש.

— דער פוס פון אַ פּרויעקציעמער האָט נאָך קיינמאָל די דאָזיקע ערד ניט באַטראָטן. אַף אַ מעהאַלעך פון דרײַ מײַל דערלאָזן מיר ניט, זי זאָל אַריבערשפּאַנען דעם געדער אונדזערן...

עמעצער פון די אָרכים האָט זיך אָנגערופן מיט אַ שפּאַס־וואָרט. אַנדערע האָבן אַף ערנסט זיך גענומען אויסטײַנען מיט אים, און מיט געלאַסנקײַט האָט מען געפּרוּווט אים מורסער זאָגן, נאָר דער אַסקעט האָט זיך געהאַלטן בא זײַנס. עטוואָס צוריקגעהאַלטן, אָבער מיט דער זעלבער פעסטער אַקשאָנעס האָט ער זיך אָפּגעשלאָגן פון זייערע רייד:

— רעדט מיר ניט אײַן. אַ מענטש קאָן ניט האַלטן פײַער בא זיך אַף דער ברוסט, און ס׳זאָלן זיך ניט אָנצינדן זײַנע קליידער. מע קאָן ניט גיין אַף צעגליטע קוילן, און ס׳זאָלן ניט ברענען די טריט פון די פיס. דערמאָנט זיך אינעם ערשטן מענטשן, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן, אין אָדאָם האָרישענען! — האָט ער מיט הארץ און מיט פײַער אין די אויגן זיך געהיצט. — אינעם אָרעמען אומגליקלעכן לאָט, אין שימשן דעם גיבער, אינעם זינגער פון די הייליקע געזאַנגען פון טהילים אינעם קיניג דאָוויד און זײַן קלוגן זון דעם מעלעך שלוימע... — דאָ האָבן זיך שוין אָנגעקליבן אַלע נעזירים, די טאַלמידים זײַנע, — ס׳איז גאָר אַף דער וועלט ניטאָ אַזאַ קלוגער, אַזאַ הייליקער גאָטספאַרכטיקער מאַן, מעג ער זײַן דער געטרײַסטער גלויביקער אינעם געקרייציקטן, אין דער הייליקער דרײַ־אייניקײַט, וועט אים ניט אויסמײַדן אָט דעם טײַוולס פּלאָג געשטרויכלט צו ווערן בא אָט דעם אָנגעשטאָפּטן זעקל מיט זינד, — באַווײַזט ער אַף וועטוריען, און מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן זעצט ער פאָר, — ס׳איז נאָך ניט געווען דער מענטש אין דער וועלט, וואָס זאָל קאָנען בײַשטיין דעם פּרווו און ניט אַרײַנפאַלן אין זייערע פאַרשאָלטענע נעצן. מיר אַנטלויפן פון זיי ווי פאַרן טײַוול אַליין... ווי פאַר אַלע טײַוולאָנים פון דער וועלט...

מע האָט וועטוריען געמוזט צונעמען פון דאָרט, זי זאָל ניט רייצן די גענדז, — אָט די הייל־באַווינער, וועלכע האָבן זיך אינגאַנצן אויסגעטאָן פון דער וועלט. מע האָט זי געמוזט אָפּפירן ווײַט פון זייער מאָקעם־מענוכע אַף אַ באַרגיקן באָדן, אונטערן פרײַען באַנאַכטיקן הימל. פאַר די אָרכימס פערד האָבן זיי געהאַט אַן אָרט אַף צו באַשיצן זיי פון דער נאַכט מיט אירע געפאַרן. זיי האָבן ניט געקאַרגט פאַר די באַלעכאָים פולע דראַבינעס מיט פּיטער, ריינע קוואַל־וואַסער לערּאָוו, און פאַר דער פּרווי־וועגן האָבן זיי ניט געוואָלט מיטגעבן גאָרנישט ניט, אַפילע אַף אונטערצובעטן אַוועלכן־ס׳איז געלעגער אַף דער הוילער האַרטער ערד. די באַגלייטער אירע האָבן אַראָפּגעשלעפּט פון זיך די אייבערשטע האַלבאַשע, אויסגעשפּרייט אַף דער ערד און נאָך איבערגעלאָזט אַ טייל צום צודעקן זיך.

נאָכן ברענען זיך אַזויפיל שאָ אַף דער זון האָבן די מענטשן זיך מעכײַע געווען מיט דער באַנאַכטיק־קילבלעכער און אַ ביסל פאַרדעכטיקער לופט. די אויסגעשטערנטע הייך, דער שטילער ריינער וועטער, אָן אַ מינדסטן ווינטל, האָט פונדעסטוועגן געלאָזט הערן עפּעס אַ מין פײַכטקײַט. צי דאָס גייט פון די בערג? צי פון אַ ניט ווײַטן וואַסערפאַל, וואָס האַלט אין איין ברויזן און דערמיט ווערט נאָך איינזאַמער און דראָענדיקער די אַרומיקע שטילקײַט? די מענער זײַנען זיך צעגאַנגען צונויפקלײַבן פאַר אַ שײַטער קאָלערליי געשטרויכל־ און דאָרנאָפּפאַל. וועטוריע ליגט אייגנע אַליין פאַרקוטעט אונטער די פרעמדע מאַנצבלשע בגאָדים און טראַכט אָן שום פאַרדראָס וועגן די הייליקע מענער, וואָס האָבן זי נאָרוואָס פאַרטריבן פון זיך. ס׳האָבן איר נאָכגעפאָלגט די ברענענדיקע אויגן פון זייער עלטסטן, זײַנע פײַערדיקע רייד און די סינע־בליקן פון זײַנע לײַט, וואָס האָבן זי דורכגענומען אַף דורך און דורך. עפּעס האָט זיי אין לעבן שטאַרק געטראָפן... און עפּשער טאַקע אַ פרוי האָט עמעצן פון זיי שטאַרק ווײ געטאָן. מעגלעך, דעם עלטסטן אַליין. ער איז נאָך גענוג קרעפטיק, מיט אַלע זאַפטן, האָט ער באַשטימט פונדעסטוועגן אַנטרינען פון דער וועלט, זיך אָפּזונדערן פון מענטשן. ער האָט קוים פאַר זיך אויסגעזוכט אַ מאָקעם־מיקלעט, אַף אַזאַ מוירעדיק אָרט, צווישן די גרויזאַמע פעלדזן, איז זי געקומען אויפרודערן זײַן געמיט, דערוועקן אין אים דעם ווייטעק פון דער עפּשער שוין צוגעהיילטער ווונד. דאָס איז נאָך ניט גענוג?.. זיך פאַרקלײַבן אַף אַזאַ הייך, ווו ס׳קומט אָן מיט גרויסע שווערקײַטן דאָס דערלאַנגען זיך אַהער, איז דאָס נאָך ווייניק אַף צו פּאָטער ווערן פון דעם, וואָס פּײַניקט און טוט ווײ? דערצו נאָך דערזען פּלוצעם פאַר די אויגן דעם פרעמדן נײַגער פון אַ פּרויעקציעמער... זי קען אים גוט פאַרשטיין, פאַרוואָס ער איז געווען אַזוי דערצאָרנט און שטאַרק פאַרביטערט.

דאָס פּײַער פונעם צעצונדענעם שײַטער שפּילט זיך מיט די געזיכטער פון אירע באַגלײַטער, וואָס האָבן זיך אויסגעזעצט אין א האַלבקרײַז ארום דער וואַרעם. דער וועגווײַזער, דער הויקערדיקער פּיער, האגאם ער איז ניט אַף האַלב אויסגעטאָן ווי די איבעריקע, פאַרנעמט דאָ דעם אויבנאָן. די הענט זײַנען בא אים פאַרנומען מיטן פּאַריכטן דעם פלאַם. דאָס מויל בא אים רוט אויך ניט. ער קוויקט זיך מיט דער היץ, וואָס שלאָגט אַף אים און צעפּריִעט אזוי כּיִעסדיק די אַלטע אייוורים.

— מעכײַע גוט. א פאַרגעניגן...— קרעכצט ער און יאָכצעט פאַר טײַנעג,— אָט איר האָט אראָפּגעוואָרפן פון זיך די אייבערשטע קליידער. דאָס איז נאָך גאָרניט, וואָס די לופט איז אזוי לינדלעך און דוכט זיך פריש אָנגענעם. דער וועטער דאָ אין די בערג איז א גרויסער גענאַרניק. איך האָב אמאָל אריינגעכאַפּט אין אָט אזא שטיל־רויִקער נאכט א פאַרקילעכץ, האָב איך יאָרן צו טאָן געהאַט דערמיט. נאָך ביז היינט קאָן איך עס ניט פאַרגעסן,— און נאָך א לאַנגער אָכצעניש נעמט ער ערשט דערקלערן מיט דער געניוקײַט פון אלטן באַרג־טויי־שעוו: — פאַרן גרויסן מיסטראַל־ווינט האָב איך קיין מוירע ניט. ערגער איז מיטן אומבאַמערקט פאַרשײַטן ווינטל, וואָס צומאָל פילט מען עס אפילע ניט. אלץ איז גוט און פײַן, און מיטאמאָל טוט עס א ווייע, ווייסטו ניט וווהין צו אַנטלויפן. פונוואַנען ס׳זאָל ניט זײַן געקומען, פון וואָס פאַר א זײַט ס׳זאָל ניט בלאָזן, מוז עס זיך אדורכטראָגן איבער די הויכע שניי־שפּיצן, און פון דאָרט פאַרכאַפּט עס מיט זיך א שטיקל ביטערע קעלט און ס׳ברענגט צו טראָגן אהער, צו אָט אזא צעפּריִעטער בריִע, ווי איך בין איצט...— צעלאַכט ער זיך מיט א האָפּערדיק לענגלעך כיכיקען, ביז ער פאַרגייט זיך אין א קכעקעדיק טרוקן הוסטל.

יויעל זיצט נעענטער צו וועטוריען ווי צום פּײַער. מיט א האַלבן אויער הערט ער די רייד, וואָס באַם שײַטער, און דאָס איבעריקע... דאָס גאַנצע געהער זײַנס איז איצט געווענדט צום געאַמפּער צווישן איר מיט מיכאַיִלן. דער אלביִאָן איז אופגעבראַכט אַף די נעזירים. ער שילט זיי און זידלט זיך און לאַכט אויס זייער פאַרעאָדעמדיקײַט:

— אזא אומדערהערטע גאַסטפרײַנטלעכקײַט אַף לעהייפעך! אזא אומגעלומפּערט ווילדע שלעכטהאַרציקײַט! און די נאַרישע מוירע זייערע, דאָס ציטערן פאַרן יעיצערהאָרע, פאַר דער טײַווע. וואָלטן זיי שוין בעסער געגאַנגען פאַר יעוונוכן אפן מיזרעך. דעם עלטסטן זייערן וואָלט זיכער בעסער געפּאַסט זײַן א יעוונוך בא די ווײַבער פון א רײַכן קאַליף.

וועטוריע פאַרענטפערט זיי און אויך דעם אויסבראַך זייערן קעגן איר. זי זוכט אפילע א זכוס אַף דעם, וואָס האָט זי פאַרטריבן. אַף זייער עלטסטן, דעם ריגאָריסט:

— ער איז א הייליקער מאַן... און ווער ווייסט, עפשער אויך א לײַדנדיקער. ער איז אין א געוויסער מאָס עפשער גערעכט...— האָט זי זיך גאָטספאַרכטיק פאַרטראַכט, מיט צונויפגעלייגטע הענט, ווי צו א טפילע.

יויעלן האָט עס דערצאָרנט. ער איז נאָך געוועזן אופגערעגט פון אָט דעם הייליקן מאַנס צוויִעסדיקע און אמעראַצישע רייד דאָרטן באַם טיש... און זי האָט עס אופגענומען ווי עפּעס רעכטס. איצט האָט ער נישט געקאָנט זיך ניט אריינמישן:

— די ערשטע קריסטן, ווען זיי זײַנען נאָך געווען גערוידעפט, האָבן געהאָפט, אז זיי וועלן דעם גאַנצן לעבנשטייגער בא דער מענטשהײַט ענדערן מיטן וואָרצל. זיי פלעגן זאָגן צום קנעכט: „דו ביסט בא גאָט אזוי ליב און טײַער, ווי דער האר דײַנער און אפילע ווי דער קייסער. בא דיר איז פונקט אזא גרויס־כאָשעווע און אומשטערבלעכע נעשאָמע, ווי בא אים”. באַם איצטיקן קריסטלעכן גלויבן איז דער קנעכט א קנעכט, ווי געוועזן, און דער האר זײַנער איז א האר, און קיינער טראַכט שוין ניט וועגן ענדערן דעם סיידער־האָוילאָם. מע איז צופרידן מיט דעם, וואָס סע איז און וויִאזוי ס׳איז...

— אָט אזוי קריכסטו טאָמיד ארײַן אין לאַקירדעס!— איז וועטוריע בייז געוואָרן.— וואָס האָט עס צו די נעזירים, פאַרשטיי איך ניט? ווו האָסטו געזען בא זיי הארן און קנעכט?

— הארן און קנעכט דאַרף איך ניט בא זיי זוכן. מע קאָן עס זען אומעטום. אַף יעדן שריט און טריט. האגאם די קנעכט הייסן איצט לײַבייגענע, צי אפילע אונטערטאַנען,— האָט יויעל זיך ניט געײַלט ארויסזאָגן זײַן געדאַנק.— דאָס, וואָס איך האָב בא זיי יאָ געזען און געהערט, איז... וויִאזוי מע קאָן אלץ אין דער וועלט פאַרקריפּלען. דער קיניג דאָוויד נעבעך,— האָט ער זיך צעשמייכלט,— דער פיל געפּרוּווטער און געליטענער קיניג, וועלכער איז ניט איין מאָל געשטרויכלט געוואָרן דורכן טײַוול מיטן נאָמען פרוי. האָט ער זיי דאָך אזוי ליב געהאַט, אָט די אלע, דורך וועמען ער איז פונעם ריכטיקן וועג אראָפּגעפירט געוואָרן. דאָס האָט אים לאַכלוטן ניט געשטערט אויסצוזינגען די האַלעלויִעס און די געטלעכע טהילים־געזאַנגען. היינט דער אומגליקלעכער קיניג שלוימע?— האָט ער זיך צעלאַכט מיטן פולן מויל.— ווער האָט נאָך אזוי באַגײַסטערט אויסגעזונגען די ליד פון אלע לידער, דאָס געזאַנג וועגן

ליבע, און וועגן דער פרוי אן איישעס־כאַיִל? קומען איצט אָט די אָפּגעשיידטע פונעם לעבן, פון דער וועלט, עפּשער דערפאַר, וואָס זיי קענען מיט זיך קיין אייצע ניט געבן, צי זיי זײַנען ביכלאַל פון די, וואָס לײַדן אַף א געוויסער מין שוואַכקײַט, און זיי פאַרופן זיך אַף דער צאַרעדיקער פּלאָג, וואָס האָט נעבעך געטראָפן די מעלאָכים פונעם אַלטן ייִסראָעל. זיי זײַנען די מאַלאָכים פונעם הימל, וואָס באַדויערן און באַקלאָגן דעם ביטערן גוירל פון די אומגליקלעכע מענער אַף דער ערד.

באַם פײַער האָט מען אין דער הייך מיטגעלאַכט און זיך געקוויקט מיטן וואָרט מאַלאָכים. גאָטס מאַלאָכים, הייליקע מאַלאָכים פונעם הימל. שיינע מאַלאָכים זײַנען זיי!

דאָ האָט דער הויקער דערציילט:

— באַ די בארג־אײַנוווינער איז פאַרשפּרייט א גלויבן, אַז העכער הונדערט מאַלאָכים זײַנען אַראָפּגעטריבן געוואָרן פונעם הימל אַף דער ערד, ווײַל זיי האָבן געזינדיקט מיט כאַ־ווס טעכטער. דער מאַלעך מיכאָעל האָט זיי דערפאַר אָפּגעשניטן די פליגל און פאַרפירט אהער אין די בערג. פאָרט נעענטער צו גאָט ווי פון דער סאַמע נידער. זיי זײַנען דאָך פונ־דעסטוועגן ניט פון די פּאָשעטע, אַזוי ווי איך, צום בײַשפּיל, א געווייינלעכער באָסאָרוועדאָם.

— הייסט עס, אַז באַ די מאַלאָכים טוט אויך אַמאָל א קיצל... סע צעשפּילט זיך דאָס בלוט... — טוט א זיפץ איינער פון די יעגער.

— א פאַרשאָלטענע מישפּאָכע אָט די ווײַבער, זיי קענען צערייצן אַפילע גאָט אַליין.

דער עלטערער נימרעד האָט א שטרענגן קוק געטאָן אַפן זון, ער זאָל די צונג ניט צע־לאָזן, און אַליין האָט ער גענומען דערציילן די געשיכטע פון די גאָר־גאָר אַלטע צײַטן, פון נאָך פאַרן מאַבל... ווען די צוויי מאַלאָכים שאַמבאַזיי און אַזאָזעל האָבן דערצאָרנט גאָט מיט זייערע נאַרישע רייד, וויִאַזוי די וועלט איז שלעכט באַשאַפן געוואָרן, וויִאַזוי די מענטשן זיינען פאַרדאָרבן געוואָרן און זיי האָבן די וועלט פול געמאַכט מיט נעִיפע און זנוס.

„— מיר וואָלטן אויך ניט בעסער געווען. מיר זאָלן אַף דער ערד זײַן און ווי די בעניי־אָדעם זײַן אָנגעזאָפּט מיט גלוסטונגען און לײַדנשאַפט, — האָבן אַנדערע גוטע מאַלאָכים געזאָגט.

— ס'הייבט זיך אַפילע ניט אָן, — האָבן זיך די צוויי אײַנגעשפּאַרט, — מיר וואָלטן גע־בליבן אַזוי אומשולדיק־זויבער, ווי דאָ אין די הימלען.

האָט גאָט זיי אַראָפּגעלאָזט אַף דער ערד, און אינעם ערשטן טאָג האָבן זיי זיך ביידע פאַרליבט אין דער שיינער אישטאַר, אין דער יונגער פרוי פונעם אַלטן קיניג, וואָס איז שוין קיין מאַן ניט געווען. ווען ס'איז דורך א צײַט און איינער פון די מאַלאָכים האָט זיך באַ איר געבעטן, זי זאָל אים אָדער דעם צווייטן באַפרײַען פון אירע צויבער־נעצן, וועט זי קאָנען בלײַבן פאַר איינעם פון זיי, האָט זי דערפאַר געפאָדערט, ער זאָל איר אויסזאָגן דעם שעם־האַמפוירעש, דעם שפּרוך, מיט וועלכן מע קאָן זיך אופהייבן אין די הימלען. ווי נאָר זי האָט אַרויסגענאַרט דעם סאָד, האָט זי זיך אַליין דערהויבן צו די העכסטע הייכן און זיי ביידע איבערגעלאָזט אַף דער ערד. האָבן זיי זיך גענומען באַהעפטן מיט אַנדערע ווײַבער, וואָס האָבן פון זיי קינדער געהאַט. פון אָט די קינדער זײַנען אויסגעוואַקסן די בעניי נעפילים, די ריזן־מענטשן, וועלכע האָבן מיט זייערע שווערע זינד אַרויסגערופן דעם מאַבל אַף דער וועלט. איצט זעט איר שוין, ווער די מאַלאָכים זײַנען? און וואָס סע ווערט פון זיי אַף אונדזער שיין און זינדיק וועלטל".

זיי האָבן נאָך לאַנג גערעדט וועגן מאַלאָכים און מענטשן. וועגן עכטע מאַלאָכים, וואָס אין די ווײַטע הימלען, און וועגן די, וואָס פון די היילן, מיט וועלכע זיי האָבן זיך הײַנט אָנגעשטויסן. אייניקע האָבן שוין אָנגעהויבן דרעמלען, זיצנדיק באַם פײַער. אַנדערע האָבן זיך געמינטערט מיט מײַסעס, ביכדיי זיך ניט צו ברעכן אין אַן אומבאַקוועמען שלאָף. קיין איינער פון זיי האָט זיך ניט געקוואַפּעט אַפן ווייך־וואַרעמען געלעגער, וואָס ער וואָלט געהאַט דאָרט, אין די היילן, ווען ער זאָל וועלן מעוואַטער זײַן אַף זײַן ריטערלעך־מוטוויליקער באַ־ציִונג צו דער איינציקער פרוי די סעניאָרן, וועלכע זיי באַגלייטן. דער אַלטער פּיער האָט זיך טיף באַליידיקט, ווען מע האָט אים געוועקט פונעם דרעמל, ער זאָל גיין קלוימערשט א קוק טאָן אַף די פערד, וואָס זיי האָבן דאָרט געלאָזט, און טאַקע איבערשלאָפן לעבן זיי. די צוויי יעגער־יונגען מיטן ייִנגערן נימרעד אין דער מיט, האָבן זיך געוואַרעמט לײַב צו לײַב אַף דער קאַלט־הוילער ערד, ביז זיי זײַנען אײַנגעשלאָפן. די אַלע איבעריקע האָבן געוואַכט אַרום וועטוריען, וועלכע האָט קיין אויג ניט צוגעמאַכט. זי האָט זיך צוגערוקט צום פײַער און מיט אַקשאָנעס צוריק צעשטעקט די האַלבאַשע, אַף וועלכער זי האָט זיך א שטיק צײַט געוואַל־גערט. זי האָט געלאָזט אַף די אַקסל בלויז דעם אויבער־יאַק, וואָס יויעל האָט אַף איר אַרופ־געוואָרפן און אַליין האָט ער זיך געניוועט מיט סקאָטן אונטער איין פעלערינע. דער איינער,

וואָס איז נאָך ניט מיד געוואָרן צו ריידן, איז געווען דער עלטערער נימרעד. אָט אזוי זײַנען זיי אויף געווען, ביז ס׳האָט אָנגעהויבן צו טאָגן.

אין א פאָר שאָ ארום האָבן זיי זיך דערקליבן צום אָרט, וואָס האָט פונווײַטן אויסגעזען ווי א שטיק פײַער. דער גאנצער זון־אויפגאנג האָט זיך געלייגט אפן הויכן פלאכלאנד און אים באגאָסן מיט פלאם. דאָ, ווו זיי פאָרן איצט, האָט זיך נאָך ניט אינגאנצן אָפגערוקט דער נעפל און די גרויקײַט, וואָס פון אויבן. מע קאָן ניט זאָגן: צי דאָס הענגט אזא דין וואָלקן־הײַטל, צי דאָס איז דער פארטאָגיקער בלײַ פון הימל, וואָס האָט זיך נאָך ניט אויסגעוועפט. אַלץ איז דאָ נאקעט, בערייישעסדיק און הויל. שווער צו געפינען עפעס אזוינס, וואָס זאָל דאָ ווײַזן א שפור פון מענטשלעכן לעבן צי אפילע א סימען פון אנדערע באלעכאַים. סײַדן עפשער די רויב־פייגל, וועגן וועלכע די מיטפאָרער דערציילן, אז זיי נעסטן זיך דאָ לעראָוו אין די פעלדז־שפאלטן. אינעם רוים זעט מען זיי דערווײַל ניט. וואָס סע קומט דאָ יאָ אנטקעגן, זײַנען די ווילדע גראָזן אף דער בסולעסדיק־פארשטיינטער ערד און דאָס געמיש פון זייערע ווילדע רייכעס, וואָס לאָזן זיך שארפער הערן אין אָט דער פרימאָרגנדיק שטילער שאָ.

די שטילקײַט האָט זיי באגלייט ביז צו די סאמע רוינען פון א כאָרעוון שלאָס, וווהין זיי האָבן זיך דערקליבן אײַנציקווײַז, באהאלטענערהייט, און צופוסנס. דאָ האָט זיך יאָ געהערט א געפאָך פון פליגל, ענלעך אפן געפלאטער פון פלעדערמײַז, ווי זיי וואָלטן בלינדערהייט מיט זייערע קערפערס זיך אָנגעשטויסן אין די טויבע ווענט. אויך אָן אָפט אָפגעהאקט קראקען פון ראָבן האָט זיך דאָ געהערט. ווי קומען אהער ראָבן אף אזא הייך?

ס׳כאפט אָן א שוידער אראָפצוקוקן אף די אָפגרונטן, פון וועלכע זיי האָבן זיך ארויסגעהויבן, און נאָך רײַטנדיקערהייט. טוסטו אָבער א הייב דעם קאָפ, דערזעסטו, אז דו ביסט ערשט צופוסנס פון א נאָך מעכטיקערן פעלדזן־אָנוואלגער. ניט שוין זשע האָבן זיך אויך דאָרטן מענטשן באזעצט? אויב דאָ, אין אָט דער וויסטעניש, אינעם ניט זאמדיקן, נאָר שטיינערנעם מידבאָר, ווו ס׳לעבן אפילע ניט קיין ווילדע כײַעס, ווו דאָס צוקומען אהער איז דורך אזויפיל ארופן און אראָפן, אף געשלענגלטע קרומע וועגן, האָט זיך דער מענטש אײַנגעפונדעוועט, און ניט דאפקע אין וועלכן־ס׳איז שטיין־שפאלט, נאָר אין א שטיינערנעם שלאָס, קאָן מען גלייבן, אז ער קאָן אומעטום דערגרייכן און צו אַלץ דערלאנגען. דאָ דארף מען שוין ניט קיין פעסטונג ארום פאלאץ; דוכט זיך, דאָס אָרט אליין איז די שטארקסטע אין דער וועלט שוץ־וואנט. פונדעסטוועגן איז דאָ דער גאנצער ביניען אזוי אוועק אונטער דער שווערד. דער שלאָס־באזיצער איז, אפאָנעם, געווען פעסט זיכער, אז דאָ וועט ער קיינמאָל ניט באפאלן ווערן, און אויב אפילע יאָ, איז נאָך ניטאָ בא די סאָנים אזא שלאכט־געווער אף אים בײַצוקומען. לויט די רעשטן פון די ווענט זעט מען די גרעב זייערע און די ארומגעטעסעטע שטיקער פעלדזן־שטיינער, וואָס זײַנען דאָ אײַנגעמויערט. דאָרט, ווו ס׳זײַנען געבליבן די שיס־לעכער, זעט מען נאָך פון אינווייניק די צאָקאָלן, אף וועלכע די בויגן־שיסער האָבן זיך אָנגעשפארט בעשאסן ארויסשיקן די פײַלן. אין אייניקע ערטער קוקן נאָך פון אונטערן שטויב ארויס די וועגנט־בארעליעפן מיטן געציינדלטן אויבן־אוף. אין איין ווינקל האלט זיך נאָך א וואך־טורעם, פון וועלכן מע האָט געקאָנט ארומקוקן די גאָרע ברייט און ווײַט. אונטערן אָפדאך, אין די כאָדאָרים, זײַנען פאראן בוילעטע סימאָנים פונעם רויטן האָן — פארסארפעטע זײַלן און איבערגעברענטע האָלץ־טיילן, מעבל־שטיקער. מע זעט דאָ אויך דעם סאכאקל פונעם רויב און די פארניכטונגס־אייגנשאפטן, וואָס ס׳פארמאָגן מענטשלעכע הענט. די, וואָס זײַנען איצט געקומען אהער, האָבן מיט שטילע טריט זיך אָפגעזונדערט איינער פונעם צווייטן, און פון זייערע ווינקלען, פון הינטער די באהעלטענישן האָט מען ארויסגעקוקט, עמעצער זאָל זיך באווײַזן.

וועטוריע האָט מיט שרעק א טראכט געטאָן: אָט באלד וועט זי דערזען פענסולינען, די פרוי, וואָס האָט אוועקגעקוילעט די מוטער. מיט וואָס פארא אויגן זאָל זי קוקן אף איר? זי ווייסט נאָך ניט, וואָס איר צו זאָגן? מיט אוועלכע ערשטע ווערטער זאָל זי זיך ווענדן צו איר?

יויעל באווײַזט איר אף עפעס, וואָס איז העכער איר קאָפ. זי דרייט זיך אויס: אפן טירגעזימס איבער דעם ארײַנגאנג איז אויסגעוועלבט די עמבלעם פונעם שלאָס־אייגנטימער. צוויי דערשראָסענע פויגלען איבערגעקרייצט אין אלאכסן, און הינטער זיי אָן אָפגעהאקטער מענטשלעכער קאָפ. עפשער איז דאָס ניט די עמבלעם? עפשער מיינט עס דעם פארשײַטן קאָפ פון א דרייסטן יעגער־יונג, וואָס האָט אויווער געווען אפן שטרענגן באפעל: זיך ניט פארנעמען דאָ מיט קיין יאגד אָן דעם סעניאָרס וויסן, און דערפאר האָט מען אים אָפגעהאקט דעם קאָפ?..

דער עלטערער נימרעד האָט דאָך דערציילט באם שײַטער: ווען ער איז נאָך א ייִנגל געווען, האָט ער זיך גענוג געהאט אָנגעהערט וועגן די שוידערלעכע ווילדע מײַסים פונעם היגן סראָרע. ער איז א לײַדנשאפטלעכער יעגער געווען און ניט אינגאנצן בא די געדאנקען, מעגלעך, דעריבער האָט ער זיך דאָ פארפעסטיקט אינעם איינזאמען שלאָס, טיף אין די בערג, בלויז מיט

דער דינערשאַפט און מיט זײַנע יאַגד־באַגלייטער. מער האָט ער קיינמאָל קיינעם ניט צוגעלאָזט אַהער. ער איז דאָ געשטאָרבן מיט אַ סוידעספּולן טויט, און נאָך אים איז קיין יוירעש ניט געבליבן. ער האָט אַף זײַן לעבן קיין ווײַב און קינדער ניט געהאַט, קיינע נאָענטע און קרויווים און אויך ניט קיין גויעל און פרײַנט.

דער ענגלענדער סקאָט האָט ניט געקאָנט אײַנשטיין אַף אַן אָרט. ער האָט דאָ אומעטום געזען שפּורן און אָנדײַטונגען אַף רעשטלעך פונעם אַלטערטום. פאַר אים איז עס גאַנץ אייגנטימלעך און זייער נאַטירלעך באַלד צו דערקענען און אָנטאַפּן די סימאָנים פון יענער ווײַטער עפּאָכע. אין דער וועלט־שטאָט רוים און אין אַנדערע איטאַליענישע שטעט, ווו ער איז אויסגעווען, האָט ער זיך ניט איין מאָל אָנגעשטויסן אַף אַן אַלטערטימלעכער מויערונג. איז פונקט ווי דאָרט, האָט ער דאָ גלײַך דערזען אַ צעשטערטע אַרקאַדע פון יאָנישע זײַלן, אַף אַן אַנדער אָרט דעם טריפּאַריזום מיט די סטראָפּקעס אַף די ווענט, דעם פּלאַפאָן, וואָס קוקט אַראָפּ פונעם סופיט, איידעס פון אַ בוי־קונסט מיט פיל יאָרהונדערטער צוריק. אָט אַזעלכע וויקל־טרעפּ האָט מען געקאָנט טרעפן נאָר בײַ די פּאַטריציער אין זייערע אַ צוגאָב צום ווירטשאַפט־ביניען. ער באַטראַכט די דאָרישע שפּעהע, וואָס בינדט צונויף צוויי שטיק־באַלקנס, און איז זיכער, אַז ער שטייט דאָ פאַר אַ צייכן פון דער רוימישער הערשאַפט, וואָס האָט אַמאָל געהאַט דערגרייכט ביז צו אָט די בערג, און נאָך ווײַטער. דאָס אַלץ איז דאָ, אָפּאָנעם, פאַרניכטעט געוואָרן ניט דורכן סוינעס אָן אָנפאַל בײַס אַ בלוטיקער ריטער־שלאַכט. די היגע באַגלייטער דערציילן, אַז די צעשטערונג איז געקומען ערשט נאָכן טויט פונעם שלאָס־אייגנטימער. צוויי ווילדע קויכעס זײַנען פאַראַן אַף דער וועלט, וואָס האָבן בעיאַד און זײַנען בעקויעך צו מאַכן אַזאַ כורבן: דער מענטש און די נאַטור, ווי, צום בײַשפּיל, אַ דונער, אַ מאַבל, אַן ערדציטערניש (פאַר וועטוריען וואָלט ער זיך געהיט מיטן געדאַנק, אַז ער אידענטיפיצירט די נאַטור־קויכעס מיט גאָט). די בלוטיקסטע כײַע האָט ניט קיין טעווע אַ טעל צו מאַכן פון דער שיינקײַט אַף דער ערד. זי וואָלט עפּשער אויך אויסגעמיטן צו פאַרצוקן אַ לעבעדיקע באַשעפעניש, ווען דאָס זאָל בײַ איר ניט זײַן אַ נויטבאַדערפעניש — דאָס איינציקע מיטל אַף זיך צו דערהאַלטן בײַם לעבן.

דער עלטערער נימרעד, ביז ער איז אַף אַן אָרט שטיין געבליבן, האָט זיך ניט געקאָנט אָפּוואונדערן אַף די פיל טירן־ראַמען, וואָס ער איז פאַרבײַגעגאַן. „אוראָהאָם אָווינוס האַכנאָסעס־אָרכימדיקע צעעפנטע טירן פון אַלע פיר זײַטן", — האָט ער אַ שמייכל געטאָן. בײַ דער מערהײַט טירן זײַנען צעקלאַפּט די געזימסן, אַנדערע זײַנען אומגעוואַלגערט אָדער. זיי האַלטן זיך נאָך אַף אַן עק שאַרניר. ער האָט נאָכגעשפּירט נאָך איינעם אַ צימער, ווו ס'האָט זיך נאָך פאַרהיט אַ גאַנצע טיר, וואָס איז געווען אַף האַלב אָפן. עפּעס אַ פאַרדעכטיקער אָנגעזאַמל פון פליגן זשומען אַרײַן און אַרויס דורך אָט דער שמאָלער עפענונג, און אַ מין פאַרדעמפּטער רייעך שלאָגט פון דאָרט אַרויס. ער האָט שוין געוואָלט אַ ביסל ווײַטער אָפּגיין פונדאַנען, נאָר ער האָט פּלוצעם דערהערט: עפּעס רודערט זיך דאָרט און מענטשן ריידן. ער האָט, אָפּאָנעם, אָנגעטראָפן פונקט אַף זיי. זיי קאָנען באַלד אַרויסקומען, די נעקייוועס. האָט ער גענומען אָפּטרעטן, קעדיי זיך אַרונטערשטעלן אונטער די טרעפּ, פונוואַנען ער וועט קאָנען זיי הערן און נאָכקוקן, וווהין זיי ווועלן זיך לאָזן. ער איז נאָך צום אָרט ניט דערגאַנגען, האָבן אים נאָכגעיאָגט די קוילעס פון די צוויי יעגער־יונגען: „זי איז טויט! זי ליגט אַ טויטע!"

ער האָט זיך אָנגעשטויסן אָפן זון, וואָס איז באַלד געקומען צו לויפן אָפן געשריי. צום אַרײַנגאַנג זײַנען זיך שוין אָנגעלאָפן די אַלע איבעריקע. די דערשראָקענע יעגער־יונגען פון צימער אַרויס האָבן אָנגעוויזן אַף דער טויטער, און ביידע מיטאַמאָל האָבן געפּלאָנטערט מיט די רייד, דערציילט, וויאַזוי זיי האָבן פון דרויסן דורך אַ קליין קוקערל אינעם לאָדן, די גרייס ווי אַן אָקסן־אויג, אַרײַנגעקוקט אַהער. דערזען איר פאַרוואָרפענעם קאָפּ, האָבן זיי געמיינט, זי איז פאַרכאַלעשט. האָבן זיי אָפּגעריסן דעם לונעט פון פענצטער צוזאַמען מיטן לאָדן און זײַנען אַראָפּגעשפּרונגען אַהער. ערשט דאָ האָבן זיי באַמערקט, אַז די טיר איז אָן אָפענע.

וועטוריע האָט געזען, אַז ס'איז ניט פענסולינע. די היגע האָבן באַלד דערקענט אין דער טויטער די מאַכשייפע. פּיער דער הויקער האָט זי געזען אַ לעבעדיקע מיט אַ טאָג צען צוריק. ער איז געשטאַנען איצט אינמיטן צימער מיט אַ הוילן קאָפּ און האָט זיך לאַנג געציילעמט, פּרעפּלענדיק אין דער שטיל די טפילע „פּאַטער־נאָסטער". ווען דער אַלטער האָט נאָך געוואָלט זיך שטעלן אַף די קני פאַר דער געשטאָרבענער, האָט אים סקאָט נעענטער ניט צוגעלאָזט. ער האָט אויך די איבעריקע גענומען טרײַבן פונדאַנען. יויעל מיט וועטוריען זײַנען שוין געשטאַנען פאַרן באַנקבעטל, ווו דער מעס איז געלעגן.

— מע דאַרף אַרומזוכן די צווייטע, — האָט דער עלטערער נימרעד גערופן מיט זיך די, וואָס זײַנען אַרויסגעשטופּט געוואָרן פונעם כיידער.

די טויטע ד׳זאַנע איז געלעגן האַלב צוגעדעקט מיט אַ צעכראַסטעטער ברוסט, דער קאָפּ האָט זיך באַ איר געהאַלטן אַפן לײַסטל פון געלעגער. די צעשאָטענע האָר זײַנען אַראָפּגעהאַנגען ביז דער ערד קימאַט. אַ געדיכטע פּאַסמע האָט אינגאַנצן פאַרבאַהאַלטן איין אויג, און דאָס צווייטע איז געווען ברייט אָפן און פאַרגלאָזט. יויעל האָט געפּרוּווט באַ איר אופרײַסן די פאַרקרעמפּטע ליפּן. די ציין זײַנען געווען אײַנגעביסן אין צונג, באַ וועלכער דער שפּיץ איז געווען עטוואָס אַרויסגערוקט און פאַרבלוטיקט.

— זיך אָפּגעסאַמט? — האָט דער ענגלענדער אָנגעכאַפּט יויעלן פאַר דער האַנט.

— איך מיין, אַז ניט, — האָט יויעל אַ טויט־ערנסטער גענומען אַרומזוכן דעם אָפּן־געלעגער. ער האָט געבעטן וועטוריען זי אָפּדעקן און אַרומקוקן איר נאַקעטן קערפּער, דאָס בעטצײַג.

„אַליין האָט ער פאַרהויבן די האָר אַף אַנטבלויזן דאָס פאַרשטעלטע שטיקל פּאָנעם, דעם האַלדז אירן. סקאָט באַ דער זײַט האָט געקוקט אַף איר געזיכט. באַם ווידער צוגעמאַכטן מויל, אין די ווינקלען, האָבן זיך אָנגעזעצט פּאַסיקלעך פאַרבאַקן בלוט, אַף וועלכן ס׳האָבן זיך געזעצט לעבעדיקע פליגן. ער האָט זיי אָפּגעטריבן. לויטן אויסדרוק פון אירע צונויפגעפּרעסטע פּולבלעכע ליפּן האָט זיך געקאָנט דוכטן, אַז זי שטיקט זיך מיט עפּעס און באַלד וועט זי עס אויסמייקענען. יויעל האָט אָנגעטאַפּט אַף איר האַלדז אָנגעשוואָלענע לימפן. ער האָט ווי געזוכט פינגער־סימאָנים, נאָר ער האָט געפונען בלויז אין דער פאַרקײַלעכטער פאָרם, ווי אַ שטיקל מוילעד, קליינינקע הויט־ראַצן. דערפאַר איז דער פאָדערשטער טייל האַלדז געווען אינגאַנצן פאַרענדערט. דער גאָרגל־קנאָפּ — „אַדאָמס עפּעלע״ — איז ווי אַרײַנגעדריקט געוואָרן אינעם שלונג. דער אונטערנצונג־ביין איז געווען אַרויסגעשטויסן און האָט געסטאַרטשעט ניט אַף זײַן אָרט. דער שלונג איז, אַפּאָנעם, געווען אינגאַנצן צערודערט. און ער האָט איצט ערשט דערזען אין די עקן באַ די אויגן־ווײַסלען רויטע בלוטס־טראָפּנס.

— אַ מאָרד! דורך דערשטיקן. מעגלעך, אין שלאָף האָט מען זי דערשטיקט. מיט די הוילע הענט, — האָט יויעל גערעדט ווי צו זיך, ווען ער האָט נאָך גענומען אַרומקוקן איר ברוסטקאַסטן.

וועטוריע איז שוין געשטאַנען אין אַ זײַט. זי האָט אַפן קערפּער גאָרנישט ניט געפונען, און אויך אַרום איר, אַפן געלעגער איז גאָרנישט ניט געווען. סײַדן עפּשער מע וואָלט נאָך געדאַרפט אַ קוק טאָן אונטערן צוקאָפּנס, נאָר זי וויל אים איצט ניט שטערן, יויעלן, זי באַוואונדערט און איז איבעראַשט פון זײַן גלײַכגילטיקן דרייסטן באַטראַכטן דעם טויטן גוף, גלײַך ווי ס׳וואָלט גאָר קיין פרויען־קערפּער ניט געווען, גלײַך ווי ס׳וואָלט געווען אַ געוויינלעכע זאַך: דאָקטוירים מענער זאָלן האָבן צו טאָן מיט פּאַציענטן ניט פון זייער געשלעכט. פון ווען אָן האָט מען עס זיי אָנגעהויבן פרײַ צולאָזן צו דער היילונג פון פרויען? בלויז זי האָט זיך געקאָנט אַזאַ זאַך דערלויבן מיט איר קראַנקער אומגליקלעכער מוטער. ווען ניט סאַלערנאָ, ווו זי איז בײַגעווען באַ אַזעלכע אויסנאַם־פאַלן... ווען ניט יויעל, צו ווען זי האָט אַ צוטרוי און אַזאַ גוטע באַציִונג...

מיטאַמאָל האָבן זיך באַ איר אָנגעצונדן די אויגן און זי האָט אויסגעבראָכן אין דער הייך אַ געוויין. סקאָט האָט דערזען, ווי זי האָט די הענט פאַרבראָכן און אָנגעהויבן קלאָגן, האָט ער זי געפּרוּווט באַרויִקן. יויעל האָט אַף איר פאַרוווּנדערט בייז אַ קוק געטאָן און קאַלטבלוטיק איר פאָרגעוואָרפן:

— האָסט געלערנט מעדיצין, וועטוריע!

וועטוריע האָט ניט אופגעהערט צו שלוכצן און געוויזן מיט דער האַנט אין אַ ווינקל. אַפן פאַרטשעפּער דאָרט איז געהאַנגען פון פעל אַ זעקעלע און אַף דעם איז מיט גרויסע קאָטשערעאויסיעס געווען אָנגעשריבן איר מאַמעס נאָמען.

— בע־לאַ־דאָנע, — האָבן סקאָט מיט יויעלן איבערגעלייענט, און זיי האָבן דאָס זעקעלע גענומען צעבינדן. דאָרט איז פול געווען מיט גיפט־גראָזן, קרײַטעכצער, וועלפּישע בערעלעך, און אַזעלכע קליינע ווי די ווײַמפּערלעך — ערד־קאַרשן. אין זיי איז געווען דער שטאַרקסטער סאַם. יויעל האָט זיי דערנאָך אויסגעפּרוּווט. אָט די דאָזיקע טונקעלע דול־קאַרשן, וואָס זײַנען בעקויעך אַ מענטשן רירן פון די געדאַנקען, האָבן זיי אויך געפונען אין אַ באַזונדער גוט פאַרמאַכטער ערדענער קײַלע, אַפן סאַמע דנאָ. אַף דער קײַלע — די זעלבע אופשריפט. צי דאָס איז דערפאַר, ווײַל ס׳איז פאַרגרייט געווען פאַר וועטוריעס מוטער? צו ווײַל זיי האָבן קיין שענערן נאָמען ניט געקענט צוטראַכטן פאַר אָט דער ביז אַהער אומבאַוווּסטער גיפט־יאַגעדע, ווי בעלאַדאָנע?

פון פּענסולינען האָט מען קיין שפּור ניט געפונען. האַגאַם אַלע האָבן געהאַלטן, אַז נאָר אַף איר פאַלט דער כשאַד אינעם מאָרד. מע האָט דורכגעניש־טערט ווו אַ לאָך אין דער שלאָס־

כורווע, צווישן די בערג, אין די היילן, אין די אַרומיקע ייִשוווים. ווּהין האָט זי געקאָנט אַנטרונען ווערן פאַר אַזאַ קורצער צײַט? לויט אַלע סימאָנים האָט דער מאָרד געקאָנט געשען ניט לענגער ווי מיט אַנדערהאַלבן, צוויי מעסלעס צוריק.

— צי איז דאָס ניט די אַרבעט פון די שכײַנעסדיקע פּרויען־פּײַנטהאָבער? — האָט סקאָטן, ווי אויך יויעלן, באַשעפּטיקט דער געדאַנק, נאָר זיי האָבן עס וועטוריען ניט אַרויסגעזאָגט. גאַנץ געגנוג, וואָס די דאָזיקע הייל־אײַנוווינער האָבן זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט זי צו באַהאַלטן אַף זייער צווינטער. וויפל מע האָט זיי ניט געפּרווּט איבערצײַגן, אַז זי איז אַ דערמאָרדעטע, ניט קיין זעלבסטמערדערן... און ווי איז מעגלעך זי צו פירן ערגעץ אין אַזאַ מערכאַק? אַזוינע וועגן? זי איז דאָך פונדעסטוועגן אַ קריסטלעכע נעשאָמע. מע קאָן זי דאָך ניט לאָזן אָט אַזוי אַף העפקער אָן קווורע? ס׳האָט גאָרנישט ניט געהאָלפן. מע האָט זיי ניט געקאָנט אײַנברעכן. זי האָט נאָך דערצו אַזעלכע צוויי שווערע זינד אַף זיך, וואָס די דאָזיקע לײַט קאָנען איר בעשום־אויפן ניט מויכל זײַן: דאָס, וואָס זי איז אַ פּרויענצימער און אַ קײַשעפּטרײַבערן.

דאָס לעצטע איז געווען אַ גרויסע מעניִע, אַז ערגעץ אַנדערשוווּ, אין די אַרומיקע ייִשוווים, זאָל מען זי קאָנען ברענגען צו דער אייביקער רו. די יעדיִע וועגן דער מאַכשייפעס טויט איז געגאַן פאָרויס פון זיי. און די גאַלאָכים פון אומעטום האָבן ניט צוגעלאָזט זי באַהאַלטן אַפן קריסטלעכן שטייגער. ווּהין זיי זײַנען ניט געקומען, האָט מען שוין געוווּסט, אַז זיי פירן מיט זיך די מאַכשייפע, אַ זעלבסטמערדערן, און ניט נאָר די גײַסטלעכע, נאָר אויך אַ סאַך פון די באַרג־טוישוווים זײַנען גרייט געווען זיי פאַרוואַרפן מיט שטיינער. פון דערלויבן זי צו באַערדיקן דאָ, איז אָפּגערעדט. כאָטש נעם און לאָז זי איבער אַפן הוילן שטיינערנעם באָדן צווישן די בערג. אַפילע אויסגראָבן אָן אײַנזאַמען קײַווער אַף קיינעמס ערד, ווען מע זאָל שוין אויך פויעלן בא וועטוריען צו באַהאַלטן די טויטע ווײַט פון אַ מייסים־שטאָט, איז דאָ אויך ניט פון די גרינגע זאַכן. דאָס האָט געקאָנט געטאָן ווערן אַפן אָרט, דאָרט, ווּ זי איז אומגעבראַכט געוואָרן, אין דער נאָענט פונעם כאָרעוון שלאָס, — האָט זיך וועטוריע אײַנגעשפּאַרט. דאָס קריסטלעכע געוויסן האָט איר ניט דערלויבט איבערצולאָזן אין אַזאַ וויסטעניש אָן אײַנזאַמען קײַווער. איצט אַף די וועגן איז אַפילע ניטאָ מיט וואָס אופריִען די האַרטע ערד און אויך ניט מיט וועמען. די פּריִערדיקע באַגלייטער האָבן צו אײַנציקווײַז זיי פאַרלאָזט, ווי נאָר מע האָט דערפילט, אַז ניט אַזוי גיך וועט עס קומען צום קווורע־מאָלצײַט. זיי האָבן געמוזט געפינען נײַע מענטשן מיט אַ רײַטוואָגן פאַר דער טויטער און זיך לאָזן אַף גאָר אַנדערע וועגן. פון די פּריִערדיקע זײַנען מיט זיי געבליבן נאָר די בעניי־נימרעד, דער טאַטע מיטן זון.

דערווײַל האָט זיך אָנגעהויבן צו צעשפּילן דער מיסטראַל. אין גאַנץ פּראָוואַנס קען מען גוט אָט דעם דאָרעמדיקן לופט־שטראָם. דאָ אין די בערג רופט מען אים „דער שוואַרצער ווינט”. מיט זײַן וויכערן איז ער דאָ פייִק אָפּצורײַסן שטיינער פון די פעלדזן, איבערקערן דעם רײַטוואָגן, אויפהייבן עמעצן פון די רײַטער צוזאַמען מיטן פערד און זיי אַראָפּשלײַדערן אינעם טיפן אָפּגרונט אָדער אין די וואַסערן, וואָס שטראָמען אונטן. דאָס איז בא אַזאַ לופטגעווירבל אַ שפּילעכל.

וועגן דעם ריידן צווישן זיך די נײַע באַגלייטער גאַנץ אָפן, מיט אַ מין גוטמוטיקער בײַזווילִיקײַט, ווי וועגן אַ געוויינלעכער אומפאַרמײַדלעכקײַט, מיט וואָס מע מוז שאָלעם מאַכן.

וועטוריע מוז עס אויסהערן און פאַרבאַהאַלטן אין זיך די מוירע און די כאַראָטע־מאַכשאָווּעס. מיט אַ קלעם אין האַרצן גייט איר דורך אַ געדאַנק: אויב ס׳וועט עפּעס שלעכטס טרעפן, וועט עס זײַן אַ שטראָף פון גאָט. זי האָט ניט געטאָרט זיך אַזוי אײַנשטעלן פאַר דער פיל פאַרזינדיקטער אומגליקלעכער נעשאָמע, אויב אַלע גוטע קריסטן וואַרפן זיך אַזוי אָפּ פון איר... און וואָס וועט זײַן ווײַטער? ווּ וועלן זיי זיך מיט איר אַהינטאָן, אויב אין וועג וועלן זיי ניט געפינען ווּ און מיט וועמען צו דורכפירן די קווורע? כאָטש נעם און וואַרף זי אין וואַסער אַרײַן.

גוט, וואָס זיי האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אין אַ טאָל. נאָך נידעריקער פליסט אַ טײַך, וואָס יאָגט זײַנע וואַסערן אַזוי שנעל, ווי דער ווינט יאָגט דאָ אַרום די אַראָפּגעשלײַדערטע בלעטער פון די צווײַגן. ס׳בלאָזט אין פּאָנעם אַרײַן, אַז ס׳איז שווער דעם אָטעם איבערכאַפּן, נאָר מע מוז פאָרן ווײַטער, ס׳איז דערווײַל ניטאָ ווּ זיך אַהינצוטאָן. פון אויבן שײַנט אַ העלע זון, און דאָ אַף דער ערד נעמט אַדורך די קעלט, וואָס ציילט בא די רײַטעריִער די ביינער פון הינטער די בעגאָדים. וועטוריע זעט דעם נעבעכדיקן אויסזען בא די איבעריקע, די פאַרבלויטע נאָז בא סקאָטן, די זויערע מינע אַף יויעלס פּאָנעם, ווי ער וואָלט נאָך מער פון איר געווען פאַרצווייפלט. ווּ האָט זיך איצט אַהינגעטאָן זײַן דרייסטער שטעל?.. און דער שטענדיק קאַלטער גלײַכגילט, וואָס ער טוט אָן אַף זיך.

פונעם טײַך־ברעג, אפֿאַנעם, איז ארופֿגעריטן אף אן אײזל א יונג מײדל, דאָ אפֿן װעג האָט זי אָפּגעװאָרט א באָכער אין אירע יאָרן. ער האָט זיך אָנגעכאַפּט פֿארן כאָמוירס קרופּ און איז ארופֿגעשפּרונגען צו איר. ער האָט זיך אײַנגעקלאַמערט אינעם מײדלס קערפּער לײַב צו לײַב, און זײ זײַנען בײדע געװען גליקלעך. מע האָט עס געזען אין די שײַנענדיקע פּענעמער, אינעם קלינגװודיקן געלעכטער, װאָס זי האָט צעשיקט מיטן װינט. זי האָט געמעגט זײַן צופֿרידן, װאָס אין אזא װינטבראָך האָט זיך געפֿונען, װער ס'זאָל זיך אזױ װארעם צוטוליען צו איר.

מיטאמאָל, פֿונװאַנען האָט ער זיך גענומען, אָט דער פּעטלײַביקער פּראָװאָנסאַלער, װאָס איז זײ אנטקעגן אָנגעלאָפֿן, און מיט א לאנגן אַראַפּניק האָט ער גענומען בײַטשן איבער זײערע לײַבער. דאָס געשרײ איז געגאַנגען פֿון זײ בײדע, נאָר די לאנגע בײַטש האָט זיך געשלענגלט װי איבער אײן קערפּער, אזױ האָבן זײ זיך נאָך געהאלטן צונױפֿגעדריקט אײנער צום צװײטן.

— װאָס טוט איר? — איז צו אים צוגעריטן דער ײַנגערער נימרעד, — הערט שױן אוף מיט דער עקזעקוציע.

— דו װעסט באלד אױך אַרײַנכאַפּן, — האָט זיך אף אים ניט אומגעקוקט דער פּראָװאַנ־סאלער, װאָס האָט נאָך אַלץ געהאלטן אין אײן בראָקן איבער די צװײ און אף זײער אײזל, ער זאָל אײַנשטײן אף אן אָרט.

— איר װעט ניט אופֿהערן? — איז דער רײַטעריִער פֿון אים ניט אָפּגעשטאַנען.

— װאָרט א װײַלע, װעל איך דיר אױך געבן פֿארזוכן, — האָט ער א מעסט געטאָן דעם באָכער מיט אײן בליק, — אף אזא פּעגירע, װי דו ביסט, דאַרף מען קײן סאַך ניט.

דער יונג איז אַראָפּגעשפּרונגען פֿונעם פֿערד און האָט דעם גראָבן גוף באלד אָנגעכאַפּט פֿארן האלדז. דער פּעמפּיק האָט זיך פֿארלױרן, ארױסגעלאָזט די בײַטש פֿון האנט און מיט בײדע יאָדאִים אים גענומען אָפּשטױסן פֿון זיך. נאָר דער באָכער האָט אים, אפֿאַנעם, אזױ פֿעסט צו־נױפֿגעדריקט די האלדז־דריזן, אז יענער האָט באלד דערפֿילט די גאנצע צונג אין מױל. ער האָט געדרײט מיטן קאָפּ, עפּעס כאָרכלדיק געשטאַמלט, און דאָס פּאָנעם האָט זיך בא אים אָנ־געגאָסן גיכער מיט א מין פֿארבלױונג, װי מיט רױטקײַט.

װען סקאָט מיט װעטוריען האָבן אים קוים אָפּגעריסן פֿונעם בוצעפּלאַקס' גראָבן האלדז, האָט דער יונג נאָך מיט דעם פֿוס אָפּגעװאָרפֿן אף א װײַטן שטעטעך די בײַטש פֿונעם װעג, און ער איז צוריק ארוף אפֿן פֿערד.

— צי איז דאָס ניט די טורע, װאָס ער האָט אָפּגעלערנט פֿון דעם פֿאַל מיט דער מאַכ־שײפֿע? — האָט יױעל צו זיך א זאָג געטאָן און ער האָט געפֿרעגט באַם עלטערן נימרעד, פֿאַר־װאָס ער דערלאָזט דערצו.

— איך, אין אזעלכע זאכן מיש איך זיך ניט. איך בין אױך ניט שטאַרק צופֿרידן, װאָס זײ, — האָט ער אָנגעװיזן אף װעטוריען, — האָבן צעשטערט די שפּיל. מײַנער, אז ער קריכט אין א געשלעג, איז מיסטאמע דאָ פֿארװאָס. און װײַטער... זאָל ער פֿארזוכן, דער בעניאָכיד מײַנער, דעם טאַם פֿון גוטע קלעפּ, — האָט זיך בא אים באהאלטן א שמײכל אין דער באָרד.

— מיר װאָלטן דאָ געהאַט א צװײטן האָרוג, מיר האָבן זיך מיט אײנעם ניט װו אהינצו־טאָן. — האָט יױעל מיטגעשמײכלט.

— דער בעניאָק מײַנער איז גענוג קלוג אף ניט צו װערן א הוירעג־נעפֿעש, ביפֿראַט נאָך דורך כניקע[1].

יױעל האָט עס ניט ארױסגעװיזן, נאָר ס'איז אים ניט גרינג געװען זיך צעשײדן מיט די צװײ באָרג־ײִדן. ער איז מיט זײ דערפֿאָרן ביז זײער ײִשעװ, און װײַטער האָט מען זײ שױן ניט באַדאַרפֿט.

װעטוריע איז געװען צופֿרידן, װען סקאָט אלײן איז געקומען צום געדאַנק, אז מע װעט מוזן דעם טױטן קערפּער פֿירן מיט זיך ביז צום גראַפֿס שלאָס. דער גראַף רײמונד ראַזשער װעט ניט מאכן קײן שװעריקײַטן, מע זאָל זי ברענגען צום לעצטן רו־פּלאַץ, װי מע טוט עס מיט יעדן גלױביקן קריסט. אפֿילע װען ער זאָל װיסן, אז זי איז א זעלבסטמערדערין.

דאָ װעלן זײ זיך גאָרנישט ניט דערשלאָגן. אױך אפֿן פּלאַכלאַנד, װו מע װײסט ניט, אז זײ פֿירן מיט זיך אזא אײנע, װאָס מע האָט זי אנדערש ניט גערופֿן, װי די מאַכשײפֿע. אינדער־פֿרעמד רופֿן זײ נאָר ארױס א פֿארדאַכט, און מע נעמט זיך דערפֿרעגן, פֿאַרשן, דערבײַ װאַקסן אױס פֿכאַדימדיקע מײַסעס און אױסטראַכטעניש. זײ האָבן געמוזט נאָכאַמאָל בײַטן די באַגלײ־טער. בא די נימרעדס אפֿן ײִשעװ האָבן זײ געדונגען נײַע צװײ פֿאָרער פֿארן רײַטװאָגן, און יענע האָבן אפֿילע קײן אנונג ניט געהאַט, װעמען און װאָס זײ פֿירן.

---

[1] א הוירעג־נעפֿעש — א מערדער; דורך כניקע — דורך דערשטיקן.

אגעוו, האָט יויעל אַ טראַכט געטאָן, אין פיל פּראַטים איז ער פּונקט אַזוי באַהאַוונט, וואָס איז שײַעך דעם מעס, ווי אָט די נײַע צוויי מיטפּאַרער. ער רײַט באַנאַנד מיטן וואָגן, אַף וועלכן ס׳ליגט די טויטע אינעם לענגלעכן פאַרמאַכטן קאַסטן, און וואָס ווייסט ער וועגן דער סיבּע פון איר טויט? ער איז אַפילו ניט זיכער מיט זײַן פעסטשטעלונג, אַז ס׳איז אַ מאָרד. עפּשער האָט זי זיך עס אַליין אָפּגעטאָן מיט אייניקע פון אָט די פיל מינים גיפטן, וואָס ער האָט פאַרנומען פון דאָרט? מיט אָט די סאַם־בערעלעך, וואָס ער זעט זיי דאָס ערשטע מאָל, אונטער אָט דעם אויסטערלישן נאָמען, וואָס מע האָט זיי דאָ געגעבן, דעם נאָמען פון וועטוריעס מוטער בעלאַדאָנע? ווען ער זאָל קענען אַרײַנקוקן אינעם מאָגן? אַ בליק טאָן, וואָס ס׳טוט זיך דאָרט באַ איר אינעם אינגעווייד?

וועטוריע האָט זיך אַזוי דערנעענטערט צו אים, אַז זייערע פערד האָבן זיך גענומען ברייקעווען מיט די הינטערשטע פיס. נאָכן באַרויִקן זיי איז מען שוין געפאָרן היפט צו היפט.

— איך בין שוין אַזוי מיד פון דעם אַלעמען, איך זע, דו ביסט אויך פאַרמאַטערט. וועגן וואָס טראַכסטו, יוליִאַן?

— וועגן דעם, וואָס דו, זיכער. וועגן דער טויטער.

— יאָ, — האָט וועטוריע זיך פאַרקוקט אַף איר פערדס געדיכטער גריווע און זי גענומען קעמען מיט אירע פינגער, — מיר האָבן זיך מיט אַזויפיל זינד אָנגענומען, יוליִאַן. דערהויפּט איך... בייס דו ביסט געשטאַנען איבער איר טויטן קערפּער, האָב איך זיך דערמאָנט אין אונדזער גאָטס שטעלפאַרטרעטער אַף דער ערד. ער פאַרבאָט דאָרט צוטרעטן צו אַ קראַנקן אָן דער באַגלייטונג פון אַ גײַסטלעכן... און צו פּרויען זאָל מען ביכלאַל ניט צולאָזן קיין מעדיקער מענער.

— פאַרוואָס זשע האָסטו זיך אַזוי שפּעט דערמאָנט צו כאַראָטע האָבן?

— איך האָב ניט קיין כאַראָטע, נאַרעלע. אָבער איך מעג דאָך טראַכטן וועגן מײַן פאַרזינדיקטער נעשאָמע און וועגן ווידע... דאָס מיסוואָדע זײַן זיך... די איינציקע רעטונג און דער גרויִסער גנאָד, וואָס איז אונדז דורכן אַלמעכטיקן געגעבן געוואָרן.

— האָסט זיך געמעגט געוועזן באַנוגענען מיט די, וועלכע האָבן זיך מיסאַסעק געוועזן מיט דײַן מוטער ביז מײַן קומען. איך האָב דאָך פּונקט ווי זי זייער ווייניק אויפגעטאָן.

— באַליידיק זיך ניט, יוליִאַן, און זײַ ניט בייז אַף מיר. איך אַליין האָב דיך פאַרהאַלטן און געבראַכט צו אונדז. מעגלעך, אַז דו פילסט זיך דאָ געצוווּנגען. נאָר איך וועל דיך סײַווי אַזוי גיך ניט אָפּלאָזן. עפּשער וועט זי פאָרט דורך דיר געגעזן ווערן, די אומגליקלעכע מוטער מײַנע...

זי האָט אַרופגעלייגט די האַנט אַף זײַן אַקסל, און דער פײַכטער גלאַנץ אין אירע אויגן, איר היימלעך־האַרציקע שטימע האָט יויעלן ווייך געמאַכט. ער האָט אין גוטן מוט פאַרפירט מיט איר אַ רייד וועגן זייער ביידנס אָרעמען וויסן אין מעדיצין. ער האָט באַדויערט און אָפּגעשפּעט ניט נאָר פון זיך אַליין. אַלע זײַנען אַזוי. אַלע זייערע קאָלעגן.

— אָט דערפאַר טאַקע, וועטוריע, זײַנען מיר אַזעלכע גרויסע בעריעס און מעווינים, ווײַל מיר ווייסן נאָר דעם דויפעק, דעם האַשטאָנע־בעכער און דעם קראַנקנס געדערים, וואָס מיר האָבן קיינמאָל ניט געזען. נאָך אַ מיטל האָבן מיר אַף צו דערהייבן דעם ווערט אונדזערן: די אומפאַרשטענדלעכע לאַטײַן־ווערטער. אַ געהיימניספול וואָרט, אַ פרעמדער אויסדרוק, ווירקט אַמאָל מער פון אַ רעפוע. אַלץ קאָן מען פאַרענטפערן מיטן איינעם וואָרט, ווי צום בײַשפּיל: אָבסטרוקציע. טוט דעם כוילע ווײי אַוועלכער־ס׳איז אייוועך, זאָל זײַן אַפילו אַ דרויסנדיקער, איז אין דעם שולדיק די אָבסטרוקציע. מע קאָן אויך ריידן וועגן דער פאַרמיסטיקונג פונעם מאָגן, פון דער לעבער, פון די נירן, אַלץ פון זאַכן, וואָס דו זעסט ניט מיטן אויג, און צו דעם אַלעמען האָבן מיר איין פּאַנאַציי. דאָס זעלבע אַלטע, גוטע, קאָשערע מיטל, וועלכן ס׳ווענדן אויך אָן די קאַלערליי בעדער־יונגען און קאָפּ־שערער, באַשווערער, אָפּשפּרעכער, שוואַרצקינצלער און גלאַט שאַרלאַטאַנעס, — בלוט אָפּצאַפּן. דאָס הייל־מיטל, וואָס מע האָט זיך אויסגעלערנט נאָך באַם נילוס־ברעג. ווען די קנעכט פּלעגן זיך אַליין עפענען די פּוס־אָדערן, בייס זיי האָבן דערפילט אַ צו גרויסן בלוט־צופלוס אינעם קערפּער.

דעם זעלבן אָפּדערנאַכט, אין דער אַכסאַניע, וואָס באַם וועג, אינעם קליינעם כיידערל, וואָס זיי האָבן פאַרנומען בלויז אינצווייען מיט סקאָטן, האָט יויעל אויך מיט אים אַרומגערעדט דעם קלאָגעדיקן צושטאַנד פון דער איצטיקער מעדיצין־לערע. דערהויפּט אָפּן געביט פון כאָכמאַס האַניטואַך[1], פון קענען אַרײַנדרינגען אינעם מענטשלעכן קערפּער... טאַקע מיטן אויג און מיט די פינגער פון די הענט, ניט בלויז דורך דער מאָגן־פּאָמפּע. ער מיינט ניט צו זאָגן דער־

---

[1] די כירורגישע וויסנשאַפט.

מיט, אַז ער מאַכט צונישט די וויכטיקע אַנטדעקונג פֿונעם גרויסן אַוויצעני. אין אונדזער צײַט, בײַ אַזאַ נידעריקן צושטאַנד פֿון וויסן, איז דאָס דערפֿינדן דעם קליסטיר אויך אַ שטאַפּל אינעם לייטער פֿון אַנטפּלעקונגען.

נאָך מיט אַן ערעך טויזנט יאָר צוריק, בײַ אַ פּאָלעמיק מיט די גריכישע געלערנטע, ווען ס׳איז אָפּגעפֿרעגט געוואָרן די באַדײַטונג פֿונעם מילץ אינעם מענטשלעכן אינגעווייד, האָבן די כאַכאָמים פֿון דער קליינער שטאָט יאַווגע זיך אײַנגעשטעלט אויסהילוזן בײַ אַ מענטשן די קראַנקע מילץ, ביכדיי צו דערווײַזן, אַז מע קאָן לעבן אָן איר. אין דער צײַט, ווען פֿון אַ קליינעם ריס, די מינדסטע ווונד אָף דער מילץ קאָן פֿאַרוואַנדלט ווערן אין אַ טויט־ווונד, איז וויאַזוי זײַנען זיי דעמלט געקומען צו דער מילץ? אַ שאָד, ער האָט איצט ניט אָפּן אָרט די מעסיכטעס חולין און עבודה זרה[1], אָף זיי אַדורכבלעטערן און געפֿינען די אַלע אַרויסזאָגונגען וועגן מעדיצין. אָבער וועגן איין פֿאַל קען ער דערציילן אָף אויסווייניק: וויאַזוי דאָקטאָר טאָדאָס און זײַנע קאָלעגן, ווען מע האָט פֿאַר זיי געבראַכט אַ קויש מיט די אויסגעגראָבענע מענטשלעכע ביינער, האָבן געקענט פֿאַנאַנדערטיילן און צעלייגן באַזונדער: די שאַרבן־ביינער, די ביינער פֿון דער כוט־האַשעדרע, פֿון די אייבערשטע און אונטערשטע ענד־גלידער, פֿון די ריפּן... און אַפֿילע באַשטימען, פֿון וויפֿל קוואָרים האָט מען זיי אויסגעגראָבן.

— ווער וואָלט עס הײַנט, אין אונדזער צײַט, געקענט? — פֿרעגט ער בײַ סקאָטן. — ווען בלויז אַן איינ־איינציקער פֿון אַלע געלערנטע אין סאַלערנאָ האָט זיך באַרימט געמאַכט דער־מיט, וואָס ער איז איין מאָל אָף זײַן לעבן בײַגעווען בײַם פּאַלמעסן אַ מענטשלעכן קערפּער?

— איך פֿאַרשטיי דיך זייער גוט, — האָט אים איבערגעשלאָגן סקאָט די מאַכשאָוועס, וואָס ער האָט אַרויסגעבראַכט אין דער הייך, — איך וויים, וואָס עס הייסט אַרײַנקוקן, באַאַרבעטן, אָנטאַפּן, אויספּרווון... נאָר איך מאַך עס מיט קעגנשטאַנדן פֿון מעטאַל... און יעדער פּרווו מײַנער, דו ווייסט, וויאַזוי מע קוקט דערויף? הײַנט האָבן צו טאָן מיט אַ מענטשלעכן קערפּער? דו וואָלסט עס אַוודע געדאַרפֿט נייטיק האָבן...

מער האָט ער אים גאָרנישט ניט געזאָגט. ער איז אַ טויט־מידער אײַנגיכן אײַנגעשלאָפֿן. ייִעל איז נאָך לאַנג וואַך געווען. ער האָט זיך געמאַטערט, געוואָלט אײַנדרעמלען, נאָר דער קאָפּ האָט אים וויי געטאָן. עפּשער דערפֿאַר, ווײַל ער איז פֿול מיט מאַכשאָוועס און דעם מענטשנס דענקען איז ענג פֿאַרבונדן מיטן שאַרבן פֿונעם מויעך. ניט אומזיסט האָט מען נאָך אין די אַלטע טאַלמוד־צײַטן געזאָגט אָף אַזאַ איינעם, וואָס האָט קיין געדאַנקען ניט אין קאָפּ: כמדומה לי שאין לו מוח בקדקדו...[2] און בײַ אים איז איצט איבערפֿול דער מויעך. אָט זעט ער זיך אין דער ראַליע פֿון שמועל מנהרדעה[3], וועלכער האָט געפּאַלמעסט דעם טויטן קער־פּער פֿון אַ זוינע. צו יענער צײַט איז דאָס אויך געווען אַ גאַנץ דרייסטער שריט. אַ ניט קיין קלענערע העלדישקײַט, ווי ער וואָלט באַוויזן, ווען ער טוט עס איצט מיטן קערפּער פֿון דער מאַכשייפֿע. אַפֿילע דער גרויסער גאַלען האָט זיך ניט דערוועגט אין זײַן צײַט דורכצופֿירן אַזאַ ניסאָיען. איבער באַלעכאַיִם האָט מען אין דער אַלטער אַלעקסאַנדריִע, אין פּילאָנס צײַטן, זיך פֿאַרנומען מיטן אויסשנײַדן די טראַכט בײַ קי און כאַזיירים, וועלכע זײַנען געגאַנגען אין פּאַרקויף אין פּרעמדע מעדינעס, ביכדיי צו באַוואָרענען, אַז דער דאָזיקער מין פּיצוכט זאָל זיך ניט אַנטוויקלען אויך אין אַנדערע לענדער. האָט עס דען אויך צו טאָן מיט כירורגיִע? אויב אַפֿילע אין אַ געוויסער מאָס יאָ, איז וואָס זשע אין דעם דאָ מער — פֿון כאַכמאָס האַרעפֿוע צי פֿון כאָכמאָס האַמיסכער?[4]

ער איז נאָך לאַנג געווען אין אַ צושטאַנד פֿון האַלבן דרעמל, און די דאָזיקע געדאַנקען האָבן אים אַלץ ניט אָפּגעלאָזט. אַפֿילע ווען ער האָט שוין גוט אײַנגעדרעמלט, האָט ער אין טיפֿן שלומער געהאַט אַ פּלוגטע מיטן רופֿע רעב אַבע, וואָס האָט קיינמאָל ניט גענומען פֿונעם כוילעס האַנט קיין געצאָלט פֿאַר היילן. ער האָט געהאַלטן צוגעקלאַפּט אַ פּושקע צו דער טיר פֿון זײַן הויז, און יעדער האָט אַהין אַרײַנגעוואָרפֿן וויפֿל ער איז בעיִעכוילעס געווען.

— און וואָס איז מיט דער טאַלמודישער האַנאָכע, אַז ווען דער רופֿע זאָגט זיך אָפּ צו נעמען געצאָלט פֿאַר זײַן אַרבעט, האָט זײַן היילונג קיין ווערט ניט?

וועטוריע האָט אים קוים דערוועקט, ווען ס׳איז שוין געווען גרויסער טאָג און די פֿערד זײַנען שוין גרייט אָנגעצאָלט פֿאַר דער ווײַטערדיקער נעסיִע. אינעם זעלבן טאָג, צו אָוונט־צו, זײַנען זיי צוגעפֿאָרן צום גראַפֿס שלאָס.

---

[1] כולין און אַווידאָ־זאָראָ — טראַקטאַטן פֿון טאַלמוד; [2] קימדומע לי שעיין לוי מויעך בעקאָדקאָדוי; [3] מענעהאַרדאָאָ — פֿון דער שטאָט נעהאַרדאָאָ; [4] פֿון מעדיצינישער וויסנשאַפֿט צי פֿון האַנדל־וויסנשאַפֿט?

ס'איז נאָך אפֿן וועג אָפּגערעדט געוואָרן — דעם קאַסטן, ביז עפּעס־וואָס, אַרײַנבריינגען צו סקאָטן אין די כאַדאָרים. ס'איז שוין געווען גוט טונקל, ווען זיי האָבן עס אָפּגעטאָן אָן דער הילף פֿון די הויף־מענטשן. מיט די צוויי פּרעמדע מיטפּאַרער האָט מען זיך באַלד צערעכנט, זיי זאָלן נאָך קענען, איידער מע פֿאַרשליסט די טויערן, פֿאַרלאָזן דעם שלאָס־הויף. סקאָט וועט נאָך גיין זיך זען מיטן גראַף. ער וועט דערנאָך קומען אַף דער איינער נאַכט איבערשלאָפֿן באַ יויעלן אין כיידער. וועטוריע, א מידע, האָט זיך געזעגנט מיט זיי און איז אַוועק צו זיך. יויעל האָט נאָך צוגעוואַרט, ביז די דינער האָבן פֿאַרנומען די פֿערד אין די שטאַלן און באַזאָרגט „אונטער א דאַך" דעם פֿאַרשטויבטן רײַט־פֿורגאָן. זאָל ער זיך ניט וואַרפֿן אין די אויגן און ניט אַרויסרופֿן קיין נײַגער. דאָ אַפֿן פֿלאַכלאַנד איז אָט דער מין רײַטוואָגן, א צוגעפּאַסטער צו די קרומע באַרג־וועגן, א זעלטנהײַט.

באַם גראַף ראַזשער איז געזעסן דער ספֿאַרדי. ווען ער דערשלאָגט זיך מיט זײַנע פּרווון אַפֿן געטראַנק־געביט צו אַוועלכן־ס'איז נײַעם אויסערגעוויינלעכן נעקטאַר, קומט ער שטענדיק אַהער א באַגײַסטערטער, אויסנעמען מיט זײַן דערפֿינדערישקייט. דער גראַף אַליין, א קנאַפּער מיט־טרינקער, שטאַלצירט פֿונדעסטוועגן, וואָס באַ אים אין בעזיע, אין איינער פֿון זײַנע גרעסערע שטעט, האָט זיך באַזעצט אַזאַ ספּעציאַליסט, ווי אָט דער עסקולאַפּ. ער איז באַקאַנט מיט אייניקע פֿון זײַנע אויפֿטוען אַף אָט דעם געביט. ער קוקט אַפֿילע אַמאָל אַרײַן אין זײַן ווערק וועגן די פֿאַר הונדערט ווײַן־רעצעפּטן, וואָס אָט דער מענטש האָט צונויפֿגעשטעלט, און דעריקער: איבער פּראָוואַנס האָט זיך צעטראָגן דער גוטער שעם, אַז נאָר באַ אים אינעם גראַפֿטום קאָן מען זיך דערקונדיקן דעם ריכטיקן סאָד, וויאַזוי אויסצואַרבעטן דעם אויסגעצייכנטן סאַקראַמענטאַל־ווײַן, וואָס אַלע גײַסטלעכע זײַנען פֿאַר אים די קאַפּאַרע. אָן א פֿולן בעכער מיט אָט דעם געטער־געטראַנק איז באַ זיי דער הייליקער נאַכטמאָל קיין נאַכטמאָל ניט. דערפֿאַר איז דער ספֿאַרדי שטענדיק באַם גראַף א צוויי מאָל אָנגעלייגטער גאַסט. ער איז דאָ אויך דער איינציקער בעזיערער שטאָט־רופֿע.

ווען סקאָט איז אַרײַנגעקומען צום גראַף, האָט זיך דער ספֿאַרדי באַ זיי אָפּגעבעטן: איבער זײַן קאָלעגע פֿון סאַלערנאָ האָט זיך שוין יאָ צוריקגעקערט, וויל ער זיך נאָך הײַנט מיט אים זען.

יויעל איז שוין געווען האַלב אויסגעטאָן, ווען דער ספֿאַרדי האָט זיך צו אים אַרײַנגעוואַלגערט מיט צוויי פֿאַרנומענע הענט. ער מוז מיט אים פֿאַרזוכן פֿונעם ווײַן, וויאַזוי מיד און שלעפֿעריק יויעל זאָל ניט זײַן. יויעל איז געצוווּנגען געווען זיך זעצן מיט אים צום טיש. באַם אויסטרינקען האָט ער אים דערציילט וועגן דער נעסיע, וועגן דער טויטער מאַכשייפֿע און וועגן זײַנע ספּייקעס. ער וואָלט א באַלן געווען טאַקע פֿעסטשטעלן, צי האָט ער קיין טאָעס ניט געהאַט מיט זײַן אויספֿיר. באַ א גרינטלעכער אונטערזוכונג וואָלט מען אויך געקאָנט עפּעס לערנען דערפֿון, אויב ס'איז ניט קיין מאָרד... ער מיינט בענעגייע דער קראַנקער הערצאָגן.

— זיכער א מאָרד. לויט אַלע סימאָנים. האָסט ניט וואָס צו ברעכן זיך דעם קאָפּ, — האָט דער ספֿאַרדי געוואָלט פֿאַרענדיקן דערמיט.

— און טאָמער ניט? עפּשער וואָלט מען נאָך געקאָנט געפֿינען אין איר, אינעם אינגעווייד, די שפּורן פֿון א פֿאַרגיפֿטיקונג? — האָט אים יויעל געפֿרווּט אַרופֿירן אַפֿן געדאַנק וועגן פֿאַלמעסן.

— וואָס טויג דיר דער „טאָמער"! לאָז עס אָפּ, איך בעט דיך, — איז דעם ספֿאַרדי דער־ווידער געוואָרן דער גאַנצער איניען. — וואָס איז דאָס פֿאַר א געשפּרעך, בייס מע איז טויוול די נעשאָמע? איך זע, דו האָסט נאָך ניט אָנגעטאַפּט דעם גאַניידן־טאַם פֿון אָט דעם כּיִעסדיקן געטראַנק, אַז דו קאָנסט זיך איצט פּײַניקן מיטן „טאָמער יאָ" און „טאָמער ניט".

— „געוויס" און „טאָמער" — איז דער „געוויס" בילכער, — האָט יויעל אַוועקגערוקט דעם בעכער פֿון זיך און איז אופֿגעשטאַנען פֿון טיש.

— ביסט כאַסערדייע? — האָט אים דער ספֿאַרדי געפֿרווּט צוריק אַוועקזעצן. — ווער וועט דיך צו אַזאַ זאַך צולאָזן? אַרײַנקריכן אין די געדערים, אופֿשנײַדן דעם בויך ווי באַ א בעהיימע. מיר זײַנען קאַצאָווים, צי וואָס? דו פֿאַרגעסט, אַז דו האָסט צו טאָן, זאָל זײַן מיט א טויטן קערפּער, אָבער דאָס איז דאָך א מענטש, ניט קיין פּירפּיסיקע באַשעפֿעניש, און דער־צו נאָך א קריסטן.

— אווע, יוליוס! מאַריטאַרי טע מאַלוטאַנט! — איז סקאָט אַרײַנגעפֿאַלן מיט א טומל, און דאָס פּאָנעם האָט באַ אים געלויכטן. — איך באַגריס דיך מיט דײַן טריומף! — האָט ער אים פֿריילעך געקלאַפּט אין דער פּלייצע. — דער גראַף איז מאַסקים אַף דיסגרעגאַציע. איך האָב קיין סאָך מיט אים ניט געדאַרפֿט טײַנען. ער איז גלײַך אײַנגעגאַנגען.

— וועטוריע... — האָט זיך באַ יויעלן ווי אַ זיפץ אַרויסגעריסן נאָר דאָס איינע וואָרט, און ס׳איז געווען צו זען, אַז ער האַלט נאָך ניט באַם טײלן מיט סקאָטן די באַגייַסטערונג. ס׳איז נאָך ווײַט צו געלעכטער, האָט ער געטראַכט באַ זיך.

— דאָס נעמסטו שוין אָף זיך. אָף איר, גלייב איך, האָסטו אַ גרעסערע מאַכט, — האָט סקאָט מיט אַ שמייכל אים אַרײַנגעקוקט אין פּאָנעם.

— אַ שווער שטיקל אַרבעט, — האָט יויעל מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן אין דער הייך גע־סאָפּעקט, — ס׳איז ניט אַזוי לײַכט צו האָבן אַ שליטע אָף אירע אײַנגעגלייבטע עמאָציעס. זי איז דאָך אין די איניאַנים אַן אײַנגעשפּאַרטע פאַנאַטיקערן.

וועטוריע איז שוין דעמלט געווען פאַרזונקען אין טיפן שלאָף. די דרײַ מענער זײַנען דאָ נאָך לאַנג געזעסן און אַרומגערעדט דאָס אויסערגעוויינלעכע, וואָס ס׳שטייט זיי פאָר אָפן מאָרגעדיקן טאָג: ווי־אַזוי און אָף אַ וועלכן אויפן זיי וועלן צוטרעטן צו אַזאַ אַוודע, וואָס זיי האָבן עס קיינמאָל ניט געטאָן און ניט געזען, ווי עמעצער האָט עס געטאָן. דער ווײַן איז שוין געווען ביזן לעצטן טראָפּן אויסגעטרונקען. אָפן ספּאַרדי איז געווען צו באַמערקן, אַז ער איז נאָך ניט קאָנטעט. ס׳וואָלט ניט געשאַדט נאָך אַ פּאָר מאָל איבערכאַזערן דאָס אָנפּילן דעם בעכער מיט שוימיקן געטראַנק. נאָר גיי געפין אים אַזוי שפּעט אין דער נאַכט און אונטער אַ פרעמדן דאַך. ער איז אויך אַזוי סקעפּטיש געשטימט בענעגייע דעם באַהאַנדלטן איניען. ס׳פּילט זיך אין זײַנע רייד, אַז ער האָפט נאָך אָף אַ שטערונג, וואָס וועט ענדערן דעם ווילדן פאַרטראַכט זייערן.

פונעם שפּעטן זיצן, פון די רייד אַרום אָט דעם קויטיקן אייסעק האָט זיך באַ אים די פריַערדיקע אופגעהײַטערטקײַט לאַכלוטן אויסגעוועפּט. ער האָט געפּרווט נעמען אין באַ־טראַכט אָפן ניכטערן מויעך די זינלאָזיקײַט פון אָט דעם נאַרישן אופטו. אָף וואָס טויג עס אים? אָט דער יויעל, פון זינט ער קען אים, נאָך פון סאַלערנאָ, האָט ער ליב געהאַט צו קריכן אָף די גלײַכע ווענט, אַרומרײַסן זיך שטענדיק מיט די געלערנטע, וואָס האָבן אָנגעפּירט מיט די דיספּוטן, ווי דער פאַל מיטן אַפריקאַנער. דאָס געשלעג מיטן מעשומעד אין קאַרקאַסאָן, ווען מע האָט אים קוים אַרויסגעשלעפּט פונעם בישאָפּס קאַזעמאַטן. איצט קריכט ער מיטן קאָפּ אין אַ נײַעם שלייף, וואָס ווער ווייסט, צו וואָס ס׳וועט נאָך ברענגען. די לויערנדיקע געפאַר קאָן קומען פון אַזאַ צאַד, אָף וועלכן מע ריכט זיך אַפילע ניט. מע דאַרף נאָר, ס׳זאָל דערגיין צו עמעצן פונעם קלער, מע זאָל עס אונטערטראָגן די העכערע גײַסטלעכע. ס׳קאָן זיך אַפילע דערלאַנגען צום פויפּסט... מיטן גראַף וועט גאָרנישט ניט געשען, דאָס זעלביקע מיטן הערצאָגס טאָכטער, אויך דער ענגלענדער וועט בלײַבן אין דער זײַט. נאָר זיי ביידע, די ניט־קריסטלעכע עסקולאַפּן, זיי וועלן עס זײַן די שאָכטים פון אַ גאָטסגלויביקער קריסטן, פון אָט די יעניקע דרײַ שאָכטים, וואָס מע טאָר זיי ניט צולאָזן צו דער שכיטע. ער מאַכט זיך פאַר טויב, אָט דער יויעל, וואָס וויל גאָרניט הערן און פאַרשטיין. און ער אַליין, דער ספּאַרדי, איז דער גרע־סטער שויטע, אויב ער לאָזט זיך אַרײַנציִען אין אָט דער אַפּערע. ווו איז דאָס געהערט גע־וואָרן? פון זינט ער איז באַ דעם דאָזיקן ברויט... ער איז אַזויפיל יאָרן אָפּגעווען אין קאָלעגיִום היפּאָקראַטיקום, צווישן אַזויפיל מעדיקער פון אַלע עקן וועלט, און ער האָט ניט געהערט, אַז מע זאָל ערגעץ־ווו, אין אונדזערע צײַטן, זיך אונטערנעמען דיסעקצירן אַ מענטשלעכן קער־פּער. פון דער קריסטלעכער וועלט איז אָפּגערעדט, נאָר אַפילע באַ די גרויסע דאָקטוירים, באַ די סאַראַצינער... באַ זיי טאָר מען ביכלאַל זיך ניט דערנעענטערן צו אַ טויטן גוף. אויך דער גרויסער ראַמבאַם האָט, דוכט זיך, קיינמאָל ניט אַרויסגעוויזן קיין נײַגער צו אַזעלכע זאַכן.

ער זאָגט צו יויעלן:

— מיר זײַנען ניט קיין פלייש־העקער און אויך ניט קיין פעל־שינדער. איך האַלט, אַז מיר דאַרפן דעם קערפּער אַזוי לאַנג לאָזן ווייקן אין וואַסער, ביז דאָס פלייש־געוועב וועט זיך אַליין אָפּטיילן פון די ביינער.

— וויפל דאַרף עס געדויערן אַזאַ פּראָצעדור? — האָט יויעל טמימעסדיק אַ פרעג געטאָן.

— איך מיין, גוטע עטלעכע מעסלעס, — האָט דער ספּאַרדי מיט פאַרזיכט געפּרווט זיך מעשאַער זײַן.

— דו ווילסט זאָגן: עטלעכע וואָכן. אין די גאָר אַלטע צײַטן, — האָט יויעל אַ שמייכל גע־טאָן, — האָבן די געלערנטע געהאַט נאָך אַ בעסער מיטל. מע האָט דעם קערפּער דרײַ יאָר געהאַלטן אָף דער זון, די הייסע שטראַלן האָבן אַזוי איבערגעטריקנט דאָס לײַב, אַז מע האָט שוין גאָרניט געדאַרפט האָבן...

— אַזוי ווי באַ אַן איבערגעפּוילטן קערפּער פון אַן אַלטן קייוער, — האָט סקאָט צו־געגעבן, און דערבײַ האָט ער געטראַכט וועגן אָט דעם שאַרף־בוילעטן אונטערשייד פון אָט

די צוויי רויפים. אלס קלאל נעמט אין זיך אריַין א פוסטע קיילע א סאך מער, ווי דאָס קאָן טאָן א ניט פולע... מיט וויסן איז פונקט פאַרקערט. וואָס פולער די קיילע איז, אלץ מער און מער זאפט זי אין זיך אריַין. בא אָט דעם איבערקער־מיַיסטער, וואָס איז איבערפולט פון אריַינעמען אין זיך וואָס מער פליסיקיַיט, איז אפילע ניטאָ דער דאָרשט צו שטילן דעם ניַיגער. שוין אָפּגערעדט פון דער גיריקיַיט וואָס מער זיך דערוויסן, דער באגער צום אויס־פאָרשן, צו עפּעס אויספּרווון, אנטפּלעקן... אנטדעקן.

מיט וועטוריען האָט אָפּ מאָרגן אינדערפרי גערעדט דער גראַף. ער האָט מיט גלאסענע רייד געפּרווט לעשן דעם צאָרנדיקן אויסבראָך אירן:

— מיר זיַינען אויך קריסטן, טיַיערע וועטוריע. בעסערע, ערגערע, נאָר מיר גלייבן אויך אין דער דריַי־איינִיקיַיט, אינעם אויסלייזער אונדזערן, דעם געקרייציקטן יעזוס קריסטוס. אויך דער פּאָטער דיַינער, מעגסט זיך אָפּ מיר פאַרלאָזן, ניט געקוקט אָפּ זיַינע זינד, איז ער אָן אָרנטלעכער גוטער קריסט. וואָס דאַרפסטו מער? דעם פּויפּסטס געוועהר־באגלייטער זיַינען זיכער עכט גלויביקע. מע האָט אונדז אלעמען געלערנט אונטערשטעלן די צווייטע באַק, ווען מע דערלאַנגט דיר אין דער ערשטער... און דאָך מיר אלע... ווען מע דאַרף אָט די שווערד אריַינשטעכן, זאָל זיַין אינעם לײַב פון א סוינע, נאָר נעם עס אין אכט: אין א לעבעדיק מענ־טשלעך לײַב, אין א הארץ, וואָס שלאָגט און צאפּלט... טוען מיר עס דען ניט? דיר איז גוט. דו ביסט גליקלעך צו זײַן א פרוי. אָבער מיר, מענער?.. אונדזער גאנצע ווירדיקיַיט, דער שטאָל־צער ערעגייץ אונדזערער באשטייט דאָך נאָר אין אָט דעם קאָין־געשיר, — האָט ער באוויזן אָפּ זיַין שווערד.

— איך פאַרשטיי, — האָט וועטוריע זיך געהאלטן באם קאָפּ, — מיט א לעבעדיקן, וואָס קאָן שריַיען, זיך פאַרטיידיקן. אָבער א טויטער גוף?.. יעזוס מאַריִע! — איז זי ארויס פון די קיילים. — דאָס איז דאָך דער שוידערלעכסטער פאַרברעכן. מיר נעמען אָפּ זיך אזא זינד, די גרעסטע, וואָס איז מעגלעך פאַרן זינדיקן מענטשן דאָ אָפּ דער ערד.

— דאָס איז געצנדינעריַי, וועטוריע! דער קולט פונעם טויטן. דער טויטער גוף... דאָס איז אָן איבערבלײַבעכץ פון יענע צײַטן, ווען מע האָט מיטגעגעבן דעם מעס אין קייווער פונעם שענסטן און בעסטן. דאָס טוען מיר דאָך איצט ניט?.. — האָט דער גראַף מיט איר גע־טײַנעט.

זיי האָבן דאָ נאָך לאנג זיך געאמפּערט, און דאָרט בא סקאָטן אינעם גרויסן כיידער, ווו ער פלעגט מאכן זײַנע פּרווונגען, איז שוין דער קערפּער פון דער טויטער די׳אנע געווען צעפּערטלט און צעשטעקט אין די צוויי גרויסע קעסלען, וואָס מע האָט געשטעלט אין פײַער.

דער ספּאַרדי האָט אינעם צווייטן צוגעמאכטן כיידער אָנגעפילט די קופּלען מיט פינקל־דיקן ווײַן און זיי גערופן, מע זאָל אינדרײַען אויסטרינקען פאַר דער איבלדיקער פּראָצעדור, וואָס ס׳שטייט נאָך ערשט פאָר. איין זאך איז האלבירן, און גאָר אָן אנדער זאך איז פאַנאַנ־דערשיכטן און אנאַטאָמירן יעדן אייווער באזונדער. ער איז פאַר דער איבערגעשלאָפענער נאכט און נאָכן זײַן באם גראַף, ווו מע האָט אינפּירען נאָכאמאָל ארומגערעדט דעם איניען, דרייסטער געוואָרן. אלציינס איז טוב שברופאים לגהנום[1], איז וויל ער זיך איצט ביז עפּעס־וואָס שטאַרקן מיטן גוטן ביסל ווײַן. דעם ענגלענדער האָט ער צוביסלעכוויַיז איַינגערעדט, נאָר יויעל האָט זיך אָפּגעזאָגט. ער האָט זיך אָפּגעהאלטן פון נעמען אפילע צו די ליפּן. ער וויל זײַן בייסמײַסע מיט א לויטערן קאָפּ. האגאם ביז דעמלט וועט דער גערויש, מעגלעך, אינגאנצן זיך אויסוועפּן. נאָר עפּעס־וואָס פאַרבלײַבט פון דער אופגעהײַטערטקײַט, און ס׳נייגט צום דרעמל.

— מײַן טײַערער יויעל, — לאכט פון אים דער ספּאַרדי אָפּ, — די מילך, וואָס מע האָט אין דיר געגאָסן, ווען דו ביסט נאָך געווען א זויגלינג... זײַ זיך מוידע, אז זי איז דיר זייער ווילגעפעלן. ווילסטו נאָך איצט זיך באנוגענען מיט אָט דעם פּיסנעם געטראַנק? צי עפּשער מיינסטו ניט אזוי דעם גאָס, — האָט ער זיך פאַרכלינעט מיט א בעגילופנדיק געלעכטערל, — ווי דעם צאַפּן... דעם שפּיץ פון די דאדים[2], כא־כא־כא... — אז ער האָט געזען, מע האלט ניט אונטער דעם הומאָר זײַנעם, האָט ער זיך געפּרווט פאַרענטפערן: — דאָס ביסל ווײַן וועט גוט פאַרשלאָגן דעם רייעך פונעם מעס. ס׳וועט צונישט מאכן דעם עקל, וואָס ס׳רופט בא אים ארויס יעדער מין אינגעווייד, פון וואָסער א באלכײַ ס׳זאָל ניט זײַן.

סקאָט האָט דערביַי דערציילט, וויִאזוי ער האָט זיך לאכלוטן אויסגעהיילט פונעם מיִעסן זיך, פונעם איבל־געפיל באם צורירן זיך צו די קאָלערליי שראָצים און רעמאָסים, בלויז פונעם

---

[1] טויווו שעבערויפים לעגעהענעם — פאַרן בעסטן דאָקטער איז אָן אָרט אין געהענעם; [2] בריסט.

צוקוקן, באאָבאכטן זייערע גענג, וויאַזוי זיי באוועגן זיך, וויאַזוי זיי זוכן זיך אַף שפּײַז. איצט קאָן ער נעמען אַף די הענט יעדן מין פון די קריכנדיקע און פליִענדיקע אינזעקטן, ווי א שפּין, צום בײַשפּיל, א וואָרעם, אפילע א פלעדערמויז. יויעל הערט זיי אויס און באטראכט דערווײַל דאָס אײַזנגעצײַג, וואָס סקאָט האָט פאר אים צוגעגרייט. אלץ האָט ער געפונען בא זיך. אפילע א שטיין אַף עפּעס אָנשפּארן איז דאָ אויך פאראן. צו זײַנע אלכימישע פּרוון באנוצט ער זיך אויך מיט דינע שפּיזלען, וואָס קאָנען דינען פאר א זאָנד, ער האָט געפונען צווישן זײַנע געברויך־מאכשירים אן אײדעלע קליינע אָפּצוואנגע, וואָס איז דין און פּילבאר, ווי אן עמעסער סקאלפּעל. א כאלעף־שארפן מעסער האָט זיי דער גראף געהייסן געבן פון זײַן שעכטהויז. יויעל האָט מיט אים געארבעט גאנץ געשיקט און נאטירלעך, ווי ער וואָלט דאָס גאנצע לעבן געוווינט געווען האָבן צו טאָן מיט אָט דעם כייפּעץ. ווען ניט די ווײַסע קיטלען, אין וועלכע ער האָט געצווונגען אלעמען זיך אײַנהילן, און דער ווײַרעך, וואָס האָט זיך דאָ געררייכערט, וואָלט מען יויעלן געקאָנט אָנעמען פאר א העקער־יונג, אָדער לעכאָלהאָפּאָכעס פאר א מענאקער אינעם קוילער־שטיבל.

ווען דער גראף איז געקומען צו גיין, איז שוין דער בויך בא דעם מעס געווען אן אופגעפנטער. אינעם קעסל, ווו ס'האָט זיך געקאָכט דער אויבער־קערפּער, האָט דער ספּארדי ארומגעוואשן דעם מאָגן. ער וועט דערנאָכדעם באטראכטן און דערלערנען דעם פארדײַ־טראקט און דעם גאנצן איבערפלעכט פון די געדערים, אָט אזוי ווי זיי האָבן זיך געהאלטן אינעם בויך־כאָלאָל. סקאָט האָט געהאָלפן יויעלן עפענען דעם ברוסטקאסטן. ס'איז נייטיק געווען אויסהאקן און ארומזעגן אייניקע ריפּן־רינגען, קעדיי קענען צוקומען צו די לונגען. די לונגען־מאסע האָט יויעל אליין מיטביידע הענט גענומען אָפּפעסטיקן, און ווען ער האָט זי ארויסגעלייגט אַפן טיש, האָט מען געזען, ווי דאָס לופט־זעקל פון דער רעכטער לונג איז אָנגעשוואָלענער און פולער מיט פארבאקענעם בלוט. דאָס איז דער ערשטער סימען פון א דערשטיקונג. ווען ס'הייבט אָן אויספעלן לופט, דרינגט אהער ארײַן דאָס מערערע בלוט, וואָס שווילט אָן די אויסערלעכע לונגען־בלעזלעך. מיט גרויס פאָרזיכט באם ארויסצײִען דעם הארץ־בײַטל האָט ער אָפּגעהעקלט די קלאפּעס פון די הארץ־טירלעך און באוויזן, ווי די רעכטע פאָדער־קאמער איז אויך געדיכטער באבלוטיקט. דעם גראף האָט געשראָקן דער ליידיקער ברוסט־כאָלאָל מיט די רויטע געפעסן אינווייניק. סקאָט האָט זיך פארטאָן מיטן באטאפּן דאָס צעצווייטע דעקל פונעם הארץ־ברעטל, און יויעל מיטן סקאלפּעל האָט זיך ארײַנגעלאָזט טיפער אינעם אופגעשניטענעם בויך־קאָרב. ער האָט זיך דערלאנגט צו דעם אורין־בעכער, באטראכט די נירן־שיסעלעך, דעם גאל־פענכער און די לעבער. ער האָט געוואָלט געפינען דעם צוזאמענהאנג פון דעם אלעמען מיטן פארדײַ־קאנאל. דער ספּארדי האָט א קוק געטאָן אין יויעלס זײַט: וואָס גריבלט ער זיך דאָרט אזוי לאנג? ער איז אזוי ווי מיט אלע כושים ארײַנגעטאָן אינעם באטראכטן דעם געפלאָנטער פון דער מאָגן־נעץ. איז ער צו צו אים און האָט דערזען, ווי יענער האָט געפונען אינעם טרייבעכץ פונעם גרויסן מאָגן עטלעכע קערנדלעך פון אָט א יענעם גיפט־מין, וואָס זיי האָבן אָנגערופן מיטן נאָמען פון וועטוריעס מאמע, בעלאדאָנע.

וועטוריע האָט ניט אויסגעהאלטן דעם וואִסרויצעצו. ס'האָט אין איר געקאָכט דער פארדראָס אַפן גראף, וואָס האָט זיך אונטערגעגעבן דעם באגער פון די דרײַ, אין דער צײַט, ווען זי איז געווען זיכער, אז ער וועט זיך שטעלן אַף איר זײַט. איינצײַטיק האָט אין איר געברענט דער נײַגער צו דערזען יויעלן בא דער ארבעט בייסן פאלמעסן, זײַן ארײַנקוקן אינעם נאקעטן אינווייניק פון א מענטשלעכן קערפּער. ווען דאָס זאָל כאָטש ניט זײַן קיין פרויען־קערפּער! זי וואָלט אויך עפּשער געשטילט דעם נײַגער פון וועלן א קוק טאָן, און טאקע באשײַמפּערלעך דערלערנען דעם געשליס פון די ביינער, די ברוסט־וואָרצלען, דאָס הארץ און דעם גאנצן בויך־קנופּ. נאָר ווען זי שטעלט זיך פאָר די דרײַ יונגעלײַט, זייער פּרעכן אויסזען באם אנטפּלעקן די אפילע אויבנופיקע פרויען־געהיימקײַטן, און אויך יוליִאנס א ווארעם־פּארטרוימטער בליק אַף אָט דעם אלעמען, קאָן זי זיך ניט דערלויבן בײַצוזײַן בא אזא סיטואציע.

פונדעסטוועגן האָט דער דאָרשט און דער אייפער נאָך וויסן, און עפּשער נאָך עפּעס, איבערגעוויגן. פאָרט א געוועזענע שילערן אין דער בארימטער סאלערנאָ, ביפראט, אז נאָך די עטלעכע שאָ אנאטאָמיזירן איז שוין זיכער פון איר קערפּער קיין גאנצער אייווער ניט געבליבן. ווען זי איז ארײַנגעקומען, האָט זי זיי געטראָפן אלע אָנגעבויגן איבערן קאָפּ־שארבן. דאָס דעכל איבערן מויעך־קעסטל איז געווען אראָפּגענומען, און דאָס געהירן־שיידל איז געלעגן אינגאנצן אָפן. יויעל האָט מיטן דינעם לאנצעט־שפּיץ געפירט איבער די מויעך־קעמערלעך, אָנגעוויזן אַף די מארך־קאנאלן, וואָס פירן דעם קליאָק צום כוט־האשעדרע העט

ביז אראָפּ איבערן גאַנצן רוקנביין. דאָ האָט ער ערשט דערזען דעם באַדײַט פון נקבים נקבים חלולים[1]. ער האָט זיי דערקלערט:

— באַ אַ מענטשן איז דער סאַמע גרעסטער ביין־כאַלאַל. אָט, אַפּאַנעם, — האָט ער געשפּאַסט, — וואָס גרעסער ס׳איז די פּאַרטיפונג פונעם שאַרבן־קעסטל, ווו ס׳קענען זיך אופהאַלטן מערער פון אָט די מויעך־בלעזלעך, אַלץ קליגער דאַרף דער מענטש זײַן.

אַלע האָבן זיך אומגעקוקט אַף די שטערנס פון זייערע קאַלעגן. איין וועטוריע בלויז האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַרן קאָפּ, ווי זי וואָלט וועלן אַ מעסט טאָן די גרייס פון איר מויעך. די מענער האָבן זיך צעלאַכט.

— באַ מײַן פערד, וועטוריע, איז דער גרעסטער שאַרבן, — האָט דער גראַף זיך צעלאַכט, — ער איז, ווײַזט אויס, די קליגסטע באַשעפעניש צווישן אונדז.

עס האָט שוין אָנגעהויבן דעמערן, ווען מע האָט אַרײַנגעבראַכט אַן אָפּגיך־צוניפגעשלאָגענע טרומנע. וועטוריע האָט אַכטונג געגעבן, מע זאָל די באַזונדערע טיילן קערפּער אַהין צוניפלייגן לויטן סיידער. נאָר ס׳זײַנען דאָ אַ סאַך איינזעליכע אָפּגעריסענע פונעם געביין. דאָס אָפּגעטיילטע געפלייש מיט די געדערים האָט מען לויט איר ווילן פאַרנייט אינעם בויכבײַטל, און אַזוי האָט מען פאַרקלאָפּט דעם אָרן. זי האָט נאָך אַ כיישעק געהאַט צולאָזן אַ גײַסטלעכן, נאָר אַלע האָבן עס קאַטעגאָריש אָפּגעוואָרפן.

אין דער פינצטערער נאַכט האָבן די פיר מענער אַרויסגעטראָגן דעם מייסים־קאַסטן און אים אוועקגעפירט אַפן צווינטער. דאָרט באַ אַן עק פון דער פּאַרצוימונג איז שוין געווען אַ גרייטע גרוב, וואָס דער גראַף האָט נאָך באַטאָג באַפוילן אויסגראָבן. באַם באַערדיקן האָבן די קירכן־גלאָקן פונקט גערופן צום אָוונט־געבעט. וועטוריע האָט אין זיי דערהערט דאָס געקלאַנג, ווי זיי וואָלטן באַגלייטן די קוורע. זי האָט אינדערשטיל גענומען שעפּטשען מיזערערע, זיך געציילעמט, און, אַראָפּלאָזנדיק זיך מיט די קני אַף דער באַנאַכטיק טויִקער ערד, האָט זי גענומען זאָגן די רעקוויִעם־טפילע.

ווען זיי זײַנען צוריקגעקומען אין שלאָס, האָט מיכאַיִל סקאָט זיך געכאַפּט דורכלופטערן זײַנע כאַדאָרים. זיי זײַנען אײַנגעזאַפּט מער מיטן גערוך פונעם אויסגערייכערטן ווײַרעך, ווי פונעם פאַרדעמפטן אווער פון דער געפאַלמעסטער. די איבעריקע מענער האָבן אים גערופן אין באָד־צימער, ווו סע איז פאַר יעדן פון זיי צוגעגרייט געווען שעפלען מיט הייסער וואַסער און אַ פוס־קעסל אַף זיך אַרײַנשטעלן אַהין ביז האַלב אין וואַסער.

נאָכן אָפּבאָדן זיך האָט מען זיך באַזעצט באַם צוגעגרייטן עס־טיש, אָן אָנגעשטעלטן מיט קאַלטוו. אַפן אויבנאָן, דעם כאָשעווסטן פלאַץ, האָט דאָ פאַרנומען דאָס פלייש פון יאַגד־רויב. גאַנצע פויגלען, געפּרעגלטע אַף פּוטער, מיט צעריבענעם מוסקאַט און נעגעלעך, זײַנען געווען אָנגעהויכט אַף אַ געשײַערטער קופּערנער טאַץ, וואָס האָט פאַרנומען די גאַנצע מיט פון טיש, באַ די זײַטן — טעלער מיט געבראָטענע שליאַמערלעך צווישן סעלדעריי, מיט געפעפערטע פיש, געקאָכטע אַף ווײַן מיט עסיק. ס׳זײַנען דאָ אויך געשטאַנען פולע שיסלען ביר־זופּ, געברויעט אַף הייוון מיט האָניק, צוגעמישט מיט צימערינג און שאַפראַן.

יויעל האָט ניט געקאָנט עסן. צום געווילד און צו די פיש־מײַכאָלים האָט ער זיך אַפילע ניט צוגערירט. ער האָט זיך באַנוגנט מיט אַ פּאָר קעזאַיעסן, אַ האַרט איי, באַגאָסן מיט שמאַנט, צוגעביסן מיט דינע פענעצלעך ברויט, געפּרעגלט אַף איילבירטן. מיטן גראַף האָט ער געמוזט אויסטרינקען אַ קופּל פונעם ווײַלשמעקנדיקן גאַסאַטערן־ווײַן. וועטוריע האָט אים אונטערגערוקט דעם געשמאַקן בעזע, אַ געבעקס אַזאַ פון מאַנדלען מיט אייער־ווײַסלען. ס׳זײַנען אים ניט געגאַנגען די אַלע גוטע מײַכאָלים, האַגאַם ער האָט פאַרן גאַנצן טאָג שפּאָט־ווייניק טויעם געווען. ער האָט געפילט אַ נויטבאַדערפעניש צוערשט אַראָפּשווענקען פון זיך, פונעם גאַנצן לײַב עפּעס אַ הויך, וואָס ער טראָגט אַף דער הויט. ווען ער קאָן זיך טויוול זײַן ביז איבערן קאָפּ... ס׳האָט זיך אים געדוכט, אַז אין אַ טײַך, מיטן לאַנגן ווייקן זיך אין וואַסער, וועט פון אים אַראָפּגענומען ווערן דער טויטן־רייעך, וואָס ער שפּירט נאָך, ניט נאָר אַפן קערפּער, נאָר אויך טיף אינווייניק.

ער האָט געוווּסט, אַז אינעם שלאָס, אַכוצן באָד־צימער, ווו זיי האָבן זיך אַלע אַרומגעוואַשן, איז נאָך פאַראַן, אויסשליסלעך פאַרן גראַף, אַ באַזונדערע טעפּידאַריע, געבויט לויטן מוסטער פון די אַלט־רוימישע בעדער, ווו דאָס וואַסער איז דאָרט מיט אַ באַשטענדיק אַלצײַנער לעבלעכער וואַרעמקײַט. ניט לאַנג צוריק האָט דער גראַף דאָרטן געלאָזט אויסמויערן אַ וואַסער־בעקן, ווו מע קען זיך אויסציִען אין דער גאַנצער לענג, און וויפל ס׳איז דיר ניכע, זיך ווייקן ביזן האַלדז אונטערן וואַסער.

---

[1] נעקאָווים־נעקאָווים, כאַלולים־כאַלולים — קליינע און גרויסע כאַלעלס (פון אַ טפילע).

די דאָזיקע נײַס האָט אים אונטערגעזאָגט א מויערער, וואָס האָט פארבלאָנדזשעט אהער פון דער פרעמד און האָט זיך פאַרגעשטעלט אלס א טוישעוו פון דער וווּנדערלעכער ווײַטער שטאָט באגדאד. סקאָט האָט באם ערשטן געשפרעך מיט אים גלײַך אופגעדעקט דעם עמעס. לאָזט זיך אויס, דאָס איז איינפאך א שוואב פון טורינגען, וואָס איז נאָך בייס דעם ערשטן קרייץ־צוג פארבליבן אף א צײַט אין מיזרעך, און דאָרט האָט ער זיך גוט אויסגעלערנט די מעלאָכע. ביכדיי צו דערהייבן דעם ווערט זײַנעם און די פרײַז פאר דער נײַער אײַנריכטונג, גיט ער זיך אויס פאר א באגדאדער טוישעוו.

וועטוריע האָט דערציילט, וויאַזוי מע דארף נאָר אָפשטעקן דעם פארוקער אף דער וואנט, באלד רינט ארײַן די אָנגעווארעמטע וואסער אינעם שטיינערנעם בעקן, וואָס איז די הייך פון א האלבן מענטשן־וווּקס. דער הייץ־קעסל איז ערגעץ פון יענער זײַט וואנט אין א צווייטן כיידער. פון דאָרט, אפּאָנעם, ציט זיך אויך די רינווע מיט קאלטער וואסער. דאָ, אינעם טעפידאַריע, זעט מען נאָר שטעקן דעם שפּונט אין א ווינקל פון דיל. דורך אָט דער עפענונג גיסט מען די ארויסגעשעפטע פון דער ביט אויסגענוצטע וואסער. א באנקבעטל פאר דער האלבאָשע שטייט דאָ בא דער זײַט, און אין די פיר ווענט שטעקן די רערן פאר די שטורקאצן, וואָס מע צינדט אָן בייסן באָדן זיך.

וועטוריע איז דערווײַל די איינציקע, וואָס האָט, אויסערן גראַף, פארזוכט דעם טײַנעג פונעם באָדן זיך דאָרט. ווי נאָר זי איז צוגאסט געקומען, האָט דער גראַף זיך בארימט פאר איר מיט זײַן וווּנדערלעך־נײַער אײַנפירונג בא אים אין שלאָס. זאָל זי האָבן וואָס צו דערציילן דעם פאָטער אירן, דעם הערצאָג. ער האָט זי אליין געבראַכט אהער און אלץ דערקלערט און באוויזן. דער קעסלהייצער האָט אין זייער אָנוועזנהײַט ארײַנגעטראָגן דעם קאָרב מיט שײַער־זאמד, אף אויסצורײַבן די ביט פארן און נאָכן נעמען די באָד, און זאָל זי האנאָע האָבן.

איצט באם עס־טיש, קוקנדיק אף יוליאַנס זויער־מידן אויסזען, איז איר געקומען א געדאנק, אז ס'וואָלט פאר אים גוט געווען, נאָך אזא טאָג איבלדיקער ארבעט, זיך גוט אויסשווענקען און זיך אויספּארען אין דער נײַער ביט. זי האָט זיך וועגן דעם א סוידע געטאָן מיטן גראַף, דערנאָך מיט יויעלן אינעם גראַפס נאָמען. ער האָט זיך פאר איר גלײַך מוידע געווען, אז ער האָט פון דעם לעכאַטכילע געטראַכט, דער סעניאָר אליין זאָל עס אים פאָרלייגן. צי איז עס ניט געקומען נאָך אירער אָן אָנצוהערעניש? דאָס הייסט ניט, אז ער מיינט זיך באַליידיקן. ער נעמט גערן אָן זייער ביידנס גוטוויליקע לײַטזעליקײַט צו זײַן פערזאָן, — האָט ער א פארנייג געטאָן דעם קאָפּ פאר איר און די זויערע מינע אף זײַן פּאָנעם איז ווי מיט דער האנט אראָפּגענומען געוואָרן.

ווען דער אוילעם האָט פארלאָזט דאָס עס־צימער, איז שוין יויעל געזעסן אין דער ביט ווי אין א זיךוואנע. ער האָט געוואָלט פארציִען דעם פארגעניגן, האָט ער זיך נאָך ניט געהאט אויסגעצויגן אין דער גאנצער לענג. מיט האנאָע האָט ער געטראַכט וועגן וועטוריען, ווי זי איז פילבאר און עמפינדלעך, וויאַזוי זי טרעפט אים אָפּטמאָל צו. און נאָך האָט ער געטראַכט וועגן א „סיכאָ שעל טײַנעג”, ווי מע פלעגט אמאָל אָנרופן דאָס אָנגענעמע אײַנרײַבן דעם קערפּער מיט א שמעקנדיקן זאלב — אזא בוימל, געמישט מיט רייכעסדיקע זאלצן. ס'איז נאָך געווען אזא באלזאם אין די טאלמוד־צײַטן, אף צו שמירן און מאסירן דאָס לײַב. ער האָט געהייסן אפּובלסמון. מע פלעגט אים ארויסבאקומען פון אן אייץ שעמען[1], וואָס איז געוואקסן אין איין־געדי צי אין יעריכוין־טאָל. דער באלזאם האָט געקאָסט זייער טײַער. מע האָט געדארפט אונטערשנײַדן דעם וואָרצל, און פון דאָרט האָט גערונען א דין שטרעמעלע זאפט, און זייער אין א קליינער מאָס. מע האָט עס געקאָנט אופזאמלען אף קליינע קנוילעכלעך וואָל, וואָס מע פלעגט דערנאָך אויסקוועטשן אין זילבערנע קריגעלעך. מיט דער צײַט באם צונויפגיסן דאָס אָנגעקליבענע אין א גרעסערער קיילע, האָט דער זאפט שוין געהאט פארלוירן זײַן ווײַסלעך דורכזיכטיקן קאָליר, ער איז געוואָרן געדיכטער און האָט באקומען א ראָזלעכע באפארבונג. ער פרווּט זיך דערמאָנען, פונוואנען, פון אוועלכער מעסיכטע האָט ער עס אויסגעלערנט. ער איז געווען אזוי ארײַנגעטראַכט אין דעם איניען, אז ער האָט ניט דערהערט, ווי די טיר האָט זיך פאָרזיכטיק געעפנט, און אף דער שוועל האָט זיך באוויזן וועטוריע. זי האָט א שטילן טראָט געטאָן אין די באבושי־שיך מיט די פילצענע זוילן; אָן אײַנגעהילטע אין א פאדערע קלייד, וואָס איז לאנג און ברייט ווי די מאנטיעס, וואָס עס האָבן אמאָל געטראָגן די אלט־גריכישע פרויען; מיט א ווײַסן דראמעז אפן קאָפּ — א מין מאָדערנער יונגפרויִשער נאכט־טשיפּעק.

[1] איילבירט־בוים.

דער ארײַנגאַנג איז געווען בא זײַן צוקאָפּנס. ער האָט דערזען דעם שאָטן אירן, ווען ער האָט געפּרוּווט אויסציִען די פיס אינעם ביטל. האָט ער זיך א הייב געטאָן צו איר מיטן פּאַ־נעם, וואָס האָט געפלאַמט. פון דערשטוינונג האָט ער קיין וואָרט ניט געקאָנט ארויסברענגען. ס'האָט אים פאַרקלעמט באַם גומען, און דאָס הארץ זײַנס האָט געגומען האַסטיקער שלאָגן, ווען זי האָט שטיל צוגעמאַכט די טיר און איז צו אים נעענטער.

— איך בין געקומען זײַן דײַן טראַקטאַטאָר, יוליאַן, — האָט זי פאַרשעמט אראָפּגעלאָזט די אויגן.

בא די אַלט־רוימער האָט אזוי געהייסן דער קנעכט, וואָס פלעגט אײַנרײַבן דאָס לײַב פון זײַן האַר מיט שמעקנדיקע זאַלבן... און זי האָט אויך געבראַכט מיט זיך די סודארי, א שטיק געוואַנט אָף ארומצווישן זיך פונעם שווייס אין א שוויצבאָד. איר צוויטע האַנט איז געווען פאַרנומען מיט נאָך עפּעס, וואָס זי האָט באַהאַלטן אונטערן קלייד.

זי איז שוין געשטאַנען האַרט לעבן אים. דער דראַמעז אָפן קאָפּ איז שוין געווען אראָפּ־געגומען. באַם אײַנטונקען דאָס שטיקל געוואַנט אינעם וואַסער האָט זי זיך געכידעשט: פאַר־וואָס אזוי לעבלעך? פאַרוואָס ניט צומישן מער הייסע וואַסער? האָט זי אָנגעריררט זײַנע נאָך טרוקענע האָר אָפן קאָפּ, און זי האָט עס אליין געגומען טאָן.

יויעל האָט זי לײַכט אָנגענומען בא די נאַקעטע אָרעמס. ער האָט זיך געצויגן צו איר אָפּענעם האַלדז, צו די צעפּ, פאַרלייגטע אָפן מיטן קאָפּ אין דער הייך ווי א טורעמל. זי האָט זיך צו אים אָנגעבויגן און מיט אירע ווייכע וואַרעמע ליפּן, ווו די אייבערשטע איז עטוואָס פאַרלייגט אָף דער אונטערשטער, באַדעקט זײַן אָפן מויל.

אין א קליין שטיקל צײַט ארום האָט זי אים האַסטיק שטײַף מיט עסיק־ווײַן מאַסירט דעם האַלדז־און־נאַקן, אײַנגעריבן דעם קאָפּ מיט סעזאַם־אייל. דערפון זײַנען זײַנע האָר געוואָרן נאָך גלאַנציקער און פעך־שוואַרצער. א צעפּאַליעטע האָט זי זיך דערנאָך גענומען צו זײַן האַריקן ברוסטקאַסטן. ער איז האַלב ליגנדיק געווען אָנגעלענט אינעם צוקאָפּנס־ווענטל פונעם ביטל. זײַן נאַס לײַב האָט געפּײַערט, און מיט גיריקע אויגן האָט ער געזוכט אָף איר נײַע אַנטפּלעקונגען. דאָס פאַדערע קלייד האָט זי אראָפּגעוואָרפן פון זיך. זי איז געבליבן אינעם הוילן ארומבאַנד, וואָס האָט געלאָזט ארויסקוקן א היפּשן קײַלעך פון דער לינקער ברוסט, דעם רעכטן היפּט באַם אויבערשענקל, וואָס איז געווען אײַנגאַנצן אָפּגעדעקט און האָט באַוויזן ביז אראָפּ דעם נאַקעטן פוס אירן. ער האָט ניט געקוקט אָף איר זײַט. אין די אויגן האָט אים נאָך אַלץ געבלענדט. ער האָט זײַן קאָל ניט דערקענט, נאָר אָן א שאָטן פון בושע האָט ער בא איר געפרעגט:

— דו ווילסט, איך זאָל קומען צו דיר, ווענטוריע?

זי האָט אים ניט געענטפערט. ערשט ווען זי האָט צורעכט געמאַכט אָף זיך דעם ארומ־באַנד, האָט זי אויסגעדרייט דאָס פּאָנעם צו אים און מיט א שטים, וואָס האָט זיך געבראָכן, אים אָפן אויער דרייסט געזאָגט:

— איך וועל דיך אליין צו זיך ברענגען... ווען מע וועט אײַנשלאָפן... שפּעטער.

אום האַלבע נאַכט האָט זי בא זיך אין כיידער אים צוגעפירט צו איר געלעגער. זי האָט אים איצט אויסגעזען ווי אלרוינע די הייליקע אָדער די געטן בא די אַלטגערמאַנער מיט די באָרוועסע פיס און מיטן לאַנגן ווײַס־לײַנענעם מענטליק אָפן הוילן לײַב. ער האָט פון איר אראָפּגעבונדן דעם קאָסטבאַרן בובליאַר. אָנהייבנדיק פונעם שפּיץ אין דער הייך, האָט ער עטלעכע מאָל געדאַרפט אָפּויקלען דאָס טײַערע זײַדנס, וואָס האָט ארומגערינגלט איר קאָפּ ווי א רייף. נאָכדעם האָט ער זיך געפילט מיט איר לאַכלוטן פרײַ אין די באַוועגונגען. ער האָט זי אופגעהויבן אָף די הענט און א צײַט אזוי געהאַלטן, שטייענדיק פאַרן באַלדאַכין. זי האָט זיך צוגעדריקט צו אים און אים באַשאָטן מיט קושן, וווהין זי האָט נאָר געקענט דערלאַנגען. ס'האָט ניט לאַנג געדויערט ביז צום פאַרזוכן דעם טאַם פונעם כעט. ער האָט אין דער פינצטער ווי דערזען איר פּאָנעם מיט די ברייט־צעעפנטע דערשראָקענע אויגן.

זיי זײַנען דערנאָך געלעגן אָף א שטעך איינער פונעם צווייטן. זי — אײַנגעגראָבן מיטן פּאָנעם אין קישן, ווי זי וואָלט טיף כאַראָטע געהאַט אָף דעם געשעענעם. האַגאַם נאָרוואָס האָט זי זיך נאָך אַלץ געטוליעט צו אים און מיט ניט קיין קלענערער צאַרטקײַט, ווי באַם סאַמע אָנהייב, האָט זי זיך פאַר אים מודיע געווען: ערשט הײַנט באַטאָג, ווען זי האָט אים געזען באַם אייסעקן זיך ארום דער טויטער, האָט זי פאַרשטאַנען, אז דאָס מוז געשען. זי וועט עס שוין ניט אויסמײַדן. דאָס צוזען דעם סאָף פונעם מענטשנס לעבן זאָל אָף איר האָבן געווירקט?.. און די באַשטענדיקע גלוסטונג, וואָס זי האָט די גאַנצע צײַט געשטיקט אין זיך, פון זינט זיי זײַנען זיך צוזאַמענגעקומען.

יויעל האָט דערבײַ געטראַכט וועגן דעם אין גאָר אַן אַנדער פלאַך. אַלע ווייסן, פאַרוואָס א מיידל וויל כאַסענע האָבן... און, ווי זײַן טאַנכום זאָגט: אזוי ווי דאָס געהאָרכזאַמסטע פערד

נייטיקט זיך אַמאָל אין אַ בײַטש, אַזוי נייטיקט זיך די באַשיידנסטע און אַפֿילו די סאַמע הויכגעשטעלטסטע פֿון די פֿרויען אין אַ מאַן. וועטוריע, ווי זי וואָלט געלייענט זײַנע געדאַנקען, האָט זיך מיטאַמאָל אָפּגערוקט פֿון אים און איז אַנשוויגן געוואָרן. דאָס האָט אים געקימערט. עס הייבט אים אָן באַהערשן אַ מין שולד־געפֿיל. ער האָט זיך ניט געריכט, אַז ס'וועט דערגיין מיט איר אַזוי ווײַט. ווען דער זינדיקער פֿאָטער אירער, דער הערצאָג, ווייסט דערפֿון?.. און די אַלע איבעריקע פֿון זייער קרײַז? ס'שמייכלט אים, פֿאַרשטייט זיך, דאָס, וואָס ער איז פֿון זיי אַלע דער אויסדערוויילטער, און דאָס, וואָס גראָד וועטוריע איז די, וואָס האָט אים אויסגעוויילט. וויפֿל מאָל האָט ער געטרוימט וועגן אירע צערטלערײַען, וועגן איר פֿרויִשקײַט. אָבער ער איז געווען ניט פֿון די, וואָס קענען מאַכן דעם כאָלעם גרעסער פֿון דער נאַכט. אויך איצט, נאָך דער העכסטער מאָס נאָענטקײַט, איז ער ניט פֿאַרשיקערט. „די געשלעכט־באַציִונגען זײַנען פֿאָרט ניט מער ווי אַ כויזעק איבערן מענטשן. דעם קאָוואַכלס אַ שפּאַס”, — ווערט יויעלן פֿריילעך פֿון אָט דעם דרייסטן קער אין זײַנע מאַכשאָווועס.

זי האָט זיך מיטאַמאָל אַ קערעווע געטאָן צו אים און אַזוי זיך צוגעדריקט, אַז ער האָט דערפֿילט דאָס גאַנצע לײַב אירס.

— וועגן וואָס האָסטו זיך אַזוי פֿאַרטראַכט? פֿאַרוואָס שווײַגסטו אַ שמייכלדיקער?.. — איז זי צוגעשטאַנען צו אים.

— אַ מענטש האָט צוויי אויערן, — האָט ער זיי אָנגענומען בײַ איר, — און מער ניט ווי איין צונג, — האָט ער צעעפֿנט אירע ליפּן, — איז דעריבער נאַטירלעכער, בעסער צו הערן ווי צו ריידן, — דערבײַ איז אים אויפֿן געדאַנק געקומען, ווי־אַזוי ער איז מעקײַעם ניט בעקיוון די מעמרע פֿון דער מעסיכטע סוקע: משוכבת חיקך שמור פתחי פיך[1].

זי גלעט מיט אירע ליפּן די באַוואַקסענע ברוסט זײַנע. די האָר זײַנען בײַ אים האַרטע. איז דאָס עפּשער דער ערשטער סימען פֿון זײַן מענלעכקײַט? ווייכע האָר זאָגט מינאַסטאַם וועגן ווייכהאַרציקײַט, האַכנאָע, אַזוי ווי בײַ נאַרישע שאָף, בײַ אַ שרעקעוודיקן האָז. בײַ אַ לייב זײַנען זיי זיכער שטײַף־שטאַרקע. אַפֿילו בײַ די רויבפֿייגל זײַנען האַרטע פֿעדערן אין די פֿליגל.

— זאָג מיר עפּעס, — בעט זי זיך בײַ אים, — זאָג מיר, אַז דו האָסט מיך געהאַט גערן... בײַ אונדז... בײַ די ריטער רעדט מען אַזוי שיין וועגן ליבע. עפּשער נאָר ביז ס'קומט דערצו... דערנאָך נעמט מען אָן אַ מויל מיט וואַסער און מע שווײַגט. אָט אַזוי ווי דו איצט.

ער האָט זי פֿעסטער אַרומגענומען. זיך אײַנגעגראָבן מיטן פּאָנעם אין אירע ווייך־זײַדענע שמעקנדיקע האָר און ווײַטער געשוויגן.

— האָסט הײַנט בײַם טיש אַזוי ווייניק געגעסן, ווי אַזאַ, וואָס באַנוגנט זיך בלויז מיט גרוויקסן. און מיט וואָס ביסטו אַזוי זאַט געווען? פֿאַר אַזאַ גרויסן טאָג, בײַ אַזאַ פֿאַרנומענקײַט, — האָט זי גערעדט אַזוי ווי צו זיך, ווײַל ער איז נאָך אַלץ געלעגן אײַנגעגראָבן אין אירע צעלאָזטע האָר. — איך ווייס דאָך, אַז דו ביסט ניט קיין איבערקלײַבער. דו עסט דאָך אַלץ, אַכוצן פֿלייש, וואָס בײַ אונדז... דאָס, וואָס מיר דערלאַנגען צום טיש... — האָט זי אַ זיפֿץ געטאָן.

— ווילסט זאָגן, אַז איך בין ניט קיין ליבהאָבער פֿון פֿלייש, — האָט יויעל אַ הייב געטאָן דעם קאָפּ צו איר.

— ניין, פֿאַרקערט. דו ביסט אַ לײַדנשאַפֿטלעכער פֿלייש־עסער, אַן עכטער קרעאַפֿאַג, — האָט וועטוריע אַ צופֿרידענע, וואָס ער האָט זיך סאָפֿקאָלסאָף אָפּגערופֿן, געפֿירט שפּילעוודיק מיט אירע צאַרטע פֿינגער איבער זײַן פּאָנעם, וואָס אַרום מויל.

— איך בין אָבער ניט קיין אַמעפֿאַג, — האָט ער מיט אַ פֿאַרדעמפּט קאָל אַרויסגעבראַכט.

— הייסט עס, אַז מיר זײַנען ווי די ווילדע שוואַטים, — האָט זי האַסטיק אַוועקגעכאַפּט די האַנט פֿון אים, — מיר עסן רוי פֿלייש.

— ניט קיין רוי פֿלייש, — האָט ער זיך צעלאַכט און אַרײַנגענומען דעם קאָפּ אירן אין זײַנע ביידע הענט. — נאָר איר עסט מיטן בלוט צוזאַמען. דו פֿאַרשטייט מיך, טײַערע, — איז זײַן שטים געוואָרן ביז גאָר צערטלעך, — איך בין נאָך אַ קינד געווען, האָב איך ליב געהאַט צוקוקן, ווי מײַן מוטער גרייט דאָס פֿלייש צום קאָכן. פֿריִער האָט זי עס געווייקט און געוואַשן אין עטלעכע וואַסערן, דערנאָך האָט זי עס געדיכט מיט אַ סאַך זאַלץ באַזאַלצן, ס'זאָל פֿון דעם אַרויסגעצויגן ווערן ביז אַ לעצטן טראָפּן בלוט. צוליב דעם איז עס שאָענווײַז געלעגן אויפֿן זאַלצברעטל. צום סאָף, פֿאַרן לייגן אין טאָפּ אַרײַן, האָט זי עס ערשט ווידער איבער־

[1] מישויכעוועס כייקעכאָ שמויר פּיסכיי פּיכאַ — היט זיך פֿאַר איבעריקע רייד מיט דײַן ווײַב.

געשוואונקט. ווילסטו, אַז איך זאָל איצט עסן דאָס יאַגד־פלייש, וואָס מע וואַרפט עס אין קעסל אַרײַן אַזוי ווי עס איז, מיטן גאַנצן בלוט?

דעם זעלבן פרימאָרגן האָט וועטוריע צערודערט אַלעמען מיט זייער אַפּאַר. דעם גראַף האָט פאַרדראָסן די מאָדנע אײַלעניש. ס'איז שוין קיין סאַך ניט געבליבן צו דערציִען ביז סאָף וואָך, און אַף זונטיק האָט ער גערופן צו זיך דעם אַרומיקן אַדל. סקאָט איז אויך צו זיי צוגעשטאַנען, ער וועט די קומענדיקע וואָך קאָנען זיי באַגלייטן ביז צו דער היים קימאַט. נאָר וועטוריע האָט זיך אײַנגעשפּאַרט: איינמאָל ניין! זי האָט זיך אַזוי פאַרבענקט נאָך דער היים, נאָך דער קראַנקער מוטער, וואָס זי האָט געלאָזט אַף העפּקער אַף אַזאַ לאַנגער צײַט. יויעלן האָט זיך געדוכט, דאָס וויל זי וואָס גיכער אַנטלױפן פונעם אָרט, ווו זי האָט זיך אַזוי שווער פאַרזינדיקט. אים איז אויך געווען היפּש זויערלעך אַף דער נעשאָמע, האַגאַם ער האָט זיך באַמיט ניט צו קלערן דערפון. ער האָט געזאָגט צו זיך אַליין: אַ טאַלמיד־כאָכעם, וועלכער האָט געזינדיקט באַנאַכט, דאַרף מען ניט כוישעד זײַן באַטאָג [ער האָט געוויס טשוווע געטאָן]. מיט דעם דאָזיקן פּאָסעק האָט ער זיך געוואָלט טרייסטן, אַז ס'איז אַלץ אין אָרדענונג. ער האָט אים גענומען אַף זיך צו באַשיצן און באַשירמען יעדעס מאָל, ווען ס'האָט אים גענומען עגבערן דאָס געשעענע.

זיי זײַנען דעם גאַנצן טאָג געווען אין וועג. ווען זיי זײַנען אַהיימגעקומען, האָבן שוין אַפן הויף געברענט די שטורקאַצן און דער שלאָס איז געווען באַלויכטן, ווי אין אַ גרויסן פײַערטאָג. די סימכע איז פאַרגעקומען אינעם גרויסן עס־זאַל. דאָ האָבן זיך צונויפגעזאַמלט די סעניאָרן צוזאַמען מיט דער דינערשאַפט. פאַר אַלעמען גלײַך איז געווען אַ יאָמטעוו דאָס פאַרבלאָנדזשען אַהער פון אַזאַ כעווראַיע מיט טרובאַדורן און מינעזינגער. אַרום זיי האָבן זיך שוין געהאַלטן מוזיק־שפּילער און זשאָנגליאָרן מיט קונצנמאַכער און אויך קאַטאָוועסטריי־בער. זיי אַלע וועלן שוין מעסאַמייעך זײַן דעם אוילעם מיט זייער געזאַנג און מוזיק, מיט זייער לייצאָנעס און טונקל־מונקל־שטיק: וויאַזוי צו שפּײַען מיט פײַער, צעקײַען שטיינער, לאָזן אַ רעגן אָן אַ וואָלקן.

דערווײַל, דעם ערשטן אָפּדערנאַכט, פילן זיי זיך נאָך אַ ביסל געענגט, האַגאַם זיי ווייסן, אַז דאָ, באַ ריימונד דעם זעקסטן אינעם שלאָס, קאָן מען זיך האַלטן ניט געצווונגען. דאָ קאָן מען אויסזינגען און אַרײַנזאָגן וואָס נאָר ס'קומט אַפן געדאַנק. דער הערצאָג, דער גוטער ריימונד, העגנט קיינעם ניט אָן זײַן ווילן. דאָ וועט זיי קיינער קיין שלעכטס ניט טאָן, אַפילע ווען זיי וועלן אָפּלעצוועון פון אים אַליין און פון אַלע אַנדערע הערשער אַף דער וועלט. נאָכן ערשטן גוטן טרונק האָט איינער פון די טרובאַדורן אויסגעזונגען אַ סערווענטן־ליד וועגן דעם וואָלף דעם פאַרצוקער, וואָס פאַרענטפערט זיך, אַז אַזעלכן האָט אים גאָט באַשאַפן אַף דער וועלט.

— אָבער וואָס פאַר אַ טערעץ קאָנען האָבן אונדזערע האַרן, די צווייפיסיקע פאַרטיליקער אונדזערע, וועלכע זײַנען פיל ערגער פון די בייזע וועלף, און זיי האַלטן זיך נאָך פאַר גוט און פרום? זיי זײַנען דאָך באַשאַפן געוואָרן אָט אַזוי ווי איך מיט אײַך.

אַ צווייטער פון דער קאַפּעלע, ביכדיי צו פאַרגלעטן דעם אײַנדרוק פון אַן אומדערהערטער כוצפּע, וואָס אָט די ליד האָט געקענט אַרויסרופן באַ די איבעריקע סראָרעס דאָ אין זאַל, האָט זיך מיטאַמאָל צעשריִען:

— ס'זײַנען מיר דערעסן אָט די אַלע געווירצטע ווײַנען! ברענגט מיר אַ געטראַנק, פאַר וועלכן מיר זײַנען גרייט אָפּגעבן די נעשאָמע, ווען מיר האָבן אים ניט, און קיין גרויס אַכט לייגן מיר אַף אים ניט, ווען ער איז דאָ לעראָוו.

פון צווישן אוילעם האָט מען גלײַך גענומען טרעפן, וואָס ער מיינט דערמיט. איינער פון זייערע לײַט האָט זיך אָנגערופן:

— דאָס מיינט ער זיכער די ווײַבער אונדזערע. ס'איז אַ גאַנץ ביטער געטראַנק, ווען עס איז דאָ...

— ניין, מײַן פרײַנט, דאָס מיין איך אַ פּאַשעטן קאַלטן טרונק וואַסער, — האָט דער קאַטאָוועסניק מיט טריִומף דערקלערט.

דער האַנט־אָרגל שטייט אין אַ ווינקל־טיש, אָפּגערוקט פונעם אָנשטעלעכץ. דער אָרגל־שפּילער קלײַבט איבער די קלאַווישן, אַ צווייטער לעבן אים פּרווּוט אויס דעם האָרן. ס'איז צו דערוואַרטן, אַז באַלד וועלן זיי קומען מיט אַ ליד. נאָר דער וויצלינג האָט דערווײַל פאַר־געבן נאָך אַ רעטעניש:

— ווער האָט עס באַם לעבן נאָר איין שטים? און נאָכן טויט גאַנצע זיבן קוילעס?

ווען ס'איז לאַנג פונעם אוילעם קיין ענטפער ניט געקומען, האָט ער צונויפגענומען אַרום זיך די גאַנצע שפּילער־קאַפּעלע און געגעבן צו פאַרשטיין:

— דער שאַף־באַק, מײַנע טײַערע. פון זײַנע צוויי הערנער נאָכן טויט ווערן שאַל־האָרנס. זײַנע לענדן־ביינער דינען פאר דער ציטרע און פאר דער וויאָלע. די פעל זײַנע ציט מען אָן אפן קעסלפויק. פונעם מאָגן מאכט מען א דולזאַק, און פון די געדערים־אָדערן ציט מען אָן די סטרונעס אף דער הארפע. איצט הערט, ווי די זיבן שטימען וועלן א רעד טאָן, — און ער האָט זיך געווענדט צו דער קאפעלע, מע זאָל אָנהייבן.

ווען וועטוריע מיט יויעלן האָבן זיך אהער ארײַנגעשטעלט, איז געגאַנגען א געפעכט צווישן צוויי מײַסטערס־זינגער. צו איינעם פון זיי, צום עלטערן, ווערן אָנגעווענדט די טיטלען „הער מײַסטער" און די מײַסטערשאפט פון זײַן „דערהויבענעם ווילגעבורט". ער שטאמט, אפאָנעם, פונעם אדל, ווײַל ער טראָגט אף דער ברוסט א פערזענלעכן הערב — א גאָגאַט־שווארצער פויגל, פארשפּארט אין א שטײַג. מיט זײַן קליידונג טיילט ער זיך אויך אויס פון דער גאנצער קנופּיע. מע זעט, ער איז אָנגעטאָן לויט דער צײַט פון טאָג און לויטן וועטער אין דרויסן. זײַן קורץ שווארץ רעקל איז געפּוצט מיט קראַפּ־רויט און מיט א גרויסן אויס־שניט, דורך וועלכן ס'זעט זיך ארויס דאָס מילכווײַסע העמד, מיט א שטייענדיקן געציינדלטן קאָלנער ארום האלדז; די איילבירט־גרינע ארבל זײַנען פארשפּיליעט מיט פיש־ביינדלעך. די זעלבע ביינדלעך זײַנען אָנגעהאנגען ביז אראָפּ, ווי די לאמפּאסן אף די פליישקאָליריקע הויזן.

באם צווייטן איז דער קאָפּ געווען צוגעדעקט מיט א שארפשפּיצעכיק מיצל פון א שטרוי־געלן קאָליר. א געדיכט באַבערדיקט פּאָנעם בא אים, נאָר די באָרד האָט ניט באהאלטן, אז ער איז א סאך ייִנגער פון זײַן מיטזינגער. ער איז, ווײַזט אויס, ניט אזא מאקפּיד אף זײַנע בגאָדים, אבי ווי־ס'איז אָנטאָן דעם נאקעט. ער האָט בייסן זינגען אראָפּגעוואָרפן פון זיך די פּאָפּעליאטע הילע און איז געבליבן אינעם הירשן־ברוינעם פּארנאָסע־רעקל, מיט די לע־בער־קאָליריקע ברייטע מאנקעטן אף די שמאָלע אָליוו־גרינע ארבל. פונעם זעלבן גרינעם קאָליר זײַנען בא אים די קני־הויזן, ארײַנגעטאָנענע אין בליטשקענע ווײַסע זאָקן, מיט רויטע שטרײַפעלעך בא די קאנטן.

ער האָט ארויסגעשטעלט דעם לינקן פוס, ווען דער דיאַלאָג איז ארײַן אין רעכטן ברען, ווען ער האָט באדארפט אָפּענטפערן זײַן צאד־שעקענעגעד[1] מיט נאָך פײַנערע וויל־קלינגווור־דיקע פערזן, אז... — דער מאָלער ברענגט ארויס אפן לײַוונט דאָס, וואָס גאָט האָט באשאפן מיטן וואָרט: גרינע גראָזן, די פארבן־שפּיל פון בלומען, די בונטע קאָלירן פון א רעגנבויגן. ער קאָן באווײַזן דעם שוועבנדיקן פויגל אינדערלופטן און דעם מענטשן אף דער ערד. ער איז בעקויעך אנטפּלעקן פאר אונדז ניט נאָר די פילפארביקײַט פון פעלדער און וועלדער, וואָס אונדז דוכט זיך, אז זיי זײַנען גרוי און איינטאָניק, נאָר אויך די נאטור־סטיכיי, דעם פּלאַם פון א סרייפע, די שטורמישע יאם־וועלן... ער וואָלט געקאָנט באווײַזן דעם טײַוול און די מאלאָכים פונעם הימל, דעם געהענעם און דעם גאניידן, און אפילע גאָט אליין, ווען ער זעט אים נאָר... און דאָס אלץ מיט די איינע דרײַ מיטלען בלויז: מיט פארב, ליכט און שאָטן.

— מיט שאָטן, כא־כא־כא, — פארגייט זיך דער קעגנער אין א קײַכנדיקן געלעכטער־געזאנג, און דער בלײַבט שטיין פאר אים ווי א פארשולדיקטער טאלמיד פארן לערער. — טאקע מער ניט ווי מיט שאָטן, ווי דעם שאָטן פון זאכן, — צעציקלט ער זיך מיטאמאָל שוין אָן געלעכטער, — קאָן דײַן מאָלער באהערשן, — און מיט נאָך מער כשיוועס אפן העכסטן קאָל זינגט ער ווײַטער: — זײַן פײַער ווארעמט אונדז ניט. זײַן זון לײַכט אונדז ניט. זײַנע בלומען האָבן ניט קיין דופט, און זײַנע פּיירעס קיין זאפט און טאם. זײַנע גראָזן היילן ניט, און זײַנע כײַעס פארצוקן ניט. זײַנע מענטשן זײַנען אָן בלוט און פלייש, און זײַן ווײַן דערמוטיקט ניט און מאכט ניט פריילעך. אן אנדער זאך זײַנען מיר, די מענער פון דער פריילעכער וויסנ־שאפט. מיר קענען הייבן צום טאנץ און ארויסרופן געלעכטער. מיר קענען אָן ווײַן פריילעך מאכן און ארויסקוועטשן א טרער ניט נאָר באם שוואכן מין, נאָר אפילע באם סאמע דרייסטן און שטארקסטן ריטער־מאן.

— א טרער ווערט פארטריקנט, און דער געלעכטער פארגייט, — וויל ניט בלײַבן היני־טערשטעליק דער ייִנגערער מיט דער באָרד, — דעם אוילעם געפעלן איצט דײַנע רייד. זיי האָבן פארגעניגן פון דײַן זיס קאָל. מאָרגן אָבער וועלן זיי אונדז פארגעסן, ווי שיין מיר זאָלן איצט פאר זיי ניט זינגען, און ציקלען זיך, און רײַסן דעם גאָרגל, און טערעלייקען, לאָזן טרעלן, און אָפּקנאקן א זעמערל, אויסהעפּען א ניגן, און גלאט אזוי באָמקען, און ברומען, און פײַפן, און בלעקענען...

די אלע מינים פארקריפּלטע געזאנג־מיטלען האָט ער געפּרוווט נאָכמאכן אף א קאָל. דעם אוילעם איז עס ווילגעפעלן, מע האָט אָנגעקוועלט און אים גענומען פון אלע זײַטן צוהעלפן.

---

[1] קעגנער.

דער עלטערער האָט ניט געקאָנט דערלאָזן, אז זײַן אויסלערלינג זאָל געבן א טאָן. האָט ער איבערגעריסן דעם טומל מיט א בראַוור־ליד אף די העכסטע שטים־בענדער. ער האָט באַוויזן, אז ער האָט א געמבע פון א לייב, אז מיט זײַן שטים קאָן ער די לופט צעטרייסלען, און זאָל עמעצער, אדעראבע, אים פרוּוון איבערהילכן.

— דער הער מײַסטער איז טאקע איצט איינער אין דער וועלט, — האָט דער ייִנגערער זיך ניט געוואָלט אונטערגעבן. — ס'איז ניטאָ קיין צווייטער זינגער מיט אזא דונער־שטים. ער קאָן אויך איבערגיין צו א קאָל בעכיִע[1], וואָס זאָל די נעשאָמע ארויסציִען, — און ער נעמט מיט א בײַקעלעכל נאָכזינגען א יאָמער־ניגן, מיט וועלכן ער זעצט פאָר די רייד זײַנע, — אָבער ער וועט די גאָלדענע קיילע מיטנעמען מיט זיך אף יענער־וועלט, נאָך הונדערט מיט צוואנציק יאָר, און מיר דאָ וועלן בלײַבן בא די הייזעריקע גרימפּלער, — און ער נעמט נאָכמאכן דאָס געזאנג פון א זינגער א קאַליקע. — דער מאָלער אָבער לאָזט אונדז איבער זײַן קונסט אף אייביק. זײַנע ביינער וועלן צעפוילט ווערן, ס'וועט פון אים קיין געדעכעניש ניט בלײַבן, און זײַן ארבעט וועט באשיינען די פּאלאצן פון די הערשער. זי וועט דערציילן און באווײַזן און אײַנקריצן אין אונדזער זיקאָרן דאָס, וואָס סע האָט א ווערט, ס'זאָל ניט פאַר־געסן ווערן. ווען מיר זאָלן נאָך אליין ניט כאָרעוו מאכן די אלע קונסטן — די בלוט־קרויווים פון דער מאָלערײַ, די ארבעט פון די בוי־מײַסטערס און פון די שניצערס, פון די שטיינקריי־צערס און דימענט־שלײַפערס, פונעם דאָזיקן קליינינקן ווערעמל, וואָס האָט געהאָלפן דעם קיניג שלוימע צום בוי פונעם הייליקן טעמפּל.

וועטוריען איז איצט גוט אפן הארצן. דער געזאנג זייערער צעגייט אין אלע אייוורים. נאָך מערער איז זי פארגאפט פונעם אינהאלט אינעם דיספוט. די דאָזיקע מענטשן געפינען גלײַך אפן אָרט וואָס אָפּצוענטפערן אין אָט דעם געדאנקען־געפעכט. דערצו נאָך אף א זינ־געוודיקן שטייגער, מיטן געהעריקן קאָל־נעגינע. מעגלעך, אין א גרעסערער מאָס איז די גוטע שטימונג בא איר דערפון, וואָס זי האָט דאָ דערזען די מוטער צווישן אוילעם זיצן אויבנאָן, ניט ווײַט פונעם טאטן, און ווי זי קוועלט אָן פון אָט דעם זינגעוודיקן דיִאלאָג. זי איז אויסגעצערט, נאָר אירע בליקן זײַנען איצט אופגעלעבט האָפערדיק. זי שמייכלט מיט די איינע באקן, און ווי אלע אנדערע געזונטע מענטשן איז זי פארכאפּט מיט דער שפּיל. וועטוריע האָט געוואָלט זיך דורכשלאָגן צו איר, האָט זי יויעל אָפּגעהאלטן, אפּאָנעם ניט בלויז, זי זאָל דערמיט ניט שטערן די זינגער. ער האלט די מוטער אירע די גאנצע צײַט אפן אויג. ס'קאָן זיך דוכטן, ער וויל פונדערווײַטנס באאָבאכטן און זיך דערקונדיקן וועגן איר איצטיקן צושטאנד. פון דעם אליין האָט וועטוריע באקומען פליגל. זי האָט ניט געקאָנט רויִק אײַנשטיין אפן אָרט. זי האָט נאָכגעשפּירט נאָך דער מאמען, נאָך די שפּילער, נאָך יויעלס ארײַנדרינגענדיק־פאָרשערישע, קאָנצענטרירטע אופמערקזאמקײַט אף זײַן כוילע, גלײַך ווי כוץ איר וואָלט דאָ קיינער און גאָרנישט ניט געווען.

אפילע ווען די צוויי האָבן פארענדיקט מיטן געפעכט, האָט יויעל נאָך אלץ ווי ניט אופגעוואכט. ס'האָט זיי פארביטן אן אויסגעצירטער פראָוואנסאלער טרוּווער, אײַנגעהילט אין א מאנטל, א געקעסטלטן מיט קעסטעלעך און א באשפּרענקלטן מיט שפּרענקעלעך פון אלע פארבן פון א רעגנבויגן. ער האָט גענומען אויסזינגען אן אבאדע־ליד, וואָס האָט מיט א טרויער־ניגן באדויערט די צוויי געליבטע, וועלכע מוזן זיך פאנאנדערגיין, ווײַל ס'שאַרִיעט שוין אף טאָג. דאָס האָט בא וועטוריען גלײַך ארָאָפּגעזעצט די אופגעהײַטערטקײַט. ס'האָט זי דערמאָנט אינעם הײַנטיקן באגינען־צעשייד, ווען יויעל האָט געמוזט פארלאָזן דעם געלעגער אירן אינעם שלאָס באם גראף ראזשער.

---

[1] — וויינענדיקע שטים.

ליובע וואסערמאן

ס'איז הויך דער הימל

שוין זעכציק יאָר באַגעגן איך מײַן פרילינג,
און הײַנט כ'האָב אים דערזען פון אפדאָסנײַ.
דערזען מײַן מאמע כ'האָב, די טויב די שטילע,
וואָס איז געווען דעם נײַעם לעבן טרײַ.

זי שוועבט ארום דאָ, ווי א וואכער פויגל,
מיט ליבשאפט נעמט זי אלעמען ארום —
דאָס העלע גרינס, וואָס פינקלט אין די אויגן,
די יונגע שטאָט — א העל צעבליטע בלום,

דעם פלאץ, וואָס צווישן גאסן הויכע, גראָדע,
דעם לענין־דענקמאָל אין זײַן סאמע מיט,
די קינדערלעך, וואָס פירן קאראהאָדן,
די מענטשן, וועלכע אײַלן זיך צו מי.

אן אנדער בילד דערשײַנט פאר מיר אצינדער:
מײַן מאמע שווענקט דאָס פרעמדע וועש באם טײַך,
די אײַז־קריִעס, זיי ברענען אירע פינגער,
און איך, א קליינינקע, איך וואש מיט איר באַגלײַך.

פון אירע אויגן רינען שטילע טרערן,
הענט פארקאָליִעטע, זיי זײַנען רויט, ווי בלוט.
— איך וויל, מײַן קינד, דו זאָלסט מיט קאָפּ מיך הערן,
א צײַט וועט קומען — אונדז וועט זײַן נאָך גוט.

ווי גוט ס'וועט זײַן, איך קען נאָך ניט באַנעמען...
זי גלײַכט זיך אויס און נעמט מיך לײַכט ארום.
און דאן דערהערט פון איר
איך האָב דעם נאָמען לענין,
און ס'האָט דורך וואָלקנס, ווי א שײַן געטאָן די זון.

ביז שפּעטער נאכט זי פלעגט פארטײַעט זיצן,
אין ביכער גריבלען זיך, און שרײַבן ערגעץ בריוו,
באם קינדער־בעטל שטילערהייט א זיפץ טאָן,
א מידע אײַנדרעמלען ביז אינדערפרי.

געהיים צו אונדז זיך פלעגן מענטשן זאמלען
אין יענעם שטורמישן, אין יענעם הייסן יאָר.
איך הער, דוכט זיך, ווי ס'רעדט צו זיי מײַן מאמע,
זיי ענטפערן: נו יאָ, נו יאָ, נו יאָ.

ווי קורץ און גרויליק ס'איז געווען איר לעבן,
פון נויט און דאכקעס יונג געוואָרן בלינד.
איר העלער טרוים, איר גלויבן און איר שטרעבן
פאר מיר האָט אופגעשײַנט — פאר איר פארוואָרלאָזט קינד...

לויט לענינס וואָרט — מײַן היימלאנד איז אין בליִונג,
ס'איז הויך דער הימל, און אין הארץ איז מײַ.
שוין זעכציק יאָר באַגעגן איך מײַן פרילינג,
און הײַנט דערזען איך האָב אים פונדאָסנײַ.

אלעקסאנדער ליזען

גרינע מאַצייוועס, וואָס שווייַגט איר?

ערשטער טייל

1

ניין, ניט געווען. ס׳איז דאָ ניט געווען קיין פּאַרק. ער געדענקט דאָס גאַנץ גוט. קיין ביימער זיַינען דאָ ניט געווען. דאָ זיַינען געווען שטיבער. פון דאָר־דוירעס זיַינען דאָ געשטאַנען שטיבער. אין די שטיבער האָבן געלעבט מענטשן. געלעבט און געפרייט זיך, געפרייט זיך און געליטן. איז פונוואַנען האָבן זיך גענומען ביימער? און וווהין האָבן זיך אהינגעטאָן די שטיבער? די שטיבער מיט די פריילעכע און אומרו׳יקע מענטשן?

עפשער האָט ער פאַרגעסן? ס׳קען זיך מאַכן. צוואַנציק יאָר! גאַנצע צוואַנציק יאָר פאַרביַי. פיל, זייער פיל קען מען פאַרגעסן פאַר צוויי צענדליק יאָר. אָבער ניט אַלץ. דאָ זיַינען געשטאַנען שטיבער. איצט וואַקסן דאָ ביימער. דאָס שטעטל איז שענער געוואָרן, פרישער, גרינער. ווייניקער מענטשן. איצט קלעקט פאַר אַלעמען פרישע לופט. אפילו ווען עס גייט אַן איַינגעגעסן רעגנדל, און דער הימל איז נאַס, און דער הימל איז נידעריק און פאַרגרויט, זעט ער אויס, דער פּאַרק, ווי אַ גרינע זעונג צווישן שטיינערנע נאַקעטע ווענט.

און איצט וווהין? קיין נאַפקעמינע... ער וועט זיך לאָזן דערוויַיל צו די ביימער. די מענטשן, וועלכע האָבן זיך אים געטראָפן אין וועג, זעען אויס פרעמד. אויך זיי קוקן אַף אים, ווי אַף אַ פרעמדן. ווער איז ער? וואָס דרייט ער זיך אַרום אונטערן רעגנדיקן הימל מיט שטאַרק אָפענע אויגן? וואָס זוכט ער? וועמען האָט ער פאַרלוירן? וועט ער זיך לעסאַטע אויסקלייַבן אַ שוויַיגנדיקן בוים מיט אַ געדיכטער קרוין, אוועקשטעלן זיך אונטער אים און אַ טראַכט טאָן, וואָס זשע זאָל ער וויַיטער דאָ טאָן...

באַם אַריַינגאַנג אין פּאַרק האָט ער עפּעס פאַרטשעפּעט מיטן פוס. אַף דער שוואַרץ־נאַסער ערד האָט זיך געוואַלגערט אַ פאַרברודיקטער צעריסענער פּאַנטאָפל. נעכטן וואָלט ער אים אַ שליַידער געטאָן מיטן פוס העט־וויַיט. מאָרגן, עפשער, וועט ער אויך אַזוי טאָן. היַינט — ניט. היַינט איז ער אינגאַנצן איין שטיק רי׳ע. זיַינע אויגן האָבן זיך איַינגעגעסן אין

אַט דער אַנגעפּולטער מיט רעגנוואַסער אַלטער שמוציקער שקראַבע. זי איז זייער אַלט, עפּשער טאַקע גאַנצע צוואַנציק יאָר.

אויב אַזוי, טאָר מען זי ניט אַוועקשלײַדערן. מע דאַרף אויסגיסן פֿון איר די וואַסער, אײַנוויקלען זי אין אַ פּאַפּיר, ברענגען זי אַהיים און מעקאַבער זײַן מיטן גאַנצן קאָוועד. ער האָט גראַד אַ צײַטונג אין קעשענע. אויף דער דריטער זײַט פֿון דער צײַטונג איז פֿאַראַן אַ פּאַטאַ. אַ קינד אין אַ ווײַס קליידעלע, מיט אַ קײַלעכיק־צעשויבערט קעפּל, מיט קורצע גראַבטשינקע פּיסלעך. ס'קאָן זיך מאַכן, אַז די שקראַבע געהערט צום קינדס אַ קאָרעוו. צו אַ פּעטער אירן. צי עפּשער דעם זיידן. לאָזט זיך אויס — דאָס איז ניט קיין זייכער פֿון אַ קאָ־דעש. דאָס איז גאָר אַ שוך פֿון אַ שלעפּער. ווײַל באַלד האָט זינטשענקאָ דערזען דעם באַ־לעבאָס פֿון דער שקראַבע. ער איז געלעגן אויסגעצויגן אויף אַ באַנק, די הענט אַראָפּגעלאָזט ווי צוויי טרוקענע שטאַנגען, די אויגן פֿאַרמאַכט, דאָס מויל אָפֿן. טראָפּנס רעגן זײַנען גע־פֿאַלן אינעם אָפֿענעם מויל, דער מענטש האָט געשלונגען די רעגן־טראָפּנס, דערבײַ האָט ער שווער און מיט אַ סוויסטשערײַ געאָטעמט. טראָפּנס זײַנען אַראָפּגערונען איבער די קנייטשן פֿון זײַן געלבלעך פּאָנעם, פֿון די צעשויבערטע וואָנצעס, ווי פֿון עפּעס אַ ניט פּילבאַרער בריַע, ווי פֿון אַן אומבאַוועגלעכער הליבע. אַן אַלט צעקנייטשט היטל האָט זיך אַראָפּגעגליטשט פֿון זײַן גראָווען קאָפּ און פֿאַרדעקט עפּעס אַ וועקזייגער. די פֿיס זײַנען אַראָפּגעהאַנגען פֿון דער באַנק — איינער אַ באָרוועסער, דער צווייטער — אין אַ שקראַבע.

זינטשענקאָ האָט זיך אומגעקערט צוריק, צום אַרײַנגאַנג, פֿאַרקנייטשט זיך, אויפֿגעהויבן פֿון דער ערד מיט צוויי פֿינגער דעם פּאַנטאָפֿל, אַרויסגעגאָסן די וואַסער, אַנידערגעלייגט לעבן דער באַנק, ווידער געכאַפּט אַ קוק אויף דעם אַלטנס קאָפּ מיט די גראָווע צעשויבערטע האָר און אַ טראַכט געטאָן: אַן אַלטער מענטש — און... ניט געפֿונען קיין בעסער אָרט אויף אָפּצורוען זיך.

פּלוצעם האָט זיך צעקלונגען דער וועקזייגער. ניט ווילנדיק האָט זינטשענקאָ אַ ציטער געטאָן. ווי ער וואָלט זיך אופֿגעכאַפּט פֿון שלאָף. ער האָט דערפֿילט אַ קעלט. זײַנע פֿינגער האָבן געפּרוווט פֿאַרשפּיליען דעם מאַנטל, אָבער די קנעפּ האָבן בעשום־אויפֿן ניט געוואָלט קריכן אין די לעכלעך. די פֿאַרדובעניעטע פֿינגער האָבן פֿויל און אומגעשיקט געגליטשט זיך איבער די קנעפּ.

דער מענטש אויף דער באַנק האָט זיך אויך אופֿגעכאַפּט, זיך אופֿגעהויבן, אַ געשמאַקן גענעץ געטאָן:

— פֿאַר־שלאָ־אָפֿן, הייסט עס? ניין. מײַן פּרײַנט, מײַן וועקזייגער, וועקט מיך אַקוראַט אויף. ער ווייסט, דער גוטערברודער מײַנער, ווען איך מוז אופֿשטיין.

אַצינד האָט ער באַמערקט זינטשענקאָס דורכדרינגענדיקן בליק. ער האָט אים אַ פֿרעג געטאָן:

— איר זײַט געקומען צו מיר? איז, זײַט אַזוי גוט, רוקט זיך צו אַ פּאָטעל און זעצט זיך. האָט ניט קיין פֿאַריבל, איך האָב נאָרוואָס געעפֿנט די אויגן. באַלד וועל איך ברענגען מײַן טואַלעט אין אָרדענונג.

דער אַלטער האָט אונטערגעצויגן די הויזן, פֿאַרשפּיליעט דאָס רעקל אויף אַן איין־און־איינציק פֿאַרבליבענעם קנאָפּ, צעקעמט מיט פֿאַרגרעבטע פֿינגער דאָס בערדל און וואָנצעס און געזאָגט:

— נו, איצטער בין איך גרייט אויסהערן אײַך. וואָס פֿאַרלאַנגט איר? עפּשער אַ גמילעס־כעסעד? איז ביטע. לײַדער געפֿינט זיך מײַן גאַנצער קאַפּיטאַל אין שפּאַרקאַסע, און איך האָב איצט ניט קיין מעזומאָנים... האָט איר ניט קיין ציגאַרעטל? כ'האָב פֿאַרגעסן, פֿאַרשטייט איר מיך, מײַן פּאַרטסיגאַר אין האָטעל.

זינטשענקאָן איז פֿריקרע געוווען אָט די ערשטע באַגעגעניש. ליגנדיק אינעם וואַגאָן מיט פֿאַרמאַכטע אויגן, דרעמלענדיק אונטערן ריטמישן געקלאַפּ פֿון די רעדער, האָט ער געטראַכט גאָר וועגן עפּעס אַנדערש.

— איך רייכער ניט.

— אַ שאָד.

דער אַלטער האָט זיך אײַנגעקוקט אין זינטשענקאָס געזיכט.

— איר זײַט אַ היגער?

— ניין.

— איך אויך. אויב ס'וועט אײַך ניט געלינגען אײַנאָרדענען זיך אין האָטעל, טאַ ביטע צו מיר, — האָט ער אַ פּאַטש געטאָן מיט דער דלאָניע איבער דער נאַסער באַנק, — אין מײַן לוקסוס־נומער. אַלע באַקוועמלעכקײַטן. אַפֿילע באָדן זיך וועט איר אויך האָבן ווו.

דער אלטער האָט א ווײַלע געשוויגן און ווידער געפרעגט:

— אין א קאָמאַנדירונג?

„אָט די הייזעריקלעכע שטימע איז עפּעס קענטלעך...״

— ניין.

— מיט א פּערזענלעכן איניען, הייסט עס?

— יאָ.

„שוין זשע ער?״

— איך מיין, אז איר זײַט אויך ניט קיין קאָמאַנדירטער? — האָט געפּרוווט א שפּאַס טאָן זינטשענקאָ.

דער אלטער האָט געענטפערט מיט א גאַנץ ערנסטן, אפילו אומעטיקן טאָן:

— איך בין געקומען געזעגענען זיך מיט מײַן היים. איך פיל דעם מאַלעכהאַמאָוועס הינ־טערן רוקן. דאַרף איך דאָך כאַפּן א קוק אף מײַן היים, איידער איך וועל אוועק אף דער עמעסער וועלט!

„שוין זשע ער?״ — האָט ווידער א טראַכט געטאָן זינטשענקאָ, ניט אראָפּלאָזנדיק זײַן שטאַרן בליק פון דעם פאַרקנייטשטן אָנגעשוואָלענעם פּאָנעם.

דער אלטער האָט פּלוצעם זיך גענומען אײַלן.

— נו, זײַט מיר געזונט. כ'האָב קיין צײַט ניט.

ער האָט ארײַנגערוקט דעם וועקזייגער אין קעשענע, אונטערגעצויגן די הויזן און הינ־קענדיק געלאָזט זיך גיין.

„און הינקט אונטער... מעשונע. עפּשער א פּרווו טאָן?״

— ציר־פּאַ! — האָט ער הויך אויסגערופן. געמיינט, אז זײַן געשריי וועט דעריאָגן דעם אלטן.

אף אן אויגנבליק האָט זיך דער שלעפער אָפּגעשטעלט און, ניט אומקוקנדיק זיך, אוועק ווײַטער, הינקענדיק אצינד מערקבארער אפן לינקן פוס.

נו, איז וואָס? אזוי רעאַגירט יעדער מענטש, ווען מע טוט אים א רוף.

„אזוי? ניט איינגאַנצן אזוי. אן אנדערער וואָלט זיך אומגעקוקט. אומבאַדינגט זיך אומ־געקוקט״.

נארישקײַטן! די נערוון האָבן זיך פּאַשעט צעשפּילט. ניטאָ וואָס צו כידעשן זיך. ער איז דאָך געקומען אהער באַגעגענען זיך מיט דער פאַרגאַנגענהייט, איז ער טאַקע גרייט אָנעמען יעדן מענטשן פאַר א שאָטן פון אַוואָר. דאָך האָט ער ווידער א געשריי געטאָן, גלײַך אין דער וועלט אַרײַן:

— מיך רופט מען זינטשענקאָ. פּיאָדאָר זינטשענקאָ. עפּשער געדענקט איר מיך? איך פלעג ארײַנקומען צו די סאַפּירס. זייער שטוב איז געשטאַנען אָט דאָ־אָ. איר געדענקט? איר געדענקט? איר גע־ע־דענקט?...

דער אלטער האָט גאָרניט געענטפערט.

2

אים האָט זיך געדאַכט, אז ער הערט נאָך אַלץ דעם טיק־טאַק פונעם וועקזייגער, וואָס דערטראָגט זיך פון דער סטאַרטשענדיקער קעשענע פונעם אלטנס צעקנייטשטע הויזן. זײַן באַוווסטזײַן האָט זיך ווי דערווײַטערט פון אים, צעשווומען זיך אינעם נודנע אומפּהערלעכן רעגן. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, א הייב געטאָן דעם קאָפּ, אונטערגעשטעלט דעם שטערן אונ־טער די קאַלטע טראָפּנס.

יאָ. אצינד האָט ער זיך דערמאָנט.

ער האָט זיך דערמאָנט אינעם וועקזייגער, וואָס סאַפּיר האָט געמײַסטרעוועט. דער טויט איז געשטאַנען אזוי נאָענט, אזוי שרעקלעך נאָענט, אז עס האָט זיך געפילט זײַן אָטעם. און ער האָט געטרוימט וועגן לעבן. געפּאָרעט זיך מיט א וועקזייגער, מיט א פּרוזשינע אף צוואַנ־ציק יאָר.

יאָ, דאָס איז דער וועקזייגער, אָבער ווו איז ער, אָשער? ניטאָ. ער וואַכט ניט אוף. ערגעץ דאָ ליגט ער. עפּשער אפילו אונטער זײַנע פיס. און עמע ליגט דאָ. און דער אלטער סאַפּיר מיט זײַנע טעכטער, זין, איידעמס, שניר, אייניקלעך. און די שכיינים זײַנע.

דאָ זײַנען אַמאָל געשטאַנען שטיבער. אין די שטיבער האָבן געוווינט לעבעדיקע מענטשן. דעם לעבן איז געווען ענג צווישן פיר ווענט. פלעגט עס זיך אַרויסרײַסן דורך די פענצטער, דורך די טירן, דורך אַלע שפּאַרונעס, מיט געלעכטער, מיט געוויין, מיט געשריי, מיט געזאַנג און מיט אַ געזאָלצענער קללה.

אינדערפרי פלעגן זיך די טירן ברייט עפענען, ווײַל מענטשן האָבן זיך געײַלט אַף דער אַרבעט. אָפּדערנאַכט פלעגן די מענטשן אומקערן זיך אַהיים. יעדער האָט געהאַט זײַן היים, זײַן שטוב. אַלע אײנײנעם האָבן געהאַט זייער היים, זייער שטעטל. דאָס לעבן האָט געברויזט. מענטשן, זייער רירעוודיקע, טומלדיקע, ראַשיקע מענטשן, און יעדער אײנער האָט זיך געקליבן אָפּלעבן ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר. זינטשענקאָ שטייט אונטערן רעגן און גלייבט ניט זײַנע אויגן. נייןן, ניט געווען. ס'איז דאָ ניט געווען קיין פּאַרק. ער געדענקט דאָס גאַנץ גוט. ניט געווען קייןביימער. דאָ זײַנען געווען שטיבער. פון דאָר־דוירעס זײַנען דאָ געשטאַנען שטיבער. אין די שטיבער האָבן געלעבט מענטשן... נו, געגנוג. דו האָסט שוין וועגן דעם גערעדט. געקלאָגט מיט אַ קינע־ניגון. וואַרט. עפּעס אָן אַנדער געדאַנק רײַסט זיך פון דער טיפעניש. דער מויער קאָן פּלאַצן. דאָס שטעטל האָט נאָר אויסגעשפּילט. ביימער זײַנען שיין...

זײַן שעף וויקטאָר וולאַדימיראָוויטש, וואָס האָט אַ ניכטערן קאָפּ, וואָלט אים, זינטשענקאָן, נאָר אַ פראַג געטאָן: צוליב וואָס האָט מען געדאַרפט איבערלאָזן די כורוועס... האַ?

עפּעס האָט אַף אים געדריקט. שווער געדריקט. אַזוי געדריקט, אַז ער האָט זיך ניט גע־קאָנט רירן פונעם אָרט. זײַן ניכטערער שעף וואָלט געזאָגט מיט אַ שמייכעלע: „שטיין אונטער אַ רעגן איז נאַריש. ווען עס גייט אַ רעגן, אײַלן זיך אַלע נאָרמאַלע מענטשן, לויפן. זיי ווערן, עמעס, נאַס ניט ווייניקער פון די, וואָס שטייען אומבאַוועגלעך, נאָר זיי אײַלן זיך צו עפּעס אַ דאַך".

דעמלט האָט ער געטאָן אַ שפּאַן. פאַרזיכטיק, ווייך, שטיל. אַזוי טרעט מען, ווען מע וויל ניט אופוועקן אַ שלאָפנדיקן. און אַף אַ בעסוילעם אויך. צווישן קוואָרים. מע זאָל, כאַלילע, ניט אָנטרעטן אַף אַ פרישן קייווער.

3

אַצינד האָט זיך זינטשענקאָ אַראָפּגעלאָזט מיט די טרעפּ אין דער פּאַרק־טיפעניש. פון איין טעראַסע אַף דער צווייטער. אַף יעדערער געבליבן שטיין, אַרומגעקוקט זיך, געזוכט דעם נעכ־טיקן טאָג. אָט דאָ־אָ איז, מעגלעך, געווען דער הויף. אין רעכטן ווינקל פלעגן זיך שפּילן די קינדער. זייער באַליבטע שפּיל — אין ניס. אויסגעגראָבן אַ גריבעלע און אַ מעטער צוויי פון דעם אַוועקגעלייגט אַ נוס און מיט אַ שטאַרקן פּיק פון די פינגער געצווונגען אים קאַטשען זיך צום גריבעלע. וועט ער טרעפן אַהין, איז גוט — אַ געווינס. אויב פאַרבײַ — איז שלעכט. פאַרשפּילט. אָפּטער פון אַלע פלעגט, פאַרשטייט זיך, אויסשפּילן דער צעניאָריקער אַשקע. און דער זיבניאָריקער מאָניק האָט זיך געבייזערט. ער פלעגט באַלד טאַקע אַנידערפאַלן אַפן גריבל און אופהייבן אַ געפילדער. „וואָס איז געשען? וואָס שלאָגט איר זיך?" — פלעגן זיך באַווײַזן אַף די שוועלן זייערע מוטערס, גיטע און וועכנע, צוגעלאָפן צו די קינדער, צוזערשט צענומען זיי, דערנאָך אָפּגעשמיצט, לעפּאָנעם אָפּגעשמיצט, מיט ווייכע הענט, זאָל וועכנע ניט זאָגן, אַז איר שוועסטער גיטע זשאַלעוועט איר קינד, און זאָל גיטע ניט זאָגן, אַז איר שוועסטער וועכנע וויל זיך אויסדרייען און ניט באַשטראָפן איר טײַערן אַשקע, כאָטש ער איז שוין אַן אַלטער צעניאָריקער באָכער און מאָניקן איז נאָר זיבן יאָר.

און אָט איז דער בוים, פון וועלכן מע פלעגט אַראָפּטרייסלען ניס פאַר דער שפּיל. אַ בוים, אַן אַדיר, מיט אַ גרויסער, קײַלעכיקער, זייער טונקלער קרוין, פלעגט ער אויסזויגן ווײַט אַרום מיט זײַנע מעכטיקע וואָרצלען אַלע זאַפטן פון דער ערד, אַזוי אַז די אָרעמע עפּל־ביימעלעך, וועלכע זײַנען געוואַקסן באַנאַנד, האָבן געצאַנקט פון שפּײַז־מאַנגל. דער אַלטער מייער האָט אַפילע אָנגעהויבן פאַרטראַכטן זיך, צי איז ניט קעדײַ אויסהאַקן אָט אַ־דעם פרעסער, דעם נוסבוים.

איצטער זעט מען אין ערגעץ ניט די עפּלביימער. אָבער דער נוסבוים שטייט. שטייט פעסט אײַנגעקרעמפּעוועט אין דער ערד. זײַנע צווײַגן זײַנען געוואָרן נאָך גרעסער, נאָך געדיכטער. אונטער זיי איז טרוקן, פונקט ווי ס'וואָלט זיך ניט דורכגעטראָגן איבער דער וועלט קיין גוס־רעגן. ער איז געווען דאָ דער עלטסטער, אַלע אַנדערע ביימער זײַנען געווען ייִנגער פון אים.

פאַרשיידענע ביימער זײַנען דאָ געווען: קאַשטאַנען, טאָפּאָלן, יאַסעניעס, קליאָנען, יונגע שטײַפע דעמבלעך און דינע שעמעוודיקע בערעזקעס. אַפן עק פּאַרק, אין סאַמע נידעריקסטן

אָרט איז זינטשענקאָן געפעלן געוואָרן דאָס וווּנדערלעך באַשיידן ווינקעלע פון עטלעכע לאַנגצוויַיגעדיקע טרויערנדיקע ווערבעס, וועלכע האָבן זיך האַכנאָעדיק געבוקט ביז צו דער ערד.

אָבער די דאָזיקע ביימער האָבן קיינמאָל ניט געזען סאַפּירס שטוב, ווען אין איר האָט געברויזט אַ לעבן.

4

בלויז דער מאַיעסטעטישער נוסבוים איז געווען אַ שטומער איידעס פון דער פאַרגעקומע־נער טראַגעדיע. דער מידער מענטש האָט זיך אָפּגעקערט פון די ווערבעס, וואָס האָבן זיך האַכנאָעדיק געבוקט ביז צו דער ערד. דאָ איז געווען פייַכטער ווי אומעטום, עפּעס האָט זיך דאָ געפּריַעט. איז ער אַרויס אַף אַ סטעזשקע, באַרג־אַרויף, צו אַ ברייטער אַלייע, ווו די לופט איז געווען פרישער און די ערד טריקענער. ווידער דערנענטערט זיך צו זייַן אַלטן באַקאַנטן נוסבוים, שווער אַראָפּגעלאָזט זיך אַף אַ באַנק און פאַרבאַהאַלטן זיך פון דער גאַנצער וועלט אונטער די געדיכטע נידעריקע צווייַגן, ער האָט, וויַיזט אויס, געמיינט, אַז דאָס איז נאָך ווײַ־ניק, האָט ער אופגעהויבן די הענט און פאַרדעקט מיט זיי דאָס פּאָנעם.

„טײַערע, ליַיבלעכע, ווו זײַט איר?"

דער טראַמוויַי־וואַגאָן איז געווען איבערגעפולט, ווי יעדן אינדערפרי, ווען אַלע אײַלן אַף דער אַרבעט. זינטשענקאָ האָט פונדעסטוועגן אַ פּרוּוו געטאָן דורכקוקן אַפּגיך די קעפּלעך פון אַ פרישער צייַטונג. צו אים איז עפּעס ניט דערגאַנגען דער האַרץ־געשריי פון דעם אומבאַקאַנטן מיידל אַף דער פּאָטאָ. די אויגן האָבן יאָ געזען, נאָר דאָס האַרץ אָבער האָט דערוויַיל געשוויגן. דער טאָג איז פאַרבײַגעגאַנגען מיט אַ סאַך אַרבעט און פיל דײַגעס. נאָר די נעשאָמע האָט עפּעס אָנגעהויבן קלעמען... און פּלוצעם האָט ער דערפילט, אַז צווישן די צייכענונגען, וועלכע ער האָט דורכגעקוקט, האָט אַ שוועב געטאָן דעם מיידלס פּאָנעם, וואָס ער האָט אינדערפרי באַ־מערקט אין דער צייַטונג. האָט ער אַרויסגעשלעפּט פון דער קעשענע די צעקנייטשטע צײַטונג, זי צעעפנט, אויסגעגלעט מיט די פינגער און אופמערקזאַם זיך אײַנגעקוקט אין דעם מיידלס געזיכט־שטריכן. אינדערפרי, דורכקוקנדיק די צײַטונג, האָט ער ניט באַמערקט די צווייטע פּאָטאָ טאַקע דאָ באַנאַנד — אַ קליין קינד אין אַ וויַיס קליידעלע. אָט אַזוי האָט אויסגעזען דאָס מיידל קינדוויַיז. מיטאַמאָל האָט דאָס האַרץ באַ אים אַ קלעם געטאָן...

יאָ, גראַד אָט די פּאָטאָ פונעם אומבאַוווּסטן מיידעלע האָט אים ווידער אַ יאָג געטאָן אַהער נאָך דעם, ווי ער האָט בייס זײַן ערשטן באַזוך, נאָך אין פיר־און־פערציקסטן יאָר, זיך דערוווּסט, אַז אַלע זײַנע זײַנען אומגעקומען.

...ער האָט קיינמאָל ניט געזען זײַן קינד. ער ווייסט אפילע ניט, צי האָט עמע געבוירן אַ ייִנגעלע, צי אַ מיידעלע. און עפּשער האָט זי ביכלאַל ניט געבוירן? עפּשער איז זי אומגעקומען, נאָך איידער זי האָט געבוירן דאָס קינד.

פּלוצעם האָט ער דערזען שלוימקען. אַ מעשונע־באַוואַקסן געשפּענסט צווישן כורוועס. דערזען, נאָר ניט דערקענט. שלוימקע האָט אים אָבער יאָ דערקענט און געזאָגט:

— שרעקט אײַך ניט, איך בין נאָך ניט מעשוגע...

גרויליקע גרימאַסן האָבן פאַרקריפּלט זײַנע ליפּן און דאָס גאַנצע פּאָנעם. ער פלעגט זיך שטענדיק קרימען, שלוימקע, אפילע קינדוויַיז. נאָר דעמלט פלעגט ער עס טאָן גרינג און ס'איז געווען קימאַט ניט מערקבאַר. אַזוי האָט אים עמע דערציילט. אָבער שפּעטער, דער־זעענדיק שלוימקען, פלעגט די שוואַנגערע עמע זיך אָפּקערן.

און אַצינד קערט ער זיך אַליין אָפּ. ער, זינטשענקאָ, וואָס איז דורכגעגאַנגען די מילכאָמע, קערט זיך אָפּ פון דעם פאַרקריפּלטן צוואַנציקיאָריקן זאַקן מיט גראָוע האָר און טיפע קנייטשן, וואָס האָבן דורכגעשניטן אַף זײַן פּאָנעם קעסיידערדיקע ווײ־גרימאַסן.

— ווו איז עמע? ווו איז עמע? ווו איז דאָס קינד? ווו זײַנען עמעס עלטערן, די שווע־סטער? — האָט זינטשענקאָ אומגעדולדיק געפרעגט באַ שלוימקען.

ער האָט זיך געקרימט, שלוימקע, געהאַלטן אין איין קרימען זיך. נאָר אַז ס'איז שטאָק־פינצטער, איז אַ בליץ אויך אַ ליכט־קוואַל. אָט אַזוי האָט זינטשענקאָ מיט אַן אַנטבלויזט האַרץ, וואָס איז אָפן פאַר אַלע האַפענונגען און פאַר אַלע אַנטוישונגען אַף דער וועלט, אומגעדולדיק געוואַרט, אַז שלוימקע זאָל אים עפּעס מיטיילן. דער גראָוער יונגערמאַן האָט אָבער פײַנ־לעך געשלונגען די לופט, שטיקנדיק זיך, באַמיט אַרויסקוועטשן פון זיך אַ פּאָר ווערטער. די ווערטער אָבער, ווי די גרימאַסן, האָבן בלויז איבערגעכאַזערט איינס דאָס צווייטע: „דערהאַר־

געט, דערהארגעט. דערהארגעט...״ שפּעטער האָט ער געפּרווט דערפרעגן זיך בא אנדערע, בא היגע טוישווים. געפרעגט, כאָטש ער האָט געוווסט, אז ער וועט הערן די זעלבע ווערטער: „דערהארגעט. דערהארגעט. דערהארגעט...״ ניט קיין ווערטער. איין וואָרט: „דערהארגעט״. דאָס דאָזיקע וואָרט האָט מען אין יענע צײַטן זייער אָפט געהערט.

5

באנאכט האָט ער פּלוצעם געעפנט די אויגן. ער האָט באשלאָסן. פעסט באשלאָסן.

באנאכט בײַט זיך דער מענטש. באנאכט איז דער מענטש אנדערש, ווי באטאָג. ער בלײַבט אליין. מיט זיך אליין. מיט זײַן געוויסן. אָן איידעס. אָן דעם טאָגיקן העוועל־האוואָלים.

אין שלאָף האָט ער זיך געאמפּערט מיט זיך אליין. דער וויקועך איז געווען א גאנץ רויִקער, א לאָגישער. עמע איז בײַגעווען, אָבער קיין אָנטייל אינעם סיכסעך ניט גענומען. שווײַגנדיק איז זי געשטאנען לעם זײַן בעט אין א ווײַס־זילבערדיק שעמערירנדיק קלייד, וואָס האָט זייער געפּאסט איר ברוינלעכער הויט און די גרויסע טונקעלע אויגן. א הויכע, א שטאלטנע, א שיינע, האָט זי אויסגעזען אין דעם קלייד נאָך שענער. אזוי האָט ער איר אײַנגערוימט אין יענער נאכט. האָט זי א שמייכל געטאָן אזוי מילד־שעמעוודיק, אז ס׳איז ניט קיין וווּנדער, וואָס זי האָט זיך אײַנגעבאקן אים אין הארצן גראָדע אזא. ער האָט זיך ניט געכידעשט, וואָס זי האָט זיך באוויזן פאר זײַנע אויגן אין אָ־דער נאכט אין דעם זעלבן קלייד מיטן זעלבן מילד־שעמעוודיקן שמייכל אַף די ליפּן... קימאט א פערטל יאָרהונדערט איז פארבײַ. א פערטל יאָרהונדערט האלט איך אין איין געדענקען. א שאָק מיט יאָרן האָסטו באדאַרפט, דו ווילער מענטש, זאָלסט אָנעמען א באשלוס: מע דאַרף זוכן, זוכן, זוכן, איבער דער גאנצער וועלט דאַרף מען זוכן, עפּשער וועל איך פאָרט געפינען עמען. אין שלאָף האָט ער זי פארבעטן: זעץ זיך. שווײַגנדיק האָט זי א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, און פון דער אומגעריכטער באוועגונג איז דער שמייכל אראָפּ פון אירע ליפּן: „צוואנציק יאָר בין איך געשטאנען. וועל איך נאָך א ביסל שטיין״. ווער זשע האָט אויסגערעדט די דאָזיקע ווערטער, אויב זי האָט געשוויגן? ווײַזט אויס, ער אליין. „אין שלאָף איז אלץ מעגלעך״, — האָט ער א טראכט געטאָן אין שלאָף און א צאפּל געטאָן. „אָבער דאָס איז דאָך עמעס! דער הייליקער עמעס! זי שטייט דאָך ווירקלעך צוואנציק יאָר בא מײַן בעט, שטייט שטיל, טרעט ניט אָפּ. באטאָג איז זי ניטאָ. ווײַל ס׳איז דאָ ארבעט, ס׳איז דאָ דײַגעס, ס׳איז דאָ קאָפּדרייעניש, ס׳איז דאָ א העלע זוניקע שײַן. נאָר וויבאלד עס לאָזט זיך אראָפּ אַף דער וועלט דער נאכט־פּאָרהאנג, שווימט זי ארויס פון דאָרטן, פון דער פינצטערניש. איך האָב געמיינט, אז איך האָב זי פארגעסן, נאָר ניין. איך האָב זי ניט פארגעסן. איך קען זי ניט פארגעסן. אָט שטייט זי לעבן מיר, ווי א שטומער פּאָרוווּרף״.

— פארוואָס עפּעס א פּאָרוווּרף? איך האָב דען ניט אויסגעפילט מײַן שוווּע?

— שוווּע!

— גוט. איך פארשטיי. טויזנטער פארליבטע שווערן איינער דעם צווייטן...

נאָר מיר איז דעמלט געווען פינף און צוואנציק. דער סוינע איז געשטאנען בא דער שטאָט. ס׳האָט זיך אופגעריסן א באָמבע. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן א סרייפע... דער גאנצער האָריזאָנט איז געווען אין פײַער און אין רויך. די דײַטשן האָבן שוין אָנגעהויבן דורכדרינגען. מיר איז געבליבן פּונקט אזויפיל צײַט, אז איך זאָל באווײַזן געבן אָ־די שוווּע און אוועק צו מײַן טייל. דאָס איז געווען אומדערווארט, פּלוצעמדיק. זי איז געווען אזוי פארלוירן. האָב איך דאָך געמוזט דערמוטיקן עמען. „מיר וועלן זיך אומקערן. מיר וועלן זיך גיך אומקערן. אויך איך וועל זיך אומקערן צו דיר, און מיר וועלן ערשט דעמלט לעבן. היט זיך אָבער אָפּ. היט זיך זייער אָפּ. ביסט איצט פאראנטוואָרטלעך נאָך פאר א לעבן...״

6

ער האָט אראָפּגעלאָזט די פיס פונעם בעט, אנידערגעשטעלט זיך אַף זיי, ווי אַף פרעמדע. מעכאניש אײַנגעשלאָסן די שײַן, און עמע איז גלײַך אנטרונען געוואָרן. דאַן האָט ער זיך צוגעזעצט צום טיש. ער דאַרף שרײַבן א מעלדונג. וואָס פאר א מעלדונג? ער וועט בעטן אורלויב. אפן אייגענעם כעזשבן, פארשטייט זיך. אַף וויפל? איך רעכן אַף צוויי־דרײַ טעג. ווער זשע שרײַבט אזוי — „צוויי־דרײַ טעג״? מע דאַרף שרײַבן דײַטלעך. אין א באפעל קען מען דאָך ניט שרײַבן: צוויי־דרײַ. עפּעס באָמבלט זיך אים אין מויעך. אין פארשלאָפענעם מויעך. ראַדיטש...

ראַדיטש... פון דאָרט איז דאָס מיידעלע פון דער פּאָטאָ — מע דאַרף עס פאַרגעדענקען... יאָ, צוויי־דריַי איז ווייניק. אַף פינף. יאָ. ניט ווייניקער, ווי אַף פינף. ער ווייסט דאָך ניט וואָזוי... גוט. איז פינף. אַצינד דאַרף מען עפּעס צוטראַכטן. עפּעס א טערעץ... א מאָטיוו. וויקטאָר וולאַדימיראָוויטש האָט ליב מאָטיווירטע מעלדונגען. ער האָט ליב, זײַן שעף, קלאָרקייט, וויקטאָר וולאַדימיראָוויטש. וועט ער אים א פרעג טאָן מיט זײַן וויבּרירנדיקן באַס, וואָס קײַקלט זיך אַזוי זיכער און פעסט:

— וואָס פלוצעם?

איז וואָס וועט ער אים ענטפערן? דערציילן וועגן שלאָפלאָזע נעכט, וועגן פון איין מענטשן ווערן צוויי, וואָס פירן צווישן זיך א לאַנגן וויקועך? וועט ער געוויס זיך הויך צעלאַכן, זײַן שעף:

— מיסטיק.

שרײַבט דערוויַל זינטשענקאָ אַזוי: „...ווײַל ער מוז דרינגנד פאָרן איבער..."

זינטשענקאָ האָט זיך פאַרטראַכט. פאַרמאַכט די אויגן. אַנדרעמלט געוואָרן. צונויפגעבונדן מיט א פעסטן קנופּ דעם איבערגעריסענעם כאַלעם־פאָדעם. דער זייגער האָט געקלונגען דרײַ מאָל. האָט ער אופגעעפנט די אויגן און אַרײַנגעשריבן: „צוליב מישפּאָכע־אומשטענדן". אין וולאָטשעוו האָט ער געהאַט א פרוי. און א קינד האָט ער געהאַט, וואָס ער האָט עס קיינמאָל ניט געזען...

ער איז געזעסן באַם טיש, געשריבן, געמעקט, ווידער געשריבן, און אים האָט זיך אַלץ אויסגעוויזן, אַז ער שלאָפט נאָך, אַז ער שרײַבט און פאַרמעקט בייסן שלאָף. ער האָט אָנגעטאָן דעם מאַנטל, פאַרשפּיליעט אַף אַלע קנעפּ. ס'האָט אים געפיבערט — צי פון דער נאַכט־קילקײַט, צי פון א נערוון־אָנשטרענגונג. ווען ער האָט געשפּאַנט איבער די שטאָט־גאַסן, האָט ער געטראַכט: ס'איז אים, דאַכט זיך, קיינמאָל ניט אויסגעקומען צו קוקן אַף דער שטאָט דרײַ אַזייגער באַנאַכט.

די שטאָט האָט זיך אויסגעשפּרייט מיט גלײַכע פאַרשלאָפענע גאַסן, וואָס פאַרלירן זיך ערגעץ העט־ווײַט. דער מענטש האָט ניט אײַלנדיק געשפּאַנט איבער די גאַסן און אײַנגעטײַנעט מיטן אייגענעם שאָטן. דאָס איז שוין מער ניט געווען קיין וויקועך, נאָר אַן אויספיר, א קורצער סאַכאַקל. „אָט זעסטו דאָך, וואָס פאַר א האַכנאָעדיקער מענטש איך בין, — האָט ער פרידלעך אײַנגערעדט זײַן שאָטן, — אָט בין איך אופגעשטאַנען אינמיטן נאַכט, איך גיי צו דער באַן, כ'וועל פאָרן אַהין, די שטיינער וועל איך פרעגן, צי עס זײַנען ניט פאַרבליבן קיין לעבעדיקע שפּורן..."

דאָס נאַכט־ווינטל האָט א שורשע געטאָן מיט עפּעס אַן אָפּגעריסענעם פּאַפּירל, וואָס האָט א שפּרונג געטאָן, איבערגעקערט זיך און אַוועקגעקײַקלט זיך מיטן ליידיקן ברוק גלײַך אונטער זינטשענקאָס פיס. ער האָט פאַרזיכטיק איבערגעטראָטן איבער דעם, געלאָזט זיך גיין ווײַטער, דערנאָך זיך מעיאַשעוו געווען: אַזוי פרי האָט ער ניט וואָס צו טאָן אַפן וואָקזאַל. אומקערן זיך אַהיים האָט זיך אים ניט געוואָלט.

ער האָט פאַרקערעוועט אין א זײַטיק געסל, דערנאָך אין א צווייטן, דורכגעשניטן א פּלאַץ, וואָס האָט אויסגעזען זייער גרויס, ווײַל ער איז געווען פּוסט — אָן מאַשינעס, אָן מענטשן. דערנאָך האָט ער נאָך לאַנג געבלאָנקעט איבער גאַסן, געסלעך, סקווערן. אַן אויסגעשפּאַנט פלינק ווינטעלע האָט מיטאַמאָל פרײַ דערטראָגן צו זײַנע אויערן א וואַסער־געמורמל, האָט ער זיך געלאָזט צו דער בריק, אָנגעלענט זיך אַף דער אײַזערנער פּאַרענטשע, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. איצטער האָט ער שוין מער ניט געזען זײַן שוואַרצן שאָטן, ווײַל זײַנע אויגן האָבן זיך אײַנגעעוויגן אינעם אָפּגרונט, וואָס אונטער דער בריק: דאָס וואַסער שטראָמט און ריזלט אָן אופהער, אָן אָן אָנהייב, אָן א סאָף, ווי א וואַסער־זייגער, וואָס מעסט אויס די אייביקייט.

איז דאַפקע דעמלט — ער געדענקט דאָס אויסגעצייכנט, און אַצינד אויך, זיצנדיק אין פּאַרק אונטערן נוסבוים, באַ א טויזנט קילאָמעטער אָפּגעווײַטערט, הערט ער נאָך אַלץ א גע־מורמל פונעם וואַסער, וואָס פאַרוויגט און פאַרשלעפערט, — דאַפקע דעמלט איז באַ אים אין האַרצן אַנטשטאַנען א זיכערקײַט, א פעסטע איבערצײַגונג אין דער גערעכטיקײַט פון יענעם, מיט וועלכן ער האָט זיך געאַמפּערט א גאַנצע נאַכט: פאָראַן. ס'קען דאָך ווירקלעך ניט זײַן, אַז זי זאָל ניט זײַן אַף דער גאָרער וועלט. ניט זי, ניט די שפּורן אירע... וואָרט. וואָס האָט ער געמיינט?.. יאָ. ס'איז א נוצלעכע זאַך, אָט די אייביקײַט, א טרייסט־זאַך. לאָמיר זיך מעשאַער זײַן, אַז ער וועט אָפּזאָגן, פאַרשטייט זיך, שמייכלענדיק באַדערבײַ, ער איז א גרויסער דעמאָ־קראַט, וויקטאָר וולאַדימיראָוויטש, באַהאַלט זײַן גאַדלעס אונטער א שמייכל.

איז זאָל זײַן אַזוי. לאָמיר זיך מעשאַער זײַן, אַז ער וועט אָפּזאָגן. מאָטיוון — וויפל איר ווילט. אַף דעם איז ער א מאַזיק, וויקטאָר וולאַדימיראָוויטש. אַלץ אַף דער וועלט קאָן ער

מאַטיווירן. איז גוט. וועל איך אים רויִק אויסהערן און דאפקע פּאָרן. אומאַנגענעמקייטן? איז וואס?

איילנדיק, פונקט ווי ער וואלט מוירע געהאט איבערצוטראכטן, איז ער אוועק אפן וואַק־זאל, צוגעגאַן צום פענצטערל פון דער בילעטן־קאַסע:

— קיין ראַדיטש.

די קאַסירשע האָט א בלעטער געטאָן א גראָבן בוך, געפונען די באַן־סטאַנציע „ראַדיטש", אויסגעשריבן און דערלאַנגט אים דעם בילעט.

ערשט איצט איז אים געוואָרן גרינגער אפן הארצן. פונקט ווי ער וואלט מיט איין שאַר־פער באַוועגונג צעריסן די פענטעס, מיט וועלכע ער איז געווען ארומגעבונדן. פון אַ־דער שפּירונג זײַנען די פינגער פון דעם צונויפגעדריקטן פויסט אויך ווייכער געוואָרן. דער בילעט האָט זיך אויסגעגליטשט פון צווישן די פינגער און אראָפּגעפאלן. זינטשענקאָ האָט אים אופ־געהויבן, א קוק געגעבן אף אים און מיטאמאָל זיך אָפּגעריסן פונעם אָרט און צוגעלאָפן צו דעם קאסע־פענצטערל:

— טײַערע מײַנע, איך האָב דאָך געבעטן בא אײַך א בילעט קיין וולאַטשעוו, און איר האָט מיר געגעבן קיין ראַדיטש.

— איר האָט געזאָגט ראַדיטש, ניט וולאַטשעוו.

— איך האָב געזאָגט וולאַטשעוו, ניט ראַדיטש.

דאָס מיידל האָט געכאַפּט א מאָדנעם קוק אף זינטשענקאָן, עפּעס א ברום געטאָן און גע־געבן אים אַן אנדער בילעט.

7

אין וועג, אין צוג, אין אויטאָבוס — פון דער באַן־סטאַנציע ביז שטעטל, אונטערן גוס־רעגן, און אפילע איצט, אין דעם שײַנעם און הארבסטיקן טריבן פּאַרק, אונטערן נוסבוים, האָט ער ניט געקאָנט זיך בוילעט פאָרשטעלן, ווו און ווי־אזוי וועט ער זיך נעמען אָפּזוכן די שפּורן פונעם פאַרגאַנגענעם לעבן, אלטע צוואַנציקיאָריקע שפּורן. דערווײַל האָט ער געפונען דעם נוסבוים. א דרײַסיק מעטער לינקס פונעם בוים, אף וויפל ער געדענקט, איז געשטאַנען א ראַכוועסדיקע שטוב. דאָרט האָבן געלעבט די סאַפּירס.

זינטשענקאָ איז ארויס פון דער אומזיכערער באַהעלטעניש און געמאַכט עטלעכע צענדליק גרויסע טריט לינקס פונעם בוים. אָט אָ־דאָ האָט זי געדאַרפט שטיין, די שטוב, אויב ער האָט נאָך ניט באַוויזן פאַרגעסן אַלץ אף דער וועלט.

די שטוב איז געווען א נידעריקע און א ברייטע, מיט עפּעס האָט זי דערמאָנט איר באַלע־באָס, מייער סאַפּיר, דעם פעסטן געזעצטן זאַקן מיט דער געלבלעך־גראָוער באָרד און רויט־לעכע אויגנלעפלעך. די קוזניע איז געשטאַנען הארט באַם וועג, באַזונדער פון דער שטוב, און אין מעשעך פון פופציק יאָר האָט דער אלטער געטיילט דעם מעסלעס אף צוויי קימאַט גלײַכע טיילן: פון אינדערפרי ביז אָפּדערנאַכט — אין קוזניע, פון אָפּדערנאַכט ביז אינדערפרי — אין דער היים.

לעפאָנעם, קעדיי ניט ארויסרופן בא זײַנע שכיינים קיין קינע־געפיל, האָט דער אלטער געקרעכצט, געקלאָגט זיך אף זײַן גוירל, אף דעם, וואָס זײַן שטיקל ברויט איז דורכגעזאַפּט מיט שוויס, ווי מע זאָגט, בעזייאַס־אַפּעכאַ. אין הארצן אָבער האָט ער שטאָלצירט מיט זיך, מיט זײַן פאַך, מיט זײַן לעבן ביכלאַל.

מייער דער קאָוועל איז געווען שטאַרק אָבערגלויבעריש. וויפל צאָרעס און שלעק איז נאָך פאַראַן אף דער וועלט! מילכאָמעס, סרייפעס, קרענק, הונגער... איז דאָך פאַראַן אַן עמע־צער, וואָס שיקט זיי אַן אף די קעפּ פון אָרעמע מענטשן. איז ווער — כוץ גאָט?

צײַטנווײַז, ווען אָט דער גאָט פלעגט אָנוואַלגערן אף אים באַזונדערס גרויזאַמע צאָרעס, פלעגט דער זאַקן אָפן אופגעקאָכט ווערן פון דעם ריבוינעשעלוילעמס אוולעס, פון דער אומיוי־שערדיקײַט פונעם יוישערדיקסטן.

אין זײַן שטוב האָט ער געהאַט דרײַ טעכטער, צוויי זין און זיבן אייניקלעך. אלע האָבן זיי געלעבט בא אים, אין זײַן שטוב. ער האָט ניט דערלויבט, זיי זאָלן זיך צעזייען איבער דער וועלט, א וועלט פול מיט סאַקאָנעס. זיי מוזן לעבן בא אים, מיט אים, אונטער זײַנע פליגל. אויב ס׳וועט טרעפן אַן אומגליק, איז מיט אלע. צוזאַמען וועט זיי גרינגער זײַן דאָס איבער־טראָגן. אָבער ווען יעדערער פון זיי וועט וואַגלען איבער דער וועלט אייגנזאַם — וועט אים דאָס לעבן צעקוועטשן.

דאָך זײַנען געווען פּרוּוון אָפּטיילן זיך פֿון אים. ווען ער האָט אויסגעגעבן זײַן עלטערע טאָכטער גיטל פֿאַר מוישע גובער, האָט ער זיי געמאַכט אַ באַזונדער שטיבל, ס'הייסט, לעבט זיך, פּרוכפּערט זיך און זײַט געזונט. גובער האָט געדרייט מיט דער נאָז, אוועקגעשטעלט זיך אויף דער שוועל אַזוי, אַז מער קיינער האָט ניט געקאָנט דורכגיין, צו אַכט און צוואַנציק יאָר האָט ער שוין געהאַט אַ בײַכל, נאָר גערעדט האָט ער בענימעסדיק־זיס, פּונקט ווי ער וואָלט געטאָן דערמיט די גרעסטע טויווע:

— מײַן טײַערער שווער! מיר זײַנען זייער גערירט, וואָס איר דײַגעט זיך אַזוי פֿאַר אונדז, אָבער מיר האָבן שוין געקראָגן אַ ווינונג צוויי מאָל גרעסער און דרײַ מאָל בעסער.

האָט אים מייער אָפּגעשניטן קורץ און שאַרף:

— ווילסטו גיטען, טאָ ווױן מיט אונדז.

גובער האָט געמוזט נאָכגעבן. אויב ניט, איז ווי ווייסט ער קריגן נאָך אַזאַ מין גיטע?

דער אַלטער האָט זיך געגרויסט מיט זײַנע טעכטער. שיינע מיידן, קיין אײַנהאָרע, לײַ־ביקע, קיין איינע וועט זיך ניט פֿאַרזיצן. קיינער וועט זיך ניט אָפּזאָגן ווערן זײַן מעכוטן, כאָטש ער, מייער, איז אַ פּראָסטער קאַוועל. אַפֿילו יעפּים סיגאַל אַליין, דער אַנגעפּאַרענער דאָקטער, איז אויך געוואָרן זײַן איידעם.

באַרימען זיך מיט אַ־דעם איידעם זײַנעם איז מייער ניט געניגט. יענער איז אַ פּוילִיאַק, אַ באַל־ספּייקעס, ער גלייבט אַליין ניט אין זײַן מעדיצין. הערט אַ מײַסע: אַנשטאָט געבן פּינקטלעכע אָנווײַזונגען דעם קראַנקן, אײַיצעט ער זיך מיט אים. דער כוילע איז דאָך אַליין געקומען נאָך אַן אייצע! עס זעט אויס פּונקט אַזוי, ווי ער, מייער, זאָל זיך ראַטן מיטן פֿערד, וויאַזוי ער זאָל דעם צונעגלען די פּידקאָווע.

דער אַלטער, פֿאַרשטייט זיך, איז ניט באָקי אין מעדיצין. נאָר אויב ער האָט יאָ אָפּגע־געבן זײַן טאָכטער פֿאַר דעם דאָזיקן מענטשן און אַזויאַרום דעראַבערט פֿאַר זײַן שטוב אַן אייגענעם לײַב־מעדיק, טאָ דאַרפֿן אַלע אין שטוב זײַן געזונט און שטאַרק. דאָס איז שוין יעפּימס זאַך. אָדער, פֿאַשעטער, כאַימס. וואָס עפּעס יעפּים? כאַים איז דען ניט בעסער? כאַים איז לעבן. אַ דאָקטער פּאַסט אַ־דער נאָמען בעסער. אָבער וואָס לאָזט זיך אויס? צוויי יאָר איז מייערס ווײַב צוגעשמידט צום בעט, און ער, סיגאַל, קאָן גאָרנישט ניט צוטראַכטן, וויאַזוי אופֿהייבן זי אויף די פֿיס. ער האָט קימאַט אופֿגעהערט אַרײַנגיין צו איר אין צימערל, דער רייעך, זאָגט ער, איז דאָרטן ניט קיין וואַזשנע. ווען דער זקיינע ווערט אַזוי שלעכט, אַז זי קען שוין ניט אויסהאַלטן און צעקרעכצט זיך איבער דער גאַנצער שטוב, רופֿט יעפּים זײַן פֿלע־מעניק:

— הער נאָר, מאַניק, גיב אַ שפּיל פֿאַר דער באָבען. זי האָט ליב, אַז דו שפּילסט אויפֿן פֿידל. עפּשער וועט זי פֿאַרגעסן אין אירע ווייטעקן.

אַמאָל רופֿט ער אים „מאַניק דער רויטער“, קעדיי אונטערשיידן אים פֿון דעם אַנדערן מאַניק — „מאַניק דעם קליינעם“.

מאַניק פֿאַרוויטלט זיך, נעמט דעם פֿידל און שפּילט. ער איז צופֿרידן. סיגאַל איז אויך צו־פֿרידן. ער הערט ניט אַצינד דער שוויגערס קרעכצן. ניט צופֿרידן איז זלאַטע, מאַניקס מוטער.

— מאַניקן האַלט מען אין איין עקס... עקס...

— עקספּלואַטירן, — זאָגט אונטער שמייכלענדיק עמע.

— און ער, נעבעך, שפּילט ביז אַהער אויף אַ פֿאַרשיווע פֿאַבריק־פֿידל, — קלאָגט זיך ווײַטער זלאַטע. — פֿאַרשטייט זיך, ווען דער פֿאָטער זאָל לעבן... אָבער אויף אַ זון פֿון אַן אָרעמער אַלמאָנע...

דער אַלטער ברוגעזט זיך. וואָס קלאָגט זי, זײַן שנור? וואָס הייסט עפּעס „אַן אָרעמע אַלמאָנע“? אַלע אין דער דאָזיקער שטוב זײַנען גלײַך רײַך און גלײַך אָרעם. וואָס זשע, ער עסט געשמאַקערע מײַכאָלים, ווי זי? אַלע עסן פֿון איין שיסל.

— וואָס ווילט איר פֿון מיר? — ערגערט ער זיך. — פֿידלען קאָן איך ניט קאָווען. קיינער האָט מיך ניט געלערנט. איך בין ניט קיין פֿידלמאַכער. איך בין אַ פּראָסטער קאָוועל.

אויפֿן הימל־ראַנד זאַמלען זיך כמאַרעס. אָשער, דאָס עלטסטע אייניקל, שוין אַן עכטער יונ־גאַטש, וואָס העלפֿט אָפּט דעם זיידן אין קוזניע, האַלט, אַז ער דאַרף זיך איצט אַרײַנמישן.

— זיידעניו, לייג זיך צו!

מייער בורטשעט נאָך אַ פּאָר מינוט, לייגט זיך אַנידער אויף דער סאָפֿע, לעפֿיש, ווי אַ בער.

אָשער נעמט אַרויס פֿונעם קרעדענץ אַ קליין פֿלעשעלע, נעמט אָן אַ פֿולע פּיפּעטקע מיט טראָפּנס.

— צי אויף דאָס אויגנלעפֿל, — באַפֿעלט אָשער.

דער אלטער פאָלגט אים. מיט קורצע הויקערדיקע פינגער דריקט ער אָן אויף דעם אונ־טערשטן רויטלעכן אויגנלעפל, ציט עס אָפּ. אַשער צילט זיך מיטן גלעזערנעם שפּיץ פון דער פּיפּעטקע, פון וועלכער עס הענגט אראָפּ א דורכזיכטיקער טראָפּן. „ניט געטראָפן“, — וואַר־טשעט דער זיידע. דער אייניק לאָזט פאַלן אין אויג נאָך איין טראָפּן. דער אלטער פארמאַכט האַנאַעדיק דאָס אויג און פּרוּווט א טראַכט טאָן, אַז זלאַטע איז עפשער געגרעכט, — אַ־דער פוילער סיגאַל עקספּלואַטירט טאַקע די קינדער, צווינגט מאַניקן היילן די באָבע מיטן פידל, און אַשערן — אריינקאָפּן דעם זיידן אויגן־טראָפּנס, און אַז מע וואָלט טאַקע געדאַרפט א פּרווו טאָן קריגן ערגעץ א פייַנעם פידל פאַר מאַניקן. פון די פענצטער פון זייַן שטוב דאַרף זיך לאָזן הערן שיינע נעגינע.

פאַר אַ־דעם אייסעק האָט זיך פּלוצעם געמאָלט געקומען נאכמען, מייערס עלטערער זון.

דער זאַקן האָט געבלינצלט מיט די אויגן, פאַרבאָרגן זיי אונטער די גראָווע צעשוי־בערטע ברעמען.

ער האָט א גרויסן האָנאָר, דער קאָוועליוק, — טראַכט מייער וועגן זיך אליין. ער האָט ניט ווייניק געלט געפאַטערט אויף מאַכן פון זייַן זון, פון נאכמענען, א לאַמדן, נאכמען האָט זיך געלערנט מיט גרויס היסלייַוועס. ער האָט אָבער געכאַפּט זיך פאַר אַלץ און קיין איין זאַך ניט דערפירט ביזן סאָף. ווי נאָר דער ציל איז געווען נאָענט, פלעגט ער זיך אויסדרייען צו אים מיטן רוקן, עפּעס אנדערש האָט אים שוין פארכאַפּט. „עט, יענץ איז ניט דאָס. ניט דאָס, וואָס איך האָב געמיינט, נארישקייטן, — פלעגט ער שאָקלען מיט זייַן לאַנגן קאָפּ, וואָס האָט אויסגעזען נאָך לענגער איבער דער הויכער סטאַרטשענדיקער פריזור, — דאָס אָבער... דאָס איז טאַקע אַן עמעסע זאַך...“ א שטיקל צייַט אוועק, איז נאָכאַמאָל: די „עמעסע זאַך“ ווערט ווידער אויסגעטייַטשט ווי א נארישקייַט... פּרוּווט דער פאָטער אים מוסערן, שאָקלט דער זון צו מיט זייַן לענגלעכן קאָפּ.

— אַלץ איז שוין געווען... און דאָס אויך...

ניט מייַן שולד, — טרייסט זיך דער אלטער. — ניט אין מיר געראָטן, אין דער מוטער.

און ווען פון דער טרייסט ווערט אים ניט גרינגער, פאַלט ער אָן אויפן ריבוינעשעלוילעם:

— וואָס האָסטו צו מיר? פאַרוואָס קומט מיר ניט קיין נאכעס פון מייַנע זין? נאכמען גייט אַרום, ווי אויפן אוילעם־האַטויהו, און לוזער ווערט ערגעץ פאַרפאַלן.

דערפאַר איז ער צופרידן מיטן אייניקל, מיט אַשערן, אין וועלכן ער פילט אויך זייַן אייגענעם יאָדער. סייַ לויטן אויסזען, סייַ מיט זייַנע פאַסטעמקעס איז ער געראָטן אינעם זיידן מערער, ווי אין אייגענעם טאַטן, אין נאכמענען. בייס דער פאָטער פלעגט זיך פאַרנעמען מיט דער רעפאָרם פון עספּעראַנטאָ אָדער געקקירעט וועגן נייַע קלאָלים אין שאָך־שפּיל, פלעגט דער זון צעבלאָזן דעם בלאָזזאַק אין דער פינצטערער קוזניע. ער פלעגט דאָס טאָן, קעדיי נויסעכיין זייַן באָם זיידן. קוקנדיק בייסמייַסע אינעם פלאַם, פלעגט זיך אים אויסווייַזן, אַז ער זעט זיך אינעם פייַער־שפּיגל, א שווארצער שאָטן פון א יינגל, וואָס ברענט און ווערט ניט פאַרברענט, און ער פלעגט אראָפּלאָזן נידעריקער דעם קאָפּ, אָטעמענדיק, ווי דער בלאָזזאַק מיט צעגליטער לופט, ביזוואַנען דער זיידע פלעגט אים ניט אוועקטרייַבן.

— גיי שוין אהיים מאַכן די לימודים. וועסט ווידער ברענגען א צווייעלע פון דער שול.

ער פלעגט אים אוועקטרייַבן און טראַכטן: עפשער וועט ער אים גראָד ניט פאָלגן, כאַפּט זיי דער רועך, די צווייעלעך. אָפּט פלעגט צו אים אין קוזניע קומען צו לויפן רעזוס. ער פלעגט אופהייבן זייַן ברוינעם לאַנג־אויעריקן קאָפּ, אַלץ באַשמעקן, — ער האָט געזוכט אַשערן. מיטן אלטן האָט ער ניט ליב געהאַט צו האָבן קיין געשעפטן. מייער האָט זיך געהאַלטן מיט אים פונדערווייַטנס, אַשער — פאַרקערט. אַשער פלעגט אים אַלעמאָל א גלעט טאָן: וואָס מאַכסטו עפּעס, רעזוס, האַ? א ווילער יונג. מע קען זיך טאַקע מיט אים כאַווערן.

דאָס הייסט אָבער ניט, אַז רעזוס האָט זיך געגייטיקט אין א קאָמפּאַניע. פּונקט פאַרקערט. ער איז פון איר אַנטלאָפן אין קוזניע. די קליינע סאָניע און מאַניק לאָזן אים ניט צורו פון אינדערפרי אָן. זעצן זיך אויף אים רייַטנדיק, שלעפּן פאַרן ווידל. דערנאָך קומט צו לויפן א פּאַרסאָפּעטער פון דער שול דער העל־אויגיקער אשקע און מאַכט פון אים טיל־טעל.

ווען אַשער איז ניטאָ, האָט רעזוס ליב אנידערלייגן זיך באַ מילעס פיס. אָט זעצט זי זיך אוועק אויף א באַנק אין גאָרטן, אָדער זי עפנט א ביכל און פאַרמאַכט די אויגן, אָדער זי עפנט די אויגן און פאַרמאַכט דאָס ביכל. זי טוט אים א צופּ פאַר זייַנע לאַנגע אויערן, פאַרמאַכט ווידער די אויגן און שטאַמלט עפּעס צו זיך אליין. די הויכע און דינע בראָניע האָט קיינמאָל קיין צייַט ניט. זי גיט נאָר א בליץ אויף אים מיט אירע שווארצע באָלעכעס, טוט אים קלויי־מערשט א רוף צו זיך. ווען ער נעמט זיך אָבער לויפן צו איר, דרייט זי זיך אויס צו אים מיטן רוקן, לאַכט און פּלוידערט מיט עפּעס א באָכער. רעזוס קען אים ניט אָנקוקן, דעם דאָזיקן

באָכער. און ווי נאָר ער באַווײַזט זיך אין הויף, ווערט רעזוס מאָלע־רעציכע, ער בילט אַף אים, ווי אַף א דאָס־סוינע.

צוויי מענטשן פון דער גרויסער שטוב טשעפּען אים קיינמאָל ניט. דאָס איז מאַניק דער רויטער און די קראַנקע זקיינע.

אַט אַ־דאָס גרויסקעפּיקע ייִנגל מיט קורצע רויטע האָר האַלט אין איין פידלען. ביכלאַל געפעלט רעזוסן בעסער דער קרעפּטיקער פריילעכער געקלאַנג פון די קאַוואַדלעס, ווי דאָס ניגנדל פונעם פידל. נאָר עס טרעפט אמאָל, אַז דער קלוגער הונט קנוילט זיך צונויף אונטערן סאַמע פענצטער, לייגט אנידער דעם קאָפּ אַף די פאַדערשטע לאַפּעס און הערט זיך צו מיט איין אויער צו מאַניקס שפּילן. ס׳טרעפט זיך אַפילע, אַז ער הייבט אוף דעם קאָפּ און וואַיעט איניינעם מיטן פידל.

רײַטן אַף אים, צופּן פאַר די אויערן אָדער פאַרן וויידל — אַף דעם איז יעדער א באַלן. אָבער אָנהאָדעווען אים — וועגן דעם מאכט מען זיך ניט וויסנדיק. אלע, כוץ דער זקיינע. זי פלעגט קיינמאָל ניט פאַרגעסן אַרײַנוואַרפן אים אין שיסל עפּעס געשמאַקס.

אַזוי איז געווען א סאַך יאָרן. אָבער איינמאָל איז זי ניט געסטײַעט. ער האָט געוואַרט, געוואַרט, נאָר די שיסל איז געוואָרן שוואַרץ, פּוסט. עמעס, אַשער האָט אים אמאָל אונטערגע־וואָרפן א ביינדל, א שטיקל ברויט, אָבער די אלטע, וואָס פלעגט זיך פאַמעלעך אַראָפּלאָזן מיט די טרעפּ פונעם גאַנעק, האַלטנדיק זיך פאַר דער פּאַרענטשע, איז ניטאָ. איינמאָל האָט ער א שטופּ געטאָן מיט דער מאָרדע א טיר און דערזען: די אלטע ליגט אַפן בעט, א בלאַסע, א טרויעריקע און אויסגעדאַרטע. רעזוס האָט זיך, ווײַזט אויס, אָנגעשטויסן, אַז זי איז זייער הונגעריק און קיינער גיט איר ניט קיין עסן.

וועגן אלע בניי־באַיס און אויך וועגן רעזוסן האָט עמע ניט אופגעהערט דערציילן פּיאַ־דאָרן. פּיאַדאָר האָט, פאַרשטייט זיך, ניט געגלייבט, אַז רעזוס איז טאַקע אזא קלוגער הונט. נאָר אַז דער הונט קען אלעמען אין שטוב פון קליין ביז גרויס און האָט צו יעדערן א באַזונ־דערע באַציִונג, האָט פּיאַדאָר ניט איין מאָל באַמערקט. און אָפטמאָל דאָס אויסגעפּרוווט אַף זיך אליין.

8

„ס׳איז מיר קאַלט, — האָט א טראַכט געטאָן זינטשענקאָ. — וואָס זיץ איך דאָ?"

ער איז געווען אָנגעכמורעט, ווי דער הימל איבער אים. א נידעריקער, א טונקעלער, האָבן אים אָפּט דורכגעשניטן בליץ־זיגזאַגן. פּונקט ווי א ריזיקע האַנט פון עפּעס א פאַנטאַסטישן גלעזער וואָלט געפירט מיט א פײַערדיקן דימענט איבער דעם טריבן גלאָז פונעם הימל. דאָס גלאָז ווערט צעטראַסקעט, און גאַנצע שטיקער הימל ברעכן זיך אָפּ מיט א מוירעדיקן געקנאַל. קיין רעגן איז אָצינד ניט געגאַנגען, נאָר פון מײַרעוו האָט זיך אָנגערוקט א שוואַרצע שווערע כמאַרע.

זינטשענקאָ אָבער איז ניט אַוועק פונעם פּאַרק. עפּעס האָט אים דאָ געהאַלטן, ווי צוגע־שמידט צו דער באַנק. וווּהין זאָל ער זיך איצט לאָזן? פאַמעלעך האָט ער זיך אופגעהויבן פונעם אָרט און זיך אַראָפּגעלאָזט אַף איין טעראַסע נידעריקער.

ער האָט פאַרזיכטיק, ווייך געטראָטן אַף די געלע בלעטער. און פּלוצעם האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז דאָס זײַנען ניט קיין בלעטער. נאָר א טעפּיכל. א קליין טעפּיכל, א ברוינס, מיט גרינע, געלע און רויטע פאַסן, וואָס האָט פאַרדעקט דעם דיל פון עמעס צימער, פון דער טיר ביז צום סאָפקעלע. באַלד וועט אַרײַנקומען עמע. פאַרוואָס אָבער פאַרשפּעטיקט זי? ער אײַלט דאָך אין מיליטער־טייל. קוים געפּויעלט, מע זאָל אים אָפּלאָזן. יעדער מינוט קען עפּעס אויסברעכן. אלע זײַנען באַאומרויקט. כוץ מאַניקן. ווידער און ווידער כאַזערט ער איבער הענדעלס פּערטע סאָנאַטע, און זינטשענקאָ איז ערנסט פאַרדײַגעט, טאָמער וועט ער, כאַלי־לע, קאַליע מאכן אין אזא פּיטש־נאַסן וועטער דעם אמאַטי־פידל.

אמאַטי־פידל! דאָס איז א גאַנצע געשיכטע. א לעכערלעכע און א טרויעריקע. ווי א סאַך זאַכן אַף דער וועלט.

דאָס זיפּצעניש פון דער שוועגערן האָט געווירקט אַף נאכמענען. ער איז דאָך דער עלט־סטער זון. ער איז מעכויעוו געווען אלץ צו פאַרזאָרגן... דאָס איז זײַן כויוו, זײַן פליכט. כויוו! פליכט! הויכע ווערטער. צוליב וואָס? ער איז פּאַשעט א גוטער מענטש, נאכמען. אויב זײַן פּלעמעניק מאַניק פאַרמאָגט א פונק, דאַרף מען אים ניט לאָזן פאַרלאָשן ווערן. הייסט עס, אַז מע מוז קריגן א גוטן פידל.

נאכמען איז שטענדיק געווען מיט עפּעס פּאַריאַצט, און זײַן צעשטרייטקייט איז געווען אויסער יעדער מאָס. אָבער קוים פלעגט ער פאַרכאַפּן זיך מיט עפּעס — איז אַן עק. איינמאָל האָט ער אָנגעטאָן דעם מאַנטל, דערפילט בײַסמיַיסע, אַז עפּעס קוועטשט אים די פּלייצע, נאָר ער האָט א מאך געטאָן מיט דער האַנט און א קלאַפּ געטאָן מיט דער טיר. נאָר אַזא קלאַפּ, אַז סאָפּע, זײַן ווײַב, האָט זיך א קרים געטאָן. זי איז געווען ייִנגער פון אים אויף גאַנצע נײַן יאָר. האָט זי דאָס גאַנצע לעבן געדרעכנט, אַז זי האָט געטאָן נאַכמענען די גרעסטע טויווע, וואָס זי האָט כאַסענע געהאַט מיט אים. נאכמען, ווידער, דער צעטראַגענער מאַן אירער, האָט אפילע ניט באַמערקט איר קרומען קוק, ארויס גיך פון דער שטוב, געזוכט און געווישטערט איבער דער גאַנצער שטאָט ביז שפּעט אין דער נאַכט, אָבער אהיימגעקומען איז ער א באַגײַסטערטער, מאָלע־גדולע — אמאַטי! ער האָט געקראָגן אַן אמאַטי־פידל.

אַצינד האָט געפעלט איין קלייניקייט — געלט. דער אלטער מייער האָט צונויפגערופן אלע דערוואַקסענע אויף א מישפּאָכע־באַראַטונג. ניט אַראָפּנעמענדיק פון זיך צוליב אײַלעניש דעם מאַנטל, האָט זיך נאַכמען אַוועקגעזעצט באַנאַנד מיטן פאָטער. אפן טאָג־אָרדענונג איז געשטאַנען נאָר איין פראַגע: געלט. ווו נעמט מען געלט?

גיך אָבער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די גאַנצע באַראַטונג איז ניט מער ווי א פּוסטער טאַראַראַם. אלע האָבן געקוקט אויף מוישע גובערן. אויף זײַן מויל. אויף זײַנע ליפּן. וואָס וועלן זיי זאָגן? נאָר ער אליין איז געווען בעקויעך אַרויסלייגן אַזא פּויטעקע. אָדער ערגעץ קריגן זי. מוישע איז געווען באַוווּסט, ווי א פלינקער סויכער־מויכער, געהאַט א שעם צווישן די באַלע־באַטישע ייִדן.

מוישע אָבער איז געזעסן, פאַרלייגט די קורצע הענט אפן בײַכל, א רויִקער, א גלײַכגילטיקער, פּונקט ווי ניט אים מיינט מען. און ערשט נאָך דעם, ווי דער אלטער מייער האָט אָנגעוויזן די גראָווע ברעמען אויף די רויט געוואָרענע אויגן און צוויי מאָל נאָכאַנאַנד געפרעגט, געפרעגט מאַנענדיק: „נו?“, האָט מוישע גובער פאַנאַנדערגענומען די ליפּן, אָבער אויסגערעדט נאָר איין וואָרט:

— וויפל?

ווי ער וואָלט אים געוואָלט כאַפּן פאַר דעם איין־און־איינציקן וואָרט, האָט נאַכמען גיך געענטפערט:

— צוויי טויזנט.

גובער איז שיִר ניט געפאַלן כאַלאַשעס. לעפּאָנעם, פאַרשטייט זיך.

— וואָס הייסט צוויי טויזנט? איר פאַרשטייט, וואָס דאָס הייסט — צוויי טויזנט זלאָטעס? ערגעץ אינווייניק האָט בא נאַכמענען געקאַכט ווי אין א קעסל.

— און וואָס הייסט אמאַטי, פאַרשטייט איר? א־מא־טי!

איז אויב אַזוי, אויב נאַכמען קאָכט זיך, וועט ער, מוישע, דאַפקע זײַן רויִק, ליבלעך רויִק.

— שוואָגער מײַנער טײַערער! אויב באַלמאַטי איז אַזא מין וואונשנע פאַרשוין, טאָ לאָז ער אליין אויסלייגן די מאַמטאַקים.

סיגאַל איז געזעסן, געשפּאַלטן מיט די נעגל אַן אָפּגעבערענט שוועבעלע, אויסגעזען פרעמד, קאַלטבלוטיק. פויל א פרעג געטאָן:

— עפשער א ביסל טײַערלעך, האַ?

נאַכמען איז ווידער געוואָרן אופגעקאָכט. ווייטעקדיק פאַרקנייטשט זיך. אָבער שוין איבער אַן אַנדער סיבע. עפּעס האַרטס האָט אים די גאַנצע צײַט געדריקט די פּלייצעס.

— דאָס איז קימאַט אומזיסט. עס איז דאָך אמאַטי!

— טײַערער דאָקטער, — האָט ווייך א זאָג געטאָן מוישע, — קאָזעלניצקין קען איך אויסגעצייכנט. ווער־ווער, אָבער ער וועט ניט פאַרקויפן האַלב אומזיסט. און עפשער איז דאָס טאַקע ניט אַלמאַטי?

נאַכמען האָט זיך מיטאַמאָל באַרויִקט. אפילע א שמייכל געטאָן. דאַפקע אויף דער דאָזיקער פראַגע האָט ער געוואַרט די גאַנצע צײַט. ער האָט זייער פּאָרזיכטיק אַנידערגעלייגט דאָס פּעקל אפן טיש. אַראָפּגענומען די ציך, צעעפנט די שייד, מיט ביידע הענט אופגעהויבן דעם פידל, ווי מע הײבט אוף א סייפערטוירע. אונטערגעטראָגן צו גובערס פּאָנעם, גלײַך ווי ער וואָלט געוואָלט, אַז מוישע זאָל אים א קוש טאָן.

גובער האָט א דריי געטאָן מיט דער נאָז. עפּעס א קויטיקע זאַך, אַן אָפּגעקראָכענע.

— מיר דאַכט זיך, מײַן ליבער שוואָגער, — האָט ער געזאָגט נאַכמענען, — מיר דאַכט זיך, אַז מאַניקס אלטער פידל זעט אויס א סאַך נײַער, ווי אָט דער...

איצט האָט נאַכמען אויסגעשאָסן א געלעכטער. דער אלטער האָט פאַרוווּנדערט אופגעהויבן אויף אים זײַנע אויגן. סאָפּע האָט אים א צופּ געטאָן פאַרן מאַנטל.

דאָס האָט אַף אים בליצשנעל געווירקט. ער האָט זייער ליב געהאַט זײַן ווײַב, וואָס האַלט זיך יונג, ווײַל ער איז עלטער פון איר אַף גאַנצע נײַן יאָר. ער האָט אַפילו אַ ביסל מוירע געהאַט פאַר איר און באַשטימט געוווסט, אַז אַף אים וואַרט אַ שווערער פּסאַק, אויב ער וועט ניט אויפהערן צו פּראַווען זײַנע „יאַלדישע שטיק", אָבער טאַקע „די רעגע".

נאָכמען האָט אויסגעווישט מיטן עק פון אַ נאָזטיכעלע די אויגן און געזאָגט מוישען מיט אַ זייער איראָנישן טאָן:

— איך זע, אַז איר זײַנט אַ גרויסער מייוון אַף פידלען. אַבי נײַ. אַבי ס'זאָל גלאַנצן. צי ווייסט איר, רעב מוישע, אַז אַ פידל איז געגליכן צו ווײַן? וואָס עלטער — אַלץ בעסער. די בעסטע פידלען אַף דער וועלט, סטראַדיוואַריוסן, אַשטייגער, צי אַמאַטי זײַנען שוין אַלט אַ דרײַ הונדערט יאָר. זאָגט איר: אַלט... אַצינד גיט אַ קוק אַהער, — האָט נאָכמען אַ קער געטאָן דעם פידל מיט דער עפּע צו גובערן. — נו? וואָס איז דאָרטן אָנגעשריבן? באַלמאַטיי? האַ?

מוישע האָט אים געענטפערט בעני־מעסדיק:

— מיר פאַר אײַער ליכטיקן קאָפּ, רעב נאָכמען. אַז ס'איז אָנגעשריבן, איז דאָך קיין פּראַגע ניט. איך מיין אָבער, אַז אַף אַן עטיקעטקע קען מען אָנשרײַבן, וואָס מע וויל.

פויל און פאַמעלעכן האָט סיגאַל אויסגעשטרעקט די האַנט, גענומען דעם פידל, נאָכלעסיק און איינצײַטיק מיט טשיקאַוועס אין די האַלב־פאַרמאַכטע אויגן, האָט ער געכאַפּט אַ קוק אינעם פידלס געדערים. די אויגן פון אַלע אָנוועזנדיקע האָבן זיך אַ קער געטאָן צו אים. נאָר ער האָט ניט אַרויסגעלאָזט קיין איין קלאַנג און איבערגעגעבן דעם פידל זײַן ווײַב. וועכנע האָט אָנגעבויגן איר שיינעם קאָפּ, אַ שוואַרצהאָריקן, מיט אייניקע זילבער־פֿעדעם, וואָס האָבן זיך העל אויסגעטיילט אַף איר שוואַרצן קובליק, — אַרײַנגעקוקט צווישן די סטרונעס, גאָרנישט ניט דערזען און איבערגעגעבן דעם פידל איר פּולבלעכער גוטמוטיקער שוועסטער גיטע. באַנאַנד מיט איר איז געזעסן זלאַטע. זי האָט געוואָרפן אַף איר שוועגערן אַזאַ מאָלע־ראַכמים־בליק, אַז די גוטע גיטע, ניט קוקנדיק אַפן פידל, האָט באַלד אַ זאָג געטאָן צו איר מאַן:

— איך מיין, מוישעניו, אַז דער פידל איז אַ פידל. — און גלײַך איבערגעגעבן אים דער שוועגערן.

זלאַטע האָט צוגעדריקט דעם פידל צו דער ברוסט. נאָכמען האָט מיט האַרץ־ציטערניש נאָכגעשפּירט, ווי דער פידל גייט איבערן קרײַז. דערזעענדיק, מיט וואָס פאַר אַ קויעך זלאַטע האָט אים צוגעדריקט, ווי אַ קינד, צו איר ברוסט, האָט ער אַ פּאַטש געטאָן אַף איר מיט זײַנע לאַנגע הענט, ווי מיט פליגלען:

— וואָס טוט איר? איר קענט נאָך אים צעקוועטשן!

דעמלט האָט זלאַטע שווײַגנדיק איבערגעגעבן דעם פידל עמען.

עמע איז געווען ייִנגער פון אַלע. און אויב איר עלטערע שוועסטער האָט געזאָגט, אַז דער פידל איז אַ פידל, און זלאַטע האָט אַזוי וואַרעם צוגעדריקט אים צו איר אַלמאָנע־ברוסט, פּונקט אַזוי, ווי זי פלעגט אַמאָל צוטוליען איר קליינעם מאָניקן, — האָט עמע ניט געקווענקלט זיך. זי האָט אָנגעבויגן איר קעפּל צו גובערן מיט אַזאַ ליב שמייכעלע אַף די ליפּן, אַז ער האָט אָנגעהויבן אונטערגעבן זיך. אים איז געפעלן, טאַקע זייער געפעלן, וואָס אַלע דאָ, אָנהייבנדיק פונעם שטרענגן שווער, דעם געלערנטן נאָכמענען, דעם דאָקטער סיגאַל, ביז דער יונגיטשקער קיינוווידיקער עמען קוקן אַצינד אַף אים מיט אַזאַ האָפענונג. ס'איז זייער אָנגענעם, פאַרשטייט איר מיך, אָבער צוויי טויזנט זלאָטעס!

— דער גאַנצער רויטער מאָניק איז ניט ווערט אַזאַ פּויטעקע, — האָט ער געזאָגט צו זיך אַליין, נאָר אַזוי הויך, אַז זלאַטע האָט זיך פאַרגאָסן מיט טרערן.

דעמלט האָט מוישע גענומען זי טרייסטן:

— וויין ניט, מײַן פישעלע. עפּעס וועלן מיר עפּשער צוטראַכטן.

אַלע האָבן לײַכט אָפּגעאָטעמט.

איז אָט וואָס מוישע גובער האָט צוגעטראַכט:

— קיין געלט, ווי ס'איז אײַך, טײַערע מײַנע, באַוווּסט, האָב איך ניט. וואָס דען, איך וואָלט עפּשער געקענט באָרגן בא מענטשן אַ העלפט פון דער סומע. און אַף דער צווייטער העלפט זאָל אונדזער טײַערער פאָטער געבן קאָזעלניצקין אַ וועקסל...

נאָכמען האָט אים איבערגעשלאָגן:

— ס'טויג ניט. קאָזעלניצקי האָט געזאָגט: נאָר מעזומאָנים. און ניט שפּעטער ווי ביז מאָרגן. ער באַדאַרף דרינגענד געלט. אַניט, וואָלט ער ניט פאַרקויפט דעם פידל, ניט פאַר צוויי, ניט פאַר דרײַ טויזנט.

דער אַלטער מייער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ. אַ זאָג געטאָן שווער, וואָגיק:

— גוט. צונויפנעמען. צונויפלייגן זיך. באָרגן. קריגן געלט. און קויפן.

נאכמען וואָלט געדאַרפט איצט זײַן מאָלע־סימכע. אַנשטאָט דעם האָט ער זיך קרענקלעך פאַרקנייטשט און געזאָגט דעם ווײַב:

— גיב א קוק, סאָפּעטשקע, עפּעס קוועטשט מיך אין דער פּלייצע.

סאָפּע האָט א טאַפּ געטאָן זײַן רוקן און אויסגעשאָסן א געלעכטער.

— איר האָט געזען אזא שלימאַזל! ער האָט אָנגעטאָן דעם מאַנטל צוזאַמען מיטן הענגער.

9

מאָניק איז דעמלט געווען קראַנק.

אין עטלעכע טעג אַרום, ווען ער איז געזונט געוואָרן, האָט דאָס הויזגעזינד ווידער זיך צונויפגעזאַמלט, קעדיי ער זאָל עפּעס אויסשפּילן אַפן באַרימטן אַמאַטי.

מאָניקס פּאָנעם איז געווען טאָמיד בלייכלעך. איצט, נאָך דער קרענק, האָט ער אויסגעזען נאָך בלאַסער. איבער דעם האָבן זײַנע רויטע האָר אויסגעזען נאָך רויטער.

זײַן מוטער האָט זיך געבעטן ראַכמים בא סיגאַלן:

— ראַטעוועט מײַן ייִנגעלע, איך באַשווער אײַך.

דאָקטער סיגאַל האָט געוואָרטשעט:

— אַלע מוטערס זײַנען צעדרייטע, דאָס ווייס איך שוין פון לאַנג. אָבער איר...

וואָס „אָבער איר" האָט ער זיך געפוילט דערזאָגן.

— איר קענט זײַן זיכער, אַז ער וועט ניט שטאַרבן, אײַער טאַכשיט.

ער האָט אויסגעשריבן אַפגיך עפּעס א רעצעפּט און אים אַרײַנגעשטעקט זלאַטען אין די הענט. זי איז אַוועק אין אַפּטייק און באַלד זיך אומגעקערט.

— זיי קענען ניט איבערלייענען, וואָס איר האָט דאָ אָנגעשריבן, — האָט זי אָפּגעגעבן דעם רעצעפּט סיגאַלן.

זלאַטע האָט אים געוואָלט זאָגן, ס'איז מאַמעש געלעגן אַף דער שפּיץ צונג: איר זײַט אזא מין דאָקטער, ווי איך בין א רעבעצן. נאָר זי האָט זיך געײַלט, מע דאַרף „ראַטעווען דאָס קינד". איז זי ווידער געלאָפן אין אַפּטייק צום אַלטן בליומענפעלד און געבראַכט א הויפן רעפּועס.

מאָניק האָט געשלונגען פּילן, געטרונקען די דאַזיקע רעפּועס, זיי האָבן אָבער ניט גע־האָלפן. פאַרקערט, זײַן צושטאַנד האָט זיך פאַרערגערט. די מוטער האָט געריסן אַף זיך די האָר. סיגאַל אָבער איז פאַרבליבן רויק, קאַלטבלוטיק. ער איז געקומען צום קראַנקן, פאַר־זשמורעט דאָס רעכטע אויג, געכאַפּט א קוק אַף מאָניקס בלייך פּאָנעם, אַף דער דערשראָקע־נער מוטער, וואָס איז געשטאַנען באַנאַנד, לעבן בעט אונטערגעשפּאַרט דעם קאָפּ מיט דער האַנט, און געזאָגט:

— דער באָכער איז געווען געזונט, ווי א בוהיי. און קראַנק איז ער געוואָרן פון די רעפּועס.

זלאַטע איז געוואָרן אופגעבראַכט:

— איר האָט דאָך אים אַליין צוגעשריבן זיי!

— אי־יך? — האָט זיך פאַרכידעשט יעפּים סיגאַל. — ס'קען ניט זײַן. אין אַזעלכע פאַלן שרײַב איך געוויינלעך אויס אַן אומשעדלעך זיס סיראָפּל. איין דעסערט־לעפּעלע נאָכן עסן.

זלאַטע האָט גאָרניט געענטפערט. זי האָט זיך דערמאָנט, אַז זי האָט טאַקע געפּויעלט באַם אַלטן בליומענפעלדן, אַז ער זאָל „צוגעבן נאָך עטלעכע פּראָשקעס".

זלאַטע האָט אָפּגעוואָרפן די קאָלדרע, אַראָפּגעצויגן פון מאָניקן דאָס העמדל:

— הערט אים כאָטש אויס.

סיגאַל האָט זיך פאַרקנייטשט, א מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— עט, נאַרישקײַטן.

דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צום פענצטער, ברייט צעעפנט עס און גענומען אַרויסוואַרפן איינס נאָכן אַנדערן פלעשעלעך, פּושקעלעך, פּודעלעך, וואָס זײַנען געשטאַנען אַף א טישל בא מאָניקס בעט.

— אַצינד וועט ער זיך גיך אויסהיילן.

מאָניק האָט געקוקט מיט באַוווּנדערונג אַפן הויכוווּקסיקן פעטער. סיגאַל האָט דערפילט זײַן בליק, צוגעזעצט זיך אַפן עק טישל, וואָס האָט זיך באַפרײַט פון די פּילצאָליקע פלעשעלעך און פּודעלעך, דערנאָך זיך דערנענטערט און א צופּ געטאָן מאָניקן פאַרן קאָפּ, צעשויבערט אים די קורצע רויטע קוטשמע.

סיגאַל האָט געכאַפּט אַ קוק אויף דער שאַפע, ווו עס איז געלעגן עפּעס אַ גרויס פּעקל. ניט אַנדערש — דער נײַער פידל. די מוטער, ווײַזט אויס, גרייט דעם זון אַ סורפּריז. ווי נאָר ער וועט געזונט ווערן — איז נאַ, אָט האָסטו אַ שײנע מאַטאָנע, אַ טײַערע, אַ צווייטויזנטדיקע, נעם און שפּיל. האָסטו געזען אַזאַ נאַרישע אישע! טשעפּעט זיך צו אים. לויפט צו בליומענפעלדן, און די בעסטע רעפּוע געפינט זיך בײַ איר אונטער דער נאָז.

ער איז צוגעגאַנגען צו דער שאַפע. מאָניק האָט באַמערקט, אַז דער פעטער יעפים און די שאַפע זײַנען גלײַך אין וווקס. סיגאַל האָט אויסגעשטרעקט זײַנע לאַנגע הענט, אַראָפּגענומען דאָס פּעקל, און נאָכמאַכנדיק ניט ווילנדיק דעם שוואָגער נאָכמענען, האָט ער אַראָפּגענומען די ציך, צעעפנט די שייד, אופגעהויבן דעם פידל אין איין האַנט, דעם סמיק — אין דער צווייטער און אונטערגעטראָגן אים מיט אַ געמאַכטן יִיראַס־האַקאָוועד דעם קראַנקן מאָניקן. און ס'איז טאַקע געשען אַ נעס. דאָס ייִנגל איז געזונט געוואָרן.

10

דעם זעלבן טאָג איז מאָניק געזונט געוואָרן.

עפּשער ניט אינגאַנצן אויסגעהיילט זיך. אָבער דאָס איז שוין ניט געפערלעך. מאָניקן האָט זיך שטאַרק פאַרוואָלט אַ פּרווו טאָן דעם נײַעם פידל. זײַן מוטער האָט טאַקע באַלד אָנגעהויבן אויסרעכענען אַלע מײַלעס פונעם אינסטרומענט. ניט קיין פידל — אַ לעבעדיקע קיילע, וואָס איז שוין אַלט, קיין אײַנהאָרע, דרײַ הונדערט יאָר, האָט שוין איבערגעשפּילט אַלע לידער אויף דער וועלט. און געמאַכט האָט דעם פידל ניט אַבי ווער, אַמאַטי אַליין, אַ גרויסער מײַסטער געוועזן, אַ בעריע. און דער פידל קאָסט צוויי טויזנט זלאָטעס. הײַנט קענסטו זיך פאָרשטעלן, וואָס פאַר אַ מין פידל דאָס איז! ס'איז נאָר אַ שאָד, וואָס די גאַנצע שטוב איז פאַראַרעמט געוואָרן איבער דעם.

אַלע האָבן זיך צונויפגעזאַמלט. געוואַרט אויף מאָניקן. וואָס זשע איז געשען מיט אים, וווהין איז ער אַהינגעקומען?

פּלוצעם האָט עמע דערהערט שוואַכע קלאַנגען פון פידל־שפּיל. זי האָט זיך געלאָזט נאָך די קלאַנגען. זיי האָבן דערפירט עמען צו אַ קליין צימערל, ווו קימאַט שוין צוויי יאָר איז געלעגן די קראַנקע מוטער. מאָניק איז געשטאַנען לעבן דער אַלטערס בעט און געשפּילט אויף זײַן אַלטיטשקן פידל. עמע איז צוגעגאַנגען צום בעט, אָנגעבויגן זיך און אַ קוש געגעבן די מוטער.

— מע ווארט אף דיר, — האָט זי געזאָגט מאַניקן.
— איך וועל ניט גיין אהין, מומע.
— פארוואָס? — האָט זיך פארכידעשט עמע.
סײַ מאַניק און סײַ דער פידל זײַנען אנשוויגן געוואָרן. עמע איז געוואָרן אומרויִק:
— וואָס איז געשען? ווו איז דײַן נײַער פידל?
מאַניק האָט געשוויגן. די אלטע האָט א קער געטאָן דעם קאָפּ צו עמען און אויסגערעדט מיט א שוואך קאָל:
— קערט אים אום, דעם פידל. מאַניק האָט אים אויסגעפּרוווט. ער זאָגט, אז ער איז ניט אף קיין סאך בעסער פונעם אלטן. מ׳דארף ניט, זאָגט ער, איבער דעם פאראָרעמען די שטוב...
אף נאכמענען האָט זיך א שיט געטאָן א זאק מיט פּאַרווורפן. ער האָט גֿעמוזט אנטלויפן. אזוי האָט ער שפּעטער געזאָגט. ער האָט געמוזט באלד אָפּזוכן דעם אלטן פידלער, באַקוטען, און באוויַיזן אים דעם פידל. ער איז דאָך א מייוון אף פידלען.
מוישע גובער, שטענדיק אזא מין ליבלעכער, פאטעקע־זיסער, איז ארויס פון די קיילים. מערער פון אלע האָט ער דאָך געליטן. טויזנט זלאָטעס! און ווי א פּאַשעטער גראָבער יונג האָט ער נאָכגעשריגן נאכמענען:
— פון דעם האָט מען גֿעדארפט אָנהייבן!.. אײַזלשע אויערן! — עפּענענדיק דאָס פענצטער, האָט ער א רוף געטאָן פלוצעם רעזוסן. דער הונט איז אָבער געווען פארטאָן — ער האָט נאָכגעשפּירט דעם שאָטן פון א פליִענדיקן פויגל און ניט געלייגט קיין אכט אף גובערן.
נאכמען איז געקומען צו לויפן א פארסאָפּעטער. באַקוטא האָט א דריי געטאָן דעם פידל מיט זײַנע דינע טרוקענע פינגער און געזאָגט, אז אויב אָט דער פידל איז אמאטי, איז ער, באַקוטא, — פּאגאניני.
— נו, און די עטיקעטקע? — האָט א דערשלאָגענער געפרעגט נאכמען.
— א געפעלשט שטיקל פּאפּיר, ניט מער. דעם פידל מעגט איר ארויסוואַרפן. און דאָס פּאַפּירל פארהיט פאר אן אָנדענק פון טיפּשעס.
נאכמען האָט אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.
סאָפּע האָט צוגעקליבן אין געדאנק אזא וואָרט, וואָס זאָל אמערסטן באליידיקן נאכמענען. אָבער געזאָגט האָט זי דאָס זעלבע, וואָס אלעמאָל:
— שלימאזל!
דאָס איז אָבער ארויסגערעדט געוואָרן מיט אזא גיפט, וואָס אפילע גובער האָט איר געמוזט באמערקן:
— פייגעלע מײַנס! איר זײַט פאַכאָזשע אף יענעם כוליגאן, וואָס נעמט צונויף אין מויל וואָס מער סלינע, איידער ער שפּײַט אָן א מענטשן אין פּאָנעם.
ער, מוישע, האָט זיך שוין קימאט ווי בארויִקט, און זײַן פולבלעך פּאָנעם האָט געבלי־שטשעט מיט רויִקייט. א ברייִרע האָט ער! גוט, וואָס ער האָט פארלוירן אף נאכמענס גע־שעפטן נאָר איין טויזנטער. ער האָט דאָך געקענט פארשפּילן צוויי.
אלע זײַנען געוואָרן איבעראשט, ווען נאכמען האָט אויסגעגלײַכט זײַן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ און א שמייכל געטאָן. ס׳איז געוואָרן שטיל. שאַ־שטיל. צווישן דער שטילקייט און פאר־כידעשטקייט האָבן זיך געלאָזט הערן נאכמענס ווערטער, אויך שטילע, זייער שטילע, גרינגע, אומוואָגיקע, ווי לויטערע מאכשאָוועס.
— אלץ איז שוין געווען... און דאָס אויך. בערג מיט ליגן און בערגעלעך מיט עמעס... אָט אזוי, מײַן טײַערע סאָפּאָטשקע.
האָט אים סאָפּע ווידער געזאָגט:
— שלימאזל!
איצט אָבער איז דאָס געזאָגט געוואָרן גאָר מיט אן אנדער נוסעך.
דאָך האָט דאָס זידלוואָרט אופגעוועקט נאכמענען פונעם שלאָף. ער האָט זיך אומגעקערט צו דער ווירקלעכקײַט. זארגזאם האָט ער פארפּאַקעוועט דעם פידל, אים איבערגעבונדן מיט א שטריקעלע.
— איך גיי צו קאָזעלניצקין. עפּשער וועט ער אומקערן דאָס געלט.
— איך וועל גיין, — האָט אויסגעשריגן זלאַטע. — אָדער ער וועט אומקערן דאָס געלט, אניט וועל איך אים אויסצופּן די וואָנצעס.
א דערצאָרנטע האָט זיך זלאטע אופגעהויבן אף די שפּיץ פינגער, ווײַל זי איז געווען קליינוווקסיק און קאָזעלניצקי איז געווען א הויכער פארשוין, מוז זי זיך אונטערציִען, קעדיי צו דערלאַנגען צו זײַנע פּראַכטפולע וואָנצעס.

דער אַלטער מייער האָט אַנטשלאָסן דערווידערט:

— דאָס איז ניט קיין איניען פאַר אַן אישע. דו וועסט נאָר קאַליע מאַכן.

סיגאַל איז די גאַנצע צײַט געזעסן ווי אַ גאַסט, געזשמורעט דאָס רעכטע אויג, געשפּאָלטן מיט די נעגל שוועבעלעך און געלייגט זיי צוריק אין פּודעלע. די גאַנצע געשיכטע איז אים נימעס געוואָרן, און קיין גאַנצע שוועבעלעך זײַנען שוין אין פּודעלע ניט געווען. האָט ער אומדערוואַרט פאָרגעלייגט זײַן הילף: ער וועט גיין צוזאַמען מיט נאַכמענען. ער, סיגאַל, וועט אים פאַרלייגן: קערט אום לעסאַטע כאָטש אַ טייל געלט. „אויב ניט, ווייס איך, אַז באַ קאָזעלניצקין איז קאַליע דער מאָגן... ער וועט מוירע האָבן, אַז איך זאָל אים ניט אויסשרײַבן אַ פערדישע דאָזע ריצניייל”.

קאָזעלניצקי האָט דאָס געלט ניט אומגעקערט. ניט אינגאַנצן, ניט קיין טייל. נאַכמען, דער ווייכער נאַכמען, האָט אים דעמלט געדראָעט מיט אַ מישפּעט. האָט קאָזעלניצקי פאַרבעטן אַן אַדוואָקאַט.

— עפּשער וואָלטן מיר אויך פאַרבעטן אַן אַדוואָקאַט, — האָט דער אָרעמער נאַכמען געשטאַמלט, קוקנדיק אַף גובערן.

מוישע האָט ליבלעך, נאָר אַנטשיידן אָפּגעזאָגט זיך.

— טײַערער פרײַנט מײַנער, — האָט ער אים געזאָגט, — צווי טויזנט פאַרן פידל און נאָך צווי טויזנט דעם אַדוואָקאַט! ניין, מיך באַפרײַט דערפון.

האָט נאַכמען באַשטימט אַליין זיך נעמען פאַר דעם איניען. געקויפט אַ גראָבן באַנד „ציווילע רעכט” און אים אָנגעהויבן שטודירן.

זײַן ווײַב סאָפע, ווען זי פלעגט זיך אופכאַפּן שפּעט באַנאַכט און דערזען דעם מאַנס אײַנגעהויקערטן רוקן באַם טיש, פלעגט זי איראָניש אַ טראַכט טאָן: אַ שיינעם מאַן האָב איך זיך אָפּגעשפּאָרט...

מייער סאַפּיר האָט ניט געקאָנט אַנשלאָפן ווערן. ער האָט אָנגעהויבן טראַכטן וועגן אַ נײַעם ביניען. אויב דער אַלטער רוגמאַן וועט נאָכאַמאָל אַ שמועס טאָן מיט אים וועגן עמען, וועט ער, מעגלעך, געבן זײַן האַסקאָמע. רוגמאַנס זון איז אַ יונגער פייִקער אַדוואָקאַט, און אין אַזאַ צײַט שטערט ניט האָבן אין שטוב אַן אייגענעם אַדוואָקאַט.

11

גראָד דעמלט האָט זיך באַוויזן זינטשענקאָ. פיאָדאָר פיאָדאָראָוויטש זינטשענקאָ, אַנדערש גערעדט, פעדיא, וועלכן עמע האָט די ערשטע צײַט גערופן אין אַ שפּאַס פעדיא פעדיאיעוויטש. דאָס האָט געטראָפן אין סענטיאַבער 1939 יאָר.

זינטשענקאָ איז רײַטנדיק געפאָרן פון עפּעס אַ דאָרף, וואָס האָט געהייסן דאַפקע האָראָד. ער האָט זיך געײַלט קיין וואָלאָטשעוו מיט אַ באַריכט צום דיוויזיע־קאָמאַנדיר, אַז דער אופטראָג איז אויסגעפּילט. ער וועט זיך סטאַרען זײַן געצוימט. ניט היצן זיך. זײַן שוועסטער, ווערא, שרײַבט אים פון לענינגראַד אין יעדן בריוו, וויאַזוי ער זאָל זיך אופירן. זי איז אַן עלטערע שוועסטער און האָט גענומען אַף זיך די פליכטן פון טאַטע־מאַמע. „דאָס געבילדעטקײַט פון אַ מענטשן מעסט זיך מיט זײַן אופירונג”, — שרײַבט זי ...„זי מיינט, מײַן שוועסטער, אַז איך געפין זיך טאָג און נאַכט צווישן טאַנקען־געקראַך, סאַמאָליאָטן־געוואָי, אונטער קוילן און מינעס. און אָט פאָר איך רויִק אַף אַ גוט פערד, איבער אַ גוט־אַספּאַלטירטן וועג, צווישן צוויי גלײַכע שערענגעס טאָפּאָלן, אַזעלכע הויכע, אַזעלכע געדיכטע, אַז זיי פאַרוואַנדלען דעם וועג אין אַ קילער און שאָטנדיקער אַלייע...”

פעדיע פאָרט, און אַ שמייכל ליגט אַף זײַן פּאָנעם. ער טראַכט, אַז דאָס לעבן איז אַ מאָדנע זאַך — אי עס עלטערט זיך, אי עס באַנײַט זיך שטענדיק. אָט די אוראַלטע שטאָט איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ יונג דאָרף, אין וועלכן ס׳איז ניט פאַרבליבן קיין איין פאַרצײַטיקער שפּור, כוץ גופע דער נאָמען. און עפּשער נאָך אַ קראָם מיט אַן ערדענער פּאָדלאָגע, אין וועלכער באַנאַנד מיט פריש געשמאַק־שמעקנדיקן ברויט שטייען פלעשלעך אָדעקאָלאָן און אַ גרויסער קויש מיט אייער, זאַלץ, נאַפט, שוועבעלעך, סיגאַרעטן, געשיר, ציצענע קליידלעך, און אָן אַ שיר זשומענדיקע און הודזשענדיקע פליגן.

„ס׳איז דאָ ניטאָ קיין שום מילכאָמע, ווערא, — האָט ער אַ פרווו געטאָן צונויפשטעלן אין געדאַנק אַ בריוו צו דער שוועסטער, — די פּאָליאַקן ווײַזן ניט אַרויס קיין שום ווידערשטאַנד, מיר באַפרײַען פּאָשעט איין שטאָט נאָך דער צווייטער...”

אין דער דאָרף־קראָם האָט זינטשענקאָ דערזען אַ מענטש אין ברילן. ס׳האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער קען אים. פּלוצעם האָט אַ בלישטשע געטאָן אין מויעך — באַבעל! ווײַזט

איס, אונטערוועגנס, איז ער, באבעל, אראָפּ פונעם פערד, צוגעבונדן עס צו א בוים, אריינ־געכאַפּט זיך אין קראָם קויפן מאכאָרקע און שוועבעלעך. אצינד וועט ער ווידער ארוף אפן פערד און וועט עס א נערעק טאָן מיט די שפּאָרן, ס׳זאָל גיכער דעריאָגן בודיאָנין. די שטעט, וועלכע זיי האָבן איצט באפרייט, האָבן איבערגעכאַזערט די קאפּיטלען פון „קאָנארמיע". „דער וועג קיין בראָד", „דער בעסוילעם אין קאָזין", „בערעסטיעטשקאָ", „זאמאָסטיע"... דאָס לעבן עלטערט זיך און ווערט יינגער, כאַזערט זיך איבער.

זינטשענקאָ איז געוואָרן הייס. ער האָט צעשפּיליעט די גימנאסטיאָרקע, אראָפּגעבויגן דעם קאָלנער, צוגעלאָזט א קיל ווינטל צום פארשוויצטן רוקן. פּלוצעם האָט זיך דאָס פערד א וואקל געטאָן. זינטשענקאָ האָט עס א לייכטן פּאטש צי א גלעט געטאָן איבער דער גריווע. „דו וואקלסט זיך שוין, מיין אלטיטשקער. דאָס לעצטע רומפּולע זייטל פון דיין ביאָגראפיע איז ארייַנגעשריבן געוואָרן אין 1920 יאָר. גרייט זיך גיין אין מוזיי אריין... דערוויַיל אָבער מוז מען דיך נאָך אונטערקאָוועז. ניט צו דער צייט האָסטו פארלאָרן א פּידקאָווע".

צום גליק, זעט מען שוין וולאָטשעוו. ווען ער איז אָנגעקומען און דערפרעגט זיך, ווו איז די קוזניע, האָט זיך ארויסגעוויזן, אז זי איז פארמאכט. א דורכגייער האָט אים זייער העפלעך געזאָגט:

— אויב איר האָט צייט, וואָלט איך אייך געראָטן צוווארטן ביז מאָרגן. היינט איז שאבעס, און דער באַלעבאָס פון דער קוזניע, דער אלטער מייער, ארבעט ניט.

— און אויב איך האָב ניט קיין צייט? — האָט זינטשענקאָ געפרעגט.

— ראָט איך אייך אויכעט צוווארטן ביז מאָרגן. איר האָט א פיין פערד. איז טאָקע א שאָד, אויב ס׳וועט נעמען הינקען אף א פוס. איר וועט מוזן ווארטן. קיין אנדער ברירע איז ניטאָ.

— זאָגט מיר נאָר, ווו קען מען אָפּזוכן דעם קאָוועל?

דער דורכגייער, ארן פּאָך האָט מען אים גערופן, האָט א טראכט געטאָן און געענטפערט:

— אין דער היים.

זינטשענקאָ האָט אויסגעשאָסן א געלעכטער. „ווירקלעך האָט מען געדארפט אזוי לאנג טראכטן אף צו געבן אזא אויספירלעכן ענטפער!" פונדעסטוועגן האָט ער געזאָגט:

— א שיינעם דאנק אייך, דאָך וואָלט ניט שלעכט געווען, איר זאָלט מיר אָנווייַזן, ווו דער קאָוועל וווינט.

ארן האָט אים א וויַיז געטאָן מיט דער האנט.

זינטשענקאָ האָט צוגעבונדן דאָס פערד צום פּלויט, אפגעיך זיך אופגעהויבן אף די טרעפּ־לעך פונעם גאנעק און אָנגעקלאָפּט אין דער טיר. געעפנט האָט אים א שיין שווארץ־אויגיק מיידל.

אזוי האָט זינטשענקאָ צום ערשטן מאָל דערזען עמען.

12

„...שרעק זיך ניט, איך בין איינגעהאלטן, איך בין נאָך ניט פארליבט. אנדערש וואָלט איך דיר ניט אָנגעהויבן באשרייַבן איר אויסזען מיט א נוסעך פון א מעכאבער פונעם נייַנצנטן יאָרהונדערט.

אירע אויגן זייַנען געשאפן פון זון־שטראלן, אזויפיל פייַער איז פאראן אין זיי, און נאָך עפּעס אזעלכעס... עפּעס א ליב צוגעלאָזנקייט. פארגעס ניט, אז איך בין נאָך ניט פארליבט. הייסט עס, אז איך שרייַב דיר דעם ריינעם עמעס.

דער זאָקן, עמעס פאָטער, האָט, לאָזט זיך אויס, זייער פּאָשעטע און אייַזערנע אָנשויונגען אפן לעבן: פון איין זייט, זעט ער פאר זיך א גרויסע, פרעמדע און פייַנטלעכע וועלט. פון דער צווייטער — א קליינע אייגענע היים — זיין שטוב. פונדאנען דרינגט ארויס, אז דער היפּט פון דער שטוב מוז פירן זיין מישפּאָכע, ווי א קאָמאנדיר... פארוואָס? ווייל דער אלטער האלט, אז צווישן דער גרויסער וועלט און דעם קליינעם וועלטעלע קומט די גאנצע צייט פאָר א שווערע פארצווייפלטע מילכאָמע. און דאָרטן, ווו סע שמעקט מיט מילכאָמע, מוזן זיין קאָמאנדירן. און דער קאָמאנדיר מוז טאָג און נאכט זאָרגן וועגן דעם, אז זיין שטוב זאָל זיין ווי אן עכטע פעסטונג און אלע אירע איינוווינער, איבערהויפּט די מענער, זאָלן זיין זייַנע זעלנער.

וועגן דעם אלעמען האָט מיר עמע דערציילט. דערציילט האלב ערנסט, האלב אף קאַ־טאָוועס. און אזוי צוטרויִלעך, פּונקט ווי זי וואָלט מיך געקענט א סאך יאָרן. פּלוצעם שלאָגט

זי זיך אליין איבער און פרעגט, ארויסרעדנדיק פּאמעלעך, פּליַיסיק יעדער וואָרט באזונדער (עמע איז ניט זיכער אין איר רוסיש):

— פעדיא פעדיאיעוויטש, — פרעגט זי, — איר ווייסט ניט, נאָך וואָס איך דערצייל איַיך דאָס אלעס?

— איך ווייס ניט, — ענטפער איך איר מיט א שמייכל.

איך ווייס ניט, אָבער איך שטויס זיך אָן. דאָס זאָג ניט איך, נאָר דו, מיַין קלוגע שוועסטער. דו זאָגסט דאָס, לייענענדיק די בריוו, און שאָקלסט צו מיטן קאָפּ:

„זי האָט זיך פארליבט אין דיר, און דו האָסט זיך פארליבט אין איר...״

13

„היַינט האָב איך דאָס ערשטע מאָל א קוש געטאָן עמען. זעסט, ווי איך דערצייל דיר אלץ. ווערסטו דאָס כאָטש שעצן?

געצוווּנגען דערצו האָט מיך א מענטש אין א בלאָוון בערעט, וועלכער האָט זיך פאָרגעשטעלט אלס א קינאָ־רעזשיסער.

מיר האָבן זיך דורכגעשפּאצירט, איך און עמע, און אונדז האָט זיך אפילו ניט געכאָלעמט, אז נאָך היַינט וועלן מיר ווערן קינאָ־ארטיסטן.

עפּעס א פארשויִן אין א בערעט האָט דערלאנגט עמען א בוקעט מיט קוויטן. עמע האָט באדארפט אונטערטראָגן דעם בוקעט מיר, א לייטענאנט פון דער רויטער ארמיי. דער פילם, זאָגט מען, וועט הייסן „פארווירקלעכטע טרוימען״. און דער נאָמען האָט מיך פולקום באפרידיקט. וויַיל דערביַי איז מעקויעם געוואָרן אויך מיַין טרוים. איך האָב געקושט עמען. און ניט איין מאָל. ס׳האָט מיר פּאַשעט געגליקט. אלעמאָל האָט געטראָפן עפּעס אנדערש, און דער רעזשיסער האָט איבערגעכאזערט זיַין באפעל:

— קושט! אָבער נאטירלעך.

און איך האָב געקושט עמען. נאטירלעך.

די סצענע האָט מען פאָטאָגראפירט לעבן סקווער, ווו סע געפינען זיך שטענדיק א סאך טויבן. האָט מען געדארפט האָבן איינציַיטיק די טויבן, די זון, אונדז, דאָס הייסט עמען און מיך, און דעם איבעריקן אוילעם ארום אונדז. איז אָבער אויסגעקומען אזוי: איז געווען די זון, פלעגן די טויבן צעפליִען זיך אין אלע זיַיטן; האָבן זיך די טויבן געפירט ווי ס׳דארף צו זיַין, האָט פלוצעם די זון זיך באהאלטן אונטער א כמארעלע. און עמע אליין... זי האָט פארשטאנען, אז דאָס קושן זיך וועט איר אזוי גלאט ניט דורכגיין.

ווען אלץ האָט זיך בעשאָלעם פארענדיקט, האָט דער רעזשיסער מיר אויסגעשטרעקט די האנט:

— ווען איר וועט זיַין אין קיִעוו, זאָלט איר זיך אריַינכאפּן אין מיַין סטודיע, כאווער לייטענאנט. בא איַיך, ווי מיר דוכט זיך, איז פאראן עפּעס אזוינס... א פאָטאָגעניש געזיכט, נו און... — האָט ער מיר א זאָג געטאָן און צוגעלייגט צוויי אָנגעבויגענע פינגער צום בלאָוון בערעט.

איך האָב זיך ארומגעקוקט: ווו איז עמע?.. ניטאָ. פארשוווּנדן געוואָרן. עפּשער האָט זי זיך באליידיקט? אָבער וויִאזוי האָב איך זי דורכגעלאָזט! היַינט, גראָד היַינט האָב איך געוואָלט צוזעצן זיך מיט איר אָף א באנק אין דעם זעלבן סקווער, אונטער א בוים. בא דעם דאָזיקן בוים וואָלטן די אונטערשטע צוויַיגן געדארפט אין איין אויגנבליק אראָפּוואקסן, אראָפּהענגען ביז צו דער ערד און פארבאהאלטן אונדז פון דער גאנצער וועלט.

דו מעגסט ניט לייענען וויַיטער, מיַין גוטינקע שוועסטער. נאָר איך קען נישט ניט שריַיבן. איך מוז ארויסזאָגן דאָס, וואָס איך וואָלט געזאָגט עמען, ווען מיר וואָלטן היַינט ארומשפּאצירט אינצווייען אין סקווער.

— עמע, איך האָב דיך ליב, — וואָלט איך איר געזאָגט.

וויַיל איך האָב זי ווירקלעך ליב. איך האָב זי זייער ליב.

דו פארשטייסט, איר איז נייטיק געווען דערהערן אָט די ווערטער אין דעם זעלבן טאָג. דעם זעלבן טאָג, ווען איך האָב זי צום ערשטן מאָל א קוש געטאָן...

שפּיר נאָך די אפּישן. פארגעדענק, וויִאזוי דער פילם הייסט — „פארווירקלעכטע טרוימען״. זאָלסט ניט דורכלאָזן די סצענע מיט דער זון, מיט די טויבן, מיט עמען. איך וויל, זאָלסט א קוק טאָן אָף איר. איך בין זיכער, אז זי וועט דיר געפעלן״.

מייער סאַפּיר האָט אַליין אַ בלאָז געטאָן אין שויפער, און באַלד טאַקע האָט זיך צו־נויפגעזאַמלט דער גאַנצער אוילעם, וואָס באַוווינט די גרויסע אומגעלומפּערטע געבײַדע.

דער אַלטער האָט מיט אַ האַרבן בליק באַקוקט אַלעמען:

— און ווו זײַנען אַשער און בראַניע?

דאָס האָט אַלעמען איבעראַשט. דעם דריטן דאָר, די אייניקלעך, פלעגט דער זאַקן קיינ־מאָל ניט פאַרבעטן אַף מישפּאָכע־באַראַטונגען. איז איינס פון די ביידע: אָדער דער אַלטער האָט באַשטימט פאַררעכנען זיי אינעם שטאַם פון דערוואַקסענע, אָדער ער האָט זיי געלאָזט רופן „צוליב מוסער". בראַניע האָט זיך צוגעזעצט אַפן שפּיץ פונעם בענקל, געקוקט מיט ברייט צעעפנטע אויגן אַף דער בלייכער עמע, און אַליין פאַררויטלט זיך, גלײַך זי וואָלט געווען אין עפּעס שולדיק. אַשער האָט אַ ציִ געטאָן מיט דער נאָז די לופט, פונקט ווי דער הונט רעזוס, און אַף יעדן פאַל צוגעגרייט דאָס פלעשעלע מיט די אויגן־טראָפּן.

דער אַלטער האָט זיך שווער אָנגעשפּאַרט מיט די פויסטן אַפן טיש, די אָדערן האָבן ווי אָנגעבלאָזן זיך און בלאָו געוואָרן. דערנאָך האָט ער זיך אופגעהויבן פונעם אָרט, די ברעמען אַראָפּגעלאָזט, ווי ער וואָלט געוואָלט אויסבאַהאַלטן פאַר דער וועלט די אייגענע רוגזע. אָפּגעשטעלט זײַן שווערן בליק אַף עמעס פּאָנעם, האָט ער אָנגעהויבן אַרויסציִען פון זיך די ווערטער:

— דו שטעלסט צו שאַנדע אונדזער שטוב... אַ וויסטער ביזאָיען! מייער סאַפּירס טאָכטער האָט פאַר אַ גרויסן אוילעם זיך געקושט מיט עפּעס אַ מיליטערמאַן. אַזאַ כאַרפּע! ווער איז ער, אָט דער... ווער איז ער, פרעג איך דיך?

די טאָכטער האָט געקוקט אַף איר צעוווילדעוועטן פאָטער, אַף זײַנע אײַזערנע פויסטן, געקוקט, גלײַך זי וואָלט אים ניט דערקענט. און גיי ווייס, פאַרוואָס גראָד אין אַזאַ שווערער מינוט קומען אויף אַזעלכע נאַרישע געדאַנקען: „די געלקײַט מאַכט קאַליע דעם פאָטערס באָרד. שוין בעסער, אַז זי זאָל אינגאַנצן גראָו ווערן. צוליב וואָס עפנט ער אַזוי ברייט דאָס מויל, ווען ער רעדט? און פאַרוואָס שרײַט ער אַזוי? וואָס האָב איך אים אַזוינס געטאָן?"

דער פאָטער האָט אויסגעטײַטשט איר שווײַגן אַף זײַן אויפן. און ער האָט זייער געוואָלט, אַז אַזוי זאָל דאָס טאַקע זײַן. זײַן האַרץ האָט שטענדיק געדאָרשט נאָך שאָלעם.

עמע האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן? איז דאָס אַ גוטער סימען. זי שעמט זיך פּאַשעט. זי שווײַגט? איז אויך גוט. זי האָט פּאַשעט ניט וואָס צו ענטפערן. און ניט דעם ענטפער איז ער אויסן. ער נייטיקט זיך ניט אין אים. ער קען אַליין ענטפערן:

— ווער איז ער?.. אַ פּרעמדערוק. אַ נאַווענאַד. הײַנט איז ער דאָ, און מאָרגן ערגעץ אַנדערש. אַליין אַוועק, און דעם ביזאָיען אונדז איבערגעלאָזט.

עמע האָט ווידער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. געפּרוווט פאַרבאָרגן די טרערן אַף די ווי'עס. „ער וועט ניט אוועקפאָרן. ער טאָר ניט אוועקפאָרן..."

דער פאָטער האָט ווידער אויסגעטײַטשט דער טאָכטערס טרערן אַף זײַן אויפן. אַ גוטער סימען. זי האָט כאַראָטע. לעאָן רוגמאַן, וואָס דאַרף ווערן איר כאָסן, איז אַ קלוגער מענטש. ער וועט ניט לייגן קיין אַכט אַף קיין פּליאָטקעס.

אָבער פאַרוואַנדלען אַזוי גיך צאָרן אַף כעסעד טויג ניט. אין דער דאָזיקער שטוב מוז זײַן אַ שטרענגע אָרדענונג. זאָל רוגמאַן זען, אַז ער קומט אַרײַן אין אַ ריינער און שיינער מישפּאָכע. דערפאַר טאַקע האָט ער אים פאַרבעטן אַהער.

האָט ער מיט צאָרן געזאָגט עמען:

— דו דאַרפסט זײַן שטרענג באַשטראָפט! נאַר...

אָבער וואָס פאַר אַ שטראָף? שלאָגן זי וועט ער דאָך ניט. די צײַט גייט, און ער האָט גאָרנישט ניט צוגעטראַכט. ניט שיין. ניט פאַר איר, ניט פאַר רוגמאַנען. און פאַר די קינדער אויך.

— ...איז... באַשטים אַליין זיך אַ שטראָף. און לויט איר האַרבקײַט וועלן מיר שוין מיש־פּטן, אַף וויפל ערנסט דו האָסט אָנערקענט דײַן זינד. און גיב אַ שווּע...

עמע האָט פעסטער צונויפגעדריקט די ליפּן און געשוויגן. זי האָט פּאַשעט מוירע געהאַט, אַז אויב זי וועט עפענען דאָס מויל, וועט זי אַרויסזאָגן זייער האַרבע ווערטער. און וואָס באַשטייט איר זינד? אַף וואָס דאַרף זי כאַראָטע האָבן? און וואָס דאַרף זי זיך מוידע זײַן? און וואָס פאַר אַן אוויירע?..

אַשער האָט מיט ווייטעק זיך אײַנגעהערט אין דער שטילקײַט. „פאַרוואָס אָבער מישט זיך קיינער ניט אַרײַן אין אָט אָ־דעם ניט גלײַכן געראַנגל?.." ער וואָלט דאָס אַליין געטאָן.

טאָר ער ניט. צו יונג. ער האָט נאָך דאָ ניט קיין דייע. פונדעסטוועגן מוז ער א פּרווו טאָן. ער האָט אָנגעטאַפּט אין דער קעשענע די פּיפּעטקע און שוין געוואָלט א קאָמאַנדעווע טאָן: „אַנו, זיידעניו, לייג זיך!..‟ נאָר געכאַפּט זיך: באַ אַזוינע אומשטענדן וואָלט דאָס נאָך פאַר־גרעסערט דעם זיידנס צאָרן.

בראָניע האָט געבעטן גאָט, אַז דאָס אַלץ זאָל זיך גיכער ענדיקן. זי האָט מוירע געהאַט, אַז נאָך עמען וועט אָנקומען איר ריי. ווײַל אויב מע וועט זיך דערוויסן, אַז זי פּירט זיך אַרום מיט באָריסן...

וועכנע, וואָס האָט זייער ליב געהאַט איר מאַן, געגרויסט זיך מיט אים, האָט באַשטימט, אַז אויב ער, דאָקטער סיגאַל, שווײַגט, טאָ דאַרף זי אויך זיך ניט מישן.

געשוויגן האָבן אויך אַלע איבעריקע. אַפילו לעאָן רוגמאַן האָט אויך געשוויגן.

בלויז די גוטמוטיקע גיטע האָט זייער ווייך באַמערקט דעם פאָטער:

— דאָס איז דאָך געווען ניט קיין עמעסדיקע קושן, נאָר... ווי זאָגט מען דאָס... פאַלשע... זי איז געווען זיכער, גיטע, אַז דער פאָטער וועט באַלד א שמייכל טאָן, און די כמאַרע וועט אַריבער.

ס'קען זײַן, אַז ס'וואָלט טאַקע אַזוי געשען. דער אַלטער האָט שוין אַליין געוואָלט, אַז סע זאָל גיכער נעמען א סאָף צו דער שפּיל און ס'זאָל ווידער ווערן שאָלעם. נאָר עמע אַליין...

זי האָט זיך א הייב געטאָן פונעם אָרט, א בליץ געטאָן מיט אירע ברענענדיקע אויגן אָף די עלטערע שוועסטער און אומדערוואַרט פאַר אַלע, אומדערוואַרט פאַר זיך אַליין, האָט זי געזאָגט:

— זיי זײַנען ניט געווען קיין פאַלשע. איך האָב אים ליב.

מייער האָט זיך שווער אופגעהויבן. פון אים ביז זײַן טאָכטער איז געווען א מעהאַלעך פון צען טריט. ס'האָט זיך אָבער געדוכט, אַז ער גייט און גייט און קען בעשום־אויפן ניט דערקלײַבן זיך. ווען ער איז צוגעקומען צו עמען, איז ער אַליין געווען בלייך, ווי די וואַנט. ער האָט אופגעהויבן זײַן אײַזערנעם פויסט, און... ווער ווייסט, וואָס עס וואָלט געשען. פּלוצ־לינג האָט בראָניע א קוויטשע געטאָן:

— באָבעלע!

אָנגעכאַפּט זיך מיטביידע הענט פאַר דער טיר, קוים האַלטנדיק זיך אָף די פיס, האָט אָף דער שוועל פונעם אַלקערל זיך באַוויזן די באָבע... שוין קימאַט צוויי יאָר ליגט זי אין איר כיידערל א האַלב־געליימטע, אָן אויסגעשלאָסענע פונעם לעבן, פון אַלע מישפּאָכע־איניאָנים. ווי זשע האָט זי זיך אָנגענומען מיט קויעך און אַראָפּגעקראָכן פונעם בעט? אַלע זײַנען געבליבן ווי געפּלעפּט. און מייער... באַ מייערן איז דער פויסט געבליבן הענגען אינדערלופטן.

15

ניט איין מאָל איז געשען אַזוי. שפּעט אין דער נאַכט, ווען דאָס שטעטל איז שוין גע־שלאָפן, איז זינטשענקאָ צוגעקומען צו עמעס פענצטער. עפּשער, עפּשער וועט זי אים באַ־מערקן. ער איז גרייט געווען אָפּשטיין אַזוי א גאַנצע נאַכט, פּיל נעכט, קעדיי כאָטש אָף א מינוט, אָף איין־און־איינציקער מינוט אַרײַנקוקן אין עמעס אויגן. און זאָגן איר דאָס, וואָס ער וויל איר זאָגן, וואָס ער מוז איר זאָגן. געוואַרט, געוואַרט און זיך דערוואַרט. זי האָט אים טאַקע דערזען.

— גייט אַוועק! שוין זשע... — האָט זי דורכגעשטאַמלט.

רעזוס איז איר געקומען צוהילף. ער האָט שוין גוט פאַרשטאַנען, אַז אויב א מענטש וויל אַרײַנקומען אין שטוב ניט דורך דער טיר, נאָר דורכן פענצטער, הייסט עס, אַז דער דאָזיקער מענטש האָט פאַרטראַכט עפּעס שלעכטס. זינטשענקאָ האָט אים געוואָרפן א שטיקל וורשט. רעזוס האָט דאָס אַרומגעשמעקט, אַפּגיך אײַנגעשלונגען און ווידער אָנגעהויבן בילן, אָבער שוין ניט אַזוי פאַרשײַט. זינטשענקאָ האָט אויסגענוצט די פּאַוזע.

— מאָרגן אינדערפרי פאָר איך אַוועק. איך בעט אײַך זייער, קומט צו גיין. אָף א רעגע נאָר. געזעגענען זיך.

— גוט, גוט, כ'וועל אַרויסקומען.

ער האָט געוואַרט א שאָ, צוויי. אַזוי שפּעט באַנאַכט וועט זי שוין געוויס ניט קומען. ער האָט זיך אופגעהויבן פון דער באַנק, שוין גרייט געווען אַוועקגיין, און דאָ האָט ער באַ־מערקט עמען. זי איז געווען זייער בלייך, און דערפון האָט זינטשענקאָ פאַרקלעמט באַם האַרצן.

— וואָס איז מיט אײַך? — האָט ער פאַרדײַגעט געפרעגט.

עמע האָט זיך צוגעזעצט אױף דער באַנק:

— איך בין געקומען אױף א מינוט. געזעגענען זיך.

— געזעגענען זיך?..

— איר פאָרט דאָך אוועק. ס׳איז דען ניט עמעס?

— ניין, עמע. ס׳איז עמעס. איך פאָר װירקלעך אוועק. מאָרגן. איר מעגט מיר גלייבן.

— איך גלייב אײַך.

איין רעגע, נאָך א רעגע... ער שווײַגט. וואָס שווײַגסטו, גוילעם, האָסט געהאַט אזויפיל איר צו זאָגן!

— מיר איז שווער... מיר איז שווער צעשיידן זיך מיט אײַך. זייער שווער.

— מיר אויך... מיר איז אויך שווער שיידן זיך.

ערשט איצט האָט זינטשענקאָ זיך אָנגענומען מיט מוט:

— עמע, איך האָב אײַך ליב, עמע...

ער האָט איר דערלאַנגט ביידע הענט און פאַרנייגט זיך פאַר איר:

— דאָס איז אלץ, וואָס איך האָב דיר געוואָלט זאָגן... באַם געזעגענען זיך...

זי האָט געגלעט זײַן האַנט און איבערגעכאַזערט, ווי אין שלאָף:

— געזעגענען זיך, צעשיידן זיך... מע דאַרף ניט. פאָר ניט אוועק, פעדיא.

— דאָס איז אוממעגלעך. איך וועל אָבער קומען צו דיר... אומבאַדינגט.

זי האָט צוגעדריקט איר קאָפּ צו זײַן ברוסט:

— דו וועסט שרײַבן?

— אומבאַדינגט. דו וועסט ענטפערן?

זי האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ:

— ניין.

— פאַרוואָס?

— איך שרײַב שלעכט רוסיש. וועסט מיך נאָך אויסלאַכן.

— איך קאָן שווערן.

— ניין. מ׳דאַרף ניט. אלציינס וועל איך דיר אצינד ניט שרײַבן. איך שטודיר איצט רוסיש. אז כ׳וועל זיך אויסלערנען, וועל איך דיר שרײַבן. און איצט גיי איך שוין.

עמע איז שוין געווען לעם איר שטוב, ווען זי האָט איינצײַטיק דערהערט אָניאָגנדיקע טריט און רעזוסעס בייזן געברום.

זי האָט זיך אומגעקערט. א פּאַרסאָפּעטער, גיכער פון אופּרעגונג, איידער פונעם געלויף, האָט זינטשענקאָ געגומען עפּעס שטאַמלען:

— איך האָב דיר געוואָלט זאָגן... איך האָב דיך זייער ליב. איך וועל אומבאַדינגט קומען. און מיר וועלן כאַסענע האָבן. און מיר וועלן אוועקפאָרן קיין לענינגראַד. און איך וועל דיך באַקענען מיט מײַן שוועסטער, מיט ווערען. זי איז זייער א גוטע, ווערא... דו גלייבסט מיר? גלייבסט מיר, ליבע מײַנע?..

זי האָט אים ארומגענומען, א קוש געטאָן אים אין די ליפּן.

— ליבער...

זי האָט זיך געײַלט, ווײַל דער דאָזיקער פּריקרער הונט האָט מיט זײַן בילן געקאָנט אופ־הייבן אף די פיס די גאַנצע שטאָט. רעזוס אָבער האָט בלויז ערלעך אויסגעפּילט זײַן כויוו. אָט דער פרעמדער מענטש מיטן שאַרפן לעדער־רייעך, מיט רימענס איבער די פּלייצעס און מיט א פּודל אף דער זײַט שטיקט די יונגע באַלעבאָסטע אין זײַנע אָרעמס. דאַרף מען זי ראַ־טעווען, צי נייןָ? ער וואָלט אליין געקאָנט זיך ספּראַווען מיט אים, דאַרף ער האָבן א האַסקאָמע פון דעם הויפּט־באַלעבאָס.

מיטאַמאָל איז רעזוס אנשטילט געוואָרן. זינטשענקאָ האָט דערפילט, ווי עמעס האַרץ האָט אָנגעהויבן פיבערדיק צו קלאַפּן, האָט ער זי באַפרײַט פון זײַנע אָרעמס. זי איז צוגעלאָפן צו דער קאַליטקע, צעעפנט זי און געבליבן שטיין א פאַרכאַלעשטע: אינמיטן הויף, אין אונטער־וועש, איינגאַנצן א ווײַסער, פון די באָרוועסע פיס ביז דער גראָוער באָרד, איז געשטאַנען איר פאָטער. ער האָט געהאַלטן זײַן האַנט אפן ברוינעם קאָפּ פון דעם שטיל געוואָרענעם הונט. עמע האָט ארײַנגעצויגן אירע אקסל, וואָרטנדיק אף א פּאַטש.

דער אַלטער איז געשטאַנען פאַרגליווערט, ווי א פאַרקישעפטער פון דער לעוואָנע־שײַן. דעמלט האָט זי שטיל דורכגעשטאַמלט:

— ער פאָרט מאָרגן אוועק.

דער אַלטער האָט זיך אויסגעדרייט צו איר מיטן רוקן.

16

ער האָט איר געשריבן לאַנגע בריוו. לאַנגע און אָפטע. צומאָל — אויך קורצע. ער האָט קיין צײַט ניט געהאַט. לאַכלוטן ניט. זיי זײַנען געשטאַנען אף דער גרענעץ. די בריוו זײַנע פלעגט עמע זאַרגזאַם צונויפליגן, געגלעט זיי בעשאַסמײַסע און נאָכדעם פאַרבאַהאַלטן. זי האָט פלײַסיק שטודירט רוסיש. געפּרוּווט אפילע ענטפערן אים. ס׳האָט זיך אָבער דערווײַל ניט באַקומען. נאָר זי האָט ניט פאַרניכטעט די ניט־אָפּגעשיקטע בריוו, זאַרגזאַם צונויפגעלייגט זיי. ווען ער וועט קומען, וועט זי זיי אים ווײַזן: „אָט זעסטו דאָך, כ׳האָב דיך ניט פאַרגעסן, געענטפערט אף דײַנע בריוו״.

זינטשענקאָ האָט אָבער וועגן דעם ניט געוווּסט. ער האָט ארויסגעקוקט אף אירע בריוו און ניט אופגעהערט טראַכטן וועגן עמען און ניט געקאָנט פאַרשטיין, פאַרוואָס זי שרײַבט ניט. צי דען האָט זי פאַרגעסן אין אים? צי דען איז דאָס געווען ניט מערער ווי א כאָלעם? זי האָט דאָך אָבער אליין געזאָגט! ליבער מײַנער! — האָט זי געזאָגט. און עפּשער... עפּשער האָט דער טאַטע אירער זי געצוווּנגען כאַסענע האָבן פאַר יענעם אדוואָקאַט: און גאַנץ מעגלעך, אז ער איז גערעכט, איר טאַטע. ער דאַרף נייטיקער האָבן אין שטוב אן אייגענעם אדוואָקאַט, איידער א מיליטערמאַן, א נאַווענאַדניק, וואָס איז הײַנט דאָ און מאָרגן דאָרטן. אָבער עמע!

וויפל זשע זײַנען דורכגעלאָפן אזעלכע אומרויִקע טעג און שלאָפלאָזע נעכט? א כוידעש, צוויי, צי עפּשער מערער? אים האָט זיך געדוכט, אז יאָרן זײַנען אוועק. ביז... ביז... אין איינעם א טאָג האָט ער באַקומען א בריוו.

דאָס האַרץ האָט מוירעדיק געקלאַפּט. פונוואַנען? פון לענינגראַד? ניין, פון וולאַטשעוו! ער האָט אומגעדולדיק אופגעריסן דעם קאָנווערט, אזוי האַסטיק, אז ער האָט אָנגעריסן א ביסל דאָס בריוול, און דורכגעלאָפן מיט די אויגן איבער די שורעס. עמע! איר א ביסל גע־בראָכענער קסאַוו. פונוואַנען נעמט זיך בא איר, בא דער שוואַכינקער דאַרינקער עמאָטשקע, אזא קויעך, אזא גרויסער קויעך, אף ווידערשטיין, אנטקעגנשטיין און ניט אונטערגעבן זיך?

„קום צו פאָרן, מײַן ליבער. כאַטש אף א רעגע...״

פאַרשטייט זיך. ער פאָרט. באַלד. שוין.

ער איז אוועק צום קאָמאַנדיר בעטן אורלויב. אף דרײַ טעג, ניט מער.

דער קאָמאַנדיר האָט אָפּגעזאָגט.

— אויב אַזוי, איז אָף צוויי טעג. איך בעט אײַך. ס׳איז מיר זייער נייטיק. זייער.

דער קאָמאַנדיר האָט געכאַפּט אויף אים א שטרענגן קוק. ער איז געווען ניט אויף קיין סאַך עלטער פון זינטשענקאָן. האָט ער קורץ באַפוילן:

— אויף א מעסלעס. מאָרגן, צוועלף נול־נול מוזט איר זײַן דאָ. פאַרשטאַנען?

— פאַרשטאַנען.

ניין. ניט פאַרשטאַנען.

מיט וואָס וועל איך קענען איר העלפן פאַר א מעסלעס?..

נאָר דעם קאָמאַנדיר האָט ער ניט דערווידערט. ער קען נאָך כאַראָטע האָבן.

17

כאָטש מייער האָט זיך דעמלט אויסגעדרייט צו דער טאָכטער מיטן רוקן, האָט ער אָבער אין הארצן דערפריייט זיך. „ער פאָרט אוועק". הייסט עס, א סאָף. א סאָף צו דער דאָזיקער מיִעסער געשיכטע. פאַרזיכטיק, אַז ס׳זאָל זיך ניט באַקומען, אַז ער שלאָגט זיך אָן, האָט סאַפיר געפּרוּווט א שמועס טאָן מיטן אַלטן רוגמאַן. יענער האָט געגעבן אָנצוהערן וועגן די פליאַט־קעס, וואָס האָבן זיך פאַרשפּרייט אין שטעטל. האָט מייער אָפּגעענטפערט מיט ווירדע:

— אויב אַזוי, האָב איך אײַך גאָרניט געזאָגט.

ס׳זײַנען אוועק כאַדאָשים, די אַלטע פלעגן זיך העפלעך באַגריסן, ווען זיי האָבן זיך באַ־געגנט, אָבער וועגן שידעך האָבן זיי מער ניט גערעדט.

וואָס איז שײַעך דעם יונגן רוגמאַנען, האָט ער זיך געפילט געקריוודעט. אין זײַנע אויערן האָבן נאָך אַלץ געקלונגען די ווערטער: „זיי זײַנען ניט געווען קיין פאַלשע. איך האָב אים ליב". דאָס איז, אויב איר ווילט, א פּאַטש אין פּאָנעם.

אָבער וואָס טוט מען?..

ער האָט זייער ליב געהאַט עמען. שוין לאַנג ליב געהאַט. נאָר ווי אַן אַדוואָקאַט, איז ער געווען געוווּנג ניכטער. יאָ, ליבע, פאַרשטייט זיך... אָבער אַזוי, אַז זײַן ווירדע זאָל ניט גע־מינערט ווערן. א מענטש, וואָס איז ניט בעקויעך אײַנאָרדענען זײַנע אייגענע איניאָנים, איז אַוודע ניט מעסוגל צו פאַרטיידיקן פרעמדע.

האָט ער זיך געוואַקלט, געוואַרט מיט א שטענדיקער גרייטקײַט אַרויסווײַזן גרויסמוטי־קײַט און א קוש טאָן די האַנט, אויב עמע וועט זי אויסשטרעקן.

ער האָט געוואָלט גלייבן, אַז דאָס וועט גיך פאַרקומען, אויב דער לייטענאַנט האָט זיך אָפּגעטראָגן צו אַלדי רוכעס. ער האָט ניט געוווּסט, אַז עמע באַקומט פון אים בריוו, אַז זי לייענט זיי איבער עטלעכע מאָל, לייגט זיי צוניף, באַהאַלט זיי, און אין די שלאָפלאָזע נעכט באַקומט זי זיי אַרויס פון דער באַהעלטעניש און לייענט זיי ווידער איבער. ער איז געווען זיכער, אַז עמע פילט זיך פּאַשעט דערשלאָגן פון דער שטעטלדיקער פּלוידערײַ, פון איר שולד קעגן אים.

סאָפּקאָלסאָף האָט ער זיך אָנגענומען מיט מוט און איז אוועק צו די סאַפּירס. נאָר דערפון האָט זיך גאָרניט באַקומען. עמע האָט אים ניט אויסגעשטרעקט איר האַנט.

— וואָס איז מיט דיר? — האָט געפרעגט דער פאָטער, ווען לעאָן האָט זיך אומגעקערט אַהיים ביז גאָר א דערשלאָגענער.

— טאַטע, איך קען אָן איר ניט לעבן, — האָט ער געענטפערט אומבאַהאָלפן, ווי א גרויס קינד.

אַזעלכע ווערטער האָט דער אַלטער רוגמאַן דערהערט פון אים ערשטע מאָל. איז ער אַוועק צו מייערן.

עמע האָט ניט אויפגעהערט צו לייענען און איבערלייענען זינטשענקאָס בריוו. וואָס ווײַ־טער אָבער, האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי לייענט עפּעס א ביכל. וועגן א פרעמדער ליבע. אָבער צו איר האָט אַ־די ליבע קיין שום שײַכעס ניט. נעכטן האָט זי באַקומען פון אים א בריוועלע. זיי פאָרן ווידער אַריבער אויף אַן אַנדער אָרט. אַלץ ווײַטער און ווײַטער. פון איר. פון דער ווירקלעכקײַט...

א פּאָר מאָל האָט מען געזען לעאָנען און עמען צוזאַמען. די עלטערן זײַנען שוין געווען צופרידן. אַלץ גייט ווי ס׳דאַרף צו זײַן.

אין איינעם א טאָג האָט עמען אַרײַנגערופן צו זיך די קראַנקע מאַמע. עמע האָט זיך אָנ־געבויגן, א קוש געטאָן די אַלטיטשקע. די מוטער האָט אַרומגענומען די טאָכטער און שטיל אַרויסגערעדט:

— דער פּאָטער און לעאָן פּאַרן דאַנערשטיק קיין לוואָוו נאָך כאַסענע־מאַלבושים. וואָס פּאַר אַ קלייד וואָלסטו געוואָלט?

עמע האָט גאָרנישט ניט געענטפערט. די מוטער האָט אַ זיפץ געטאָן און אויך אַנשוויגן געוואָרן.

אַ גאַנצע נאַכט איז עמע ניט געשלאָפן. אַלעמאָל האָט זי אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די קאָלדרע, אופגעשטאַנען, נאָכאַמאָל געלייגט זיך, אַרויסבאַקומען פון אונטערן קישן פּיאָדאָרס בריוו און געלייענט. געלייענט און געוויינט.

דאָס איז געווען מאָנטיק. דינסטיק האָט זי אַוועקגעשיקט זינטשענקאָן אַ קוויטעלע: „קום צו פאָרן, מײַן ליבער. כאַטש אף אַ רעגע”.

דאָנערשטיק האָט זי באַקומען אַ טעלעגראַם: „כ׳קום, באַגעגן אַפן וואָקזאַל”.

18

פאַרן אָפּפאָרן האָט דער אַלטער מייער שטרענג אַ קוק געגעבן אף רעזוסן. דער הונט האָט אים געענטפערט מיט זײַן איבערגעגעבענעם בליק: „זײַט רויִק, באַלעבאָס. איך וועל קיין פרעמדן ניט לאָזן אין שטוב אַרײַן”. דער אַלטער אָבער איז נאָך געבליבן שטיין, ניט גערירט זיך פונעם אָרט, גלײַך ער וואָלט עפּעס פאַרגעסן. רעזוס איז אַרופגעשפּרונגען מיט די פּאָדערשטע לאַפּעס צו אים אף דער ברוסט, און זיי האָבן זיך אַרומגענומען.

דער טאָג איז געווען אַ וואַרעמער, אַ פרילינגדיקער. רעזוס האָט געדרעמלט מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן, אופמערקזאַם נאָכגעשפּירט נאָך עפּעס אַ זשומענדיקער פליג. ער איז געווען זיכער, אַז דער באַלעבאָס האָט זיך אומזיסט באַאומרויִקט, אַלץ איז אין אָרדענונג. פאַר אַ גאַנצן טאָג איז אים ניט אויסגעקומען אַפילע איין מאָל אַ האַווקע טאָן.

ווען ס׳איז געוואָרן פינצטער, האָט רעזוס דערהערט מענטשלעכע טריט און דערפילט עפּעס אַ באַקאַנטן רייעך. עמע האָט געפירט זינטשענקאָן, ווי אַ קינד, פאַר דער האַנט, שטיל זיך געגאַנוועט אין שטוב אַרײַן. רעזוס איז אופגעשפּרונגען און פאַרשטעלט זינטשענקאָן דעם וועג. עמע האָט זיך אָנגעבויגן צו דעם הונט, עפּעס אײַנגערוימט אים אין אויער און צאַרט אַ גלעט געטאָן. רעזוס האָט אַ ווײַלע געקווענקלט זיך, דערנאָך, אומצופרידן ברומענדיק, וואָס מע צווינגט אים, ער זאָל באַגיין אַזאַ אוולע, דורכגעלאָזט זינטשענקאָן, ניט אַראָפּלאָזנדיק אָבער קיין אויג פון אים. אַ דריי געטאָן מיטן ווידל, אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, האָט רעזוס געשמאַק זיך אַ צי געטאָן און צוגעזעצט זיך באַם סאַמע גאַנעק, גרייט יעדע ווײַלע אַ ריס טאָן זיך פונעם אָרט, ווי נאָר ס׳וועט זיך דערהערן פון דער שטוב עפּעס פאַרדעכטיקס.

ניט אַרויסלאָזנדיק פעדיעס האַנט, האָט עמע אים דורכגעפירט דורך עפּעס אַ קאָרידאָרל, ווו ס׳איז געווען שטאָק־פינצטער. פּיאָדאָר האָט זי אַרומגענומען, דערפילט דאָס וואַרעמקײַט פון איר לײַב, און אים האָט זיך פאַרדרייט דער קאָפּ. זיי האָבן ביידע פאַרמאַכט די אויגן, פאַרכאַלעשטע פון גליק, די ליפּן זייערע האָבן גיריק געזוכט איינע די צווייטע און צונויפ־געגאָסן זיך אין אַ זיס־ביטערן קוש...

זי האָט אים ווידער גענומען פאַר דער האַנט און געפירט ווײַטער. אַציגד זײַנען זיי גע־שטאַנען פאַר אַ פאַרמאַכטער טיר. עמע האָט זי שטיל אַ שטופּ געטאָן, דורכגעלאָזט זינטשענ־קאָן, אַרײַנגעגאַן אַליין און פאַרמאַכט נאָך זיך די טיר.

פּיאָדאָר האָט זיך אַרומגעקוקט. דאָס קליינע צימערל איז געווען שוואַך באַלויכטן. ס׳זײַנען געשטאַנען אַ בעט, אַ טישל, אַ בענקל און מער קימאַט גאָרניט. אפן בעט איז אומבאַוועגלעך געלעגן אַן אַלטע פרוי. זי האָט געקוקט אף אים מיט ברייט צעעפנטע אויגן. טונקעלע אויגן. געקוקט און געשוויגן. פּיאָדאָרן איז פון אָט דעם בליק געוואָרן עפּעס שווער אפן האַרצן. ער האָט אָבער באַלד באַמערקט, אַז דער בליק ווערט ווייכער, צוגעלאָזטער.

עמע האָט זיך אָנגעבויגן צו דער מוטער. עפּעס אײַנגערוימט איר אין אויער, דערנאָך אַרויסגערעדט העכער:

— בענטש אונדז, מאַמע.

די זקיינע האָט קוים אופגעהויבן אירע דאַרע הענט, אַרופגעלייגט זיי אף עמעס קאָפּ, אַ גלעט געטאָן און איבערגעלייגט זיי אף פּיאָדאָרס קאָפּ. עמע האָט אַ קוש געגעבן דער מוטערס האַנט, אָנגעשטרענגט געקוקט אף אירע צונויפגעשלאָסענע ליפּן, דערפרייט זיך, ווען זיי האָבן זיך צעעפנט און עפּעס דורכגעפליסטערט, שטיל, קימאַט קלאַנגלאָז, אַזוי, אַז זינטשענקאָ האָט גאָרנישט ניט דערהערט. עמע אָבער האָט יאָ דערהערט, זי האָט אונטערגעהויבן דער מאַמעס קאָפּ און זי אַ קוש געטאָן אין די ליפּן.

פּיאָדאָרן האָט זיך פאַרוואָלט זאָגן עפּעס זייער אָנגענעמס:

— בא דײַן מאַמען זײַנען פּונקט אַזעלכע אויגן, ווי בא דיר.

עמע האָט, שמייכלענדיק, דערווידערט:

— ניין, פּעדיעטשקע. בא מיר זײַנען דער מאַמעס אויגן.

זיי האָבן זיך געזעגנט מיט דער מוטער. עמע האָט ווידער גענומען זיגנטשענקאָן פאַר דער האַנט און אַוועקגעפירט אים צו זיך אין צימער.

19

גאַנצפרי איז געקומען פון וועג דער אַלטער. נאָך פונדערווײַטנס האָט רעזוס דערשמעקט א סאַך נײַע רייכעס, וואָס דער באַלעבאָס האָט געבראַכט מיט זיך. דער הונט איז צוגעלאָפן צו דער קאַליטקע, ארײַנגעשטעקט די מאָרדע צווישן איר און דעם סלופּ און געעפנט זי. אַנגע־לאָדן מיט פּעקלעך, האָט דער באַלעבאָס ניט געקאָנט, ווי געווײנלעך, א גלעט טאָן דעם הונט איבערן קאָפּ. רעזוס האָט אָבער געפילט, אַז דער באַלעבאָס איז געקומען אין א גוטער שטי־מונג, איז ער אויך געווען צופרידן און האָט זיך גענומען שפּרינגען און טאַנצן אַרום אים.

דער אַלטער איז ארײַן אין שטוב און באַלד ארויסגעקומען מיט א פּאַרכוישעכטן פּאַנעם. ער האָט אָנגעהויבן בלאָנקען איבער די צימערן, ארײַנגעכאַפּט זיך צו זײַן אַלטיטשקער, אָפּגע־שטעלט זיך בא דער טיר פון עמעס צימער. זיך צוגעהערט מיט אַלע כושים. עמעצער איז געווען בא אים אין שטוב — דאָס איז קלאָר!

דער כשאַד, וואָס האָט זיך ארײַנגעגאַנוועט אין האַרץ, האָט פאַרלאָשן די פריידיקע אויפ־געֵרעגטקייט. ער סטאַרטעט זיך, פּאַרט אַרום, קופּט אײַן מאַלבושים, מאַטאַנעס, ניט פאַר זיך דאָך, פאַר איר, פאַר עמען, פּאַטערט די לעצטע קאָפּעקעס — און אָט האָסטו דיר!..

א צעווילדעוועטער, האָט ער זיך ארײַנגעריסן אין עמעס צימער.

— דו וועסט האָבן א שלעכטן סאָף, — האָט ער אויסגעשריגן גלײַך פון דער שוועל. זײַן קאָל און די דראָענדיק אויסגעשטרעקטע האַנט האָבן געציטערט פון צאָרן. — איך וואָרן דיך: דו וועסט האָבן א שלעכטן סאָף. מיר וועלן זיך אָפּזאָגן פון דיר און שוין.

עמע האָט א שמייכל געטאָן.

— טאַטע, מיר דוכט זיך, אַז דו מעגסט שוין... אָפּזאָגן זיך.

„מעשוגע, צי כאַסערדייע?..״ — האָט דער אַלטער א טראַכט געטאָן, א מאַך געטאָן מיט דער האַנט און איז אַרויס.

אין שטוב, צווישן די פיר ווענט פון איר צימערל, איז פאַר די צעברויזטע געפילן געווען ענג. עמע איז אַוועק אין א סקווער, צוגעקומען צו דער באַנק, וווּ זיי זײַנען אַמאָל געזעסן אינצווייען, און אַוועקגעזעצט באַנאַנד פיאַדאָרס שאָטן. זי איז געזעסן שטיל, אומבאַוועגלעך, קעדיי ניט אָפּשרעקן אים, און מיט אַן אָנגעשטרענגטער אופמערקזאַמקײַט באַטראַכט עפּעס א צווײַגעלע, וואָס עמעצער האָט אָפּגעבראָכן און אַוועקגעוואָרפן לעבן דער באַנק. צו איר שטענגעלע האָט זיך צוגעסמאָקטשעט א בונטע רויפּע — א קליין בריעלע מיט א רויט פּאַסיקל איבער דעם גאַנצן רוקנדל, מיט ווײַסע פינטלעך אויף די גלאַנציק־שוואַרצע שטרײַפעלעך פוןביידע זײַטן, מיט א רויט היטעלע אויפן קעפּל. דאָס שטיקעלע פּילפּאַרביק, מישטיינסגעזאָגט, לעבן איז געווען אומבאַוועגלעך, גלײַך דאָס וואָלט שוין ניט געווען קיין לעבן, נאָר א פאַנטאַ־סטישער רעמעז אויף דעם. און פּלוצעם האָט זיך דאָס קעפּעלע א ריר געטאָן און גענומען פּרעסן די קליינע בלעטעלעך. עמע האָט אופגעהויבן דאָס צווײַגעלע, עטלעכע מאָל עס א טרייסל געטאָן. די רויפּע אָבער האָט זיך, ווײַזט אויס, ניט שטאַרק דערשראָקן פאַר דער ערדציטער־ניש, פּעסט זיך אײַנגעקלאַמערט אינעם צווײַגל און פאַרגעזעצט איר סודע. עמע האָט אַוועקגע־שלײַדערט דאָס צווײַגל, געוווּנדערט זיך: אַזא קליין בריעלע און פרעסט אַזוי פיל און גיריק...

ווען עמע איז ווידער ארײַן צו זיך אין צימער, האָט זי דערזען א טונקעלן סילועט אויפן פּאָן פונעם ליכטיקן פענצטער. דאָס פּאָנעם פונעם מענטש, וואָס איז געזעסן מיטן רוקן צום פענצטער, איז שווער געווען צו באַמערקן, ס׳האָבן נאָר געבלישטשעט די גלעזלעך פון די ברילן. רוגמאַן. דאָס איז ער. געקומען מײַסע באַלעבאָס, זיך צוגעזעצט און וואַרט אויף איר. אויפן טיש זײַנען געלעגן עטלעכע פּעקלעך.

ער האָט זיך אופגעהויבן איר אַנטקעגן, א שמייכל געטאָן און א קוש געטאָן איר האַנט.

— איר האָט ניט געבענקט?.. איך — יאָ. אַזוי געבענקט, אַז אין די געדאַנקען האָב איך געיאָגט צו אײַך גיכער, ווי דער שנעלצוג.

מיסטאָמע האָט ער געגרייט אָט די פראַזע אין מעשעך פון דעם גאַנצן וועג, פון לוואָוו קיין וואָלאָטשעוו. נאָר זי האָט זיך באַקומען בא אים א ביסל לעפּיש.

„ער סטאַרעט זיך, נעבעך, אַזוי..." — האָט זי ראַכמאָנעס באַקומען אויף אים און באַשטימט זאָגן אים דעם ריינעם עמעס.

— איר זענט אַ גוטער, אָרנטלעכער מענטש, לעאָן. איך וואָלט ניט געוואָלט באַליידיקן אייך. נאָר... איך האָב ליב אַן אַנדערן.

ער וואָלט געדאַרפט אַ הייב טאָן זיך פונעם אָרט, ווערן אופגעקאָכט, אַ טראַסקע טאָן מיט דער טיר און אַוועק. נאָר ער איז אַלץ געזעסן ווי צוגעזאָטן צום בענקל.

פּלוצעם האָט זיך עמע צעשמייכלט. ערשט דאַן האָט ער אַ בליץ געטאָן אויף איר מיט די ברילן־גלעזלעך:

— וואָס איז אייך אַזוי פריילעך?

עמע האָט גאָרנישט ניט געענטפערט. זי האָט זיך אַליין געוואָלט אויסשמייסן פאַר איר טאַקטלאָזיקייט. ווי קאָן מען עס שמייכלען אין אַזאַ מינוט? זי האָט געוואָלט עפּעס זאָגן אויף אַנטשולדיקן זיך, נאָר ניט געפונען קיין ווערטער. זי האָט דאָך ניט געקאָנט אים זאָגן, אַז באַנאַכט איז אויף דעם זעלבן בענקל געזעסן פּיאַדאָר. און ער, לעאָן, האָט פּונקט דעמלט געהאַלטן אין איין צוטראַכטן אַן איבערראַשנדע פראַזע, מיט וועלכער ער האָט געוואָלט אויסדריקן זיין ליבע צו איר. גאָט מיינער, ווי אַלץ אין דער וועלט איז קאַפּויר. מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף. איינער זיצט איצט אין צוג, פאָרט אַוועק פון איר אַלץ ווייטער און ווייטער, און יענעם האָט זי ליב. דער צווייטער יאָגט צו איר אין די געדאַנקען גיכער פונעם שנעלצוג, אָבער זי איז צו אים לאַכלוטן גלייכגילטיק.

20

דאָס נייע לעבן האָט זיך צעשפּראָצט מיט יעדן טאָג, ווי נאָך אַ גוטן, זומערדיקן רעגן, און אַריינגעבראַכט אין יעדער שטוב פיל נייס און פיל גוטס. און ניט ווייניק נייע זאָרגן אויך.

איז עמע אַוועק אַרבעטן אין קינדערגאָרטן, און איר האָט זיך געדוכט, אַז טאַקע נאָר די סאָוועטן האָבן דאָס געקאָנט טאָן פאַר איר. זי האָט אפילע ניט געוואָגט צו טרוימען וועגן אַזאַ אַרבעט.

דרייסיק קינדערלעך, וואָס טאַנצן אַרום איר אַ גאַנצן טאָג, טאַנצן און זינגען, און איר קלינגט די גאַנצע צייט אין די אויערן אַ פּאָר ווערטער, וואָס זיינען פאַר איר פול מיט צאַרט־קייט און ליבע: עמע — מאַמע, עמע — מאַמע!..

נאָכמען דער טרוימער, נאָכמען, וועמען זיין טאַטע האָט אַזוי אָפט גערופן שלימאַזל, נאָכ־מען, וואָס האָט געטרוימט פאַרפולקומען די עספּעראַנטאָ־שפּראַך, איז געוואָרן אַ לערער אין דער היגער שול, אַ לערער... פון מאַטעמאַטיק. ווייל ערשט איצט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מאַטעמאַטיק איז זיין הויפּט־באַרוף.

יעפים סיגאַל, דער צעטראָגענער מאַלער, וואָס פלעגט אָנשרייבן אַ רעצעפּט און אָפט אַליין ניט קענען אים איבערלייענען, איז געוואָרן אַ מעלוכישער אָנגעשטעלטער אין היגן שפּיטאָל. ער איז מיטאַמאָל געוואָרן אַ סאַך ערנסטער, שטענדיק פאַרטראַכט, שטענדיק פאַר־דייגעט, אפילע אין דער היים האָבן אים רוען ניט געלאָזט די שפּיטאָל־איניאָנים.

און עפשער מער פאַר אַלץ איז די נייע צייט פאַר מייער סאַפּירס הויזגעזינד באַשטאַנען אין דעם, וואָס לוזער, דער בכאָר לוזער, וועלכער איז פאַר אַלע שטוביקע און אויך פאַר די אַרומיקע שוין פון לאַנג געשטאָרבן, איז פּלוצעם אופגעשטאַנען טכיאָס־האַמייסים.

לוזער איז געווען דער גרעסטער סאָד פאַר מייער סאַפּירס שטוב, זייער פּלאָג און זייער שרעק.

לוזער איז געווען אַ קאָמוניסט.

ער איז שוין געווען אַ באַוויבטער, און זיין זלאַטע האָט שוין אים געבוירן אַ זון, דעם רויטן מאָניקן, נאָר לוזער איז פאַרבליבן אַזאַ ווי געווען, ערגעץ אַרומגעיאָגט, ניט געסטייעט אויף גאַנצע כאָדאָשים, זיך געיאָוועט אַמאָל באַנאַכט און פאַרשוווּנדן געוואָרן ווידער באַנאַכט.

אייגנטלעך, איז לוזער געווען ענלעך אויף זיין טאַטן. אַזאַ אַקשן ווי ער, אַזאַ שטרענגער און פונקט אַזוי איבערגעפולט מיט טיינעס צו דער וועלט. נאָר דער אַלטער מייער האָט נאָך אַלץ געזוכט אַן ענטפער אויף זיינע קאַשעס, און לוזער האָט זיי שוין געפונען. און מיט זיינע ענטפערס איז ער געווען פעסט און אומגעוואַקלט.

ווען דער אַלטער מייער האָט באַקומען די יעדיע, אַז דער טריבונאַל האָט פאַרמישפּעט לוזערן אויף צען יאָר טפיסע, האָט ער צונויפגערופן די גאַנצע מישפּאָכע און געוואָרנט, אַז לוזער איז פאַר זיי אַלעמען געשטאָרבן. און אַזוי זאָלן זיי זאָגן יעדערן, ווער ס'וועט זיך נאָכפרעגן אויף אים. זלאַטען האָט ער ווי פאַרשווירן:

— גערענק, זלאטע, דו ביסט אן אלמאָנע!
זלאטע האָט האַכנאָעדיק איבערגעכאַזערט:
— איך גערענק, איך בין אן אלמאָנע. אוודאי בין איך אן אלמאָנע.
און צעוויינט זיך, טאַקע אַזוי, ווי מע באַוויינט אַ טויטן:
— אַן אלמאָנע! דאָס גאַנצע לעבן אַן אלמאָנע! מײַן מאַניקל איז די גאַנצע צײַט ווי אַ יאָסעם.
האָט דער אַלטער שוין געמוזט שטילן דעם אייגענעם צאַרן:
— נו גענוג, מע דאַרף ניט וויינען. דו ווייסט דאָך, איך בין מאַניקן ווי אַן אייגענער טאַטע.
און ווידער זיך געווענדט צו אַלעמען:
— איר דאַרפט שטענדיק געדענקען, אַז די דעפּענזיווע לויערט אַרום אונדזער שטוב.
איניינעם מיט נאָך עטלעכע קאָמוניסטן איז לוזער אַנטלאָפן פון דער טורמע אין די ערשטע טעג נאָכן אַנפאַל פון די דײַטשן אויף פּוילן, ווען די צעפּוילטע מלוכה האָט אָנגעהויבן צעפאַלן ווערן. מיט גרויס סאַקאָנע געיאָגט, געלאָפן אויף מיזרעך און געקומען קיין וואָלאָטשעווו. קימאַט איניינעם מיט דער רויטער אַרמיי. איז אויסגעקומען באַם אַלטן מייער, אַז דאָס האָט טאַקע ער, לוזער, זי אַראָפּגעבראַכט אַהער, די רויטע אַרמיי, און ביידע איניינעם — די אַרמיי מיט לוזערן — האָבן געבראַכט מיט זיך די נײַע צײַט.
לוזער, וואָס איז געווען די פּלאָג און די שרעק פון די סאַפּירס, איז געוואָרן זייער שטאָלץ. נאָר וואָס איז דערפון אַרויסגעקומען, אַז געזען אין דער היים האָט מען אים ניט אָפּטער, ווי אין די יאָרן, ווען ער איז געווען אַ נאַווענאַדניק, געווען אין אונטערערד. איצט האָט ער פאַרנומען אַ גרויסן פּאָסטן, געווען פאַרטרעטער פון פאַרזיצער פון ראַיויספּירקאָם, נאָר זעלטן ווען געזען געווען אין דער היים. דײַגעס האָט ער געהאַט מערער פון אַלע איבעריקע סאַפּירס, אַרומגעפאָרן פון דאָרף צו דאָרף, און זײַן זלאטע האָט געהאַט אַ גרונט צו קלאָגן זיך:
— באַ אַלעמען זײַנען די מענער ווי מענער. און מײַנער... ניט מערער, ווי אַ נאַכט־פויגל... און דאָך... טאַקע אַ דאַנק לוזערן... שכיינים גייען דורך פאַרבײַ דער קוזניע און גריסן זיך מיטן אַלטן גאָר אויף אַן אַנדער אופן. פרעגן זיך נאָך וועגן עפּעס נײַס, גלײַך ער, דער אַלטער קאָוועל, וואָלט מיטאַמאָל געוואָרן דאָס אייבערשטע פונעם שטייסל. אַפילו דער אַלטער רוגמאַן, ווען דער שידעך איז פריִער ניט אָנגעשטאַנען, וואָלט איצט גערן געווען זיך מעשאַדעך זײַן מיטן קאָוועל... עמע זאָל נאָר זאָגן איין וואָרט...
די פּויערים פון די אַרומיקע דערפער האָבן איצט אויך אויף אַ נײַעם אופן זיך געגריסט מיט מייערן. געווען אין זייער „גוטמאָרגן", אין זייער בליק, אין זייער שמייכעלע עפּעס אַזוינס, וואָס האָט זיי געמאַכט פיל נעענטער, אייגענער, גלײַך זיי אַלע וואָלטן מיטאַמאָל געוואָרן נאָענטע קרויווים.
אייניקע האָבן זיך בלויז געגריסט, און מיכײַלאָ גולאַס, פונעם נאָענטן דאָרף, וואָס פּלעגט אָפּטמאָל צופאָרן צו דער קוזניע אונטערקאָווען אַ פערד אָדער פאַריכטן דעם וואָגן, האָט אַפילו פאַרפירט מיטן אַלטן אַ שמועס וועגן פּאָליטיק:
— וואָס וואָלט געווען, ווען מיר פאַרבעטן אײַך צו אונדז אין דאָרף? מיר שאַפן אַ קאָלכאָז, און מיר דאַרפן זייער נייטיק האָבן אַ קאָוועל.
בלויז מוישע גובער, באַ וועמען דער מיסכער האָט אָנגעהויבן פאַלן, איז ניט געווען צופרידן מיט דער נײַער צײַט און מיט דער נײַער מאַכט. און כאָטש לוזער, דער שוואָגער זײַנער, איז איצט געווען גאָר אַ געהויבענער מענטש, האָט ער אויסגעמיטן זיך באַגעגענען מיט אים, און ווען לוזער האָט אין אַ זעלטענעם אָוונט זיך אַ יאָווע געטאָן אַהיים, האָט מוישע געמאַכט זיך, אַז ער איז קלוימערשט קראַנק. מוישע האָט פּלוצלינג אָנגעהויבן קוקן אויפן הימל, זוכנדיק אין אים סימאָנים פונעם וועטער. און ווײַל די שטימונג איז באַ אים לעצטנס געווען אַ געפאַלענע, האָט ער שטענדיק פאַרויסגעזאָגט עפּעס שלעכטס און געלייגט אַלעמען שטייגער אויפן האַרצן:
— מע קאָן ניט וויסן, מע קאָן נאָך ניט וויסן, וואָס דערפון וועט אַרויס.
און ס'איז שווער געווען פאַרשטיין, וועמען ער מיינט, — דעם וועטער, צי די צײַט ביכלאַל.
געווען איז נאָך אין וואָלאָטשעווו איינער אַ ציופע, אַן אומצופרידענער מיט דער נײַער צײַט. קיינער האָט ניט געוווּסט, מיט וואָס ער פאַרנעמט זיך, כאָטש געפירט האָט ער זיך ווי אַן עכטער באַלעגוף. מע האָט אים זעלטן געזען אַ ניכטערן.
יענער זוניקער הארבסט, וואָס האָט אַרײַנגעבראַכט אַזויפיל נײַס אין מייער סאַפּירס הויזגעזינד, האָט מיטגעבראַכט אויך דעם סאָוועטישן אַפּיצער פיאָדאָר זינטשענקאָ. געזען האָט מען אים זעלטן, נאָך זעלטענער פון לוזערן, נאָר געטראַכט האָבן וועגן אים אַלע. און ער, פיאָ־

דאָר, האָט אויך געקענט אַלעמען, כאָטש ניט אַלעמען האָט ער געזען. עמע האָט אים וועגן אַלעמען דערציילט. אַפּילע וועגן שלוימקען. כאָטש צו די סאַפּירס האָט ער קיין שום שײַכעס ניט געהאַט, נאָר אין וואָלאָטשעווו האָבן שלוימקען געקענט אַלע און עמע האָט געהאַלטן, אַז אויך פּיאַדאָר מוז וויסן וועגן אים.

געווען איז שלוימקע אַ באָכערל, ווי אַלע אין זײַן עלטער, נאָר אַ ביסל אַ היקעוואַטער. און ניט דאָס פאַרהיקען זיך האָט אים אַזוי באַרימט געמאַכט, ווי דאָס קרימען זיך. ביז ער ברענגט אַרויס אַ וואָרט, הייבט ער אָן קרימען זיך, אײַנציִען די באַקן, פאַרדרייען מיט די ליפּן, אַז אַ זײַטיקער קאָן מיינען, אַז שלוימע איז פּאָשעט מעשוגע. דערצו האָט ער אַ גאַנצן טאָג זיך אַרומגעדרייט איבער דער שטאָט, געוווסט אַ סאַך נײַס, טשיקאַווע זאַכן, און זייער ליב געהאַט איבערדערציילן זיי. האָט ער שטענדיק געהאַט אַרום זיך נײַגעריקע צוהערער. באַזונדערס די לעצטע צײַט, ווען דער אוילעם האָט יעדן טאָג געוואַרט אָף עפּעס נײַס.

האָט מען אַרויסגעקוקט אָף שלוימקען אין יעדער שטוב.

און די סאַפּירס אויך. און אַפּילע עמע אויך.

וועגן אַלץ האָט פּיאַדאָר געדאַרפט וויסן. און דאָס, וואָס זי, עמע, האָט ניט באַוויזן אים דערציילן, האָט זי אים באַשריבן אין אירע בריוו. האָט זי אים אויך באַשריבן גענוי דאָס אײַזערנע שטיבעלע, וואָס דער טאַטע האָט אויסגעמײַסטערוועט פאַר דעם קליינעם מאָניקן. ס'האָט געהייסן — אַ שפּילעכל. נאָר ס'איז געווען אַזוי שווער, אַז אַפּילע אַ דערוואַקסענעם איז ניט גרינג געווען אַ ריר טאָן פון אָרט. האָט דער אַלטער מיסטאָמע אין זינען געהאַט עפּעס אַנדערש, ניט בלויז קיין שפּילעכל. כאָטש דערקלערט האָט ער עס אַזוי:

— קיין פידלען מײַסטערוווען קאָן איך ניט. נאָר אײַזערנע שטיבעלעך מיט פאַרשלאָסענע טירעלעך!..

ווער ווייסט, וואָס דער אַלטער האָט געמיינט דערמיט.

די נײַע צײַט... זי איז געווען פול מיט הילכיקער פרייד, מיט שטילן נאַכעס און מיט טיפן, פאַרבאָרגענעם אומרו.

21

דאָס איז געווען דער לעצטער בריוו, וואָס עמע האָט געשריבן:

„...איך האָב זיך אויסגעבענקט נאָך דיר. כ'ווייס ניט, וואָס כ'וואָלט געטאָן, ווען ניט מײַנע דרײַסיק קינדער. מ'קען פון זינען אַראָפּ פון אַזאַ בענקשאַפט. איך טרײַב ניט איבער. אַלע רעדן וועגן אַ מילכאָמע. און דאָס שרעקט מיך זייער. נאָר דו האָסט דאָך צוגעזאָגט קומען!

אין מײַן גרופּע זײַנען פאַראַן פיר סאָניעס. כוץ אונדזער וועכנעס טעכטערל, אַ ברוינ־אויגיק מיידעלע מיט געקרײַזלטע הערעלעך, איז פאַראַן נאָך דרײַ. ווען איך רעד אַרויס „סאָניע", הייבן זיך אַלע פיר פון זייערע ערטער. די קינדער אייפערן איינע די אַנדערע, זיי ווײַזט זיך אויס, אַז איך באַצי זיך צו אייניקע אַ ביסל בעסער. נאָר איך באַצי זיך צו אַלעמען גלײַך. איך האָב זיי אַלע ליב. דאַכט זיך, אַז זיי האָבן מיך אויך ליב. ווייסט, ווי זיי רופן מיך? „עמע־מאַמע". עמעצער פון זיי האָט דאָס צוגעטראַכט, און אַלע האָבן דאָס אונטערגעכאַפּט, און ווען איך בין ניטאָ, הייבן זיי אָן צו מעקען, ווי די ציגן: מע־מע־ע־ע..., וואָס דאַרף באַטײַטן: „עמע־מאַמע" אָדער „מאַמע־עמע". דוכט זיך, פּעדיטשקע, אַז דײַן עמע וועט טאַקע ווערן אַ מאַמע. קום צו פאָרן, מײַן ליבער. כאָטש אָף אַ רעגעלע...

אַ גוטע נאַכט, אַ רויִקע. כ'וואָרט".

נאָר אין יענער נאַכט איז שוין קיין רו ניט געווען. ס'האָט שוין געטאָגט, אַ בלייך שטיקל הימל האָט אַרײַנגעקוקט אין פענצטער. און אָף אָט דעם בלייכן הימל האָט זיך צעהודעט אַ טשאַטע אַעראָפּלאַנען. עמע איז שוין אַ ביסל געווען צוגעוווינט צו אָט די קלאַנגען און די ערשטע מינוטן ניט געלייגט אָף דעם קיין אַכט. נאָר פּלוצעם האָט אַ קנאַל געטאָן אַ שטאַרקער אופרײַס. עמע איז אופגעשפּרונגען פונעם בעט, פאַרטײַעט דעם אָטעם און אײַנגעהערט זיך. אַ נײַער אופרײַס, נאָך אַ מער הילכיקער, האָט אופגעטרייסלט די לופט.

עמע איז אַוועק צו דער מוטער. דאָרטן איז שוין געזעסן דער פאָטער. די מאַמע האָט שווײַגנדיק אַ קוק געטאָן אָף איר און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. ניט ווענדנדיק זיך צו קיינעם, האָט דער אַלטער געזאָגט:

— ס'האָט זיך שוין אָנגעהויבן.

ער האָט געהייסן אופוועקן אַלע דערוואַקסענע. נאָר איידער עפּעס וואָס איז אַרײַנגעלאָפן אַשער:

— זיידעניו, ס'ברענט! טו אַ קוק אָפן מיזרעכדיקן ברעג!

ניט דערוואַרט זיך, ביז דער זיידע זאָל עפּעס זאָגן, האָט ער אויסגעשריגן:

— איך לויף! מע דאַרף לעשן.

— וואַרט! — האָט אים האַרב געזאָגט דער זיידע. — מיר וועלן אַלע גיין.

עמע איז געלאָפן באַנאַנד מיט איר עלטערן ברודער, נאָכמענען. פאַר אירע אויגן האָט געשווינדלט אַשערס פּלייצע. אַ יונגער, אַ היציקער, האָט ער זיך אַרויסגעריסן פאָרויס. נאָך נעכטן, — האָט עמע אַ טראַכט געטאָן, — וואָלט זי בעשום־אויפן ניט געקענט זיך פאָרשטעלן, אַז הײַנט וועט זי לויפן מיט אַן עמער אין דער האַנט, אַ פאַרסאָפּעטע, אַ צעשויבערטע. דאָס האַרץ האָט מוירעדיק געקלאַפּט, און די געדאַנקען האָבן איר געמאָלט בילדער איינס שרעקלעכער פון אַנדערן. יאָ, ס'האָט זיך אָנגעהויבן. דאָס סאַמע שרעקלעכסטע. און איר פּיאָדאָר איז איצט געוויס אין די סאַמע געדיכטעניש פון דער צעפלאַקערטער סריפע. און וואָס קאָן אופטאָן זי, מיטן עמער אין דער האַנט? ווען זי ווייסט נאָר, ווו ער איז, וואָלט זי אַוועק צו אים, צו איר פּיאָדאָרן.

אַשער איז מיטאַמאָל פאַרשוווּנדן געוואָרן אין אײַנגעהילטער אינעם געדיכטן, טשאַדענדיקן רויך. עמע האָט זיך אַ וואָרף געטאָן נאָך אים. עפּעס אַ שטאַרקע האַנט האָט זי פאַרהאַלטן, און זי האָט דערהערט דעם טאַטנס קאָל:

— וווּהין יאָגסטו? לויף נאָך וואַסער!

ווען זי איז געקומען מיטן עמער וואַסער, איז פונעם רויך אַרויסגעלאָפן אַשער. דאָס גאַנצע פּאָנעם איז געווען אין סאַזשע. אויף די הענט האָט ער געטראָגן אַ מיידעלע. איבערגעגעבן דאָס קינד עמען, איז ער ווידער פאַרשוווּנדן געוואָרן אין געדיכטן רויך.

אַ ווײַלע איז עמע געשטאַנען מיטן קינד אויף די הענט, ניט וויסנדיק וואָס ווײַטער צו טאָן. ביז עמעצער האָט איר אונטערגעזאָגט:

— לויף אַוועק מיט דעם אין שפּיטאָל. צו סיגאַלן.

נאָר סיגאַל, דער שוואָגער אירער, — דער ווײַסער כאַלאַט זײַנער איז שוין אויך געווען פול מיט בלוט און מיט סאַזשע, — האָט אַפּגיך אַרומגעטאַפּט דאָס קינד און אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

זי ווייסט אַליין ניט, עמע, פאַרוואָס האָט זי פּלוצלינג אַזוי זיך צעוויינט. דאָס מיידעלע האָט זי ביז הײַנט קיינמאָל ניט געזען און ניט געוווּסט, ווער דאָס איז. נאָר אַ טויט קינד! אַ טויט קינד אויף אירע הענט!..

— הײַנט איז ניטאָ ווען צו וויינען! — האָט דער דאָקטער אָנגעשריגן אויף איר. — זעסט דאָך, וואָס עס טוט זיך. וואַש אָפּ די הענט און טו אָן אַ כאַלאַט. וועסט מיר העלפן, מיט וואָס דו וועסט קאָנען.

ווען מע האָט אין אַ האַלבער שאָ אַרום געבראַכט עטלעכע פאַרווּנדעטע און צווישן זיי אויך אַשערן, האָט עמע ווידער זיך צעוויינט.

— אַשער, אַשערל! — האָט זי געכליפּעט.

און ווידער האָט סיגאַל אויף איר אָנגעשריגן:

— וואָס פאַר אַ כליפּען אינמיטנדערינען? זעסט ניט? ער איז שטאַרק אָפּגעבריט, אַשער. פאַרזיכטיק, פאַרזיכטיק!.. וואַטע דערלאַנג מיר, אַ בינט מיט וואַטע.

און די סרייפע האָט זיך צעפלאַקערט וואָס אַמאָל שטאַרקער. איבערן פאַרסאַזשעטן הימל האָבן אָן אופהער געהודזשעט אעראָפּלאַנען, און אַלע מאָל האָט אין אַן אַנדער אָרט זיך אופגעריסן אַ באָמבע.

די שלאַכטן, וואָס האָבן זיך געמאָלט עמען ערגעץ ווײַט, דאָרט, ווו פּיאָדאָר געפינט זיך, האָבן אין אַ פּאָר טעג אַרום זיך דערנעענטערט צו דער שטאָט. גרימאַסן האָבן דורכגעשניטן שלוימקעס פאַרשוואַרצט געוואָרן פּאָנעם, ווי בליצן אַ פאַרוואָלקנטן הימל, ווען ער האָט דערציילט די גרויסע און קליינע סאַפּירס, וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט, אַז די דײַטשישע אַווטאָמאַטלער האָבן זיך שוין אַרײַנגעריסן אין שטאָט אַרײַן, און אַז אויף דעם מיזרעכדיקן ברעג, דאָרטן, ווו ס'איז געפאַלן די ערשטע באָמבע, קומען פאָר פאַרביטערטע שלאַכטן.

„הייסט עס, אַז פּיאָדאָרן וועט זי שוין ניט זען", — האָט מיט שרעק אַ טראַכט געטאָן עמע. פרײַער פלעגט זי אָפּקערעווען אירע אויגן פון שלוימקעס טאַנצנדיקן פּאָנעם, איצט איז איר געוואָרן אַלצייגס. זי האָט זיך צוגעהערט צו זײַנע נײַעסן מיט האָפענונג און נײַגער. שלוימקע האָט געהאַט אַ לאַנגע נאָז און לאַנגע אויערן, און ער פלעגט טאָמיד דער ערשטער דערהערן און דערשמעקן עפּעס נײַס.

אלע זייַנען אַצינד געווען אין דער היים, כוץ סיגאַלן. גאַנצע מעסלעסן איז ער געווען פאַרנומען מיט די פאַרוווּנדעטע. עמע האָט אים ניט דערקענט: אָט די־אָ פאַרשלאָפענע בריזע זאָל אַרויסווייַזן אַזויפיל ענערגיע און מעסירעסנעפעשדיקייַט.

אלע זייַנען געווען אין דער היים, ווייַל די אַנשטאַלטן זייַנען געווען פאַרמאַכט: דער קינדערגאָרטן, ווו עמע האָט געאַרבעט, די שול, ווו נאַכמען איז געווען א לערער. דער אַלטער מייער האָט אויך צוגעמאַכט זייַן קוזניע. זינט די מילכאָמע האָט אויסגעבראָכן, האָט ער, ווי א קוואָטשקע, געהאַלטן אין איין רופן און זאַמלען אַרום זיך די קינדער און אייניקלעך, און נאָכגעשפּירט, אַז קיין איין אויפעלע זאָל זיך ניט אָפּשלאָגן פון דער היים. איצט איז ער אויך געשטאַנען, צוגעהערט זיך צו שלוימקעס רייד, געשטאַנען א ביסל פונדערווייַטנס, מיט א פּאַריסענער באָרד. זי איז שוין געוואָרן אינגאַנצן ווייַס און האָט איצט צוגעגעבן זייַן טונקעלן ברייטנאָזיקן פּאָנעם דערהויבנקייַט.

פלוצלינג האָט ער דערהערט, ווי רעזוס האָט זיך צעבילט. דערנאָך האָט ער דערזען, ווי עמע איז אַפּגיך צוגעלאָפן צו דער טיר, צעפּראַלט זי און איז אַרויס אַפן גאַנעק. א פלאַטערנדיקע האָט עמע אַרומגענומען פיאַדאָרן און אַוועקגעפירט צו זיך אין צימער.

— נו, דערצייל, טייַערער, וואָס טוט זיך עס אַף דער וועלט. איך האָב אַזוי אַרויסגעקוקט אַף דיר. נו, דערצייל, דערצייל...

— איך בין געקומען אַף געציילטע רעגעס. מיר טרעטן אָפּ. איך האָב זיך אָפּגעבעטן אַף א פּאָר מינוט. בלויז אַף א פּאָר מינוט.

איז עמע אַנשוויגן געוואָרן. וואָס איז, אייגנטלעך, פאַראַן צו פרעגן און וואָס דערציילן? אַלץ איז אַזוי קלאָר, אַזוי גרויזאַם קלאָר!

— ווּעסט עפשער עפעס נעמען אין מויל אַרייַן?

— מע דאַרף ניט, עמעלע. מיר האָבן אין אונדזער רעשוס געציילטע מינוטן. מיר דאַרפן זיך דורכשמועסן און געזעגענען זיך.

זי האָט שטיל און האַכנאָעדיק אַנידערגעזעצט זיך באַנאַנד מיט פיאַדאָרן. „מיר דאַרפן זיך דורכשמועסן“... פאַרוואָס זשע שווייַגט ער?.. און זי שווייַגט אויך. עפשער דערפאַר, וואָס „געציילטע רעגעס“? סייַוויי וועט זי ניט באַווייַזן אַרויסזאָגן אַפילע א טויזנטכיילעק פון איר פרייד, פון איר ווייטעק און שרעק, פון אַלץ, וואָס זי האָט זיך געקליבן אים זאָגן, ווען זי האָט געוואַרט, געוואַרט און פאַרלוירן שוין די האָפענונג צו זען זיך מיט אים.

פיאַדאָר האָט זי א צי געטאָן פאַר ביידע הענט און אַוועקגעזעצט אַף זייַנע קני. זי האָט אַרומגענומען זייַן קאָפּ, און ער האָט דערפילט טרערן אַף זייַן שטערן. עמע האָט טיף אָפּגעזיפצט, און פונקט אַזוי ווי זלאַטע, ווען זי האָט אַרויסבאַגלייט לוזערן אין אַרמיי, האָט זי אַגמעסנעפעשדיק געפרעגט:

— אַף וועמען לאָזסטו מיך איבער, פיאַדאָר?

זינטשענקאָ האָט געשוויגן. עמע האָט אים א קוש געגעבן און דערפילט אַף די ליפּן עפעס קלעפּיקס.

— דו ביסט דאָך פאַרוווּנדעט! — האָט זי אויסגעשריגן.

— א קלייניקייַט, — האָט פיאַדאָר רויִק געענטפערט.

עמע האָט גיך פאַנאַנדערגענומען די פאַרבלוטיקטע האָר, דורכגעוואַשן די ווונד און פאַרבינטעוועט דעם קאָפּ.

— דו טוסט עס פלינק, ווי אַן עכטע קראַנקן־שוועסטער, — האָט פיאַדאָר געפּרוווט א שפּאַס טאָן.

— דער שוואָגער האָט מיך אויסגעלערנט, — האָט עמע דערקלערט.

— לוזער איז געווען? — האָט פיאַדאָר פלוצעם א פרעג געטאָן.

— געווען. אַרייַנגעכאַפּט זיך אַף א ווייַלע. אַף „געציילטע רעגעס“, ווי דו, און ווידער אַוועק. איך מיין, עפשער אין וואַלד אַרייַן...

— ווּעסט פאָרן מיט מיר, — האָט פיאַדאָר אַנטשלאָסן געזאָגט.

עמע האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ:

— דער פאָטער וועט ניט לאָזן. און ווי־אַזוי זשע לאָזט מען איבער א קראַנקע אומבאַהאָלפענע מוטער? און איך אַליין... אין מייַן צושטאַנד. איך האָב דיר דאָך געשריבן...

פיאַדאָר האָט געוואָלט עפעס זאָגן, נאָר פלוצעם האָט זיך די טיר צעפּראַלט, און אַף דער שוועל האָט זיך באַוויזן דער אַלטער מייער מיט א שווערן האַמער אין דער האַנט. ער האָט פּאַמעלעך דערנעענטערט זיך צו זינטשענקאָן:

— צי איז אייַך באַוווּסט, אַז עמע איז מייַן טאָכטער?

— טאַטע! — האָט עמע אויסגעשריגן.

— דו שווײַג! — און ווידער געווענדט זיך צו זינטשענקאָ: — צי איז אײַך באוווּסט, אַז דער פאָטער פון אײַער געליבטער איז אַ קאָוועל? — האָט ער דראָענדיק אַ טרייסל געטאָן מיטן שווערן האַמער.

פיאָדאָר איז בלייך געוואָרן.

— אײַער טאָכטער איז מײַן ווײַב!

עמע האָט זיך געשטעלט צווישן זיי און ווײַז געטאָן אַף פיאָדאָרס פאַרבינטעוועטן קאָפּ.

— קאָנסט אים שוין פלעטן דעם קאָפּ. דאָס וועט זײַן ניט שווער. זעסט דאָך, ער איז פאַרווונדעט.

דער אַלטער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם האַמער און געפרעגט:

— דו וועסט פאָרן מיט אים?

— ניין.

— פאַרוואָס עפּעס ניין? פאָר מיט אים אוועק! איר קאָנט אַלע אוועקפאָרן און מיטנעמען מיט זיך די קראַנקע מאַמע אויך. און שלעפּט שוין מיט מיט זיך אויך אָט דעם אַלטן. איך האָב שוין אויך קיין קויעך ניט. די הענט ציטערן, און דער האַמער וויל שוין מיך ניט פאָלגן...

דער אַלטער האָט אַ וואָרף געטאָן דעם האַמער אַף דער ערד און אָנגעהויבן זוכן עפּעס אין דער קעשענע פון זײַן אַלט אָפּגעבליאַקעוועט רעקל. אַרויסבאַקומען עפּעס אַ פּאַפּירל, האָט ער עס פאַנאַנדערגעוויקלט און דערלאַנגט זינטשענקאָ. פיאָדאָר האָט דערזען אַן אַנטיסע־מיטיש בלעטל.

— איך האָב געפונען אָט דאָס פלוגבלעטל אַף דעם ברוק, אינמיטן שטאָט, ווען קיין מיל־כאָמע איז נאָך ניט געווען. די פאַשיסטישע אַעראָפּלאַנען האָבן זיי פאַנאַנדערגעוואָרפן אַ פּאָר טעג פאַר דער מילכאָמע. קומט אויס, — האָט שטיל צוגעגעבן דער אַלטער, ווענדנדיק זיך צו זינטשענקאָ, — אַז מיט אונדז, ייִדן, האָבן זיי אָנגעהויבן די מילכאָמע אַף צוויי טעג פריִער...

אַוודע וואָלט פיאָדאָר געדאַרפט זיך איצט דורכשמועסן מיטן אַלטן. נאָר לאַנג שמועסן איז פאַשעטע ניט געווען ווען. טאַקע לאַכלוטן ניט. האָט ער געמוזט זאָגן עטלעכע געציילטע ווערטער:

— פאַרלאָזט די שטוב אײַערע, איר הערט? טשעפּעט זיך אָפּ פון אָט דער אַלטער כורווע. פאָרט אוועק. אָבער שוין. איר מוזט דרינגענדיק עוואַקוירן זיך. צי דען פאַרשטייט איר ניט?

פיאָדאָר האָט געוואָרט, אַז דער אַלטער זאָל זיך צעגוואַלדעווען אָדער גאָר ווידער אַ כאַפּ טאָן דעם האַמער. נאָר דער אַלטער סאַפּיר האָט שטיל געפרעגט באַ זיך אַליין:

— וווּהין פאָרן? די פאַשיסטן שטייען שוין באַ די טויערן פון דער שטאָט.

טאַקע דאָס האָט דערמאָנט פיאָדאָרן, אַז זײַנע געציילטע מינוטן האָבן זיך געענדיקט. סײַווי קאָן ער ניט ענטפערן דעם אַלטן אַף זײַנע פראַגעס.

— איך מוז גיין! — האָט ער אַרויסגערעדט, גלײַך געפילט זיך שולדיק אין עפּעס.

— כ׳וועל דיך באַגלייטן, — האָט עמע געזאָגט.

פיאָדאָר האָט אַ שפּאַן געטאָן צום אַלטן, אָנגעבויגן זיך, אופגעהויבן דעם האַמער און אַרײַנגעלייגט אים אין מייערס האַנט:

— פאַראַן אַן אַלטע רעוואָליוציאָנערע ליד וועגן קאָוועלס. פאַראַן אין איר אַזעלכע ווער־טער: „...און פאַר דער פרײַהייט, פאַר דער פרייד מיר וועלן קעמפן ביזן טויט!" האַלט פעסט דעם האַמער אין דער האַנט. און זײַט געזונט.

פיאָדאָר איז אַרויס צוזאַמען מיט עמען. זיי האָט באַגעגנט אַ פּורפּור־רויטער הימל און אַ געדיכטע שטילקײַט. רעזוס, וואָס איז געשטאַנען באַם גאַנעק, האָט דערלויבט זינטשענקאָן זיך אַ גלעט טאָן איבערן ברוינעם קאָפּ.

— פונדעסטוועגן איז ער אַ ווױלער מענטש, דײַן פאָטער. ער געפעלט מיר, — האָט פיאָ־דאָר געזאָגט עמען, צוזאַמכנדיק די קאַליטקע.

זיי האָבן געשפּאַנט שטיל. דערנאָך האָט עמע אים געפרעגט:

— דו וועסט מיר איבערלאָזן דײַן שוועסטערס אַדרעס?

— אַוודע. אַוודע.

זי האָט אַרויסגענומען פון איר בײַטעלע אַ בלאַקנאָטל, דערלאַנגט אים:

— פאַרשרײַב אויך דײַן געבורטסטאָג.

זינטשענקאָ האָט זיך פאַרויטלט. ער, פיאָדאָר, האָט זיך ניט אָנגעשטויסן צו דערוויסן זיך באַ עמען איר געבורטסטאָג...

— כ׳שרײַב. דעם זיבעצעטן אַפּרעל. און דײַנער?

אַ קויל האָט דורכגעסוויסטשעט פאַרבײַ עמעס אויער. זי האָט זיך געמאַכט ניט וויסנדיק, גלײַך ווי אַ פליג וואָלט דורכגעזשומעט. פיאָדאָר האָט זי אַ כאַפּ געטאָן פאַר דער האַנט:

אילוסטראציעס פונעם קינסטלער הירש פערקעל
צו די ווערק פון שאָלעם-אלייכעמען

(זע דאָס ארטיקל אף זע. 182)

„א גרינגער טאָנעס"

דרײַ ליטאָגראַפֿיעס צו „שיר־השירים"

„מאריענבאד"



„אן אנגעלייגטער בריס"

— פונוואנען האָט מען געשאָסן? האָסט ניט באמערקט?

— פון ציופּאַס שטוב.

— א שאָד, וואָס איך האָב קיין צייַט ניט.

עפּעס א צעשויבערטער ווערגעלעץ האָט זיי איבערגעיאָגט אַף א וועלאָסיפּעד און א געשריי געטאָן צו זינטשענקאָן:

— דו מאכסט די פּלייטע, האַ?

— דאָס איז טאקע ציופּאַ, — האָט עמע געזאָגט. — ער איז, ווי שטענדיק, שיקער.

איצט האָט עמע אָנגעהויבן אונטעריאָגן. זי האָט אים ארומגענומען, פּיאָדאָרן, הייס א קוש געטאָן און זיך אָנגערופן:

— גיי שנעלער, מייַן ליבער. זאָלסט ניט פארשפּעטיקן.

פּיאָדאָר האָט זי באַרויקט:

— פאר מיר זאָרג זיך ניט. היט אָפּ זיך און דאָס קינד אונדזערס.

און ער איז אוועק דעם פייַער און דעם רויך אנטקעגן. דאָס פייַער איז געוואָרן וואָס אַמאָל גרעסער, און דער רויך, אַן אונטערגעטריבענער פונעם ווינט, האָט זיך דערקליבן ביזן מיט שטאָט, פארקנוילנדיק זיך ארום דער ראטושע, דעם קלויסטער און דער נייַער העלער געבייַדע, וואָס איז ניט לאנג אויסגעבויט געוואָרן פאר א קינדערגאָרטן.

(סאָף קומט)

כראָניק

א גאס אף עטל באָרקאָס נאָמען

דער ראָסטאָווער שטאָט־אויספּירקאָם האָט אָנגענומען א באַשלוס אָנצורופן איינע פון די נייַע גאסן, וועלכע איז אויסגעבויט געוואָרן באם ברעג פונעם דאָן, אפן נאָמען פון עטל באָרקאָ.

אין ראָסטאָוו האָט עטל באָרקאָ זיך באזעצט צוזאמען מיט אירע עלטערן נאָך פאר דער רעוואָלוציע. זייַענדיק א סטודענטקע פונעם ראָסטאָווער אוניווערסיטעט, איז זי אריינגעטראָטן אין דער אונטערערדישער באָלשעוויסטישער אָרגאניזאציע און געארבעט אלס פאראנטוואָרטלעכער קוריער פונעם דאָנער פּארטיי־קאָמיטעט. אין די יאָרן פון בירגערקריג האָט זי אויסגעפילט וויכטיקע שליכעס אין קאמף קעגן די ווייַסגוואַרדייער. זי איז אומגעקומען אין מייַ 1919 אין עלטער פון 22 יאָר.

טעאטער און עסטראַדע

איבער די שטעט פון צאָפן־קאווקאז, קובאן און דאגעסטאן

אזא שעפערישע נעסיִע האָט לעצטנס דורכגעמאכט דער מאָסקווער יידישער דראמאטישער אנסאמבל.

די צושויער־זאלן אין קראסנאָדאר און מאכאטש־קאלא, אָרדזשאָניקידזע און גראָזני, קיסלאָוואָדסק, פּיאטיגאָרסק, יעסענטוקי און אנדערע קוראָרט־שטעט פון צאָפן־קאווקאז האָבן גאסטפריַינטלעך אויפגענומען די מאָסקווער יידישע שוישפּילער, וועלכע האָבן דאָרט באוויזן די ספּעקטאקלען „טעוויע דער מילכיקער״, „דרייַ פּינטעלעך״, „איבערן אָקעאן״.

די פאָרשטעלונגען האָבן צוגעצויגן טויזנטער צושויער, צווישן וועלכע עס זייַנען געווען א סאך פון די, וואָס זייַנען געקומען אהער אף אָפּרו פון די ווייַטסטע קאנטן פונעם לאנד.

מיט דער דאָזיקער גאסטראָלרייַזע האָט דער אנסאמבל פארענדיקט דעם טעאטראלן זומער פון 1973.

איצט איז דער טעאטער־קאָלעקטיוו ווידער אין מאָסקווע, וווּ ער האָט געעפנט דעם הארבסט־סעזאָן מיט א סעריע פאָרשטעלונגען פאר די צושויער פון דער הויפּטשטאָט.

אידע שולקינע

אידע שולקינע איז געבוירן געוואָרן אין 1920 אין דאָרף ניי־זשיטאָמיר (אוקראַינע). אָנגעהויבן זיך דרוקן אין ייִדישע פּעריאָדישע אויסגאבעס אין 1936. ארויסגעגעבן אין רוסיש צוויי ראָמאנען און דערציילונגען. וווינט אין ריגע.

ער

צום ערשטן מאָל האָט ער זיך באוויזן אין אונדזער הויף צוזאמען מיט א מיידעלע פון א יאָר אכט. דאָס מיידעלע האָט די גאנצע צײַט זיך ארומגעקוקט, געלאָפן פאָרויס, זיך אומגעקערט צוריק, ווי געטריבן פון נײַגעריקײַט. פאר איר איז דאָך דאָ אלץ געווען נײַ: דער יאם, דער וואלד, די ברעטערנע הײַזעלעך צווישן דעם ליכטיקן גרינס.

אין דער רעכטער האנט האָט ער געטראָגן א גרויסן געלן טשעמאָדאן, און מאכמעס דער שווערקײַט געשטעלט פאמעלעכע טריט. די אויגן האָט ער ניט אופגעהויבן, ווי א מענטש, וועמען דער וועג איז גוט באקאנט.

דאָס מיידעלע האָט א טרייסל געטאָן מיט די דינינקע צעפּעלעך און געוואָרפן א זײַטיקן בליק אפן טאטן. ער האָט געענטפערט מיט א ווונק, און זי איז ארופגעלאָפן אף אונדזער גאנעק. דאָ האָט ער אוועקגעשטעלט זײַן טשעמאָדאן און אויסגעשטרעקט זײַן מידע רעכטע האנט. א גרויסע האנט מיט פעסטע, קורצע, אזוי ווי אָפּגעהאקטע פינגער. האָט אומגעדולדיק אָנגעקלאפּט אין דער טיר.

פון פענצטער אין ערשטן שטאָק האָט אונדזער באלעבאָסטע אנע אים דערזען. זי האָט לײַכט אופגעציטערט, עפּעס ווי דערשראָקן זיך אָדער ווי דערפרייט, געעפנט די טיר און ארײַנגעלאָזט די געקומענע. אָן א באגריסונג, וואָכעדיק, ווי זי וואָלט ערשט נעכטן זיך געזעגנט מיט זיי.

אין דעם הויף האָב איך שוין געוווינט א סאך יאָרן, אָבער די דאָזיקע מענטשן ביז איצט קיינמאָל ניט געזען. „מיסטאמע געבראכט געריי־כערטע פישלעך", האָב איך א טראכט געטאָן. אנע האָט אונטערגעהאנדלט דערמיט, און האגאם זומער אפן שטראנד האָט מען אָט די פישלעך פארקויפט אין די קיִאָסקן אף יעדן ראָג, האָט זי אָבער געבראכט פון ערגעץ ווײַט קוישן מיט איר גאָלדיקער סכוירע. פון דעם איז די שטוב פול געווען מיט פיש־רייכעס, און אָן א שיר קעץ האָבן זיך דאָ שטענדיק ארומגעדרייט און זשעדנע זיך באלעקט.

איך בין אוועקגעגאנגען און ניט געטראכט וועגן די געסט. געקומען פארנאכט צוריק, האָב איך דערזען ארומגיין אין שטוב א ברייטפּלייציקן מאנספארשוין אין א העל־בלאָער מײַקע און אין ספּאָרט־הויזן. אונטער זײַנע טריט האָט געסקריפּעט דער דיל. ער האָט אופגעהויבן אף מיר א פּאָר גראָע, געלאָסענע אויגן, מיך אָנגעקוקט מיט א שווערן בליק און באלד אוועק צו זיך.

אף מאָרגן גאָר פרי האָב איך, ווי שטענדיק, שפּאצירט אפן פּליאזש. אין יאם האָט זיך געבאָדן נאָר איין מענטש. צײַטנווײַז איז ער אָפּגעשווומען ווײַט, אָבער ווי זיך דערשרעקנדיק פאר עפּעס, גיך זיך געלאָזט אף צוריק. ווער דאָס איז געווען, האָב איך ניט באמערקט.

ווען איך בין ארײַן אין וואסער און אָפּגעשווומען א היפּשע שטיק, האָב איך ניט ווײַט פון זיך גאָר אומדערווארט דערזען מײַן באלעבאָסטעס גאסט. ער האָט זיך באלד א לאָז געטאָן צום ברעג, פּונקט ווי פאר אונדזביידן וואָלט אין יאם געווען ווייניק אָרט. ער איז ארויס און פארשווונדן אין די דיונעס.

נאָך דעם האָב איך אים עטלעכע טעג ניט געזען. אויך דאָס מיידעלע ניט. נו, אפן שטראנד איז דאָך דאָס קיין כידעש ניט: יעדן טאָג פאָרן מענטשן אָפּ און עס קומען צו נײַע.

אין איינעם א פרימאָרגן איז די באלעבאָסטע ארײַן צו מיר, שווער זיך ארײַנגעזעצט אין דעם אלטן לענשטול, ארומגעקוקט זיך אין צימער און געבעטן באצאָלן פאָרויס פארן קומענדיקן כוידעש.

— איר פארשטייט, די מישפּאָכע האָט זיך

פאַרגרעסערט, מײַן ברודער איז אַראָפּגעקומען פון די סיבירער מעקוימעס, צוזאַמען מיט זײַן טאָכטער. איצט זײַנען זיי אוועקגעפאָרן אַף א פּאָר טעג אין געסט. מאָרגן קומען זיי צוריק.

אַף מאָרגן זײַנען זיי צוריקגעקומען. ער איז געגאַנגען פעסט און זיכער, אַזוי ווי א סאַפּיאָר איבער א וועג, וואָס ער אַליין האָט אָקאָרשט אַנטשעדיקט פון מינעס. דאָס מיידעלע האָט געשפּאַנט מיט אים טריט אין טריט. אַף אירע דאַרע באַקן האָט זיך צעלייגט א ברוינע אָפּגעברענטקײַט. אירע שיטערע צעפּלעך זײַנען פאַרבונדן געווען מיט בלויע סטענגעס. אַזוי ווי פאָריקס מאָל, האָט אַנע אויך איצט געשווינד אָן עפן געטאָן די טיר פאַר זיי, און אַף איר פּאָנעם האָט זיך ניט אויסגעדריקט קיין שום פרייד, אַפילע קיין שמייכל האָט זי ניט געטאָן.

באַטאָג האָט ער געשפּילט אין טעניס, אַפן טיש, וואָס די ייִנגלעך האָבן איבערגעלאָזט אין הויף. געשפּילט מיט זיך אַליין. ער האָט מײַסע קענער געהאַלטן אין דער האַנט די ראַקעטקע, איז פלינק אַריבערגעלאָפן פון איין ברעג טיש צום אַנדערן. זײַן בליק איז געווען שאַרף אָנגעצילעוועט, ער האָט צו זיך אַליין אויסגעשריִען באַפעלן: „איינס, צוויי, דרײַ!" און לויט דער קאָמאַנדע געשאָסן די גלאַנציקע שײַבע. ער האָט קימאַט שטענדיק געטראָפן און איז געווען שטאַרק צופרידן. אָט אַזוי האָט ער געשפּילט א צײַט לאַנג אי פאַר זיך, אי פאַרן קעגנער, און זײַנע קאָמאַנדעס האָבן פאַרפולט דעם הויף מיט א כאָרכלדיק בילערײַ.

דאָס מיידעלע איז שוין פון פרימאָרגן אוועק מיט שכייניש קינדער צום יאַם און דאָרטן זיך פאַרוואַנדלט אין א פריילעך, לעבנסלוסטיק מענטשל. זי האָט זיך געלערנט שווימען, אומבאַהאָלפן זיך געפּליוסקעט אין וואַסער און איינמאָל שיִער ניט דערטרונקען געוואָרן, ווען די כאַווערטעס וואָלטן ניט אונטערגעקומען צו דער צײַט. אָבער שוין דעם זעלביקן טאָג איז זי ווידער אַרײַן אין וואַסער, האָט ווײַטער טומלדיק זיך געפּליוסקעט און א צײַט געלעגן באַם סאַמע ברעג, זשמורענדיק זיך אַנטקעגן דער זון.

אָפּט האָבן די שכייניש קינדער איר צוגעטיילט עפּעס פון די עסנס, וואָס די מאַמעס האָבן זיי מיטגעגעבן. זי איז געבליבן באַם יאַם לענגער פון אַלעמען, איינזאַם געזעסן און געקוקט אַף דער שפּיל פון די כוואַליעס. איך האָב ניט געזען, אַז דער פּאָטער זאָל ווען־ניט־איז קומען נאָך איר זי אָפּנעמען.

אונדזער באַלעבאָסטע האָט באַקומען דאָס געצאָלט פאַרן כוידעש, און מער איז זי צו מיר ניט אַרײַן. פון הינטער דער ברעטערנער וואַנט האָב איך איינמאָל געהערט, ווי באַ מײַן שאָכנטע פּאָלינע מאָנט זי אויך געלט פאַרויס און דערציילט אײַנינוועגס וועגן אירע געסט:

— צוריקגעקומען... פופצן יאָר אין דער היים ניט געווען...

— פאַרוואָס אַזוי לאַנג? — האָט פּאָלינע געפרעגט.

— א סראָק געהאַט...

— א סראָק?

— יאָ. אין קריג איז דאָס געווען. שוין לאַנג פאַרגעסן און פאַרגעבן, — האָט אַנע געפּרוווט אָפּשאָקלען זיך.

— א, אין קריג... וואָס אַזוינס איז דאָס געווען?

אַנע האָט ניט געענטפערט. נאָך א ווײַלע שווײַגן האָט זי געזאָגט:

— א סיגאַרעטל האָט איר? נו, זיך באַנאַרישט, א צוצעק נאָך געווען; ניט באַגריפן וואָס־און־ווען... די דײַטשן האָבן געזוכט אַרבעטער, האָט ער זיך אָנגעדונגען. געפעלן געוואָרן די פאָרמע, דער פּאַיאָק...

— ער איז געווען א פּאָליצײַ? — האָט פּאָלינע געפרעגט מיט א ציטער אין שטים.

— ווער קאָן דאָס געדענקען, ווי מ'האָט זיי דאָרטן גערופן: פּאָליצײַען, לעגיאָנערן... — האָט אַנע בייז געענטפערט, — און וואָס האָב איך בכלל צו טאָן דערמיט? מ'האָט מיך געשלעפּט איבער די געריכטן, ווו, און וואָס, און ווען, און ווי?.. נו, גאָט צו דאַנקען, אָפּגעזעסן זײַן סראָק, וועט מען שוין לאָזן צורו.

אַנע האָט געשטעלט א פּאָר טריט איבערן צימער, און כ'האָב געהערט, ווי זי זאָגט נאָכדעם געלאַסן:

— ווייסט איר, נעכטן האָט מען אַרײַנגעפירט אין אוניווערמאַג פּויליש שטיוועלעך, ווײַסע, אַף פּוטער. שוין איינמאָל שטיוועלעך! פאַר אײַך וואָלט דאָס געווען ווי אָנגעמאָסטן.

איך האָב באַמערקט, אַז זי האָט איר גאַסט קיינמאָל באַם נאָמען ניט אָנגערופן. אַפילע, „ברודער" רופט זי אים אויך זעלטן און אָן כיישעק. זי זאָגט אַלץ: „ער איז אוועק", „ער איז געקומען", „ער שלאָפט"...

■

דער טאָג איז געווען א הייסער. אַזעלכע טעג גיבן זיך אויס אַפן ריגער שטראַנד ניט צו אָפט. דאָס איז א מאַטאָנע פון דער נאַטור, און אין אַזעלכע טעג דוכט זיך, אַז די וועלט איז באַזעצט דורכויס מיט שיינע, גוטהאַרציקע מענטשן, אַז ס'איז אַפילע קיין זייכער ניטאָ פון קיין שום בייז, פון מילכאָמעס, פון פאַרברעכנס. אין אַזעלכע טעג ווילט זיך נאָר פרייען, שמייכלען צו דער זון, צום יאַם, שמייכלען צו פרײַנט.

אין איינעם אַזאַ ליכטיקן פרימאָרגן, ווען איך בין געשטאַנען באַם שפּיגל און מיט א לײַכט געמיט שטיל אונטערגעזונגען, איז צו מיר אַרײַן

פּאָלינע און מיט ברייט־צעעפנטע אויגן צעשראָקן ארויסגעבראכט:

— איר ווייסט? אונטער איין דאַך מיט אונדז לעבט דאָך א פאשיסט!..

— ווער? — האָב איך פארווּונדערט געפרעגט.

— אָט איז ער! — האָט זי אָנגעוויזן אפן פענצטער.

איך האָב ארויסגעקוקט. איבערן הויף האָט געשפּרײַזט אנעס ברודער. ווי שטענדיק, מיט פעסטע, זיכערע טריט, אף קיינעם זיך ניט אומגעקוקט. נאָך אים איז נאָכגעלאָפן זײַן מיידעלע. די סטענגעס אף אירע צעפּלעך האָבן זיך פאנאנדערגעבונדן. דער פאָטער מיטן קינד האָבן זיך אָפּגעשטעלט אונטער מײַן פענצטער, און ווען ער האָט מיט זײַנע קורצע, מעגושעמדיקע פינגער געפּרוּווט פארבינדן א שלייף, האָט דאָס זײַדענע בענדל זיך ארויסגעגליטשט פון זײַן האַנט. דעמלט האָט ער מיט כּעס א ריס געטאָן די סטענגע און זי דערלאַנגט דעם מיידעלע, ווי איינער זאָגט: „טו, וואָס דו ווילסט!”

דאָס מיידעלע האָט זיך ארומגעקוקט, ניט באמערקט אין הויף קיינעם, ווער ס'זאָל איר העלפן, זי איז ארײַן צו מיר. איך האָב זי פארקעמט, אויסגעפלאָכטן די צעפּלעך, ארומגעבונדן זיי מיט די סטענגעס. זי האָט דאנקבאר זיך צוגעטוליעט צו מיר און אזוי פּאַשעט, אָן איבעריקער שעמעוודיקײַט א זאָג געטאָן:

— איך וויל עסן.

פּאָלינע האָט פארטראכט און אופמערקזאם זיך צוגעקוקט, ווי איך האָדעווע דאָס קינד. דאָס מיידעלע האָט געגעסן מיט האסמאָדע, פליײַסיק, אזוי ווי זי וואָלט צוגעגרייט א פארגעבונג. נאָכדעם האָט זי זיך אופגעהויבן פון טיש, א קוק געטאָן אף מיר, אף פּאָלינען און געזאָגט קאלטבלוטיק, אָן א שפור פון אומעט, פּאָשעט מיטגעטיילט:

— און קיין מאמען האָב איך ניט.

— ווו איז זי? — האָט פּאָלינע געפרעגט.

— געשטאָרבן. שוין לאנג, ווען איך בין נאָך געגאנגען אין ערשטן קלאס. איך בין געקומען פון שול אהיים, און זי איז שוין געשטאָרבן.

— נו, דאָס איז דאָך געווען ניט לאנג צוריק. דו ביסט דאָך ערשט אריבער אין צווייטן קלאס, — האָט פּאָלינע איר דערווידערט.

— ניין, שוין לאנג! — האָט דאָס מיידעלע ניט נאָכגעגעבן. — ווינטער נאָך. ס'איז געווען א סאך, א סאך שניי, און ס'איז שווער געווען צו גראָבן. — און האָט צוגעגעבן פארטראכט: — אין הארבסט וועל איך אפן קייווער פארפלאנצן א ביימעלע. די לערערן קלאוודיע פּעטראָוונע האָט אזוי געזאָגט.

איך האָב געגלעט אירע שמאָלינקע פּלייצקעלעך. זי האָט זיך צוגעטוליעט צו מיר און געזאָגט אופגעלייגט, אזוי ווי מע טיילט מיט א גוטע בסורע:

— איכ'ל אלע טאָג קומען צו אײַך.

און ארויס פון שטוב.

— א מאָדנע זאך, — האָט פּאָלינע געזאָגט, ארומשפאנענדיק אין צערודערניש איבערן צימער, — פריִער האָבן מיר געהאלטן אין איין ווידערהוילן: „ניט פארגעסן, ניט פארגעבן”, און איצט איז אונדזער זיקאָרן עפּעס אָפּגעטעמפּט, ווי די דאָקטוירים זאָגן: עס איז טאָרמאָזירט געוואָרן די קאָרע פונעם מויעך.

— וועגן וואָס רעדט איר?

— איך רעד וועגן דעם, מײַן טייערע, אז אויך איר זײַט צעקראָכן געוואָרן פון ראכמאָנעס.

— אָבער דאָס איז דאָך אזוי עלעמענטאר און זעלבסטפארשטענדלעך, אָט די גוטע באציִונג צו א קינד!

— ניט וועגן דעם מיידעלע רעד איך.

— איז וועגן וואָס זשע?

— אָט וועגן דעם, אז צווישן אונדז לעבן אזעלכע, ווי איר טאטע, זיי אָטעמען, ווארעמען זיך אף דער זון, נוצן אויס אלע ווילטיקן, און מיר — מיר גריסן זיך נאָך מיט זיי, דריקן זיי די האנט...

— איז וואָס לייגט איר פאָר?

פּאָלינע האָט אומבאהאָלפן געצוקט מיט די אקסלען.

— איך ווייס ניט, איך ווייס ניט... נאָר איינס פיל איך: אז איך האָב זיי מוירעדיק פײַנט! פאראיאָרן בין איך געווען צוגאסט בא מײַן באָבען אין אן אוקראַיִנישן דאָרף. איינמאָל איז מיר אויסגעקומעןווארטן אפן פּאראָם אריבערצופאָרן אריבער דעם טײַך, און אזוי ווארטנדיק, האָב איך אָנגעריסן בלומען און מיטן בוקעט ארוף אפן פּאראָם. דער אריבערפירער, אן איין־אויגיקער מידער אלטער, האָט מיך געפרעגט: „אף וואָס האָסטו זיי אָנגעריסן? אף צום פארקויפן?”. קעדיי אים צו באווײַזן, אז ניט צום פארקויפן, האָב איך דעם בוקעט אים אָפּגעגעבן. ווען איך האָב דערציילט וועגן דעם דער באָבען, האָט זי — שטענדיק אזא גוטע, אזא שטילע — זיך מאמעש אָנגעצונדן, געוואָרן אויסער־זיך. „געפונען וועמען צו שענקען בלומען! וואָלסט זיי בעסער ארײַנגעוואָרפן אין וואסער. דאָס איז דאָך דער קרומער כוועדקע, וואָס איז בא די דײַטשן געווען א פּאָליצײַ. דאָ ניט לאנג איז ער ווידער געקומען אהער פון וואָרקוטא... וואָלטן זיי כאָטש ניט געפּויזעט צוריק, אהיים, די שלענג, פארבליבן דאָרטן, ווו מ'קען זיי ניט! ס'איז דאָך א ווייטעק און א כארפּע זיי אָנצוקוקן...”. איך בין געוואָרן א פארציטערטע: א פּאָליצײַ, א פאשיסט, א מערדער, — און איך רעד נאָך מיט אים, גיב אים בלומען.

— נו, איר האָט דאָך ניט געווּוסט. און ס'איז

ביכלאַל א שאָד, פאָלינע, וואָס מיר מיט אייַך שרייַבן ניט קיין געזעצן. נאָר כ׳האָב מוירע, אז אונדזערע געזעצן וואָלטן ניט געווען גענוג ביי־געוודיק.

— גלייבט מיר, — האָט פאָלינע איבערגעשלאָגן, — איך בין ניט קיין פאכדנטע. אָבער אָפטמאָל ווערט מיר גרויליק פון דעם, וואָס זיי לעבן צווישן אונדז. ווען איך האָב זיך דערוווּסט, וואָס פאר א פארשוין איר ברודער איז, האָב איך געהאט באשלאָסן בא זיך אים טייקעף ארויסצוזאָגן אלץ, וואָס איך טראכט וועגן אים. אָבער בא דעם איז עס געבליבן — איך האָב ניט געזאָגט! אוי, ווי נייטיק ס׳וואָלט געווען, שטענדיק זאָל אין זיי ברענען א פלאם, זיי זאָלן וויסן, אז זייער שולד וועט ניט אויסגעקויפט ווערן ניט דורך פופצן, ניט דורך צוואנציק, אפילע ניט דורך הונדערט יאָר טפיסע. זאָלן זיי וויסן, אז זייער לעבן האָט מען זיי דערלאנגט נאָר ווי א מאטאָנע, וואָס זיי האָבן ניט פארדינט. מ׳וואָלט געדארפט... מ׳וואָלט געדארפט...

— זעט איר, איר האָט דאָך נאָך אפילע ניט צוגעטראכט, וואָס מ׳וואָלט געדארפט טאָן. פון אייביק אָן זייַנען דאָך געווען מילכאָמעס, און אף די כוואליעס פון מילכאָמעס שווימען שטענדיק ארויס אָט אזעלכע פארשוינען. איז דען א וואונדער, אז דאָס געשעט אזוי? אָבער ווייטעקדיקער פון אלץ איז, וואָס זיי לעבן זיך רויִק אויס זייערע יאָרן און טוען אפילע ניט קיין טראכט וועגן דעם, אז אייגנטלעך איז זייער לעבן א מאטאָנע, וואָס זיי האָבן ניט פארדינט.

— און וואָס זאָל איך טאָן? איך קאָן דאָך ניט אָפשליסן פאר זיי די זון? אָבער קעגן דער פארגעבונג בין איך... מויכל זייַן טאָר מען זיי ניט!

א לענגערע צייַט האָבן מיר נאָך גערעדט, און פאר דער צייַט איז ער עטלעכע מאָל פארבייַגעגאנגען דעם פענצטער. אונטערן אָרעם — א לעבל ברויט, אין די הענט — פלעשער ביר. שפעטער איז ער אוועק צום יאם, און נאָכן צוריקקומען פון דאָרטן זאָרגעוודיק אויסגעהאנגען צום טריקענען די באָד־הייזלעך און דעם האנטעך. נאָכדעם האָט ער ארופגעשטעלט אפן קעראָגאז קאָכן א פיש־יויך און דערבייַ אונטערגעברומט א מעלאָדיע, וואָס איז יענעם זומער געווען שטארק פאָפולער. ער האָט געהאט א גוטן געהער, האָט געזונגען ריכטיק און מיט האנאָע, ווי א גוטגעשטימטער און מיטן לעבן צופרידענער מענטש.

איך האָב זיך צוגעקוקט צו אים און געטראכט: מיט וואָס אייגנטלעך האָט ער געקאָנט פארנעמען זיך פארן קריג? באלד האָב איך אים פאָרגעשטעלט זיך אין דער פאָרמע פון א געסטאפאָוועץ. אָט פירט ער אונדזערע קריגסגעפאנגענע, טרייַבט זיי באָרוועסע איבערן בלאָטיקן וועג, שלאָגט זיי... אָט רייַסט ער זיך ארייַן אין א שטוב, טרייַבט פון דאָרטן ארויס פרויען, קינדער... ער איז דאָך דעמלט געווען יונג, קרעפטיק, און בעלי־סאָפעק א גרויסער אכזער. אָט... ניין, ניין, בעסער וועגן דעם ניט טראכטן! איצט האָט ער געהאלטן אין דער שטארקער האנט זייַנער בלויז א פאָשעטן אליומיניעוון לעפל, פון וועלכן ער האָט מיט פארצויגענע ליפן, ווי א פרוי, פארזוכט זייַן יויך, וואָס האָט פארשמעקט דעם גאנצן הויף.

דזשאָני, ווילסט מיך גאָרניט קענען,
ווילסט קיין ראנדעוו מיר ניט
באשטימען... —

האָט ער זאָרגלאָז אונטערגעזונגען מיט פעטגלאנציקע ליפן. ער איז געווען צופרידן: זייַן געקעכץ האָט זיך איינגעגעבן.

— פעפער פעלט! — האָט ער א געשריי געטאָן צו דער שוועסטער.

אנע האָט ארויסגעטראָגן א פארביק בלעכן שאכטל און אים דערלאנגט. ער האָט ארייַנגעשאָטן אין דער קאסטרוליע א ביסל פעפער און דערבייַ צוגעוואָרפן אנען א לייַטזעליקן בליק.

— איצט איז אין אָרדענונג! גאנץ גוט... — האָט ער צוגעגעבן אף דייַטש.

אנע האָט אים בייז אָנגעקוקט און אומצופרידן זיך אָנגערופן:

— עפשער וועט שוין זייַן גענוג?

ווי עס שייַנט, איז איר ניט געפעלן אָט דער דייַטשישער „גאנץ גוט”.

ער האָט א מאך געטאָן מיט דער האנט און געצוקט מיטן אקסל, אזוי ווי ער וואָלט זיך פארענטפערן: „אָט, צוגעשטאנען א ווערטל, מ׳קאָן פון דעם ניט פאָטער ווערן...”

„גאנץ גוט...”

מיסטאמע האָט ער דעמלט אָפט איבערגעכאזערט אָט דעם „גאנץ גוט”, און איך האָב ווייַטער געזען, ווי אונדזערע געפאנגענע בלאָנקען אונטער זייַן באוואכונג, געזען דערשראָקענע פרויען, צעטומלטע קינדער, מייסים, בלוט... „גאנץ גוט...” אָבער וואָס קומט פאָר מיט מיר? מ׳טאָר זיך דאָך אזוי ניט נאָכגעבן. איך האָב אָנגערירט מייַנע שלייפן, זיי האָבן געקלאפט, ווי אין פיבער: „גאנץ גוט! גאנץ גוט...”

נאָכדעם האָט ער זיך געזעצט עסן. אליין. דאָס מיידעלע איז געוויס נאָך געווען באם יאם. ער האָט האנאָע געהאט פון דער פיש־יויך, פאָרזיכטיק און זאָרגזאם ארומגעלעקט יעדעס פיש־ביינדל, פאסמאקעוועט. יאָ, ער האָט געהאט א גוטן אפעטיט.

אף מייַן טיש איז געלעגן אָן אָנגעהויבענער קסאוויאד, אָבער די ארבעט איבער אים האָט זיך פון אָרט ניט גערירט. פאָלינע איז שוין פון לאנג אוועק, אָבער איך האָב אלץ ניט געקאָנט נעמען די פען אין דער האנט.

נאָך דעם טומלדיקן טאָג האָט די פּינצטע־רע שטילע נאכט ארופגעוואָרפן א שרעק. מיר האָט זיך אויסגעדאכט, אז איך גיי אריבער אין אן אנדער וועלט, אָבער די איבערלעבונגען האָבן ניט געוואָלט פארשווינדן, האָבן צערודערט, ניט געלאָזט זיך בארויקן.

אומדרייענדיק זיך אומרויִק אפן געלעגער, האָב איך געהערט, ווי די נאכט־וועכטערס וואנדלען ארום בא דעם סקלאַד, בא דער שפּײַזקראָם, בא דער אַפּטייק, ווו ס'האָט געגליט א לעמפּל, ווי א גרויס טיגער־אויג. אזוי פירט זיך שוין אָף דער וועלט: מאַטעריעלע ווערטן ווערן אָפּגעהיט מער, ווי גײַסטיקע. א מאָטאָציקל האָט זיך דורכגעטראָגן און זײַן גערויש צעשניטן די שטילקײַט פון דער זומער־נאכט. די סאָסנעס האָבן זיך געשאָקלט, ס'האָבן געשאַרכעט די בערעזע־בלעטער. אין אזעלכע שלאָפלאָזע נעכט דערזעט מען אלץ אין א קלאָרער שײַן.

גאָר פרי האָט איבערן הויף זיך שוין געטראָגן א זעצן פון א האַק. ער האָט געהאַקט האָלץ. דער נאַקעטער, ברייטער, געבויגענער פּלייצע האָבן יונג געשפּילט די מוסקולן. די גראָבע קלעצער האָבן פון איין זעץ מיט דער האַק זיך געשפּאָלטן אפּצווייען. די שאַרף־אָנגעשליפענע האַק האָט געבלאַנקט ווי א שפּיגל, און געאַרבעט מיט איר האָט ער פלינק און לײַכט.

— נו, אלץ, — האָט ער געזאָגט צום מיידעלע נאָכן פאַרענדיקן, — קלײַב צונויף די שפּענער.

און מיט אן אימפּעטפולן פּאָך ארײַנגעזעצט די האַק אין דער דעמבענער קלאָץ.

זונטיק איז אפן שטראַנד גאָר א באַזונדערער טאָג. און ווען ער פאַלט נאָך דערצו אויס א זוניקער און וואַרעמער, זעט שוין אויס, ווי די גאַנצע וועלט מענטשן וואָלט אריבערגעוואַנדערט אהער, אָף אָט דעם שמאָלינקן פּאַסיקל פונעם ריגער יאַם־אײַנגוס. זונטיק וועסטו ניט צוגיין צום יאַם, דו זאָלסט דערבײַ ניט אריבערשפּרײַזן עמעצנס פיס. אָט פליט א פּילקע גראָד דיר אין קאָפּ, און דו באַווײַזט אפילו ניט צו באַליידיקן זיך. ווען ס'זאָל זיך אײַנגעפינען א קינסטלער, וואָס זאָל מאָלן די פּענעמער פון די טעג, וואָלט ער דעם זונטיק געדאַרפט אָנמאָלן מיט א צורע, צעגאָסן אין א ברייטן, צופרידענעם שמייכל.

באַלד פון אינדערפרי זײַנען שוין די אײַנוווינער פון אונדזער הויף ארויס אָף געיעג נאָך פּראָדוקטן. און אזוי ווי צווישן אונדז זײַנען צום גליק קיין כאַלאָים ניט געווען, האָבן אלע אײַנקויפער זיך צוריקגעקערט אהיים מיט פולע קוישן עסנוואַרג. און געווען איז אין די קוישן אכוץ פויגל־מילך אלץ אין דער וועלט: פעטע הערינג האָבן זיך דאָרטן געבאָדן אין זייער שמאַלץ, געבראָטענע הינער האָבן שעמערירט מיט געלן גלאַנץ; ס'האָבן אונטערגעפינטלט מיט פרישער רויטקײַט יונגע רעטעכלעך. פון די ברויט־קראָמען ווידער האָט צו אונדז אין הויף אריבערגעוואַנדערט א מוירעדיקע צאָל באַטאָנען און שוואַרצע לעבלעך ברויט. די באַלעבאָסטעס האָבן געקאָכט, געבראָטן, געבאַקן, און די רייכעס פון די געקעכצן האָבן זיך אויסגעמישט מיטן שאַרפן קעראָסין־רייעך פון די פּרימוסן און קעראָגאַזן.

אין רעכטן מיטן פון אָט דעם האַרמידער איז אין אונדזער הויף ארײַנגעקומען אן עלטערער מענטש אין אן אָפּגעטראָגענעם יאַם־קיטל. איך האָב אים געקענט, דאָס איז געווען אונדזער שאָכן איגנאַט. זײַן הויז איז געשטאַנען האַרט בא אונדזערן, אָבער געזען האָבן מיר אים זעלטן, ווײַל ער איז געווען מער אין אַטלאַנטיק אפן פישפאַנג, ווי אין דער היים. איצט האָט ער אָנגעקלאַפּט אין פענצטער און געפרעגט:

— אַנע, בא אײַך איז די עלעקטרע אין אָרדענונג? בא מיר איז ניטאָ קיין שײַן.

אין א ווײַלע ארום האָט די טיר זיך געעפנט, און אפן גאַנעק איז ארויס אַנעס ברודער. אָנגעטאָן איז ער געווען אין א מאָדערנער זײַדענער מײַקע, האָט פויל זיך געטשוכעט, ווי עס שײַנט געכאַפּט א דרעמל פאַר מיטיק. ער האָט ארויסגענומען פון קעשענע א קעמל און זיך פאַרגלעט די האָר.

— בא אונדז איז די עלעקטרע... — האָט איגנאַט אָנגעהויבן, אָבער מיטאַמאָל אָפּגעהאַקט, און ביידע האָבן זיי זיך אָנגעקוקט. איינער — נאָך אלץ גלײַכגילטיק, גענעצנדיק און זיך טשוכענדיק. דער אַנדערער — איבערראַשט, געשפּאַנט. ענדלעך האָט איגנאַט ארויסגעשפּיגן זײַן פּאַפּיראָס און אויסגערופן פאַרכידעשט:

— דו!?

אַנעס ברודער האָט אופגעהערט זיך טשוכען און געבליבן שטיין אומבאַוועגלעך, פונקט ווי ער וואָלט פאַרשטיינערט געוואָרן אין א מין קראַמף.

— נו, איך... — האָט ער מיט מאַטערניש צום סאָף ארויסגעבראַכט און גענומען אָפּטרעטן צו דער טיר. — איך.

— זיך צוריקגעקערט? — איגנאַט האָט זיך צוגערוקט נעענטער.

— זיך צוריקגעקערט, — האָט יענער געענטפערט מיט א הייזעריק קאָל. די פאַרשלאָפנקײַט זײַנע איז מיטאַמאָל פאַרשוווּנדן.

זיי זײַנען געשטאַנען איינער אַנטקעגן אַנדערן און שאַרף זיך אָנגעקוקט: אַנעס ברודער — א קרעפּטיקער, אָנגעצויגן, ווי א פּרוזשינע, איגנאַט — אן עלטערער מאַן, אן אויסגעמאַטערטער פון שווערער האַרעוואַניע און פון די שטורעמס אפן יאַם.

— הייסט עס, אַזעלכע אויסוווּרפן ציט אויך צוריק אהיים?

— דו, דו, וואָס ווילסטו פון מיר?
— האָסט אוואדע פארגעסן?
— איך האָב דיר דאָך קיין זייז ניט געטאָן.
— קאנוואָירט אָבער האָסטו? אויך אָפן פאַרהער איז דאָך דאָס באוויזן געוואָרן.

און איגנאט איז צוגעגאנגען נעענטער צו אים. יענער האָט זיך אָפּגערוקט און געשטאמלט:
— דעמלט.. יאָ... אָבער ווער בין איך דען? איך בין דאָך געווען א גאָרנישט, בלויז א קאָנוואָיר. דאָס אלץ האָט דאָך געטאָן דער אָבערלייטענאנט בראנד.
— ווי איך זע, געדענקסטו דײַן באלעבאָס, האָ?
— און דו דארפסט מער פון אלעמען? — האָט אנעס ברודער געמאכט א פּרוּוו צו שליסן שאָלעם. — איך האָב באקומען א דערלויבעניש. ווילסט עפּשער א קוק טאָן?

ער האָט ארויסגענומען פון קעשענע א פּאפּיר, וואָס איז, ווי עס שײַנט, געלעגן בא אים אויבנוף, גרייט צו באווײַזן, און דאָס דערלאנגט איגנאטן.
— איך האָב באקומען א דערלויבעניש, — האָט ער איבערגעכאזערט. — זעסט?

אָבער איגנאט האָט אָפן פּאפּיר אפילע ניט קיין קוק געטאָן, און יענער האָט דאָס אָפּגיך צוריק ארײַנגעלייגט אין קעשענע.
— א דערלויבעניש! — האָט איגנאט אים איבערגעקרימט. — און האָסט זיך גאָרניט געשראָקן צו קומען אהער?
— וואָס האָב איך געהאט צו שרעקן זיך? דער געריכט האָט זיך דאָך פאנאנדערגעקליבן.
— נו יאָ, פאר די טויטע האָסטו ניט וואָס צו שרעקן זיך. עס זײַנען אָבער פאראן לעבעדיקע, וועלכע האָבן ניט פארגעסן.

אָף יענעמס פּאָנעם האָבן זיך גענומען בײַטן די פארבן. ער האָט דערשראָקן זיך ארומגעקוקט און אײַנגעשפּארט איבערגעכאזערט:
— איך האָב א דערלויבעניש, האָב איך.
— איז נא דיר א דערלויבעניש, דו, פאשיסטישער הונט! — איז איגנאט הארט צו צו אים און אים אראָפּגעלאָזט א טשמעל.

יענער האָט א ציטער געטאָן. אָפן גאנעק איז ארויסגעלאָפן אנע, אָנגעכאפּט איגנאטן פאר דער האנט און זיך צעשריִען:
— האָסט אים ניט וואָס צו שלאָגן! ער איז שוין זײַנס אָפּגעזעסן! דו ברעכסט דעם געזעץ, אָט רוף איך מיליציע.

אנעס ברודער האָט גנייוויש זיך ארומגעקוקט אין אלע זײַטן, נאָכדעם אראָפּ די טרעפּלעך, צו צו דער קלאָץ, אָף וועלכן ער האָט געהאקט האָלץ, זי איבערגעקערט און גענומען ווארפן ראָצכישע בליקן אָף דער אראָפּגעפאלענער האק.
— ניט וואָגן זאָלסטו! ניט וואָגן! — האָט געשריִען די אָף טויט איבערגעשראָקענע אנע און צוגעפאלן צו אים. זי האָט דאָך גוט געקענט איר ברודערלס כאראקטער און זײַנע גענג. און ארײַנשטופּנדיק אים אין שטוב און פארשליסנדיק הינטער אים די טיר, האָט זי געזאָגט צו איגנאטן:
— און דו לאָז ניט פאנאנדער דײַנע הענט! ער איז דאָך געזעצלעך באפרײַט, און וואָס געווען, איז פארגעסן.

איגנאט איז מיט וואקלדיקע טריט ארויס פון הויף. ער איז געווען בלייך.

דאָס מיידעלע האָט געוויינט, ארײַנגעקוקט אלעמען אין די פּנעמער, ווי פרעגנדיק, מיט וואָס האָט איר פאָטער זיך פארשולדיקט. אָבער קיינער האָט אָף איר קיין אכט ניט געלייגט.

אין הויף האָט זיך געטומלט. צום ערשטן מאָל איז דאָ דער טאָג־סיידער צעשטערט געוואָרן: די פּרימוסן און קעראָגאזן זײַנען געשטאנען אויסגעלאָשענע, די קאָטלעטן אָף די בראָטפּאנען זײַנען צעקראָכן געוואָרן.
— און איר האלט, אז מענטשן לעבן מיט אן אָפּגעטעמפּטן זיקאָרן? — האָב איך געזאָגט צו פּאָלינען. — אדעראבע, זעט, ווי דער זיקאָרן באם מענטשן איז אויפגעוועקט!

פּאָלינע האָט גאָרנישט ניט געענטפערט און פארהאקט דאָס פענצטער, קעדיי ניט צו הערן אנעס היסטערישע גוואלדן.

...אָפּמאָרגן גאָר פרי, ווען אלע זײַנען נאָך געשלאָפן, איז ער ארויס פון הויף מיט זײַן געלער וואליזע אין דער האנט. הינטער אים האָט פויל נאָכגעשלעפּט זיך זײַן מיידעלע. זי איז געווען ניט אויסגעשלאָפן און מיטן פויסטל זיך געריבן די אויגן. איר האָט שטארק זיך ניט געוואָלט אוועקפאָרן פון יאם, פון דער זון, פון די מענטשן, וואָס האָבן זי דערווארעמט. זי איז דערגאנגען ביזן ווינקל און מיטאמאָל צעוויינט זיך מיט פארצווייפלונג און געבעטן צוגלײַך:
— איך וויל ניט! איך וויל ניט אוועקפאָרן! — און געלאָזט זיך לויפן אָף צוריק. ארויף אָף אונדזער גאנעק און מיט א געוויין געטײַנעט:
— איך וויל ניט! איך וויל ניט...

ער איז אָפּגיך צוגעלאָפן צו איר, געזוכט זי אָנכאפּן פאר א הענטל און שטיל געזאָגט:
— קום, מאך ניט קיין קונצן — וועסט דאָך אלעמען אופוועקן!

אונדזער באלעבאָסטע אנע האָט אינערגעץ זיך ניט געזען.

דאָס מיידעלע האָט באהאלטן די הענט הינטערן רוקן. ער האָט ארופגעלייגט א האנט אָף איר מאָגערער פּלייצקע און ארײַנגערעדט אין איר:
— לאָז אָפּ דײַנע שטיק... גענוג.

און זיי זײַנען ארויס פון אונדזער הויף. ער און זײַן וויינענדיק מיידעלע.

ייִדיש — מ.ראזומני

איטשע באַרוכאָוויטש

אַזוי דאַרף זײַן

✦ ✦ ✦

איך גלייב, אַז איך וועל אויסהאַלטן דעם פּרווו
פֿון פּרווון ייִנגער ווערן (אָדער אויסזען), —
דערפֿאַר איך רוף זיך אָפּ אַף ווינטס א רוף
און גיי מיט אים — באַצווייט — אין וואַלד
אין לויזן,

אין האַרבסטיקן,
און פֿרעגט מיך, צי ס'איז שיין
אין בונטן בראַנד דאָס שטעגל צווישן ביימער,

כ'וועל זאָגן אײַך אָן קרומען מיין, אַז ניין,
איר קאָנט מיר איבערוואַשן מײַנע ביינער, —

ס'וועט מיך ניט אָפּשרעקן אײַער געוואַלד:
א דיכטער מיט א קאַלטן לונג־און־לעבער!
כ'האָב ליב, ווען גרינער פײַער צינדט דעם
וואַלד,

א גרינע צווײַג באַשירעמט דאַן מײַן
לעבן.

✦ ✦ ✦

דו לאָזט זיך ניט פֿאַרגעסן. ביסט גערעכט.
איך מיין: ס'איז ניט דער קרימסטער פֿון די
וועגן.
אַמאָל פֿעלט אויסעט צײַט אַף זיך דערפֿרעגן,
ווי לעבט זיך דיר אין קרײַז פֿון טעג און נעכט,
צווישן גוטע נײַס און שלעכטע בסורעס,
וואָס קייטלען זיך — אָן אָנהייב און אָן סאָף...
ווי שרײַבט זיך דיר?
אַזויפֿיל נײַע שורעס
האָסטו פֿאַרפּאַסט?
(דו ציילסט זיי, פּונקט ווי שאָף
אַף גרינע אַלפּן־לאָנקעס פֿון דײַן שאַפֿן).
וואָס פֿלעכטן בייזע צינגער וועגן מיר —
מיסטאמע, אויסגעזעצט די לעצטע טאַפּליעס

אין הייכל פֿון מײַן גײַסט.
אַזוי זיך פֿירט...
א דאַנק, וואָס דו דערמאָנסט מיך ווען־ניט־ווען.
דאָס האַרץ פֿאַרקלעמט דאַן זיס —
אָן קיין שום סיבע, —
מיר ווערן פּאַשעט נימעס מײַנע ווענט
(ניטאָ קיין מוט, ווי מ'זאָגט, די שוועל אַריבער).
דערפֿאַר איך כאַזער איבער:
ביסט גערעכט.
דאָס גיט דיר רעכט צו מויכל זײַן די שולד
מיר —
מײַן וויסן,
אַז אין לעבנס בליץ־געפּעכט
איז שווערער די, וואָס קאָנען זײַן געדולדיק.

א האַרבסטיקע ליד

צי דו ביסט ווײַט, צי נאָענט,
צי נאָענט ביסט, צי ווײַט, —
אָט זע:
אין גראָוון אָוונט
די זון אַף וואָלקן רײַט.

איך בין דיר ליב, צי ניכע,
צי ניכע כ'בין, צי ליב, —
אָט זע:

א שפּעטער וויכער
מיט שטילקײַט זיך פֿאַרקניפּט.

איז לאָמיר זיך צעגייען,
צעגייען לאָמיר זיך, —
אָט זע:
עס פֿאַלן שנייען
דורך רעגנדיקער זיפּ.

פֿון דער ליטעראַרישער יערושע

◆ ◆ ◆

ניט ערגער זיך, טײַערע.
שטילע פֿארדראָסן,
זײַנען נאָך שארפֿער פֿון שנײַדיקן גרויל.
א הארץ אפֿילע קאָן ווערן פֿארקוילט,
ווען שטראָמען — די שטומע — אים טוען
פֿארלאָזן.

ניט מיין: כ׳וויל דיך טרייסטן.
איך קאָן דיך ניט טרייסטן...
נאָר סײַווי די שווײַגעניש מײַנע איך ברעך,
און ווידער איך ווארף זיך אין בלוטיק געפּעכט
פֿאר דיר.
דאָס איז ליבע צי אייפֿער —
איך ווייס ניט...

◆ ◆ ◆

אין דײַנע ווײַסלען זינקט די זון —
איז האָב אף איר ראכמאָנעס:
זיך מאך ניט וויסנדיק דערפֿון
און קער ניט אָפּ דאָס פּאָנעם.
אויב ווילסט,
אין שאָטן כ׳וועל פֿארגיין,
דו זאָלסט זיך ניט פֿארשעמען.

ניט שווער דײַן איידלקײַט פֿארשטיין
אין אונדזער לעבנס־געגנעם.
איך זע: ביסט מאסקים.
שײַן זשע, שײַן,
דו, געטלעכער לאמטערן!
מיר וועלן דיך ניט לעשן הײַנט
ביז אוונטיקן שטערן.

◆ ◆ ◆

מײַן שאָ איז אויסגעציילט און אָפּגעוויגן
(א שאָד אזא מין שאָ!),
נאָר איינס איך וויל:
זי זאָל זיך, ווי א פֿײַל פֿון לעבנס־בויגן,
ניט אָפּוואנדן אין יענעם וועג צום ציל.

מישטיינסגעזאָגט: אזויפֿיל שוין פֿארלאָרן
מער שענערע, מער בעסערע פֿון מיר,
ווי קאָרן־בלימעלעך צעווישן קאָרן.
מע זאָגט: אזוי דארף זײַן.
אזוי פּאסירט.

◆ ◆ ◆

מיר האָט געדוכט זיך:
איך האָב גוט פֿארשטאנען
די גוטסקײַט פֿון דער ערד (א לעבן
דורך!), —
און זעט:
כ׳בלײַב שטיין בא אומעטיקע טאנען,

א שיקערער פֿון הארבסטיקן גערוך,
און פּרווו באם וואלד באם שיטערן אנטלײַען
גוטמוטיקײַט א קאָפּ.
איא, א יאָלד?!
אז גאָר די פֿרייד זײַנע איז ווערט א דרײַער:
קוים־קוים זיך מיטן זומער־לעב צעצאָלט...

◆ ◆ ◆

איך זוך פֿארשטענדעניש מיט זיך אליין, —
אזוי די ערד זוכט שאָלעם מיטן הימל...
שוין צײַט!
מיך שולט דער מארך, —
דו דארפֿסט פֿארשטיין
דײַן אָרט אין לעבנס גרויזאמען געווימל!

נאָר איך פֿארלאָז זיך אף מײַן הארץ.
ביז הײַנט
עס האָט געהאלטן מיך אין הארבע צוואנגען:
כ׳האָב פֿרײַנט דערבאָבערט,
דאנקען גאָט, כ׳האָב פֿײַנט, —
וואָס קאָן א שטערבלעכער נאָך מער
פֿארלאנגען!..

◆ ◆ ◆

און ווידעראמאָל איך באדאנק אײַך
פֿאר שטילן פֿארגעסן אָן מיר,
פֿאר צארטקײַט,
וואָס איר האָט פֿאראנקערט
אהינטער דער אָפֿענער טיר.

איך דאנק אײַך פֿאר רויִקן אָנווער,
וואָס נאָר מיט דערמאָנונג ער שטראָפֿט;
פֿאר זונען־קאַיאָר פֿון דעם אָנהייב,
פֿאר זוניקער שקיִע פֿון סאָף...

◆ ◆ ◆

ווי דין איז ער, דער פֿאָדעם פֿון מײַן טרוים,
ווי ציטעריק פֿאַרקניפּט מיט וואָר מיט האַרבער,
וואָס האַלט מיך אין איר גווירלדיקער צוים
און פֿאָדערט, כ׳זאָל פֿאַרקאַטשען מײַנע אַרבל

און האָרעווען, ווי יעדער איינער דאַרף...
זי איז גערעכט. ניט מאַך זיך נאַריש, באָכער:
דער פֿאָדעם דין איז און די צײַט איז שאַרף.
נאָר דאָך איך גלייב אין גאָט פֿון אַפּצולאָכעס!

◆ ◆ ◆

כ׳וועל עלטער אַף אַ האַרבסט, ווי אָט דער בוים,
כאָטש ער, דער שאָכן, כ׳זע, איז קנאַפּ פֿאַרומערט,
וואָס גרינס איז אָפּגעניצט,
וואָס אָפּגעבליצט דער זומער,
און הייבט זײַן הוילן קאָפּ צום וואָלקנס זוים.

פֿאַר אים אַ יאָר — איז ווי פֿון ווינט אַ שמיץ,
אַ נײַער רינג, וואָס דין איז — קוים צו אָנזען;
און מיך די צײַט אין אומרו אירס פֿאַרשליסט —
אין יענעם רינג איז גרינג זיך צו פֿאַרבלאָנדזען.

◆ ◆ ◆

ביז סאַמען ראַנד פֿון האָריזאָנט
נאָר אײַליקײַט פֿון וואַסער,
און צווישן וואָלקנס —
אויבנאָן —
די זון, זי שווימט געלאַסן.

און ס׳לאַכט דער ברעג, רײַ־מיז מיט שוים,
אַ פֿריילעכער — ביז ווײַטעק:
דער יאַם דעם זאַמד באַרירט קוים־קוים,
די זון —
אין וועלט אין צווייטער...

◆ ◆ ◆

איז לאָמיר פֿײַערן מײַן אָפּשייד
באַם פֿײַער פֿון פֿאַרוועלקטן האַרבסט.
פֿאַר אים, אַזוי ווי פֿאַר אַ האַר,
איך שטיי —
מיט פֿולע דלאָניעס אָפּשײַ.

און זאָגן וויל איך:
ווי אַ קנעכט,
כ׳האָב ניט געקאַרגט מײַן האַרץ און זינען —

געוואַלט, ס׳זאָל יעדערער געפֿינען
אין שורעס מײַנע עפּעס רעכטס,

כ׳האָב ניט געדונגען זיך — געצאָלט
פֿאַר פֿרייד־געשריי אין טאָל פֿון טרערן —
געוואָלט — די וועלט זאָל בעסער ווערן,
דו — נעענטער צו מיר, —
געוואָלט.

◆ ◆ ◆

וואָס בלײַבן וועט נאָך מיר?
די שורעס מײַנע,
פֿון שוואַרצער אַרבעט זײַנען זיי פֿאַרשוואַרצט.
זיי מאַכן העל קאָן נאָר דאָס רויטס פֿון האַרץ
און ווײַסער אומשולד פֿון מײַן יעדער טײַנע

צו אײַך.
אויב אויסזאָגן דעם ריינעם עמעס, —
איך מיין, אַז עפּעס פֿעלט אײַך צו פֿאַרשטיין,

פֿאַרוואָס אַמאָל פֿאַרגייט זיך אין געוויין
מײַן אומגעדולד צו העלפֿן דעם און יענעם —

ביז זיך פֿאַרגעסן
(טראַכטן: מײַן געמיט,
ער איז דער רוזקסטער אין וועלט אין
טריבער...)
דערפֿאַר טאַקע איך בעט בא אײַך מעכילע.
איך האָב אײַך ליב.
ניט שעמט זיך מיט דערמיט.

פונעם ליטעראַטור־אויצער

ל. כאַנוקאָוו

די לעצטע גרענעץ

זיטא איז געווען אַן עקסצענטריש מיידל, ווען זי האָט זיך באַקאַנט מיט איַיזיקן. די עקסצענטרישקיַיט אין איר איז זיכער געווען אַ רעזולטאַט פון דער רײַכקײַט און ווילטיק, אין וועלכע זי איז דערצויגן געוואָרן. דערצו איז זי נאָך געווען אַ באַסיעכידע בא אירע עלטערן. פון קינדוויַיז אָן האָט מען זיך מיט איר אַרומגעטראָגן, ווי מיט אַן עווען־טאָוו. מ'האָט איר אין אַלץ נאָכגעגעבן. מ'האָט זי אָפּגעהיט פון צאַר און זאָרג און געזוכט אויף אַלע אויפאַנים אָנצופילן איר לעבן מיט אַלע מעגלעכע פאַרגעניגנס.

די עלטערן זײַנען געווען זייער רײַך. זיטא האָט ניט געוווּסט ווי רײַך זיי זײַנען געווען, און ס'האָט זי קיינמאָל ניט אינטערעסירט צו וויסן. אפילו דעם פאָטערס קליידער־פאַבריק האָט זי ניט אינטערעסירט, און זי האָט זי קיינמאָל ניט באַזוכט. דאָס איז געווען דעם פאָטערס אייסעק. די סימאָנים פון זייער רײַכקײַט האָט זי געקאָנט זען אין די קאָסטבאַרע אווטאָמאָבילן, אין דעם גרויסן, פילצימערדיקן אַפּאַרטאַמענט אויף צענטראַל־פּאַרק־וועסט, אין דער זומער־היים אין נאָענטן קאָנעטיקוט. אָבער זי האָט וועגן דעם זייער ווייניק געטראַכט. אַזוי איז דאָס געווען, אַזוי האָט עס באַדאַרפט זײַן.

וועגן אָרעמקײַט האָט זי געהאַט אַ ווײַטן באַגריף. זי האָט נאָר געוווּסט, אַז די וועלט איז אײַנגעטיילט אין רײַכע און אין אָרעמע. די רײַכע זײַנען געווען די גליקלעכע, די אָרעמע — די אומגליקלעכע. די רײַכע זײַנען געווען די באַלעבאַטים פון לעבן. דער טאַטע איז געווען אַ באַלעבאָס. אָרעמע אַרבעטער האָבן פאַר אים געאַרבעט. אָרעמע האָבן אַלעמאָל באַדאַרפט אַרבעטן און לעבן אַלע זייערע יאָרן אין נויט און אפילו אין הונגער. דאָס איז געווען דאָס געזעץ פון לעבן. נאָך אין דער גאָר פריִער קינדהײַט האָט זי זיך פון זייערע דינסטן אָנגעהערט אַ סאַך טרויעריקע מײַסעס וועגן דעם ביטערן גוירל פון די אָרעמע. וועגן פאַרוואָרלאָזטע אַלמאָנעס און יעסוימים. צווישן די דינסטן אַליין זײַנען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַט דעם מאַזל פון יעסוימים און אַלמאָנעס. שפּעטער האָט זי שוין געלייענט ביכער, אין וועלכע ס'איז באַשריבן געוואָרן דאָס לעבן פון דער אָרעמשאַפט. אפילו דער טאַטע האָט איר אַמאָל דערציילט וועגן זײַנע אַרבעטער, וואָס האָבן געוווינט אין די אָרעמע קוואַרטאַלן פון ניו־יאָרק. צו זיי אין הויז פלעגן פון צײַט־צו־צײַט אַרײַנקומען מענטשן פון יענע קוואַרטאַלן — „לאַנדסלײַט" האָט מען זיי גערופן. דער טאַטע פלעגט טאַקע אַזוי זאָגן: די לאַנדסלײַט קומען בעטן „רעליעף". ער האָט געהאַט אַ סאַך לאַנדסלײַט, דער טאַטע, וואָס האָבן געוווינט אין בראָנזוויל, אין די בראָנקס, אויף דער איסט־סײַד. זיי זײַנען געווען אָרעמלעך געקליידט און זײַנען אין זייער הויז געווען שעמעוודיק. ס'איז געווען געפאַלנקײַט אין זייער האַלטן זיך, אין זייערע צו פאַרזיכטיקע טריט אויף די רײַכע טעפּיכער און עפּעס ווי מיט אַ שולדיקײַט אין זייערע אויגן... און זיי האָבן אַלעמאָל געבעטן הילף: עמעצער צווישן די לאַנדסלײַט איז זייער קראַנק געווען. עמעצער איז ערשט געשטאָרבן און איבערגעלאָזט אַ הויז מיט פּיצלעך קינדער. עפּעס האָט אַלעמאָל געטראָפן אין „יוראָפּ", פונוואַנען אירע עלטערן זײַנען געקומען. ס'איז אַלעמאָל געווען אַזוי, אַז נאָר עפּעס אַן אומגליק האָט אָט די מענטשן געבראַכט אין זייער הויז. אויך אַנדערע מענטשן זײַנען צו זיי אַרײַנגעקומען — אָבער אויף סימכעס, אויף וועטשערעס, אויף קאָרטן־שפּילן. מ'האָט געטרונקען און געגעסן. אין אַלע צימערן איז געווען ליכטיק און פריילעך. אָבער די לאַנדסלײַט פלעגן אַרײַנשפּרײַזן צום טאַטן אין קאַבינעט, און אין אַ האַלבער שאָ אַרום זײַנען זיי שוין ניט געווען. דער טאַטע פלעגט דערנאָך אַרויסקומען און דערציילן דער מאַמען, נאָך וואָס די לאַנדסלײַט זײַנען געקומען.

ניין, אָט די אַלע מענטשן זײַנען גאָר ניט ענלעך געווען צו די מענטשן פון זייער אייגענער סוויווע!

עס זײַנען געווען צײַטן, ווען דער טאַטע האָט אָנגעהויבן קומען אַהיים שפּעטער ווי אַלעמאָל.

די מאמע האָט אים באַגעגנט א פאַרזאָרגטע. דער טאַטע איז געווען מיד און בלייך און אפילע זיטען האָט ער באַגעגנט מיט א קאַלטן בליק. נאָכדעם האָט זי שוין געהערט אופגערעגטע רייד וועגן א שטרײַק אין זײַן פאַבריק, וועגן אַרבעטער־„טראָבלמאַכערס", וואָס האָבן געזוכט צו רויִנירן זײַנע געשעפטן. זיטא האָט דעמלט געזען אין דעם טאַטנס אויגן אומרו און פאַרלאָרנקײַט, ווי בא יענע אָרעמע לאַנדסלײַט, וואָס פלעגן צו אים קומען נאָך הילף... ער פלעגט זאָגן דער מאַמען:

— זיי וועלן מיך רויִנירן, די באַנדיטן! זיי גייען אַף מיר, ווי גאַזלאָנים, מיט שאַרפע מעסערס... אין סאַמע מיטן סעזאָן וועלן זיי מיך קוילען... און ווער, מיינסטו, קערט וועלטן צווישן זיי? — מײַנע אייגענע לאַנדסלײַט!.. זיי זײַנען פון די ערשטע צו מאַכן „טראָבל"!

די מאַמע פלעגט אויסהערן און מיט סינע זאָגן:

— פאַר דײַן ברויט באַצאָלן זיי דיר מיט שטיינער...

און זיטא האָט פײַנט באַקומען יענע אַלע מענטשן, וואָס האָבן געזוכט צו „רויִנירן" דעם טאַטן, וואָס זײַנען אים געגאַנגען „קוילען" מיט שאַרפע מעסערס, ווי גאַזלאָנים, וואָס באַצאָלן פאַר ברויט מיט שטיינער... אָט די פײַנטשאַפט איז פאַרבליבן אין איר האַרצן אפילע ווען זי איז אונטערגעוואַקסן און אָנגעהויבן צו באַנעמען א ביסל נעענטער די פּראָבלעם אָרעם און רײַך. ערשט ווען זי איז אַרײַן לערנען אין דעם קאָלומביע־אוניווערסיטעט און האָט זיך געטראָפן מיט יוגנטלעכע פון אַלערליי קלאַסן, האָט זי אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, אַז די צעטיילונג פון די קלאַסן איז א קאָמפּליצירטער איניען, וואָס האָט באַווירקט אַלע שטרעמונגען און שטרעבונגען אין דעם געזעלשאַפטלעכן צוזאַמענלעבן פון מענטשן. זי האָט באַזוכט צוויי קורסן: ליטעראַטור און סאָציִאַלע וויסנשאַפטן. ביידע קורסן האָבן געהאַט א נאָענטע שײַכעס צווישן זיך. די ליטעראַטור האָט אָפּגעשפּיגלט דאָס לעבן. די פאָרם און דער אינהאַלט פון די ווערק האָבן אָנגערירט די סאָציִאַלע יוירונגען אין דער געזעלשאַפט. ס'זײַנען געווען אידייען־שײַכעסן און אידייען־פאַרבינדונגען אינעם צוזאַמענלעבן פון מענטשן, וועלכע מ'האָט באַדאַרפט אַרויספּלאָנטערן פון א קנויל פּראָבלעמען, קעדיי דער מענטש זאָל אָנהייבן צו לעבן

א וואָרט וועגן ל. כאַנוקאָוון

ל. כאַנוקאָוו איז געבוירן געוואָרן דעם 3 פעברואַל 1892 אין א רוסיש דאָרף, ער איז געוואַקסן און אויסגעוואַקסן אין א רוסישער געגנט, אופגעצויגן געוואָרן אין דער רוסישער שפּראַך. אין די ערשטע עטלעכע יאָר פון זײַן ליטעראַריש־שעפערישער טעטיקײַט איז ער געווען דורכויס פאַרבונדן מיט רוסיש, פאַרעפנטלעכט לידער און דערציילונגען אין דער רוסישער פּרעסע. ערשט ווען ער איז געקומען אין 1914 קיין אַמעריקע, האָט ער זיך דערנעענטערט צו ייִדיש און צו דער ייִדישער ליטעראַטור. אויך אין אַמעריקע, אין זײַן ערשטער היימשטאָט פילאַדעלפיע, איז ער ניט געגאַנגען אין קיין ספּעציעל־ייִדישע שאָפּן, נאָר אין ניט־ייִדישע פאַבריקן פון שיפּבוי און לאָקאָמאָטיוון. דערפון — דער אַנדערער, ניט־ייִדישער שטייגער און נוסעך פון זײַנע ערשטע ווערק.

ל. כאַנוקאָוו האָט דעביוטירט אין ייִדיש אין 1916, געדרוקט אין צײַטונגען און צײַטשריפטן דערציילונגען, אָבער ערשט אין 1923, אין עלטער פון 31 יאָר, האָט ער באַוויזן אַרויסצוגעבן זײַן ערשט בוך דערציילונגען „שווערע הימלען" (ניו־יאָרק). די אָפּרופן וועגן דעם בוך — גאַנץ אײַנגעהאַלטענע, א געוויסער אינטערעס צום „אָנפאַנגער", און צוזאָגן האָפענונג אַף ווײַטער. און דערבײַ אויך טײַנעס, אַז „די שפּראַך פונעם בוך איז ווי פון ערגעץ איבערגעשריבן אָדער איבערגעזעצט..." עס קומט א צווייט בוך פונעם מעכאַבער: „אין פרומע שאָען" (1925), א דריט בוך — „דער מענטש" (1929). דאָס פערטע בוך — „סובמאַרין" (1932) ווערט אויך איבערגעזעצט אין רוסיש (אין מאָסקווע).

אין לויף פון די ווײַטערדיקע 25 יאָר אַנטוויקלט ל. כאַנוקאָוו א גאַנץ פּראָדוקטיווע שעפערישע טעטיקײַט. ער שרײַבט און פאַרעפנטלעכט דערציילונגען, אָפּהאַנדלונגען וועגן שרײַבער און ביכער, פּובליציסטישע אַרטיקלען וועגן ייִדישע און אַלגעמיינע קולטור־ און קונסט־פראַגן. זײַנע דערציילונגען און אָפּהאַנדלונגען דרוקן זיך אין די צײַטונגען און צײַטשריפטן פון פאַרשיידענע ריכטונגען און שאַטירונ־

אין די געזעצן פון יושער, פון פרײַהײַט און דערלייזונג...

אין אוניווערסיטעט האָט זי באמערקט ווי אירע כאוויירים־סטודענטן זײַנען מיט לײַב און לעבן פאַרינטערעסירט געווען צו לייזן אָט די פּראָבלעמען. זיי האָבן זיך באטייליקט אין היציקע דיסקוסיעס צווישן זיך און מיט די פּראָפעסאָרן. זיי האָבן זיך באמיט צו זײַן אינעם אוואנגארד.

און דאָ האָט זיך זיטא באקענט מיט אײַזיקן. ער איז איר לעכאַטכילע ניט געפעלן געוואָרן. ער האָט זיך נאכלעסיק געקליידט. די געדיכטע האָר אַף זײַן קאָפּ זײַנען געווען צעשויבערט, ניט אונטערגעשאָרן. ער איז געווען שנעל אין די באוועגונגען, אַפּאָנעם פון אַן איבערפלוס פון ענערגיע, און עפשער דערפאר טאקע איז ער געווען אגרעסיוו בא אלע דיסקוסיעס און האָט פארוואָרפן די פּראָפעסאָרן מיט פראגן, וואָס האָבן זיי גאנץ אָפט צעטומלט, ווײַל דאָס זײַנען געווען פראגן פון א מענטשן מיט א סאך אָנגעזאמלטן וויסן וועגן דעם איניען. די מערסטע סטודענטן האָבן אים באטראכט מיט דרעע־כערעץ, געזוכט זײַן באקאנטשאפט און האָבן צוגעטראכט פאר אים עטלעכע צונעמען: „די ארומגייענדיקע ענציקלאָפּעדיע", „דער איסט־סײַדער", דערפאר, וואָס אײַזיק האָט געווינט אַף דער אָרעמער יידישער איסט־סײַד, און „אָפּפרעגער", דערפאר, וואָס ער האָט אלעמאָל אָפּגעפרעגט דעם אײַנשטעל פון די פּראָפעסאָרן...

דאָס, וואָס אײַזיק איז געקומען פון דער איסט־סײַד, האָט אין זיטען אויך אופגעוועקט א קעגנערשאפט צו אים. פון איר פאָטער האָט זי געוווּסט, אז די איסט־סײַד איז געווען די היים פון עקסטרעמען ראדיקאליזם, וואָס די אימיגראנטישע מאסן האָבן פארזייט אין דעם פרוכטבארן באָדן פון נויט און עקספּלואטאציע. פריִער איז דאָרטן געווען די היים פון אנארכיזם, נאָכדעם — פון סאָציִאליזם, און אין די גאָר לעצטע צײַטן — פון קאָמוניזם. און אײַזיק איז געקומען „פון דאָרטן". ניט אומזיסט האָט ער אזוי כוצפּעדיק גערעדט וועגן די טראדיציִאָנעלע הייליקײַטן, וואָס דאָס לעבן האָט אין מעשעך פון הונדערטער יאָר אָפּגעהיט, ווי דעם טײַערסטן אויצער פון ציוויליזאציע און קולטור...

איין מאָל האָט דער קלאס געפירט א היציקע דיסקוסיע וועגן דעם סאָוועטנפארבאנד. די מערסטע סטודענטן זײַנען געווען קריטיש, באזונדערס צום סאָוועטישן קאָמוניזם. אײַזיק האָט געפּרוּווט אָפּשלאָגן די אטאקעס, ווי אלעמאָל, מיט א שלאל ציטאטן. פּלוצלינג האָט דער פּראָפעסאָר אים אָפּגעשטעלט מיט א סארקאסטישער באמערקונג:

— הערט שוין אוף צו ריידן וועגן דעם סאָוועטנפארבאנד בלויז אין סופּערלאטיוון! אפילע אַף דער זון זײַנען דאָ פלעקן!..

אין דער רעגע האָט זיך דערהערט א שנעל פּאטשן פון צוויי הענט. אלע האָבן זיך א קער געטאָן און דערזען זיטען, ווי זי האָט זיך האסטיק אוועקגעשטעלט און ניט אופגעהערט צו אפּלאָדירן דעם פּראָפעסאָר. איר פּאָנעם איז געווען רויט פון אופרעגונג און אין די אויגן איז געווען אַן אויסדרוק פון דאנקבארקײַט פאר דער באמערקונג.

אײַזיק האָט אָפּגעוואַרט ביז אירע אפּלאָדיסמענטן האָבן אופגעהערט און גאנץ קאלטבלוטיק געזאָגט:

גען. צוליב די אומנאָרמאלע באדינגונגען פונעם ייִדישן פארלאג־וועזן אין פּשא און איבער די גוט־באקאנטע „געוויסע" סיבעס און „אײַנשטעלונגען" אַף דער ייִדישער גאס, איז ער אָפט געצוווּנגען צו פארעפנטלעכן זײַנע ווערק אונטער פארשיידענע צוגעטראכטע נעמען, און ער האָט ניט קיין מעגלעכקײַט ארויסצוגעבן די דערציילונגען, דראמאטישע שאפונגען און עסייען אין א בוכפאָרם.

די לעצטע עטלעכע יאָר, ווען כאנוקאָוו איז געווען שווער קראנק, איז זײַן שעפערישער גײַסט געוואָרן טיפער און רײַכער. ליגנדיק אַף זײַן קראנקן־בעט, נאָך עטלעכע אָפּעראציעס, בא די מוירעדיקסטע ווייטעקן, האָט ער באוויזן צוצוגרייטן צום דרוק און אויך לייענען די קאָרעקטורן פון זײַן בוך דערציילונגען „אין קלעם פון דער צײַט", וואָס איז דערשינען עטלעכע וואָכן נאָך זײַן טויט (ער איז געשטאָרבן דעם 25 סענטיאבער 1958). אין 1960 איז ארויסגעגעבן געוואָרן דער באנד „ליטערארישע עסייען" (געשריבן אין די יאָרן 1928 — 1956), וועלכער נעמט ארײַן מער פון פופציק אָפּהאנדלונגען און אָפּשאצונגען וועגן עלטערע און ייִנגערע ייִדישע און ניט־ייִדישע שרײַבער. ס'איז צו באוווּנדערן, וואָס פאר א טיפע קענטעניש, וואָס פאר אַן ערודיציע און וואָס פאר א כוש פאר ליטעראטור די עסייען פארמאָגן.

עס איז אויך פארעפנטלעכט געוואָרן א פּרעכטיקער אלבאָם פון ל. כאנוקאָווס סקולפּטורן. ווי באקאנט, האָט ער די לעצטע יאָרן מיט א באזונדערן אייפער זיך פארנומען מיט שניצן פון האָלץ און קנעטן פון ליים געשטאלטן און פיגורן. ער האָט פארביטן די פען אַף דער דלאָטע. דער אלבאָם איז ארויסגעגעבן געוואָרן מיט ענגלישן טעקסט, וועלכער איז איבערזעצט פון ל. כאנוקאָווס עסיי „קאָסמאָס און קונסט".

די לעצטע אויסגאבע פונעם שרײַבערס ווערק איז דער בוך פון זײַנע פארבליבענע שריפטן — „לעצטע שריפטן" (טעל־אוויוו, 1966), אין וועלכן עס גייען ארײַן די דראמע „פונדאָסנײַ", די באלאדע „אין די ווענט פון מויערן" און נאָטיצן „וואָס איך טראכט".

נאכמען מײַזיל

(פונעם בוך „ל. כאנוקאָוו. לעצטע שריפטן").

— אָבער איר, פּראָפעסאָר, און יענע יונגע דאַמע, וואָס האָט מיט אײַך אײַנגעשטימט אַף אַזאַ דעמאָנסטראַציע אויפן, זעט בלויז די פלעקן, אָבער די זון באַמערקט איר אַפילע ניט...

איבערן צימער איז דורכגעלאָפן א קוים אײַנגעהאַלטן געלעכטער. אײַזיק האָט א שנעלן קוק געטאָן אַף זיטען. אין אירע אויגן איז געווען אופרעגונג און סינע. פּאָלעמיזירן און אופרעגן זיך אין א דיסקוסיע — דאָס איז אײַזיקן געווען גוט באַקאַנט, אָבער סינע דאָס איז פאַר אים געווען מאָדנע. זי איז געווען די איינציקע צווישן פערציק סטודענטן, וואָס איז אופגעשפּרונגען פון אָרט צו דעמאָנסטרירן אָט די סינע.

דאָס האָט אים פאַרינטערעסירט. אַנשטאָט אויסצומײַדן זי, האָט ער דאַפקע געוואָלט זיך דערנעענטערן צו איר, באַקאַנען זיך מיט איר. זי האָט אים אינטריגירט. זי האָט געהאַט א כאַראַקטער. זי איז געווען א גוטע סטודענטקע און איז געווען זייער א שיינע. זי איז אַלעמאָל געווען אַרומגערינגלט מיט פאַרערערס. ווו ס'איז נאָר געווען א רעדל, האָט מען שוין געוווּסט, אַז אינמיטן מוז זײַן זיטאַ. און אָט דאָס פּאָפּולערע מיידל האָט אים פײַנט געהאַט און האָט אים אָנגעגריפן... און איין מאָל, ווען זיי האָבן זיך געטראָפן האַרט איינע בא די אַנדערע, באַם אַרויסגאַנג, האָט ער מיט א שמייכל א זאָג געטאָן:

— איר זײַט נאָך אַלץ אופגעהיצט קעגן מיר, אָדער איר האָט זיך שוין אָפּגעקילט?..

זי האָט שנעל אָפּגעענטפערט:

— און איר פּריידיקט נאָך אַלץ די אידייען פון דער איסט-סײַד און באַוערי?

— פון דער איסט-סײַד — יאָ, אָבער פון דער באַוערי — ניט. איך טרינק ניט קיין אַלקאָהאָלישע געטראַנקען...

זי איז שנעל אוועק אָן א זײַט. ער האָט איר א ווײַלע נאָכגעקוקט. זי איז געווען שיין. איר גאַנג איז געווען עלעגאַנט, און די פיגור — עלאַסטיש-בייגעוודיק, אַפּאָנעם פון גימנאַסטישע איבונגען, אָדער פון א סאַך ספּאָרט-טעטיקײַטן. א וואַרעמקײַט האָט א ריר געטאָן זײַן האַרץ. ער האָט געוווּסט, אַז זי איז רײַך. אַלע יונגע-לײַט, וואָס האָבן זי שטענדיק אַרומגערינגלט, זײַנען אויך געווען פון רײַכערן קלאַס. זי האָט אַף אים אַלעמאָל געקוקט פון אויבן-אַראָפּ, און איצט האָט זי אים פײַנט געהאַט... דאָס האָט פאַרדראָסן, אָבער זי האָט אים גענוג פאַרינטריגירט, ער זאָל וועגן איר א סאַך טראַכטן. קיין צופיל צײַט האָט ער ניט געהאַט. ער איז געווען אַן אַרבעטער און א סטודענט. אינדערפרי האָט ער באַזוכט די קורסן, און אין די אָוונטן, ביז צוויי אַזייגער פאַרטאָג איז ער געווען א „שיפּינג-קלאַרק" פאַר א פירמע, וואָס האָט פאַנאַנדערגעפירט סכוירעס צו קונדן. זײַן פרײַער טאָג איז געווען זונטיק. פלעגט ער באַלד נאָך פרישטיק אײַנקויפן די זונטיק-צײַטונגען, צופאָרן אין צענטראַל-פּאַרק, אוועקזעצן זיך אַף א באַנק און לייענען. אים האָבן א סאַך זאַכן אינטערעסירט: פּאָליטישע געשעענישן, נײַס אַף די געביטן פון ליטעראַטור און קונסט. און די נײַס פון טאָג — אוודאי און אוודאי.

אָט אין אַזאַ זונטיק איז ער געקומען אין פּאַרק. דער טאָג איז געווען א שיינער. איינער פון די ערשטע פרילינג-טעג, און דער פּאַרק איז געווען באַלעבט מיט זונטיק-שפּאַצירער. שפּאַצירנדיק אַזוי, האָט ער איבערגעשניטן די לאַנגע, ניט געפּלאַסטערטע אַליי, איבער וועלכער די רײַכע זין און טעכטער פון דער וועסט-סײַד האָבן זיך אין די פרימאָרגנס אַרומגעטראָגן רײַטנדיק אַף פערד. פּלוצלינג האָט זיך פון דער זײַט באַוויזן א יונגע רײַטערן. אײַזיק האָט זיך אָפּגעשטעלט, קעדיי זי דורכלאָזן. א קוק געטאָן, און גלײַך דערקענט זיטען. זי האָט אים אויך דערקענט, ווײַל ער האָט באַמערקט, ווי איר האַנט האָט זיך אינסטינקטיוו א הייב געטאָן ווי אין א באַגריסונג און האָט זיך שנעל אַראָפּגעלאָזט, ווי זי וואָלט אָט די באַוועגונג אײַנגעהאַלטן באַוווּסטזיניק.

זי האָט שנעל א זאָג געטאָן:

— פאַרזיכטיק, איך וועל אײַך איבערפאָרן!..

אין דעם איז געווען אַן אַרויסרוף און א היפּש ביסל גרינגשעצונג.

ער האָט עס דערפילט און גלײַך געענטפערט:

— אָבער צוליב דעם מוז מען ניט זײַן קיין גוטער רײַטער...

זי איז פאַרבײַגעריטן א צוואַנציק טריט און שאַרף א קערעווע געטאָן דאָס פערד אַף צוריק, ווי א געטראָפענע פון זײַן באַמערקונג, און איז צוגעפאָרן האַרט צו אים, ווען ער איז שוין געווען אַף דער צווייטער זײַט פון דער אַליי.

— פאַרזיכטיק, איך וועל נאָך האַלטן וואָרט!..

ער האָט א שמייכל געטאָן:

— אַזוי זיכער ריידן אַלע, וואָס זײַנען אַפן פערד...

— וואָס מיינט איר צו זאָגן?

— ס'איז א יידישער אידיאָם אַזאַ, א ווערטל, וואָס מיינט: איינער וואָס איז רײַך, וועמען עס גייט גוט אין לעבן און וואָס האָט מאַכט איבער אַנדערע, — דער איז „אַפן פערד". אין פאַרגלײַך מיט אַלע אַנדערע, וואָס זײַנען „אונטערן פערד"...

ער האָט מיט דער האַנט א גלעט געטאָן דעם גלאַטן, גלאַנציקן האַלדז פונעם פערד, וואָס האָט האַסטיק געאָטעמט פונעם פריערדיקן שנעלן לויפן. דאָס פערד האָט א ציטער געטאָן מיט דער גאַנצער פעל זײַנער פון דעם באַריר פון

אַ פרעמדער האַנט און זיך אַ ביסל אַ וויג געטאָן, ווי פּראָטעסטירנדיק.

— אָ, אַפילו דאָ זעט איר דעם עקאָנאָמיש־סאָציאַלן מאָטיוו.

— אַלעמאָל און אין אַלץ איז דאָ אָט דער מאָטיוו, און ניט איך האָב אים אויסגעטראַכט, קעדיי אײַך צו דענערווירן...

זי האָט געוואָלט אַ דריק טאָן מיט די קני דעם פּערדס בויך, אַ שנעלן צי טאָן די לייצעס פֿונעם צײַמל און אוועקשפּרינגען אין אַ גאַלאָפּ, איבערלאָזנדיק אים אָן אַנטפער. אָבער זי איז נאָך פאַרבליבן, קעדיי אים אַ וואָרף צו טאָן אין פּאָנעם:

— איר קאָנט מיר ניט מוחל זײַן די אַפּלאָדיסמענטן פאַרן פּראָפעסאָר... איר האָט מיך פּאַשעט פּײַנט!

ער האָט זיך הויך צעלאַכט:

— פּײַנט? פאַרקערט, איר געפעלט מיר זייער שטאַרק. איר זײַט שיין און איר האָט כאַראַקטער. עמעס, איר זײַט אַ ביסל עקסצענטריש, אָבער אַזוי דאַרפן אַפּאָנעם זײַן די געראָטענע מיידלעך פון אײַער קלאַס...

— ווידער דער סאָציאַלער מאָטיוו!..

— געוויס! דאָס איז דאָך אונדזער קעגנשטאַנד אין אוניווערסיטעט...

— מיר לערנען די וויסנשאַפט אין אַן אָביעקטיווער שײַן, קימאַט אַבסטראַקט.

— אין קלאַס־צימער דאַרפן מיר טאַקע זײַן אָביעקטיוו און באַטראַכטן אַלע אימפּליקאַציעס, וואָס האָבן אַ שײַכעס צום איניען אין אַן אָביעקטיווער שײַן, אָבער אינעם לעבן גופא מוזן מיר זײַ אופנעמען קאָנקרעט און סוביעקטיוו. אינעם טעאַטער פון לעבן, דאַרפט איר וויסן, בין איך אַן אַקטיאָר, אַן אַקטיווער אָנטיילנעמער... און איר זײַט אויך אַן אַקטריסע...

זי האָט האַסטיק אַ צי געטאָן דאָס צײַמל, אַזוי שטאַרק אַ צי געטאָן, און אַזאַ זעץ געטאָן מיט די קנאָפל אין פּערדס בויך, אַז דאָס פּערד האָט זיך אַ שטעל געטאָן אָף די הינטערשטע פיס, שיר ניט אַראָפּשלײַדערנדיק זיטען פֿונעם זאָטל. זי האָט זיך אָבער אײַנגעהאַלטן און אוועקגעלאָזט זיך אין אַ שנעלן גאַלאָפּ. אין איין מינוט איז זי שוין געווען הינטער די ביימער, ווו די אַליי האָט זיך פאַרבויגן רעכטס.

אײַזיק איז אַ ווײַלע געשטאַנען, געזען ווי זי פאַרשווינדט אַלץ ווײַטער און ווײַטער, און אָף זײַן פּאָנעם האָט ער געפילט דעם אייגענעם שמייכל, וואָס האָט איידעס געזאָגט אָף אַן אײַנערלעכער צופרידנקייט, וואָס די באַגעגעניש האָט אים פאַרשאַפט. ער האָט אַ טראַכט געטאָן: מ'דאַרף זיך מיט איר נעענטער באַקענען. זי איז זייער אַ אינטערעסאַנט מיידל...

אין אוניווערסיטעט זײַנען געווען אַ סאַך געלעגנהײַטן צו דערנעענטערן זיך. און אײַזיק האָט ניט דורכגעלאָזט קיין איינציקע געלעגנהייט. צוליב זײַן פּאָפּולאַריטעט איז דאָס אים ניט שווער געווען צו דערגרייכן. איר פּאָפּולאַריטעט האָט זיך צונויפגעטראָפן מיט זײַנער, אָבער אָנשטאָט צו שטערן, האָט זי בײַגעטראָגן צו זייער נעענטערער באַקאַנטשאַפט. אַמאָל האָט מען זיך געביטן מיט ביכער. אַמאָל האָט מען זיך אוועקגעזעצט נאָענט איינער לעבן אַנדערן, קעדיי צו פאַרגלײַכן נאָטיצן. און אין די זונטיקן פלעגט מען זיך, ניט אָפּגערעדטערהייט, טרעפן אין פּאַרק בייס זי איז געריטן אָף איר שפּאַציר. זי פלעגט אָפּשטעלן דאָס פּערד אָף עטלעכע מינוט, קעדיי אויסצורײדן מיט אים עטלעכע ווערטער. און ס'איז שוין אַלעמאָל אויסגעקומען אַזוי, אַז ער האָט געוווּסט די צײַט, ווען זי פאַרט אַרײַן אין פּאַרק און פון וואָס פאַר אַ פּונקט ער קאָן זי דערקענען פונדערווײַטן, אַז ער זאָל האָבן צײַט צוצוקומען צו אַן איבערקרייץ פון דער ווייכער אַליי...

האָט זי טאַקע איינמאָל אַ זאָג געטאָן:

— מיר טרעפן זיך דאָ יעדן זונטיק. עפּעס ווי מיר וואָלטן די באַגעגענישן פון פריִער באַשטימט...

זי האָט דאָס געזאָגט, און האָט זיך אַ ביסל פאַררויטלט.

— פאַר זיך אַליין קאָן איך זאָגן, אַז אָט די באַגעגענישן זײַנען פון מיר באַשטימט פון זונטיק ביז זונטיק...

— און איך האָב געמיינט, אַז איר קומט אַהער פאַרברענגען אײַער פרײַען טאָג...

— אַזוי איז עס טאַקע געווען — פריִער. אָבער איצט קום איך אַהער ספּעציעל אײַך צו טרעפן... אויב איר האָט ניט קעגן דעם.

זי האָט, אַ ביסל פאַרלאָרן, געזאָגט:

— מיר טרעפן זיך דאָך אין אוניווערסיטעט קימאַט יעדן טאָג...

— דאָס איז עפּעס אַנדערש. איך וויל אײַך טרעפן פאַרן ליכטיקן פּאָנעם פון דער זון!..

— איר זײַט אַ מאָדנער... אַ גוטן! מיר זעען זיך מאָרגן!

זי האָט אַ קער געטאָן דאָס פּערד צו דער אַליי און איז שנעל פאַרשוווּנדן הינטער די קוסטעס, וואָס זײַנען שוין איצט געווען באַדעקט מיט יונגע בלעטלעך. דער אופן, ווי זי האָט געזאָגט „איר זײַט אַ מאָדנער..." און ווי זי האָט אָפּגעשניטן דעם קורצן געשפּרעך, אַ ביסל פאַרלאָרן, אין אײַנגעהאַלטענער אומרויִקייט, האָט אײַזיקן דערוואַרעמט. אָבער איידער ער האָט נאָך צײַט געהאַט אָפּצוטרעטן עטלעכע טריט, האָט ער דערהערט הינטער זיך די גאַלאָפּירנדיקע טריט פון אַ פּערד. ער האָט זיך אַ קער געטאָן: דאָס איז ווידער געווען זיטאַ. זי האָט האַסטיק אָפּגעשטעלט דאָס פּערד און אַ געשריי געטאָן צו אים שטיפעריש:

— און איך וועל נעמען און אופהערן צו קומען אהער — אײַך אפצולאָכעס!

— אפילע ווען איר וועט אופהערן צו קומען אין די קלאסן, וועל איך געפינען א וועג אײַך צו זען. איך וועל „פיקעטירן" אײַער הויז, איך וועל זיך ארײַנגאנווענען דורכן פענצטער, ווען איר וועט שלאָפן, איך וועל...

— קומענדיקן זונטיק וועל איך ניט רײַטן!

און זי האָט ווידער א קערעווע געטאָן דאָס פערד אף צוריק. אײַזיק האָט זיך הויך פאנאנדערגעלאכט. זי האָט געהערט דעם געלעכטער, אָבער זי האָט ניט אָפגעשטעלט דאָס פערד, קעדיי עפעס צו ענטפערן. אײַזיק האָט א טראכט געטאָן: אזא צעבאלעוועט, רײַך מיידל! ער האָט זי שוין גוט געקענט. געקענט אירע קאפריזן און זייער גוט געוווּסט, אז זי באהאלט הינטער אלערליי עקסצענטרישע שפיצלעך די עמעסע געפילן צו אים. ער האָט געוווּסט, אז זי וויל אים זען, כאָטש זי ראנגלט זיך צוליב עפעס מיט אירע אייגענע געפילן. פון דעם איז געווען גוט און ווארעם אפן הארצן, און א גאנצן טאָג איז ער געווען אונטערן אײַנדרוק, אז גראָד הײַנט איז ער דורכגעגאנגען די ערשטע גרענעץ צו א דערנעענטערונג.

אף מאָרגן איז אין זייער קלאס ארופגעשוועמען א ניט צוגעגרייטע דיסקוסיע אף דער טעמע: „די ראָליע פון דער פלאסטישער קונסט אין סאָציִאלן לעבן". די סטודענטן זײַנען ניט געווען צוגעגרייט. צווישן זיי זײַנען געווען אייניקע, וואָס האָבן אליין געמאָלט אָדער געקלעפט, ווי א צײַט־פארטרײַב, ווי א „האָבי". אויך זיטא האָט געמאָלט. זי האָט אפילע א צײַט באזוכט א קונסט־שול. מעווינים האָבן געזאָגט, אז זי האָט טאלאנט. די ווענט פון אירע צוויי צימערן זײַנען געווען באהאנגען מיט אירע מאָלערײַען. אויך אין די איבעריקע צימערן זײַנען געהאנגען אירע בילדער, און די עלטערן האָבן שטענדיק מיט שטאָלץ אָנגעוויזן די געסט אף אירע מאָלערײַען. אָבער זיטא אליין האָט געפילט, אז זי האָט נאָך ניט געפונען איר אייגענעם אויסדרוק, אז זי האָט געבלאָנדזשעט. די אלערליי שטרעמונגען, וואָס זי האָט באמערקט אין די קונסט־גאלערייען און אין דער רײַכער קונסט־ליטעראטור פון דער לעצטער צײַט, האָבן זי צעטומלט. ס׳איז איר געווען ליב און טײַער די רעאליסטישע קונסט. זי האָט האנאָע געהאט פון דער קלאסישער קונסט. אָבער זי האָט געשפירט א סאך שיינקײַט אויך אין דער הײַנטצײַטיקער קונסט. ס׳איז געווען אויך א סאך שיינקײַט אין די נײַע אבסטראקטע פאָרמען. זי האָט פיל מאָל פרובירט דערגיין דעם סאָד און דעם זין פון אָט דער שיינקײַט. זי האָט דאָך שוין געלייענט אזויפיל ביכער און אויסגעהערט אזויפיל מיינונגען, אָבער די צעטומלעניש איז פון דעם נאָך מער געוואקסן. ניט דער סאָד, ניט דער זין פון אָט דער קונסט איז איר ניט אופגעקלערט געוואָרן. איז זי געווען זייער צופרידן, וואָס דאָ וועט מען קאָנען אף אן אינטימען אויפן אויסדריקן די ספייקעס און די מיינונגען.

אָבער באלד ווי די דיסקוסיע האָט זיך אָנגעהויבן, איז געוואָרן קלאָר, אז אויך אנדערע זײַנען געווען צעטומלט. די מער ערלעכע האָבן פאָשעט צוגעגעבן, אז זיי ווייסן ניט, ווי מ׳קאָן הײַנטיקע צײַטן האנאָע האָבן פון דער מאָדערנער קונסט, ווען זיי פארשטייען זי ניט. דערפאר האָבן זיי זיך ארויסגעזאָגט פאר דער „אלטער גוטער" קונסט, ווײַל אזא קונסט האָט מען געקאָנט זען, באנעמען און האנאָע האָבן פון איר.

זיטא אליין איז געווען צווישן די גאָר ווייניקע, וועלכע האָבן געקאָנט האנאָע האָבן פון דער קלאסישער קונסט און אויך פון דער הײַנטצײַטיקער קונסט, וואָס האָט זיך געקליידט אין אלערליי „איזמען". אויב נאָר די ווערק זײַנען געמאָלט אָדער געקלעפט פון טאלאנטירטע מענטשן...

נאָך זיטען האָט גענומען דאָס וואָרט אײַזיק. ער האָט גערעדט לענגער פון אלעמען און האָט, ווי אין אלץ, באלד ארויסגעוויזן זײַן באקאנטשאפט מיטן איניען. ער איז באשטאנען אף דער הײַנטצײַטיקײַט פון דער קונסט. דאָס לעבן איז אין אלע זײַנע פאזן אוועק אף נײַע וועגן, אף פונדאמענטאלע ענדערונגען — צו פראָגרעס. מענטשן האָבן שוין אָנגענומען זייער באציִונג צו אטריבוטן פון נײַסטע דערגרייכונגען: עלעקטרע ווערט אָנגעווענדט אף טויזנטער געביטן פונעם לעבן. די נײַע וויסנשאפט האָט איבערגעאנדערשט דאָס פאָנעם און דעם אינהאלט פון טויזנטער זאכן און באגריפן. בלויז בענעגייע צו דער קונסט ווילן מיר זיך ניט א ריר טאָן פאָרויס. און קונסט דארף דאָך, אין דער ערשטער ריי, זײַן אן אָפשפיגלונג פון דער צײַט, טאקע פון די ענדערונגען, וואָס קומען פאָר אין לעבן. און קיינער קאָן דאָך ניט לייקענען, אז ס׳זײַנען פאָרגעקומען און עס קומען שטענדיק פאָר פונדאמענטאלע ענדערונגען אינעם סאָציִאלן לעבן פונעם מענטשן, אן איבערשיכטונג אין דער געזעלשאפטלעכער סטרוקטור, א שטרעבונג צו א נײַער, העכערער אָרדענונג. און די קונסט האָט דאָך גוואלדיקע סאָציִאלע פונקציעס אין לעבן. טעכניש האָט טאקע די קונסט אויך דורכגעמאכט א רעוואָליוציע און איז געגאנגען פאראלעל מיט דער אינדוסטריִעלער רעוואָליוציע, אָבער די אינדוסטריִעלע רעוואָליוציע האָבן מיר אָנגענומען, די קינסטלערישע — ניט. מיר ווילן נאָך אלץ באוווּנדערן און אויסלעבן זיך מיט

דער קונסט פון אַמאָל, פון די לאַנג־פאַרגאַנגענע צײַטן...

עמעצער האָט אים איבערגעריסן:

— קונסט איז אײביק. קונסט בײַט זיך ניט. און די באַציִונג צו איר קאָן זיך דעריבער אויך ניט ענדערן.

— אָבער די באַציִונג צו איר פאָרם און אינהאַלט מוז זיך ענדערן. מ׳מוז צו איר צוגיין גאָר מיט אַן אַנדער מאָס, ווי צו הײַנטצײַטיקער קונסט. הײַנט ווייסן מיר שוין, אַז צו מאָלן די נאַטור, ווי זי איז, איז ניט נייטיק אַ סך טאַלאַנט. קאָפּירן, און זייער פּינקטלעך קאָפּירן, קאָן מען זיך זייער לײַכט אויסלערנען אין אַ קונסט־שול. נאָך מער: בײַ די הײַנטיקע גרויסע טעכנישע דערגרייכונגען קאָן שוין איצט אַ פאָטאָ־אַפּאַראַט נאָך מיט גרעסערער פּינקטלעכקײַט אָפּפאָטאָגראַפירן, דערצו נאָך אין די פײַנסטע קאָלירן, אַלץ, אויף וואָס אַ מאָלער וואָלט באַדאַרפט אַרבעטן וועגן ווייסט וויפל צײַט... דערפאַר טאַקע זײַנען איצט די אויפגאַבן פונעם מאָלער אַ סך גרעסערע. אויך די פאָדערונג צו אים — אַ גרעסערע, ווײַל איצט מוז ער שוין בעמעס זײַן אַ שעפער. ער דאַרף שעפעריש ענדערן דאָס וואַרשײַנלעכע. ער דאַרף פאַרמאָגן אַן אויג פאַר נײַע פּסיכאָלאָגישע דערפאַרונגען דורך שאַפן פאָרמען, וואָס זאָלן אַרויסרופן בײַם צושויער ניט נאָר אַן אויסערלעכן אײַנדרוק, נאָר הויפּטזאַכלעך — אַן אינערלעכן. דער מאָלער דאַרף איצט, ווי אַ דעליקאַטער סייסמאָגראַף, רעקאָרדירן די פּסיכאָ־פיזישע ריטמען פון זײַן אייגענער קינסטלערישער פּערזענלעכקײַט, וואָס זאָל זיך אָפּרופן מיטן זעלביקן ריטם אויף דעם געמיט פונעם צושויער. ער דאַרף אָבער אויך זײַן, ווי אַ ראַדאַר־עקראַן, אויף וועלכן עס זאָלן זיך קאָנען אָפּשפּיגלען די סאַמע וויכטיקע געשעענישן פונעם אַרומיקן לעבן, ווײַל קונסט און לעבן זײַנען איינס.

די געדאַנקען האָט אײַזיק אַרויסגעזאָגט מיט אַ סך ברען און איבערצײַגונג, און ווען ער האָט פאַרענדיקט, האָבן אַלע אַפּלאָדירט. זיטאַ האָט אויך אַפּלאָדירט, נאָר זי האָט זיך געכאַפּט און אויפגעהערט. ס׳איז אָבער שוין געווען צו שפּעט, ווײַל אײַזיק האָט גראָד באַמערקט איר פּאַטשן. זי האָט זיך אַ ביסל פאַרויטלט און געבליבן זיצן מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, ווי מוירע האָבנדיק צו באַגעגענען זיך מיט אײַזיקס אַ בליק... ער האָט דערבײַ אַ טראַכט געטאָן, אַז הײַנט מוז ער זי אָפּוואַרטן אין דרויסן און באַגלייטן זי ביז דער היים. און עפּשער וועט דאָס זײַן די געלעגנהײַט אויפצוקלערן זייערע געפילן איינע צו די אַנדערע. אָבער זיטאַ האָט גראָד הײַנט געוואָלט אים אויסמײַדן, ווי זי וואָלט געוווּסט זײַן פּלאַן. זי האָט מוירע געהאַט פאַר אַ דערנעענטערונג און, אין דער זעלבער צײַט, געראַנגלט זיך מיט שטענדיקער בענקשאַפט נאָך אים. זי האָט געהאַט אַ סך פאַרערער, אָבער זיי האָבן זי ווייניק אינטערעסירט. גראָד אָט דער אָרעמער „איסט־סײַדער“, מיט דעם צעשויבערטן קאָפּ האָר, מיט די צו פרײַע מאַנירן, האָט זי פאַרפאָלגט דורך אירע טעג און איר פאַרשאַפט שלאָפלאָזע נעכט. זי האָט אים דערפאַר פײַנט געהאַט... ניין, זי וועט אים הײַנט אויסמײַדן!

דער אוילעם האָט נאָך געטומלט, געוואָלט איבערשרײַען איינער דעם אַנדערן, ווען זיטאַ האָט זיך אויפגעהויבן און איז אַרויס פון צימער. זי האָט פאַרשנעלערט אירע טריט, גייענדיק אין דער לענג פונעם קאָרידאָר. איר האָט זיך געדוכט, אַז אײַזיק פאָלגט זי נאָך. צו איר פרייד האָבן זיך געעפנט די טירן פון עטלעכע קלאַס־צימערן. סטודענטן האָבן גענומען אַרויסשטראָמען, און זיטאַ איז באַלד פאַרלוירן געגאַנגען אין דער גרויסער מאַסע. זי האָט געהאַט אַ געפיל, ווי זי וואָלט זיך ערשט אַרויסגעראַטעוועט פון אַ געפאַר. איר האַרץ האָט שטאַרק געקלאַפּט. זי האָט געוווּסט, אַז ווען זי וועט קומען אַהיים, וועט זי זיך פאַרשפּאַרן אין איר צימער, אַרײַנפאַלן אין בעט, פאַרגראָבן דאָס פּנים אין קישן און וועט ביטער און היסטעריש וויינען...

אָבער אַנשטאָט צו גיין אַהיים, האָט זי זיך אַ קער געטאָן אויף לינקס, אַריבערגעשפּאַנט די גאַס און איז אַרײַן אין פּאַרק. דאָ האָט זי זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק און לאַנג געזעסן און געטראַכט, געטראַכט וועגן זיך און וועגן אײַזיקן און ניט אויפגעהערט צו פרעגן בײַ זיך: ווי לאַנג נאָך וועט זי זיך ראַנגלען מיט זיך און מיט אים? ווי לאַנג וועט זי נאַרן זיך אַליין? פאַרוואָס האָט זי מוירע? און פאַרוואָס האָט זי שטענדיק געוואָלט אים פאַרשאַפן ווייטאָק? פאַרוואָס האָט זי אים ליב און פײַנט אין דער זעלבער צײַט?..

אין אירע אויערן האָט נאָך געקלונגען זײַן שטים. זי האָט געהערט זײַנע היציקע ווערטער, און די מיינונגען, וואָס ער האָט אַרויסגעזאָגט, זײַנען געווען אַזעלכע, וואָס זי האָט געוואָלט פון אים הערן... גראָד פון אים האָט זי געוואָלט הערן אַזאַ מיינונג וועגן דער מאָלערישער קונסט, און אָט האָט ער דאָס קלאָר און זיכער אַרויסגעבראַכט, ווי נאָר צוליב איר... ניין, ניט נאָר הײַנט, נאָר אַלעמאָל האָט ער פאַרענטפערט פראַגן, וואָס האָבן זי געמאַטערט. אָבער אַלעמאָל האָט זי זײַנע ענטפערס באַקעמפט צוליב עפּעס אַ מוירע און אַ פאָרורטייל. פאַרוואָס? פאַרוואָס די מוירע? און פאַרוואָס דער פאָרורטייל?

אויף מאָרגן, ווען ער איז אַרײַן אין צימער, האָבן זיך זייערע בליקן באַגעגנט. לעבן איר איז געווען אַ ליידיק בענקל, איז ער צוגעגאַנגען און זיך לעבן איר אַוועקגעזעצט. געזאָגט:

— איך דאַנק אײַך פאַר די אַפּלאָדיסמענטן.

— כ׳האָב ניט געמיינט אפּלאַדירן. כ׳בין בלויז מיטגעריסן געוואָרן פון אנדערע...

— איר דאַרפט זיך ניט פאַרענטפערן. כ׳האָב באמערקט, אַז אלע מײַנע קעגנערס האָבן גע־פּאַטשט. אין א מינוט ארום האָבן זיי סײַווי גע־טײַנעט זייערע טײַנעס...

— מיר האָבן אפּלאַדירט אײַער פאַרגלויבט־קײַט. אָבער די ארויסגעזאָגטע מיינונגען... מ׳דאַרף זיי ערשט באַטראַכטן אין א קריטישער שײַן...

זי איז געוואָרן רויט. דערפילט, אַז זי הייבט אָן נאָכאַמאָל שפּילן איר שפּיל. און זי האָט זיך ווידער א פרעג געטאָן: צוליב וואָס?

— אוודאי דאַרף מען מײַנע רייד ניט אָנע־מען בלינדערהייט... אָט ווייסט איר וואָס? לאָמיר זיך אמאָל ביידע אדורכגיין איבער די קונסט־גאַלעריען. מיר וועלן קוקן און טיילן זיך מיט מיינונגען. איך מאַך אײַך דעם פאָרשלאָג, ווײַל מיר איז געפעלן געוואָרן דאָס, וואָס איר האָט נעכטן געזאָגט. ס׳איז געווען א סאַך עמעס אין דעם.

— א דאַנק פאַרן קאָמפּלימענט.

— ניין, איך מיין עס ערנסט. איר זײַט געווען אופריכטיק. יאָ, כ׳האָב געהערט זאָגן, אַז איר מאָלט. מעג מען עפּשער אמאָל א קוק טאָן אַף אײַערע מאָלערײַען?

— אָ, איך בין א ליבהאָבערן... בא אײַך וועל איך דעם עקזאַמען ניט אויסהאַלטן.

— איך וועל אײַך ניט מאַכן קיין עקזאַמען. וואָס שײַעך מיר, בין איך ניט קיין ליבהאָבער. קיין פּענדזל ניט געהאַלטן אין האַנט. איך האָב זיך בלויז א ביסל אויסגעלערנט ליב האָבן קונסט — האָב איך זיך פאַרינטערעסירט, ארומ־שפּאַצירט אין די גאַלעריען, דורכגעלייענט א פּאָר ביכער, און פון אייניקע, ווי איר האָט גע־זען, אפילו באַײַנפלוסט געוואָרן... איז לאָמיר באַשטימען א טאָג פאַר די גאַלעריען, אַז ניט — וועלן מיר פאַרשפּעטיקן. דער סעזאָן ענדיקט זיך.

זי האָט א טראַכט געטאָן און ניט זיכער גע־זאָגט:

— עפּשער שאַבעס.

זי האָט עס געזאָגט און זיך א ביסל דער־שראָקן, וואָס זי האָט אזוי שנעל נאָכגעגעבן...

ער האָט זיך אָבער אין איר ענטפער אָנגע־כאַפּט:

— שאַבעס? צו ווײַט. הערט, מיר האָבן א גאַנצן ווינטער געלערנט, מעגן מיר סאָף זמאַן זיך א ביסל אונטערפוילן. לאָמיר מאָרגן אראָפּ־גאַנווענען א טאָג און „שפּילן הוקי"...

איר איז געפעלן געוואָרן דער אײַנפאַל:

— הייסט עס, מאָרגן?

— מיר טרעפן זיך פּונקט עלף אזייגער באַם קאַרנעגי.

— עלף אזייגער באַם קאַרנעגי.

און אַף מאָרגן האָט מען זיך טאָקע געטראָפן און באַלד אָפּגערעדט, וועלכע גאַלערייען צו באַזוכן. ביידע האָבן געוווּסט, ווער עס שטעלט אויס און ווו.

זי איז געווען גוט געשטימט. א נײַע לײַכט־קײַט פון געמיט האָט געשײַנט אַף איר פּאָנעם, און ער האָט געטראַכט, אַז אָט זעט ער זי צום ערשטן מאָל אזא אופגעלייגטע, מיט אַן אָפן פּאָנעם און מיט אָפענע אויגן, אין וועלכע מ׳האָט געקאָנט ארײַנקוקן און באַגעגענען אַן אָפּרוף.

און ער האָט שוין געוווּסט, אַז ער איז אריבער די לעצטע גרענעץ צו פולער דערנעענטערונג.

1939

צום שלאָס מיט די שטאָלענע טויערן

א

דער סאַנטא־פע־צוג האָט זיך מעשונענדיק געטראָגן איבער די אָנגעגליטע וויסטענישן פון דעם שטאַט אריזאָנא. אין וואַגאָן איז געווען מוי־רעדיק הייס און שטויביק, ווי די זון וואָלט זיך מיטאַמאָל צוגערוקט מיט איר פײַערדיקן פּאָנעם נאָענט צו דער ערד און מיט די גליִיקע שטראַלן געוואָלט פאַרטיליקן אַלץ און אומברענגען.

די אויסגעמאַטערטע פּאַסאַזשירן פון אונדזער וואַגאָן האָבן אַנגסטיק פאַרוואָרפן זייערע קעפּ צו די ווענטלעך פון די בענק, מיט אויסגעשטרעקטע העלדזער געצויגן אין זיך די שיטערע אָנגעגליטע אריזאָנער לופט און געראַנגלט זיך מיט א דרעמל, וואָס האָט ניט געוואָלט אָפּלאָזן די מידע, אָפּגעשוואַכטע גלידער.

פאַרבײַ די פענצטער זײַנען געלאָפן טרוקענע שטרעקעס. הויכע בערג האָבן זיך געהויבן אין זייער ברוינער נאַקעטקייט, ווי ריזיקע מאַסיוון פון אופגעהורבעטע קופּעס ליים, וואָס האָבן פון די פּאַרהיסטאָרישע צײַטן אָן נאָך ניט געביטן זייער פּאָנעם, און זײַנען פאַרשוווּנדן אין זוניקע ווײַטקײַטן הינטער אונדז. אַף זייער אָרט זײַנען געקומען נײַע בערג און בערגלעך, קרומע, לאַ־מע, כאַאָטיש־אויסגעפורעמטע געשטאַלטן, וואָס האָבן אַף זיך געטראָגן צייכנס פון קאַלאָסאַלע אונטערערדישע אויסברוכן און געבליבן אַף דעם

לײַב פון דער ערד, ווי אָפּענע וווּנדן, קעדיי צו דערציילן דער וועלט וועגן די מוירעדיקע קאַטאַסטראָפעס פון פאַרצײַטן און שאפן צווישן פעלקער הונדערטער וווּנדער־לעגענדעס.

אונדזער צוג האָט זיך זייער געאײַלט, מיט א פאַרשטיקטן אָטעם ניט אופגעהערט צו יאָגן זיך פאָרויס, פאָרויס, פאַרבײַגעלאָפן סטאַנציעס, געלאָפן שאָען נאָכאַנאַנד אָן אַן אָפּשטעל. ווי א געטריבענער פון א ווילדער שרעק איז ער געלאָפן איבער שטאָלענע קעניאָן־בריקן, דורך פינצטערע טונעלן אין מוירעדיקן געאײַל צו אַנטלויפן פון עפּעס א נאָכיאָגנדיקער געפאַר, פאָרויס, פאָרויס.

פון צײַט־צו־צײַט זײַנען, ווי פון אונטער די רעדער, אַרויסגעלאָפן אופגעשראָקענע, שנעלפיסיקע גאַזעלן, געלאָפן מיט אופגעשפּיצטע אויערן, געשפּרונגען איבער די טרוקענע גראָזקוסטן, איבער ליימיקע הרודעס, און ערשט ווײַט, זייער ווײַט, אָפּגעשטעלט זיך, מיט אויסגעקײַלעכטע אויגן געקוקט אַף דעם אַנטלויפנדיקן צוג. און הויך איבער די שפּיצן פון די בערג האָט שוין געשפּרייט זײַנע ברייטע פליגל דער אָדלער, געלויערט איבער דער באַשעפעניש, געצילט מיט נעגל און מיט שנאָבל צו דער ציטערדיקער פעל פון איר שלאַנקן רוקן.

ב

אַף דער קעגנּיבערדיקער באַנק איז געזעסן א יונגע מוטער מיט איר דרײַ־יאָריק קינד. זי איז נאָך געווען יונג. זי האָט אויסגעזען ווי א מיידל פון א יאָר נײַנצן־צוואַנציק. איר קורץ־געשאָרענער קאָפּ האָר און דער שלאַנקער קערפּער האָבן איר צוגעגעבן א ייִנגלשן אויסזען. און נאָר די צערטלעכקײַט צו איר קינד האָט אַנטפּלעקט א קוואַל פון גוטער איבערגעגעבענער מוטערלעכקײַט.

דאָס קינד איז געשטאַנען באַם פענצטער, אַרויסגעקוקט צו די וווּנדער פון דער נײַער וועלט, וואָס איז פאַרבײַגעלאָפן, און ניט אופגעהערט צו פרעגן פראַגן. אַזאַ וועלט איז דאָס געווען, אָן אומפאַרשטענדלעכע. אַזעלכע נײַע דערפאַרונגען אין איר און אַרום איר. אַזעלכע אומגעזעענע בילדער. און וואָס איז דאָס אַלץ? און צוליב וואָס? און פאַרוואָס?

דאָס קינד האָט געפרעגט, און די מוטער האָט געענטפערט. אין א קאַרגער קינדערשער שפּראַך פּרובירט דערקלערן שווערע זאַכן. און ניט אַלץ איז איר אַליין געווען קלאָר. זי אַליין האָט צום ערשטן מאָל געזען די בילדער און צום ערשטן מאָל באַנומען די נײַע דערפאַרונגען. אָבער ענטפערן האָט מען געמוזט. געפינען די קינדערשע שפּראַך און אופזוכן יעדעס קינדעריש וואָרט האָט מען געמוזט. זי איז געווען א מאַמע. און זי איז מיט איר קינד געפאָרן אין דער ווײַטער וועסט. צום ערשטן מאָל אין איר לעבן אַרויסגעלאָזט זיך אַף אַזאַ ווײַטער רײַזע.

דאָס קינד איז געווען שפּילעוודיק־אופגעלייגט. און די מוטער — א ביסל פאַרומערט און אומרויִק, געטראָגן א בלייכקײַט אַף איר פּאָנעם און אונטער די אויגן — טונקעלע צייכנס. געהאַלטן זיך פרעמדלעך. גערעדט נאָר מיטן קינד. געווען פאַרנומען מיט זײַן קליידונג, מיט זײַן עסן און טרינקען, און נאָר פון צײַט צו צײַט אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער מיט א פאַרטראַכטן בליק, לאַנג געקוקט אין די לויפנדיקע ווײַטקײַטן און געשוויגן. אויסגעמיטן מײַן בליק. אויסגעמיטן באַקאַנטשאַפט.

די נאָכמיטיק־שאָען האָבן זיך געצויגן לאַנגזאַמער און שווערער. עס האָט זיך געדוכט, אַז דער צוג וועט זיך שוין קיינמאָל ניט אָפּשטעלן. ערשט ווען די זון האָט זיך, ווי א בלוטיקע ראָד, אַרונטערגעלאָזט ביז די שפּיצן פון די קופּערנע בערג און האָט אָנגעצונדן דעם האָריזאָנט אין פּורפּורנע פײַערן, האָט דער צוג פּלוצעם פאַרהאַלטן זײַן גאַנג און, סאָפּענדיק שווער און אַנגסטיק, זיך אָפּגעשטעלט באַ א סטאַנציע אין די בערג.

פּאַסאַזשירן האָבן זיך אופגעכאַפּט פון דרעמל. זיי האָבן זיך דערפרייט און זיך אַרויסגעשאָטן אַף דער פּלאַטפאָרמע. געשפּאַצירט און געאײַלט צום רעסטאָראַן איבערבײַסן, טרינקען, אײַנקויפן פרישע פּרוכט. ביז קאַליפאָרניע איז נאָך געווען א טאָג רײַזע.

איך בין אויך אַרויס אַף דער פּלאַטפאָרמע. די מוטער מיטן קינד זײַנען געבליבן אין וואַגאָן. אַרומשפּאַצירנדיק הין און צוריק, האָב איך זיי געזען שטייענדיק נאָענט באַם פענצטער. אונדזערע אויגן האָבן זיך צונויפגעטראָפן אין א פרײַנטלעכן בליק. דאָס קינד האָט צו מיר אַפילע א מאַך געטאָן מיטן הענטל, ווי צו אַן אַלטן באַקאַנטן, און די מוטער האָט בלויז פרעמדלעך א שמייכל געטאָן.

דער צוג איז דאָ געשטאַנען א האַלבע שאָ. דער לאָקאָמאָטיוו האָט זיך אָנגעטרונקען מיט וואַסער און האָט פונדערווײַטן מוירעדיק געסאָפּעט. אַרבעטער האָבן אין אײַלעניש אָנגעלאָדן דעם באַגאַזש, געוואָרפן אין אָן אָפענעם וואַגאָן פּעק, קאַסטנס און זעק מיט פּאָטשט. די פּאַסאַזשירן זײַנען געווען דערפרישט און אופגעלייגט. די זון איז אונטערגעגאַנגען הינטער די בערג. דער קילער מײַרעוו־אָוונט איז לאַנגזאַם צוגעפאַלן. א לאַנגער פײַף האָט אָפּגעליידיקט די פּלאַטפאָרמע. דער צוג האָט זיך שווער א ריר געטאָן. מיר זײַנען געפאָרן ווײַטער.

ג

אין וואַגאָן האָט מען אָנגעצונדן ליכט. איך האָב אַרויסגענומען פון מײַן רײַזע־טאַש אַ פרישן נומער „ניו מעסעס" און גענומען לייענען. די מוטער האָט זיך געפּאָרעט אַרום קינד און פון דער זײַט געוואָרפן אירע קורצע בליקן אַף מיר און אַפן זשורנאַל. פּלוצעם האָט זי געזאָגט:

— איר זײַט אַ לייענער פון אָט דעם זשורנאַל?

— יאָ, אַ שטענדיקער לייענער...

— אַ כאַווער?...

— אַ כאַווער...

— און איך האָב ניט געוווּסט... אַנטשולדיקט פאַר מײַן נײַגעריקײַט.

און איך האָב באַמערקט, אַז זי האָט זיך אַ ביסל פאַרשעמט פאַר איר פלוצלעכער ווענדונג, אָבער אין איר האָט שוין סימפּאַטישע אופגעלעבט אַן אײַנגעהאַלטענע פרייד. האָב איך געזאָגט:

— ניין, פאַרוואָס? פאַרקערט, איך בין צופרידן. מיר פאָרן שוין אַזוי לאַנג און מיר האָבן זיך נאָך ניט באַקאַנט...

מיר האָבן זיך פאַנאַנדערגערעדט. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זי איז געפאָרן באַזוכן איר מאַן, אַ יונגן אַרבעטער־פירער, וואָס איז מיט דרײַ און אַ האַלב יאָר צוריק פאַרשיקט געוואָרן אַף אַ טערמין פון פינף יאָר אין דער סאַן־קווענטין־טורמע פאַר שטרײַק־טעטיקײַטן אין דער אימפּעריעל וואַלי. די צײַט פון די ביטערע אומרוען אין יענער געגנט האָט זיך צוגערוקט נאָענט, אַוועקגעשטעלט זיך צווישן מיר און איר און האָט אונדז דערנעענטערט. איך האָב אַ פרעג געטאָן:

— און איר האָט נאָך פון דאַן אָן אײַער מאַן ניט געזען?

— ניין, ניט געזען. מ׳האָט אים אַרעסטירט און פאַרשיקט. און מיר האָבן זיך ניט געזען. דאָס קינד איז געבאָרן געוואָרן אָן אים... דאָס קינד האָט אים נאָך קיינמאָל ניט געזען...

זי האָט צערטלעך אַ קוק געטאָן אַפן קינד, און איבער איר פּאָנעם איז דורכגעלאָפן אַ שאָטן פון טרויער. זי האָט באַהאַלטענערהייט אָפּגעזיפצט און ווײַטער דערציילט:

וואָס האָט זי געקאָנט טאָן? ווען מ׳האָט אים געמישפּעט, איז זי געווען מיט אַ קליין קינד אַף די הענט, אָן מיטלען צום לעבן. און דאָ האָט מען באַדאַרפט האָבן אַזאַ סומע געלט אַף דער רײַזע פון ניו־יאָרק קיין קאַליפאָרניע — אַ קאַפּיטאַל... איז שוין אַזוי אויסגעקומען, אַז זיי האָבן זיך די גאַנצע צײַט ניט געזען. אָ, זי האָט איר האַרץ אויסגעבענקט נאָך אים!... נאָך אַלעמען: ער איז דאָך אַוועקגעריסן געוואָרן פון איר אינמיטן זייער ליבע... ס׳איז געווען איר ערשטע ליבע... און דאָ איז דאָס קינד געבאָרן געוואָרן, האָט זיך אויסגעלערנט גיין, פּלאַפּלען און ריידן — און עס האָט גאָר ניט געזען זײַן טאַטן, ווייסט ניט, ווי דער טאַטע זעט אויס...

איך האָב פאַרזיכטיק געזאָגט:

— עפּשער איז ניט פּאַסיק, וואָס גראַד זייער ערשטע באַגעגעניש זאָל פאַרקומען אין אַ טורמע...

זי האָט ווי דערוואַרט די באַמערקונג. זי האָט זיך אָן איר אָנגעכאַפּט:

— אָט דאָס איז דאָך עס. זי טוט עס אומיסטן. דאָס קינד ווייסט נאָך ניט פון טורמעס. וועט עס אים ניט שאַטן. און שפּעטער, אַז עס וועט אונטערוואַקסן, וועט ניט שווער זײַן אַלץ צו פאַררענטפערן און דערקלערן... אָ, זי שרעקט זיך אַזוי פאַר אָט דער באַגעגעניש אין טורמע! פאַר איר און דעם קינדס באַגעגעניש!

זי איז אַנשוויגן געוואָרן. אַף איר פּאָנעם האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ נײַע בלייכקײַט. זי האָט אופגעהויבן איר פּאָנעם אַנטקעגן דער טונקלקײַט פון פענצטער, און אירע אויגן זײַנען פאַרגליווערט געוואָרן אַף אַן אומבאַשטימטן פּונקט ערגעץ אין אַ גרויסער ווײַטקײַט, ווו ס׳איז געווען אײַנגעשלאָסן הינטער שטאָלענע גראַטעס איר בענקשאַפט, ווו עס האָט פאַר איר געקלאַפּט אַ האַרץ הינטער שטאָלענע טויערן פון אַ געהיימניספולן שלאָס. זי האָט זיך פּלוצלינג אָפּגעקערט פון פענצטער, אַרויסגענומען פון איר האַנט־טאַש אַ קליין בילדל און עס מיר איבערגעגעבן מיט אַ שולדיקן שמייכל:

— מײַן האַרי...

ס׳איז געווען אַ בילד פון נאָך גאָר אַ יונגן מענטשן, ניט עלטער פון אַ יאָר צוואַנציק, מיט געקרויזטע האָר און מיט אַ מילדן שמייכל פון אַ ייִנגל.

דאָס קינד האָט אויך געוואָלט זען דאָס בילד:

— ווײַז, מאַמע, איך וויל אויך זען פּאַפּאַ...

דאָס קינד האָט אָנגענומען דאָס בילדל מיט זײַנע בײדע הענטלעך און לאַנג אײַנגעקוקט זיך, געוואָלט אָפּאָנעם געפינען ענלעכקײַט צווישן דעם בילד און אַן אַנדער בילד, וואָס זײַן אייגענע פאַנטאַזיע האָט אויסגעאַרבעט, און האָט, אָפּאָנעם, ניט געפונען. ווײַל עס האָט פּלוצעם איבערגעגעבן דער מאַמען דאָס בילדל מיט אַ קאַלטן זשעסט, ווי עס וואָלט זיך געוואָלט באַפרײַען פון אַן איבעריקן געדאַנק, און נאָר געזאָגט:

— מאַ, ווען וועלן מיר אָנקומען צום פּאַ?

זי האָט אים צערטלעך צוגעדריקט צו זיך:

— באַלד, מײַן קינד. דו וועסט איבערשלאָפן די נאַכט. נאָכדעם וועט זײַן טאָג — און מיר וועלן אָנקומען צום פּאַ. נאָך איין נאַכט וועט דורכגיין, און מיר וועלן צו אים אָנקומען... אוי, וועט ער זיך דערפרייען, דער פּאַ, מיט זײַן קליינעם זונעלע!

דאָס קינד האָט זיך אוועקגעשטעלט לעבן פענצטער. איצט האָט עס דאָרט קיין זאך ניט געזען. ס׳איז געווען פינצטער. טונקעלע, קוים זעבארע שאָטנס זײַנען פארבײַגעלאָפן און האָבן געשראָקן זײַן קליין הערצל. האָט עס זיך אומגעקערט צו דער מוטער, אוועקגעזעצט זיך אף איר שויס און האָט זיך איינגעטוליעט אין איר, ווי זוכנדיק שוץ:

— מאמע, איך האָב דיך ליב.

ד

דאָס קינד איז שוין געווען מיד און שלעפעריק. אָבער ס׳האָט ניט געוואָלט גיין שלאָפן. געטוליעט זיך אין דער מוטערס ווארעמקײַט און זיך אײַנגעהערט אין אונדזער שטילן אָוונטלעכן געשפּרעך וועגן א וועלט, וועלכע עס האָט ניט פארשטאנען.

און דער צוג איז געלאָפן, געלאָפן. אונטער אונדזער וואגאָן האָבן געקלאפּט די רעדער, אויסגעקלאפּט אן אײַלנדיקן טאקט, וואָס אָט איז ער געווען אײַנגעהאלטענער און אָט, מיטאמאָל, א פארשנעלערטער. דער צוג איז געלאָפן שנעלער און שנעלער, ווי א פּלוצעם איבערגעשראָקענע כײַע, געלאָפן, אנטלאָפן, דורך פרעמדע טאָלן און בערג. אנטקעגן דער נאכט, אנטקעגן דעם אומבאוווּסטן, מיט א פּלוצלעכן אויסגעשריי פון דער סירענע.

ס׳איז געווען גוט און אומעטיק. און א ביסל שרעקעוודיק. ווײַל אָט האָבן מיר זיך אוועקגעגעבן דעם צוג, איבערגעגעבן זיך זײַן קויעך, זײַן מעשוגעדיקן געלאַף, זײַן גראנגל אנטקעגן נאכט און אנטקעגן ווײַטקײַטן.

וואָס איז געווען פאָרויס — ווער האָט געקאָנט זאָגן און פאָרויסזאָגן? מיט אונדז זײַנען נאָר געווען די דערינערונגען פון א לעבן, וואָס איז געבליבן ווײַט הינטער אונדז. וואָס פאר א מאָמאָשעס האָט איצט געהאט אונדזער פארגאנגענהײַט? א פרוי מיט איר קינד זײַנען געפאָרן זען זייער מאן און זייער פאָטער, וואָס איז געווען אײַנגעשפּארט הינטער שטאָלענע טויערן פון אן אומגעזעענעם שלאָס, וועלכן נאכט האָט אײַנגעטוליעט אין פינצטערניש. און זיי זײַנען מיר געוואָרן אזוי נאָענט, אזוי נאָענט. זייער גורל איז געוואָרן מײַן גורל. זייערע ליידן אף דער וועלט זײַנען געווען מײַנע אייגענע ליידן אף דער וועלט.

די מוטער האָט צערטלעך געטוליעט צו איר ברוסט דאָס קינד. אָ, אזוי האָבן אלעמאָל מאמעס געטוליעט זייערע קינדער, פון די אוראלטע צײַטן אָן. און אלעמאָל איז געווען דער אָוונטלעכער אומעט. דאָס קינד האָט עטוואָס געעפנט די פארשלאָפענע אייגעלעך און געזאָגט:

— מאמע, איך האָב דיך ליב...

און די מאמע האָט זיך איבערגעבויגן מיט די ליפּן צו זײַן שטערן און האָט אים, אָן ווערטער, א קוש געטאָן. און אלעמאָל האָבן מאמעס געקושט זייערע שלעפעריקע קינדער. און פון דעם איז איבערן קינדס פּאָנעם אופגעגאנגען א רויקײַט. די נאכט וועט איבערגיין. דער טאָג וועט קומען, און ער וועט זען זײַן פא. אזא וועלט איז דאָס געווען. אזא ווונדערלעכע וועלט.

מיר זײַנען געפלויגן אף די אופגעשראָקענע פליגלען פון א מאָנסטער, וואָס האָט זיך ווילד געטראָגן דורך נאכט און דורך פינצטערקײַט צו עפּעס א ווײַטן און נאָענטן ציל.

1938

באגעגענישן מיט אינטערעסאנטע מענטשן

איסאַק איטקינד אין זײַן אַטעליע

י. דאָמבראָווסקי

דער קינסטלער איטקינד

ווען איך בין געקומען קיין אלמא־אטא, האָט עמעצער פון מײַנע באַקאַנטע מיר געזאָגט:

— אײַך וויל זען איטקינד, גייט אַרײַן צו אים.

דאָס איז געווען מיסטאָם א יאָר דרײַ פאר איטקינדס טויט.

איך דאַרף זיך מודיע זײַן, אַז די אײַנלאַדונג איז פאר מיר געווען אינגאנצן אומדערוואַרט. מיר האָבן זיך ביז דאַן א לאַנגע צײַט ניט געזען: מײַן צעשיידונג מיט איטקינדן איז געווען אומגעריכט און לאַנגדויערנדיק. כוץ דערוף, ווי גייט מען באַאומרויִקן א פאַרנומענעם מענטשן, וועלכן דו האָסט פאַרלוירן פון אויג מיט א יאָר צען צוריק?.. איך האָב געהערט, אַז איטקינד האָט א נײַע אַטעליע און אַז ער געפינט זיך דאָרט פון אינדערפרי ביז נאַכט. איינציקע פון זײַנע נײַע אַרבעטן האָב איך געזען אויף פאָטאָגראַפיעס. זיי האָבן מיך איבערראַשט. איך האָב גלײַך פאַרשטאַנען, אַז איטקינדן דעם סקולפּטאָר קען איך לאַכלוטן ניט. אין יענעם ווײַט־פאַרגאַנגענעם פרימאָרגן פון 1946 יאָר, ווען ער איז אַרײַנגעקומען צו מיר אין „האָטעל“, זײַנען בא אים קיין שום פאָטאָגראַפיעס, סײַ פון זײַנע איצטיקע, סײַ פון זײַנע פאַרמילכאָמעדיקע אַרבעטן ניט געווען. ער האָט דאַן ניט געהאַט ניט נאָר קיין פאָטאָס פון זײַנע סקולפּטורן, ער האָט ביכלאַל אפילו קיין עסקיזן ניט געהאַט, כוץ א קליין, פּירקאַנטיק טשעמאָדאַנדל, ווו ס׳איז געלעגן א העפטל, פון וועלכן א העלפט איז געווען אַרויסגעריסן, און א פּערטביילעך — פאַרשריבן מיט איטקינדס באַזונדערער האַנטשריפט. ווען עס איז אויסגעקומען צו זען די דאָזיקע בוכשטאַבן, דער וועט זיי קיינמאָל ניט פאַרגעסן.

ווי געזאָגט, האָט מיר די אײַנלאַדונג אויסגעזען אומדערוואַרט, אָבער עס האָט מיך דערפרייט. איך בין געקומען אין דער באַשטימטער צײַט און האָב דאָרט געטראָפן א היפּשע קאָמפּאַניע. געווען צווישן די פאַרזאַמלטע א זשורנאַליסט, א קונסטפאָרשער... דער אוילעם איז געזעסן באַם טיש, געטרונקען טיי און געהערט, וואָס דער באַלעבאָס דערציילט. בייס די געסט האָבן זיך געקליבן אַוועקגיין, האָט איטקינד צו מיר א מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— קומט אַרײַן אין אַטעליע.

— מיר זײַנען דאָך נאָרוואָס פון דאָרטן, — האָב איך פאַרוווּנדערט אים געענטפערט.

— קומט, קומט, איך וועל אײַך עפּעס וואָס ווײַזן. סאָניע וועט אונדז ווידער עפענען די טיר.

די אַטעליע האָט זיך געפונען טאַקע דאָ דערנעבן. מע האָט זיך בלויז געדאַרפט אַראָפּלאָזן פון בריקל. די געסט, וועלכע האָבן באַלאַגערט אין צימער איינע פון די סקולפּטורן, האָבן אפילו ניט באַמערקט, ווי מיר זײַנען אַוועק. זאַלבעדריט זײַנען מיר אַרײַן אין אַטעליע, אין

וועלכער מיר זײַנען געווען ערשט מיט א שאָ
צוריק. איטקינד האָט אײַנגעשלאָסן די שײַן,
כיטרעוואטע א קוק געטאָן אף מיר און, פאר־
זשמורענדיק די אויגן, געפרעגט (ווער עס האָט
מיט אים גערעדט זאָל זײַן אפילע איינע פינף
מינוט, דער וועט קיינמאָל ניט פארגעסן דאָס
שארפע, לויטערע, שפּאָטנדיקע קאָל זײַנס):
— איר געדענקט, איך האָב אײַך אנומלטן
דערציילט, ווי:אזוי איך וועל זיך אומיסטן ארײַנ־
גאנוועענען אין גאנײדן, און ווי מע וועט מיך
נעמען פארן קאָלנער און ארויסמעשאלייעכן צו־
ריק אין גענעם. איר געדענקט?

אויך מיר א פראגע. ווי קאָן מען עס ניט גע־
דענקען די סאמע באליבטע פון איטקינדס דער־
ציילונגען? איך האָב עס געהערט פון אים ניט
איין מאָל אין די פערציקער יאָרן. דאָס איז א
געשיכטע מיט די:אלאָגן, געשעענישן, מיט א
מאסע זייער לעכערלעכע פּראָטים. איטקינד האָט
זיך אומבאמערקט ארײַנגעגאנוועט אין גאנײדן,
אָבער די הימל־וועכטער האָבן אים גלײַך דער־
טאפּט און אוועקגעטאסקעט אין דער הימל־פאר־
וואלטונג. איטקינד האָט זיך דאָרט געדרייט, גע־
פּראווועט פּוילע שטיק, געמאכט זיך פאר א נאַ־
רעלע, געהאקט א טשײַניק, אז מע האָט אים
געגעבן א „פּראָפּוסק" ארײַנצוגיין אין גאנײדן
און אז ער באנעמט ניט, וואָס טשעפּעט מען
זיך צו אים. ער האָט שיר ניט צעטומלט די
פּראָסטזעליקע שיידים. זיי זײַנען אָבער, די מאַ־
לאָכים, מעווינים אף א טשאד. צווישן זיי האָט
אָפּגעזוכט זיך גראָד א ראיעלער אויספּאָרשער
פון יענוועלטיקע איניאָנים. אָט איז שוין איט־
קינד, נעבעך, א צעפּאסעוועטער און מע שלעפּט
אים מיט א געפײַף און א געוואַי גלײַך אין גע־
נעם ארײַן. זיץ דאָרט אין געהאקטע ווונדן. דער
טאמציס פון דער זאך איז נעמלעך דאָס, וואָס
איטקינד איז אן אפיקוירעס, אן אָפּגעשטויסע־
נער. אמאָל האָט ער זיך געלערנט אין יעשיווע,
איז שיר ניט געוואָרן קיין ראָוו, האָט ער גע־
מאכט די פּלייטע און זיך אריבערגעוואָרפן צו
די קינסטלער. ווי באוווסט, האָט מען אף יענער־
וועלט פײַנט קינסטלער, מע קאָן זיי דאָרטן ניט
אָנקוקן. די שיידים ליגט עס אין דער לינקער
פּייע, וואָרעם זיי גופע זײַנען קנאפּע צאדיקים
און נישקאָשעדיקע צוויאקעס. אָבער די מאלאָ־
כים, די אומשולדיק־ריינע, די אומבאפלעקטע
מאלאָכים...

איבערדערציילן די מײַסע איז געוויס אומעג־
לעך. איטקינד אליין וואָלט עס אויך ניט געקאָנט
פינקטלעך איבערדערציילן, וואָרעם קיין קלאָ־
רע פארגאנצטע מײַסע איז עס בא אים קיינמאָל
ניט געווען. ס'איז געווען א טעמע פאר אימפּראָ־
וויזאציע „איטקינד אף יענער־וועלט". יעדעס
מאָל האָט ער עס אנדערש דערציילט. בלויז עט־
לעכע, אמערסטן געלונגענע פראגעס און ענט־
פערס האָבן געוואנדערט פון איין דערציילונג
אין דער אנדערער. דאָס איבעריקע האָט זיך גע־
פורעמט זיצנדיק באם טיש בא א פלאש ווײַן,
דערצו איז עס געווען אָפּהענגיק פון דער שטי־
מונג, אין וועלכער דער דערציילער האָט זיך
געפונען. און די שטימונג, ווי געוויינלעך, איז
געווען א פארשיידענע: א לירישע, אן איראָני־
שע, א פארטראכטע, אמאָל אפילע א ביסל א
טרויעריקע. לאנג טרויערן איז דער מערקוויר־
דיקער מענטש איטקינד ניט אימשטאנד געווען.
די דערציילונגען, וועלכע ער פלעגט אימפּראָווי־
זירן, זײַנען, פארשטייט זיך, געווען אויך אָפּ־
הענגיק פון דער אאודיטאָריע: אויב עס האָט זיך
געמאכט א פּאָשעט־היימלעכע, א פארשײַטע אאו־
דיטאָריע, אזא, וועלכע האָט געקאָנט צוווארפן
א געהעריקע רעפּליקע, האָט איטקינד דערציילט
פריילעך, בײַסיק. אויב דער אוילעם איז געווען
א ליטעראַרישער — זײַנען די דערציילונגען
געפירט געוואָרן געצוימט, קאָרעקט, דער טראָפּ
איז געשטעלט געוואָרן בלויז אפן גרונט־גע־
דאנק, אז אים, איטקינדן, וועט מען אין גאנײדן
קיינמאָל ניט ארײַנלאָזן, ווײַל ער איז ניט דער
קינסטלער... אָבער אין גענעם, אהין קאָן ער
ארײַן בעקאָוועד גאָדל: די טירן פון גענעם זײַ־
נען שטענדיק אָפן פאר אים. עס איז געווען
אָנזעעוודיק אין די דערציילונגען ניט נאָר
דאָס געזאָגטע, נאָר עפּעס מער וויכטיקערס,
וואָס עס איז זיך אָפּגעשטאנען בא אים פון
דאן, ווען ער האָט זיך געגרייט צו ווערן א
ראָוו. די דערציילונגען האָט ער שפּעטער פאר־
קערפּערט אין צוויי סקולפּטור־גרופּעס, וועלכע
געפינען זיך ביז איצט אין קאזאכסטאנער
קונסט־מוזיי. די וויכטיקסטע טייל אין די גרו־
פּעס איז דעם קינסטלערס פּאָרטרעט. און אָט
שטייען מיר איצט לעבן דער סקולפּטור־גרופּע.

אָבער, פונדעסטוועגן, האָב איך פּאָרט ניט
באנומען, פארוואָס דער קינסטלער האָט מיך
ווידער ארײַנגעפירט אהער. און איך האָב אים
געפרעגט וועגן דעם. ער האָט א שמייכל געטאָן,
א מאך געגעבן צו מיר מיט דער האנט, ווי
איינער זאָגט: האָב צײַט, — און איז אוועק צום
ווינקל, ווו עס איז אף דער ערד געלעגן עפּעס
צוגעדעקטס. ער האָט אראָפּגעצויגן די גראָע
זאק־שמאָכטע, און איך האָב דערזען צוויי מאַ־
סקעס. דאָס זײַנען ווידער געווען איטקינדס פּע־
נעמער, וואָס האָבן מיט עפּעס דערמאָנט בעט־
האָוועגס מאסקע נאָכן טויט. די אויגן אף די
מאסקעס בא איטקינדן זײַנען געווען פארמאכט.
אָנשטאָט דעם צווייטן אויג האָט געגליווערט א
טיפער טעמפּער כאָלאָל. ס'איז איטקינד, אָבער
איטקינד, וועלכער האָט געהאט בלויז איין אויג.
דעריבער האָט זײַן פּאָנעם ניט אויסגעדריקט
קיין ליידן, קיין טמימעס, עס האָט אויסגעדריקט
בלויז אָפּוועזנדיקײַט. דאָס איז געווען א דאָפּלט
פארגרעסערטע מאסקע פון א בארמינען, כאָטש
עס איז געווען איטקינדס ריזיקער קײַלעכדיקער
שטערן מיט די שטעכיקע, אף ארוף־פארוואָר־
פענע האָר, מיט די קימאט אנטיש־אויסגע־
קלעפּטע באקן, ליפּן, אונטערשטער קין און מיט
א געשלאָסן, אף טויט־פארקלעמטן, מויל. אָבער
שוין אינגאנצן מאָדנע, אומפארשטענדלעך זײַ־
נען געווען די שעפּעלעך: אויבן אף די באקן,
אונטער די באקן, אויך נידעריקער אונטער דער
גאָמבע האָט דער קינסטלער אײַנגענעסטעט מוּ־
טערטראכט־שעפּעלעך. זיי זײַנען געלעגן צו־
נויפגעקאָרטשעטע, מיט צונויפגענומענע טלאָע־

לעך, זייערע נאקעטע בײַכלעך און צורקעלעך האָבן אויסגעזען ביז גאָר רירנדיק אין דער מעסיקעסדיקער רו, אקוראט, ווי זיי וואָלטן נאָך געדויעט און געקוואָלן אין זייער מאמעס מוטערטראכט...

— איך זעט, זיי שלאָפן, זיי האָבן זיך נאָך ניט אופגעכאפּט, — האָט איטקינד געזאָגט, — איך שענק עס אײַך. מיינט ניט, אז דאָס איז א קאָפּיע, די פורעמס האָב איך צעבראָכן — די זאך איז אן איינציקע.

— א דאנק, — האָב איך געזאָגט מער פארוווּנדערט, ווי גערירט, וואָרעם אינגאנצן אומדערוואַרט איז אף מיר ארופגעפאלן די מאָדנע מאטאָנע. וואָס הייסט עס, ווי פארשטייט מען עס: מיילע, אין די דערציילונגען איז איטקינד אף יענער־וועלט. ווו, אף וואָס פאר א וועלט געפינט ער זיך איצט מיט די מוטערטראכט־שעפעלעך?..

— איצט איז ער דאָ, ווײַל עס האָט אים געבראכט פון יענער־וועלט צוריק אהער. יענער־וועלט איז דאָך אויך צײַטווײַליק... אָבער דאָ, איצט, איז ער שוין אויסער דער צײַט. דאָ, איצט, איז איטקינד אין דער אומענדלעכקײַט. (ער האָט ניט געזאָגט: אין דער אומשטערבלעכקײַט!).

— און די שעפעלעך וואָס באטײַטן?

ער האָט א שמייכל געטאָן.

— א שאָף וועט עפשער פאָרט פון מיר ארויסקומען... — האָט ער גוטהארציק באמערקט. — נעמט און לאָמיר גיין, וואָרעם די געסט ווילן זיך געזעגענען מיט אונדז.

■

ווען איך בין מיט די צוויי מאסקעס, וועלכע סאָניע האָט פארוויקלט אין פּאפּיר, ארײַנגעגאנגען אין צימער, זײַנען די געסט נאָך אלץ געשטאנען בא די ווענט און זיך וועגן עפּעס געאמפּערט.

דאָס צימער איז געווען ביז גאָר א מאָדנע. עס איז געווען, ווי מיט צוויי נעשאָמעס, וועלכע האָבן זיך ניט באהעפט איינס מיטן אנדערן. איין זײַט פון צימער איז געווען פארנומען מיט סקולפּטורן, געהילץ און ליים. א ריזיקער סוידעספּולער ביוסט פון א באוווּסטן אמעריקאנער ארטיסט. בא אים איז אן אומפארשטענדלעכער שמייכל, א נאקעט כוצפּעדיק אויג, וואָס קוקט אָפּן פאַרשײַט צום צושויער. די צווייטע זײַט פון צימער איז געווען פארנומען מיט פּינצטער־מאָרעשכוירעדיקע שווערע ליימענע גוילאָמים; א מינע ראָבאָטס — באשעפענישן פון זײַן געני, פון זײַנע זעונגען: „פּאָגראָמען״, „אָסווענצים״, „א דערהארגעט קינד״, „א געשטאָרבענע״. דאָ האָט זיך אויך געפונען א פּראָסט־פּאָשעט אָפּגעהאקטע קלעצל. אָבער פון דעם האָט שוין ארויסגעשפּראָצט א מין באוווּסטזײַן. אָט וועט זיך עס ארויסרײַסן פון דער טיפער געהילץ־פינצטערניש, וועט דורכברעכן אלע קלאָץ־קרײַזן. די דינע פּראכט האָט שוין ארויסגעקוקט פונעם געהילץ און געשמייכלט. נאָך איין אָנשטרענגונג, נאָך איין שניט, און דאָס געוויינלעכע שטיקל האָלץ וועט עפענען די אויגן. אין דער טיף פון צימער האָט געהערשט גאָר אן אנדער לעבן. אף א שווארצן אײַזערנעם האָקן איז געהאנגען א פאָטאָגראפיע — א מעטער די לענג: א קאראַהאָד נימפעס — אומשולדיקע וואלד־מיידלעך און צווישן זיי א שלאָפנדיקע שיינהײַט. די נימפעס רינגלען ארום א קרישטאָלענע אָפענע טרונע און זיי שיטן אין טרונע פון שעפע־האָרנס בלומען. אלע נימפעס זײַנען פוללײַביקע, מיט רויטע פענעמער, געקליידט זײַנען זיי אין מארלע־וויקלשנורן. די קרענץ אף זייערע קעפּ — פון לעווײַע־ביוראָ. זיי, די דאָזיקע פאָטאָס, האָב איך גוט געקענט, אזעלכע מינע פאָטאָס זײַנען גאנץ וויל געגאנגען אפן מארק אין אלמא־אטא. עפּעס א פעטער א מאזיק האָט פארקויפט די דאָזיקע פאָטאָ־קונסט אפן מעטער און סאנטימעטער. אף דער ראם פון דער פאָטאָ איז געהאנגען א ווונדערלעך־מילדער קראנץ העלבלויע רויזן אף דראָט־שטענגלעך. אונטער דער פאָטאָ איז געשטאנען א קאָמאָד, צוגעדעקט מיט אן אויסגענייטן טישטעך, און אפן טישטעך — א גלעזערנע ראָס, אין וועלכער עס זײַנען געשוווּמען וועקסענע שוואנען. לעבן דער ראָס זײַנען אין א ליימענער וואזע געשטאנען בלומען פון סערוועטקע־פּאפּיר. דאָס זײַנען געווען לאנגע גרויסע בלומען, ענלעכע צו גלאַדיאָלוסן אָדער ליליעס. איך האָב אָנגעקוקט איטקינדן. ער האָט שמייכלענדיק א קנייטש געטאָן מיט איין אקסל.

— אויב מע קאָן, וועל איך מיר נעמען א קוויט, — האָב איך געזאָגט.

ער האָט זיך צעלאכט און דערבײַ א ריב געטאָן זיך די הענט, אף אזויפיל איז אים געפעלן געוואָרן מײַן ביטע.

— יאָ, געוויס, זיכער. סאָניטשקע, פארוויקל די סאמע גרעסטע בלום. זאָל עס זײַן אן אָנדענק פון אונדזער ערשטער באגעגעניש, איר געדענקט?

■

נו, געוויס, ווי זאָל איך דאָס ניט געדענקען? און די קוויט געדענק איך אויך. זי איז גאנץ לאנג געשטאנען בא מיר. דאָס איז געווען א ראָזע קוויט אף א הויך שטענגל, און אלע, וועלכע פלעגן קומען צו מיר, האָבן זיך געוווּנדערט, פונוואנען קומט צו מיר אין צימער אזא פּראכט.

די מײַסע איז, נעמלעך, אזוי געווען: זומער, אין טויזנט נײַן הונדערט פינף־און־פערציקסטן יאָר, האָט אין מײַן טיר פון האָטעל אָנגעקלאַפּט א מענטש. דער מענטש איז געווען א מאָדנער. וועגן דעם האָטעל איז אויך קעדײַ צו זאָגן עטלעכע ווערטער. ער שטייט נאָך, אָבער ציילט שוין די לעצטע טעג זײַנע — דאָס איז א מין שטיינערנער באראק, א כאטקע אף הינער־פיסלעך, וועלכע האָט זיך צוגעטוליעט צו א ריזיקן האָטעל דורכויס פון גלאָז. אָבער אין יענער צײַט, וועגן וועלכער דאָ ווערט דערציילט, איז „מײַן״ האָטעל געווען דער גרעסטער אין שטאָט. דאָס געבן א זאָג: „איך וווין אין גאָסטיניצע

„אלא־טאו", האָט געקלונגען גרויסאַרטיק. אין מילכאָמע־צײַט איז „אלא־טאו" געוואָרן א צוזאָמענוווינונג. דאָרטן האָבן געוווינט אַרטיסטן, האַנדל־פאָרשטייער, טוער פון וויסנשאַפט און קונסט, אפילע פּראָקוראָרן און אויספאָרשער האָבן דאָ ניט געפעלט. בעקיצער, דאָ האָבן זיך געפונען די אַלע גליקלעכע, וועלכע האָבן געהאַט דאָס מאַזל אַרויסצובאַקומען אַן אָרדער, אָדער עס איז זיי פּראָסט געראָטן דורכצוקומען מיטן דירעקטאָר, אָט ווי מיר אַשטייגער. אין א צווײַטן האָטעל, וועלכער איז אויך פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א וווין־קאָמבינאַט, האָט זיך געפונען מײַן פרײַנט, דער פאָלקס־אַרטיסט פון רעפּובליק, דער אָנפירער פון רויטאַרמייִשן אַנסאַמבל פאַר געזאַנג און טענץ באָריס אַלעקסאַנדראָוויטש אַרלאָוו. דאָס איז געווען א מענטש פון אומענדלעכער גוטסקײַט און האַרציקער ברייטקײַט. אין דעם, וואָס דער מאָדנער באַזוכער, וועלכער האָט דאַן אָנגעקלאַפּט אין מײַן טיר, האָט מיר דערלאַנגט א קוויטל פון באָריס אַלעקסאַנדראָוויטשן, איז קיין שום באַזונדערער ווונדער ניט געווען. פאַרוווּנדערט האָט מיך בלויז דער באַזוכער. זײַן אויסערלעכקײַט האָט זיך לאַכלוטן אויסגעטיילט פון דעם אַלעם, וואָס איז מיר אין יענער צײַט אויסגעקומען צו באַגעגענען. דאָס וואָרט „אַרטיסטיזם" האָט אַזוי געפּאַסט צו אים, ווי מיר, אַשטייגער, — א פּאַטשיילע אפן קאָפּ, וואָרעם „אַרטיסטיזם" ווערט אָנגעווענדט צו גאָר אַן אַנדער מין מענטשן. קיין לאַנגע האָר האָט ער ניט געהאַט, ווי, לעמאָשל, דער קאָמפּאָזיטאָר, וואָס האָט געוווינט מיט א שטאָק העכער און פאַרמאָגט א הריווע, ווי בא א לייב. קיין שווארץ שלייפל האָט ער ניט געטראָגן, און אַלס קינסטלער האָט ער זיך ניט פאָרגעשטעלט. אָבער אין דעם, אַז מײַן באַזוכער איז יאָ אַן אַרטיסט, האָב איך ניט געצווייפלט.

„טײַערער אַזאַ און אַזאַ, — האָט געשריבן דער גוטהאַרציקער באָריס אַלעקסאַנדראָוויטש, — איך שיק צו דיר א מענטשן, וועלכן מע רופט איסאַק יאַקאָוולעוויטש איטקינד. בא אים איז פאַראַן אַן אינטערעסאַנטער פּאַרטראַכט לויט דער ליניע פון דראַמאַטורגיע. ער וועט דיר שוין אַליין דערציילן. העלף אים. זײַ אַזוי גוט, באַמי זיך, אַז דאָס זאָל רעאַליזירט ווערן. עס קאָן זײַן, אַז דאָס וועט טויגן פאַרן „טיוז"[1]. ווײַז עס נאַטאַליע איליניטשנע סאַץ. זײַ געזונט. דײַן..."

„דער מענטש האָט א פּיעסע פאַרן „טיוז", צו וועלכן איך האָב קיין שײַכעס ניט, דערצו דאַרף איך אים צונויפירן מיט דער אָנפירערן פון „טיוז", מיט וועלכער איך בין אומבאַקאַנט". די לאַגע מײַנע איז געווען איבערנאַריש, ניט קוקנדיק דערויף, וואָס דער פּאַרטראַכט איז פולקום געווען אין גײַסט פונעם האַרציקסטן באָריס אַלעקסאַנדראָוויטשן.

— זיצט, ביטע, — האָב איך געזאָגט צום באַזוכער, — די פּיעסע האָט איר מיטגעבראַכט?

ער האָט זיך אוועקגעזעצט און גענומען ריידן האַסטיק, ענערגיש, פריילעך, אָף דער אומגעהערטער גרײַזפּולער טשוויטשער־פויגל־שפּראַך, וואָס איז באַקאַנט געווען יעדערן, וועלכער האָט ווען־עס־איז געשמועסט כאָטש איינע פינף מינוט מיט איסאַק יאַקאָוולעוויטשן. אַלץ אין אים גופע איז אוועק, ווי אָף שרויפן: די הענט, די אויגן, דאָס פּאָנעם. ער האָט געעפנט דאָס טשעמאָדאַנדל, אַרויסגענומען פון דאָרט א העפט, גיך א שויבער געטאָן די בלעטלעך. געפונען, ווי עס ווײַזט אויס, דאָס געהעריקע אָרט, האָט ער, צוטײַטלענדיק מיטן פינגער, מיר דערלאַנגט דעם העפט, ווידער אים אַרויסגעריסן פון מײַנע הענט און גענומען דערקלערן דעם איניען. ער האָט געזאָגט, אַז די פּיעסע איז בא אים פאַרטיק, נאָר ניט אין העפט. ער האָט זי אין קאָפּ. אַצינד וויל ער דאָ מיט מיר כאַפּן א שמועס. ער וועט, פאַרשטייט זיך, אויסהערן מײַנע אייצעס, דערנאָך גייט ער זיך אהיים, און פאַר איין נאַכט לייגט ער אויס די גאַנצע פּיעסע אפן פּאַפּיר. דאָס איז זייער א באַלערנדיקע פּיעסע, א פּיעסע פאַר יוגנטלעכע און פאַר שילער פון די עלטערע קלאַסן. אין איר ווערט אָנגעוויזן, ווי מע דאַרף קעמפן פאַר פרײַהײַט. דאָס איז א העראָישע טראַגעדיע פון די רוימישע צײַטן. עס ווערט באַשריבן, ווי די ייִדן זײַנען אופגעשטאַנען צו קעמפן קעגן רוימישן יאָך. אָבער מע דאַרף דאָך פריִער דערלאַנגען אין טעאַטער עפּעס אַזוינס, וואָס אַז מע דערלאַנגט עס, שליסן זיי גלײַך אָן אָפּמאַך. ווי רופט מען דאָס? אָך, יאָ. א מעלדונג, א שעפערישע מעלדונג. איז אָט, דאַרף מען דאָס צונויפשטעלן, שליסן אָן אָפּמאַך, און דענסטמאָל וועט ער רויִק קאָנען אַרבעטן איבער דער דאָזיקער העראָישער דראַמע פאַר עלטערע שילער. טאַקע צוליב דעם איז ער אַהער געקומען פון אַקטיובינסק.

— וואָס רעדט איר? איר זײַט נאָרוואָס פון אַקטיובינסק?

— יאָ, יאָ, — האָט ער ענטוזיאַסטיש געענטפערט, — פון אַקטיובינסק. איך בין דאָרט געווען גאַנצע צוויי יאָר, און טאַקע אין אַקטיובינסק האָט מיר אָפּגעגליקט צו באַגעגענען באָריס אַלעקסאַנדראָוויטשן. דאָס האָט ער מיר געהייסן פאָרן קיין אַלמאַ־אַטאַ און אײַך ווײַזן די פּיעסע.

דאָ דאַרף ווערן דערמאָנט, אַז די מילכאָמע האָט זיך נאָרוואָס געענדיקט און אין אַלמאַ־אַטאַ האָט געשווירבלט מיט עוואַקויִרטע, פאַרוווּנדעטע, קאָמאַנדירטע, סטאַם פאַרלוירענע אָן א היים און אָן א דאַך, וועלכע האָבן געזוכט זייערע מישפּאָכעס. קיינער האָט שוין גאָרנישט געפרעגט, מע האָט פּראָסט אַרויסגעהאָלפן מיט וואָס מע האָט געקאָנט. וואָרעם וואָס איז שוין געווען צו פרעגן, ווער האָט זיך געקאָנט פאַנאַנדערקלײַבן אין דאָזיקן מענטשלעכן מאַבל?

— אין אײַער העפט האָט איר שוין עפּעס אָנגעמערקט, — האָב איך געפרעגט, — דאָס איז א ליברעטאָ?

— ניין, ניין, — האָט איטקינד זיך אָנגערופן מיטן פריִערדיקן ענטוזיאַזם, — אין העפט האָב איך פאַרשריבן אַנדערע זאַכן.

---

1 טעאַטער פאַרן יונגן צושויער.

— וועלכע זאכן?

— אדרעסן, טעלעפאָנען. אָט, גיט א קוק, דאָ איז אײַער אדרעס אויך. דאָס איז א בריוו קיין לענינגראד. איך האָב אים נאָך ניט באוויזן אָפצושיקן.

— איר זײַט א לענינגראדער?

— יאָ, איך בין א לענינגראדער. אין מאָסקווע האָב איך אויך געלעבט. פריִער אין מאָסקווע. דערנאָך בין איך איבערגעפאָרן קיין לענינגראד.

— איר זײַט א שרײַבער, א מיטגליד פון שרײַבער־פאריין? (איטקינד, — האָט זיך געדרייט אין מײַן זיקאָרן. אָבער כאפּן, וואָס און ווער — בין איך ניט מעסוגל געווען).

— ניין, ניין, — האָט ער געשווינד געזאָגט, — איך שרײַב קורצע דערציילונגען. זיי האָבן זיך געדרוקט אין „זוועזדא". כוץ דעם, גיט, ביטע, א קוק.

ער האָט ארויסגעקראָגן פון קעשענע א בייכעלע, וואָס האָט אויסגעזען ווי א קאָרעספּאָנדענט־צײַגעניש, און עס מיר דערלאנגט. איך האָב עס געעפנט. דאָס איז געווען א צײַטונג־אויסשניט, אן ארופגעקלעפּטע אף א טאקטורל פון א בוך־אײַנבונד און אן אײַנגעבויגענע אינצווייען. דער טעקסט איז געווען אזוי אָפּגעריבן, אז ער האָט זיך קוים געזען. דאָס פּאפּיר איז פון לאנגן האלטן קימאט געווען פון א שאָקאָלאד־קאָליר.

— וואָס איז דאָס אזוינס? — האָב איך געפרעגט.

— לונאטשארסקיס אן ארטיקל וועגן מיר, — האָט ער געענטפערט.

— וועגן אײַערע ארבעטן? — דאָס איז געווען אומפארשטענדלעך. ער האָט זיך ווי פארלאָרן.

— ניט דאָס... כוץ מײַן שרײַבן, מאך איך דאָך... אָבער לייענט, לייענט.

איך האָב געפּרוּווט לייענען, נאָר מיר איז גלײַך קלאָר געוואָרן, אז עס איז אן אומזיסטע טירכע. דער טעקסט, אן ערעך בא אכציק שורעס, איז געווען אינגאנצן אָפּגעריבן. קלאָר איז געווען בלויז דער פאמיליע־נאָמען „איטקינד", דער פאמיליע־נאָמען פונעם פאָלקאָמבילד און זײַן אנציקטע מיינונג וועגן איטקינדס אן אויסשטעלונג. דאָס קעפּל פון ארטיקל און פון וואָס פאר א צײַטונג איז דאָס ארטיקל געווען אויסגעשניטן, געדענק איך לאכלוטן ניט.

דאָס דאָזיקע ארטיקל האָבן אין יענער צײַט געזען א סאך מענטשן, און פּונקט ווי איך, האָבן זיי כוץ דעם סקולפּטאָרס און דעם פאָלקס־קאָמיסארס פאמיליעס מער קיין וואָרט ניט געקאָנט איבערלייענען. דאָס ארטיקל איז פארלאָרן געגאנגען, און איטקינד האָט עס מער קיינמאָל ניט דערמאָנט. איצט פארדריסט מיך, וואָס איך האָב דעם אויסשניט אזוי גרינג ארויסגעלאָזט פון האנט, ניט געקראָגן קיין שפּאקטיוול, איך זאָל קאָנען דורכלייענען דאָס ארטיקל. אזא מייוון, ווי לונאטשארסקי, האָט געוויס געוווּסט, וואָס צו זאָגן וועגן איטקינדן, און געוויס האָט ער פאר איסאק יאקאָוולעוויטשעס סקולפּטורן געפונען די ריכטיקע ווערטער. אונדז וועט שוין קיינמאָל ניט אויסקומען צו זען די שאפונגען פון דעם מײַסטער פון יענער צײַט, וואָרעם זײַנע סקולפּטורן פון יענע יאָרן זײַנען צו אונדז ניט דערגאנגען. דער קאטאלאָג פון דער פּערסאָנעלער אויסשטעלונג, וואָס איז אײַנגעאָרדנט געוואָרן נאָך זײַן טויט, הייבט זיך אָן בלויז פון די ארבעטן פון 1956 יאָר. נו, ווו זשע זײַנען אהינגעקומען די ערשטע 40 — 45 יאָר? מיט דרײַסיק יאָר צוריק זײַנען מיר געווען יונג און לײַכטזיניק. איך האָב א דריי און א קנייטש געטאָן דאָס צײַטונג־אויסשניטל און צוריק עס אוועקגעגעבן איטקינדן.

— איצט איז שוין אן אנדער נארקאָם, — ער האָט צונויפגעלייגט דאָס פּאפּירל, עס ארײַנגעלייגט אין קעשענע און צוגעגעבן: — דאן האָט עס אָבער עפּעס וואָס פאָרגעשטעלט!

און נאָך ווי פאָרגעשטעלט! ערשט איצט האָט זיך מיר טאקע גענומען דערמאָנען, אז דעם נאָמען איטקינד האָב איך געהערט ייִנגלווײַז, אין אָנהייב פון די צוואנציקער יאָרן. דאן זײַנען געקומען אין דער קונסט אזעלכע פולשטענדיק אומדערווארטע און אומפארשטענדלעכע זאכן, ווי קאָנסטרוקטיוויסטן, אורבאניסטן, קוביסטן און עפּעס א מינע „גאָרנישטיסטן". זיי האָבן געבושעוועט מיט זייערע מאָדנע אויסשטעלונגען, זיי האָבן ארויסגעגעבן זשורנאלן, אף אלע גאסן האָבן געשריִען זייערע אפישן, די ווענט פון א סאך הײַזער האָבן זיי באפּוצט מיט אומגעזעענע געמעלן. פּלוצעם האָט זיך געיאווועט „וווּכוטעמאס", האָט די אלע „יסטן" צוגעדעקט מיט דעם באוווּסטן ווערטל: „א יא ווּסעך וואס דאוויש". אָט דאן האָב איך דאָס געהערט דעם נאָמען איטקינד. ער איז, נעבעך, אויך ארײַנגעפאלן צווישן די „צוגעדעקטע". ארײַנגעפאלן פריִער, איידער עס האָבן זיך באוויזן לונאטשארסקיס ארטיקלען. אָבער איצט איז געווען אן אנדער צײַט. איטקינד האָט זיך גענייטיקט ניט אף קאטאָוועס. ער האָט גענייטיקט ניט אף קאטאָוועס. ער האָט געדארפט ברויט און א דאך — ווען ניט דאָס, וואָלט ער דאָך ניט אָנגעשפּארט מיט דער פּיעסע וועגן אראָפּשלײַדערן דעם יאָך פון די רוימער! איך האָב עס גאנץ גוט און קלאָר פארשטאנען. איך האָב אויך געוווּסט, אז קיין ברויט און קיין דאך האָב איך ניט. מיילע, א שטיקל ברויט וועל איך עפּשער יאָ פאר אים דעביוּוען, אָבער פון „מײַן" האָטעל וועט מען אים געוויס באלד ארויסשטעלן, וואָרעם כוץ, וואָס עס קלעקט דאָ אָן אים, איז ער ניט צוגעשריבן. פארשטייט זיך, אז כ'האָב געוואָלט אָפּשטופּן דעם אומפארמײַדלעכן און קנאפּ־אָנגענעמען שמועס. דעריבער האָב איך פאָרגעלייגט:

— לאָמיר אָקאָרשט פריִער אויסטרינקען טיי. און דערנאָך...

דערהערט „טיי", איז ער אזוי ראפּטום אופגעשפּרונגען פון שטול, אז איך האָב מיך אפילע דערשראָקן.

— ניין, ניין, — האָט ער אויסגעשריִען, — איך האָב אלצדינג, איך בין גוט אײַנגעאָרדנט, בעסער קאָן ניט זײַן! איך האָב ברויט־קארטלעך. באָריס אלעקסאנדראָוויטש איז אן אויסגעצייכנטער מענטש! באומרוּיִקט אײַך ניט.

איטקינד איז רויט געוואָרן פון מײַן אײַנלאַדונג, אַף אַזויפיל אומבאַקוועם איז אים דאָס געווען. דערצו האָט ער עפּשער געמיינט, אַז איך טראַכט, ער זאָל, כאָלילע, ניט בלײַבן שטעקן בא מיר. ניין, „טיוז", נאָר „טיוז", און מער דאַרף ער קיין שום זאַך ניט!

טיי האָבן מיר גראָד יאָ אויסגעטרונקען. ביז דער טשײַניק האָט אופגעקאָכט אַף דער פּליטקע, האָט איטקינד דערווײַל מיר דערציילט אַ געשיכטע וועגן זײַנע לעצטע בייז־פּאַסירונגען. דערציילט האָט ער היימלעך, מיט וויצן, מיט פאַרשיידענע שפּריכווערטלעך. ווידעראַמאָל האָט אין אים אַלץ אופגעצאַפּלט, זיך באַוועגט, אופגעשטראַלט — זײַנע אויגן, די הענט, דאָס געזיכט און ער אינגאַנצן גענומען. דאָס איז געווען אַ וווּנדערלעכע דערציילונג וועגן אַ פּאַרקישעפטן קינסטלער, וועלכער ווערט קעסיידער פון אַ בייז־געדאַכטער קראַפט פאַרשלעפּט אין אומפאַרשטענדלעכע געשעענישן, וועגן אַ באַגאַבטן קינסטלער אַ שלימאַזל, וועלכן מע אַנערקענט און מע האָט אַפילע ליב, אָבער פון וועלכן מע מוז זיך צוליב אומבאַגרײַפלעכע סיבעס אָפּשאָקלען. ער האָט, שמייכלענדיק, ווי איינער זאָגט: „דאָ איז שווער עפּעס צו מאַכן", פאַנאַנדערגעפירט זײַנע הענט מיט די מאָגערע דינע פינגער פון אַ כירורג אָדער פון אַ סקולפּטאָר.

איך בין פאַרכאַפּט געוואָרן פון זײַן דערציילונג, ווײַל דאָס איז מירווירקלעך געווען אינטערעסאַנט. בא אַן אַנדער מענטשן וואָלט עס געקלונגען, ווי באַרימערישע ליגנערײַ, אָבער בא איטקינדן האָט אַלץ געקלונגען גאָר אַנדערש. אומבאַצוווּנגען, פריילעך־ווייליונגעריש. די מײַסע מיט דעם פאַרקישעפטן קינסטלער איז געווען פונקט אָנגעמאָסטן פאַרן „טיוז"! ער האָט געענדיקט זײַן געשיכטע אַקוראַט צו דער מינוט, ווי דער טשײַניק האָט אופגעקאָכט. מיר האָבן זיך געזעצט טרינקען טיי. אַזעלכע געשיכטעס, קישעף־מײַסעס האָב איך פון איטקינדן געהערט דערנאָך זייער אַ סאַך. אויב די מײַסעס האָבן עמעצן דאַך אָפּגענאַרט און זײַנען אַפילע אַרײַן אין איטקינדס ביאָגראַפיע, איז דאָס ניט זײַן שולד. שולדיק זײַנען די לעפּישע ביאָגראַפן זײַנע, וואָרעם די אַלע דערציילונגען זײַנען קריגעריש־נאַיִוו. דאָס זײַנען וווּנדערלעך אומיטלבאַרע מײַסעס. קיין שום אַנדער זין, כוץ דאָס סאַמע פאַנטאַסטישע, איז אין זיי ניט בענימצע! וואָס מע זאָל דאָ ניט טאָן, ווי מע זאָל זיי ניט מאַכן ערנסטער, וועט עס זײַן אַרויסגעוואָרפן, ווײַל זיי זײַנען אָפּגעשיידט פון יענעם לעבן, ווו עס קלאַפּן טירן, ווו מע שמײַעט דורך קאָרידאָרן, מע שטייט אין די רייען נאָכן פּאַיאָקאויסקומעניש. בייס דער טשײַניק קאָכט שוין אוף און מיר זעצן זיך טרינקען טיי, פליסט נאָך די דערציילונג און אַזוי אָפּגעזונדערט דערפון, וואָס עס פאַרלויפט זיך דאָ אַף דער זינדיקער ערד...

איטקינד האָט געענדיקט דערציילן. איך האָב אים גאָרנישט ניט געפרעגט. עס איז מיר שוין אַלץ קלאָר געווען. אים אויך. ער האָט מיך אָנגעקוקט און זיך צעלאַכט. וואָס פאַר אַ וווּנדערלעכער מענטש דאָס איז געווען! ער האָט קעסיידער געלאַכט. קיינער האָט ניט געזען, איטקינד זאָל זײַן אַן אומעטיקער, אַ בייזער אָדער אַ צערודערטער, כאָטש דאָס לעבן זײַנס איז געווען ווײַט ניט קיין לעקעכדיקס. ניין, ער איז קיינמאָל ניט געווען פאַרומערט!

פון יענעם טאָג אָן האָבן זיך אָנגעהויבן אונדזערע באַגעגענישן. מיר האָבן זיך געטראָפן אַלע טאָג, אָבער וועגן דער פּיעסע פאַרן „טיוז" האָבן מיר מער ניט גערעדט. איך האָב ניט דערמאָנט — ער אויך ניט. דערבײַ האָט מיט איטקינדס איניִאַנים זיך פאַרנומען דער קינסטלער־פאַריין און עס האָט זיך אָנגעמערקט עפּעס בעסערס. אַזויאַרום, איז די פּיעסע אָפּגעפאַלן. עס האָבן זיך אויך אײַנגעאָרדנט איטקינדס דירע־באַדינגונגען. אַנומלטן איז ער אַרײַנגעגאַנגען אין קינאָ. ער איז דאָרטן אָפּגעזעסן פּלײַסיק פון אינדערפרי ביז פאַרנאַכט אַף אַלע סעאַנסן. אין עטלעכע טעג אַרום האָט ער אָנגעזאָגט, אַז ער האָט כאַסענע מיט דער בילעטיאָרשע און ער וועט וווינען בא איר. איך האָב אים האַרציק באַגריסט, פאַריינס זיך אַליין אויך, וואָרעם עס האָט מיך געמאַטערט דער געוויסן. בלײַבן נעכטיקן בא מיר האָט ער זיך אַנטזאָגט, ער האָט גענעכטיקט ערגעץ אין עק שטאָט. דערבײַ האָט ער אַהין געקאָנט קומען נאָר באַנאַכט. ער איז דאַן ניט געווען אַזוי אַלט (אין 45־טן יאָר איז אים געווען אינגאַנצן 61 יאָר). ער האָט אויסגעזען גאַנץ הייטער. אָבער דאָס דאָזיקע נאַכטלעגער ערגעץ אין אויסרײַסעניש! און עס האָט גרײַלעך געקאָנט זײַן, אַז ער שלאָפט אַף אַ ברודיקער פּאָדלאָגע. דאָס האָט אונדז, זײַנע פרײַנט, ערנסט באַומרויִקט. אים אָבער האָבן די דאָזיקע שטייגער־איניִאַנים קנאַפּ וואָס אָנגערירט. בייס מע האָט געשמועסט וועגן ערדישע זאַכן, פלעגט אַף זײַנע ליפּן אופגיין אַ באַזונדערער שמייכל, אַ מער אומעטיקער, אַ מער פאַרטראַכטער. ער האָט ווי ניט געהערט, וואָס מע רעדט. און פּלוצעם האָט ער מיט אַ פרעמד־אָפּוועזנדיק קאָל באַמערקט:

— איך פאַרשטיי אין די זאַכן גאָרנישט, טאַקע — גאָרנישט. אין אַזוינע זאַכן דאַרף מען זיך מיט מיר באַגיין, ווי מיט אַ קליין קינד.

איין גאָט האָט געוווּסט, וואָס פאַר אַ מיין ער האָט אַרײַנגעלייגט אין זײַנע ווערטער. צי האָט ער גערעדט וועגן זײַנע מאַטעריעלע שוועריקײַטן, צי האָט ער אין זינען געהאַט עפּעס אַנדערש.

אין דער אַכטמעטערדיק־קאַרגער ראַכוועס פון מײַן צימער זײַנען אין אַן ענגער שורע געזעסן סאַביט מוקאַנאָוו, איך און די מאַשיניסטקע אונדזערע, עמיליע איוואַנאָוונע. מיר זײַנען געווען פאַרנומען מיט איבערזעצן מוקאַנאָווס ראָמאַן „אַמודאַריאַ". די אַרבעט איז געגאַנגען, ווי אַף אַ קאָנווייער. מוקאַנאָוו האָט דיקטירט דעם בוכשטעבלעכן באַטײַט פונעם מאַנוסקריפּט — דעם „פּאָדסטראָטשניק", און די מאַשיניסטקע האָט געדרוקט. אין אָוונט האָב איך דיקטירט דעם ערשטן וואַריִאַנט פון מײַן איבערזעצונג. באַנאַכט האָב איך אויסגעפּאַריכט. אינדערפרי האָב

א קאָמפּאָזיציע

איך דיקטירט דער מאַשיניסטקע אָפּסנײַ, און פון אָוונט ווידער דאָס זעלבע. געפּראָוועט און דיקטירט. געאַרבעט האָבן מיר מעשוגענערווײַז. עמיליע איוואַנאָוונע פלעגט פון אונדז אוועקגיין זיך וואַקלענדיק, ווי זי וואָלט, כאָלילע, געמאַכט א לעכאַים. „איך קלאַפּ אַף דער מאַשינקע אַפילע אין שלאָף, — האָט זי זיך באַקלאָגט, — די שורעס שווינדלען מיר פאַר די אויגן, ביז איך כאַפּ זיך אויף מיט א געשריי. מע קאָן פון זינען אַראָפּ פינף מאָל קעסיידער דרוקן איינס און דאָס זעלבע".

זי איז געווען גערעכט, אָבער האַמעווען דעם טעמפּ האָבן מיר ניט געקאָנט. ווײַל דער אווטאָר האָט געמוזט צושטעלן זײַן מאַנוסקריפּט אַקוראַט צום טערמין. פּונקט אין אָט דער צײַט האָט זיך אַרײַנגעקליבן איטקינד — האָבן מיר שוין א פּערטן צום דרײַלינג. דערצו האָט ער נאָך מיטגעבראַכט מיט זיך א הויכע טומבע, און עמער מיט א קליין טישל. בעקיצער, ער האָט זיך אַרײַנגעשטעלט מיט דעם גאַנצן קלאַפּערגעצײַג פון א סקולפּטאָר. אינמיטנדערינען האָט אים אָנגעכאַפּט א כיישעק צו קלעפּן מוקאַנאָוון. אין איינעם א פרימאָרגן, נאָכפאָלגנדיק, ווי מוקאַנאָוו דיקטירט און ווי די מאַשיניסטקע דרוקט, טוט ער פּלוצעם א זאָג:

— הערט זיך אײַן, איך וויל אײַך מאַכן.

מוקאַנאָוו האָט אים נײַגעריק אָנגעקוקט (ווער איטקינד איז, האָט ער נאָך ניט געוווּסט), דעריבער האָט ער פאַרוווּנדערט געפרעגט:

— וויאַזוי זשע וועט איר מיך מאַכן?

— פון ליים, — האָט איטקינד דערקלערט.

— דאָס הייסט, אז איר וועט מיך מאַכן, ווי אַלאַך האָט געמאַכט אָדאָמען, — האָט מוקאַנאָוו זיך צעשמייכלט, — הייבט אָן. אָבער ווּ וועט איר זיך אַהינטאָן, איר זײַט דאָך ניט אַלדאַיִק, ווי אַלאַך?

— אָט אין דעם ווינקעלע, איך דאַרף בלויז אַן אָרט, ווּ די טומבעטשקע אוועקצושטעלן, — האָט איטקינד אים בארויִקט.

— וויבאַלד איר דאַרפט אַן אָרט בלויז פאַר אײַער טומבעטשקע, איז ביטע, קלעפּט, — איז מוקאַנאָוו אײַנגעגאַנגען.

זיצן אין דעם אַכטמעטערדיקן קעמערל איז געווען א קנאַפּער פאַרגעניגן. טאַקע דעריבער פלעג איך זיך אָפּטראָגן, ווי נאָר מוקאַנאָוו פלעגט אַרײַן. און גראָד דאַן, ווען איך בין אוועק, האָט זיך איטקינד געהאַט אַרײַנגעקליבן. אַז איך בין צוריקגעקומען, האָט עמיליע איוואַנאָוונע זיך א וואָרף געטאָן צו מיר:

— ווּ וועלן מיר זיך איצט אַהינטאָן אין דער ענגשאַפט? — האָט זי שיר ניט געוויינט. — מע קאָן דאָך דאָ דערשטיקט ווערן. דערצו שטייט דאָ נאָך אײַער בעט!

ווי וועלן מיר דאָס אויסהאַלטן, האָב איך אַליין ניט פאַרשטאַנען, אָבער אַף מאָרגן האָט זיך איטקינד ווידער אַרײַנגעשטעלט, דאָס מאָל שוין מיט ליים. די טומבע האָט ער זייער געשיקט צוגעטוליעט אין סאַמע ווינקל, און די אַרבעט איז אוועק מיט מאַזל. אַלע דרײַ האָבן מיר זיך אַזוי געענגט, געזעסן ווי צוגעקלעפּט. צום צענטן סעאַנס אַן ערעך האָט איטקינד געלאָזט וויסן:

— פאַרטיק!

דאָס איז געווען איטקינדס ערשטע אַרבעט, וועלכע מיר איז אויסגעקומען צו זען. פאַר מײַנע אויגן איז געשטאַנען א גרויסער ביוסט פון ליים. ביז הײַנט זע איך אים. מיט וואָס פאַר א מאָס איז אויסצומעסטן די קינסטלערישע מײַלעס? מיט וואָס פאַר א מישפּעט קאָן מען אורטיילן דעם קינסטלער? וואָס איז אין ביוסט די הויפּט־זאַך און וואָס איז צווייטראַנגיק? איך קאָן בלויז זאָגן, אַז פונעם שרײַבער סאַביט מוקאַנאָוו איז אין ביוסט געווען א סאַך, פון קינסטלער איטקינד — זייער קנאַפּ, קימאַט גאָרנישט. אין אַלגעמיין איז דאָס געווען זייער א גוטער, ראַיעלער ביוסט פון א נאַציאָנאַלן שרײַבער. דער קאָפּ איז געווען אויסגעקלעפּט מײַסטעריש, אַלע איבעריקע דעטאַלן — פּינקטלעך געפורעמט, דערצו א גרויסע ענלעכקײַט. עס איז בעעמעס א גרויסער שאָד, וואָס אויך אָט די אַרבעט, ווי די איבעריקע אַרבעטן פון יענער צײַט, וועלכע איטקינד האָט געמאַכט, איז ווער ווייסט ווּ אַהינגעקומען — און דאָס איז א גרויסער פאַרלוסט פאַרן ליטעראַרישן מוזיי, וועלכער וועט מיט דער צײַט געוויס געשאַפן ווערן אין קאַזאַכסטאַן.

איצט איז איטקינד באַוואָרנט געוואָרן מיט א דירע. א שטיקל ברויט האָט אים אויך ניט געפעלט. אָבער קיין שטענדיקע אַרבעט האָט מען פאַר אים ניט געפונען. ס'איז געווען קלאָר, אַז אײַנאָרדענען איטקינדן ערגעץ אַף א באַשטענדיק אָרט איז אומעגלעך. אַן אויסכאַפּעניש איז געווען אַף דעקאָראַטאָרס פאַר ספּעקטאַקלען, פאַר די וויטרינעס פון קראָמען, רעסטאָראַנען, גאָרקיכן, קינדער־גערטנער. עס האָבן זיך אויך גענייטיקט אין זיי קונסט־אַרטעלן, פּאַב־

ריקן. פּאָרטרעטיסטן האָט מען אויך געדאַרפט.
אָבער ווער האָט געדאַרפט דעם סקולפּטאָר — איטקינדן? מיר האָבן געטראַכט און געטראַכט, ביז מיר זײַנען געפאַלן אויף א געדאַנק: איטקינד האָט דאָך געמאַכט מוקאַנאָווס ביוסט, — טאָ זאָל ער מאַכן שעקספּירס ביוסט פאַרן דראַמאַטישן טעאַטער. איך האָב זיך דורכגערעדט מיטן אָנפירער פון דעם רוסישן קינסטלערישן טעאַטער, מיט יאַקאָוו סאָלאָמאָנאָוויטש שטיינען, און יענער איז גלײַך מאַסקים געווען. בײַס איטקינד איז געקומען צו מיר, האָב איך פאַר אים ארויסגעלייגט דעם צונויפגעזאַמלטן מאַטעריאַל וועגן שעקספּירן — עס איז געווען אַזויפיל, אַז דער טיש און דאָס בעט האָבן ניט געקלעקט. האָב איך די איבעריקע ביכער און פּאַטאָס ארויסגעלייגט אויפן דיל — איך האָב דאָך געאַרבעט אין דער טעאַטראַלער ביבליאָטעק. אין דער פּושקין־ביבליאָטעק האָב איך אויך עפּעס געפונען. כ'האָב געוויזן איטקינדן שעקספּירס דענקמעלער, ביוסטן, פּאָרטרעטן, בילדער פון זײַן לעבן. עפראַנס און בראַקהאַוזעס גרויסאַרטיקע אויסגאַבע, איינע פון די בעסטע וועלט־אויסגאַבעס, גיבן א גענוגע פאָרשטעלונג וועגן שעקספּירן. מיט וואָס פאַר א גיריקײַט איטקינד האָט זיך א וואָרף געטאָן אויף דערויף! זײַנע פאַרזשמורעטע אויגן האָבן געקוקט אויף די גראַווירן, עסטאַמפּן, ער האָט לאַנג באַטראַכט א פּאַטאָ פון א דענקמאָל. פאַרטיפט אין די געדאַנקען, האָט ער עפּעס מאַרקירט און פּאַוואָליע אָפּגעלייגט די פּאַטאָ פון דענקמאָל אין א זײַט. זײַן אויפמערקזאַמקײַט האָט צוגעצויגן אן איינפאַכע עפעקטלאָזע גראַוויור — א געגראַווירטער פּאָרטרעט פון די אַזויגערופענע „אינפאָליאָ", וועלכע איז געמאַכט געוואָרן אין 1923 יאָר. קיין אנדערע פּאָלקומערע בילדער פון שעקספּירן האָבן מיר ביכלאַל ניט. טאַקע גראָד אָט די מיטלמעסיק־פּרימיטיווע גראַוויור, וואָס איז געמאַכט אין זיבן יאָר ארום נאָכן טויט פון גרויסן טראַגיקער, באַזיצט די איבערצײַגעוודיקײַט פון א דאָקומענט. עס איז ניט צו באַנעמען, צי די שטערבלעכע קראַנקײַט, צי די גלײַכגילטיקע פרעמדע הענט זײַנען שולדיק דערין, וואָס עס איז אויסגעמעקט געוואָרן פון שעקספּירס געזיכט יעדער קלענסטער סימען פון געדאַנק. פּוסטע אויגן, טויטע לאַנגע האָר, א פּלאַטשיק־וואַקסענער פּאָנעם פון א מאַנעקען. דערצו, ווי אומיסטן — צוגעקלעפּטע בינטעלעך פון באָרד און וואָנצעס. ניט אומזיסט האָבן סקעפּטיקער אין מעשעך פון עטלעכע יאָר עס גערעכנט פאַר א מאַסקע. אָבער, פונדעסטוועגן, האָט איטקינד אויסגעקליבן גראָד דאָס דאָזיקע בידנע פּראָסטע בילד און ניט די בילדער פון די בראָנזענע און מירמל־דענקמעלער, וועלכע איך האָב דאָ פאַרנאַנדערגעלייגט פאַר אים.

— אָט די! דאָס איבעריקע דאַרף מען ניט. נעמט עס צו.

דערויף האָב איך אים באַמערקט, אַז עס איז ניט קעדײַ אַזוי, אויף איין פוס, אָפּצוּוואַרפן דאָס איבעריקע — דאָס זײַנען ארבעטן פון באַרימטע מײַסטערס, אז דאָס זײַנען די פּאָרטרעטן פון

פּאָרטרעט פון א מיידל

יענעם שעקספּירן, צו וועלכע מיר האָבן זיך צוגעוווינט, — א ווילשטענדיק־אויסגעכאַליעטער מאַנצבל מיט א פּרעקטיק בערדל און מיט אן אויפגעבלאָזענעם האַפּט־קראַגן. צו וואָס דאַרף מען דערטראָגן צום צושויער גאָר אן אנדער שעקספּיר?

— איך האָב דאָך אָפּגעלייגט דעם ביוסט מיטן קראַסאָווניץ אויך, — האָט איטקינד מיך באַרויִקט, — איך נעם צוויי.

איך האָב מיר בוילעט פאָרגעשטעלט, וואָס פאַר א שעקספּיר עס וועט שטיין אין פאָיע פון דראַמאַטישן טעאַטער. אָבער איך האָב געשוויגן. טיף אין האַרצן בין איך גלײַך אײַנשטימיק געוואָרן מיט איטקינדן. מיך האָט נאָר געפלעפט, מיט וואָס פאַר א דורכדרינגלעך אויג, אויף וואָס פאַר אן אויפן, וואָס פאַר א וווּנדערלעכער געפיל האָט אים געהאָלפן אָפּצוקלײַבן די צוויי ארבעטן פון דעם שלאַל מאַטעריאַל, פון די אַלערליי שעקספּירס — יונגע, אַלטע, באַיאָרטע, פּאַרטראַכטע, היימלעכע, ענלעכע צו האַמלעטן און צו פאַוסטן, צו דיכטער און פילאָסאָפן, צו פאַרליבטע און בראַקאַניערן, גראַפן און מושקעטיאָרן, — ווי האָט איטקינד פון דעם ריזיקן פאַרשיידנפאַרביקן האַמוין אויסגעקליבן דאָס, וואָס ער האָט געדאַרפט. וואָס פאַר א וואָרהאַפטיק געפיל האָט אים געשטויסן צו נעמען דעם קייוער־ביוסט. עפּשער איז איטקינד גערעכט אין זײַן אָפּקלײַב, אָבער שעקספּיר איז אויפן ביוסט א דיקער, אן אַלטער, א זעלבסטצופרידענער, א טיף־גלײַכגילטיקער צו אַלץ. דאָס איז א קליינבירגער ביזן מאַרך פון די ביינער!

— צי איז דער ביוסט, וואָס איר האָט אויס־

געקליבן, אָט דאָס, וואָס איר דארפט? — האָב איך געפרעגט איטקינדן, ווען ער האָט שוין געהאט פארמאכט דעם אלבאָם און זיך געקליבן אוועקגיין.

— יאָ, דאָס איז ער, אויסגעגאָסן ער! — האָט איטקינד זיכער געזאָגט. — ער איז אָבער, נעבעך, זייער קראנק, אים פײַניקט, ווי רופט זיך דאָס?.. כא־כא־כא!.. איך ווייס שוין. ער קאָן ניט כאפן דעם אָטעם. דאָס הארץ, דאָס הארץ... כע, כע! ניין, איך וועל מאכן. איר וועט שוין זען פארטיקערהייט.

די געשיכטע מיט שעקספירס ביוסט האָט זיך קימאט קאָמיש געענדיקט. דעם ביוסט האָט איטקינד טאקע געמאכט, באצאָלט האָט מען אים אויך, אָבער אוועקצושטעלן דעם ביוסט אין פאָיע פון טעאטער האָט שטיין קיין מוט ניט געהאט, ווײַל איטקינדס שעקספיר איז געווען ניט דער שעקספיר, צו וועלכן מע האָט זיך צוגעוווינט. ווי איך פארשטיי איצט, איז דעם טראגיקערס ביוסט מיט עפעס וואָס געווען ענלעך צו דער באוווסטער ארבעט איטקינדס — צום „פענסיאָנער”, פונקט אזא ברייט, מעכטיק פאָנעם, א קײַלעכדיקער גרויסער שטערן, גרויסע אויגן, ברייט צעעפנטע, א שמייכל, וועלכער איז געווענדט ניט צום לעבן — צו דער אייביקער ניט־דאָיקײַט.

— וואָס רעדט איר? די ליטעראטורפאָרשער וועלן דאָך אונדז פון דער וועלט אומברענגען פאר דעם דאָזיקן ביוסט, — האָט זיך פארענטפערט שטיין, — זײַט מויכל, נעמט אים, זאָל ער שוין בעסער שטיין בא אײַך אין סטודיע. (איך האָב דאן אונטעריכט אין סטודיע די געשיכטע פון טעאטער).

אין סטודיע איז אָבער דער ביוסט ניט לאנג געשטאנען. ער איז דאָך שוין געוואָרן א מעלוכיש פארמעגן, איז ער ארײַן אין טעאטערבאלאנס. דאָס האָט באטײַט, אז ער איז אײַנגעשלאָסן געוואָרן אין אינווענטאר פון טעאטער. דערנאָך איז ער פארצייכנט געוואָרן אין א געוויסן קאנצעליאריע־סטאטוט. קורץ גערעדט, מער האָב איך דעם ביוסט ניט געזען. אין עטלעכע טעג ארום איז געשען דאָס קאָמישע, וועגן וועלכן איך האָב פריער דערמאָנט. דאָס איז געווען ניט אין 45־טן, נײַערט אין 46־טן יאָר. איך בין געזעסן מיט שטיינען, און מיר האָבן דורכגעקוקט די עסקיזן פאר דעקאָראציעס און קאָסטיומען צום ספעקטאקל פון א. נ. טאָלסטאָיס דראמע „דער אָדלער און די אָדלעריכע”. פלוצעם קלאפט עמעצער אין טיר, און עס גייט ארײַן, ריכטיקער, עס פליט ארײַן לעוו איגנאטאָוויטש ווארשאווסקי, איינער פון די דירעקטאָרן פון קאזאכסטאנער פילם־פאבריק. ער האָט זיך בוכשטעבלעך געוואָרגן פון געלעכטער.

לעבן וואנט פון קאָרידאָר איז געשטאנען איטקינד א בארויגעזלעכער און פארדריסלעך געקוקט אָף מיר.

— פארוואָס זײַט איר זיך דאן מיט מיר אזוי באגאנגען? איר באשטעלט בא מיר שעקספירן, איצט זאָגט מען מיר, אז אזא איז אָף דער וועלט גאָרניט געווען!

דערהערט אזוינס, האָבן מיר שוין גוט געלאכט אלע דרײַ.

— יידישע גליקן, — האָט ענדלעך ארויסגעבראכט לעוו ווארשאווסקי. — א מענטש האָט מיט מאזל געקראָגן א מעלוכע־באשטעלונג, האָט צו דער צײַט אויסגעקלעפט שעקספירן, איז דאָך גוט? צום סאָף דערוויסט מען זיך, אז שעקספיר איז ביכלאל אָף דער וועלט קיינמאָל ניט געווען! קוקט נאָר אָן די שווינדלער. זיי לאכן!

איצט האָט איטקינד זיך אויך צעלאכט.

...איך האָב זייער מוירע, אז אינגיכן וועלן זיך אָפזוכן זיכרוינעס וועגן איטקינדן — וואָס האָט איטקינד גערעדט וועגן קונסט, וועגן מײַסטערשאפט פון קינסטלער, וועגן דער ראָליע פון א קינסטלער אין געזעלשאפטלעכן לעבן. איסאק יאקאָוולעוויטש האָט טאקע ליב געהאט צו ריידן. ער האָט ליב געהאט זיך באקענען מיט מענטשן, שמועסן מיט זיי, שפאצירן אינאיינעם, דערציילן און איבערדערציילן פארשיידענע מײַסעס. וועגן קונסט אָבער האָט ער קיינמאָל מיט קיינעם ניט גערעדט. ער וואָלט געוויס ארײַנגעפאלן אין אן ערנסטער פארלעגנהײַט, ווען עמעצער פרעגט אים, וואָס אזעלכס איז לויט זײַן מיינונג די קונסט. אָדער ווען מע פרעגט בא אים, אשטייגער, וועגן זײַן קינסטלערישן מעטאָד. איטקינד האָט פראָסט און פאָשעט געהאָרעוועט, געטאָן זײַן זאך אָפפערוויליק, שטענדיק מיט פריילעכקײַט און פארגעניגן. איך כאזער איבער, אז איטקינדן האָט קיינמאָל קיינער ניט געזען פארומערט. זאָלן דאָס ניט פארגעסן די זיכרוינעס־שרײַבער! זײַן לעבן איז, ווי דאָס לעבן פון זײַן דאָר, געווען שווער, פארפלאָנטערט, אָפט אפילע פול מיט אומעט, אָבער אזוי גרינג און היימלעך.

אין איינעם פון זײַנע ארטיקלען האָט גאָרקי אמאָל געשריבן, אז ער האָט געלייענט א גוזמע ראָמאנען וועגן דעם אומעט, וואָס מאטערט דעם מענטשן, נאָר עס איז אים ניט אויסגעקומען צו לייענען א בוך, ווו עס זאָל זײַן באשריבן, ווי א מענטש פרייט זיך דאָס גאנצע לעבן. אויב עס וועט אמאָל יאָ דערשײַנען א מאָנאָגראפיע וועגן איטקינדס שאפונג, אָדער עס וועלן אָנגעשריבן ווערן וועגן אים מעמוארן, צי עס וועט גאָר אנטשטיין א ביאָגראפישע דערציילונג וועגן דעם ביז גאָר אָריגינעלן אוניקאלן מײַסטער, דעם בעעמעס פארצויבערטן וואנדערער פון אונדזער צײַט, וועט עס, נעמלעך, זײַן דאָס ריכטיק־נייטיקע בוך, וועלכעס האָט אויסגעפעלט, לויט גאָרקין, דער וועלט־ליטעראטור. דאָס וועט טאקע זײַן דאָס בוך, ווו עס וועט גיין א רייד וועגן א מענטשן, וועלכער האָט א גאנץ לעבן זיך געפרייט!

ייִדיש — שירע גאָרשמאן

כאַ׳ים מעלאַמוד

פאַרוואָס האָבן מיר דיך אַזוי ליב, טשערנאָוויץ?

אַלע מאָל, ווען איך לייען נײַע לידער פונעם דיכטער הירש בלאָשטיין, הער איך ניט אויף צו וווּנדערן זיך. מיך באַוווּנדערט די אָפּגעטאָקטקײַט פון די שורעס, זייער זוניקע לויטערקײַט, די מענטשלעכע וואַרעמקײַט, וועלכע שטראַלט פון זיי אַרויס, די יונגע פאַר־ליבטקײַט אינעם לעבן און די טיפע, פילאָסאָ־פישע באַטראַכטונגען וועגן טאָג פונעם מענטש־לעכן זײַן, וועגן דער מיסיע פונעם מענטשן אויף דער ערד. דאָס איז אַ פאַרטיפטקײַט, וואָס קומט אויף די עלטערע יאָרן אַלס רעזולטאַט פון אַ גרויס דורכגעמאַכט לעבן.

אַזאַ געפיל האָב איך געהאַט אויך איצט, ווען איך האָב דורכגעלייענט בלאָשטיינס ציקל לי־דער „גאָלדענע טריט”, וועלכער איז געווען אָפּגעדרוקט אינעם יוני־נומער „סאָוועטיש היימ־לאַנד” פאַר הײַנטיקס יאָר:

פאַר אַלץ אומגעריכטס בין איך ברייט
הײַנט צעעפנט;
וואָס קאָן דען אין שאָען אַזעלכע ניט
טרעפן!
אַז ס׳צאַפּלט די וועלט זיך
אין שיקערן פיבער
און ס׳זינגט אַ פאַרבענקטע
די שטילקײַט די ווײַסע
און וואַרט אַלץ אויף וווּנדער — אַ
קינדערשע מײַסע,
וואָס גיסט איבער ראַנד זיך מיט
„פלוצלינגס” אַריבער...

עס געפעלט מיר די ליד „דאָס מיידל באַם פענצטער”, וואָס איז פול מיט ראָמאַנטיק און מיט יונגן טרוים: „באַם אָפענעם פענצטער, פון אומרו געפאַנגען, אַ מיידל דעם טאָג דעם פאַר־שפּילטן באַגלייט”. און עפשער נאָך מער איז מיר צום האַרצן די לעצטע ליד — „ווײַ־היים”, אין וועלכער דער דיכטער דריקט אויס די נאָגנדיקע בענקעניש פון פיל זײַנע פרײַנט, וועמען דער גורל האָט צעזייט איבער דער גאָרער וועלט, די בענקשאַפט צו זייער אַמאָליקער היים.

דאַפקע אויף דער עלטער, און טראָץ דער על־טער, איז הירש בלאָשטיין שעפעריש אַקטיוו, און זײַן פּאָעזיע האָט באַקומען יענע זויבערקײַט און אויסגעלײַטערטקײַט, יענע באַוווּנדערנדיקע קלאָרקײַט און פילפאַרביקײַט, וואָס מאַכט זי ענלעך אויף גלאַנציקע קרישטאָלן, וועלכע אַ מײַסטער שלײַפט אויס אין משך פון פיל יאָרן.

— עס שרײַבט זיך און עס ווילט זיך שרײַבן, — זאָגט מיט צופרידנקײַט דער דיכ־טער. — און ס׳איז פאַראַן וועגן וואָס צו שרײַבן. אַזאַ צײַט!..

יאָ, די צײַט איז בעפּײַרעש אַזאַ, ווי עס באַ־נעמט זי און ווי עס נעמט זי אויף הירש בלאָ־שטיין.

איך קען אים שוין עטלעכע צענדליק יאָר. ער איז פון שטענדיק מאָגערלעך, דאָס לענג־לעכע פּאָנעם איז אַ ביסל אײַנגעפאַלן, די אויגן, ווי עפּעס אַן אײַטעלע וואָלט זיי איבערגעצויגן, און טראָץ דעם איז ער פול מיט אָפּטימיזם, מיט ליבע צום לעבן, מיט הייסן גלויבן אין דער גרויסקײַט פון זײַן צײַט, אין דער היסטאָרישער מיסיע פון זײַן לאַנד, פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד, וואָס לייגט דורך פאַר דער גאַנצער מענטשהײַט אַ וועג צו שאָלעם און פעלקער־פרײַנטשאַפט. טאַקע פאַר דעם קעמפט דער דיכטער יעדן טאָג מיט זײַן פּען, מיט זײַן וואָרט.

צוריק מיט אַ פּאָר כאַדאָשים האָט הירש בלאָשטיין אַוועקגעשיקט אין מאָסקווער פאַר־לאַג דעם קסאַוויאַד פון אַ לידער־זאַמלונג, וועל־כע הייסט „פון באַגינען ביז אָוונט”. איצט אַר־בעט ער איבער אַ פּראָזע־ווערק, וואָס איז אויך

פארבונדן מיט באשטימטע סאכאקלען. דאָס ווערק הייסט „זיכרוינעס און ראַיוינעס" און כאַפּט ארום דאָס לעבן פונעם אווטאָר אין דער בורזשואַזער ליטע, אין ארגענטינע און אין ראטנפארבאנד. דער לייענער וועט זיך באגעגענען מיט א גאנצער גאלעריי געשטאלטן פון באוווּסטע שרײַבער און קולטור־טוער, רעוואָליוציאָנערן, אונטערערדישע טוער, געלערנטע, ווירטשאַפטלער.

א באשיידענע דירע אף דער קאָטאָווסקי־גאַס אין סאמע צענטער פון טשערנאָוויץ... אהער קומען זייער אָפט אָן בריוו פון פארשיידענע שטעט, פון אלע עקן פונעם ראטנפארבאנד און אויך פון אויסלאנד: פון בלאָשטיינס פרײַנט — פּראָגרעסיווע שרײַבער און טוער פון אמעריקע, ארגענטינע, קאנאדע, פראנקרײַך, אורוגווײַ, יִשׂראָעל — פון אלע, צו וועמענס הערצער עס דערגייען די לידער פונעם פּאָעט. געוויס אויך דערפון, פון אָט דער טיפער צוגעבונדנקײַט צום לעבן, פון אָט דער ענגער פארבינדונג מיט דער וועלט, פון אָט דעם דירעקטן אָנטייל אין די געראנגלען, וועלכע קומען פאָר אף אונדזער פּלאנעטע, שטאמען אזעלכע שורעס: „פאר אלץ אומגעריכטס בין איך ברייט הײַנט צעעפנט; וואָס קאָן דען אין שאָען אזעלכע ניט טרעפן!".

אויב איר געפינט זיך איצט אין טשערנאָוויץ און איר ווילט ווי ס׳געהער צו זײַן דערזען און דערפילן אָט די שטאָט, אייצע איך אײַך פארקערעווען פון דער קאָטאָווסקי־גאַס אף לינקס און ארויסגיין אף דער רוישיקער קאָביליאנסקע. די דאָזיקע גאַס איז שטענדיק פארפולט מיט מענטשן. און ניט בלויז די טראָטוארן, נאָר טאקע די גאנצע גאַס. דאָס איז אן אלטע טראַדיציע, און דערפאר איז פארווערט, עס זאָלן דאָ פאָרן מאַשינעס. פילן זיך אף אָט דער גאַס פרײַ ארומשפּאצירנדיקע פארליבטע פּאָרלעך, יונגע מאמעס, וואָס פירן פאר זיך אויסגעפּוצטע וויגעלעך, און באָבעס מיט אייניקלעך. באזונדערס ראשיק איז דאָ פארנאכטלעך, ווען דער ארבעטסטאָג איז פארענדיקט, ווען די זומערדיקע היץ איז אראָפּ און ווען דאָס שטילע ווינטעלע ברענגט ארײַן אהער פון די דערבײַיִקע סקווערן א סאך דופטיקס, אָפּפרישנדיקס און דערמונטערנדיקס. דאן איז טאקע קיין פרײַ שטיקל פּלאַץ ניטאָ אף דער ברייטער גאַס, און עס הילכן איבער איר שטימען, יונגע, אלטע און ביז גאָר קינדערשע, עס גייען און גייען מענטשן, שטארק ארײַנגעטאָן אין זייערע שמועסן, און עס גיסן זיך צונויף אין איין שטראָם עטלעכע שפּראכן — אוקראַיִניש, רוסיש, מאָלדאוויש, יִדיש.

מוישע אלטמאן וווינט אין סאמע צענטער פון אָט דער גאַס, אין די סאמע געדיכטענישן פונעם שפּאצירנדיקן אוילעם, און אויב זײַנע אויערן הערן שוין שוואכלעך, דערפאר אָבער די אויגן, דער קויעך־האדימיען... יאָ, דער קויעך־האדימיען איז שטארק אנטוויקלט באַם אלטן שרײַבער, און די פארליבטע פּאָרלעך, וואָס שפּאצירן פארבײַ זײַנע אָפענע פענצטער, און אויך די באָבעס מיט די אייניקלעך — סײַ די, וואָס שטעלן זיך אָפּ אף א קורצן שמועס, סײַ די, וואָס פארנייגן זיך בלויז, — זיי רעגן זײַן זיקאָרן, רופן ארויס אלץ נײַע און נײַע מאכשאָוועס און גיבן אים שטאָף פאר זײַנע קורצע פּערלדיקע נאָוועלן.

בא מוישע אלטמאנען איז דער אכטער צענדליק שוין פארבײַ, ער האָט שוין מיט א יאָר דרײַ צוריק צעביטן דעם נײַנטן צענדליק, נאָר א זיקאָרן איז בא אים — אף א סאך יונגע געזאָגט געוואָרן. ער קאָן אזוי, אינמיטנדרינען, פּאָרלייענען זײַן ערשטע ליד, וואָס איז מיט זעכציק יאָר צוריק געווען אָפּגעדרוקט אין דער אָדעסער צײַטונג „אונדזער לעבן". און אויב עס וועט קומען צו רייד, וועט ער איבערלייענען אף אויסווייניק א קאפּיטל פון זײַן „ווינער קאָרעטע" אָדער פון „מעדרעש פּינכאָס", א ראָמאן, וואָס איז צוליב א ריי סיבעס אים באזונדערס ליב. אזוי, בא א וואָכעדיקן טיש, קאָן ער אויך אָנהייבן פּאָרלייענען, ריכטיקער אויסשפּילן מיט אקטיאָרישן גלאנץ, א גאנצע סצענע פון זײַן פּיעסע „מאָניש".

אָט שפּאנט ער ארום איבערן דערבײַיִקן סקווער מיט זײַן גראָבן, געשטופּלטן שטעקן אין דער האנט. ער שפּאנט פּאמעלעך, שטארק פארטאָן אין זײַנע מאכשאָוועס. מיטאמאָל שטעלט ער זיך אָפּ, ווי ער וואָלט זיך וועלן דערמאָנען אין עפּעס זייער וויכטיקס.

— שאָלעם־אלייכעם, רעב מוישע! — מוז איך הויך אויסשרײַען.

— אלייכעם־שאָלעם, — ענטפערט ער אָפּ, קוקט אזוי פילדײַטיק, מיט זײַן דורכדרינגעדיקן בליק, דערנאָך, ווי דערפילט, אז דער בליק איז שוין איבעריק, נעמט ער אים ווי ארײַן אינווייניק און טוט א זאָג:

— אָט, איך בין געגאנגען, געטראכט וועגן עפּעס און דערמאָנט זיך אין לערמאָנטאָוון. זייער געוואָלט אופשטעלן אין זיקאָרן זײַנע א ליד, נאָר ניט געקאָנט צונויפנעמען אלע שורעס אינאיינעם. און סאמע איצט, הערט אומיסטן...

יאָ, א זיקאָרן בא מוישע אלטמאנען אף אונדזן אלעמען געזאָגט געוואָרן. אפילע דאן, ווען ער פּרוּווט זיך א שפּאר טאָן מיט שפּינאָזען איבער עפּעס א שטעל אין זײַן „עטיק". און דאָך...

— באָרעך שפּינאָזע! — טוט ער א זאָג און שטעלט ארויס זײַן פינגער. — אָט וועגן וועמען איך וואָלט געוואָלט אָנשרײַבן א ווערק. א גרויס ווערק! כ׳האָב שוין אלץ, וואָס מע דארף, מע דארף נאָר אָנעמען זיך מיט קויעך און מאכן פון דעם א טאָלק.

עס ווילט זיך זייער, אז אזוי זאָל דאָס געשען, אז פון אונטער אלטמאנס פּען זאָלן נאָך ארויס א סאך נײַע ווערק — אויך א ווערק וועגן באָרעך שפּינאָזען...

יויסעף בורג איז דער „יונגער" צווישן די טשערנאָוויצער יִדישע שרײַבער. ערשט פאראיאָרן איז ער אלט געוואָרן זעכציק יאָר. די לעצטע צײַט איז ער שפּעריש פיל אקטיווער איידער ווען־עס־איז, און אין זײַנע נאָוועלן — סײַ וועגן אמאָל און סײַ וועגן דער הײַנטיקער צײַט — שטראָמען די רוישיקע וואסערן פונעם

טשערעמאָש, דעם טײַך, לעבן וועלכן ער איז געבוירן געוואָרן און איבער וועלכן זײַן טאַטע האָט געטריבן דאָס געהילץ פון די קאַרפּאַטן. אינעם ביכל דערציילונגען, וואָס בורג גרייט זיך איינגיכן אָפּגעבן אין מאָסקווער פאַרלאַג, וועלן ווידער זיך הערן די ווײַטע אָפּהילכן פונעם רוישיקן טײַך.

■

איך האָב אָנגעהויבן מײַנע טשערנאָוויצער נאָטיצן מיט שורעס וועגן די ייִדישע שרײַבער. פּונקט אַזוי וואָלט איך ניט ווייניק געקאָנט דערציילן וועגן דעם אוקראַיִנישן שרײַבער מיכײַלאָ איוואַסיוק, וועגן דעם רוסישן דיכטער וויטאַלי דעמטשענקאָ און וועגן דעם מאָלדאַווישן — וואַסיל לעוויצקי. די פֿילשפּראַכיקײַט הערשט אומעטום, די פֿילשפּראַכיקײַט און דער אינטערנאַציאָנאַליזם, וועלכע דרינגען דורך דאָס לעבן פונעם הײַנטצײַטיקן טשערנאָוויץ — אַף די זאַוואָדן און פאַבריקן, אין די שולן און אַנשטאַלטן, ווי אויך אין די גאַסן, ווו מענטשן וווינען אַ שטוב לעבן אַ שטוב, אַ טיר לעבן אַ טיר.

איך האָב ליב מײַן טשערנאָוויץ. מיט זײַן בונטער בליִונג און מילדער זון, מיט זײַנע ווייכע נעפּלען, ריינע גאַסן און געמיטלעכע סקווערן, מיט דער אויסטערלישער שפּיל פון פאַרבן בײַ די קווייטן מיקאָל־האַמינים, וועלכע באַשיינען די פּלעצער, מיט דעם הויכן, וואַלדיקן צעצינאָ־באַרג, וואָס הערשט איבער דעם מײַרעוודיקן טייל שטאָט, מיט די פעלד־ראַכוועסן, וועלכע רינגלען אַרום די שטאָט פון אַלע איבעריקע זײַטן, און מיט דער אָפּפרישנדיקער לופט פונעם שטילן פּרוט, וואָס שווימט איצט אין דער סאַמע מיט פונעם אַלץ וואַקסנדיקן טשערנאָוויץ.

איך האָב זיך ניט טויע געוועזן. אַמאָל האָט דער פּרוט ווי אונטערגעפירט די לעצטע שורע איבער די גרענעצן פון דער שטאָט. איצט איז דאָ די סאַמע מיט. אַ מענטש, וואָס איז עטלעכע יאָר ניט געוועזן אין טשערנאָוויץ, וועט טאַקע ניט קאָנען זיך אָריִענטירן אָן אַ באַגלייטער. פאַר די יאָרן זײַנען אויפגעקומען אַ סאַך נײַע זאַוואָדן און פאַבריקן, וווינונגס־מאַסיוון, פּרעכטיקע פּראָספּעקטן.

איך מוז זיך מודה זײַן, אַז ניט לאַנג צוריק האָב איך זיך אַ ביסל פאַרבלאָנדזשעט, ווען איך בין געקומען אויפן זאַוואָד פון לײַכטער מאַשינבויונג, ווו איך בין ניט געוועזן עטלעכע יאָר. כ׳האָב ניט דערקענט דאָס אָרט, כ׳האָב געמוזט זוכן די קאָנטאָר פון דער זאַוואָד־פאַרוואַלטונג, און איך האָב זיך פּאָשעט פאַרפּלאָנטערט צווישן די נײַע צעך־קאָרפּוסן.

געוויס וועט מיר אויסקומען ברייטער דערציילן וועגן דעם זאַוואָד און וועגן זײַנע מענטשן. איך וויל דאָ בלויז זאָגן, אַז פאַר די לעצטע יאָרן איז ער אינגאַנצן באַנײַט געוואָרן. דאָס איז אַ הײַנטצײַטיקער זאַוואָד, אין וועלכן ס׳מיִען זיך העכער צוויי טויזנט אַרבעטער און אינזשענירן, צווישן זיי מער פון דרײַ הונדערט ייִדן. איך וועל מיסטאַמע דאַרפן ברייטער דערציילן וועגן דעם שעף פון דער צענטראַלער לאַבאָראַטאָריע באָריס דאַווידאָוויטש בערנשטיין, וועגן דעם פאַרטרעטער פונעם דירעקטאָר יויסעף קאַרלאָוויטש פרידמאַן, וועגן דעם נאַטשאַלניק פון אַ צעך באָריס נאַומאָוויטש גאַלאָדריגאַ, וועגן דעם אַרבעטער מוישע שמולעוויטש וואַקסמאַן, איינעם פון די וועטעראַנען פונעם זאַוואָד, אַ ראַציאָנאַליזאַטאָר, וועמענס פּאָרטרעט עס הענגט אינעם זאַוואָדישן הויף.

וווּהין איר זאָלט ניט אַרײַנקומען — אין אַ צעך אָדער בריגאַדע אָדער אין אַ באַליביקער זאַוואָדישער אָרגאַניזאַציע, וועט איר זיך אָנשטויסן אַף אָט דער פילנאַציאָנאַלקײַט, אײַך וועט אַרומנעמען דער וואַרעמער קלימאַט פון אינטערנאַציאָנאַליזם.

דאָס זעלבע וואָלט איך געקאָנט דערציילן וועגן דער טעקסטיל־פאַרייניקונג „וואָסכאָד“, נײַ־פאַרייניקונג „טרעמביטאַ“, טריקאָטאַזש־פירמע אַאַוו. איך קאָן זאָגן דאָס זעלבע אויך וועגן דעם נײַעם באַשטאַנד פונעם טשערנאָוויצער שטאָטראַט. מיט עטלעכע וואָכן צוריק זײַנען פאָרגעקומען וואַלן אין די אָרטיקע סאָוועטן, און אָט האַלט איך אין דער האַנט אַ פרישן נומער פון דער געגנטלעכער צײַטונג „ראַדיאַנסקאַ בוקאָווינאַ“, אין וועלכן עס זײַנען פאַרעפנטלעכט די צעטלען פון די דעפּוטאַטן. דאָס זעלבע בילד, וואָס אַף די זאַוואָדן און פאַבריקן, דאָס זעלבע, וואָס אַף די גאַסן און אין די הײַזער. צווישן די דעפּוטאַטן, פאָרשטייער פון פיל נאַציאָנאַליטעטן, זײַנען ברייט פאָרגעשטעלט די ייִדישע אַרבעטנדיקע פון טשערנאָוויץ. קומט הײַנט אַ מאַזלטאָוו די נײַ־אויסגעוויילטע דעפּוטאַטן פונעם געגנטלעכן ראַט —

דעם דירעקטאָר פון דער פּראָדוציר־פאַרייניקונג „מעטאַליסט“ שלוימע שאַיעוויטש מאָשקאָוויטש;

דעם דאָקטער פונעם געגנטלעכן שפּיטאָל גאַלינע שימאָנאָוונע קאָשקינאַ;

דעם קאָנטראָליאָר פון דער היטל־פאַבריק לידיע לוואָוונע מאָגיליאָווסקאַיאַ;

די דעפּוטאַטן פונעם טשערנאָוויצער שטאָטראַט —

דעם בריגאַדיר פון אַ בוי־בריגאַדע אַבראַם אַראָנאָוויטש ציבולסקי;

דעם פּראָפעסאָר פונעם מעדיציניִשן אינסטיטוט יאַקאָוו דאַווידאָוויטש קירשנבלאַט;

דעם געהילף־מײַסטער פון דער וואַטן־פאַבריק מיכל בערקאָוויטש שטערנפעלד;

דעם דירעקטאָר פונעם מעבל־קאָמבינאַט יאַן נאַזאַראָוויטש גאָראָדעצקי;

דעם פאַרטרעטער פונעם רעדאַקטאָר פון דער געגנטלעכער צײַטונג גריגאָרי לוואָוויטש שאַבאַשקעוויטש;

דער עלטסטער פאַרקויפערן פונעם מאַגאַזין נומ. 95 כאַנע קאָנסטאַנטינאָוונע פּאָליאַק;

דעם שלאָסער פון דער פאַבריק פון פּלאַסטמאַסעווער פורניטור ייִדל לייבאָוויטש קושניר;

דער ארבעטערן פון דער פאבריק פון קינסטלערישן טעקסטיל גיטל שליאָמאָוונע סטאריקאָוואַ;

דעם פארוואלטער פון דער פּראָדוקציע פון א שנײַדער־אטעליע באָריס מאָיסייעוויטש סלאָבאָדיאַנסקי;

די דעפּוטאטן פון די ראַיאָנישע ראטן פון טשערנאָוויץ —

דעם לערער גריגאָרי יעווסעיעוויטש ניימאַן;

דעם עלעקטראָמאָנטאזשניק יויעל דאווידאָוויטש מוטשניק;

דעם אינזשעניער פון דער שטאָטישער טעלעפאָן־סטאנציע ארקאדי מוניעוויטש וואָליך;

דעם ארבעטער פונעם טארע־זאוואָד סאָלאָמאָן שאיעוויטש גאס;

דעם עלטסטן מעכאניקער פונעם טעלעוויזיע־צענטער נינע קיוויוונע דאנילאָוואַ;

דעם דירעקטאָר פון דער פּראָדוציר־פאריייניקונג פון בוי־מאטעריאלן סאָלאָמאָן דאווידאָוויטש מאָראָזאָוו.

איך שרײַב אָט די נאָטיצן, און אין טשערנאָוויץ איז יאָמטעוודיק. ס׳איז שוין אריבער א וואָך, ווי עס הענגען אפישן וועגן דעם, אז פּונקט הײַנט וועט אינעם זאל פון דער געגנטלעכער פילהארמאָניע פאָרקומען א קאָנצערט פון דעם ייִדישן טעאטראלן אנסאמבל מיטן אָנטייל פון דער פארדינסטפולער אקטריסע פון אוקראַיִנע סידי טאל. האָט מען הײַנט שוין געזוכט א בילעט מיט ליכט, און אפן מארק זײַנען אויסגעקויפט אלע קוויטן. סידי טאל איז דער ליבלינג פונעם ייִדישן צושויער פון אלע שטעט פונעם ראטנפארבאנד, נאָר באם טשערנאָוויצער אוילעם איז צו דער אקטריסע א באזונדער באצִיונג. סידי טאל איז דאָ אויסגעוואקסן, דאָ האָט זיך צעבליט איר פּרעכטיקער טאלאנט, אין טשערנאָוויצער אנסאמבל האָט זי געשאפן פיל אומפארגעסלעכע, קאָלאָריטפולע געשטאלטן.

יאָ, ס׳איז טאקע א מאזל־זאך, וואָס דער טעאטראלער אנסאמבל באשטייט פון אזעלכע פארשיידענע אקטיאָרן. אין מעשעך פון פיל יאָרן האָבן זיי געשאפן און פארפולקומט זייער אנסאמבל, אין וועלכן יעדער אקטיאָר האָט געפונען זײַן אָרט. דערפאר איז אזוי וווּנדערלעך די שפּיל, דאָס געזאנג פון יאקאָוו גאָלמאנען, דערפאר האָט באקומען א מעגלעכקײַט ארויסקומען פארן צושויער מיט איר אייגענעם אקטיאָרישן טאלאנט די אקטריסע ראַיִסע מאָסטאָסלאווסקאיא, א קינסטלערן, וואָס האָט אָפּגעגעבן דער ייִדישער בינע בא פערציק יאָר.

איך בין הײַנט געווען אפן קאָנצערט און קאָן איידעס זאָגן, אז די טעאטראלע גרופּע האָט פארהיט אירע גרויסע קינסטלערישע דעראָבערונגען. די זעלבע פארכאפנדיקע שפּיל, די זעלבע שפּרודלענדיקע פרייד און לעבנסלוסט, די זעלבע איבערראשנדיקע פארוואנדלונגען פון דער אקטריסע סידי טאל. ווי שטענדיק, איז דער זאל געווען פול געפּאקט, ווי שטענדיק האָט איבערן זאל זיך געקײַקלט א הילכיק געלעכטער, און, ווידער ווי שטענדיק, זײַנען אויך געווען שטילע, אפגיך אויסגעווישטע טרערן.

אין אָרקעסטער האָבן אפן אָוונט געשפּילט דער קאָנצערטמייסטער פון דער פילהארמאָניע וואלערי לאָמאניעץ, די פּעדאגאָגן פון דער מוזיקאלער שול מישע נאכבארג, גרישע גאָרליצקי, יעפים קאראבעט. זיי האָבן גלענצנדיק זיך אײַנגעגלידערט אינעם קאָנצערט מיט פאָלקס־מעלאָדיעס, באזונדערס מיט זייער זעלבשטענדיקן נומער — די כאסענע־אָפּשפּילעניש, א וווּנדערבארע וואריִאציע ארום דעם לידעלע „אז דער רעבע עלימיילעך איז געוואָרן זייער פריילעך”.

■

ווען עס גייט א רייד וועגן טשערנאָוויץ, איז אוממעגלעך ניט צו דערמאָנען די אינטימע, וואָלט איך זאָגן, פארבינדונג פון אונדזערע לייענער מיט דעם זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד”. אפן זשורנאל קוקן ארויס הונדערטער לייענער יעדן כוידעש מיט גרויס אומגעדולד. און ווען עס טרעפט, אז „סאָוועטיש היימלאנד” פארשפּעטיקט אַף עטלעכע טעג, הערט מען ניט אויף צו פרעגן:

— וואָס איז געשען? פארוואָס איז נאָך ניטאָ דער זשורנאל?

פרײַנט, אקטיווע לייענער האָט „סאָוועטיש היימלאנד” אין טשערנאָוויץ ניט ווייניק. איך וויל דאָ בלויז דערמאָנען די בריגאדע געזעלשאפטלעכע פארשפרייטער, וואָס ארבעטן אומדערמידלעך אין דעם געביט ניט איין יאָר, — מישע בוביס, כאַיִם אָסטראָווסקי, פּיניע בערעזין, שאָלעם באראָן, בעראָש מיטן ביז גאָר אקטיוון בריגאדיר יאנקל ליבמאן. דאָס זײַנען ארבעטער און אָנגעשטעלטע פון פארשיידענע אונטערנעמונגען און אנשטאלטן, שטארק פארנומענע מענטשן, דערפאר קומט באזונדערס אָפּשאצן זייער טיפע פארינטערעסירטקײַט אינעם זשורנאל, וועמען זיי גיבן אָפּ ניט ווייניק מי, ניט ווייניק צײַט.

■

יאָ, איך האָב ליב מײַן שטאָט טשערנאָוויץ. איך האָב ליב בוקאָווינע, אירע שטעט און דערפער, אירע טאָלן און בערג, אירע פעלדער און וועלדער, אירע בויער און פּויערים, אירע אינזשעניערן און געלערנטע, אירע בונטע פארבן און רייכעס. איך האָב ליב טשערנאָוויץ, וואָס איז געוואָרן א טייל פון מײַן לעבן, פון מײַן נאָכמילכאָמעדיקן גוירל. דאָס איז דאָך די שטאָט, ווו איך האָב אין זעקס־און־פערציקסטן יאָר אראָפּגענומען די אָפּיצערישע פּאָגאָנעס און בין געוואָרן א ציווילער מענטש, כאָטש כ׳האָב נאָך לאנג געטראָגן די שינעל און די יוכטעווע שטיוול, אין וועלכע איך האָב אויסגעשפּאנט א האלב אייראָפּע. דאָס איז די שטאָט, אין וועלכער ס׳זײַנען אויסגעוואקסן מײַנע קינדער, געבוירן געוואָרן מײַנע אייניקלעך, די שטאָט, אין וועלכער מײַנע טעג און נעכט האָבן מיר גע־

בראַכט פיל שפּעריִשן נאַכעס. איך וויל ניט לייקענען, עס זײַנען געווען אויך שווערע צײַטן, נאָר טשערנאָוויץ איז די שטאָט פון מײַן לעבן און פון מײַן שאַפונג. דאָס געהער זיך אָן צו אַלע מײַנע כאַווײרים־שרײַבער. אין טשערנאָוויץ האָט זיך געשריבן און עס שרײַבט זיך אַזוי גוט — די אוקראַיִנישע שרײַבער אַף אוקראַיִניש, די רוסישע — אַף רוסיש, די מאָלדאַווישע — אַף מאָלדאַוויש, און אונדז, יִידישע שרײַבער — אַף יִידיש.

איך בעט דעם לייענער, ער זאָל מיר מוכל זײַן, וואָס איך נעם רעדן וועגן זיך. איר זעט דאָך, איך האָב זיך פאַרוקט אין אַ ווינקעלע, מע זאָל מיך ניט אַזוי אָנזען. נאָר איך קאָן זיך ניט באַגיין אָן אַ בראָכע איבער טשערנאָוויץ פאַר אַלע ראָמאַנען און דערציילונגען, וואָס איך האָב דאָ אָנגעשריבן. און איך קאָן נישט ניט אָנשרײַבן עטלעכע שורעס וועגן מײַן לעצטן ראָמאַן „קאַלטס און וואַרעמס", וואָס איז געווען געדרוקט הײַנטיקס יאָר אין די ערשטע דרײַ נומערן פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד".

איך האָב באַקומען זייער אַ סאַך בריוו פון לייענער פון פאַרשיידענע שטעט און דערפער מיט ניט ווייניק וואַרעמע, גוטע ווערטער וועגן דעם ראָמאַן. דאָס פרייט שטענדיק, ווײַל דאָס איז דאָך דער גרעסטער סכאַר פאַרן שרײַבער — דעם לייענערס גוט וואָרט. נאָר ניט וועגן דעם וויל איך דערציילן. מיר איז ביז גאָר אינטערעסאַנט אין יעדן בריוו אַ צווייטע זאַך. יעדער לייענער האַלט פאַר נייטיק גענוי אויסשרײַבן זײַן ביִאָגראַפיע. עפשער וויל ער דערמיט אילוסטרירן אָדער דערגאַנצן דאָס, וואָס ער האָט דורכגעלייענט אינעם ווערק, עפשער איז דאָס אַ פּאָשעטער פאַרלאַנג אויסרעדן זיך דאָס האַרץ פאַרן שרײַבער, טיילן זיך מיט אים מיט זײַנע געדאַנקען און געפילן. אַזוי אָדער אַנדערש, נאָר די בריוו זײַנען ביז גאָר אינטערעסאַנטע מענטשלעכע דאָקומענטן.

עס שרײַבט אַן אַרבעטער מיט אַ זעכציקיאָריקן אַרבעט־סטאַזש פון דער שטאָט מיִאַס, טשעליאַבינסקער געגנט, מוישע לעווינט, וואָס איז שוין אַלט צוויי און נײַנציק יאָר. ער רעכנט אויס די מיטגלידער פון זײַן דינאַסטיע: זײַנע צוויי זין און די טאָכטער, וואָס זײַנען שוין אויך פּענסיִאָנערן, אַכט אייניקלעך, זעקס אוראייניקלעך און איין אור־אוראייניקל. פאַראַן צווישן זיי צוויי אינזשעניערן, צוויי דאָקטוירים, אַ טאָקער, אַ כעזשבנפירער, אַ פּאָדפּאָלקאָווניק און אַ טעלעפאָניסטקע. די איבעריקע זײַנען שילער מיט גוטע „אָטמעטקעס", ווי עס שרײַבט דער אַלטער.

עס באַרימט זיך מיט זײַן יִיכעס דער געוועזענער קאָלווירטניק הערשל ציקאַנאָווסקי, וואָס וווינט איצט בײַ זײַנעם אַ זון אין מאַקייעווקע און באַקומט אַ קאָלווירטישע פּענסיע. דער עלטערער זון איז אַ נאַטשאַלניק פון אַ צעך, די שנור, ווי ער שרײַבט, איז גאָר אַ געהויבענער מענטש — אַ קאַנדידאַט פון עקאָנאָמישע וויסנשאַפטן און אַ נאַטשאַלניק פונעם פּלאַן־אָפּטייל פון אַ זאַוואָד. דער צווייטער זון וווינט אין טאַשקענט, ער איז הויפּט־אינזשעניער פון אַ טאָפּאָגראַפישן אָטריאַד.

שלוימע ראַפּאָפּאָרט פון לענינגראַד איז אַ לייענער פון אַן אַנדער מין. אַן אַלטער פאַרטיי־מיטגליד און אַ פאַרטיי־טוער, געאַרבעט אַלס סעקרעטאַר פון אַ ראַיקאָם עטלעכע יאָר ביז דער מילכאָמע און עטלעכע יאָר נאָך דער מילכאָמע. פונעם פראָנט האָט ער זיך אומגעקערט מיט אָרדענס און מיט וווּנדן און נאָכן קריג געענדיקט די מיליטעריש־פּאָליטישע אַקאַדעמיע אַף לענינס נאָמען. ער איז איצט אַ לעקטאָר פון פּאָליטעקאָנאָמיע אין אַ לענינגראַדער הויכשול. אַף דער עלטער האָט ער אָנגעהויבן שרײַבן לידער, און שטעלט אײַך פאָר — אַף יִידיש...

אָט אַזאַ איז אונדזער לייענער, ביז גאָר אַ פאַרשיידענער, וואָס טראָגט אָבער אין זיך פיל אַלגעמיינס — די לעבנס־ביִאָגראַפיעס פון סאָוועטישע מענטשן, פון סאָוועטישע יִידן.

און אָפט, זייער אָפט באַרירט דער לייענער פראַגן, וועלכע האָבן ניט קיין דירעקטע שײַכעס צום דורכגעלייענטן ליטעראַרישן ווערק, אָבער זײַנען פון דעם אָנגערעגט.

עס שרײַבט, לעמאָשל, כאַווע ווינער פון זאַפּאָראָזשיע. כ'וועל ברענגען אַן אויסצוג פונעם בריוו.

„אַ גרויסן דאַנק אײַך פאַרן אינטערעסאַנטן זשורנאַל־נומער, אַ דאַנק פאַר דעם ראָמאַן „קאַלטס און וואַרעמס". אינעם ווערק האָב איך דערזען מײַן אייגענע יוגנט. מיך פאַרדריסט שטאַרק, וואָס איך בין אַזוי שפּעט, ערשט הײַנטיקס יאָר, געוואָרן אַ לייענערן פון „סאָוועטיש היימלאַנד".

איך אַרבעט אַלס מעדשוועסטער אין פינפטן שטאָטישן שפּיטאָל. איך בין זייער צופרידן מיט מײַן אַרבעט. דער קאָלעקטיוו איז אַ גלענצנדיקער, מע באַציט זיך צו מיר מיט אַכטונג. דער מאַן מײַנער אַרבעט אין אַ פאַבריק, דער זון לערנט זיך אַפן דריטן קורס פונעם מעדיציניִשן אינסטיטוט. מיר זײַנען גליקלעך, וואָס מיר לעבן אין ראַטנפאַרבאַנד. זאָלן דאָס געדענקען די פרעכע לײַט, וואָס ווילן אונדז אַראָפּפירן פון וועג. דאָס וועט זיך זיי ניט אײַנגעבן".

שווער צו זאָגן, פאַרוואָס אַ ראָמאַן, אַ קינסטלעריש ווערק, רופט אַרויס גראָד אַזעלכע געדאַנקען. נאָר, ווי ס'איז צו זען פונעם סאָף פון דעם בריוו, גייט דאָ אַ רייד וועגן אַ דערשײַנונג, וואָס באַאומרויִקט אַ סאַך מענטשן: סײַ די לייענער, סײַ די שרײַבער.

דעם עמעס זאָגנדיק, כאַפּט מיך אָן אַ בושע, ווען איך זע, ווי אייניקע טשערנאָוויצער הייבן אָן זיך אַרומיאָגן, ווי פאַרסאַמטע... בעעמעס טאַקע פאַרפירטע און פאַרסאַמטע פון ציִעניסטישער פּראָפּאַגאַנדע. זײַענדיק שוין פאַרטשאַדעט, העצן זיי אונטער סײַ זיך אַליין, סײַ איינער דעם אַנדערן, טראַכטן אויס ווילדע געשיכטעס, ניט געשטויגן ניט געפלויגן, קעדיי פאַרענטפערן פאַר זיך און פאַר די אַרומיקע דאָס אַרויספאָרן קיין יִיסראָעל. אינדערעמעסן האָט יעדערער זײַן סיבע. בײַ איינעם ברענט די ערד אונטער די פיס — זיך אַרײַנגעצויגן אַף דער אַרבעט אין

א סצענע פון דער קאָנצערט־פּראָגראַם „גליקלעכע באַגעגעניש”. פון רעכטס אַף לינקס: די אַרטיסטן יאַקאָוו גאָלמאַן, ראַיִסאַ מאָסטאָסלאַווסקאַיאַ און די פאַרדינסטפולע אַקטריסע פון אוססר סידי טאַל.

עפּעס א שווינדל, — און ער מוז וואָס גיכער מאַכן דעם וואַיִוורעך; א צווייטן כאָלעמט זיך א רײַכע ירושה, וואָס א מומע אָדער א באָבע האָט געלאָזט אין די אויסלאַנדס; א דריטן (אליין עפּעס א נישטיקײַט, א ניוזעקל) דוכט זיך, אַז גראָד דאָרט וועט ער ווערן דאָס אייבערשטע פונעם שטייסל; א פערטן ציט אהין דאָס, וואָס דאָרטן, זאָגט מען, זײַנען וואָלוול פּאָמידאָרן, און א פינפטן — גלאַט אַזוי: „מע זאָגט, אַז אַנדערע בריטשאָנער קלײַבן זיך, בין איך דען ערגער פון אַנדערע?...” זיי לויפן אַרום, די אָפּגעסאַמטע, מיט א פאַרהאַקטן אָטעם און מיט פאַרטונקלטע מויכעס, ניט פייִק אופצונעמען און באַנעמען א ניכטערן געדאַנק, א פרײַנטלעכע אייצע, זיי זײַנען טויב און בלינד צו דעם אַרומיקן לעבן, וואָס דערווײַזט זיי אַף יעדן שריט און טריט, אַז טאָן דאַרף מען פונקט דעם הייפּעך פון דעם, וואָס זיי ווילן מיט זיך אָפּטאָן.

און ווײַל דאָס אַרומיקע לעבן מאַכט צונישט זייערע בייזע אויסטראַכטענישן, זײַנען זיי נאָך מערער בייז אַפן אַרומיקן.

איך האָב ניט לאַנג צוריק געשמועסט וועגן דעם מיט איינעם א ייִדן, וואָס פאַרשטייט גוט, ווי מע זאָגט, אין די קליינע אויסיעלעך. האָט ער מיר דאָס דערקלערט מיט אַזאַ פּאָסעק:

— קאָל אוירעוו ליימינייהו.

דערמיט האָט ער געמיינט סײַ דעם טשערנאָוויצער קליינבירגערלעכן ערעוורעוו, וואָס האָט זיך א לאָז געטאָן אהין, ווי אויך די פּאָר שרײַבער, וואָס זײַנען מיט זיי אַוועק. ווען מייער כאַראַץ און יאָסל לערנער זאָלן זײַן ערלעך מיט זיך אַליין, וואָלטן זיי געדאַרפט שרײַבן וועגן די אַנטוישונגען און בענקענישן, וועגן דער אינערלעכער פּוסטקײַט און פאַרלוירנקײַט, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט דאָרט פיל טשערנאָוויצער און ניט נאָר טשערנאָוויצער; וואָאַזוי זיי זײַנען פון נעכטיקע אוילים געוואָרן הײַנט אָדער וועלן ווערן מאָרגן יוירדים, זיי קאָנען זיך קיין אָרט ניט געפינען אין דער פרעמדער פאַר זיי קאַפּי־טאַליסטישער וועלט, קאָנען ניט צוגעווינען זיך צו די פרעמדע פאַר זיי זיטן און באַציִונגען צווישן מענטשן, ווען די קעשענע באַשטימט דאָס אָרט פונעם מענטשן אין דער געזעלשאַפט. דאָס אַלץ ווערט אַרויסגעשריבן אין פיל בריוו, וועלכע קומען אָן קיין טשערנאָוויץ. נאָר דאָס גייט כאַראַצן און לערנערן לאַכלוטן ניט אָן. זייער מאָראַלישע יערידע האָט זיך אָנגעהויבן נאָך לאַנג, איידער זיי זײַנען אַרויסגעפאָרן. איצט האָבן זיי זיך פאַרדונגען פאַר מעשוירערימלעך אינעם אַנטיסאָוועטישן כאָר. די נעגינע איז בא זיי ניט קיין וואַזשנע, די קעלעכלעך זײַנען, נעבעך, זייער שוואַכינקע, נאָר אונטערבאָמקען קענען זיי.

מייער כאַראַץ האָט זיך באַזאָרגט מיט רעקלאַמע. נאָך איידער ער איז אָנגעקומען קיין ייִסראָעל, האָט דער פאַרעטער קערלער צעפּויקט איבער אַלע בלעטלעך, אַז כאַראַץ איז ניט קיין פּאָשעטער, נאָר אַזוינס ווי אַזעלעכס. ער האָט אים דערצו נאָך געמאָלדן פאַר א געליטענעם און גערוידעפטן, מיט איין וואָרט, א ייִד א ניי־סרעף, וועמען מע דאַרף געבן פון דער ברייטער האַנט. דערצו איז זײַן סכוירע — פרימע שע־בעפרימע — קויפט, קויפט, קוינים!..

און כאַראַץ סטאַרעט זיך ניט דורכלאָזן קיין איין אַנטיסאָוועטישן יאַריד, שטופּט דורך זײַן סכוירע, ווו נאָר עס לאָזט זיך. בא כאַראַצן איז, ווי מע פלעגט זאָגן בא אונדז אין כאַשטשעוואַטע — א קראָם פון „יעסט”. רעכילעסן און באַטלאָנישע כקירערײַען, פיזמוינעס, אַרויסגעזויגענע פון זײַנע אומריינע פינגער, גיפטיקע סינע. סינע און האַס צו אַלדאָס סאָוועטישע, פּראָגרעסיווע. ס׳מאַכט ניט אויס, וואָס דאָס געקעכטס איז א געמיש פון פּאָליטישער אַמעראַצעס, בייזוויליקער דעמאַגאָגיע און פלוידערײַען

פון א קלײנשטעטלדיקער מארק־סעדעכע. מײער כאראץ קען גוט זײַנע קוינים, זײ זײַנען ניט קײן „פּערעבירלעווע", אבי דאָס מײַכל זאָל שמעקן... און שמעקן שמעקט דאָס אָף א מײַל.

דיסקוטירן, פּאָלעמיזירן מיט אַן אנטיסאָוועטשיק איז דאָך ניט שײַעך. מײלע, ווען כאראץ נעמט „פילאָסאָפירן" אין ייִסראָעלדיקן „פאָלקסבלאַט" וועגן אנטיסעמיטיזם, אנטיראסיזם און אנטיציִעניזם, איז זאָל דאָס זײ ווויל באקומען. אז באם „פאָלקסבלאַט" איז קײן בעסערס ניטאָ, איז אָף א גרויסן יאריד אויך דאָס א סכוירע. אײן זאך מוז דאָך געזאָגט ווערן. מע דאַרף פארלירן דעם לעצטן שפּור פון געוויסן, אזוי צו שרײַבן, ווי כאראץ, וועגן די ייִדן־קאָמוניסטן פון דער רעוואָליוציאָנערער אונטערערד אָף בוקאָווינע אין די צײַטן פון דער רומענישער אָקופּאַציע, וועגן די, וואָס זײַנען פארמוטשעט געוואָרן אין דער קאטאָרזשנער טורמע פון דאָפטאנו. זײ, סײַ די לעבעדיקע, סײַ די טויטע, זײַנען דער שטאָלץ פון טשערנאָוויץ, זײַן הײליקײַט. זײערע פּאָרטרעטן, זײערע העלדישע ביִאָגראפיעס באַשײנען די סטענדן פונעם אָרטיקן מוזײ. מעמאָריִאַל־טאָוולען הענגען אָף די הײַזער, ווו זײ האָבן געוווינט. אָט האָט ערשט ניט לאנג דער טשערנאָוויצער שטאָטראט פײַערלעך געעפנט א מעמאָריִאַל־טאָוול אָף דער רויטארמײער־גאס, נומער 14, לעקאָוועד אײנעם פון די אקטיווע אָנטײלנעמער פון דער רעוואָליוציאָנערער אונטערערד אָף בוקאָווינע וואָלף שטערן. און די לעבעדיקע... זײ זײַנען אלע פּערסאָנעלע פּענסיאָנערן. כאראץ ווײסט גוט, וואָס פאר א קאָוועד מע גיט אָפּ אומעטום דעם געוועזענעם סעקרעטאַר פונעם אונטערערדישן געגנטקאָם בערנארד קאץ, דעם אונטערערדלער פון כאָטין, דירעקטאָר פון דער טשערנאָוויצער וואטן־פאבריק טוליע טוטעלמאן און פיל אנדערע.

אין זײַנע שרײַבעכצן וועגן אָט די מענטשן, פּונקט ווי ביכלאל לויט זײַן נאטור, איז דער הער כאראץ א פּרעכער ליגנער.

אין אײנער א ליד, וואָס ער האָט לעצטנס פארעפנטלעכט אין א ייִסראָעלדיקער ציִעניסטישער צײַטונג, שרײַבט כאראץ: „דער רעגן גיסט, דער רַעגן גיסט, די אײביקײַט איז אײביק וויסט". עמעצער קאָן דאָס אויך אָנעמען פאר טוירעס־לאָקש, נאָר מיר, סאָוועטישע מענטשן, זעען פאר זיך די וועלט, די אײביקײַט ניט אזוי וויסט. מיר זײַנען געשטימט אָפּטימיסטיש און האָבן דערצו א גרונט, באזונדערס די לעצטע צײַט, ווען די שאָלעם־פּראָגראם פון אונדזער קאָמוניסטישער פּאַרטײ טריִומפירט איבער דער גאָרער וועלט. דאָס ווילן בלויז ניט באמערקן די ייִסראָעלדיקע עקסטרעמיסטן, צו וועמען כאראץ האָט זיך פארדונגען פאר א שרײַבער.

עס לאָזט זיך אויס, אז יאָסל לערנער, וועלכער איז אין טשערנאָוויץ געוועזן באקאנט ווי א געוויינלעכער שלימאזל, — ער איז אויך אין ייִסראָעל אָנגעפּאָמפּעט מיט אנטיסאָוועטיזם, און ער סטארעט זיך דאָס ניט האלטן אין זיך. ער „גיט אינטערוויוען", פּלאפּלט וועגן דער לאגע פון די סאָוועטישע ייִדן, וועגן אלץ, אָף וואָס עס איז דאָ א נאָכפרעג. ס'האָט א שײן פּאָנעם, ווען לערנער הײבט אָן ברײַען וועגן וועלט־פּאָליטיק מיטן שטעל פון א דארדעקע־מעלאמעד. כײַ וואָלט ער שוין ווײַטער געשריבן וועגן די כעלמער נאראָנים.

אנטיסאָוועטיזם האָט נאָך קײנעם ניט געבראכט ניט קײן רום, ניט קײן נאכעס, ניט קײן מאזל.

עט, לאָמיר בעסער רעדן פון פרײלעכערע זאכן.

איך בין נאָך אלץ אונטערן אײַנדרוק פונעם פרעכטיקן קאָנצערט „גליקלעכע באגעגענישן", אָף וועלכן איך בין אָקאָרשט געוועזן. מע דאַרף זען דעם פולגעפּאקטן זאל, וואָס איז באשײנט מיט יאָמטעוודיקער דערהויבנקײַט, מיט גלאנציקע אויגן, מיט פרײד, מיט יענעם העכסטן נאכעסרועך, וואָס נעמט זיך פון דעם, וואָס יעדע באגעגעניש מיט דער ווונדערבארער אקטריסע סידי טאל איז א יאָמטעוו. דער גאנצער קאָנצערט איז ווי אויסגעגייט און ארומגעזוימט מיט ייִדישן פאָלקלאָר, מיט ייִדישער מוזיק און לײדער — אַן עכטע פאָלקשפּיל! און איך... מיר איז שטענדיק שווער צו געפינען ווערטער אָף אָפּשאצן די עמעסדיקע קישעפמאכערן פון דער בינע, אין ווועמענס שפּיל ס'איז דאָ אזויפיל כײן, פאָלקסטימלעכקײַט, גרענעצלאָזע ליבע צום צושויער. דערפון נעמט זיך טאקע די הארציקע ליבע פונעם צושויער צו סידי טאל.

דער קאָנצערט האָט זיך געענדיקט מיט א ליד, וועלכע ס'האָט נאָכגעזונגען קימאט דער גאנצער זאל. „פארוואָס האָב איך אײַך אזוי ליב?" — זינגט די אקטריסע, און דער אוילעם זינגט נאָך, א ביסל איבערדרײענדיק די ווערטער — „פארוואָס האָבן מיר דיך אזוי ליב?".

און אלע מיר צוזאמען זינגען:

— פארוואָס האָבן מיר דיך אזוי ליבּ, טשערנאָוויץ?

הירש בלאָשטיין

מיר זײַנען א צווילינג

מײַן טרײַע שוועסטער

מיר זײַנען א צווילינג. צוזאמען געבאָרן
אין איינעם א קעלער, אין דאַכקעס און ענגשאפט.
מיר לעבן באנאנד שוין פיל צענדליקער יאָרן —
איך און מײַן ליכטיקע שוועסטער: די בענקשאפט.

מיר זײַנען צוזאמען דורך לענדער געגאנגען,
געוואנדערט־געוואנדלט, געקרייצט אָקעאנען,
פון פרייד און פון טרויער געשפונען גוזאנגען, —
און ס׳זײַנען די טעג אף אן אָרט ניט געשטאנען.

זיי זײַנען מיט אָטעם פארכאפטן געלאָפן,
ווי ס׳לויפן פארבײַ א קוריער־צוג די פעלדער.
און ס׳האָט מיט מײַן שוועסטער א וווּנדער געטראָפן:
עס מאכט זי די צײַט אף קיין רעגע ניט עלטער!

מײַן שוועסטער האָט הייסע און דאָרשטיקע אויגן,
פארמאָסטן אף ווײַטן, אף טיפן, אף הייכן.
מיר זײַנען מיט איר שוין אין קאָסמאָס געפלויגן.
נישטאָ אזא הייך, וואָס זי פרווט ניט דערגרייכן.

און קיינמאָל עס ווערט איר פארמעסטונג ניט קלענער,
און שטענדיק דער טרוימען־דאָרשט אירער ווערט גרעסער.
זי זאָגט: אלץ, וואָס שיין, קען דאָך ווערן נאָך שענער,
און אלץ, וואָס איז גוט, קען דאָך ווערן נאָך בעסער...

דער ברודער ווערט מיד, ווערט אלץ גרויער און גרויער.
די שוועסטער גייט לײַכט מיט א טראָט מיט א שנעלן,
און זאָגט מיט א שמייכל דעם ברודער אין אויער:
— ווּעסט רוען זיך שטעלן, — ווּעסט לעבן פארפעלן...

איז, שפאנענדיק, פרעג איך: — דערקלער מיר דעם וווּנדער,
ווו האָסטו אזוי זיך פארזיכערט פון עלטער?
צעזינגט זי זיך הילכיק: — דו פרעג באם יאָרהונדערט,
און פרעג דײַן באפליגלטע ערד די צעהעלטע;

און פרעג בא די מאָרגנס, וואָס קומען, וואָס רופן,
און שפּילן אין מיר — אזא מונטער־אָרקעסטער...
און גרינג וועסטו דערגרייכן די העכסטע ארופן,
אויב דו וועסט ניט אָפשטיין קיין טראָט פון דײַן שוועסטער!

פ אָ ר ג ע פּ י ל

כ׳בין דעמלט נאָך געווען א ייִנגל א פארטרוימטס,
און ס׳האָט די זון אין מיר געהאלטן אין איין אופגיין,
און ווי א פערד א יונגס, נאָך קיינמאָל ניט געצוימט,
ס׳געמיט מײַנס גרייט געווען אף ווילדסטן רוף גיין.

און איינמאָל אין א פרילינגדיקער נאכט
דורך פענצטער אָפענעם פון מילכוועג איז א כאָלעם
ארײַן צו מיר — א מאלבעש מיר געבראכט
און מיר געהייסן, אָנמעסטן איך זאָל אים.

א מאָדנע אָנטועכץ... — און כ׳האָב אין פיס און הענט
פארלוירן גאָר די וואָג, אין גרויער לופט געהאנגען.
...כ׳האָב אָט דעם מאלבעש — אף גאגארינען דערקענט,
ווען ס׳איז צו אונדזער שוועל דער קאָסמאָס צוגעגאנגען!

כ׳האָב זעכציק יאָר געטראָגן אינדערשטיל
דעם רוף פון העכסטער הייך, ווו ס׳ווארט דער סאָד דער גרעסטער.
זאָל זײַן געבענטשט אין אונדז דאָס גרויסע פאָרגעפיל,
דאָס ווונדער־פידעלע אינעם געמיט־אָרקעסטער!

אין אזא מין אָוונט

וויפל ווײַטע נעכטנס לעבן אין מײַן
דימיען,
ווי גראניט־סקולפּטורן,
ווילן אלט ניט ווערן.
ס׳גייען אומעטום מיר נאָך
די זעלבע הימלען,
ווו נאָך קינדווײַז האָב איך
אָפּגעזוכט מײַן שטערן...

און די זעלבע פעלדער
מיט די בלאָנדע זאנגען
שיקן מיר א ווינטל,
עס זאָל מיר פארטרויען,
אז א הארץ, וואָס איז בא טרוים
און ליד געפאנגען,
בלײַבט א קינד אף אייביק,
קען קיינמאָל נישט גרויען!

ס׳שעמערירן טויִק
פרישע אינדערפריִען.
ס׳ווערן ווי נישט־דאָיִק
ערשט אנטפּלעקטע וועלד׳ער...
עמערס גאָלד צעשמעלציִטן
ברענגט מיר אָפּט א שקיִע:
נעם און בוי דיר שלעסער,
ווי נאָר עס געפעלט דיר!

ס׳שמעקן „שירעם־בלימלעך" —
ווי א דינע סטרונע
בענקט אין זיי דער רייעך,
וואָס גייט נאָך דיר יאָרן —
אין אזא מין אָוונט
ווער האָט ניט געפונען
עפּעס פונעם אויצער,
וואָס ער האָט פארלאָרן?

ווו זײַ ט א י ר

אוי, ווו זײַט איר, פרײַנט, — איר אלע,
וואָס באנאנד מיט מיר געלאָפן
זײַנען ראש די טעג אנטקעגן,
אז פארכאפּט עס האָט דער אָטעם!
אונדז גערופן הונדערט וועגן,
אלע — ברייט און אלע — אָפן,
און אין הארץ — א ליד א ליכטיקס,
אזא פולער צוטרוי — וואָטום...

מיר פון שול־גאס, מיר פון באָד־גאס,
פון די ניט ברוקירטע ליקלעך,
מיר, די דארע דאלעס־קינדער
מיט פארכאָלעמט־גרויסע אויגן,
אין א מײַסע־וועלט פארקישעפט,
זײַנען אָפּט געוועזן גליקלעך,
און געגאן צו וועלט דורך טויער
פון א פרילינג־רעגנבויגן...

און די זאמדיק־קארגע פעלדער
פון מײַן ליטע־היים און זשאמעט,
און א ליאדע שמאָלינק טײַכל,
וואָס צום מינדסטן ווינטל פילבאר, —
אלץ איז ווונדערשיין געוועזן:
פרילינג אין זײַן גרינעם סאמעט,
אין זײַן גאָלד־געשמעלץ — דער זומער,
און דער ווינטער אין זײַן זילבער...

...ס'האָט די נויט אונדז גיך צעשלײַדערט
איבער יאַמען, איבער לענדער.
כ'האָב אזוי נאָך אײַך פאַרבענקט זיך,
ווען אין פרילינג גרינער ווינט האָט
מיט די ביימער בא מײַן פענצטער
אויסגעזונגען די לעגענדע,
וועלכע הייסט דעם סאמע שענסטן,
סאמע ליבסטן נאָמען: קינדהײַט!..

טײַכן

„עס פליסט דאָס לעבן, ווי א טײַך" —
דאָס איז אן אלטער פאָלקס־פאַרגלײַך.
עס איז דאָס פאָלק אין כאָכמע רײַך,
נאָר... טײַך צו טײַך איז דאָך ניט גלײַך!

א טײַך א גליקלעכער פאראן,
וואָס שטראָמט אי ברייט, אי טיף, אי
לאנג,
און קומט מיט הילכיקן געזאנג
אין אייביקייט פון אָקעאן.

און טײַכן, וואָס באַם ערשטן שפאַן
איז זייער גורל שוין פאַרסאַמט:
זיי ווערן פלאכער אלץ אין גאנג —
און קומען אום אָן מינדסטן קלאנג
אין מידבערס טויטן שטומען זאמד.

מײַן פרײַנט, עס איז אין דיר געווענדט
דײַן „טײַך" צו נעמען אין די הענט...

דעם מענטשנס פויסט

כ'געדענק נאָך פון אָנפאנגשול־
ביכל און ווייס:
דאָס הארץ פונעם מענטש —
ווי זײַן פויסט איז די גרייס.
דער פויסט פונעם מענטש
איז דאָך קליין און איז שוואך? —
האָט ס'לעבן מיר אנדערש
פאַרטײַטשט אָט די זאך:
— באנעם ניט די וועלט

בלויז פון אויבערשטער פלאך...
נישטאָ קיין מער גרעסערס,
נישטאָ קיין מער הארטס
פון קליינעם און אײדעלן
מענטשלעכן הארץ!

ווען אולע און אומרעכט
דעם צאָרן צעברויזט —
ווי ריזיק וואקסט אויס
אָט דער קליינינקער פויסט...

בלויער פויגל

נייג צו, מײַן פרײַנט, צו מיר דײַן אויער,
מיט מײַנע ליפן רעדט דאָס הארץ:
ניט יעדער פויגל איז א בלויער,
און אָפט ווערט אויך א בלויער —
שווארץ.

און איז ער יאָ צו דיר פאַרפלויגן,
ניט זאָג: „מיר איז שוין רו באַשערט".

ווי קען ער בלײַבן בלוי, דײַן פויגל,
אויב בא דײַן שאָכן שווארץ ער ווערט!

מאמע־לאשן

דאָס גאנצע לעבן מײַנס איך האלט מיך פאר
דײַן קינד.
דו האָסט מיך נאָך אין וויגעלע געכאָוועט.
און כ'היט דײַן קאָוועד אָפּ, דײַן מוטערלעכן
קאָוועד,
און צו דײַן יעדן וואָרט כ'הער צו זיך ביז
אצינד.

און פילבאר, ווי דאָס גרעזעלע צום ווינט,
דורך שטארקסטן רויש דײַן שטילסטן אָטעם
פאנג איך —
און אָפטמאָל אים פאַרוואַנדל אין געזאנג איך:
מײַן ליד ס'געגארטע טרײַע וואָרט געפינט,
וואָס פירט ארויס פון ניגון־לאבירינט...

אופריכטיקייט

די מילדסטע ליכטיקייט,
די העלסטע הערלעכקייט
איז די אופריכטיקייט,
די פּראָסטע ערלעכקייט.

און ניט קיין לויער איז
אין איר באַוואָפענונג, —
איר שטאַרקסטער מויער איז
דאָס האַרץ — דאָס אָפענע...

אייביק נײַ

דער הימל האָט מיליאָנען מאָל געטאָגט
שוין,
און ס׳האָט מיליאָנען מאָל
דער טאָג די נאַכט פאַריאָגט שוין,
דאָך יעדער זון־אופגאַנג
איז ווי א נײַער נעס.

אין ביכער טויזנטער איז אַזוי פיל געזאָגט שוין!
דאָך יעדער וואָרט, וואָס קומט פון טיף געמיט,
איז שטענדיק נײַ פאַר מיר,
ווי ס׳ברויט, וואָס כ׳עס,
און ווי דער פונק, וואָס קומט, ווען כ׳שפּאַלט
גראַניט.

זון

עס טוט די זון געטרײַ איר אַרבעט,
און ס׳גיסט זיך אָן דער זאַנג און קוועלט.
אין אויגוסט וועלן פולע אַרבעס
מיט שעפע ציִען זיך פון פעלד.

ס׳וועט זײַן דערנאָך א האַרבסט א גרויער
מיט שווערע וואָלקנס אָפּט און קויט.
נאָר פילן וועט די זון דער פויער
אין יעדן ביסן פון זײַן ברויט...

קויהעלעס און שיר־השירים[1]

כ׳האָב געזאָגט, און זאָגן כ׳וועל עס
ביזן סאָף פון מײַנע יאָרן:
— באָכער! לייען ניט קויהעלעס,
ווען קוים צוואַנציק דיר געוואָרן!

שלינג ניט אָט די קאַלטע פּילן,
היט דײַן גומען, ניט פאַרפריר אים! —
ער וועט נאָכדעם דאָך ניט פילן
עכטן טאַם פון שיר־השירים...

פידלען

ערגעץ גאָר־גאָר נאָענט
הער איך זינגען פידלען,
ציִען מיר דאָס כ׳יעס
און די זעל אַרויס.
מיט אַזעלכע פײַנע
גאָלד־געשניצטע רידלען
גראָבן זיי אַזויפיל
טעג און יאָרן אויס!

און איך שטיי פאַרכאָלעמט,
און איך שטיי פאַרוווּנדערט:
איך דערקען זיי אַלע —
מײַנע יאָרן, טעג...

אָף פיר דינע סטרונעס —
דרײַ פערטל יאָרהונדערט
זינגען, בענקען: יאָרן,
איר ווו זײַנט אַוועק!..

שטיי איך בא מײַן פענצטער.
נאָך איין מאָל די זון איז
טיף אין מיר אַרונטער,
ווי מײַן בענקשאַפט גרויס...
ערגעץ גאָר־גאָר נאָענט
זינגען מײַנע סטרונעס,
ציִען מיר דאָס כ׳יעס
און די זעל אַרויס!

---

[1] „קויהעלעס״ — דאָס בוך פון סקעפּטיציזם; „שיר־השירים״ — דאָס בוך פון ליבע.

זכרוינעס

כאַים טאַמאַרקין

דאָוויד האָפּשטיין, אַזאַ ווי איך געדענק אים

דאָס שטעטל קאַראַסטישעוו

אײדער איך הייב אָן שרײַבן די זיכרוינעס וועגן דאָוויד האָפּשטיינען, ווילט זיך מיר זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן זײַן געבורט־שטעטל קאַראַסטישעוו, וואָס איז אויך מײַן געבורט־שטעטל.

קאַראַסטישעוו איז ערשט נאָך דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע געוואָרן אַ ראַיאָנער צענטער. די געאָלאָגן האָבן דאָ אַנטדעקט רײַכע פּלאַסטן שטיינקוילן, און דאָס געוועזענע שטעטל האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַן אינדוסטריעלער שטאָט: מע האָט אויסגעבויט שאַכטעס, אַן אײַזנבאַן־ליניע, עס האָבן זיך באַוויזן נײַע הײַזער, קולטור־אַנשטאַלטן.

אין דאָוויד האָפּשטיינס קינדער־יאָרן איז קאַראַסטישעוו, אָדער, ווי די היגע ייִדן האָבן עס גערופן, קאָראָסטשעוו, געווען אַ שטעטל אין ראַדאָמישליער אויעזד.

פון בערדיטשעוו ביז קיִעוו איז דורך זשיטאָמיר און קאַראַסטישעוו געגאַנגען אַ דיליזשאַנס מיט זעקס פערד נאָשפּיז. פונעם שאָסיי, וואָס האָט געהייסן בריסקער און האָט זיך געצויגן פון בריסק ביז קיִעוו, האָבן זיך אָפּגעצווײַגט עטלעכע גאַסן, וועלכע האָבן געפירט צום מאַרק פון קאַראַסטישעוו. דאָרט זײַנען געשטאַנען הילצערנע און געמויערטע קלייטן. אויף דער אַנדערער זײַט מאַרק, אין צווייטן טייל שטעטל, האָט זיך געפונען דער הויף פונעם „צאַדיק" מאָטעלע טווערסקי. אהער, צום רעבן, פלעגן קעסיידער פאָרן זײַנע כסידים. אַרום דעם הויף האָט געווימלט מיט אָרעמע ייִדן. זייער נויט איז געווען גרויס, און זיי פלעגן קומען צום „צאַדיק" נאָך אַן אייצע, נאָך אַ בראָכע.

דער טייל שטעטל, וואָס איז געלעגן הינטער דעם מאַרק, איז געווען באַזעצט מיט באַלמעלאָכעס און קלייקוידעש פון אַלע מינים: דאַיאָנים, מעלאַמדים, שאַכטים און נאָך אַזעלכע.

דאָוויד האָפּשטיינס זיידע—שאַמע דער סטאָליער

קרומע געסלעך און ליקן האָבן געפירט צום גרויסן יאַר, וואָס בא זײַן ראַנד זײַנען געשטאַנען די ריזשינער קלויז, דער קאָהאָלשער בעסמעדרעש, די קאַלטע שול, די טאַלמעטוירע און דער האַכנאָסעס־אָרכים. אַנטקעגן דער ריזשינער קלויז האָט זיך געפונען די שטוב פון שאַמע דעם סטאָליער. זי איז געווען מיט אַ גאַנעקל און מיט טרעפּלעך. נאָענט צו די פענצטער זײַנען געוואַקסן עטלעכע ביימלעך. שאַמע איז געווען אַ כאָשעוו אין שטעטל, באַזונדערס זײַן ווײַב גיטל די באָבע. ווו אַ קימפּעטאָרן, האָט מען געשיקט רופן די באָבע גיטל. און אַז זי האָט גענומען דאָס קינד, איז געווען מאַזלדיק.

איך געדענק, ווי יאָמים־נויראָים פלעגט מען ברענגען צום קאָהאָלשן בעסמעדרעש גיטלס מאַמע כײַע־דוווירע, זייער אַן אַלטיטשקע, אַ קליינינקע. איך איידעם, שאַמע, פלעגט אוועקשטעלן באַם אָפענעם פענצטער, לעבן די טרעפּ, וועלכע פירן צו דער ווײַבערשער שול, אַ טישל מיט אַ שטול. כײַע־דוווירע איז געזעסן, אַרײַנגעקוקט אין אַ גרויסן מאַכזער און זיך אײַנגעהערט, ווי דער כאַזן זינגט די טפילעס. מענטשן פלעגן צוגיין זאָגן איר אַ גוט־יאָמטעוו און ווינטשן „דערלעבט איבעראַיאָר".

שאַמע איז געווען אַ מיטלוווקסיקער מענטש מיט אַ קורץ געלבלעך־ווײַס בערדל. זײַנע קורצזיכטיקע אויגן אין ברילן האָבן געקוקט מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל. גייענדיק אין כיידער, פלעג איך אים אַלע טאָג טרעפן בא דער בויונג פון אַ געבײַדע פאַרן האַכנאָסעס־אָרכים. ער איז געווען אָנפירער פון דער בויונג. מיט די אַרבעטער פלעגט ער ריידן שטענדיק שטיל און רויִק, קיינמאָל ניט העכערן די שטים, קיינמאָל ניט בייזערן זיך. די שטאָט־באַלעבאַטים האָבן זיך געשפּאַרט מיט אים, געוואָלט, אַז די אַרבעט זאָל



דאָוויד האָפּשטיינס עלטערן

געמאַכט ווערן ביליקער, נאָר ער האָט געטאָן, ווי ער האָט פאַרטראַכט.

אין דעם נײַעם האַכנאָסעס־אָרכים זײַנען די היימלאָזע ייִדן געשלאָפן אויף ריינע געלעגערס. שאַמע פלעגט אָפט אַרײַנקומען אהין און שמועסן מיט די אָרעמעלײַט. ער האָט געקליבן נאַכעס פונעם אויסגעבויטן הויז, ווי באַרימטע אַרכיטעקטאָרן קלײַבן נאַכעס פון זייערע אויסגעבויטע פּאַלאַצן.

ווער פון אונדז האָט דעמלט געקאָנט וויסן, אַז שאַמע דער סטאָליער האָט אויך אַ פאַמיליע־נאָמען, אַז הייסן הייסט ער שאַמע האָפּשטיין? אין יענע יאָרן האָט מען גערופן באַם פאַמיליע־נאָמען בלויז די סאַמע כאַשעווע מענטשן: פאַבריקאַנטן, קרעמער און אינטעליגענטן.

באַ אָט דעם שאַמע האָפּשטיין און באַ זײַן ווײַב גיטל די באָבע איז געוואַקסן דאָס ייִנגל פון זייער זון נעכעמיע, דאָס עלטסטע אייניקל זייערס דאָווידל — דער קומענדיקער קלאַסיקער פון דער ייִדישער סאָוועטישער דיכטונג דאָוויד האָפּשטיין. דאָווידס טאַטע — נעכעמיע — האָט געדינט אין וואַלד, טאַקע וועגן יענעם וואַלד האָט דער דיכטער שפּעטער אָנגעשריבן ניט ווייניק ווונדערלעכע פּערזן.

„...אין צוויי וואָכן איין מאָל פון כוטאָר אין שטעטל"

זײַנע קינדער־יאָרן זײַנען פאַרלאָפן אין קאַראַסטישעוו, ווו ער האָט געלערנט אין כיידער, געשפּילט מיט די קינדער באַם יאַר (דאָס ייִדישע לעבן אין דעם טייל שטעטל איז געווען ענג פאַרבונדן מיטן יאַר און אַרום אים: דאָ זײַנען געשטאַנען די באָטעמעדראָשים, די יאַטקעס, ווײַטער אַ ביסל — גערשן דעם שויכעטס שטוב. דורך דער ברייטער סטעזשקע באַם גאָרטן פלעגט מען טאָג און נאַכט גיין אַראָפּ און אַרויף נאָך וואַסער און צו וואַשן גרעט).

פון אַלע זײַטן האָבן פונעם באַרג געריזלט אין יאַר אַרײַן ריטשקעלעך. די ברעגן פונעם טײַך זײַנען געווען געדיכט באַוואַקסן מיט ווערבע־ביימער. פון די ווערבעס פלעגט מען רײַסן צווײַגן אויף הוישײַנעס. סוקעס־צײַט, עטלעכע טעג פאַר הוישײַנע־ראַבע, פלעגן מיר, קינדער, טראָגן אַהיים היפשע פּעקלעך ווערבע־צווײַגן, צונויפלעכטן זיי און צונויפבינדן, דערנאָך פאַרקויפן די פרומע ייִדן אויף שלאָגן אין שול הוישײַנעס.

דער פּאַטריאַרכאַלער שטייגער האָט געהאַלטן אין צוואַנג די אונטערוואַקסנדיקע יוגנט. באָכערים מיט מיידלעך פלעגן ניט דערוועגן זיך בעפאַרהעסיע צו שפּאַצירן צוזאַמען אין גאַס. אָבער שאַבעס און יאָמטעוו פלעגט די יוגנט אַרויס הינטערן שטאָט, אויסמײַדן דעם פּאַרעצס גוט און אַוועקלאָזן זיך צו דער בריק, ווו די שטילע וואַסערן פונעם טעטערעוו האָבן געשווענקט די גראָבע, הויכע שטיינערנע „ביקעס".

ניט ווײַט פון טײַך איז דורך אַ הילצערנער קאָרעטע אַראָפּגערונען לויטער און קאַלט וואַסער. דאָס איז געווען דער בעטלערישער קוואַל, ווי מע האָט אים גערופן. מע האָט דערציילט, אַז אַמאָל האָבן בעטלער־קאַבזאַרן, אָפּרוענדיק אין וואַלד, דורכגעגראָבן צווישן די שטיינער ריטשקעלעך, פון וועלכע עס האָט זיך אָנגעזאַמלט אַ גרויסע ריטשקע און פון איר האָט אָן אופהער געשטראָמט אין קוואַל אַרײַן דאָס פרישע, דורכזיכטיקע און באַטאַמטע וואַסער. דאָ, האָט מען געזאָגט, איז דאָס וואַסער געשמאַקער איידער אומעטום, עס גיסט אַרײַן אין די אייוורים אַ באַזונדערע פרישקײַט...

דאָוויד האָפּשטיין האָט שטענדיק מיט ליבע דערמאָנט די נאַטור־שיינקײַט פון קאָראָסטישעוו. די אַלע ערטער, וועלכע איך האָב דאָ אָנגערופן, זײַנען אים געווען גוט באַקאַנט: ער האָט זיך געבאָדן אין די וואַסערן פונעם טעטערעוו, געשפּאַנט איבער די סטעזשקעס פונעם טיפן וואַלד, — געוויס צוזאַמען מיט זײַן שוועסטערקינד אָשער שוואַרצמאַן. טאַקע דורך אָט דעם וואַלד איז געגאַנגען דער שליאַך צום דאָרף ווילניא, ווו אָשער איז געבוירן געוואָרן.

אין קיִעוו

באַלד נאָך דער רעוואָלוציע, ווען עס האָבן אָנגעהויבן אַרויסגיין צײַטונגען, צײַטשריפטן, האָבן זיך אָנגעהויבן דרוקן לידער פון נײַע פּאָעטן, צווישן זיי — אָשער שוואַרצמאַן, דאָוויד האָפּשטיין, קוויטקאָ, מאַרקיש. איך האָב עטלעכע מאָל געהערט אָשער שוואַרצמאַנען לייענען זײַן ליד „יוגנט". ביז איצט שטייט מיר פאַר די אויגן די שטאַלטנע פיגור פונעם דיכטער. צו יענער צײַט האָב איך שוין געוווּסט דאָוויד האָפּשטיינס לידער און אויך געהערט זײַנע אַרויסטרעטונגען. איך פלעג אַרײַנקומען אַהיים צו דאָוויד וואָלקענשטיינען און דאָרט אָפט טרעפן נאָכעם אויסלענדערן און אַנדערע שרײַבער. ביז שפּעט אין דער נאַכט האָט זיך אין אָט דער שטוב פריילעך געטומלט. מע האָט געלייענט לידער, געאַמפּערט זיך אַרום ליטעראַרישע דערשײַנונגען. טאַקע פון דאָוויד וואָלקענשטיינען האָב איך זיך דערוווּסט, אַז אָשער שוואַרצמאַן און דאָוויד האָפּשטיין זײַנען געבוירענע קאָראָסטישעווער.

אַ ביסל שפּעטער, באַלד ווי אין קיִעוו האָט זיך אײַנגעשטעלט די סאָוועטנמאַכט, האָבן זיך

דאָוויד האָפּשטיין און זײַן שוועסטער, די דיכטערן שיפֿרע כאַלאַדענקאָ. מאָסקווע, 1945

אָנגעהויבן די ייִדישע ליטעראַרישע אָוונטן אינעם געוועזענעם מיניאַטור־טעאַטער אױף פֿונ־דעקלײַעװסקי, 5. יעדן אָוונט איז דער טעאַטער געווען פֿול געפּאַקט. אַריסטרעטן פֿלעגן נאָר פּאָעטן. אַ באַזונדערן דערפֿאָלג האָבן געהאַט די אָוונטן פֿון דער גרופּע יונגע דיכטער — שוואַרצמאַן, האָפּשטיין, קוויטקאָ, מאַרקיש. יעדערער פֿון זיי האָט זיך דערבײַ געפֿירט אױף זײַן מאַניר. ביז הײַנט זע איך, ווי עס לייענט דאָוויד האָפּשטיין: זײַן קעסיידער־דיקער קאָנטאַקט מיט די צוהערער, זײַן פּלוצעמדיק פֿאַרקוקן זיך אין אַ זײַט און ווערן פֿאַרטראַכט, ווי בײַ אים וואָלט דאָ אױף דער בינע געבוירן געוואָרן אַ נײַע ליד. ער פֿלעגט באַם לייענען דעמאָנסטרירן אָנשוילעך די שטימונג פֿון דער ליד, זאָרגזאַם אָפּהיטן איר מוזיקאַלישן ריטם. ווען האָפּשטיין האָט דעקלאַ־מירט אַ ליד, האָט דער צוהערער אומבאַדינגט מיטגעטראַכט מיט אים, די אַטמאָספֿער איז שטענדיק געווען אַ יאָמטעוודיקע.

אױף די אָוונטן פֿלעגן אויך פֿאָרלייענען אייגע־נע לידער יעכעזקל דאָברושין, נאָכעם אויסלענ־דער, זאַלמען סעגאַלאָוויטש.

מיט דער צײַט האָב איך זיך נעענטער באַקאַנט מיט דאָוויד האָפּשטיינען. ער איז געווען צוגע־לאָזט און פֿראָסט. ער פֿלעגט בײַ מיר אויספֿרעגן וועגן אונדזער שטעטל, וועגן אַלגעמיינע באַ־קאַנטע. בײַסן שמועס האָט פֿון אים געבליצט מיט אײַנפֿאַלן און געדאַנקען, איך האָב אין אים אַנט־דעקט פֿאַר זיך אַן אויצער פֿון פּאָעזיע און וויסן.

גיטל די באָבע

אין פֿרילינג 1918 האָט דאָוויד האָפּשטיין אין עטלעכע נומערן פֿון דער „נײַע צײַט" אָפּגע־דרוקט אײַנדרוקן וועגן זײַן געבורט־שטעטל קאָראָסטישעוו. דאָס זײַנען געווען לירישע ביל־דער פֿון זײַנע יוגנט־יאָרן, פֿון דער סוויווע, ווו ער איז געוואַקסן. די בילדער זײַנען געווען באַהויכט מיט פֿײַנער איראָניע. איך בין דעמלט געפֿאָרן אהיים זיך זען מיט מײַנע אייגענע, האָב איך מיטגענומען די צײַטונגען און אין איינעם אַן אָוונט פֿאַרגעלייענט אין קאָראָסטישעווער אַרבעטער־קלוב פֿאַר אַ פֿולן זאַל דאָוויד האָפּ־שטיינס פֿאַרצייכענונגען. צום ערשטן מאָל האָבן די היגע טוישווים געהערט אַ באַשרײַבונג וועגן באַקאַנטע מענטשן, וועגן לעבעדיקע געשטאַלטן מיט עמעסע נעמען.

איך האָב דערציילט דעם אוילעם וועגן גיטל דער באָבעס אייניקל, וועלכער איז שוין אַ באַ־וווסטער פּאָעט.

אױף מאָרגן אינדערפֿרי, ווען איך בין נאָרוואָס אַראָפּ פֿון געלעגער, איז צו אונדז געקומען גיטל די באָבע. מײַן ברודערס ווײַב איז געווען אַ קימפּעטאָרן, און גיטל איז געווען בא איר די הייב־אַם. כאָטש אין שטעטל איז שוין געווען אַן אַקושערקע, נאָר צו גיטלס פּראַקטיק האָט זי זיך ניט געקאָנט גלײַכן. דער שטעטלשער דאָק־טער האָט זיך באַציגן צו גיטלען מיט צוטרוי און דערעכערעץ.

גיטל איז צוגעגאַנגען צו מיר און געזאָגט:

— עפּעס האָט מען מיר דערציילט, אַז דו האָסט געלייענט אַ מײַסע פֿון אַ גאַזעט, וואָס דאָווידל האָט באַשריבן. זײַ זשע מויכל, לייען מיר אויך איבער. איך וויל הערן, וואָס ער שרײַבט.

גיטל האָט זיך נאָענט צוגעזעצט, און אַלע אין שטוב זײַנען געזעסן מיט פֿאַרטײַעטן אָטעם.

בעשאַס איך האָב געלייענט, האָט גיטלס פּאָ־נעם געשײַנט און גליקלעך געשמייכלט. צום סאָף האָט זי אַ וויש געטאָן די אויגן און צוגע־שאָקלט מיטן קאָפּ: „געזונט זאָל ער מיר זײַן".

אין די 20־ער יאָרן

זי האָט מיך אויסגעפרעגט, ווען איך האָב אים געזען, וואָס ער טוט.

אין קיִעוו, אף פּאָדאָל, איז געווען א ייִדישער ארבעטער־קלוב (כאָרעוואיא, 15), ווו עס האָבן זיך געעפנט אָוונט־קורסן פאר ארבעטער. די לערער זיַינען געווען די ברידער יאשע און ליפּע רעזניק, דאָוויד האָפשטיין און דער געזעלשאפטלעכער טוער און לערער א. סלוצקי. איך פלעג אָפט אריַינקומען אין קלוב. סלוצקי האָט מיר איינמאָל פאָרגעלייגט, איך זאָל פאָרלייענען פאר די שילער שאָלעם־אלייכעמען. וועגן אָט די פאָרלעזונגען האָב איך באזונדערס אויספירלעך גערעדט מיט דאָוויד האָפשטיינען. דערביַי פלעגן מיר אויך שמועסן וועגן דער לאגע אין קאָראָסטישעוו. הינטערן שטעטל האָבן געווילדעוועט באנדעס, זיי האָבן זיך געריסן אין שטעטל אריַין, אָבער אין קאָראָסטישעוו האָט זיך פעסט געהאלטן די סאָוועטנמאכט. דאָרט האָט מיט אלץ אָנגעפירט דער באָלשעוויק, דער שטיינהעקער קאליסטראט געלעוויי, וועלכער האָט געטריבן די באנדעס אין האלדז־און־נאקן און אויסגעהיט דאָס שטעטל פון פּאָגראָמען. האָפשטיין האָט דעמלט און אויך אין די שפּעטערדיקע יאָרן אָפט דערמאָנט געלעווייען און זיך נאָכגעפרעגט אף אים.

אונטערן קנאַפּל פון די דעניקינצעס

אין קיִעוו האָבן זיך אריַינגעריסן די דעניקינצעס. די ייִדישע קולטור־ארבעט האָט זיך טייקעף אינגאנצן אָפּגעשטעלט, און די ערשטע טעג האָט נאָך קוים געזשיפּעט די טעאטראלע סטודיע „קולטור־ליגע", ווו עס האָבן, ניט געקוקט אף די שוידערלעכע באדינגונגען, געארבעט עפּראיִם לויטער און יויסעף קונין.

אין דעקאבער האָט אויסגעבראָכן דער ערשטער ייִדישער פּאָגראָם, ער האָט געדויערט פיר טעג. לאנג זיצן אין די קעלערס און אף די בוידעמער קאָן מען ניט, אין גאס האָבן זיך ווידער באוויזן מענטשן. גייענדיק איינמאָל אף פּאָדאָל, האָב איך באגעגנט דאָוויד האָפשטיינען. ער האָט מיר דערציילט, אז ער האָט זיך אויסבאהאלטן בא א באקאנטן אין וויַינקעלער. דער פּאָגראָם האָט בא אים ארויסגערופן א שלאָל געדאנקען און אסאָציִאציעס. ער האָט גערעדט, און איך האָב אים געהערט מיט פארכאפּטן אָטעם, נאָר ניט אלץ ווי געהעריק פארשטאנען. קלאָר געוואָרן זיַינען זיַינע רייד מיר ערשט דעמלט, ווען איך האָב איבערגעלייענט זיַין קלאסישע ליד „וויַין".

ווען די רויטע ארמיי האָט די דעניקינצעס פארטריבן פון קיִעוו, האָב איך זיך ווידער געטראָפן מיט האָפשטיינען. ער האָט מיר מיטגעטיילט די טרויעריקע ידיִעה וועגן דעם אומקום פון אָשער שווארצמאנען. איינגיכן בין איך אוועקגעפאָרן קיין קאָראָסטישעוו און עטלעכע כאדאָשים געארבעט אין דאָרטיקן רעווקאָם, אָנטיילגענומען אינעם עפענען די ערשטע ייִדישע שול, וואָס איז אָנגערופן געוואָרן אף אָשער שווארצמאנס נאָמען.

די גרופּע „ווידערוווּקס" און דער טעאטער „אָנהייב"

אין פרילינג 1921, ווען איך האָב זיך דעמאָבילִיזירט פון דער רויטער ארמיי און אומגעקערט זיך קיין קיִעוו, האָט די סטודיע „קולטור־ליגע" שוין פיל מאָל געשטעלט ב. שטיימאנס ספּעקטאקל „מאָשיִעך בען יויסעף" און י. קונינס קאָנצערטן פון כאָר־דעקלאמאציעס, וועלכע האָבן איַינגעשלאָסן פּערעצעס קינדער־לידער, דאָוויד האָפשטיינס „אָקטיאבער", „פּראָצעסיע", „מיר שטאמען פון פעלדזן" און „וויַין". ווען דאָוויד האָפשטיין פלעגט צוזאמען מיט י. קונינען זיך באוויַיזן אף די דאָזיקע קאָנצערטן, פלעגן די צושויער זיי באגעגענען מיט שטארקע אפּלאָדיסמענטן. קונין פלעגט די אָוואציע אופנעמען רויִק, מיט א שמייכל. דאָוויד האָפשטיין אָבער פלעגט שטיין א וויַילע ווי פארלוירן, דערנאָך צעפירן מיט די הענט און שאָקלען מיטן קאָפּ, דערפון פלעגן די אפּלאָדיסמענטן ווערן נאָך שטארקער.

אין יענער ציַיט איז אין קיִעוו אופגעקומען דער צווייטער דאָר ייִדישע סאָוועטישע פּאָעטן — די גרופּע „ווידערוווּקס": כאשטשעוואצקי, שאפּיראָ, שויכעט, וועלעדניצקי, דווירע כאראָל. גרויס איז געווען דער אווטאָריטעט פון דאָוויד האָפשטיינען צווישן די דיכטער פון דער דאָזיקער גרופּע.

אין פרילינג 1921 האָט אין קיִעוו זיך געעפנט דער ייִדישער טעאטער „אָנהייב", וווּהין איך בין איינגיכן אָנגעקומען אלס שוישפּילער. באם טעאטער איז אָרגאניזירט געוואָרן אויך א סטודיע, וואָס האָט זיך געפונען אף פּושקין־גאס, 21. מיט א הויז וויַיטער האָט ציַיטוויַיליק געוווינט דאָוויד האָפשטיין, און איך פלעג זיך מיט אים אָפט זען. עטלעכע צימערן אין דער סטודיע זיַינען געשטאנען קימאט ליידיק. דער דירעקטאָר פונעם טעאטער ש. פּאפּערנאָ און איך, דער פאָרזיצער פון אָרטקאָם, האָבן פאָרגעלייגט דאָוויד האָפשטיינען אריַינקליַיבן זיך אין די פריַיע צימערן פון דער סטודיע. ער האָט דעם פאָרשלאָג מיט דאנקבארקיַיט אָנגענומען. שפּעטער, ווען די סטודיע האָט אופגעהערט צו פונקציִאָנירן, איז האָפשטיין שוין פארבליבן וווינען אף פּושקין־גאס, 21.

אין איינעם א פרימאָרגן בין איך געקומען אים מעוואקער־כוילע זיַין — ער האָט זיך צוגעקילט און איז געלעגן קראנק. מיטאמאָל איז אריַין א יונגערמאן, און דאָוויד האָט זיך דערפרייט, א הייב געטאָן זיך פונעם געלעגער און געזאָגט: „באקאנט זיך, א ניַיער ייִדישער דיכטער — איציק פעפער". דער יונגערמאן האָט געהאלטן אין האנט זיַין נאָרוואָס דערשינענעם ביכעלע לידער „שפּענער". האָפשטיין האָט מיט פארגעניגן געבלעטערט דאָס ביכעלע און מיט א שיַינענדיק פּאָנעם באגריסט פעפערן. ער האָט אין יענער ציַיט געהאָלפן צו שטעלן זיך אף די פיס פיל פּאָעטן־אָנפאנגער. דערפאר האָט מען אים גערופן „דער טאטע פון די יונגע", האגאם

ער אַליין איז נאָך געווען שטאַרק יונג. אין האַרבסט 1921 איז קיין קיִעוו אויך אַראָפּגעקומען האָפּשטיינס אַלטער פֿרײַנט אַרקע קושניראָוו.

דאָוויד האָפּשטיין — אָנפֿירער פֿון דער שאָלעם־אַלייכעם־סטודיע.

די בופֿאָנאַדע „מאָשיִעכס צײַטן"

אין 1922 האָט אין מאָסקווע געאַרבעט אַ טעאַטער־סטודיע אויף שאָלעם־אַלייכעמס נאָמען. איר קאָלעקטיוו איז באַשטאַנען פֿון פּראָפֿעסיאָנעלע אַקטיאָרן און סטודיִאַנטן. די רעזשיסערן און לערער זײַנען געווען אַ. דיקי, ג. ראָשאַל און אַ. בעראָש פֿונעם קונסט־ראַט און פֿון דער פֿאַרוואַלטונג איז געשטאַנען דער שרײַבער אַנדריי סאָבאָל. די סטודיע האָט זיך געפֿונען אויף קליין־בראָנע, 2, אין שכײנעס מיטן ייִדישן קאַמער־טעאַטער. דער ציל פֿון דער סטודיע איז געווען — שאַפֿן אַ רעאַליסטישן טעאַטער, לעהיפּעך צו דער גראָטעסק־ליניע פֿונעם קאַמער־טעאַטער. איך בין אָנגעקומען אין דער שאָלעם־אַלייכעם־סטודיע.

דאָוויד האָפּשטיין איז שוין דעמלט געווען אין מאָסקווע. ער האָט זיך אַריבערגעקליבן אין דער סטודיע און איז געוואָרן אונדזער אָנפֿירער. זייער אָפֿט פֿלעגט ער פֿירן מיט די סטודיִאַנטן געשפּרעכן וועגן ייִדישער ליטעראַטור, וועגן דער אַרכיטעקטאָניק פֿון דער דיכטערישער שאַפֿונג. די שמועסן פֿלעגן זיך אָנהייבן גאַנץ אומגעריכט: עמעצער האָט געשטעלט אַ פֿראַגע און באַלד פֿלעגט האָפּשטיין אַרומגערינגלט ווערן פֿון די סטודיִאַנטן.

בײַ איינעם פֿון אָט די אומגעריכטע שמועסן, אָדער, ווי מיר האָבן זיי גערופֿן — „לעקציעס אויסער דער פּראָגראַם", האָט עמעצער אַרויסגעזאָגט אַ געדאַנק, אַז עפּשער איז פֿאַר אַ פּאָעט שווער זיך פֿאַרנעמען מיט פֿינאַנציעלע אוןווירטשאַפֿטלעכע עניאָנים. האָפּשטיין האָט געענטפֿערט, אַז אַ דיכטער איז דער סאַמע אָרגאַניזירטער מענטש, ער שאַפֿט דאָך זײַן ליד אין אַ שטרענג ריטמישער פֿאָרם, וואָס איז געבונדן מיט אַ לאָגישן געדאַנק. איז ווער קאָן דען זײַן אַ בעסערער אָרגאַניזאַטאָר, איידער אַ דיכטער? מיר האָבן אָבער געוווּסט, ווי שטאַרק האָפּשטיין איז צעשטרייט, אייביק פֿאַרטראַכט, אַזוי אַז וועגן רעגלאַמענטירטקײַט און אָרגאַניזירטקײַט קאָן גאָר קיין רייד ניט זײַן. ווען ער האָט גערעדט מיקויעך די אָרגאַניזאַטאָרישע פֿייִקײַטן פֿון אַ דיכטער, האָבן מיר פֿריילעך געלאַכט. ווײַזט אויס, אַז ער האָט פֿאַרשטאַנען, אין וואָס דאָ גייט, האָט ער זיך צעשמייכלט, כיטרע צונויפֿגעצויגן די קנייטשן בײַ די אויגן און זיך אָנגערופֿן:

— עפּשער ניט אַזוי, האַ?

די לימודים פֿון פּלאַסטיק און טענץ האָט אין דער סטודיע געפֿירט די באַוווּסטע באַלערינע יעלענע וואָלף. זי האָט געשטעלט די טענץ צו די ספּעקטאַקלען „די קישעפֿמאַכערן" און „200.000" אין ייִדישן קאַמער־טעאַטער. דאָס איז געווען אַ וווּנדערלעכע קינסטלערן און זייער אַ פֿייִקער פּעדאַגאָג. אויף איינעם אַ לימעד איז האָפּשטיין געזעסן אין אַ זײַט, אַזוי, אַז וואָלף זאָל אים ניט זען. נאָר זי האָט אים יאָ באַמערקט. נאָך דעם לימעד האָבן זיי לאַנג געשמועסט. וואָלף האָט געשטאַמט פֿון אַן אַסימילירטער ייִדישער מישפּאָכע. אַרבעטנדיק אין ייִדישן טעאַטער און אין דער סטודיע, האָט זי אַ ביסל באַהערשט די ייִדישע שפּראַך. זי האָט געוווּסט, אַז האָפּשטיין איז אַ גרויסער דיכטער, און ס'האָט זיך איר געוואָלט הערן זײַנע לידער אין ייִדיש. איינמאָל בין איך געקומען צו איר אַהיים קלאָר מאַכן אייניקע פֿראַגן וועגן דער פּראָגראַם פֿון אירע לימודים. האָבנדיק בײַ זיך האָפּשטיינס לידער, האָב איך זיי פֿאָרגעלייענט פֿאַר איר אין ייִדיש און פֿון מאָל צו מאָל, לייענענדיק, געפֿרעגט:

— איר פֿאַרשטייט? עפּשער איבערזעצן?

— ניין, ניין, — האָט זי געענטפֿערט. — לייענט אין אָריגינאַל. דער ריטם און די מוזיק פֿון יעדן וואָרט פֿילט אָן מײַן אויער און דערגרייכט צו מײַן פֿאַרשטאַנד. ווי שיין און רײַך עס איז די ייִדישע שפּראַך, וואָס פֿליסט דורך האָפּשטיינס לידער...

אין דער שאָלעם־אַלייכעם־סטודיע האָט מער פֿון צוויי יאָר געאַרבעט דער יונגער רעזשיסער גריגאָרי ראָשאַל, מייערכאָלדס אַ שילער, איצט פֿאָלקס־אַרטיסט פֿון פֿססר. ער איז שוין דעמלט געווען פּאָפּולער אין די טעאַטראַלע קרײַזן. ווען דאָוויד האָפּשטיין איז געוואָרן דער אָנפֿירער פֿון דער סטודיע, האָט ער זיך שטאַרק באַפֿרײַנדעט מיט ראָשאַלן.

עס דערמאָנט זיך מיר איצט אַן עפּיזאָד, ווי האָפּשטיין האָט, לייענענדיק י.־ל. פּערעצעס דערציילונג „מאָשיִעכס צײַטן", פֿאָרגעלייגט אַרײַנפֿירן זי אין דער פּראָגראַם פֿון דער סטודיע. ראָשאַל האָט גלײַך מאַסקים געווען און אָנגעהויבן צעגלידערן דעם סוזשעט אויף דראַמאַטישע סצענעס און האָפּשטיינען האָט ער געבעטן, ער זאָל אָנשרײַבן לויטן סוזשעט אַ נײַעם טעקסט אין פֿערזן. די ווײַטערדיקע צוזאַמענאַרבעט פֿון די צוויי מײַסטערס איז געווען אינטענסיוו און פּרוכטבאַר. שוין אין עטלעכע טעג אַרום זײַנען בײַ האָפּשטיינען פֿאַרטיק געוואָרן די ערשטע סאַטירישע סצענעס. עס איז געווען מאַמעש אומבאַגרײַפֿלעך, וויִאַזוי האָפּשטיינען, וועלכער איז געווען באַקאַנט מיט זײַנע ליריש־פֿילאָסאָפֿישע לידער, האָט אַזוי געראָטן דאָס אַרויסטרעטן אינעם נײַעם זשאַנער.

ראָשאַל האָט אָנגעהויבן אַרבעטן אויף דעם מאַטעריאַל, פֿאַנאַנדערגעטיילט די ראָלן, דורכגעפֿירט „פּראָבעס". האָפּשטיין פֿלעגט זיצן אויף אַלע רעפּעטיציעס. עס זײַנען דורכגעלאָפֿן די ווינטער־כאָדאָשים. האָפּשטיין האָט פֿאַרענדיקט דעם טעקסט פֿון דער בופֿאָנאַדע „מאָשיִעכס צײַטן", אָבער די רעפּעטיציעס האָבן זיך צו די זומער־קאַניקולן ניט פֿאַרענדיקט. און אין

9*

הארבסט איז שוין געווען אומעגלעך צו פאַרווירקלעכן דעם זייער אינטערעסאַנטן פּלאַן, ווײַל די סטודיע האָט אין צוזאמענהאנג מיט א רעאָרגאניזאציע צײַטווײַליק אָפּגעשטעלט איר ארבעט.

אין 1929 איז אין קיִעוו ארויס האָפּשטיינס אָ בוך „פון אלע מײַנע וועלטן”, אין וועלכן עס איז ארײַן די בופאָנאדע „מאָשיִעכס צײַטן”. ניט לאנג צוריק האָט גריגאָרי ראָשאל מיר געזאָגט, אז בא אים האָט זיך פאַרהיט דער סצענישער עקזעמפּליאר פון דער בופאָנאדע.

ווידער קאָראָסטישעוו, ווידער קיִעוו

נאָך דער מילכאָמע, אין 1946, האָב איך זיך געטראָפן מיט האָפּשטיינען אין ייִדישן אנטי־פאשיסטישן קאָמיטעט. ער האָט מיר דערציילט וועגן אונדזער שטעטל קאָראָסטישעוו. „אָט, — זאָגט ער, — האָב איך אָנגעשריבן א ליד וועגן קאָראָסטישעוו”, געוויזן מיר דעם טעקסט, וואָס איז ערטערווײַז געווען אויסגעבעסערט, עטלעכע שורעס געענדערט: „ביסט ניט פארשוווּנדן, שטעטעלע מײַנס, דו קליינס”.

איך ווייס ניט, צי די ליד איז ארײַן אין א לידער־זאמלונג זײַנער. ער האָט מיר דערציילט, אז אין ניו־יאָרק האָבן די קאָראָסטישעווער לאנדסלײַט ארויסגעגעבן א ביכל מיט זײַנע לידער און צוגעשיקט אים אן עקזעמפּליאר.

אין אָנהייב הארבסט 1946 האָב איך, פאָרנדיק קיין קאָראָסטישעוו, אָפּגעשטעלט זיך אין קיִעוו און באזוכט האָפּשטיינען אין זײַן נאָכמילכאָמעדיקער דירע. א פּאָר נעכט בין איך געשלאָפן אין זײַן קאבינעט. אינדערפרי זײַנען מיר ארויס אין גאס. האָפּשטיין האָט מיך אוועקגעפירט אין ייִדישן אָפּטייל פון דער אוקראַיִנישער וויסנשאפט־אקאדעמיע. דאָרט איז ער געווען א היימישער מענטש.

האָפּשטיינס נאָכמילכאָמעדיקע דירע איז געווען די זעלבע, ווי פריִער, נאָר צימערן ווייניקער. אין זײַן ארבעטס־קאבינעט האָבן איצט געפעלט די אמאָליקע ביכער־אויצרעס, ער האָט אָבער ווידער געזאמלט זעלטענע ביכער פון גרויסן קולטור־היסטאָרישן ווערט אין ייִדיש, העברעיִש און אין אנדערע שפּראכן. קיין געלט האָט ער ניט געקארגט, כאָטש מאטעריעל איז ער געווען געענגט. ער האָט געהאלטן אין איין ווײַזן זײַנע געסט די יעקאר־האמציִעסן. זײַן כאָרעווע ביבליִאָטעק האָט מיט יעדן טאָג אָנגעהויבן ווערן פולער, רײַכער.

אין לעצטן פּעריִאָד פון זײַן לעבן

האָפּשטיין האָט מיר געזאָגט, אז ער האָט פאַרטראכט אויסבויען זיך א זומער־דירע אין קאָראָסטישעוו. האָבן מיר זיך נאָך אָט דעם שמועס באגעגנט אין אונדזער אלטער היים.

עס האָט געקלעמט דאָס הארץ פונעם גרויסן כורבן, וואָס די פאשיסטן האָבן דאָ איבערגעלאָזט. צוביסלעכווײַז האָבן זיך אָנגעהויבן אומקערן אין שטעטל ארײַן די אײַנוווינער.

האָפּשטיין האָט שוין גערעדט אין אייניקע אנשטאלטן וועגן דער בויונג פון זײַן דירע. די האסקאָמע האָט ער באקומען. נאָר מע האָט באדארפט אָפּזוכן דעם געהעריקן פּלאַץ. מיר לאָזן זיך אוועק צו די שטילע גאסן אין ראיאָן פונעם קאָסטיאָל. דאָ איז געבליבן גאנץ דאָס הויז, ווו עס איז געווען אמאָל די ייִדישע שול אף אָשער שווארצמאנס נאָמען. מיר גייען מיט דער גאס, וואָס פירט צום שאָסיי. אמאָל האָט זי געהייסן די טושע־גאס. אין א זומערדיקן שאבעס־באטאָג פלעגן אהער קומען גאנצע געזינדן, זיך אויסלייגן אפן גראָז און טרינקען דאָס מעכײַעדיקע קאלטע וואסער פונעם קוואל. יאָ, דאָ איז שטיל. מע הערט, ווי עס שאָרכען די צווײַגן און עס פּליושקעט דאָס וואסער אין דער ברייטער ריטשקע. געלע בלעטער פאלן צו די פיס. האָפּשטיין באטראכט די גאס, זוכט אן אָרט, ווו מע וואָלט געקאָנט אוועקשטעלן א הויז. מיר דוכט, אז ער האָט שוין געפונען דאָס אָרט. ער איז צופרידן. מע האָט אים צוגעזאָגט געהילץ, מאטעריאל. אָבער ווו וועט ער נעמען געלט אף דער בויונג?

ווען מיר גייען צוריק אין שטעטל, לייג איך אים פאָר אָרגאניזירן א ליטערארישן אָוונט, טאקע וועגן זײַן שאפונג און מיט זײַן אָנטייל. דער פאָרשלאָג איז אים געפעלן.

דעם זעלבן טאָג האָט ער באקומען די האסקאָמע פון די אָרטיקע אָרגאניזאציעס. ער איז אוועקגעפאָרן קיין קיִעוו, און איך האָב אף זיך גענומען די אָרגאניזאציאָנעלע ארבעט. אין די נאָענטסטע טעג האָט ער זיך אומגעקערט קיין קאָראָסטישעוו צוזאמען מיט א יונגער פרוי, א מיטארבעטערן פונעם ייִדישן אָפּטייל בא דער וויסנשאפט־אקאדעמיע. זי האָט געזאמלט ייִדישע פאָלקסלידער און פארשריבן זיי אף א מאגניטאָפאָן־לענטע. זי אליין האָט א פײַנע שטים. וועט זי טאקע ארויסטרעטן אפן אָוונט.

איך האָב אָפּגעדונגען די שטעטלדיקע טעאטער־געבײַדע, ארויסגעלאָזט אפישן און בילעטן. דער אינטערעס צום אָוונט איז געווען אזוי גרויס, אז פאר צוויי טעג זײַנען אלע 400 ביילעטן געווען אויספארקויפט.

נאָכן ארײַנפיר־וואָרט איז אפן אָוונט ארויסגעטראָטן דאָוויד האָפּשטיין. געזאָגט עטלעכע ווערטער ספּעציִעל פאר זײַנע לאנדסלײַט, האָט ער באלד גענומען לייענען לידער. שפּעטער האָט די זאמלערן פון פאָלקלאָר געזונגען ייִדישע פאָלקס־מאָטיוון און איך האָב באוויזן שטייגערישע סצענעס און פּאראָדיעס. האָפּשטיין איז געווען מאמעש גליקלעך פון אָט דער ליטעראַרישער באגעגעניש מיט זײַנע לאנדסלײַט.

זומער 1948 בין איך ווידער געווען אין קיִעוו און זיך געזען מיט האָפּשטיינען צום לעצטן מאָל. דאָס איז געווען ערעוו זײַן 60־טן געבורטסטאָג.

בּ י נ י א ָ מ י ן   ש ו ו אַ ר צ ע ר

פאַרבליבן אין מײַן זיקאָרן

אַף אונדז, אקטיאָרן, ווי אַף אלע אָדעסער צושויער, האָט געמאַכט א שטאַרקן אײַנדרוק די פאָרשטעלונג פונעם מאָסקווער יידישן מעלוכע־טעאַטער אונטער דער קינסטלערישער אָנפירונג פונעם פאַרדינסטפולן ארטיסט שלוימע מיכאָעלס — „מידאס האדין" פון דאָוויד בערגעלסאָן.

אין דער פאָרשטעלונג האָט זיך געפילט דער געוואגטער טראָט צום עכטן רעאַליזם. געפילט האָט זיך עס אין מיכאָעלסעס פריש נאָוואטאָרישע מיזאנסצענעס און אין די אויסגעצייכנטע רעזשיסערישע אײַנפאלן, אין דער קלאָרער סאָציאל־אָנגעלאָדענער שפּיל פון יעדן אקטיאָר באזונדער.

ס'איז פאָרגעקומען א באגעגעניש פון די צוויי טעאַטערן. מע האָט גערעדט וועגן דעם, אז דער אָדעסער יידישער מעלוכע־טעאַטער איז ניט מעכוייעוו איבערצוכאזערן דעם מאָסקווער גאָסעט, ער דאַרף אויסגעפינען זײַן אייגענעם שעפערישן פּאָנעם, זײַן קינסטלערישן קסאַוו. מיכאָעלס האָט אונטערגעשטראָכן, אז דער אָדעסער יידישער טעאַטער פאַרמאָגט א ריי קרעפטיקע אקטיאָרישע טאַלאַנטן און מע דאַרף אָפּווארפן די מיינונג, אז דער אלטער אקטיאָר קאָן ניט אריבער אַף נײַע רעלסן. די באגעגעניש האָט באפרײַנדעט אונדזערע צוויי טעאַטערן. ס'איז ארײַנגעטראָגן געוואָרן א פאָרשלאָג, אז די פײַערונג פונעם פופצניאָריקן יובילײַ פונעם מאָסקווער גאָסעט זאָל פאָרקומען אין אָדעס.

דער יאָמטעוו פון באגעגענישן און געזעגענישן האָט זיך געענדיקט, און ווידער — נײַע זוכונגען, נײַע פּראָבלעמען, נײַע אופגאבן. בא יעדערן פון אונדז איז געוואקסן דער געפיל פון ניט צופרידנקײַט מיט דער אייגענער ארבעט, דער געפיל פון אומרו: עס זײַנען פארבײַ כאַדאָשים נאָך כאַדאָשים, און קיין נײַע באדײַטנדיקע שטעלונגען האָבן זיך ניט באוויזן. און, ווי שטענדיק אין א אייס־צאָרע, איז געקומען צוהילף שאָלעם־אלייכעם.

שאָלעם־אלייכעם איז שטענדיק פאַר יעדן יידישן טעאַטער געווען דער לײַכט־טורעם, דער קאָמפּאַס, וואָס האָט געוויזן דעם וועג צו די געדיכטעניש פונעם פאָלקס־לעבן, געבראכט צו די פאָלקס־קוואלן, צום געלײַטערטן הומאָר, צום געלעכטער דורך טרערן און אומעטום און שטענדיק געוועקט די האָפענונג אַף בעסערע צײַטן. יעדער יידישער טעאַטער האָט בא זײַנע ערשטע טריט זיך געלאָזט פירן פון שאָלעם־אלייכעמען, און ווען דער גאנג איז שוין געוואָרן זיכערער, איז ווידער פאָרגעקומען דער אומקער צום גרויסן פאָלקס־שרײַבער. ערשט באם רײַף ווערן פלעגט דער טעאַטער דערפילן די אלע זאפטן, די אלע טאמען פון דער גרויסער פאָלקס־דראמאטורגיע, וואָס שאָלעם־אלייכעם האָט צוגעגרייט פאַר אים.

דער אָדעסער יידישער מעלוכע־טעאַטער האָט זיך געווענדעט צו דער טראגיקאָמעדיע „גאָלדגרעבער". דאָס איז איינע פון שאָלעם־אלייכעמס סאמע טעאַטראַלסטע פּיעסעס. אין איר איז טיף אופגעדעקט די באָדנלאָזיקײַט פונעם שטעטל, אַף וועלכער ס'איז אויסגעוואקסן דער בארימטער לופט־מענטש.

לייווי מאָזגאָוואָיער, וועלכער הייבט אוף דאָס גאנצע שטעטל צו זוכן דעם פארבאהאלטענעם נאַפּאָלעאָן־אויצער, איז דער פאָרגייער פון מענאכעם־מענדלען. און ניט נאָר לייווי מאָזגאָוואָיער (דער הויפּט־העלד פון דער פּיעסע) נאָר אלע איבעריקע פּערסאָנאַזשן — לאָקירדע־יידל טאָרבע, דער גאָראָדאָוואָי, דער ראָוו, עלקע די אלמאָנע מיט נײַן מאָס רייד (די פאָרגייערן פון מענאכעם־מענדלס שוויגער), — גאנץ שטעטל האָט זיך גערירט פונעם זינען באם אופדעקן דעם אויצער־פּסיכאָז. האָט דער רעזשיסער אײַזענבערג אונטערגעשטראָכן, באזונדערס אין די מאסן־סצענעס, שאָלעם־אלייכעמס עקספּרעסיוון גראָטעסק, און דאָס האָט דינאמיזירט און פארביקער געמאַכט דעם ספּעקטאקל. דער גראָטעסק האָט אין קיין פאַל ניט געשטערט די רעאַליסטישע שילדערונג פון יעדן טיפּאַזש באזונדער.

עכט שאָלעם־אלייכעמיש זײַנען געווען בראנדעסקאָ אין דער ראָל פון יידל טאָרבע, מייערסאָן — אווורעמל מעלאמעד, און די אקטריסע זאיאַץ — דער מאניאק איציקל, וואָס „זאָגט איידעס" און ווײַזט אָן אַף יעדן אָרט אין בייס־האקוואָרעס, אז דאָ געפינט זיך דער אויצער.

פארביק און פולבלוטיק איז געווען אבעלעוו אין דעם געשטאלט פונעם גאָראָדאָוואָי האלאָוועשקאָ. דאָס קאָמישע האָט זיך געפילט אין זײַן יעדער באוועגונג, אין זײַן פאַרפרעמדט מעשונעדיקן יידיש, אין זײַן טרינקען, אין זײַן צונעמעניש „עס ציט מיך צום קאָריען" (ער איז, הייסט עס, גרייט ווידער ווערן א ייד,

---

זע „סאָוועטיש היימלאנד" נום. 5, 6, 7 — 1972 און 6 — 1973.

גרייט אַף אַלצדינג, אַבי צו באַקומען אַ גרעסערן כיילעק אין דעם אויצער). וואָס איז שייַעך לייווי מאַזגאָוואַיערן, די ראָל פון וועלכן עס איז אויסגעפאַלן אַף מיַין גורל, האָט די קריטיק אונטערגעשטראָכן, אַז וואָס מער ער וויַיזט אַרויס טעמפעראַמענט און אימפעט, וואָס מער ער האָט זיך און אַלעמען איַינגערעדט, אַלץ מער איז ער קאָמיש, אַלץ מער געלעכטער האָט ער אַרויסגערופן באַם צושויער, אַלץ מער מעגלעכקיַיטן האָט עס מיר געגעבן אַף אויסצוגעפינען די טראַגישקיַיט פונעם פאַרפירטן און פאַרפירער. און צום סאָף, ווען ס׳האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם פונעם אויצער און אַלע זייַנען געבליבן געפּלעפּט, האָט לייווי מאַזגאָוואַיער אויסגעשריִען: „ייִדן, האָב איך ניט געוווּסט, אַז דאָס וועט זיַין דער סאָף, זאָל איך ניט אַוועקגיין פון דעם אָרט! באַשעווע (זיַין וויַיב), וואָס האָב איך דיר געזאָגט? אַ כאָלעם... אוי, מיַינע כאַלוימעס, מיַינע כאַלוימעס...”

אין יענער צייַט, באַדאַרף מען ניט פאַרגעסן, האָט נאָך געהערשט אין דער קריטיק דער מעטאָד פון ווולגאַרן סאָציִאָלאָגיזם. מיט אונדז האָט מען געקנעלט, אַז מיר האָבן ווייניק אַרויסגעטריבן פון שאָלעם־אַלייכעמען דעם קליינבירגער. דערצו זיַינען נאָך צוגעקומען טישלערס איַינגעבויגענע שטיבעלעך, מילנערס לירישעלעגישע מוזיק, און מע האָט איבניינוועגס אונדז, אַקטיאָרן, אויך באַשולדיקט אין פאָרמאַליזם.

די קריטיקער אַרן גורשטיין, אויזער האָלדעס און אירמע דרוקער האָבן אין דער פּרעסע געגעבן אַ געהעריקן ווידערשטאַנד די פאַרשייַדענע לינקאַטשישע אויסטיַיטשער. זיי האָבן אין אויספירלעכע רעצענזיעס און אַרויסטרעטונגען אונטערגעשטראָכן, אַז דער טעאַטער האָט גראָד ?וט געטאָן, וואָס ער האָט ניט אויסגעבעסערט און ניט אַרומגעשניטן שאָלעם־אַלייכעמען, שפּילנדיק אים און ניט לויט אים, ניט באַמיִענדיק זיך אויסצולייענען פון דער פּיעסע אַזוינס, וואָס לאָזט זיך ניט אויסלייענען.

פון „גאָלדגרעבער” — צו „200.000”, פון לייווי מאַזגאָוואַיער — צו שימעלע סאָראָקער. די צוויי געשטאַלטן פאַרייניקט די טיַיווע צום אויצער, צום גרויסן געווינס, און עס שיידט זיי פאַנאַנדער דאָס, וואָס דער פאַרשווּנדענער כאָלעם, די פאַנאַנדערגערונענע אילוזיע איז באַ שימעלען אַן אויסניכטערונג, אַ פרייד פון זיך אומקערן צו אַמכאָ שער־און־איַיזן, און באַ לייווי מאַזגאָוואַיערן איז עס אַן אומגליק. איך האָב ליב שימעלען. אין מיַין טעאַטער־לעבן איז אין פאַרשיידענע פּעריִאָדן מיר אויסגעקומען זיך ווידער און ווידער באַגעגענען מיט שימעלע סאָראָקער. און אַלע מאָל האָט זיך מיר איַינגעגעבן אויסצוגעפינען נייַע שטריכן אַף גוטמוטיק אויסלאַכן זיַין אַוועקגיין פון אַמכאָ און זיך פרייען מיט זיַין אומקערן זיך, מיטן ווידער ווערן שימעלע סאָראָקער. די ווולגאַרע סאָציִאָלאָגישע מעווינים האָבן אויך דאָ געקערט וועלטן. אָנשטאָט באַנעמען און אופנעמען שאָלעם־אַלייכעמען, דעם גרויסן פאָלקס־שריַיבער, וואָס איז שטענדיק געווען אַף דער זיַיט פונעם פאָלק, האָבן זיי אונדז אויסגעוואָרפן, אַז שאָלעם־אַלייכעם איז „געגעבן אַזוי, ווי ער שטייט און גייט”. מע האָט געהאַט טיַינעס, האַלעמיַי מאָטל און קאָפּל פאַרליבן זיך אין ביילקען — אין דער טאָכטער פונעם „עקספּלואַטאַטאָר”, האַלעמיַי מאָטל און קאָפּל לעבן „בעשאָלעם מיט זייער באַלעבאָס”, און נאָך אַזעלכע אומגעלומפּערטע טיַינעס, אומגלייבלעכע אין אונדזער צייַט.

וואָס מער דער אָדעסער ייִדישער טעאַטער האָט געוווּנען דעם צוטרוי און די סימפּאַטיע פונעם צושויער, אַלץ שאַרפער האָט זיך געשטעלט די פראַגע פון אַ קינסטלערישן אָנפירער. דער וויַיטערדיקער אַנטוויקלונגס־גאַנג האָט עס געפאָדערט. פאַרשיידענע רעזשיסערן באַ אַן איינהייַטלעכער קינסטלערישער אָנפירונג איז אַ בראָכע, וויַיל ווי געראָטן דער אָדער יענער ספּעקטאַקל זאָל ניט זיַין, איז נייטיק אַ קינסטלערישע אָנפירונג, אָן איר וועט עס פירן צו עקלעקטיק, צו אַ געמיש פון פאַרשיידענע ווידערשפּרעכלעכע סטילן און מעטאָדן. דער זיוועג פון אַ טעאַטער מיט זיַין קינסטלערישן אָנפירער איז נאָר דאַן אַ גליקלעכער, ווען דער קינסטלערישער אָנפירער דערלערנט די מעגלעכקיַיטן פונעם קאָלעקטיוו און פון זיַינע באַזונדערע אַקטיאָרן און ווען יעדער אַקטיאָר איז זיכער, אַז דער וועג, אַף וועלכן עס פירט אים דער קינסטלערישער אָנפירער, איז דער ריכטיקסטער.

גליקלעך איז געווען דער זיוועג פונעם אָדעסער טעאַטער מיט זיַין קינסטלערישן אָנפירער עפראַיִם לויטער, וועלכער איז געקומען צו אונדז שוין רייַף ווי אַ קינסטלער, האָבנדיק הינטער די פּלייצעס אַ היפּשן וועג, אַ רייַכע רעזשיסעריש־פּעדאַגאָגישע און ליטעראַרישע ביִאָגראַפיע. נאָך אין 1910 זיַינען אין דער ווילנער ייִדישער פּרעסע געווען געדרוקט זיַינע פאַרצייכענונגען און רעצענזיעס וועגן ספּעקטאַקלען, אין וועלכע ס׳איז שוין געווען צו זען דעם קומענדיקן טעאַטער־טעאָרעטיקער, רעזשיסער און פּעדאַגאָג. עפראַיִם לויטער האָט אין זיַינע רעצענזיעס און אַרטיקלען פאָרמולירט זיַין קרעדאָ, זיַין טעאַטער־פּראָגראַם. פריִער פון אַלץ — רעאַליזם, דער פּראָבלעמאַטיש־פּאַראַלגעמיינערטער רעאַליזם, וואָס האַלט טיף זיַינע וואָרצלען אינעם הייַנט און שפּרייט זיַינע צווייַגן ביז צום מאָרגן.

דער געפערלעכסטער סוינע פון אַזאַ רעאַליזם איז דער נאַטוראַליזם. אַ רעאַליסט קעמפט קעגן יעדן מין פאָרמאַליזם, קעגן קוליסנרייַסער און קונצנמאַכער. לויטער דערוויַיזט, אַז דאָרט, ווו ס׳איז דאָ ביטל צום וואָרט, איז קיינמאָל ניט געווען און ס׳וועט קיינמאָל ניט זיַין קיין עכטע טעאַטראַלע קונסט. דאָס וואָרט באַדאַרף אַרויסגעבראַכט ווערן מיט אַלע זיַינע אונטערטעקסטן, אַנדערש איז דער טעקסט קיין טעקסט ניט און דאָס וואָרט איז ניט מער ווי אַ פּוסטער קלאַנג.

נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע קומט עפראַיִם לויטער קיין קיִעוו און שטעלט דאָרט אין ייִדישן טעאַטער פּערעץ הירשביינס „פּוסטע

קרעטשמע״ און שאָלעם־אַלייכעמס „דאָס גרויסע געווינס״. ער איז אין קיִעוו איינער פון די גרינדער און אָנפירער פון דער טעאַטער־סטודיע „קולטור־ליגע״. סאָף 1921 פאָרט איבער די „קולטור־ליגע״, בעראָש מיט עפראַיִם לויטערן, קיין מאָסקווע. די אַטמאָספער פון דער רײַכער

עפראַיִם לויטער

טעאַטראַלער מאָסקווע, די הילף פונעם גרויסן טעאַטער־נאָוואַטאָר וואַכטאַנגאָוו האָבן געשאַפן היפּשע מעגלעכקײַטן פאַר דער סטודיע. די אָנגעזאַמלטע טעאַטער־אַשירעס האָט לויטער ניט פאַרוואַנדלט אין טויטן קאַפּיטאַל. שוין בא זײַנע ערשטע טריט איז ער געווען פּילבאַר און אופמערקזאַם ניט בלויז צו דער הײַנטצײַטיקײַט, נאָר אויך צו דער קלאַסיק און אפילע צו דער פאָרקלאַסיק. ער באַאַרבעט אַקסענפעלדס פּיעסן „די גענאַרטע וועלט״ און „קאַפּצן־אוישער־שפּיל״ און פירט זיי אוף מיט דערפאָלג ניט בלויז אין דער „קולטור־ליגע״, נאָר אויך אין באַקוער ייִדישן מעלוכע־טעאַטער. אַזעלכע און ענלעכע אינסצענירונגען פון דער פאָרקלאַסיק האָט ער פאָרגעזעצט אויך אין די ווײַטערדיקע יאָרן. ער האָט, אויסער דעם, געשטרעבט אַרופצוברענגען דעם טיפּאַזש פון פאַרשיידענע רוסישע און מײַרעוו־אײראָפּעיִשע פּיעסן אף דער ייִדישער בינע, און דאָס האָט אים געגעבן די מעגלעכקײַט צו אַרבעטן אײנצײַטיק אין אַנדערע נאַציאָנאַלע טעאַטערן: רוסישן, אוקראַיִנישן, אוזבעקישן. אין די יאָרן 1924 — 1925 האָט ער אין באַקוער רוסישן טעאַטער געשטעלט זעקס פּיעסן פון רוסישע, מײַרעוו־אײראָפּעיִשע און ייִדישע דראַמאַטורגן. דערבײַ דאַרף מען באַמערקן, אַז שאָלעם אַשס „גאָט פון נעקאָמע״, וואָס איז געגאַנגען מיט גרויס דערפאָלג אין באַקוער רוסישן טעאַטער, האָט ער אַליין איבערגעזעצט פון ייִדיש אין רוסיש און זי אופגעפירט.

א נײַ וויכטיק שפּעריש בלעטל אין עפראַיִמ לויטערס ביִאָגראַפיע איז געווען דער כאַרקאָווער ייִדישער מעלוכע־טעאַטער. „פּורים־שפּיל״ (דעקאַבער 1925) איז געווען דער אָנהייב, דער ערשטער ספּעקטאַקל פון אָט דעם טאַלאַנטפולן קאָלעקטיוו. די פאָרשטעלונג האָט באַקומען א הויכע אָפּשאַצונג. לויטער איז געלויבט געוואָרן אַלס דראַמאַטורג, וואָס האָט אָפּגעקליבן דאָס בעסטע אין דער פאָלקלאָרישער יערושע, דאָס אינטערעסאַנטסטע פון די פּורים־שפּיל־וואַריִאַנטן. ניט ווייניקער איז ער געלויבט געוואָרן אַלס רעזשיסער, וועמען ס׳האָט זיך אײַנגעגעבן שאַפן א שאַרפזיניקן פאָלקסטימלעכן ספּעקטאַקל.

פונעם 1935 און ביזן אויסברוך פון דער פאָטערלענדישער מילכאָמע איז לויטער געווען דער קינסטלערישער אָנפירער און רעזשיסער פון א ריי זייער וויכטיקע ספּעקטאַקלען אין אָדעסער ייִדישן מעלוכע־טעאַטער. דאָס זײַנען געווען די סאַמע בעסטע יאָרן פון אונדזער טעאַטער.

עפראַיִם לויטער האָט ארײַנגעטראָגן אין אונדזער קאָלעקטיוו דאָס סטודישע, און דאָס איז געווען ביז גאָר וויכטיק, ווײַל די מערהײַט אַקטיאָרן זײַנען ניט דורכגעגאַנגען קיין שום טעאַטראַלע שול. צו דער לערן־אַרבעט זײַנען צוגעצויגן געוואָרן שרײַבער, היסטאָריקער, טעאַטער־פאָרשער. יעדער איינער האָט געפירט זײַן באַזונדערן קורס. דער שרײַבער אירמע דרוקער האָט געלייענט די געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראַטור און פון ייִדישן טעאַטער. פאַרן שטעלן דעם אָדער יענעם ספּעקטאַקל פלעגט ער גענוי דערציילן וועגן דעם מעכאַבער פון דער פּיעסע, שילדערן די צײַט, די היסטאָרישע פּראָבלעמען, כאַראַקטעריזירן יעדן פּערסאָנאַזש באַזונדער. אויך דער דיכטער אײַזיק הובערמאַן האָט זיך שפּעריש פאַרבונדן מיט אונדזער טעאַטער־קאָלעקטיוו. ער איז, אַגעוו, געווען דער באַשטענדיקער איבערזעצער פון אוקראַיִנישע, רוסישע און מײַרעוו־אײראָפּעיִשע פּיעסן. אינגיכן האָבן זיך באַוויזן אויך זײַנע אייגענע דראַמאַטישע ווערק.

ארום די הויפּט־געשטאַלטן פון זײַן ערשטער קאָמעדיע „דאָס מיידל פון מאָסקווע״ — ארום דעם זיידן אַרן־שמועל דעם גלעזער און דעם אייניקל רינע, דעם דאָקטער פון מאָסקווע — זאַמלען זיך צונויף פאַרשיידענע קאָמישע סיטואַציעס: פון איין זײַט, דאָס מיידל פון מאָסקווע, וואָס איז דורכויס דער נײַער מענטש פון אונדזער צײַט, און פון דער צווייטער זײַט, דער קאַפּריזער פאַראַקשנטער אַרן־שמועל, וועלכער קאָן זיך ניט אָפּזאָגן פון א סאַך געוווינהײַטן און טראַדיציעס. ער קאָן זיך ניט צעשיידן מיט זײַן ערדיש שטיבל, וואָס ער האָט מיט זײַנע אייגענע הענט אויסגעבויט. ער לאָזט ניט אַראָפּטראָגן עס אפילע צוליב דעם, מע זאָל אויסבויען אף דעם אָרט א קינדערשע סאַנאַטאָריע.

די קריטיק האָט באַגריסט דעם ערשטן „אַרויספאָר״ פון אײַזיק הובערמאַן אין דער דראַמאַטורגיע. אין זײַן צווייטער פּיעסע — „א גאַסט פון יענער־וועלט״ — האָט הובערמאַן גע־

מאַכט אַ היפּשן טראָט פאָרויס אַלס קאָמעדיאָגראַף. דאָס הויפּט־געשטאַלט, אָשער, וועלכער איז אין די יאָרן פונעם פּוילישן אָנפאַל אַף דעם יונגן ראַטנלאַנד מיט גוואַלד פאַרטריבן געוואָרן קיין פּוילן און איז דאָרט אָפּגעווען צוואַנציק יאָר, קערט זיך אום אַהיים, אין זײַן שטעטל, אַף זײַן ערד. די צוואַנציק יאָר פון זײַן אין יענער וועלט גיט אים ניט די מעגלעכקייט מיטאַמאָל אויפכאַפּן און באַנעמען וואָס עס קומט פאָר דאָ, אַף דער וועלט — אין סאָציאַליסטישן לאַנד. ער איז פול מיט פראַגן, מיט היספּײַלעס, מיט ניט גלייבן די אייגענע אויגן. דאָס קאָמישע פון ניט פאַרשטיין אַלץ, וואָס קומט פאָר, דערגייט מאָמענטנווײַז צו דראַמאַטישקײַט און אַפּילע צו טראַגישקײַט. עס טוט וויי פאַר אָשערן, וואָס קאָן זיך בעשום־אויפן ניט פאָרשטעלן, וויאַזוי אַ מענטש קאָן זײַן פרײַ, וויאַזוי אַ מענטש קאָן זײַן גליקלעך. אין דער שטעלונג פון „אַ גאַסט פון יענער־וועלט" האָט זיך באַטייליקט דער טאַלאַנטפולער רעזשיסער ליאָסיע מייערסאָן, וועמען לויטער האָט אַנטדעקט גופא צווישן די אַקטיאָרן פונעם טעאַטער. מייערסאָן האָט באַוויזן, אַז ער פאַרמאָגט אַ כוש און אַ פאַרשטאַנד ניט בלויז פאַרן קאָמישן אַף דער בינע, נאָר אויך פאַר פּסיכאָלאָגישע דראַמאַטישע מאָמענטן. שפּעטער זעצט ער פאָר מיט דערפאָלג צו שטעלן אין אונדזער טעאַטער פאַרשיידענע פּיעסן, אַזעלכע, ווי שאָלעם־אַלייכעמס „סענדער בלאַנק" און ליפּע רעזניקס „אין יענע טעג". אין די ווײַטערדיקע יאָרן איז ער געווען רעזשיסער פון אַ ריי רוסישע טעאַטערן, ווו ער ווערט שטאַרק געליבט מיצאַד דער פּרעסע און באַקומט דעם טיטל פאַרדינסט־פולער אַרטיסט פון דער רוסישער פעדעראַציע. דעקאָרירט „דאָס מיידל פון מאָסקווע" און „אַ גאַסט פון יענער־וועלט" האָט דער טאַלאַנטפולער טעאַטער־קינסטלער לייב פּײַלענבאָגן. ווי אַלעמאָל, האָט זײַן אויספאָרמירונג זיך ענג צונויפגעגאָסן מיטן אַלגעמיינעם קאָלאָריט פונעם ספּעקטאַקל און מיטגעהאָלפן שאַפן אַ נייטיקן פאָן פאַר די פאַרשיידענע סיטואַציעס און האַנדלונגען.

אַ באַזונדער דערפאָלג אינעם ספּעקטאַקל „אַ גאַסט פון יענער־וועלט" האָט געהאַט די טאַלאַנטפולע אַרטיסטקע סאָניע יאָפע (אין דער ראָל פון אָשערס טאָכטער מאַליע), וועלכע האָט אַרויסגעבראַכט מיט פּאָעטישער קראַפט איר ליבע צום פּראָפעסאָרס זון גריגאָרי, דעם רויט־אַרמייִשן קאָמאַנדיר. וואָס איז שײַעך מיר, איז אָשער, דאָס הויפּט־געשטאַלט פון דער פּיעסע, געווען מיר שטאַרק צום האַרצן. איך האָב אַרײַנגעלייגט אַ סאַך פלײַס אַף צו אויסגעפינען פאַר אָשערן דעם איבערגעשראָקענעם גאַנג, דאָס זיך אַרומקוקן אַף אַלע זײַטן צו אַלץ, וואָס עס קומט פאָר, די פרעגנדיקע ווינקען, ציטערנדיקע, ניט־זיכערע באַוועגונגען. אין די סאַמע קאָמישסטע מאָמענטן האָט זיך מיר אײַנגעגעבן צו פאַרהיטן און אײַנהאַלטן דעם געלעכטער פונעם צושויער־זאַל, צו וועקן מיטגעפיל, באַדיערונג און אַפּילע אַרויסרופן אַ טרער.

צו די פרײַנט און מיטשעפער פון אונדזער טעאַטער האָבן געהערט די שרײַבער נאָטע לוריע און זאַלמען שניייער (אָקון). נאָטע לוריע האָט ספּעציעל פאַר אונדזער טעאַטער אינסצענירט זײַן ראָמאַן „דער סטעפּ רופט" אונטערן נאָמען „עלקע רודנער". אין דער פּיעסע האָב איך געשפּילט דעם אַגראָנאָם סיניאַקאָוו.

נאָטע לוריע האָט אינסצענירט אויך גאָרקיס ראָמאַן „די מוטער" און צוזאַמען מיט אירמע דרוקערן איבערגעזעצט פון רוסיש ליובאַשעווסקיס פּיעסע „יאַקאָוו סווערדלאָוו".

אַ סאַך געהאָלפן אונדזער טעאַטער האָט זאַלמען שניייער (אָקון), וועלכער האָט באַאַרבעט גאָלדפאַדענס „די קישעפמאַכערן" און געגרייט פאַר אונדז אַ פאָלקלאָר־פּיעסע. מיר האָבן געשטעלט מוישע קולבאַקס „בויטרע", שמועל האַלקינס „שולאַמיס", ליפּע רעזניקס „אין יענע טעג", די אינסצענירונג פון אַקסענפעלדס „דער יידישער רעקרוט", ייִצחאָק־לייבוש פּערעצעס „שוועסטער". אַ גרויסן דערפאָלג האָט געהאַט פּערעץ מאַרקישעס „מישפּאָכע אָוואַדיס". איך האָב געשפּילט דעם פליטנטרײַבער זײַוול אָוואַדיס. פּונקט ווי טעוויע דער מילכיקער, האָט זײַוול ליב זײַן „באַטקאָוושטשינע". נאָר אויב טעוויע קומט נאָך אין געוויסע קאָנפליקטן מיט זײַנע טעכטער, מיט די נײַע האַסאָגעס, איז זײַוול אָוואַדיס אַ פעסטער, שטאָלצער סאָוועטישער ייִד. ווען עס קומט אום זײַן עלטערער זון באַם באַוואַכן די סאָוועטישע גרענעצן, באַגלייט ער מיט אַ באַזונדערן שטאָלץ זײַן צווייטן זון, ער זאָל פאַרנעמען דעם ברודערס אָרט באַ די גרענעצן, און, ווען עס וואָלט נייטיק געווען, וואָלט זײַוול אַף קיין רעגע זיך ניט פאַרטראַכט און אָפּגעגעבן פאַרן היימלאַנד דאָס אייגענע לעבן.

די סוויווע און די אַטמאָספער, וואָס עפראַיִם לויטער האָט געשאַפן אין טעאַטער און אַרום אים, איז פאַר אונדז, אַקטיאָרן פונעם אַלטן ייִדישן טעאַטער, געווען אַ נײַס, ווײַל אין אַלטן טעאַטער האָבן מיר עס ניט געהאַט. אַ נײַס איז אויך פאַר אונדז געווען די אַרבעט באַם טיש. דער אַלטער ייִדישער אַקטיאָר האָט קיינמאָל קיין צײַט ניט געהאַט: יעדן טאָג האָבן מיר באַדאַרפט שפּילן „אַן אַנדער פּיעסע", דה. אַפּסנײַ שפּילן די ראָל, ניט וויסנדיק סטאַביל דעם טעקסט. אונדזער רעטער איז געווען דער סופליאָר, בלויז אַף אים האָבן מיר זיך פאַרלאָזט. מיר האָבן געוווּסט, אַז לאַנג זיך פאַרהאַלטן אַף דעם ספּעקטאַקל וועט ניט אויסקומען, מע וועט ניט באַווײַזן זיך אַרומקוקן, און מע וועט שוין שפּילן אַ נײַע פּיעסע.

לויטער פלעגט זיצן באַם טיש, אין פאָיע פונעם טעאַטער, ווײַט פון דער בינע, אויג־אַף־אויג מיט די אַקטיאָרן — אָנטיילנעמער פונעם ספּעקטאַקל און אויך ניט אָנטיילנעמער — און שמועסן. ווען ער פלעגט „פּראַווען דעם טיש", פלעגט ער אַרויסווײַזן זײַן טעאַטראַלע טעאָרעטישע באַהאַוונטקײַט, זײַן רײַכע שעפערישע פּראַקטיק און טיפן פּעדאַגאָגישן טאַלאַנט. נאָך לויטערס אַנאַליז פונעם דראַמאַטישן ווערק,

ב. שווארצער אין דער ראָל פון קאפּיטאן בערסעניעוו אין לאורעניאָווס פּיעסע „ראזלאָם".

נאָכן אופדעקן די הויפּט־אידיי און די הויפּט־קאוואָנע פונעם שרײַבער, נאָכן כאראקטעריזירן יעדעס געשטאלט באזונדער און אלץ, וואָס עס ליגט פארבאָרגן אין אונטערטעקסט, פלעגט שוין יעדער אקטיאָר קומען צו זײַן געשטאלט, ווי צו א לאנג באקאנטן מענטשן, וועלכן ער ווייסט אף דורך און דורך מיט אלע זײַנע גענג און אונטערגענג, מיט אלע זײַנע מײַלעס און כעסרוינעס. דער וועג פונעם „טיש" צו דער בינע איז שטענדיק געווען דער ריכטיקסטער און זיכערסטער וועג, וועלכער האָט געפירט צו נײַע שעפערישע דערפאָלגן.

לאָפּע־דע־וועגאס „שעפסנקוואל" איז געווען דער ערשטער ספּעקטאקל, וועלכן עפראיִם לויטער האָט געשטעלט אין אָדעסער ייִדישן מעלוכע־טעאטער. דאָס איז געווען א סאָציִאל אָנגעלאָדענער און פארביק אופבראוזנדיקער ספּעקטאקל, וועלכער האָט אנטהאלטן א שלאל מיט אייגנארטיקע מיזאנסצענעס, ענג געבונדענע און געקניפּטע צווישן זיך, א ריי סקולפּטורישע בילדער, וואָס האָבן מיטגעהאָלפן איבערצוגעבן די צײַט, דעם אָנוווקס פון צאר און צאָרן, וואָס האָט אומפארמײַדלעך געפירט צום אופשטאנד. די עסטעבאן־געשטאלט איז באוויזן געוואָרן אלס אָנגעלאָדענע מיט פאָלקס־כאָכמע פון דוירעס, וועלכע טראָגט אין זיך יענע רו, וואָס קאָן צו יעדער מינוט אופרײַסן. די ראָל האָט געשפּילט מ. זאלצמאן. יויסעף בראנדעסקאָ האָט דעם צאר פונעם אונטערדריקטן אלטן פּויער איבערגעגעבן דורך א ווארעמער און ווייטעקדיק־לירישער אינטאָנאציִע און דורך א ניגן, מיט וועלכן ער האָט זיך די גאנצע צײַט פון דער שפּיל ניט צעשיידט. לאורענסיע (לייע בוגאָווע) איז אנטפּלעקט געוואָרן ווי דער געוויסן, דער ווײַ־אויסגעשריי פונעם פאָלק, יעדע באוועגונג אירע, יעדער קער און ווענד האָט גערופן צום אופשטאנד, געפּלאטערט מיט אומגעצוימטן טעמפּעראמענט.

די קריטיק האָט אײַנשטימיק אָפּגעשאצט דעם ספּעקטאקל ווי א ניצאָכן פונעם טעאטער.

אין אונדזער רעפּערטואר זײַנען געווען פּיעסן פון קלאסישע און סאָוועטישע רוסישע, אוקראַיִנישע, ווײַסרוסישע שרײַבער און אויך פון מײַרעוו־אייראָפּעיִשע (ווישניעווסקיס „אָפּטימיסטישע טראגעדיע", שקווארקינס „דאָס פרעמדע קינד", גוסיעווס „רום", קראפּיוואס „ווער עס לאכט דער לעצטער", גאָרקיס „מוטער", אָסטראָווסקיס „אָן שולד שולדיקע", קראפּיווניצקיס „די שפּין און די פליג", פלאָבערס „מאדאם באָווארי", לאורעניאָווס „ראזלאָם" אא.).

■

גליקלעכע, שעפערישע יאָרן! ניט געווען דער טאָג, איך זאָל ניט זוכן א וועג אף ארײַנצודרינגען אין דער וועלט פון א נײַ־געשאפענעם געשטאלט. ניט געווען דער אפדערנאכט, איך זאָל ניט באגעגענען זיך אויג־אף־אויג מיטן צושויער. וואָס רײַכער עס זײַנען די געשאפענע געשטאלטן פונעם אקטיאָר, אלץ שטארקער איז דער דראנג נאָך נײַע אנטדעקונגען, אלץ לײַכטער איז באהערשן נײַע און נײַע ראָלן.

אין יעדן געשטאלט דערזאָגט דער קינסטלער דאָס ניט־דערזאָגטע אינעם פאָריקן געשטאלט. וואָס גרעסער עס פלעגט ווערן דאָס „געזינדל" מײַנס, אלץ מער האָב איך ליב באקומען יעדן איינעם באזונדער פון מײַנע „מענטשן", ווײַל אין יעדן געשטאלט ליגן א סאך שלאָפלאָזע נעכט און אומרויִקע טעג. עס וועט ניט זײַן קיין גוזמע, ווען איך וועל זאָגן, אז איך האָב ליב אויך מײַנע נעגאטיווע געשטאלטן. איך האָב זיי ליב, ווײַל איך האָב זיי שטארק פּײַנט אף דער בינע און כ'האָב געצווונגען דעם צושויער, ער זאָל זיי אויך פּײַנט באקומען.

אין דער פּיעסע „מאדאם באָווארי" האָב איך געשפּילט עמעס מאן שארל באָווארי. איך האָב זיך באמיט אופדעקן די קליינבירגערלעכע טעמפּע באגרענעצטקײַט פון אָט דעם קליינעם מענטשעלע. מיט דעם האָב איך אָפּגעגעבן דאָס גערעכט דער ראָמאנטישער עמען, וועלכע האָט געטרוימט וועגן א שיין־דערהויבענער ליבע און וועגן א שיין־דערהויבענעם לעבן.

אין דער אינטערעסאנטער אוקראַיִנישער פּיעסע „די שפּין און די פליג" האָב איך געשאפן דאָס געשטאלט פון יאָסיפּ ביטשאָק, וועלכער טראָגט אף זיך א מאסקע קימאט פון א הייליקן. ער רעדט מיט א בוימלדיקער שטים, מיט זיסע ריידעלעך, מאכט כיינדעלעך, זײַנע אויגן זײַנען שטענדיק געווענדט צו גאָט. איך האָב אראָפּגעריסן פון ביטשאָקן אלע מאסקעס און באוויזן דעם צווויאקישן טאָך פון זײַן נעשאָמע, זײַן געלטגײַציקײַט, וואָס ווייסט ניט פון קיין גרענעץ.



א סצענע פון אײַזיק הובערמאַנס פּיעסע „דאָס מיידל פון מאָסקווע" (רעזשי פון ע. לויטער, 1936). דער צווייטער פון לינקס — בינימין שווארצער.

די פּאָזיטיווע געשטאַלטן האָבן בא מיר א שײַכעס איינער צום צווייטן, און זיי רופן זיך איבער. נעמט, לעמאָשל, האָצמאַכן אין גאָלדפאדענס „די קישעפמאכערן" און טריסטאַן אין לאָפּע־דע־וועגאַס „דעם גערטנערס הונט", וועלכער איז פול מיט לעבנסלוסט און מיט בײַסיקן שפּאָט צו די סיניאָרן. זיי רופן זיך איבער, ווײַל איך האָב האָצמאַכן ניט טראַקטירט ווי אַמאָל אין אַלטן ייִדישן טעאַטער, איך האָב אים באַוויזן מיט דעם טריסטאַנישן אימפּעט, פול מיט קלוגער דערפינדערישקײַט און קינדערשער אומיטלבאַרקײַט, פול מיט סינע צום נאָגיד און באַלעבאָס. איינצײַטיק האָב איך דעם באָדנלאָזן האָצמאַכן געוויזן ווי דעם פאָרגייער פון מענאַכעם־מענדלען, און דאָס האָט אים געמאַכט עכטער, ארויסגערופן מיטגעפיל צו אים.

אויך מײַנע דרײַ אַקטיאָרן־געשטאַלטן: מעדוועדיעוו אין גוסיעווס „רום", שמאַגע אין אָסטראָווסקיס „אָן שולד שולדיקע" און האָצמאַך אין שאָלעם־אַלייכעמס „בלאָנדזנדע שטערן" האָבן אין זיך געווייסע באַריר־פּונקטן, באַזונדערס אין זייער ליבע צו קונסט, צום טעאַטער. זייערע וועגן זײַנען אָבער פאַרשיידן. פאַר מעדוועדיעוון זײַנען אין די סאָציאַליסטישע באַדינגונגען אַלע וועגן אָפן אף צו פאַרווירקלעכן זײַנע אַקטיאָרישע טרוימען — ווערן א לויכטנדיקער שטערן; פאַר שמאַגען און האָצמאַכן איז דער איינציקער וועג — אויסוועגלאָזיקײַט, זיי ווערן פאַרוואַנדלט אין בלאָנדזנדע שטערן און לעשן זיך גיך אויס. די קריטיק האָט באַמערקט, אַז אין די דרײַ אַקטיאָרן־געשטאַלטן האָב איך געשפּילט זיך אַליין, מײַן שווער־דורכגעאַנגענעם וועג, מײַנע ליידן און פּײַנען און מײַן מעדוועדישע אופגעריכטקײַט אין די יאָרן פון דער רעוואָליוציע. עס איז אונטערגעשטראָכן געוואָרן, אַז דורך די אַקטיאָרן־געשטאַלטן האָט זיך מיר אויך אײַנגעגעבן אויסדריקן מײַן טיפע ליבע צו קונסט, מײַן אוועקגעבן די בעסטע יאָרן פאַר איר.

מיר איז באַשערט געווען צו שאַפן געשטאַלטן פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן: רוסן, אוקראַיִנער, דײַטשן, פראַנצויזן, איטאַליענער. באַם אופדעקן דאָס אַלגעמיין־מענטשלעכע אין יעדן איינעם פון זיי האָב איך זיך געסטאַרעט איינצײַטיק ארויסברענגען דאָס נאַציאָנאַלע — דורך די כאַראַקטעריסטישע אינטאָנאַציעס, דורך דער מעלאָדיק פון דער שפּראַך, ווי אויך מיט איבערגעבן די אייגנטימלעכע נאַציאָנאַלע מימיק. די פאַרשיידן־נאַציאָנאַלע פאַרשוינען האָבן מיר

א סצענע פון שאָלעם־אַלייכעמס „סענדער בלאַנק" (רעזשי — ל. מייערסאָן). אין צענטער — ב. שוואַרצער אין דער הויפּט־ראָל.

ניט געשטערט באם שאפן די ייִדישע געשטאלטן, פארקערט, זיי האָבן מיר מיטגעהאָלפן פארברייטערן זיי און פארטיפערן.

צו טעוויע דעם מילכיקן בין איך געקומען א באריַיכערטער מיט פיל געשאפענע ראָלן אין דער רוסישער, אוקראַיִנישער, מיַירעוו־אייראָפּעיִשער און ייִדישער דראמאטורגיע.

מיט גענִיאַלער מיַיסטערשאפט אנטפלעקט שאָלעם־אַלייכעם אין טעוויען ליכטיקן אָפּטימיזם, הומאַנישקיַיט, צערטלעכע פאָטערלעכקיַיט, ליבע צו דער נאטור, ערדישקיַיט און צוגעבונדנקיַיט צו זיַין „באטקאָווּשטשינע”. מיר דערוויסן זיך זייער פיל פון זיַין טיפער פאָלקס־כאָכמע, פון זיַינע טיַינעס קעגן די אומרעכטן פון דער וועלט און פון זיַין ריכטיק אויסטיַיטשן די סאָציִאַל־פארגריַיזטע פּסוקים.

פאר אָט דעם וווּנדערלעכן מאָנומענטאלן טעוויע־געשטאלט זיַינען ענג געוואָרן די ראמען פון א בוך. טעוויע ריַיסט זיך די גאנצע ציַיט אַף דער בינע, קעדיי זיך אנטפלעקן פארן פאָלק מיט דער גאנצער פראכט און גרייס. שאָלעם־אַלייכעם האלט אים אלזיַיטיק אונטער. אין א ריי בריוו צו שריַיבער און אקטיאָרן רעקאָמענדירט ער הייס דאָס דאָזיקע געשטאלט און לייגט פאָר, וויאַזוי צו וויַיזן עס אַף דער בינע:

„טעוויע דארף געוויזן ווערן אָן פּרעטענזיעס און אָן פּוסטע עפעקטן, אָן טרערן־קוועטשעניש און אָן לאכן־טריַיבעניש. טעוויע דארף ארויסרופן דעם געזונטן געלעכטער, דעם מיטפילנדיקן זיפץ, די ניט געצווונגענע, שטיל־פארבאָרגענע טרער” (א בריוו צום ארטיסט אדלער, 1914).

באם טראקטירן די ראָל פון טעוויען האָב איך אָנגעווענדט אלע מיַינע שעפערישע קוייכעס אַף צו אויספילן שאָלעם־אַלייכעמס אָנזאָג. איך האָב זיך געסטארעט אין יעדן שטייגערמאָמענט, דורך יעדן קאָנפליקט וויַיזן אין טעוויען די פארקערפערונג פונעם פאָלק.

עס עפנט זיך אוף דער פאָרהאנג. א העלער בלויער הימל, א ברייטער אוקראַיִנישער פּייזאזש. טעוויע פאָרט ארויס אַף זיַין וועגעלע, פארליבט אין הימל און ערד, אין זיַין גאָלדעסערצע און אין זיַינע שיינע, ליבע טעכטער. טעוויעס לעבנס־וועג איז אָבער ניט קיין גלאטער, קיין אידיליש־רויִקער. עס טרישטשעט דער וואָגן, עס פאלן די רעדער, און טעוויען באגעגענען פון אלע זיַיטן אומגליקן און בראָכן. טעוויען טוט וויי, טעוויע ראנגלט זיך און גיט זיך ניט אונטער, פארקערט, פון מאָל צו מאָל גייט ער דרייסטער און מוטיקער קעגן דעם שטורעם. יעדער ניַיער אומגליק לערנט אים אנדערש קוקן אַף דער וועלט, פארשארפט זיַינע פילאָסאָפישע פּראָבלעמאטישע אויספירן וועגן נאציִאָנאלער און קלאסן־צעטיילונג, וועגן די אומרעכטן פון דער סאָציִאלער אָרדענונג. יעדער ניַיער בראָך פארשטארקט אין אים זיַין איבערבראָך. טעוויע דעם פילאָסאָף האָב איך אין ערגעץ ניט אָפּגעטיילט פון טעוויע דעם האָרעפּאשניק, פון דעם ערדישן פאָלקסטימלעכן מענטשן מיט זיַין כאָכמע און הומאָר, מיט זיַין לירישקיַיט, ווארעמקיַיט און צארטקיַיט.

טעוויע דער געטריַיער און איבערגעגעבענער פאָטער איז בא מיר אין ערגעץ ניט אָפּגעטיילט געוועזן פון טעוויע דעם ייִדן, וועלכער פילט אַף זיך די צארישע ביַיטש פון לעך־לעכאָ, פונקט ווי דער נאציִאָנאלער טעוויע איז אין ערגעץ ניט געוועזן בא מיר אָפּגעזונדערט פון דעם סאָציִאלן.

אַף מיַין גורל איז אויסגעפאלן צו זיַין דער ערשטער און איינציקער צווישן די ייִדישע אקטיאָרן, וואָס האָט פארקערפּערט אַף דער ייִדישער בינע דאָס לעניִן־געשטאלט אין ליובאשעווסקיס פּיעסע „יאקאָוו סווערדלאָוו” (רעזשיסער — לויטער). דאָס איז געוועזן פאר מיר א גרויסער קאָוועד און א גרויס גליק. איך האָב געדארפט שאפן דאָס לעניִן־געשטאלט ניט אינעם אויסערלעכן פּאָרטרעט, נאָר אין אופדעקן די געוויִנישע טיף פון דעם גרויסן דענקער, פירער, שעפער פון דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע, וויַיזן דעם מענטשלעכסטן מענטשן אַף דער וועלט, וועמענס וואָרט ס'איז שטענדיק פּראָסט, קלאָר, זיכער און איבערציַיגעוודיק. איך האָב א סאך געהאָרעוועט אַף אָט דער ביז גאָר פאראנטוואָרטלעכער ראָל. צום גליק, איז מיַין זוכן, מיַין שעפערישע מי ניט געגאנגען לעיִבעד. ווי די קריטיק האָט אָפּגעמערקט, איז מיר געלונגען איבערצוגעבן די ראָמאנטישקיַיט, די ליַידנשאפט און די אומדערהערטע ענערגיע פון דער לעניִן־נאטור.

איך האָב גערעדט אַף ייִדיש, נאָר מיַין ייִדיש איז געווען אזוי דורכגעדרונגען מיט די לעניִנישע אינטאָנאציעס, אז דעם צושויער האָט זיך געדוכט, אז ער הערט לעניִנען רעדן אַף רוסיש, אַף דער שפּראך, אין וועלכער ער האָט זיך אנטפלעקט אלס קלאסישער טריבון. דער ייִדישער צושויער האָט שטאָלצירט, וואָס לעניִן, סווערדלאָוו, מאקסים גאָרקי האָבן אַף דער ייִדישער בינע גערעדט אַף ייִדיש אזוי נאטירלעך ווי אַף רוסיש און ווי אַף די אנדערע נאציִאָנאלע שפּראכן פון אונדזער סאָוועטיש היימלאנד.

■

צווישן די פארשיידענע עקזאמענעס, וואָס דער אָדעסער ייִדישער מעלוכע־טעאטער האָט אויסגעהאלטן אין מעשעך פון זיבן יאָר, איז דער וויכטיקסטער עקזאמען געוועזן — די גאסטראָלן אין לענינגראד אין 1937.

דער אקטיאָר פונעם אלטן ייִדישן טעאטער האָט זיַין גאנץ לעבן ניט אופגעהערט צו גאסטראָלירן. אלע מאָנטיק און דאָנערשטיק איז אים אויסגעקומען צו שפּילן אין אן אנדער שטעטל, אָבער ס'איז אים דאן אין זינען ניט געקומען, אז ער קאָן שפּילן אין צארישן פּעטערבורג. און אָט איז אונדזער טעאטער, וועלכער איז באשטאנען פון דער מערהיַיט אקטיאָרן פון אלטן ייִדישן טעאטער, געקומען אַף גאסטראָלן קיין לענינגראד!

דער דערפאָלג אין לענינגראַד איז געווען אַן אומגעהייער גרויסער — פינף וואָכן פון דורכויסיקע אנשלאגן, פון פריידיקע באגעגענישן מיטן לענינגראַדער צושויער. פאַר די פינף וואָכן אין לענינגראַד האָבן מיר געגעבן 32 פאָרשטעלונגען. מיר האָבן געשפּילט „שעפּסנקוואל", „סטעמפּעניוס ליבע", „טעוויע דעם מילכיקן", „בויטרע", „די שפּין און די פליג", „מירעלע עפראָס".

א ביז גאָר אינטערעסאנטן שעפערישן געשפּרעך האָבן מיר געהאַט אַף דער באגעגעניש פון די אָנפירנדיקע ארטיסטן פון אונדזער טעאַטער מיט דער באַוווסטער פאָלקס־ארטיסטקע קאָרטשאגינא־אלעקסאנדראָווסקאיא בא איר אין דער היים.

קאָרטשאגינא־אלעקסאנדראָווסקאיא האָט זיך געטיילט מיט אירע געדאנקען וועגן שעפערישן מעטאָד, וועגן די אופגאבן פונעם סאָוועטישן טעאַטער און וועגן דעם, ווי וויכטיק און אומבאדינגט נייטיק ס'איז פאַר יעדן נאַציאָנאַלן טעאַטער איינצוהיטן זײַן נאַציאָנאַלע אייגנאַרטיקײַט.

און וועגן נאָך איינער זייער א וויכטיקער באגעגעניש. צוריקפאָרנדיק פון לענינגראַד קיין אָדעס, האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אַף א טאָג אין מאָסקווע און אין דער רעדאקציע פונעם „עמעס" זיך באגעגנט מיט די אָנגעזעענסטע מאָסקווער ייִדישע שרײַבער און אקטיאָרן, מיט די מיטארבעטער פון דער צײַטונג. נאָכן באַריכט פון אונדזער קינסטלערישן אָנפירער עפראַיִם לויטער וועגן די דורכגעגאנגענע וועגן פונעם טעאַטער און וועגן אונדזער גאסטראָלרײַזע קיין לענינגראַד האָט זיך פאנאנדערגעוויקלט אַן אינטערעסאנטער מיינונגס־אויסטויש.

פערעץ מארקיש האָט גערעדט וועגן דעם, אַז דער טעאַטער טרעט אויס זײַן אייגענעם וועג און שאַפט זײַן אייגנארטיק שעפעריש פּאָנעם. עס איז נייטיק אָפּגעבן אים דעם כיווד פון די ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער, שאפן דעם נייטיקן אקטועלן הײַנטצײַטיקן רעפּערטואַר.

שלוימע מיכאָעלס האָט לײַדנשאַפטלעך גערעדט וועגן גוירל פונעם אקטיאָר אינעם אלטן ייִדישן טעאַטער. אין אָדעסער ייִדישן מעלוכעטעאַטער, האָט ער אונטערגעשטראָכן, איז פאָרגעקומען דאָס צונויפזאמלען א ריי באגאבטע אקטיאָרן פונעם אלטן ייִדישן טעאַטער. ניט אלע קינסטלער האָבן אין די שווערסטע צאַרישע באדינגונגען געקאָנט בײַקומען די אומגעהייערע שוועריקײַטן. א סאך זײַנען פארוואנדלט געוואָרן „אין בלאָנדזנדע שטערן" און זײַנען פאַר דער צײַט אויסגעלאָשן געוואָרן אין די וואָלקנדיקע קאלטע צארישע הימלען...

דער רעדאקטאָר פונעם „עמעס" מוישע ליטוואקאָוו האָט געשטעלט די פּראָבלעם פון יערושע. „אָן דער יערושע פון דויִרעס קאָנען מיר זיך ניט באגיין". אָבער יאַרשענען דאַרף מען דאָס בעסטע. יערושע אָן הײַנטצײַטיקײַט איז א טויטער קאפּיטאל, די הײַנטצײַטיקײַט איז נייטיק אפילע צוליב אופלעבן און באנעמען אַף א געהעריקן אויפן אונדזער יערושע.

■

עס האָט אויסגעבראָכן די פאָטערלענדישע מילכאָמע, און די זיבן זאטע יאָר פונעם אָדעסער ייִדישן טעאַטער זײַנען אכזאָריעסדיק איבערגעריסן געוואָרן. אין דער שווערער מילכאָמע־צײַט איז מײַן מוזע ניט אנשוויגן געוואָרן. עס האָט זיך אָנגעהויבן א נײַער פעריאָד אין מײַן שאפן, דער פעריאָד אין מאָסקווער ייִדישן מעלוכע־טעאַטער אונטער דער אָנפירונג פונעם פאָלקס־ארטיסט פון פססר שלוימע מיכאָעלס. דערנאָך זײַנען געקומען נײַע שעפערישע פעריאָדן, וועגן דעם אלץ וועט אויסקומען צו דערציילן אין מײַנע ווײַטערדיקע זיכרוינעס.

טעג און נעכט קאָנען זײַן לאנגע, אָבער יאָרן זײַנען שטענדיק קורץ. ערשט ניט לאנג איז אין מאָסקווע געפּײַערט געוואָרן מײַן צווייענדיקער יובילײַ — 80 יאָר פון מײַן געבוירן און 65 יאָר פון מײַן סצענישער טעטיקײַט, און איך האַלט נאָך ניט בא אָליינו.

ווי עס זאָגט מײַן סאמע באליבט געשטאלט — טעוויע, — זאָג איך אליין: קאָלזמאַן די נעשאָמע איז אין מיר, קאָלזמאַן עס לעבט אין מיר אַן אייוועֶר, איז פאַר ווײַטער, שווארצער. אַן אקטיאָר מעסט מען ניט לויט די יאָרן, נאָר לויט דעם, וואָס ער האָט אופגעטאָן אַף דער בינע. ניט די יאָרן זײַנע דאַרף מען ציילן, נאָר די ראָלן.

צי בין איך אלט? ניין! יאָרן מאכן ניט אלט. עס איז א צו גרויסער לוקסוס זיך פילן אלט פאַר דער צײַט. און ווען איז די צײַט צו פילן זיך אלט? קיין באשטימטע צײַט איז ניטאָ. ס'איז אַן אינדיווידועלער איניען. פאַראַן אזעלכע, וואָס ווערן אלט געבוירן, אנדערע פאַרמאָגן א צווייטע און א דריטע יוגנט.

און איך האַלט, אַז ס'איז א ביסל שווערלעך איבערלעבן די ערשטע הונדערט יאָר. דערנאָך ווערט גרינג צו לעבן די שפּעטערדיקע צוואנציק יאָר.

מאַטל טאַלאַלײַעווסקי *

דער קוואַל פון גליק

גוטמאָרגן דיר, קיִעווער יאַם!

כ׳פאַרשפּאָר זיך שלעפּן צו דעם שוואַרצן יאַם,
און צו דעם באַלטישן, צו דעם אַזאָווער,
עס פּליעסקעט זיך אַ יאַם
אַ טונקל־בלאָווער,
דאָס וואַסער זײַנס, עס האָט דעם בעסטן טאַם!

ער האָט אַן אייגענע פּילגאָרנדיקע גאַנג
מיט שליוזן אַף צו דורכלאָזן דאָרט שיפן,
מיט פיש, וואָס מערן זיך אין זײַנע טיפן,
מיט ווײַסע מעוועס,
ווי געשען עס וואָלט אַ נעס,
און זיי פון באַלטישן
צי פונעם שוואַרצן
געקומען וואָלטן און זיך דאָ באַזעצט,
לעם קיִעוו־שטאָט,
און שוין געפּאַסקנט פּעסט:
עס איז זיי גוט, עס איז זיי גוט דאָ אַפן האַרצן,
די זון באַשײַנט זיי מיט איר צאַרטן פלאַם,
פאַרטאָג איך הער זייער געשריי:
— גוטמאָרגן,
קיִעווער יאַם!

דער באַלכויוו

אַזוי מוז זײַן,
און אַנדערש קאָן ניט זײַן:
ביז כ׳אָטעם, ביז איך לעב,
איך וועל טאָגטעגלעך צאָלן
צו אַלעם ערשט — דער זון
פאַר איר געבענטשטער שײַן,
וואָס פאַלט אַף מײַנע בערג,
אַף מײַנע גרינע טאָלן.

אַן אייביקער באַלכויוו...
עס איז מיר אָפּטמאָל שווער,
נאָר אָרנטלעך כ׳צאָל אויס
די גרעסטע מײַנע כויוועס.
איך צאָל און צאָל און צאָל,
און שולדיק כ׳ווער אַלץ מער
דער גרויסער וועלט
פאַר אַלע אירע טויוועס.

אַזוי מוז זײַן,
און אַנדערש קאָן ניט זײַן.
געבונדן און געקניפּט —
דאָס נעמען און דאָס געבן.
און דער, וואָס שולדיק איז, —
ער מוז אַוואַדע לעבן,
און צאָלן, צאָלן, צאָלן
טאָג־אויס — טאָג־אײַן!
טאָג־אויס — טאָג־אײַן!

דער דעמב, דער אקשן

בא דער נאטור איז אויסגערעכנט יעדער שפּאַן.
זי האָט איר סיידער און זי מאכט קיין גרײַזן.
אָט האָט זיך שוין צעבליט דער פלאַמיקער
טולפּאַן,
אָט וועט אין וואַלד דער לאַנדיש זיך באַווײַזן,
אָט וועט דער בעז פאַרשיקערן די לופט,
דער עפּלבוים וועט זיך פאַרפּוצן, ווי א קאַלע,
אפסנײַ פאַרליבן זיך — דער סאָלאָוויי מיך רופט,
דער פרילינג הערשט אין ווינקעלעך אין אַלע.

און בלויז דער אַלטער דעמב שטייט אָדעם־
נאַקעט —
שוואַרץ, ווי די נאַכט, איז ער, באַרויגעז, שטום,
ווי ניט פאַר אים וואָלט זיך די זון צעפלאַקערט,
ווי ניט געפרייט וואָלט אים דער ליכטיקער
אַרום.
די צווײַגן זײַנע אין דער הייך זיך טוען צײַגן.
ער גלייבט, דער אקשן, אַז די צײַט וועט קומען.
ווען אָפּוועלקן עס וועלן שוין די מילדע בלומען,
וועט ער זיך ערשט צעוואַקסן און צעבלײַען!
ס'געפעלט מיר זײַן אַקשאָנעס. כ'וואָלט א באַלן
זײַן שטײַף אַזוי, ווי ער, און ס'מאַכט ניט
אויס, אויב שוואַרץ,
נאָר, ווי זײַן זאַפט דאָס בלוט זאָל רינען
אין מײַן האַרץ,
און אינעם גרעסטן שטורעמווינט זאָל איך
ניט פאַלן.

מעקאַנע בין איך אים מיט יענער פײַנער קינע,
וואָס ווערט ניט אָפּגעפרעגט אין קיין שום פאַל.
און כ'גלייב: איך וועל, ווי ער, נאָך לאַנגע
יאָרן גרינען,
ניט אויסגעטריקנט ווערן וועט מײַן קוואַל.

דו קום אַרײַן אין אונדזער צעך

דער זיידע וויל ניט!
ס'איז פאַר אים ווי סאַם —
פאַרלאָזן די פאַבריק, ווו ס'אַרבעט דער קאָנווייער.
— ער מאַכט דיך דען ניט מיד?
— וואָס פרעגסטו? — מיד. און זייער!
נאָר אַזאַ מידקײַט האָט איר קיין און טאַם!

דאָרט איז מיר ליב און טײַער
יעדער מינדסטער שרויף,
דאָרט האָט מיר אָפּגעגליקט, אין גיכן יאָרן־לויף
א מענטש צו ווערן! ס'הייסט — א באַלמעלאָכע.
איך האָב ביז בלוט די פינגער זיך געשטאָכן,
עס האָט מיר ווײ געטאָן, ניט היינט געדאַכט, דער רוקן,
א ווערטעלע — פון פרי ביז שפּעט זיך בוקן
צו דעם וואַרשטאַט... ווי כ'וואָלט געוועזן זײַן קנעכט.
און איצט? וואָס פרעגסטו, קינד,
ווי נאַכט און טאָג...
דו קום אַרײַן אַצינד אין אונדזער צעך —
עס פאָלגט מיך מײַן מאַשין,
זי טוט אַלץ, וואָס איך זאָג.
עס איז אַלצײַנס איר — צי כ'בין יונג, צי אַלט.
עס איז בא מיר אין צעך ניט הייס, ניט קאַלט,
און ס'שפּילט די ראַדיאָ,
עס וואַקסן בא אונדז קווייטן...
...דער זיידע וויל ניט! —
ס'וועט קיינער אים ניט בייטן
פאַרלאָזן זײַן פאַבריק,
וואָס איז פאַר אים דער קוואַל פון גליק.

שוואַנען

צווי שטילע שוואַנען שווימען אין באַסיין,
און ביידע זײַנען יונג,
און ביידע זײַנען שיין.
נאָר זי איז שטאָלץ באַ זיך, און ער — באַשיידן...
אַף א מינוט ער קאָן מיט איר זיך ניט צעשיידן.

ווו נאָר זי טוט זיך ניט קיין קער,
ער שווימט איר נאָך...
ווי נאָכגיביק איז ער!
ווי נאָר די פליגל זי צעגעמט און טוט מיט
זיי א פאָך,
ער טוט אזוי ווי זי. ער טוט איר נאָך.

ווען זײַן ער וואָלט באַגליקט כאָטש מיט א
קלײנער שטים,
וואָלט ער דערציילט, ווי אים איז גוט,
וואָס זי ז'מיט אים...
נאָר שוואַנען שווימען שווײַגנדיק.
און בלויז באַם ראַנד פון זײַן,
ווען ס'איז דער גוף פון ווײ און אומגליק מיד, —
דאָס ערשטע און דאָס לעצטע מאָל
הילכט אָפ די שוואַנען־ליד...

מײַן אַרבעט

— וואָס האָסטו מער פון אַלעס האָלט,
וואָס איז דיר טײַערער פון גאָלד?
— מײַן אַרבעט.
— וואָס מאַכט געניט און שטאַרק דײַן
האַנט,
וואָס מאַכט דיך מידלאָז און געשפּאַנט?
— מײַן אַרבעט.
— וואָס מאַכט דיך אימפּעטדיק אַנטציקט,
און וואָס פאַרשאַפט דיר פרייד און גליק?
— מײַן אַרבעט.
— וואָס ברענגט דיר נאַכעס און דערפאָלג,
וואָס שענקסטו אופריכטיק דעם פאָלק?
— מײַן אַרבעט.
— וואָס וועקט דיך שטענדיק אין באַגין,
וואָס האָט באַ דיר דעם גרעסטן זין?
— מײַן אַרבעט.

■ ■ ■

געלייענט אין דער צײַטונג „פּראַוודאַ"

אין דער צײַטונג „פּראַוודאַ" פאַרן 11 סעפּטעמבער ד. י. איז אָפּגעדרוקט א נאָטיץ פון דער טעלעגראַפן־אַגענטור „טאַסס". מיר זעצן זי ווערטערלעך איבער:

Под покровом ночи

НЬЮ-ЙОРК, 10. (ТАСС). Группа неизвестных лиц ворвалась под покровом ночи в синагогу «Бет тора» в одном из пригородов Нью-Йорка и учинила в ней погром. Синагоге нанесен значительный ущерб.

Этот случай — далеко не первое нападение на еврейские синагоги в Соединенных Штатах. Погромщики-антисемиты уничтожают религиозные ценности.

הינטער דער פינצטערניש פון דער נאַכט

ניו־יאָרק 10. (טאַסס). א גרופּע אומבאַקאַנטע פּערזאָנען האָט זיך באַנאַכט ארײַנגעריסן אין דער סינאַגאָגע „בעט־טאָרא" אין איינעם פון די פאָרשטעט פון ניו־יאָרק און געמאַכט דאָרט א פּאָגראָם. די סינאַגאָגע האָט געליטן גרויס שאָדן.

דאָס איז ווײַט ניט דער ערשטער אָנפאַל אף ייִדישע באַטעמעדראָשים אין די פאַרייניקטע שטאַטן. די פּאָגראָמשטשיקעס־אַנטיסעמיטן פאַרניכטן רעליגיעזע ווערטן.

נ. אַ ד י ע ג אָ ו ו

די נאַציאָנאַלע פראַגע און דער אידעאָלאָגישער קאַמף

אינטערנאַציאָנאַלע דערציִונג פון די ארבעטנדיקע

איינס פון די וויכטיקסטע ערטער אין דער אינטערנאַציאָנאַלער דערציִונג פון די ארבעטנדיקע פאַרנעמט דער אידעאָלאָגישער קאַמף. אזוי ווערט טאַקע געזאָגט אינעם באריכט־פאָרטראָג פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פארטיי פונעם סאָוועטנפארבאַנד דעם XXIV צוזאמענפאָר פון קפסס: פארווירקלעכן די לעניִנישע געבאָטן וועגן פעסטיקן די פעלקערפריינטשאפט באַטייט — דערציִען די ארבעטנדיקע „אין גייסט פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַליזם, פון אומבעשאָלעמדיקייט צו די דערשיינונגען פון נאַציאָנאַליזם און שאָוויניזם, נאַציאָנאַלער אָפּגעגרענעצטקייט און נאַציאָנאַלער גייווע, אין וועלכער פאָרם זיי זאָלן זיך ניט אנטפּלעקן, אין גייסט פון טיפער אכטונג צו אלע נאַציעס און פעלקערשאפטן"[1]. דעמאסקירן יעטווידע פאָרם פון בורזשואזן נאַציאָנאַליזם, — ווערט געזאָגט אינעם זעלבן באריכט־פאָרטראָג, — איז באַזונדערס נייטיק דערפאַר, ווייל „אין קאַמף קעגן דעם סאָציאַליזם און דער קאָמוניסטישער באַוועגונג שטעלן איצט די בורזשואזע אידעאָלאָגן, די בורזשואזע פּראָפּאַגאַנדע, באַזונדערס גערן דעם טראָפּ גראָד אף די נאַציאָנאַליסטישע טענדענצן, דעריקער אף יענע טענדענצן, וועלכע נעמען אָן די פאָרם פון אַנטיסאָוועטיזם"[2].

וו. אי. לענין האָט געהאַלטן, אז זיין אן עמעסער אינטערנאַציאָנאַליסט הייסט — קעמפן אומבעשאָלעמדיק קעגן אלע אָפּווייכונגען פון די פּרינציפּן וועגן דער איינהייט פונעם פּראָלעטאַריאַט, און באַזונדערס קעגן דעם בורזשואזן נאַציאָנאַליזם. „בורזשואזער נאַציאָנאַליזם און פּראָלעטאַרישער אינטערנאַציאָנאַליזם — זיינען די צוויי אומבעשאָלעמדיק פיינטלעכע לאָזונגען, וועלכע אנטשפּרעכן די צוויי גרויסע קלאַסןלאַגערן פון דער גאַנצער קאַפּיטאַליסטישער וועלט און דריקן אויס די צוויי פּאָליטיקעס (נאָך מער: די צוויי וועלט־אָנשויונגען) אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע"[1].

אין לענינס יערושע געפינען מיר אן אָנווייזונג וועגן דער פּאָזיציע, וועלכע עס דאַרפן פאַרנעמען אינעם קאַמף קעגן דעם נאַציאָנאַליזם די סאָציאַליסטן פון די אונטערדריקנדיקע נאַציעס און די סאָציאַליסטן פון די אונטערדריקטע נאַציעס. טריי דער מאַרקסיסטישער האַנאָכע, אז דער עמעס איז שטענדיק קאָנקרעט, האָט וו. אי. לענין באַם באַטראַכטן די פראַגע וועגן דער פּאָזיציע פון די רעוואָליוציאָנערע סאָציאַליסטן גענומען אלס בײַשפּיל דעם פּראָגראַם־לאָזונג וועגן דער רעכט פון די נאַציעס אף זעלבסטבאַשטימונג — ביזן אָפּטיילן זיך.

באַם אונטערשטרייכן, ווי וויכטיק עס איז די „אינטערנאַציאָנאַליסטישע דערציִונג פונעם ארבעטער־קלאַס", האָט וו. אי. לענין אָנגעוויזן, אז די דאָזיקע דערציִונג קאָן ניט זיין „קאָנקרעט איינע און די זעלבע באַ נאַציעס גרויסע און אונטערדריקנדיקע און באַ נאַציעס קליינע, אונטערדריקטע... באַ נאַציעס אנעקסירנדיקע און באַ נאַציעס אנעקסירטע". אויב, האָט וו. אי. לענין געשריבן, „דער שווערפּונקט פון דער אינטערנאַציאָנאַליסטישער דערציִונג פון די ארבעטער אין די אונטערדריקנדיקע לענדער דאַרף אומפאַרמיידלעך באַשטיין דערין, וואָס די ארבע־

---

[1] מאַטעריאַלן פונעם XXIV צוזאמענפאָר פון דער קפסס. מ., 1971, ז. 76; [2] דאָרט, ז. 21.

[1] וו. אי. ל ע נ י ן. פולע זאמלונג פון די ווערק, ב. 24, ז. 123.

טער זאָלן פריידיקן און פאַרטיידיקן די פרײַ־הײַט פון די אונטערדריקטע לענדער צו אָפּ־טיילן זיך..., דאַרף די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פון א קליינער נאַציע לייגן דעם שווערפונקט פון איר אַגיטאַציע אויפן צווייטן וואָרט פון אונדזער אַלגעמיינער פאָרמול „פרײַוויליקע פאַרייניקונג" פון די נאַציעס..., קעמפן קעגן דער קליין־נאַ־ציאָנאַלער שמאָלקײַט, אָפּגעשלאָסנקײַט, היס־בוידעדעס, פאַרן דיסקאָנט פונעם גאַנצן און אַל־געמיינעם, פאַר אונטעראָרדענען די פּריוואַטע אינטערעסן צו די אַלגעמיינע אינטערעסן"[1].

די גאַנצע געשיכטע פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד, וועלכע פירט קאָנסעקווענט דורך די לענינישע פּרינציפּן פונעם פּראָלעטאַרישן אינטערנאַציאָנאַליזם, האָט באַשטעטיקט די לעבנספעיִקײַט פון די דאָזיקע פּרינציפּן, זייער היסטאָרישע נויטווענדיקײַט. א גלענצנדיקער מוסטער פון פאַרווירקלעכן זיי אין לעבן איז וו. אי. לענינס פּערזענלעכע טעטי־קײַט. „דעם גרויסרוסישן שאָוויניזם דערקלער איך א שלאַכט ניט אויף לעבן, נאָר אויף טויט", — האָט לענין געשריבן אין 1922[2]. מיט גרויס קראַפט האָט ער קריטיקירט די בורזשואַז־נאַ־ציאָנאַליסטישע שטרעמונגען, צווישן זיי — דעם ציוניזם. ער האָט אויפגעדעקט דעם קלאַסן־מע־הוס און דעם רעאַקציאָנערן טאָך פונעם ציוניזם, באַגרינדעט די פּרינציפּיעלע מאַרקסיסטישע באַ־ציִונג צו אים. באַזונדערס האָט ער אונטערגע־שטראָכן, אַז די הויכקלינגעוודיקע ציוניסטישע פּלענער פון לייזן די „יידן־פראַגע" אין רוסלאַנד זײַנען בלויז אין די אינטערעסן פון דער יידי־שער בורזשואַזיע און ווידערשפּרעכן די אינ־טערעסן פון די אַרבעטנדיקע יידן.

די „יידן־פראַגע" אַלס טייל פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע אין צאַרישן רוסלאַנד

אין אַזאַ פּילנאַציאָנאַלער מעלוכע, ווי דאָס צאַרישע רוסלאַנד, אין וועלכער די רוסן האָבן באַטראָפן בלויז 43 פּראָצ. פון דער באַפעלקע־רונג, איז די נאַציאָנאַלע פראַגע געשטאַנען באַ־זונדערס שאַרף, און די רעוואָלוציאָנערע מאַרקסיסטישע פאַרטיי האָט געדאַרפט געבן א ווויסנשאַפטלעך באַגרינדעטע און עפעקטיווע פּראָגראַם פון איר לייזונג. די באָלשעוויסטישע פאַרטיי האָט פון סאַמע אָנהייב אַנטשיידן גע־קעמפט פאַר ליקווידירן אַלע פאָרמען פון נאַצי־אָנאַלן דרוק.

אין וואָס איז באַשטאַנען דער אינהאַלט פון דער „יידן־פראַגע" אין צאַרישן רוסלאַנד? קוי־דעמקאָל דערין, וואָס די יידן, ווי וו. אי. לענין האָט זיך אויסגעדריקט, זײַנען געווען איינס פון די „סאַמע אונטערדריקטע און געהעצטע" פעל־קער[3]. די נאַציאָנאַלע פּאָליטיק פון דער צאַרי־שער רעגירונג איז געווען א כויזעק איבער די אינטערעסן פון די פעלקער פונעם לאַנד. די רע־גירונג האָט געשטרעבט צו פאַרדאַרבן דאָס פּאָ־ליטישע באַוווסטזײַן פון די פאָלקסמאַסן. קעדיי צו שטילן דעם צאָרן פון די אַרבעטנדיקע קעגן די עמעסע שולדיקע אין זייער אומגליקלעכער לאַגע, קעדיי ניט דערלאָזן צו א רעוואָלוציאָ־נערן אויפרײַס, האָט די רעגירונג, וועלכע האָט זיך געהאַלטן אויף באַגנעטן, צעצונדן די סינע צו די אונטערדריקטע פעלקער, באַזונדערס צו די יידן.

קיין איין פּאָליטישער טוער, קיין איין פּאָלי־טישע פאַרטיי איז ניט אַרויסגעטראָטן אַזוי קאָנ־סעקווענט קעגן דעם נאַציאָנאַלן דרוק, דערונ־טער קעגן דעם אונטערדריקן די יידישע באַפעל־קערונג פונעם לאַנד, ווי דאָס האָבן געטאָן וו. אי. לענין און די באָלשעוויסטישע פאַרטיי. לענין און דער רוסלענדישער פּראָלעטאַריאַט האָבן אָנגענומען רעאַלע מאָסמיטלען צו פאַר־טיידיקן די יידישע אַרבעטנדיקע.

באַטראַכטנדיק די וועגן צו לייזן די „יידן־פראַגע" אַלס א טייל פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע, האָט וו. אי. לענין אָנגעוויזן, אַז אין פּראַט פונעם קלאַסן־באַשטאַנד שיידט זיך ניט אונטער די יידישע באַפעלקערונג פון אַלע אַנ־דערע פעלקער און פעלקערשאַפטן פון רוסלאַנד. אין זײַן רעדע „וועגן דער פּאָגראָם־העצע קעגן די יידן" (סאָף מאַרט 1919) האָט לענין געזאָגט:

„צווישן די יידן זײַנען פאַראַן אַרבעטער, האָרעפּאַשניקעס — זיי זײַנען די מערהײַט. זיי זײַנען אונדזערע ברידער און ווערן אונטער־דריקט פונעם קאַפּיטאַל, ווי מיר, זיי זײַנען אונדזערע כאַווײרים אין קאַמף פאַרן סאָציאַ־ליזם. צווישן די יידן זײַנען פאַראַן באַלעגופים, עקספּלואַטאַטאָרן, קאַפּיטאַליסטן, ווי זיי זײַנען פאַראַן צווישן די רוסן, צווישן אַלע נאַציעס...

די רײַכע יידן, ווי די רײַכע רוסן, ווי די גווי־רים פון אַלע לענדער, זײַנען אין א בונד איי־נער מיטן אַנדערן, זיי שטיקן, דריקן, באַראַ־בעווען, צעשיידן די אַרבעטער"[1].

די יידן־פראַגע אין רוסלאַנד האָט געקאָנט גע־לייזט ווערן נאָר דעמלט, ווען עס איז אַראָפּגע־וואָרפן געוואָרן די מאַכט פון דער בורזשואַזיע און פון די פּריצים. פולשטענדיק לייזן זי האָט געקאָנט בלויז די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע. דעריבער האָט לענין געקעמפט פאַר דער באַ־העפטונג פון די אַרבעטער פון אַלע נאַציאָנאַלי־טעטן אין אַלע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, אין די פּראָפעסיאָנעלע, קאָאָפּעראַטיווע, געבורויכערישע, אויפקלערערישע און קולטורעלע אַנדערע, אין קעגנזאַץ צו יעטווידער פאָרם פון בורזשואַזן נאַציאָנאַליזם. „בלויז אַזאַ אייניקײַט און צונויפ־גיסונג האָט געקאָנט שטיין אויף דער וואַך פון דער דעמאָקראַטיע, אויף דער וואַך פון די אינטע־רעסן פון די אַרבעטער, קעגן דעם קאַפּיטאַל..."[2]

---

[1] דאָרט, ב. 30, ז. 43 — 45; [2] דאָרט, ב. 45, ז. 214; [3] דאָרט, ב. 24, ז. 122.

[1] דאָרט, ב. 38, ז. 242 — 243; [2] דאָרט, ב. 24, ז. 119.

וו. אי. לענין האָט געזאָגט, אז די ייִדישע קולטור, ווי די קולטור פון אלע אנדערע פעלקער, באשטייט פון „צוויי קולטורן", — א רעאקציאָנערע און א פאָרגעשריטענע. ער האָט דעמאסקירט די נאציאָנאליסטישע פּרוּוון צו ארויסגעבן די רעאקציאָנערע קולטור אלס א „נאציאָנאלע". קריטיקירנדיק דעם לאָזונג „נאציאָנאלע קולטור" און באווײַזנדיק דעם טאָך פון דער פּראָגראם פון „בונד" וועגן קולטור־נאציאָנאלער אווטאָנאָמיע, האָט וו. אי. לענין געשריבן: „...די ייִדן־מארקסיסטן, וועלכע פאראייניקן זיך אין די אינטערנאציאָנאלע מארקסיסטישע אָרגאניזאציעס מיט די רוסן, ליטווינער, אוקראַינער און אנד. ארבעטער, ארײַנטראָגנדיק זייער כיילעק (סײַ אף רוסיש, סײַ אף ייִדיש) אינעם שאפן די אינטערנאציאָנאלע קולטור פון דער ארבעטערבאוועגונג..., זעצן פאָר די בעסטע טראדיציעס פונעם ייִדנטום, קעמפנדיק קעגן דעם לאָזונג „נאציאָנאלע קולטור"[1].

וו. אי. לענין האָט אומדערבארעמדיק דעמאסקירט דעם אנטיסעמיטיזם און געקעמפט קעגן אים. ער האָט דערוויזן, אז אנטיסעמיטיזם איז היסטאָריש א צײַטווײַליקע דערשײַנונג, וועלכע איז לוינבאר די עקספּלואטאטאָרישע קלאסן.

די גרויסע סאָציאליסטישע אָקטיאבער־רעוואָלוציע, וואָס האָט ביזן גרונט צעטרייסלט דעם ביניען פונעם וועלט־אימפּעריאליזם, האָט אף שטענדיק געמאכט א סאָף צום נאציאָנאלן דרוק. זי האָט פולשטענדיק אונטערגעריסן די סאָציאלע וואָרצלען פונעם אנטיסעמיטיזם, ליקווידירט די באדינגונגען פאר זײַן עקזיסטענץ.

נאָכדעם, ווי דער פּראָלעטאריאט האָט דעראָבערט די מאכט, האָט וו. אי. לענין אָן אופהער אונטערגעשטראָכן, אז עס איז נייטיק ניט קיין פאָרמעלע, נאָר א פאקטישע גלײַכהײַט פון אלע נאציאָנאליטעטן, ס'איז נייטיק צו ליקווידירן די אוולעס און באליידיקונגען, וועלכע די רעגירונג און די רעגירנדיקע קלאסן פון דער גרויסמעכטישער נאציע האָבן געבראכט די פעלקער. „קיינער פארהאלט ניט אזוי די אנטוויקלונג און פארפעסטיקונג פון דער פּראָלעטארישער קלאסן־סאָלידאריטעט, ווי דער נאציאָנאלער אומיושער, די „באליידיקטע" נאציאָנאלן זײַנען צו קיין זאך ניט אזוי פילבאר, ווי צום געפיל פון גלײַכהײַט און צום ברעכן די דאָזיקע גלײַכהײַט, זאָל זײַן אפילע צופעליק, צוליב נאכלעסיקײַט, צי כאָטש אין דער פאָרם פון א שפּאס, צום ברעכן די דאָזיקע גלײַכהײַט דורך די אייגענע כאווירים־פּראָלעטאריער"[2].

דעם 27 אָקטיאבער 1922 האָט וו. אי. לענין געגעבן אן אינטערוויו דעם קאָרעספּאָנדענט פון די צײַטונגען „אָבסערווער" און „מאנטשעסטער גארדיאן" מ. פארבמאנען. אין דעם אינטערוויו האָט וו. אי. לענין באטאָנט, אז „די פינפיאָריקע דערפארונג פון לייזן די נאציאָנאלע פראגע איבערצײַגט אונדז איינגאנצן, אז די איינציק ריכטיקע באציִונג צו די אינטערעסן פון די נאציעס... וועט זײַן — מאקסימאל באפרידיקן זיי און שאפן באדינגונגען, וועלכע וועלן אויסשליסן יעטווידע מעגלעכקײַט פאר קאָנפליקטן... בלויז די קאָלאָסאלע אופמערקזאמקײַט צו די אינטערעסן פון פארשיידענע נאציעס וועט באזײַטיקן דעם באָדן פאר קאָנפליקטן, וועט באזײַטיקן דעם קעגנזײַטיקן אומצוטרוי, די מוירע פאר וועלכע־ניט־איז אינטריגעס, וועט שאפן, באזונדערס צווישן די ארבעטער און פויערים, וועלכע ריידן אף פארשיידענע שפּראכן, יענעם צוטרוי, וואָס אָן אים זײַנען אבסאָליוט ניט מעגלעך ניט קיין פרידלעכע באציִונגען צווישן די פעלקער, ניט קיין וויפל־ניט־איז דערפאָלגרייכע אנטוויקלונג פון דעם אלעם, וואָס איז ווערטפול אין דער הײַנטצײַטיקער ציוויליזאציע"[1].

אין די סאָציאליסטישע לענדער, ווו עס האָט זיך אײַנגעשטעלט אן עכטע פרײַנטשאפט צווישן די פעלקער, גייט אָן א קאמף קעגן די נאציאָנאליסטישע פאָרורטיילן אין די באציִונגען צווישן די נאציעס. יעטווידע פּראָפּאגאנדע, יעטווידער אקט, וואָס טראָגט א ראסיסטישן, דערונטער אן אנטיסעמיטישן כאראקטער, איז אפן שטרענגסטן אויפן פארבאָטן.

Cui prodest — וועמען לוינט עס?

אף דער גרענעץ פון XIX און XX יה. איז אין רוסלאנד געוואקסן די מעכטיקע פאָלקס־רעוואָלוציע, וואָס איר גרויסע היסטאָרישע מיסיע איז געווען — מאכן א סאָף צו אלע פאָרמען פון אונטערדריקונג פון מענטש דורך מענטש, דערונטער אויך צו דער נאציאָנאלער אונטערדריקונג, עפענען דעם וועג פאר דער נײַער געזעלשאפטלעכער אָרדענונג, וואָס וועט פארבײַטן דעם קאפּיטאליזם, אויסבויען אף אונדזער פּלאנעטע א געזעלשאפט פון ארבעטסלײַט, וועלכע זײַנען פרײַ פון עקספּלואטאציע און זײַנען פולשטענדיק גלײַכבארעכטיקט. אין די קלאסן־שלאכטן פון דער רעוואָלוציע פון 1905, וואָס איז געווען די גענעראלע רעפּעטיציע צום גרויסן אָקטיאבער, זײַנען די פעלקער פון רוסלאנד, וועלכע האָבן זיך אופגעהויבן צום קאמף קעגן דער צארישער זעלבסטהערשונג, ארויסגעטראָטן קעגן זייערע אונטערדריקער און אין גאנג פונעם קאמף אלץ ענגער זיך באהעפט. אין אזא סיטואציע האָט דער בורזשואזער נאציאָנאליזם געטאָן אלץ, קעדיי מיט נאציאָנאליסטישע לאָזונגען אָפּרײַסן די מאסן פון די עמעסע צילן פונעם באפרײַונגס־קאמף. טאקע דערמיט האָט דער בורזשואזער נאציאָנאליזם אָפּגעשפּילט די נידעריקסטע רעאקציאָנערע ראָליע אין דער געשיכטע. אין דעם פּראט איז פון אים ניט אָפּגעשטאנען אויך דער ציִעניזם.

וו. אי. לענין האָט דערקלערט די ארבעטנדיקע מאסן, וועלכע קלאסן־שיכטן און גרופּעס פון

[1] דאָרט, ז. 122 — 123; [2] דאָרט, ב. 45, ז. 360.

[1] דאָרט, ז. 240.

דער ייִדישער באַפעלקערונג אנערקענען גערן די אידעאָלאָגישע יעסוידעס פונעם ציִעניזם. „עס איז פאראַן א לאטייַניש ווערטל, — האָט ער געשריבן, — «cui prodest» (קוי? פראָדעסט) — „וועמען לוינט עס?". ווען עס איז ניט קלאָר, וועלכע פּאָליטישע אָדער סאָציאַלע גרופּעס, קרעפטן, פּאַרייניקונגען באַשטייען אַף געוויסע פאָרשלאָגן, מאָסמיטלען אדג., דאַרף מען שטענדיק שטעלן די פראַגע „וועמען לוינט עס?"[1]

דער בורזשואַזיע, דערונטער דער ייִדישער, האָט געלוינט, אַז די אַרבעטער פון איר פאָלק זאָלן שטיין וואָס ווײַטער פונעם אַלגעמיינעם קאַמף פון די אַרבעטנדיקע פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן פאַר זייער סאָציאַלער און בעמיילע נאַציאָנאַלער באַפרײַונג. „די בורזשואַזיע, — האָט געשריבן וו. אי. לענין, — האָט מוירע פאַר די אַרבעטער, זי זוכט א בונד מיט די פּורישקעווי־טשעס, מיט דער רעאַקציע, זי פאַראַט דעם דעמאָקראַטיזם, זי פאַרטיידיקט די אונטערדריקונג אָדער די אומגלײַכהײַט פון די נאַציעס, זי פאַרדאַרבט די אַרבעטער מיט נאַציאָנאַליסטישע לאָזונגען"[2]. און די ייִדישע בורזשואַזיע האָט אויך צעצונדן די נאַציאָנאַליסטישע לײַדנשאַפטן און האָט קעגן דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט פון די אַרבעטנדיקע אַרויסגעשטעלט דעם „קריגערישן בורזשואַזן נאַציאָנאַליזם, וואָס טעמפּט אָפּ, פאַרדולט דעם קאָפּ, צעשיידט די אַרבעטער, כּדי פירן זיי אַפן שטריקל פון דער בורזשואַזיע"[3]. צוליב דעם ציל איז ברייט אויסגענוצט געוואָרן די אידעאָלאָגיע פונעם ציִעניזם.

דער ציִעניזם האָט מיט האַסמאָדע און פלײַס אײַנגעדויבעט אין די מויכעס פון אַרבעטנדיקע ייִדן, אַז ייִדן זײַנען אן אַטאָ־בעכאַרטאָנו־פאָלק, א פון גאָט אויסדערווײלט פאָלק, אַז זייער אייניציקע היים איז ערעץ־ייִסראָעל, ניט דאָס לאַנד, וווּ זיי זײַנען געבוירן געוואָרן און לעבן, וווּ עס רוען די ביינער פון זייערע זיידעס און אורזיידעס.

וו. אי. לענין האָט דערוויזן די נישטיקײַט פונעם לאָזונג „אַטאָ־בעכאַרטאָנו", די פאַלשקײַט פון דער פּלוידערײַ, אַז בא ייִדן זײַנען קלוימערשט ניטאָ קיין קלאַסן־אונטערשיידן, אַז אַלע ייִדן זײַנען גלײַך — אָרעם און רײַך. ער האָט באַטאָנט, אַז דער ציִעניזם טראָגט אַרײַן אין דער אַרבעטער־באַוועגונג „אָפּגעפרעמדטקײַט", „היסבוידעדעס"־שטימונגען, און דאָס העלפט מיט צו צעשיידן די אַרבעטער פון באַזונדערע נאַציעס. מיטן לאָזונג „אַטאָ־בעכאַרטאָנו" קאָן מען נאָר פאַרשטאַרקן צווישן די ייִדן די געטאָ־שטימונג, די שטימונג פון זעלבסט־איזאָליאַציע, פון שאַפן א כינעזישע וואַנט צווישן די ייִדישע אַרבעטנדיקע און די אַרבעטנדיקע פון אַנדערע פעלקער. און דאָס לוינט טאַקע דער בורזשואַזיע.

„די קאַפּיטאַליסטן און פּריצים ווילן אום יעדן פרײַז צעשיידן די אַרבעטער פון באַזונדערע נאַציעס, אין דער זעלבער צײַט אָבער לעבן זיך די הערשער פון דער וועלט אויסגעצייכנט אײַן צוזאַמען אַלס אַקציאָנערן פון „האַכנאָסעדיקע" מיליאָניקע „געשעפטן" (אַשטייגער, די לענער גאָלדגרובנס) — און סײַ די קריסטן, סײַ די ייִדן, סײַ די רוסן, סײַ די דײַטשן, סײַ די פּאָליאַקן, סײַ די אוקראַינער, אַלע, ווער עס האָט נאָר א קאַפּיטאַל, עקספּלואַטירן סאָלידאַר די אַרבעטער פון אַלע נאַציעס"[1]. די ציִעניסטן באַמיִען זיך צו פאַרשטאַרקן די נאַציאָנאַלע רײַסערײַ און סינע. „דער קאַפּיטאַל איז א צווישנפעלקערלעכע קראַפט, — האָט געשריבן וו. אי. לענין. — כּדי באַזיגן אַזאַ קראַפט, איז נייטיק צווישנפעלקערלעכער בונד פון די אַרבעטער, זייער צווישנפעלקערלעכע ברידערשאַפט. מיר זײַנען קעגנער פון נאַציאָנאַלער סינע, פון נאַציאָנאַלער רײַסערײַ, פון נאַציאָנאַלער היסבוידעדעס"[2].

אין די טעזיסן פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמפּאַרטיי פון ייִסראָעל „די ייִדן־פראַגע און דער ציִעניזם אין אונדזער צײַט" ווערט געזאָגט: „פון סאַמע אָנהייב האָט די ציִעניסטישע פּאָליטיק זיך באַזירט אַף דער מיטאַרבעט מיט די קרעפטן פון דער רעאַקציע, מיט די אימפּעריאַליסטישע מעלוכעס קעגן דער רעוואָלוציאָנערער, סאָציאַליסטישער און נאַציאָנאַל־באַפרײַערישער באַוועגונג... דער ציל פון דער פּאָליטיק פון דער ציִעניסטישער אָנפירונג איז געווען דעראָבערן און פאַרכאַפּן... א וואָס גרעסערע אַראַבישע טעריטאָריע אַזוי, אַז אַף דער דאָזיקער טעריטאָריע זאָלן פאַרבלײַבן וואָס ווייניקער אַראַבער"[3].

וו. אי. לענין האָט דערוויזן, אַז די אידייען וועגן א ציִעניסטישער מעלוכע טראָגן אן אימפּעריאַליסטישן כאַראַקטער, די אידעאָלאָגיע פונעם ציִעניזם איז ענג פאַרבונדן מיט די אינטערעסן פונעם צווישנפעלקערלעכן קאַפּיטאַל.

דער צווייטער קאָנגרעס פונעם קאָמינטערן, וואָס איז פאָרגעקומען אין 1920 אונטער דער אָנפירונג פון וו. אי. לענין, האָט אינעם פּונקט 11 פון די טעזיסן וועגן דער נאַציאָנאַלער און דער קאָלאָניאַלער פראַגן אָנגעוויזן, אַז „א) עס איז נייטיק צו אויפקלערן אַפן קלאָרסטן אויפן און דעמאַסקירן צווישן די סאַמע ברייטע אַרבעטנדיקע מאַסן פון אַלע לענדער און פעלקער, באַזונדערס פון די אָפּגעשטאַנענע, יענעם שווינדל, וועלכן די אימפּעריאַליסטישע מעלוכעס פירן סיסטעמאַטיש דורך מיט דער הילף פון די פּריווילעגירטע קלאַסן פון די אונטערדריקטע לענדער — אַז זיי שאַפן, קלוימערשט, פּאָליטיש אומאָפּהענגיקע מעלוכעס, ווען אין דער עמעסן רופן זיי אַרויס צום לעבן מעלוכעס, וועלכע זײַנען פולשטענדיק אָפּהענגיק פון זיי

[1] דאָרט, ב. 23, ז. 61; [2] דאָרט, ז. 149; [3] דאָרט, ב. 24, ז. 122.

[1] דאָרט, ב. 23, ז. 150; [2] דאָרט, ב. 40, ז. 43;
[3] אינפאָרמאַציע־ביולעטן פון דער קאָמפּאַרטיי פון ייִסראָעל (ענגליש). טעל־אַוויוו, 1969, נומ. 3/4, ז. 194.

אין עקאָנאָמישער, פינאַנציעלער, מיליטערישער הינזיכטן.

אלס בוילעטער בײַשפּיל פונעם באַשווינדלען דעם אַרבעטער־קלאַס פון אַן אונטערדריקטער נאַציע, אַ שווינדל, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן מיט די פּאַרייניקטע אָנשטרענגונגען פונעם אימפּעריאַליזם פון דער אַנטאַנטע און פון דער בורזשואַזיע פון דער אַנטשפּרעכיקער נאַציע, קאָן דינען די פּאַלעסטינער אונטערנעמונג פון די ציוניסטן, ווי ביכלל דער ציוניזם"[1].

די סינע פונעם ציוניזם צו דער נאַציאָנאַל־באַפרײַערישער באַוועגונג, זײַנע פאַרבינדונגען מיטן וועלט־אימפּעריאַליזם, זײַן אַגרעסיווער טאָך, זײַן ראָליע אלס אַוואַנגאַרד־אָטריאַד אין דער אימפּעריאַליסטישער עקספּאַנסיע קעגן די פעלקער פונעם נאָענטן מיזרעך — דאָס אַלץ איז הײַנט אויסער יעדן ספק. אין ישׂראל, וווּ דער ציוניזם שטייט בא דער מאַכט, האָט ער זיך אַרויסגעוויזן אלס איינער פון די סאַמע אַקטיווע שאַטירונגען פונעם ראַסיזם.

ו. אי. לענין איז אַנטשיידן אַרויסגעטראָטן קעגן די פּרווון צו פאַרדעקן די רעאַקציאָנערע ציוניסטישע אידייען מיט אַ סאָציאַליסטישער פראַזעאָלאָגיע. די פּאַרטיי פון די רוסלענדישע „ציוניסטן־סאָציאַליסטן" האָט ער באַטראַכט אַלס קעגנער פון דער אייניקייט פונעם פּראָלעטאַריאַט. ווען די דאָזיקע פּאַרטיי האָט אויסגעדריקט די פּרעטענזיע, מע זאָל זי צולאָזן צום אָנטייל אינעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, האָט ו. אי. לענין אָפן אַנטשיידנסטן אויפן דערווידערט קעגן דעם. די פראַגע וועגן די „ציוניסטן־סאָציאַליסטן" אין רוסלאַנד איז באַהאַנדלט געוואָרן אָף אַ זיצונג פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער ביוראָ אין 1908. אָף דער זיצונג איז לענין אַרויסגעטראָטן צוויי מאָל, דעמאַסקירנדיק דעם בורזשואַז־נאַציאָנאַליסטישן כאַראַקטער פון דער דאָזיקער פּאַרטיי. ער האָט אַנטשיידן אַרויסגעזאָגט זיך קעגן אָנעמען זי אין צווייטן אינטערנאַציאָנאַל. לויט ו. אי. לענינס פאָרשלאָג האָט די אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע ביוראָ אָנגענומען אַזאַ רעזאָלוציע: „די ביוראָ קאָנסטאַטירט, אַז די ציוניסטן זײַנען צוגעלאָזט געוואָרן (מיט באַראַטונגס־רעכט) אויסשליסלעך אָף די זיצונגען פונעם שטוטגאַרטער קאָנגרעס, אַז איצט געפינען זיך ניט די ציוניסטן אין דער אינטערנאַציאָנאַלער ביוראָ"[2].

ו. אי. לענין האָט ניט איין מאָל דערוויזן, ווי ניט באַגרינדעט עס איז די באַהויפּטונג פון די ציוניסטן, אַז „אַנטיסעמיטיזם איז אַ דערשײַנונג, וואָס וועט לעבן אייביק". נאָך אין 1903 האָט ער פולשטענדיק אונטערגעהאַלטן די פּראָקלאַמאַציע פונעם קאַטערינאָסלאַווער קאָמיטעט פון דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי („צו די ייִדישע אַרבעטער פון דער שטאָט קאַטערינאָסלאַוו"), וועלכע איז „אַרויסגעטראָטן (און געזעצלעך אַרויסגעטראָטן) קעגן די באַבעמעײַסעס פון די ציוניסטן, אַז דער אַנטיסעמיטיזם וועט לעבן אייביק"[1]. דער אַנטיסעמיטיזם, — האָט לענין באַטאָנט, — איז פאַרבונדן גראָד מיט די אינטערעסן פון די בורזשואַזע שיכטן פון דער באַפעלקערונג, און ניט פון די אַרבעטער־שיכטן. ווען די בונדאָווצעס און די ציוניסטן, — האָט ער געשריבן, — וואָלטן צוגעגאַנגען צו דער פראַגע היסטאָריש, „וואָלטן זיי פאַרשטאַנען די *בעפּיירעשע* פאַרבינדונג פונעם אַנטיסעמיטיזם גראָד מיט די בורזשואַזע אינטערעסן, און ניט מיט די אינטערעסן פון די אַרבעטער־שיכטן פון דער באַפעלקערונג. ווען זיי גיבן נאָך אַ ביסעלע אַ טראַכט, וואָלטן זיי געקאָנט פאַרשטיין, אַז דער געזעלשאַפטלעכער כאַראַקטער פונעם הײַנטצײַטיקן אַנטיסעמיטיזם ענדערט זיך ניט פון דעם פאַקט, וואָס אין דעם אָדער יענעם פּאָגראָם באַטייליקן זיך ניט בלויז צענדליקער, נאָר אַפילע הונדערטער ניט אָרגאַניזירטע און פאַקטיש אָף נײַן צענטל נאָך לאַכלוטן פינצטערע אַרבעטער"[2].

דער באַוווּסטזיניקער פּראָלעטאַריאַט פון רוסלאַנד איז אַנטשיידן אַרויסגעטראָטן קעגן די ייִדן־פּאָגראָמען. אין אַזעלכע פּראָלעטאַרישע צענטערס, ווי, לעמאָשל, לוגאַנסק, האָבן די „אומבאַוואָפנטע אַרבעטער געטריבן מיט די הוילע הענט די פּאָגראָם־מאַכערס, כאָטש די אַרבעטער האָט געדראָעט די געפאַר צו דערשאָסן ווערן דורך דער פּאָליצײַ"[3], — האָט לענין געשריבן אינעם אַרטיקל „די רעאַקציע הייבט אָן אַ באַוואָפנטן קאַמף".

וועלכע סיבעס האָבן אַרויסגערופן דעם אַנטיסעמיטיזם? די זעלבע, וועלכע האָבן אַרויסגערופן די דיסקרימינאַציע און אונטערדריקונג פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן. די מאַרקסיסטן האַלטן דעם אַנטיסעמיטיזם אַלס איינע פון די דערשײַנונגען פון נאַציאָנאַלער און ראַסעווער אונטערדריקונג און דיסקרימינאַציע. די קאָמוניסטן האַלטן, אַז דערציִען די מאַסן אין גײַסט פון ברידערשאַפט, אין גײַסט פון קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם, קעגן ציוניזם און אַלע אַנדערע פאָרמען פון שאָוויניזם און ראַסיזם איז די עכסטע גאַראַנטיע פאַר דער איינהײַט פונעם אַרבעטער־קלאַס, פאַר דער דערפאָלגרײַכער אַנטוויקלונג פון דעמאָקראַטיע און סאָציאַליזם.

ו. אי. לענינס האַנאָכעס, וועלכע זײַנען דאָ געבראַכט, זײַנען אין דער פולער מאָס שײַעך אויך צום הײַנטצײַטיקן ציוניזם, וועלכער פאַרווירקלעכט זײַנע צילן מיט דער הילף פון אָפענע קריגס־פּראָוואָקאַציעס. טעאָדאָר הערצל האָט, ווי באַוווּסט, באַשולדיקט די פעלקער, צווישן וועלכע עס וווינען ייִדן, אַז זיי זײַנען אַלע אָפענע אָדער פאַרמאַסקירטע אַנטיסעמיטן, ער האָט באַהויפּט, אַז דער אַנטיסעמיטיזם העלפט מיט צו פאַרשטאַרקן די „ייִדישע אינדיווידואַליטעט". איינער פון די לידערס פונעם ציוניזם כאַיִם

---

[1] „דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל אין דאָקומענטן". מ., 1933, ז. 128 — 129.

[2] ו. אי. לענין. פולע זאַמלונג פון די ווערק, ב. 17, ז. 246.

[1] דאָרט, ב. 7, ז. 121; [2] דאָרט, ב. 7, ז. 121; [3] דאָרט, ב. 13, ז. 202.

ווייצמאַן האָט געזאָגט, אַז יעדער ניט־ייִד טראָגט אין זיך די „באַציל פון אַנטיסעמיטיזם”.

מיר ווייסן אָבער, אַז ציִעניזם און אַנטיסעמיטיזם זײַנען צוויי זײַטן פון איין מאַטבייע. זיי ביידע זײַנען דער אויסדרוק פון דער שאָוויניסטישער נאַציִאָנאַליסטישער און ראַסיסטישער אידעאָלאָגיע, זיי ביידע האַלטן פאַר זייערע ערגסטע סאָנים די פּראָלעטאַרישע סאָלידאַריטעט, די אינטערנאַציִאָנאַלע ברידערשאַפט פון די אַרבעטנדיקע. דערקלערן די קעגנערשאַפט צום ציִעניזם אַלס אַנטיסעמיטיזם איז אַ ווילדער אַבסורד.

עס איז אויך אַ ווילדער אַבסורד צו שטעלן אַ גלײַכצייכן צווישן ייִסראָעל, דעם פאָלק פון ייִסראָעל און דעם ציִעניזם.

■

דער סאָוועטנפאַרבאַנד האָט שטענדיק אַלזײַטיק געשטיצט די פּראָגרעסיווע פאָרמען פון רעאַליזירן די רעכט פון די פעלקער אַף זעלבסטבאַשטימונג. אין סאָוועטנפאַרבאַנד איז געזיכערט די רעכט אַף אַ פרײַער אַנטוויקלונג פון דער ייִדישער סאָציִאַליסטישער קולטור, דאָס רעכט פון די סאָוועטישע ייִדן אַף אַוטאָנאָמער מעלוכישקײַט. אין מײַ 1974 וועט אָפּגעמערקט ווערן דער 40־יאָריקער יובילײ פון דער ייִדישער אַוטאָנאָמער געגנט — בירעבידזשאַן. דער סאָוועטנפאַרבאַנד האָט אין 1947 געשטימט אין דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע נאַציעס פאַר שאַפן אַף דער טעריטאָריע פון דער געוועזענער ענגלישער קאָלאָניע אין פּאַלעסטינע צוויי אומאָפּהענגיקע מעלוכעס — אַ ייִדישע און אַן אַראַבישע. אין איצטיקן מאָמענט טוט דער סאָוועטנפאַרבאַנד אַלץ, עס זאָל געלייזט ווערן פּאָליטיש דער קאָנפליקט צווישן די אַראַבישע לענדער און ייִסראָעל, ס׳זאָלן אָנערקענט ווערן די רעכט פון אַלע מעלוכעס און פעלקער פונעם נאָענטן מיזרעך, דערונטער אויך פונעם אַראַבישן פאָלק פון פּאַלעסטינע, — אין דעם דאָזיקן ראַיאָן זאָל געשאַפן ווערן אַן אַטמאָספער פון שאָלעם און גערעכטיקײַט. די דאָזיקע פאָדערונג האַלטן אונטער אַלע פּראָגרעסיווע מענטשן פון דער וועלט, זי דאַרף און וועט אומבאַדינגט רעאַליזירט ווערן.

מיר ענטפערן אַף פראַגעס פון אונדזערע לייענער

Tײַערע רעדאַקציע! איך לייען אָפּט אין דער פּרעסע וועגן דעם, אַז די ציִעניסטישע פּראָפּאַגאַנדע טוט איר אַרבעט מיט ניט־דערלאָזבאַרע מעטאָדן, וועלכע ווערן באַצייכנט אַלס „פאַלשיוּוקעס”. אין אַזעלכע פאַלן איז ביז גאָר נייטיק, אַז אין מאַקסימאַל ברייטע קרײַזן פון דער געזעלשאַפטלעכקײַט זאָל מען וויסן, אין וואָס דאָ גייט, קעדיי דעם אָפּנאַרער זאָל שווערער זײַן צו אָרודעווען. איך בעט זייער, אַז אין דער רובריק „מיר ענטפערן אַף פראַגעס פון אונדזערע לייענער” זאָלט איר, אויב ס׳איז מעגלעך, ברענגען אַ פּאָר בײַשפּילן פון פאַלשיוּוקעס, וועלכע עס ווענדט אָן די ציִעניסטישע פּראָפּאַגאַנדע, און אויך אויפקלערן זייער טאָך.

לייע ראָזיִע, אַלמאַ־אַטאַ

אַזוי האַנדלען זיי

Aין דער מאָסקווער צײַטונג „סאָוועטסקאַיאַ קולטוראַ” איז פאַרעפנטלעכט ב. וולאַדימיראָווס אַרטיקל „ווען עס שאַלן די שויפערס פון יעריכוי” — וועגן איינער אַזאַ פאַלשיוּוקע. אַ מוזיקאַלער פּלאַט, וואָס ליגט אין אַ פאַרביקן גלאַנציקן קאָנווערט. אַפן קאָנווערט איז באַוויזן דער לענין־מאַוזאָליי, די קאַטעדראַל פון וואַסילי בלאַזשעני, צוזאַמען דערמיט אַן אויפשריפט „פאַרבאָטענע רוסישע לידער”. דער פּלאַט ברענגט די רעשימע פון די לידער מיט אַזאַ שרײַענדיקן אַרײַנפיר:

„דער דאָזיקער פּלאַט שטעלט מיט זיך פאָר אַ זאַמלונג פון פאַרבאָטענע לידער, וועלכע זײַנען אויסגעפילט געוואָרן, אָבער ניט פאַרעפנטלעכט אין פּססר. די טעקסטן פון די דאָזיקע לידער ווערן געהיים איבערגעשריבן און איבערגעגעבן פון האַנט צו האַנט. די אויטאָרן פאַרבלײַבן אַנאָנים, זיי האָבן מוירע פאַר רעדיפעס און טפיסע...”

צום סאָף — די היכפּאַטעטישע ווערטער: „גרויס איז די קראַפט פון דער ליד, וועלכע וואַלגערט אום דעם זײַל פון אונטערדריקונג, פונקט ווי פאַר דער שאַ־

לונג פון די שויפערס זײַנען געפאלן די ווענט פון יעריכוי״.

אפן פלאט זײַנען רעפּראָדוצירט רוסישע סאָוועטישע זינגלידער, וועלכע זײַנען בא אונדז אין לאנד שטארק פארשפרייט, און עס קאָן גאָר קיין רייד ניט זײַן, אז זיי זײַנען פארבאָטן.

אָט ווי־אזוי באוווסטע סאָוועטישע קאָמפּאָזיטאָרן, די אווטאָרן פון די לידער, קאָמענטירן אָט די שענדלעכע פאלשיווקע.

ע. קאלמאנאָווסקי: מײַן ליד „עס לויפט דער טײַך״ איז ארײַנגעפאלן צווישן די „פארבאָטענע״. די ליד האָב איך אָנגעשריבן צוזאמען מיט יע. יעווטושענקאָ אין 1961. זי האָט געקלונגען און קלינגט אויך איצט אין דער אויספילונג פון די פּאָפּולערע סאָליסטן פונעם רוסישן פאָלקס־כאָר פון דער אלפארבאנדישער ראַדיאָ סעמיאָנקינא און פּראָלאָווא. זאָגן, אז אין סאָוועטנפארבאנד איז פארבאָטן די ליד „עס לויפט א טײַך״, איז א בעפּײרעשער אבסורד. זי ווערט אופגעפירט אויך אף דער בינע פונעם טעאטער „סאָווּרעמעניק״ אין ספעקטאקל „אָן א קרייץ״. פאר דעם טעאטער איז די ליד טאקע אָנגעשריבן געוואָרן.

דאָס זעלבע זאָגט דער קאָמפּאָזיטאָר יו. סאָולסקי וועגן דער ליד „דער שווארצער קאָטער״, וועלכע ער האָט געשאפן צוזאמען מיטן דיכטער מ. טאניטש, און די ייִסראָעל־פירמע האָט זי פארעכנט צו די „פארבאָטענע״.

דער אווטאָר פון דער ליד „עך, אנדריושע!״, וועלכע די ייִסראָעל־פירמע האָט אויך פארשריבן אינעם צעטל „פארבאָטענע״, — ג. גרידאָוו — איז אומגעקומען אין די ערשטע כאָדאָשים פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע. דער קאָמפּאָזיטאָר אי. זשאַק לעבט שוין אויך ניט. די ליד איז אלט 33 יאָר. עס פילט זי אויס די פאָלקס־ארטיסטקע פון רספסר ק. שולזשענקאָ, זי רופט זיך אָפּ מיט טיפן צאָרן וועגן דער פאלשיווקע.

■

א דיקער פּאַקעט, אפן קאָנווערט דער אדרעס: טאשקענט, פּושקינסקאַיא, 39. פאר אוסישקינא. קיין שום אוסישקינא האָט דאָ קיינמאָל ניט געוווינט. לויט די פּאָטשט־קלאָלים, האָט דער שטעלפארטרעטער פון דעם שעף פונעם טאשקענטער פּאָטשטאמט א. נ. קאָל־טשענקאָ אין דער אָנוועזנהייט פונעם שטעלפאר־טרעטער פונעם סאָרטירונג־אָפּטייל ט. ס. זאַדאָרינא און פונעם בריגאַדיר ק. ט. זינאָוויעווא געעפנט דעם בריוו און געפונען... אנטיסאָוועטישע ציִעניסטישע ליטעראַטור.

פונוואַנען ווייסן די ציִעניסטן אדרעסן פון סאָוועטישע מענטשן? אָט ליגט פאר אונדז א האנטביכל אין א ראָזעווען אײַנבונד, ארויסגעגעבן אין פאריזש, אין וועלכן עס זײַנען צונויפגענומען אדרעסן און פאמיליעס פון סאָוועטישע ייִדן: געלערנטע, ספּעציאַליסטן אין פארשיידענע געביטן פון דער טעכניק, קונסט־טוער, ליטעראַטן, זשורנאַליסטן, ספּאָרטסמענער... די דאָזיקע יעדיִעס האָבן אין מעשעך פון עטלעכע יאָר — ביז עס זײַנען איבערגעריסן געוואָרן די דיפּלאָמאַטישע באַציִונגען צווישן דעם סאָוועטנפארבאנד און ייִסראָעל — געזאמלט די מיטארבעטער פון דער ייִסראָעל־געזאנדשאַפט.

אזעלכע יעדיִעס זאמלען די ציִעניסטן אויך איצט. בירגער פון ייִסראָעל זײַנען מעכויעוו מיטצוטיילן אין סאָכנוט די אדרעסן פון זייערע קרויווים און באַקאַנטע אין סאָוועטנפארבאנד. עס טרעפט, אז בריוו, וועלכע ווערן אָפּגעשיקט לויט די דאָזיקע אדרעסן, טרעפן אין ציל. א סאָוועטישער מענטש באקומט פון ייִסראָעל א בריוו, ווו א קאָרעוו לאדט אים אײַן צו זיך און זאָגט אים צו גאָלדענע בערג. דער מענטש ווערט פארפירט פון די צוזאָגן, דערלאַנגט א מעלדונג, מע זאָל אים דערלויבן ארויספאָרן. מע דערלויבט. ער קומט קיין ייִסראָעל, און דערנאָך... אָט וואָס עס שרײַבט קארל אבראַמאָוויטש פון ייִסראָעל (אדרעס: קיריאַט כאַיִם, רעכאָוו בען־צווי, 70/24) צו הערש סאנדלערן קיין טשערנאָוויץ:

„א גוט־מאָרגן אײַך, טײַערע מישפּאָכע סאנדלער. אײַער זון גרישע לערנט נאָך די שפּראַך. אָנקומען לערנען איז דאָ זייער שווער, מע דאַרף דערצו האָבן גרויסע פּראָטעקציעס. זיי דאַרפן ניט אזויפיל סטודענטן, עס קלעקן זיי די אייגענע. גרישע איז זיי נייטיק פאר דער ארמיי. ארבעט איז פאראַן נאָר אף זעקס כאָדאָשים אין יאָר, לענגער אף איין אָרט האלט מען ניט, קעדיי מע זאָל ניט דערארבעטן זיך ביז א סטאַזש. און קיין געלט איז שוין ניטאָ. אײַנאָרדענען זיך אף א פּאַסיקער ארבעט, אויב מע קען ניט די שפּראַך, איז אוממעגלעך. דאָס ווײַב וואַשט נאָר דילן און וועש. און מיטן געזונט האלט בא איר ניט גאָר פויגלדיק — קיין „גיכע הילף״ איז דאָ ניטאָ, און קרענקען קרענקט זי אָפט. אהיים גייט א דאָקטער ניט, מוז מען קראַנקערהייט גיין אין קופּאַט כאָלים (פּאָליקליניק). טײַערינקע, ווי איך בענק נאָך אײַך. ווען איך האָב פליגל, וואָלט איך געפלויגן אהיים״.

■

קאַליפֿן אַף א שאָ

די לעצטע צײַט זײַנען מיטגלידער פֿון דער פּאַלעסטינער אָרגאַניזאַציע „דער שוואַרצער סעפּטעמבער״ באַגאַנגען טעראָריסטישע אַקטן, בײַ וועלכע עס זײַנען אומגעקומען ניט ווייניק אומשולדיקע מענטשן. וואָס איז דאָס פֿאַר אַן אָרגאַניזאַציע? וועלכע צילן שטעלט זי זיך?

כ. בוטלמאַכער, נאָוואָסיבירסק.

אַן אָנפֿאַל אַף דער געזאַנדשאַפֿט פֿון סאַוד־אַראַביע אין סודאַן. קאָרבאָנעס פֿונעם אָנפֿאַל: דער געזאַנדטער פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן, דער געוועזענער צײַטווײַליקער איניאָנים־אָנפֿאַרטרויטער פֿון פּשאַ, דער צײַטווײַליקער איניאָנים־אָנפֿאַרטרויטער פֿון בעלגיע. די אָרגאַניזאַטאָרן פֿונעם אָנפֿאַל האָבן זיך אָנגערופֿן מיטגלידער פֿון דער אָרגאַניזאַציע „שוואַרצער סעפּטעמבער״.

די רעשימע פֿון אַזעלכע טעראָריסטישע אַקטן פֿון דער אָרגאַניזאַציע „שוואַרצער סעפּטעמבער״ איז א לאַנגע. אין דער רעשימע גייען אויך אַרײַן די ספּאָרטסמענער פֿון ייִסראָעל, וועלכע האָבן אָנטיילגענומען אין די אָלימפּישע שפּילן אין מינכען און זײַנען דערמאָרדעט געוואָרן מיצאַד די אַגענטן פֿונעם „שוואַרצן סעפּטעמבער״.

וואָס איז דאָס פֿאַר אַן אָרגאַניזאַציע?

זי באַשטייט דעריקער פֿון יונגע פּאַלעסטינער פּליטים. דער נאָמען „שוואַרצער סעפּטעמבער״ איז פֿאַרבונדן מיט די בלוטיקע געשעענישן, וועלכע זײַנען פֿאָרגעקומען אין סעפּטעמבער 1970 אַף דער טעריטאָריע פֿון יאָרדאַניע, ווען דאָס מיליטער פֿונעם יאָרדאַנישן קיניג הוסיין האָט פֿאָרגענומען א פּרווו צו פֿאַרניכטן די קריגס־אָטריאַדן פֿון די פּאַלעסטינער אַראַבער. וויפֿל מיטגלידער פֿאַרמאָגט אָט די אָרגאַניזאַציע, איז אומבאַוווּסט. מע האַלט, אַז בערערך 300.

די אויפֿגאַבע פֿון „שוואַרצן סעפּטעמבער״ — צוציִען די אויפֿמערקזאַמקײַט פֿון דער וועלט צו דער קאַטאַסטראָפֿאַלער לאַגע פֿון די פֿאַרטריבענע פּאַלעסטינער אַראַבער, וואָס זייער צאָל דערגרייכט איצט 1 מיליאָן 700 טויזנט מענטשן. גלײַכצײַטיק וויל דער „שוואַרצער סעפּטעמבער״ נעקאָמע נעמען פֿאַר די מאַסן־עקזעקוציעס פֿון ייִסראָעל און יאָרדאַניע איבער די פּאַלעסטינער אַראַבער.

די מיטגלידער פֿונעם „שוואַרצן סעפּטעמבער״ האַלטן פֿאַר צוועקמעסיק צו לאָזן אין גאַנג באַליביקע מיטלען, דערונטער טעראָר־אַקטן קעגן ציווילע בירגער פֿון מעלוכעס, וועלכע האָבן קיין שײַכעס ניט צו דער פּאַלעסטינער פּראָבלעם.

ווי מיר זעען, זײַנען פֿאַראַן, צווישן אַנדערע, אויך גערעכטע סיבעס פֿון דער האַנדלונג פֿון דער אָרגאַניזאַציע „שוואַרצער סעפּטעמבער״, אָבער די מעטאָדן פֿונעם קאַמף קאָנען בעשום־אויפֿן ניט באַרעכטיקט ווערן און פֿאָרן זיך לאַכלוטן ניט מיט די צילן.

דאָס ניט איבערקלײַבן אין די מיטלען פֿונעם קאַמף שטאַמט פֿון פּרינציפּלאָזיקײַט פֿון אָט די „קאַליפֿן אַף א שאָ״. זיי האָבן ניט קיין באַשטימטע פּאָליטישע פּראָגראַם, אָפֿט ווייסן זיי אַליין ניט, מיט וועמען און קעגן וועמען זיי טרעטן אַרויס. ווען די מיטגלידער פֿונעם „שוואַרצן סעפּטעמבער״ האָבן אין 1971 דערמאָרדעט דעם פּרעמיער פֿון יאָרדאַניע וואַספּי טעל, וועלכער איז, קלוימערשט, געווען דער אָרגאַניזאַטאָר פֿון די געשעענישן אין סעפּטעמבער 1970, האָט מען אַזאַ אַקט געקאָנט ווי־ניט־איז אויפֿנעמען מיטן סייכל, כאָטש בעשום־אויפֿן ניט באַרעכטיקן. אָבער דער אַקט אין סודאַן איז לאַכלוטן ווײַט פֿון יעטווידער לאָגיק, מע קאָן אים פּאָשעט ניט פֿאַרשטיין. פֿאַרכאַפּט א גרופּע דיפּלאָמאַטן, האָבן די טעראָריסטן פֿונעם „שוואַרצן סעפּטעמבער״ געשטעלט אַן אולטימאַטום, אַז אויב מע וויל פֿאַרהיטן דאָס לעבן פֿון די דיפּלאָמאַטן, זאָל מען צוזאַמען מיט די פּאַלעסטינער, וועלכע זיצן אין די טפֿיסעס פֿון ייִסראָעל און יאָרדאַניע, באַפֿרײַען אויך סירכאַן בישאַר סירכאַנען און די גרופּע פֿון באַאַדער־מײַנהאָף. וואָס פֿאַר א שײַכעס האָבן די קעמפֿער פֿאַר דער באַפֿרײַונג פֿון פּאַלעסטינע מיט סירכאַנען, וועלכער האָט דערמאָרדעט דעם אַמעריקאַנער סענאַטאָר ראָבערט קענעדי? וואָס האָבן אַלגעמיינס די פּאַלעסטינער מיט דער גרופּע דײַטשישע טעראָריסטן, וועלכע האָט אונטערגעצונדן דעם גרעסטן אוניווערמאַג אין פֿראַנקפֿורט־אָפּן־מײַן, באַראַבעוועט א ריי מײַרעוו־דײַטשישע בענק און שפּאָרקאַסעס, דערמאָרדעט עטלעכע צענדליק טשינאָווניקעס און פּאָליציִאַנטן?

דער אויספּירקאָם פֿון דער אָרגאַניזאַציע פֿאַר דער באַפֿרײַונג פֿון פּאַלעסטינע האָט פֿאַרורטיילט די האַנדלונגען פֿונעם „שוואַרצן סעפּטעמבער״ און זיך אָפּגעגרענעצט פֿון אים.

א. דאָראָשענקאָ

בלעטערנדיק זשורנאַלן און צײַטונגען

ווער האָט פאַראַטן?

אָנמערקונג פון דער רעדאַקציע פון „אונדזער פרײַנט“:

מיר ברענגען ווײַטער א לענגערן בריוו, וועלכן עס האָט אונדז אַרײַנגעשיקט א לייענערן פון „אונדזער פרײַנט“, וועלכע האָט זיך אונטערגעשריבן מיט די ראָשעטייוועס מ. ק.

די מאָנטעווידעער צײַטונג „הײַנט“ האָט פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל אונטערן „קעפּל“ „געוויסע פאַרעטער בא די סאָוועטישע ייִדן“ פון י. שמולעוויטש. ער באַשרײַבט א פאַל, ווען א גרופּע סאָוועטישע ייִדן אין ווין, צוריקגעקומענע פון ייִסראָעל, האָבן דאָרט אונטערגעריסן א פּרעסע־קאָנפערענץ פון דעם ייִסראָעל־מיניסטער פאַר אימיגראַציע נאַטאַן פּעלעד. די זאַך איז שוין גאָרניט אַזאַ קליינינקע און פּאָשעטע, אויב ציִעניסטן אַליין שרײַבן שוין וועגן דעם, אָבער זיי רופן אָן יענע ייִדן „פאַרעטער פון ייִדישן פאָלק“. דאָס וואָרט „פאַרעטער“ האָט גוירעם געווען, אַז איך זאָל אָנשרײַבן די פּאָר ווערטער.

איך בין ניט קיין שרײַבערן, נאָר איך האָב דאָס אַלץ מיטגעמאַכט און דורכגעלעבט. איז מיינט מען דאָס מיך? איך בין איינע פון די, וואָס שוין מיט לאַנגע יאָרן צוריק האָב איך פאַרלאָזן דעם ראַטנפאַרבאַנד. און אויך איינע פון די, וואָס האָט געמאַכט אַלע באַמיִונגען צוריק צו פאָרן, אָבער קיין צוריק איז שוין ניט געווען! צי בין איך דערמיט א פאַרעטערן פונעם ייִדישן פאָלק? אָ, ניין! איך בין דאָס פאָלק, און איך בין פאַראַטן און אָפּגענאַרט געוואָרן!

ווי‌אַזוי האָט עס פּאַסירט? איך דערמאָן זיך דאָס יאָר 1939. עס ברעכט אויס די מילכאָמע. איין וואָך געהערט אונדזער שטעטל צו די רוסן. לויטן אָפּמאַך, גייט דאָס איבער צו די דײַטשן. דער רוסישער קאָמאַנדיר בעט, מע זאָל זיך האַלטן רויִק: ווער עס וויל, קען מיטן סאָוועטישן מיליטער אָפּטרעטן אַף ברעסט. א קליין שטעטל — ייִדן א סאַך. די רוסן שטעלן צו עשעלאָנען באַטאָג און באַנאַכט. אעראָפּלאַנען באַגלייטן די עשעלאָנען. עס פאָרט יונג און אַלט, קינדער־און־קייט, געזונטע און קראַנקע. ווער נאָר עס וויל. און דאָ הייבט זיך אָן דאָס גיסן גיפט מיצאַד די שלאַנגען. מע רעדט אַרײַן אין די מענטשן: „בעסער בלײַבן מיטן דײַטש, איידער פאָרן מיטן באָלשעוויק“. מע פירט אַן אַגיטאַציע, און א סאַך מענטשן בלײַבן. פרעג איך: וויפל ייִדן זײַנען אומגעקומען, פאַרפירטע, וואָס האָבן זיך געקאָנט ראַטעווען, ווען מע מישט זיך ניט אַרײַן אין זייער לעבן? זײַנען די, וואָס זײַנען אוועק קיין רוסלאַנד, פאַרעטער געווען? צי האָבן זיי פאַראַטן דאָס ייִדישע פאָלק?

דאָס יאָר 1940. א מאַכנע פון טויזנטער ייִדן, אָנגעקומענע פון פּוילן, אין די ווײַסרוסישע און אוקראַיִנישע שטעט און שטעטלעך, אין די קאָלכאָזן. רוסלאַנד האָט אונדז אופגענומען ווי א מאַמע, געגעבן אַרבעט, וווינונגען און גלײַכע רעכט. מיר האָבן זיך דאָרט געפילט ווי אין אַן אַלטער גוטער היים. אָבער דאָ הייבט זיך ווידער אָן א פּראָפּאַגאַנדע, א שושקעניש, א רעדעניש. ציִעניסטן זוכן אונדז אָפּ אין די היימען, אַף דער אַרבעט, זיי „ראַטעווען דאָס פאָלק“. מע דאַרף צוריקפאָרן, ניט אַרבעטן „פאַר פּאָניען“. מע פאַרשפּרייט א לאָזונג: „מויכל די גליקן, זאָל מען אונדז צוריקשיקן“. און ווען ריבענטראָפּ איז געווען אין לעמבערג, האָבן די ציִעניסטן אָרגאַניזירט א גרופּע ייִדן, וועלכע האָבן זיך געלייגט אַף די טראַמוויַי־שינעס און געשריגן, אַז ריבענטראָפּ זאָל זיי ראַטעווען און צוריקנעמען... מיט דעם אַלעמען האָט עמעצער אָנגעפירט! ריבענטראָפּ „ראַטעוועט“ די ייִדן: ער הייסט מאַכן א לעבעדיקע ריי, און די סעגרעגאַציע הייבט זיך אָן. איינער אַף לינקס, איינער אַף רעכטס. איין ריי בלײַבט אין רוסלאַנד, די צווייטע פאָרט צו ריבענטראָפּן. און זיי, די פירערס, זײַנען צופרידן געווען מיט זייער שאַנד־אַרבעט קעגן רוסלאַנד.

די, וועמען דאָס „גליק“ האָט פאַרלאָזט, זײַנען אַרײַנגעזעצט געוואָרן אין עשעלאָנען און אָפּגעפירט געוואָרן טיף אין רוסלאַנד, ווו זיי זײַנען ניצל געוואָרן פון א זיכערן טויט. קיין פאַשיסט האָבן זיי ניט געזען און קיין באָמבעס ניט געהערט. א סאַך פון די דערמאַנטע נעבעך „אומגליקלעכע“ לעבן איצט אין ייִסראָעל, אויך דאָ אין מאָנטעווידעאָ. איך פרעג: ווו זײַנען יענע ייִדן, וואָס זיי איז געלונגען אַרויסרײַסן זיך פון רוסלאַנד און איבערגעבן זיך ריבענטראָפּן אין די הענט? און ווער איז שולדיק אין זייער אומקום? ווער האָט זיי אָפּגענאַרט און פאַראַטן?

דאָס יאָר 1945. די מילכאָמע האָט זיך געענדיקט. מע אַרבעט, מע לעבט, צוביסלעך נעמט מען לעבן נאָרמאַל, און וואָס צו טאָן פעלט ניט.

א פרישע בעהאָלע: מע דאַרף אויסנוצן דעם מאָמענט, זאָגן די ציִעניסטן, אַרויספאָרן פונדאַנען. מע זאָל ניט גלייבן די רוסן, וואָס זיי זאָגן וועגן צעשטערטן פּוילן, דאָס איז „קאָמוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע“. די ציִעניסטן האָבן געאַרבעט, געלאָפן, גערעדט, ניט גערוט. דער אוילעם האָט זיך געגעבן א ריר פון אָרט. מע האָט אָפּגעגעבן די בירגערשאַפט, וועלכע די רוסן האָבן אונדז געגעבן אַזוי פרײַנטלעך, אָן קיין שום שוועריקײַטן. און מע איז געפאָרן אין אָפּגרונט. די פּאָשעטע רוסן האָבן אונדז געפרעגט:

פאַרוואָס פאָרן מיר? וואָס פעלט אונדז און וווּהין פאָרן מיר? ס׳איז ניט געווען וואָס צו ענטפערן. מע פאָרט, ווײַל עמעצער שושקעט, עמעצער נאַרט, לאָזט ניט רוען, גייט נאָך פּוסטריט. ווידער עשעלאָנען, ווידער געפאָרן...

א גאַנץ לעבן באַגלייט מיך דאָס פרײַנטלעכע, מענטשלעכע געזעגענען אונדז בײַ דעם לעצטן גרענעץ־פּונקט מיצאַד די רוסישע באַן־אַרבעטער און גרענעץ־וועכטער. אין פּוילן איז דאַן נאָך געווען אַן איבער־גאַנגס־צײַט. פיל ייִדן, וואָס האָבן איבערגעלעבט די מילכאָמע אין רוסלאַנד, זײַנען אַרויסגעשלעפּט גע־וואָרן פון דאָרט און גלײַך אין 46־טן יאָר אומגע־קומען. ווער טראָגט די שולד? ווער האָט זיי פאַר־פירט? ייִדן האָבן זיך געגעבן א לאָז צו די סאָוועט־טישע אַמבאַסאַדע־אָפּטיילן אין וואַרשע, דאַנציג, שטשעטשין. און איך בין אויך געווען צווישן זיי. דרײַ מעסלעס בין איך אָפּגעשטאַנען אין וואַרשע, ביז איך בין אָנגעקומען צום קאָנסול. ער האָט אויס־געהערט מיך און מיט טרערן אין די אויגן געענט־פערט: „מענטשן, מענטשן... ווער האָט אײַך פון אונדז געיאָגט?“

אין יאָר 1947 האָט מען אונדז גענומען אַרײַנשוש־קען אין די אויערן: „מע דאַרף לויפן פונדאַנען... פּוילן וועט זיכער ווערן קאָמוניסטיש“. און ייִדן, צעבראָכענע, דעזאָריענטירטע, זײַנען געלאָפן. גע־שמוגלט די גרענעצן. און וויפל פון זיי זײַנען שוין ניט דערלאָפן, געפאַלן ערגעץ־ווו אַף די וועגן צווישן פּוילן און דײַטשלאַנד? ווער טראָגט די שולד פאַר זייער אומקום?

די, וועלכע זײַנען יאָ דערלאָפן, — וואָס זײַנען זיי ניט אויסגעשטאַנען אין די לאַגערן אין די אַמעריי־קאַנער און ענגלישע זאָנעס? לאָז איך איבער פאַר זיי, אַז זיי זאָלן עס דערציילן, אויב זיי זײַנען ער־לעבטע מענטשן.

די צײַט איז געלאָפן, מע האָט אָנגעהויבן באַרויִקן זיך, אַרבעטן. עס שאַפט זיך א ייִדישע קולטור־געזעלשאַפט, שולן, א צײַטונג, א טעאַטער. עס ווערט פריילעכער. מיר זײַנען ווידעראַמאָל דאָ אַף דער ערד פון אונדזערע אָוועס, און מיר זאָגן: דאָ בויען מיר ווידער — דעם סוינע אַף צולאָכעס!

איז דאָך גוט? אָבער די ציוניסטן רוען ניט. מע דערהאַלט פּעקלעך, געלט, דאָלאַרן, ניט וויסנדיק פון וועמען. מע רעדט צו אונדז דורך א געהיימער סטאַנציע. מע האַקט דיר טאָג־אײַן טאָג־אויס, אַזוי ווי א טראָפּן וואַסער אין א שטיין אַרײַן: פאָרן! פאָרן! מע דערציילט דיר פון אַנטיסעמיטיזם. מע שאַפט אים אַפילע דאָרט, ווו ער איז גאָר ניטאָ. דער אוילעם איז שוואַך, נאָכגיביק, גיט מען אָן בײַ־טעס אַף דערלויבענישן צו פאָרן, און מע בעט גאָט, אַז די דערלויבעניש זאָל קיינמאָל ניט אָנקומען, און ווען זי קומט יאָ אָן, טוט מען אַלעס, אַבי צו פאַר־לענגערן דאָס זײַן אין פּוילן... ווען די וויסטע בסורע קומט אָן, וויינט מען און מע קלאָגט, און מע פאָרט. דער טײַוול איז שטאַרק און זײַן אַרבעט איז נידער־טרעכטיק. ווען אַזאַ פאַמיליע פאָרט אַרויס, גייען אַלע ייִדן זי באַגלייטן. אַלע וויינען: די פאָרער און די באַגלייטער, אַזוי ווי עמעצער זאָל האָבן געשטאָרבן.

מיר האָבן, אַרויספאָרנדיק פון פּוילן, פאַראַטן אונד־זערע גיבוירים, פאַריאַסעמט זייערע קוואָרים. מיטן מאָמענט, ווען דו פאַרלאָזט דאָס סאָציאַליסטישע לאַנד, איז אויב דו ווילסט ניט טאַנצן אַף דער ציוניסטישער פידל, האָט מען מיט דיר מער קיין געשעפטן ניט, מעגסט אַפילע שטאַרבן, און דו ביסט א „פאַרעטער“. זיי מאַכן לענדער ריין פון ייִדן. מע נעמט מענטשן, פון דוירעס באַזעסענע אַף יענער ערד, אַרײַנגעוואַקסענע, און מע רײַסט זיי אַרויס מיט די וואָרצלען און מע וואַרפט זיי אַרײַן אין נײַע וועלטן און קלימאַטן. און דאָס הייסט „זאָרגן“ פאַרן פאָלק, „ראַטעווען“ דאָס פאָלק. און קוים ווילסטו ניט מיטמאַכן זייער שפּיל, ביסטו א פאַרעטער. זיי דאַרפן האָבן אַזעלכע, וואָס פאַרקויפן זיך צו זיי, פאָרן אַרום איבער די אַמעריקעס און שפּײַען זיך אַליין אין פּאָנעם.

א קאַפּיטל „רוסלאַנד“ איז הײַנט א גוטע סכוירע. מע באַקומט פאַר אַזאַ דראָשע פעטע דאָלאַרן. א גרויסער שאָד, וואָס שאָלעם־אַליײכעם לעבט ניט איצט. ער וואָלט באַשריבן א נײַעם מענאַכעם־מענדל. יענער האָט געלעבט פון ווינט. דער איצטיקער לעבט פון רעכילעס און שמוץ אויפן ראַטנפאַרבאַנד. מע צאָלט נישקאָשע... צי זײַנען זיי ניט קיין פאַרעטער?

עס איז דאָ אין סאָוועטנפאַרבאַנד א גרויסער ייִדי־שער ייִשעוו. ער לעבט אַף גלײַכע רעכט מיט אַלע דאָרטיקע פעלקער, און זײַ זיכער, אַז ווען ניט די ציוניסטן, וואָלטן א סאַך, א סאַך רוסן גאָר געהאַט פאַרגעסן, אַז עס עקזיסטירן ספּעציעל ייִדן. מע אַר־בעט, מע לערנט זיך, מע געניסט פון אַלעם. דאָס ייִדישע פאָלק אין רוסלאַנד גיט אַרויס פון זיך א סאַך גרויסע מענטשן און לערנט און אַרבעט. און דאָס איז ייִדישער שטאָלץ! זיי האָבן דערהויבערט רום פאַרן ייִדישן פאָלק אַף דער גאָרער וועלט, און מיר דאַרפן זיך דערמיט פרייען און צולייגן א ציגל צו זייער געבײַ. פאַרוואָס זשע וויל מען מיט קויעך צעשטערן זייער לעבן, פאַרניכטן נאָך א ייִדישן ייִשעוו? און ווען עס העלפט שוין ניט בלויז דאָס ריידן, וואַרפט מען באָמבעס, מאַכט מען אָנפאַלן אַף אַמבאַסאַדעס.

פאַרן פרײַז פון זייערע אינטערעסן זײַנען די ציוּ־ניסטן גרייט אומברענגען מיליאָניקע ייִדישע ייִשוּ־ווים, צעברעכן, צעשטערן ייִדישע פאַמיליעס, רויִנירן ייִדישע לעבנס. און ווען די אָפּגענאַרטע זוכן דעם צוריקוועג, אַזוי ווי איך האָב אים געזוכט אין יאָר 1946, ווען זיי ווילן צוריק צו זיך אין זייערע באַ־שיידענע, אָבער מענטשלעכע היימען, זײַנען זיי גאָר „פאַרעטער“. די ציוניסטן שעכטן און ווילן בלײַבן גערעכט!

ביסטו אַן עמעסער ייִד און טראַכסט ערלעך וועגן ייִדישן וווילזײַן, דאַן פריי זיך מיט יעדן ייִדישן ייִשעוו, העלף אים בויען און צעשטער אים ניט. קעמף, אַז אַלע ייִדן אַף דער גאָרער וועלט, ווו זיי געפינען זיך, זאָלן זיך אויסלעבן פרײַ און זײַן גלײַכבארעכטיקט מיט די פעלקער פון יענעם לאַנד, פאָדער, אַז שאָלעם זאָל זײַן אַפן נאָענטן מיזרעך און אַז ייִסראַעל און אַלע אַנדערע לענדער זאָלן דאָרט זיך אויסלעבן אָן באָמבעס, אָן מילכאָמע.

מ. ק. „אונדזער פרײַנט“, מאָנטעווידעאָ

א געשיכטע אין ברוקלין

דאָס איז געשען אינעם ניו־יאָרקער שטאָט־ראַיאָן ברוקלין, אין אָנהייב יון, לעבן דער סינאַגאָגע פון די דאָרטיקע ליבאַוויטשער כסידים.

עטלעכע פּאָליציי־לײַט זײַנען באַפאַלן אַף א ברוטאַלן אופן די כסידים, באַנוצנדיק זיך דערבײַ מיט צעיושעטע אַנטיסעמיטישע זידלווערטער.

איינער פון די צוויי ראַבאָנים פון דער שול, יעהודע קרינסקי, וואָס איז דערבײַ געווען אָנוועזנדיק, האָט איבערגעגעבן, אַז ער האָט געהערט, ווי א סערזשאַנט האָט אויסגעשריגן צו די פּאָליציאַנטן: „נעמט זיך צו די ייִדן!“.

דער צווייטער ראָוו, לייב גראָנער, האָט אַליין געקראָגן פון א פּאָליציאַנט א זעץ איבערן קאָפּ. דער כוליגאַנישער פּאָליציימאַן האָט דערבײַ אַרויסגעצויגן דעם רעוואָלווער פון טאַש און אויסגעשריגן מיט רעציכע: „א שאָד, וואָס היטלער האָט ניט באַוויזן צו פאַרענדיקן דעם „דזשאָב“, וועלכן ער האָט אָנגעהויבן. איך וויל טייטן ייִדן!“

דער איניען איז ניט געבליבן אומבאַקאַנט. די ליובאַוויטשער כסידים האָבן אַרײַנגעטראָגן אָנקלאָגעס קעגן דעם איבערפאַל. זיי פאָדערן, אַז די כוליגאַנישע פּאָליציי־לײַט, אָפענע נאַציס, זאָלן צוגעצויגן ווערן צום געריכט און באַשטראָפט ווערן.

דאָס איז געשען, ווי געזאָגט, אָנהייב יון. אָבער דערווײַל האָבן מיר נאָך ניט געהערט וועגן דער רעאַקציע אַף די אָנקלאָגעס און מיר ווייסן ניט, צי דער איניען וועט בכלל קומען פאַרן געריכט. וואָרעם אָנקלאָגן פּאָליציאַנטן איז ניט אַזאַ פּאָשעטע זאַך, און נאַציזם איז אין די פאַרייניקטע שטאַטן לעגאַל.

מיר האָבן אויך דערווײַל ניט געהערט, אַז די ניו־יאָרקער ייִדישע אָסקאָנים זאָלן פּראָטעסטירן קעגן די נאַציש־אַנטיסעמיטישע עקסצעסן, אָרגאַניזירט און דורכגעפירט דורך די, וועמענס כויוו עס איז צו היטן די אָרדענונג און שיצן די בירגער.

נאָר צו זיי קאָנט איר קיין טײַנע ניט האָבן: זיי זײַנען דאָך אַזוי פאַרנומען מיט זייער „זאָרג“ פאַר די סאָוועטישע ייִדן, אַז ווי קאָנען זיי זען, וואָס עס טוט זיך אָפּ מאַמעש אונטער זייער נאָז...

„נײַע פּרעסע“, פּאַריז

וועגן די אומרוען אין אשדאָד

דאָס נאָרמאַלע לעבן אין אָט דער פּאָרט־שטאָט איז פיר טעג נאָכאַנאַנד געווען צעשטערט צוליב די הונגער־שטרײַקן און בונטן, אין וועלכע עס האָבן אָנטיילגענומען עטלעכע טויזנט אופגעבראַכטע נײַע אימיגראַנטן פון דער סאָוועטישער גרוזיע. זיי האָבן געפאָדערט, מע זאָל זיי באַזאָרגן מיט בעסערער אַרבעט און פאַרבעסערן זייערע לעבנס־באַדינגונגען.

די דאָזיקע „אשדאָדער מילכאָמע“, ווי די ייִסראָעלדיקע פּרעסע האָט אָנגערופן די געשעענישן, האָט דערגרייכט איר קולמינאַציע־פּונקט, ווען 200 ייִדן פון גרוזיע האָבן באַלאַגערט דעם האַפן און פּאַראַליזירט דאָס לעבן פון דער שטאָט. די דעמאָנסטראַנטן האָבן בלאָקירט דעם אַרײַנפאָר אין שטאָט, פאַרכאַפּט די מערהײַט ביניאָנים, וווּ עס געפינען זיך די מעלוכע־אַנשטאַלטן, צעמאַזיקט די פאָרשטייער פון דער מאַכט און אירע באַאַמטע.

א צײַטווײַליקן שטילשטאַנד האָט זיך דערשלאָגן דער טראַנספּאָרט־מיניסטער שימאָן פּערעס, וועלכער האָט עטלעכע שאָ נאָכאַנאַנד געפירט אונטערהאַנדלונגען מיט די דעמאָנסטראַנטן און איז לעסאָף אײַנגעגאַנגען אַף זייער פאָדערונג וועגן דעם, אַז די 47 מענטשן, וועלכע זײַנען געבליבן אָן אַרבעט אין פּאָרט, זאָלן ווידער אָנגענומען ווערן.

פּערעסעס באַשלוס איז קריטיקירט געוואָרן אין דער פּרעסע ווי קאַפּיטולאַציע פאַר דער טאַקטיק פון קויעך. אָבער איצט אַנערקענען די פאָרשטייער פון דער מעלוכע און פון די פּראָפאַריינען אין אשדאָד, אַז אַזאַ באַשלוס איז געווען נייטיק, קעדיי אויסמײַדן אַן ערנסטן אופרײַס אין דער צעקאַעסטער און אומצופרידענער געמיינדע פון די גרוזינער ייִדן אין ייִסראָעל.

„באַליידיקטע און אומצופרידענע מיט דער באַציִונג צו זיי, האָבן אָט די דאָזיקע מענטשן געדראָעט מיט די פויסטן, — האָט דערציילט דער פּראָפאַריין־אָנפירער פון די האַפן־טרעגערס. — עס וואָלט זיך געענדיקט מיט א בלוט־פאַרגיסונג... די גרוזינער ייִדן האַלטן, אַז אין ייִסראָעל באַוואָלט מען זיי און מע באַגייט זיך מיט זיי שלעכט. זיי וועלן ניט אײַנגיין אַף א נעגאַטיוון ענטפער אַף זייערע פאָדערונגען“.

אָט דער מאַסן־פּראָטעסט אין אשדאָד איז אַן אָנשוילעכע אילוסטראַציע צו די פּראָבלעמען, מיט וועלכע עס האָט זיך באַגעגנט די נײַע גרופּע אימיגראַנטן.

איינע פון די שווערסטע פּראָבלעמען איז די שפּראַך־פּראָבלעם. די איבערוועגנדיקע צאָל גרוזינער ייִדן רעדט אַף גרוזיניש, ניט אַף רוסיש. צוליב דער

אויסשניטן פון דער ייִשׂראלדיקער פרעסע

טענדענץ זיך האלטן איזאלירט האבן ווייניק פון זיי זיך אויסגעלערנט ריידן אף איווריט אין אזא מאס, אז זיי זאלן פארשטיין די ייִשׂראלים.

...אויסער דעם סאציאלן אומרעכט, לײַדן א סאך גרוזינער ייִדן פון פינאנציעלע שווערקייטן. די איבערוועגנדיקע מערהייט פון זיי האט ביזן קומען קיין ייִשׂראל געלעבט פארמעגלעך. ניט האבנדיק קיין קאפיטאל אף צו עפענען אן אייגענע אונטערנע־מונג אין ייִשׂראל, זײַנען זיי געצוווּנגען מאסקים זײַן אויסצופילן אין פארט אזעלכע ארבעטן, וואס ווערן שלעכט באצאלט. דאס זעלבע קומט אויך פאר, ווען זיי דינגען זיך אן אף ארבעט אין די זאוואדן אין די פארשטעט. איצט, ווען אין פארט איז ניט קיין סעזאן־צײַט, זײַנען א סאך פון זיי געבליבן אן ארבעט.

לויט דער מיינונג פונעם אויבנדערמאנטן פראפא־רײַן־אנפירער, וועלכער האט אליין עמיגרירט פון מאראקא אין 1950, זײַנען די אנקלאגעס פון די גרוזינער ייִדן אף דער שלעכטער באציִונג צו זיי פולקום באגרינדעט. „די מעלוכע דארף זיך זארגן וועגן די דאזיקע מענטשן, — האט ער געזאגט, — זי האט קיין רעכט ניט פאשעט אראפברענגען זיי אהער און דערנאך איבערלאזן זיי אף גאטס באראט. זיי דארפן באזארגט ווערן מיט ארבעט...”

לויט זײַן מיינונג, באשטייט דאס שרעקלעכסטע אין דעם, וואס א גרויסער טייל פון די ייִשׂראלים באציִען זיך פײַנטלעך צו די גרוזינער ייִדן און דיסקרימינירן זיי אלס נאציאנאלע גרופע. „זיי זײַנען „נײַע מאראקאנער”, — באמערקט ער מיט סאר־קאזם, — צו זיי באציט מען זיך אזוי, ווי צו אונדז מיט 20 יאר צוריק”.

דער פארשטייער פון דער געמיינדע פון די גרו־זינער ייִדן אין אשדאד יאזעף שווילי איז א ברייט־פלייציקער, פעסטער מענטש מיט א רויט פאנעם און א דונערנדיקער שטים. „יעדערער פון אונדז האט געלעבט אין גרוזיע ווי א קיניג אין פארגלײַך מיט דעם, ווי מיר לעבן דא, — האט ער מיט קאס אויס־געשריִען, ווענדנדיק זיך צום קארעספאנדענט. — אונדזערע מענטשן זײַנען אהער געקומען, ווי שע־פעלעך, מיט פארמאכטע אויגן. צו אונדז אין גרוזיע זײַנען געקומען מענטשן און דערציילט, וואס פאר א גליקלעך לעבן עס איז אין ייִשׂראל, און ווען מיר זײַנען אהער אנגעקומען, האט מען זיך צו אונדז באצויגן אף א באנדיטישן אופן”.

„די הויפט־שוועריקײַט, — האט ווײַטער געזאגט שווילי, — אין די עקאנאמישע פראבלעם. א העלפט פון די גרוזינער ייִדן אין אשדאד — די מאנצבלען — האבן ניט קיין ארבעט. די עקאנאמישע שווערקייטן זײַנען אף אזויפיל ערנסט, אז א סאך ייִדן פון גרו־זיע וואלטן זיך אומגעקערט אין סאוועטנפארבאנד. די מערהייט וואלט אוועקגעפארן כאטש הײַנט, ווען עס וואלט מעגלעך געווען אומקערן זיך צוריק”, — האט ער געזאגט.

„ניו־יארק־טײַמס”

ליטעראַטור-קריטיק
ביבליאָגראַפיע
פראַגן פון קונסט

הערש רעמעניק

פּראָבלעמען פון דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער ליטעראַטור.

1. טראַדיציעס. ווירקונגען. נאָוואַטאָרישקייט

די רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט מיך געבעטן אָנשרײַבן אַ סעריע אַרטיקלען וועגן די פּראָבלעמען פון דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער ליטעראַטור. די אויפגאַבע איז אַן ערנסטע און קאָמפּליצירטע. די ייִדישע ליטעראַטור איז פאַרשפּרייט אין פאַרשיידענע לענדער און, מע קאָן זאָגן, אין פאַרשיידענע סאָציאַלע וועלטן מיט פאַרשיידענע לעבנשטייגערס, מיט קעגנזעצלעכע אידייִשע און פּסיכאָלאָגישע פאָרשטעלונגען, מיט פאַרשיידענע אָביעקטיווע מעגלעכקייטן פאַר דער אַנטוויקלונג.

איך וועל באַגרענעצן מײַן טעמע בלויז מיט פּראָבלעמען פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור. דערבײַ מוז איך וואָרענען, אַז מײַן אַרבעט וועט זײַן ניט קיין סכום פעסטגעשטעלטע פּאָסטולאַטן, נאָר דעריקער פאָרלויפיקע באַטראַכטונגען וועגן דעם איצטיקן צושטאַנד פון אונדזער ליטעראַטור. די דאָזיקע באַטראַכטונגען זײַנען מערסטנטייל סוביעקטיווע, און אויב זיי וועלן אַרויסרופן דיסקוסיעס און אָפּרופן פון שרײַבער און לייענער, וועט עס, מיין איך, זײַן נוצלעך.

איך האָב אָן מײַנע באַטראַכטונגען פון אַזעלכע פּראָבלעמען, ווי טראַדיציעס, ווירקונגען, נאָוואַטאָרישקייט, ערשטנס, דערפאַר, ווײַל אין דער ייִדישער ליטעראַטור האָט מען וועגן דעם געשריבן גאָר ווייניק; צווייטנס, ווײַל אין אַט די פראַגן הערשט בא אייניקע ליטעראַטן אַ היפּשער פּלאָנטער. מיר איז ניט איין מאָל אויסגעקומען צו הערן טײַנעס פון שרײַבער, פאַרוואָס מע רעכנט צו זייער שאַפונג צו דער טראַדיציע פון דעם אָדער יענעם קלאַסיקער פון דער פאַרגאַנגענהײַט. איינער אַ פּראָזאַיִקער האָט מיר געזאָגט:

— דאָס, וואָס איר האָט געשריבן, אַז איך בין אַ גוטער פּראָזע־מײַסטער, איז גוט. אָבער ווען איר הייבט מיך אָן שלעפּן צו רייזענען — טויג דאָס ניט. רייזען איז רייזען, און איך בין איך. איך בין מיר אַליין אַ שרײַבער, און איך נייטיק זיך ניט אין דער הילף פון די קלאַסיקער.

די שאַפונג פון יעדער שרײַבער און די ליטעראַריש־קינסטלערישע שאַפונג בכלל איז אין דער אָדער יענער מאָס אַן אָפּשפּיגלונג פון דער ווירקלעכקייט, פון דער עפּאָכע. שוין דערמיט גופא איז די קינסטלערישע שאַפונג אָרגאַניש פאַרבונדן מיט די טראַדיציעס פון די פאַרגאַנגענע היסטאָרישע עפּאָכעס, ווײַל די הײַנטצײַטיקע ווירקלעכקייט פונעם פאָלקס־לעבן וואַקסט אַרויס פון דער פאַרגאַנגענהײַט און אַנטוויקלט זיך אין אַ באַשטימטער מאָס אונטער דער ווירקונג פון די פריִערדיקע צײַטן. מאַרקס האָט אַט דעם געדאַנק אויסגעדריקט אין פאָלגנדע שורות: „מענטשן שאַפן זייער אייגענע געשיכטע, נאָר זיי שאַפן זי ניט אַזוי, ווי זיי ווילט זיך — זיי קומט אויס טעטיק צו זײַן ניט אין אומשטענדן, וועלכע זיי אַליין האָבן אויסגעקליבן, נאָר אין אַזעלכע באַדינגונגען, וואָס זײַנען ניט אָפּהענגיק פון זייער אויסוואַל, אין באַדינגונגען, וועלכע רינגלען זיי אַרום און וועלכע זיי האָבן געיאַרשנט. די טראַדיציעס פון אַלע טויטע דורות הענגען ווי אַ קאָשמאַר איבער דעם באַוווסטזײַן פון די לעבעדיקע"[1].

פּונקט ווי די געשיכטע פון דער געזעלשאַפט אַנטוויקלט זיך אויפן באָדן פון טראַדיציאָנעלער קאָנטינויִטעט, אַזוי איז אויך די ליטעראַטור־געשיכטע אַ

[1] ק. מאַרקס און פ. ענגעלס וועגן קונסט. ב. 1, מאָסקווע, 1957, זז. 129 — 130.

לאנגע קייט פון געבונדענע צווישן זיך רינגען. וואָס מער די שאפונג פונעם שרײַבער איז פארבונדן מיט דער הײַנטצײַטיקער עפּאָכע, אלץ שטארקער און טיפער איז ער אײַנגעוואָרצלט אין דער ליטעראטור־היסטאָרישער טראדיציע. דאָס האָט א שײַכעס סײַ צו דעם אינהאַלט פונעם שרײַבערס שאפן, צו די טעמעס און געשטאלטן פון זײַנע ווערק, סײַ צו דער פאָרם, צו דער שפּראך, צו די מיטלען פון קינסטלערישער שילדערונג. דער קינסטלער קאָן ארויסטרעטן אלס סאמע ראדיקאלער נאָוואטאָר, אָבער ער וועט אלציינס זײַן שטענדיק פארבונדן מיט די טראדיציעס פון דער פארגאנגענהײַט. אין קעגנפאל איז ער אן אומבאדײַטנדיקער שעפער, וועלכער וועט אליין אויך ניט שאפן קיין טראדיציע און וועט ניט איבערלאָזן קיין שפּור אין דער ליטעראטור.

די געוינים פון דער וועלט־ליטעראטור האָבן קיינמאָל ניט אָפּגעלייקנט די פארבינדונג פון זייער שאפונג מיט דער טראדיציע. טאָלסטאָי האָט אליין דײַטלעך פארצייכנט זײַן קרויוועשאפט מיט סטענדאלן, פּושקינען. פּושקין האָט שטענדיק אונטערגעשטראָכן זײַן פארבינדונג מיט שעקספּירן, וואָלטערן, בײַראָנען, מיט דער אלט־גריכישער ליטעראַרישער טראדיציע, מיט דער ביבלישער ליטעראטור, מיט דערזשאווינס, זשוקאָווסקיס, ראדישטשעווס, באטיושקאָווס שאפן. אלעקסאנדער בלאָק האָט אין זײַנע לידער און ארטיקלען ניט איין מאָל גערעדט וועגן דער נאָענטקײַט פון זײַן שאפן צו שעקספּירן, הײַנען, סטרינדבערגן, איבסענען, קימאט צו אלע באדײַטנדיקע רוסישע שרײַבער ביז אים. אין דער יִדישער ליטעראטור איז אמערסטן אײַנגעוואָרצלט אין דער טראדיציע שאָלעם־אלייכעם. און ניט בלויז אין דער טראדיציע פון דער יִדישער ליטעראטור, נאָר אויך פון דער וועלט־ליטעראטור, און באזונדערס — פון דער רוסישער ליטעראטור. ווי אלע געוינישע שרײַבער, האָט שאָלעם־אלייכעם ניט מוירע געהאט, אז מע וועט אים האלטן פאר א „נאָכמאכער", א „קאָפּיִיסט"; ער האָט אליין אָנגעוויזן בא יעדער געלעגנהײַט, אז זײַן שאפונג איז פארבונדן מיט דער טראדיציע פון אזעלכע שרײַבער, ווי סערוואנטעס, הײַנע, סוויפט, טעקעריי, זאָליא, גאָגאָל, נעקראסאָוו, שטשעדרין, אָסטראָווסקי, טשעכאָוו, גאָרקי. און טאקע דערפאר, ווײַל ער איז אליין געווען אָרגאניש פארבונדן מיט דער טראדיציע פון דער אלוועלטלעכער קולטור און ליטעראטור, האָט ער אויך געשאפן א רײַכע טראדיציע, וואָס דויערט ביז הײַנטיקן טאָג. מ. ליטוואקאָוו איז געווען גערעכט, ווען ער האָט געשריבן:

„קימאט אלע יִדישע שרײַבער פאר די לעצטע צענדליקער יאָר זײַנען אויסגעוואקסן און האָבן זיך אנטוויקלט אונטער שאָלעם־אלייכעמס ווירקונג. פון זײַנע ווערק האָבן זיי זיך געלערנט, און זײַנע זעונגען און סימבאָלן, אָפּגערייניקטע פון עניני דיומא (איניאָניי דעיומאָ — טאָג־זאכן, טאָג־קלייניקײַטן. — ה. ר.) און בעקיוונדיקער אנעקדאָטישקײַט, וועלן אַף שטענדיק פארבלײַבן אין אונדזער ליטעראטור"[1].

עס זײַנען פאראן, עמעס, ליטעראטור־קריטיקער, וועלכע האלטן זיך בא אן אנדער שטאנדפּונקט אַף שאָלעם־אלייכעמס שאפן. דער ניט לאנג פארשטאָרבענער שלוימע ביקל האָט געשריבן: „שאָלעם־אלייכעם איז געווען אן איינמאָליקע ליטעראַרישע דערשײַנונג. מיט דער שאָלעם־אלייכעמישער פאָרם האָט זיך נאָר שאָלעם־אלייכעם געקאָנט באנוצן. ער און קיינער נישט מער. ער האָט קיין טאלמידים נישט געהאט, נישט געקאָנט האָבן. שרײַבן אליא שאָלעם־אלייכעם האָט קיין שום ערנסטער שרײַבער ניט געפּרוּווט, ווײַל ער האָט געוווּסט, אז דאָס קאָן נאָר מיינען פּראָפאנאציע פון טעוויעס געשטאלטער, אָבער צו אייגענע קינסטלערישע רעזולטאטן וועט עס נישט דערפירן"[1].

שלוימע ביקל האָט נאָך אין יאָר 1943 זיך דערלויבט צו שרײַבן וועגן שאָלעם־אלייכעמען: „די שאָלעם־אלייכעמישע נאטור־סטיכיע מיט אירע טויזנטער פארפירערישע רייצן האָט אזויארום אין דער היסטאָרישער פּערספּעקטיווע צום טייל א טעל געמאכט פון מענדעלעס געזונטער און פרוכטבארער קולטור־האָרעוואניע — פון זײַן יִדיש־נוסעך. פאר אונדזער שפּראך־באלעבאטישקײַט וואָלט עפּשער דערפאר נאָך איצט געווען נייטיק און פאסיק אוועקשטעלן א וואָרענונג־צייכן „היט אײַך פאר שאָלעם־אלייכעמס לאָשן!"[2].

דערמיט האָט דער קריטיקער דערוויזן, אז ער האָט אין יענער צײַט ווייניק־וואָס פארשטאנען אין שאָלעם־אלייכעמס שאפן. נאָך דעם הונדערטיאָריקן יוביל פון שאָלעם־אלייכעמען האָט ביקל שוין ניט איבערגעכאזערט זײַן וואָרענונג, מע זאָל זיך היטן פאר שאָלעם־אלייכעמס לאָשן. איצט האָט ער שוין טיילווײַז געביטן זײַן מיינונג: „דער געניִאלער יִדיש־שרײַבער שאָלעם־אלייכעם איז אין דער ערשטער ריי געווען דער גרויסער קינסטלערישער אָרגאניזאטאָר פון יִדישע רייד און פון יִדישע רעדערס"[3]. און ווײַטער: „אין מויל פון זײַנע העלדן האָט שאָלעם־אלייכעם דורכגעפירט די גענעראל־מאָביליזאציע פון יִדיש־ווערטער, פון אלע פאָלקס־זאָגעכצער און פאָלקס־רעדעכצער, פון אלע גלײַכווערטלעך און מײַנעלאָשנס. ער האָט אופגעוויקלט פאר אונדז די גאנצע מעגילע פון דער יִדיש־שפּראך און אונדז געבראכט דעם גאנצן אויצער, וואָס גענעראציעס האָבן אָנגעפּרעטעט"[4]. ביקל כאזערט אָבער ווידער איבער זײַן באהויפּטונג, אז שאָלעם־אלייכעם איז געווען אן איינמאָליקע דערשײַנונג און אז „ווער ס׳פּרוּווט אים ליטעראריש נאָכצומאכן, דערווײַזט דערמיט נאָר זײַן הילפלאָזיקײַט און איז אויווער אַף פּראָפאנאציע"[5].

די אנטוויקלונג פון דער יִדישער סאָוועטישער ליטעראטור האָט פולשטענדיק בארעכטיקט מ. ליטוואקאָווס פּראָגנאָז און ניט שלוימע ביקלס. די באדײַטנדיקסטע יִדישע פּראָזאיִקער זײַנען טאקע אַפן ענגסטן אויפן פארבונדן מיט שאָלעם־אלייכעמס טראדיציע פון רעאליזם, פאָלקסטימלעכקײַט און הומאָר. ווער קאָן צווייפלען, אז בערגעלסאָנס פענעק איז א גאָר נאָענטער קאָרעוו פון מאָטל פּייסי דעם

[1] מ. ליטוואקאָוו. אין אומרו. קיִעווער פארלאג, 1919, ז. 95.

[1] שלוימע ביקל. שרײַבער פון מײַן דאָר. צווייטער באנד, טעל־אוויוו, 1965, ז. 306.

[2] שלוימע ביקל. דעטאלן און סאכאקלען. ניו־יאָרק, 1943, ז. 21 — 22.

[3] שלוימע ביקל. שרײַבער פון מײַן דאָר. צווייטער באנד, ז. 424.

[4] דאָרט, ז. 427. [5] דאָרטן.

כאזנס, אז די רײַכקײַט פון דער פאָלקס־שפּראך, די פינקלענדיקע דיאלאָגן און פאָלילאָגן אין „באם דניעפער" זײַנען פארבונדן מיט שאָלעם־אלייכעמס פאָלקס־לאָשן? בערגעלסאָן איז טאקע ביז דער רעוואָליוציע, ביז „באם דניעפער" מער געווען גענייגט צו פערעצן מיט זײַן אינערלעכן מאָנאָלאָג און מיט זײַן שטרענג געצוימטן וואָרט און זאץ. אָבער אין „באם דניעפער" האָט ער זיך א קער געטאָן צו שאָלעם־אלייכעמען אי מיט דעם צענטראלן העלד (פענעק), אי מיטן שפראך־סטיל. איציק קיפניס איז גלײַך נאָכן דערשײַנען פון „כאדאָשים און טעג" דערקלערט געוואָרן פאר איינעם פון די יאָרשים פון שאָלעם־אלייכעמען. און דערקלערט האָט אים פאר אזא יורעש טאקע דאָוויד בערגעלסאָן, וועלכער האָט שוין דעמלט געארבעט איבער זײַן פענעקן און האָט אוואדע ניט ווייניק געטראכט וועגן שאָלעם־אלייכעמען. בערגעלסאָן האָט אין הויפט־העלד פון „כאדאָשים און טעג", אײַזיקן, געזען א ווײַטערדיקע פאָרזעצונג פון שאָלעם־אלייכעמס מאָטל פייסי דעם כאזנס. זעלבסטפארשטענדלעך, עס האנדלט זיך ניט בלויז אינעם הויפט־העלד, נאָר אין דער גאנצער מאניר פון שילדערן די סוויווע און די געשעענישן, אין דער מאָנאָלאָגישער דערציילערישער פאָרם, אינעם הומאָר. דאָס איז אנערקענט געוואָרן ניט נאָר אין דער סאָוועטישער קריטיק, נאָר אויך מיצאד אזא קריטיקער, ווי ש. ניגער אין אויסלאנד.

דער זעלבער ש. ניגער האָט אין זײַן אָפהאנדלונג וועגן מוישע קולבאקס „זעלמעניאנער" פעסטגעשטעלט, אף זײַן אויפן, פארשטייט זיך, אז מוישע קולבאק זעצט פאָר די טראדיציעס פון מענדעלען און שאָלעם־אלייכעמען מיט זײַן שילדערן דעם פאָלקס־שטייגער, די פאָלקס־פסיכאָלאָגיע, די פאָלקס־טיפן, מיט זײַן פאָלקס־שפראך און מיט זײַן פאָלקס־הומאָר.

דאָס זעלבע קאָן מען אויך זאָגן וועגן מייער אלבערטאָנען, וועגן זײַנע „ביראָבידזשאנער" און וועגן „שאכטעס".

וואָס זשע פאר א ווערט קאָן האָבן דער זאָג וועגן שאָלעם־אלייכעמען אלס „איינמאָליקע" דערשײַנונג? וואָס קאָנען באטײַטן די רייד וועגן נאָכמאכערײַ?

אויך די שרײַבער פונעם ייִנגערן דאָר ייִדישע סאָוועטישע פראָזאיִקער האָבן פאָרגעזעצט און זעצן איצט פאָר מיט דערפאָלג שאָלעם־אלייכעמס קלאסישע טראדיציעס. ווען עס איז פארעפנטלעכט געוואָרן בוזי אָליעווסקיס „אָשערל און זײַנע פרײַנט", האָבן אלע גלײַך דערזען, אז דער הויפט־העלד אָשערל איז, ווידעראמאָל טאקע — מאָטל פייסי דעם כאזנס א בלוט־אייגענער ברודער. און הערשל פאָליאנקערס שמײַע גאזלען האָט דען ניט אין זיך קיין שטריכן פון טעוויע דעם מילכיקער מיט זײַן פאָלקסטימלעכקײַט, מיט זײַן אָפטימיזם און מיט זײַן הומאָר? און דער בעקער פון קאָלאָמייע, דער טאלאנטפולער אקטיאָר, דער באגאבטער שעפערישער פאָלקס־מענטש מאקס קרייסלער — צי זעט מען דען ניט, אז אין זײַנע אָדערן פליסט ערטערווײַז דאָס בלוט פון דעם הויך־טאלאנטירטן פידלער סטעמפעניו, פון יאָסעלע סאָלאָוויי? דאָס זעלבע קאָן מען זאָגן אויך וועגן יויסעף ראבינס הומאָר און זײַנע פארשוינען, וועגן כ. זילבערמאנס נײַעם ראָמאן „ראקעטע", וועגן טעוויע גען און זײַן לירישן שמייכל, וועגן אלעקסאנדער גובניצקיס העלדן. אפילע י. רוביאן, וועלכער האָט נאָך ניט קיין גענוגנדיקע אָנזאמלונג פון ליטעראריש־שעפערישע ווערטן, אפילע ער האָט שוין געגעבן אזעלכע „מאָנאָלאָגן", ווו עס פילט זיך שאָלעם־אלייכעמס פרוכטבארע ליטערארישע טראדיציעס.

אויך אנדערע ייִדישע קלאסיקער — מענדעלע מויכער־ספאָרים, י.־ל. פערעץ, אווראָם רייזען, דאָוויד בערגעלסאָן, שאָלעם אש זײַנען אָפן סאמע אָרגאנישן אויפן פארבונדן מיט די ווײַטע און נאָענטע ייִדישע און אלוועלטלעכע קולטור־טראדיציעס. אנדערש וואָלטן זיי ניט געקאָנט האָבן קיין דויערהאפטיקע ווירקונג אף דער ווײַטערדיקער אנטוויקלונג פון דער ליטעראטור. עס איז ניט שווער פעסטצושטעלן פערעצעס ווירקונג אף בערגעלסאָנס און אף דעם ניסטערס שאפן. דאָס איז ניט בלויז טראדיציע, נאָר דירעקטע ווירקונג. טאקע דורך אָט די צוויי גרויסע קינסטלער האָט די פערעץ־טראדיציע זיך געלאָזט הערן אין דער ווײַטערדיקער אנטוויקלונג פון דער ייִדישער סאָוועטישער פראָזע, אין דער שאפונג פון אזעלכע שרײַבער, ווי נויעך לוריע, ש. גאָדינער, מ. דאניִעל, ה. אָרלאנד, מ. אלטמאן, נאָטע לוריע, כ. מעלאמוד, ש. גאָרדאָן, ע. גאָרדאָן, ב. מילער, נ. זאבארע, י. פאליקמאן, און אין די לעצטע אָנדערהאלבן צענדליק יאָר — אין די ווערק פון י. שרײַבמאן, ש. גאָרשמאן, ה. ראבינקאָוו, ר. רובין, מ. לעוו, ל. וואסערמאן, מ. קאָבריאנסקי אא.

אמערסטן בולעט פילט זיך די פערעץ־טראדיציע אין מוישע אלטמאנס דערציילונגען און ראָמאנען. אלטמאן איז נאָענט צו פערעצן פריִער פאר אלץ מיט זײַן דענקערישקײַט, אינטעלעקטואליזם. ווי פערעץ, האָט ער אויסגעארבעט זײַן ראפינירט אינהאלטרײַך וואָרט, זײַן שטרענגן סטיל. אין זײַנע ווערק קאָן מען שפירן ניט בלויז די טראדיציע פון העברעיִש און ייִדיש, נאָר אויך פון דער רוסישער ליטעראטור (בונין) און פון דער מײַרעוו־אייראָפעיִשער ליטעראטור, באזונדערס פון דער פראנצויזישער.

ווען עס גייט א רייד וועגן ליטערארישע און קונסט־טראדיציעס, דארף מען אין זינען האָבן פושקינס טיפע באמערקונג וועגן דעם, אז די קונסט איז לויט איר אויפווירקונג דויערהאפטיקער פון אלע אנדערע פאָרמען פונעם געזעלשאפטלעכן באוווּסטזײַן, אזעלכע, לעמאָשל, ווי וויסנשאפט, פילאָסאָפיע, רעליגיע. דער פאָליטעיִזם פונעם אלטערטום איז שוין קימאט פארגעסן אין דער גאנצער וועלט און איז בא די ציוויליזירטע פעלקער פארביטן געוואָרן מיט מאָנאָטעיִזם, און אין דער נײַסטער צײַט — מיט אטעיִזם. די וויסנשאפט פון אלטערטום און מיטלאלטער זעט איצט אויס נאיִוו אין פארגלײַך מיט די גיגאנטישע וויסנשאפטלעכע דערגרייכונגען פון דער הײַנטצײַטיקער עפּאָכע. די אלטגריכישע פילאָסאָפיע איז לאנג שוין אריבערגעשטיגן אינעם הײַנטצײַטיקן פילאָסאָפישן געדאנק. די רעליגיע, די וויסנשאפט און די פילאָסאָפיע פונעם אלטערטום האָבן אין אונדזער צײַט בלויז א היסטאָרישן אינטערעס ווי א וויכטיקער שטאפל אין דער אנטוויקלונג פון דער מענטשהײַט, ווי דאָס וויגעלע פון דער מענטשלעכער ציוויליזאציע.

אָבער די קונסט פון אלטערטום איז ביז איצט ניט פארעלטערט. האָמערס עפאָס, אריסטאָפאנס קאָמעדיעס, עסכילס, סאָפאָקלס, עווריפידס טראגעדיעס, פינדארס און סאפאָס ליריק, די מיטאָלאָגיע פונעם אלטערטום, די ביבלישע לעגענדעס און דערציילע־

רישע עפּישע זשאנרען, „שיר־השירים״ און „איִעוו״, „מעגילעס־עסטער״ און „רוט״, די נעוויִישע פּובליציסטישע און אָראַטאָרישע קונסט — דאָס אלץ לעבט אין דער ליטעראטור, אין טעאטער, אין דער מוזיק, אין דער מאָלערײַ, אין דער סקולפּטור, אין דער גאנצער קונסט אין פארלויף פון יאָרהונדערטער און יאָרטויזנטער.

די ייִדישע קולטור־ און ליטעראטור־טראַדיציע ציט אויך אירע אָנהייבן פונעם אלטערטום. די ביבלישע ליטעראטור האָט געווירקט אף דער מיטלאלטערלעכער ליטעראַרישער שאפונג (העברעיִש און אראַביש), אף דער ליטעראטור פון דער רענעסאנס־עפּאָכע (העברעיִש און אָנהייב ייִדיש), פון דער אופקלערונגס־עפּאָכע (ייִדיש, העברעיִש, דײַטש, רוסיש) און אף דער ליטעראטור אין סאָף 19־טן און אין 20־טן יאָרהונדערט (ייִדיש, העברעיִש, רוסיש, ענגליש אא.).

עס וואָלט אָבער געווען ניט ריכטיק, ניט וויסנשאפטלעך צו באטראכטן די פּראָבלעם פון ירושע און טראדיציע אבסטראקט, איינזײַטיק. טראדיציע איז — קולטור־אָנזאמלונג, קולטור־רײַכקײַט, אָבער ניט אין ריינעם, אויסגעלײַטערטן צושטאנד, נאָר אין געמיש מיט אָפּגעלעבטן און פארעלטערטן, וואָס איז שוין אין דער נײַער עפּאָכע א קאָנסערוואטיווער קויעך. די אלטע פארגאנגענע טראדיציע קאָן ווערן א געווער אין די הענט פון רעאקציאָנערע קויכעס, ווען זיי קעמפן קעגן דער נײַער רעוואָליוציאָנערער אָרדענונג. די טראדיציע קאָן אויך דינען פאר א מיטל צו אָפּנארן דאָס פאָלק, פאר א מיטל צוצודעקן די אייגענע באגרענעצטקײַט מיט אײַנגעבירגערטע און פארהייליקטע אידייען פון אמאָל. מיט פארשיידענע היסטאָרישע פאראלעלן און טראדיציעס פון אלטערטום האָבן די אידעאָלאָגן פון דער בורזשואזיע צוגעדעקט זייערע אידייען פון פּריוואט־אייגנטום און סאָציאַלער אונטערדריקונג. מארקס האָט וועגן דעם געשריבן:

„פונקט דעמלט, ווען די מענטשן זײַנען, דאכט זיך, פארנומען בלויז דערמיט, וואָס זיי ווילן איבערמאכן זיך אליין און די ארומיקע ווירקלעכקײַט און שאפן עפּעס אזוינס, וואָס איז נאָך ניט געווען, — פונקט אין אזעלכע עפּאָכעס פון רעוואָליוציאָנערע קריזיסן, ווענדן זיי זיך מיט פאכעד צו שפּרוך־באשווערונגען, רופנדיק צוהילף די גײַסטער פון דער פארגאנגענהײַט, אנטלײַען בא זיי נעמען, קאמפּס־לאָזונגען, קאָסטיומען, כדי אין אָט דער פארהייליקטער פון אלטערטום קליידונג, אף אן אנטליִענער שפּראך אָפּשפּילן א נײַעם אקט פון דער וועלט־געשיכטע. אזוי, לעמאָשל, האָט ליוטער זיך איבערגעטאָן אין די קליידער פונעם אַפּאָסטאָל פּאוועל, די רעוואָליוציע פון 1789 — 1814 האָט זיך געפּוצט אמאָל אין קאָסטיום פון דער רוימישער רעפּובליק און אמאָל אין קאָסטיום פון דער רוימישער אימפּעריע, און די רעוואָליוציע פון 1848 האָט קיין בעסערס ניט געפונען ווי פּאראָדירן דאָס 1789 יאָר אָדער די רעוואָליוציאָנערע טראדיציעס פון די יאָרן 1793 — 1795״. „אין די קלאַסיש־שטרענגע לעגענדעס פון דער רוימישער רעפּובליק האָבן די קעמפער פאר דער בורזשואזער געזעלשאפט געפונען אידעאלן און קינסטלעכע פאָרמעס, איליוזיעס, וועלכע זיי האָבן נייטיק געדארפט האָבן, כדיי צו פארשטעלן פאר זיך זעלבסט דעם בורזשואז־באגרענעצטן אינהאלט פון זייער קאמף, כדיי צו האלטן זייער באגײַסטערונג אף דער הייך פון גרויסער היסטאָרישער טראגעדיע. אזוי האָבן מיט א יאָרהונדערט פריִער, אף אן אנדער אנטוויקלונג־שטופע, קראָמוועל און דאָס ענגלישע פאָלק זיך באנוצט צוליב זייער בורזשואזער רעוואָליוציע מיט דער שפּראך, מיט די לײַדנשאפטן און מיט די איליוזיעס, וואָס זיי האָבן אנטליִען אין טאנאך״.[1]

די פּראָבלעם פון טראדיציע און קולטור־ירושע באקומט א באזונדערע באדײַטונג און שארפקײַט אין דער ליטעראטור פון איבערגאנג־עפּאָכעס, אין קריטישע איבערבראָך־מאָמענטן, ווען די געזעלשאפט מאכט דורך א רעוואָליוציאָנערע איבערקערעניש און לאָזט זיך אף נײַע וועגן, וועלכע דארפן פירן צו א נײַ לעבן אף נײַע סאָציאַלע יעסוידעס.

אין אזעלכע רעוואָליוציאָנערע עפּאָכעס ווערט פארשארפט דער קאמף ארום טראדיציע און קולטור־ירושע. דאָס איז באזונדערס צו זען אין דער געשיכטע פון דער סאָוועטישער ליטעראטור אין די ערשטע יאָרן נאָך דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע. די רעאקציאָנערע קויכעס פון דער ליטעראטור האָבן אונטערן אויסרייד פון היטן די טראדיציעס פון דער קלאַסישער קונסט און ליטעראטור זיך קעגנגעשטעלט דער נײַער שאפונג, דער בויונג פון דער רעוואָליוציאָנערער סאָוועטישער קולטור פארן פאָלק.

אָבער אויך אין די רייען פון דער רעוואָליוציאָנערער ליטעראטור זײַנען אופגעקומען קויכעס, וועלכע האָבן ניהיליסטיש אָפּגעלייקנט און אָפּגעוואָרפן יעדן מין טראדיציע און קולטור־ירושע ביכלאַל. דער „פּראָלעטקולט״ („פּראָלעטארישע קולטור״), דער „לעף״ („לעווי פראָנט״), די עקסטרעמיסטן פון ראפּפּ האָבן באטראכט די טראדיציע און די קולטור־ירושע פון דער פארגאנגענהײַט שיר ניט ווי קאָנטררעוואָליוציע.

וו. אי. לענין האָט אף א רעוואָליוציאָנערן וויסנשאפטלעכן אופן דערלייזט די פּראָבלעם פון קולטור־ירושע און קולטור־טראדיציע. לענין איז געווען איבערצײַגט, אז די ליטעראַרישע טראדיציע איז אן אָרגאנישער באשטאנדטייל פון דער ליטעראטור, וואָס ווערט געשאפן אין דער שפּעטערדיקער עפּאָכע. די ליטעראטור פון דער נײַער עפּאָכע קאָן זיך ניט באגיין, זי קאָן ניט געשאפן ווערן אָן קולטור־טראדיציע און אָן קולטור־ירושע. איינציײַטיק האָט לענין געוואָרנט, אז קולטור־ירושע, קולטור פון פארגאנגענע עפּאָכעס, קולטור־טראדיציעס דארפן געיארשנט ווערן קריטיש, אין פארבינדונג מיט די נײַע אופגאבן, וועלכע עס שטעלט פאר דער ליטעראטור און דער פאָרגעשריטענער קולטור די נײַע עפּאָכע. פון דער קולטור־ירושע און דער קולטור־טראדיציע דארפן געיארשנט ווערן בלויז די פאָרגעשריטענע עלעמענטן, וועלכע קאָנען דינען דער נײַער קולטור. מיט אָט דעם וועג איז געגאנגען די סאָוועטישע ליטעראטור. מיט אָט דעם וועג איז געגאנגען, נאטירלעך, אויך די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראטור. עס זײַנען געווען אָפּנייגונגען, פארקריפּלונגען, וועלכע זײַנען ביכלאַל אומפארמײַדלעך פאר יעדער ליטעראטור, וועלכע אנטוויקלט זיך אין זוכונגען, אין שלאכטן. אָבער דאָס איז געווען א וועג פון גיין פאָרויס, פון שטרעבן צו נײַע דעראָבערונגען און דערגרייכונגען.

---

[1] ק. מארקס און פ. ענגעלס וועגן קונסט, ב. 1, מאָסקווע, 1957, זז. 130—131.

די פראָבלעם פון טראדיציע איז אקטועל פאר דער סאָוועטישער ליטעראטור אויך איצט. אין דער רוסישער סאָוועטישער ליטעראטור איז ניט לאנג צוריק קריטיקירט געוואָרן די פּאָזיציע פונעם זשורנאל „מאָלאָדאיא גווארדיא"; די רעדאקציע פונעם זשורנאל האָט פארעפנטלעכט א ריי ארטיקלען, אין וועלכע עס ווערן געמאכט פרוון צו קאנאָניזירן ווי עכט רוסישע פאטריאָטישע טראדיציעס סלאַוויאנאָפילישע, פאנסלאַווּיסטישע און אנדערע רעאקציאָנערע טעאָריעס פונעם 19־טן יאָרהונדערט, אונטערן אויסרייד פון רוסישן פאטריאָטיזם און אפילע רוסישער פאָלקסטימלעכקײַט. דער קריטיקער וו. טשאלמאיעוו האָט זיך דערעדט דערצו, אז דער באוווּסטער רעאקציאָנער און אָבסקוראנט, דער מאָנארכיסט ק. לעאָנטיעוו איז אויך „געווען פּראָגרעסיוו". לויט טשאלמאיעוון קומט אויס, אז לעאָנטיעווס טראדיציעס דארפן איצט געיארשנט ווערן מיצאד דער סאָוועטישער ליטעראטור און קולטור.

אין דער ייִדישער ליטעראטור איז די פראגע פון טראדיציע נאָך שארפער. די ייִדישע בורזשואזע קריטיק אין אויסלאנד האלט אין איין פריידיקן אידייען פון רעליגיע, נאציאָנאליזם אלס די עכט ייִדישע נאציאָנאלע טראדיציעס פון דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער ליטעראטור. די באגאבונג פונעם שרײַבער, זײַן שאפונג אינגאנצן גענומען ווערט אָפּגעשאצט פּאָזיטיוו אָדער נעגאטיוו. אָפּהענגיק דערפון, וויאזוי עס ווערט אָפּגעשפיגלט אין זײַנע ווערק די רעליגיעזע טראדיציע. אזא קריטעריע האָט אָנגעווענדט, לעמאָשל, אין זײַנע ארבעטן דער אויבנדערמאָנטער שלוימע ביקל.

אין זײַן ארטיקל „ר' נאכמען בראצלאווער" שרײַבט שלוימע ביקל:

„וויפל ביכער מע זאָל בא אונדז ניט שרײַבן און וויפל מע זאָל זיך ניט כאקרעבען וועגן דער אידייישער האשפאָע און וועגן דער אידייישער יערושע פון כסידעס, דאכט מיר, אז די סאמע גרעסטע יערושע, וואָס כסידעס האָט אונדז איבערגעלאָזט, זײַנען פאר אלעמען געשטאלטן, ביאָגראפיעס, שטיקער לעבן פון גרויסע פערזענלעכקײַטן, וואָס באווירקן אונדזער פאנטאזיע איצט אחרי מות (אכריי מויס — נאָכן טויט. — ה. ר.), כ'מיין, נאָך דעם, ווי כסידעס האָט שוין לאנג אָפּגעשאלט איר רעוואָליוציאָנערן שאל. אָט די געשטאלטן שאפן ארום דעם קישעף פון זייערע פערזענלעכקײַטן א וווּנדערלעכע אכדעס צווישן ייִדן פון פארשיידענע אידייישע ריכטונגען. עס שטייען אין היספּײַלעס ארום זייערע ביאָגראפיעס, דערציילט אף העברעיש, אף ייִדיש, אף דײַטש, אף ענגליש און אף א שפּאָר ביסל אנדערע שפראכן, וועלטלעכע ייִדן פונקט ווי פרומע, יונגע פונקט ווי אלטע און אסימיליאטאָרן פונקט ווי נאציאָנאליסטן און קיומיסטן. עס איז הײַנט־צו־טאָג פאראן מער ייִדישע אכדעס ארום די כסידישע פערזענלעכקײַטן אין זייער פּאָעטישן היסטאָריש־ראָמאנטישן ווידערגעבורט, ווי בא די פראנצויזן ארום די געשטאלטן פון זייער גרויסער רעוואָליוציע — דאנטאָן, ראָבעספיער און מיראבאָ.

אזא פילבארקײַט פון געשטאלטן, ווי אין דער כסידישער וועלט, האָבן מיר, דאכט זיך, אין לאנגע יאָרהונדערטער נישט געהאט"[1].

צוליב וואָס האָט שלוימע ביקל זיך גענומען אײַנצושמועסן דעם הײַנטצײַטיקן לייענער, וועלכער ווייסט שוין פון לאנג ניט וועגן כסידעס און כסידישע פערזענלעכקײַטן, אזעלכע מײַסעס, וואָס האָבן אונטער זיך קיין שום גרונט ניט? צי שוין זשע האָט ער געמיינט בעעמעס, אז כסידעס פאררייניקט אין א „וווּנדערלעכער אכדעס" מארקסיסטן, לאָמיר זאָגן, מיט ציִעניסטן? ווײַזט אויס, אז זײַן ענגער קלאסן־אינטערעס האָט אים אונטערגעזאָגט אזעלכע פּאראדאָקסאלע געדאנקען.

עס קלינגט מאמעש ווי א פּאראָדיע, ווי לייצאָנעס, שלוימע ביקלס באשרײַבונג פון די כסידישע פערזענלעכקײַטן:

„פון די שפּעטערע איז ר' יִסראָעל רוזשינער געווען כולו מלכות (קולוי מאלכוס — אינגאנצן קיניגלעכקײַט. — ה. ר.), א מין „ראָא סאליי" (זונען־קיניג) פון כסידיש־געזעלשאפטלעכער מאכט, און ר' מענדל, דער קאָצקער — א טרויעריקער כאָכעם אפן טראָן פון א מיילעך, א צעווייטעקטער פילאָסאָף אין דער שפּיץ פון א מעלוכע"[1].

ווען איך לייען אזא אפּאָלאָגיע פון כסידעס און אירע פירער — „אפן טראָן פון א מיילעך", דערמאָנט זיך מיר די שאפונג פון די ייִדישע און העברעיִשע שרײַבער אין 19־טן יאָרהונדערט: יויסעף פּערל, יִסראָעל אקסענפעלד, יִצכאָק ערטער, יִצכאָק־יויעל ליינעצקי, פּערעץ סמאָלענסקין, מאָרדכע־דאָוויד בראנדשטעטער, יעהודע־לייב גאָרדאָן און נאָך פיל אנדערע. זיי האָבן געשריבן וועגן כסידעס און וועגן כסידישע ראביייִשע הויפן, וועגן די כסידישע פערזענלעכקײַטן, ווי וועגן דער פארקערפּערונג פון אומווירדיקײַטן, פון שיקרעס און זנוס, כאבאר און אָפּנארערײַ, אונטערדריקונג און זשוליקערײַ. ווען זשע דארף מען גלייבן — די ייִדישע פּראָגעשריטענע מאסקילים פונעם 19־טן יאָרהונדערט, וועלכע האָבן מיט זייערע אויגן געזען דאָס כסידעס און האָבן עס באשריבן אין קעמפערישע קינסטלערישע ווערק, צי שלוימע ביקלען, וועלכער האָט געפרוווט אף א דאָגמאטישן אופן מאָלן די כסידישע פינצטערלינגען, ווי דענקער און רעוואָליוציאָנערן. אזא „טראדיציע" איז קעגן די אינטערעסן פון דער ייִדישער ליטעראטור, פון דער ייִדישער קולטור.

דאָס הייסט ניט, אז די ליטעראטור דארף ניט מאָלן די פארגאנגענהײַט, אז דער שרײַבער, מאָלנדיק די ווײַטע אָדער נאָענטע פארגאנגענהײַט, מוז אומבאדינגט שילדערן בלויז דאָס נעגאטיווע, לאָמיר זאָגן אפילע אין כסידעס. אָט האָט דער ניסטער געשאפן א מאָנומענטאל ווערק, און דאפקע וועגן כסידעס — „די מישפּאָכע מאשבער". ווי אן עמעס גרויסער קינסטלער, האָט ער היסטאָריש וואָרהאפטיק אופגעשטעלט דאָס בילד פון דער כסידישער באוועגונג, ניט אפּאָלאָגעטיש און ניט ניהיליסטיש. דער ניסטער האָט געשילדערט ברייטע בילדער פונעם פאָלקס־לעבן, און בעסויכעם אויך דאָס נעגאטיווע און דאָס פּאָזיטיווע אינעם כאסידיזם. דערפאר טאקע איז שלוימע ביקל געבליבן אומצופרידן מיטן ניסטערס ראָמאן; דער קריטיקער באהויפּטעט, אז דער ניסטער האָט זיך „אונטערגעגעבן דער פארטיי־ליניע".

[1] שלוימע ביקל. שרײַבער פון מײַן דאָר. צווייטער באנד, ז. 9.

[1] דאָרטן, ז. 10.

אין „סאָוועטיש היימלאנד״ פארעפנטלעכט איצט דער שרײַבער נאטאן זאבארע זײַן ראָמאן „ס׳איז נאָך גרויס דער טאָג״. דער היסטאָריקער הילעל אלעקסאנדראָוו האָט הויך אָפּגעשאצט דעם ראָמאן, וועלכער האָט שוין ארויסגערופן אָפּקלאנגען פון לייענער און שרײַבער בא אונדז און אין אויסלאנד.

ניט דאָ איז דאָס אָרט צו געבן א גענויעם אנאליז פון נאטאן זאבארעס דרייסטן פרווו צו שילדערן ברייט דאָס ייִדישע לעבן אין שפּעטן מיטלאלטער, אין אן עפּאָכע, וועלכע איז אָפּגערוקט פון אונדז אף אכט יאָרהונדערטן. איך וויל דאָ בלויז פעסטשטעלן, אז טראדיציע פון פארגאנגענהײַט, אויב ריכטיק זי באנעמען, קאָן ברענגען דעם שרײַבער צו פרוכטבארע רעזולטאטן. איינצײַטיק וויל איך באמערקן, אז ארום זאבארעס ראָמאן שאפט זיך שוין אין אייניקע ליטערארישע קרײַזן פון אויסלאנד א מין אטמאָספער פון סענסאציע און אזשיאָטאזש. אייניקע מיינען, אז דער ראָמאן איז גוט שוין דערמיט אליין, וואָס ער ווײַזט אזא ווײַטע עפּאָכע, וואָס עס ווערן דערמאָנט אָנגעזעענע נעמען און ווערק פון יענער צײַט, וואָס דער אווטאָר ווײַזט ארויס באהאוונטקײַט און ערודיציע אין געשיכטע און אין קולטור, באזונדערס אין געשיכטע פון ייִדישער קולטור אף העברעיִש. אויב עס ווערן דערמאָנט דער ראמבאם און אלכאריזי און עס ווערן אָנגערופן פילאָסאָפישע און קינסטלערישע ווערק פון יענער צײַט, איז דאָס שוין גענוג, לויט אייניקע „ליטעראטור־קענער״, אז דער אווטאָר און זײַן ראָמאן זאָלן באגריסט ווערן. אנדערע, פארקערט, מיינען, אז דערפאר, וואָס דער אווטאָר איז אוועק אזוי ווײַט פון הײַנטצײַטיקײַט, ערגעץ אין מיטלאלטער, האָט דאָס ווערק אָנגעוואָרן די שארפקײַט און אקטועלקײַט, וועלכע עס רופט ארויס א ראָמאן וועגן הײַנטצײַטיקײַט.

נאטאן זאבארע איז שוין ניט קיין פּאָנעם־כאדאָשעס אין דער ליטעראטור. מיט זײַנע ראָמאנען און דערציילונגען איז ער באוווּסט געוואָרן אלס שעפער, וועלכער שטרעבט צו קינסטלערישע זוכונגען, צו עקספּערימענטירן און אנטדעקן נײַס. דאָס איז די שטענדיקע אופגאבע פון יעדן קינסטלער. איך האָף, אז אויך מיטן נײַעם ראָמאן וועט ער אנטדעקן אזוינס, וואָס וועט באַרײַכערן די ליטעראטור.

ליטעראריש־קינסטלערישע טראדיציעס איז ניט איינס און דאָס זעלבע, וואָס ליטעראריש־קינסטלערישע ווירקונגען. ליטערארישע טראדיציעס זײַנען לויטן פארנעם ברייטער, ווי ליטערארישע ווירקונגען. ליטערארישע ווירקונגען האָבן א שײַכעס הויפּטזאכלעך צו פאָרם, בייס ליטערארישע טראדיציע כאפּט ארום דעם גאנצן טאָך, דעם סאָציאלן און נאציאָנאלן אינהאלט פון דער ליטעראטור אינגאנצן, סײַ אין דער פאָרם, סײַ אינעם אינהאלט. די ליטערארישע ווירקונגען זײַנען מער באגרענעצט אין צײַט, זיי זײַנען דויערהאפּטיק מערסטנטייל אין פארלויף פון איין עפּאָכע, בייס די ליטערארישע טראדיציעס זײַנען גילטיק און ווירקנדיק אין פארלויף פון פיל עפּאָכעס אין מעשעך פון יאָרהונדערטער און אפילע פון יאָרטויזנטער. ליטערארישע ווירקונגען זײַנען דירעקטע, מערסטנטייל פארשפּרייטן זיי זיך פון איין דאָר צום צווייטן, פון איין שרײַבער צום צווייטן, אפילע אין די גרענעצן פון איין דאָר. מע קאָן ריידן וועגן פּושקינס ווירקונג אף דער רוסישער ליטעראטור פונעם 19־טן יאָרהונדערט, נאָר וועגן זײַן ווירקונג אף דער ליטעראטור פונעם צוואנציקסטן יאָרהונדערט קאָן מען שוין ריידן בלויז באדינגלעך. עס לעבן און ווירקן אָבער ביז איצט פּושקינס שעפערישע טראדיציעס.

זעלבסטפארשטענדלעך, יעדע ליטעראטור האָט אירע באזונדערקײַטן אין דער אנטוויקלונג פון דער טראדיציע. די ייִדישע קולטור און ליטעראטור, אויב רעכענען אויך די ליטעראטור פונעם אלטערטום אף העברעיִש און אף אנדערע שפּראכן, האָט א סאך אן עלטערע טראדיציע, לעמאָשל, פון דער רוסישער ליטעראטור און קולטור. אויב אָבער נעמען די טראדיציע אין ייִדיש, הייבט זי זיך אָן ערשט אין סאָף 18־טן — אָנהייב 19־טן יאָרהונדערט; און אויב רעכענען די קלאסישע טראדיציע, הייבט זי זיך אָן פון מענדעלען, פון דער צווייטער העלפט פונעם 19־טן יאָרהונדערט, דערבײַ קאָן מען שוין איצט באטראכטן מענדעלעס שאפן מער אלס טראדיציע, איידער אלס דירעקטע ווירקונג אף דער הײַנטצײַטיקער ליטעראטור.

בענעגייע דער ייִדישער ליטעראטור דארף מען אין זינען האָבן אויך אזא מין אייגנשאפט, וועלכע איז כאַראקטעריסטיש פאר איר אנטוויקלונג און פאר די פּראָבלעמען פון טראדיציע און ליטערארישע ווירקונגען. אין 19־טן און אין אָנהייב 20־טן יאָרהונדערט האָט זי זיך אנטוויקלט הויפּטזאכלעך אלס א ליטעראטור פון פּראָזע, ווייניקער איז געווען אנטוויקלט די דראמע, און נאָך ווייניקער די דיכטונג, צום אונטערשייד פון דער העברעיִשער ליטעראטור, וועלכע האָט געהאט א שטארקע דיכטונג, א שוואכע פּראָזע און א גאָר שוואכע דראמע. אין די זשאנרען פון פּראָזע האָט די הײַנטצײַטיקע ייִדישע ליטעראטור ניט בלויז א רײַכע קלאסישע טראדיציע, נאָר עס פילט זיך איצט נאָך גאנץ בוילעט די דירעקטע ווירקונג פון שאָלעם־אלייכעמען, פּערעצן, בערגעלסאָנען, אשן, רייזענען, דעם ניסטער. אָבער אין דער דיכטונג איז די טראדיציע א ביז גאָר שוואכע. קיין קלאסישע דיכטונג איז אף ייִדיש ביז דעם צווייטן צענדליק פונעם צוואנציקסטן יאָרהונדערט ניט געשאפן געוואָרן, האגאם די קלאסיקער מענדעלע, שאָלעם־אלייכעם און פּערעץ האָבן געשריבן לידער. די אופקלערערישע דיכטונג איז איצט לויט איר פאָרם אזוי פארעלטערט, אז וועגן לערנען זיך בא איר קאָן קיין רייד ניט זײַן. דאָס זעלבע קאָן מען זאָגן אויך וועגן דער פאָלקסטימלעכער דיכטונג פון מיכל גאָרדאָן, אווראָם גאָלדפאדען, עליאָקום צונזער; די רעוואָליוציאָנערע ארבעטער־דיכטער מאָריס ווינטשעווסקי, דאָוויד עדעלשטאט, יויסעף באָווּשאָווער, מאָריס ראָזענפעלד האָבן אוואדע געשאפן א טראדיציע, וואָס איז געווען וויכטיק מיט איר רעוואָליוציאָנערן אינהאלט און מיט דער נאָוואטאָרישער פאָרם, אָבער קיין קלאסישע דיכטערישע טראדיציע האָבן זיי אויך ניט געשאפן.

דער איינציקער דיכטער — קלאסיקער איז געווען כאַיִם־נאכמען ביאליק. ער האָט געשאפן א קלאסישע דיכטערישע טראדיציע אף העברעיִש, אויך אף ייִדיש. ביאליקס טראדיציע און זײַן ווירקונג לאָזן זיך דײַטלעך פילן אין שווארצמאנס, האָפשטיינס, מארקישעס, האלקינס דיכטונג. אף וויפל אָבער ביאליק האָט זײַנע ווערק געשאפן דעריקער אף העברעיִש, איז זײַן טראדיציע און זײַן ווירקונג געווען גילטיק אין די ווערק פונעם עלטערן דאָר ייִדישע סאָוועטישע דיכטער. די ווײַטערדיקע דורעס פון די דרײַסיקער יאָרן און ביז אונדזער צײַט האָבן שוין ביאליקס טראדיציעס און

ווירקונגען ניט געקאָנט אנטפּלעקן, סײַדן דורך פאַרמיטלונגען, דורך דער שאַפונג פונעם עלטערן דאָר דיכטער.

די קלאַסישע טראַדיציע פון דער ייִדישער דיכטונג איז געשאַפן געוואָרן ניט אין 19־טן יאָרהונדערט, נאָר אין די ערשטע דרײַ צענדליק יאָר פונעם 20־טן יאָרהונדערט, אין די צוויי גרעסטע צענטערס פון דער ייִדישער ליטעראַטור — רוסלאַנד און אַמעריקע. מיט אַן אומגעהײַערער קראַפט האָבן זיך געלאָזט הערן די מעכטיקע שטימען פון אַשער שוואַרצמאַן, דאָוויד האָפשטיין, לייב קוויטקאָ, פּערעץ מאַרקיש, שמואל האַלקין, עזראַ פינינבערג, איזי כאַריק, איציק פעפער אין ראַטנפאַרבאַנד און פון ה. לייוויק, מוישע־לייב האַלפּערן, מאַני־לייב אין אַמעריקע. די דאָזיקע דיכטער זײַנען געווען אין איינער און דער זעלבער צײַט קלאַסיקער, שעפער פון טראַדיציע און עכטע נאָוואַטאָרס.

נאָוואַטאָרישקײַט איז עפּשער דער ערשטער סימפּטאָם פון קלאַסישער שאַפונג. דאָס באַטײַט ניט, אַז דער נאָוואַטאָר מוז אָפּלייקענען די שאַפונג פון די פריִערדיקע קלאַסיקער. די געשיכטע פון דער ליטעראַטור ווייסט פון בײַשפּילן, ווען דיכטער האָבן מיט טומל און דראַנג דערקלערט, אַז זיי אַנערקענען ניט די פאַריקע שאַפונג, די פאַריקע שעפער, אַז בלויז זיי זײַנען די שעפער פון דער הײַנטצײַטיקער און פון דער קומענדיקער דיכטונג. דער רוסישער דיכטער — סימבאָליסט קאָנסטאַנטין באַלמאָנט האָט אַלע רוסישע דיכטער ביז אים באַטראַכט ווי זײַנע פאָרגייער, וואָס זייער ווערט באַשטייט בלויז דערין, וואָס זיי האָבן צוגעגרייט זײַן קומען אין דער דיכטונג.

די רוסישע קובאָפוטוריסטן זײַנען אַוועק נאָך ווײַטער. אין זייער מאַניפעסט „א פּאַטש אין פּאָנעם דעם געזעלשאַפטלעכן געשמאַק" האָבן זיי גערופן „אַראָפוואַרפן פּושקינען, דאָסטאָיעווסקין, טאָלסטאָיען און אַנד. פון דער שיף פון דער הײַנטצײַטיקײַט"[1]. הײַנט ווייסן מיר שוין, אַז פונעם דאָזיקן „נאָוואַטאָרישן" טראַסק, פּונקט ווי פון דער פוטוריסטישער „געלער קאָפטע", האָט זיך גאָרניט באַקומען אין דער רוסישער דיכטונג. מאַיאַקאָווסקי האָט זיך גיך באַפרײַט פון די קובאָפוטוריסטישע ווירקונגען און איז געוואָרן דער אָנגעזעענסטער דיכטער פון דער רעוואָלוציע. די איבעריקע פוטוריסטן זײַנען נאָך באַם לעבן פאַרגעסן געוואָרן. דאָס זעלבע קאָן מען זאָגן אויך וועגן די רוסישע עגאָפוטוריסטן, וועלכע האָבן ניט אַרויסגערוקט קיין איין באַדײַטנדיקן דיכטער, אויסער איגאָר סעווועריאַנינען. פון דער גרופּע אימאַזשיניסטן איז בלויז סערגיי יעסענין פאַרבליבן אַלס גרויסער דיכטער. ווער ווייסט איצט וועגן אַזעלכע, ווי שערשעניעוויטש און מאַריענהאָף?

אויך אין דער ייִדישער ליטעראַטור זײַנען געווען שאַרפע אַרויסטרעטונגען קעגן טראַדיציעס און קעגן דער ליטעראַטור פון דער פאַרגאַנגענהײַט, פאַרשטייט זיך אין נאָמען פון נאָוואַטאָרישקײַט, אין נאָמען פון נײַער קונסט און אַפילו פון קומענדיקער קונסט. איך האָב אין זינען די ליטעראַרישע דעקלאַראַציעס פון די „יונגע" אין אַמעריקע. זיי האָבן פּראָקלאַמירט דעם קולט פון וואָרט. דאָס וואָרט האָט געזאָלט פאַרבײַטן אַלץ און ווערן אַ זעלבסטציל. דאָס וואָרט איז מיסטיפיצירט געוואָרן.

[1] Сб. «Пощечина общественному вкусу», 1912, стр. 455.

אין דער דרײַמאָנאַט־אויסגאַבע „שריפטן", וואָס די „יונגע" האָבן אַרויסגעגעבן אין אַמעריקע, לייענען מיר: „קיינער פון דער גאַנצער ייִדישער ליטעראַטור האָט אינעם ייִדישן וואָרט ניט דערהערט אַזויפיל קלאַנגען, אַזויפיל ריטמען, ניט דערזען אַזויפיל פאַרבן און זעונגען, ווי די יונגע. זיי האָבן אינעם ייִדישן וואָרט אַנטדעקט אַן אָפּציטערונג פאַר זיך, אַ נײַע ליבשאַפט, אַ בליצנדיקע שיינקײַט, אַ באַהאַלטענע און פאַרבאָרגענע פון אַלעמענס אויגן"...[1]

אַלס נאָוואַטאָרס און וואָרט־באַנײַער האָבן די „יונגע" געהאַלטן בלויז זיך, דאָס הייסט זייער גרופּע. די גאַנצע ייִדישע ליטעראַטור האָט, לויט דער פעסטער איבערצײַגונג פון די „יונגע", ניט פאַרשטאַנען די באַדײַטונג פונעם וואָרט. „מיר טיילן זיך אָפּ פון אַלעמען, — ווערט געזאָגט ווײַטער אינעם ציטירטן אַרטיקל, — ניט נאָר פון די שרײַבער, נאָר פון אַלעמען. מיר ווילן זײַן אָפּגעזונדערט, אונדזער אויער קאָן ניט פאַרנעמען די פאַלשע קלאַנגען, די פאַרבײַליקטע ליטעראַטור, די ניט־געליבטע און ניט־געאַכטעטע. מיר מאַכן אַ שאַרפן גרענעץ צווישן אונדז און אַלעמען. די גאַנצע ייִדישע ליטעראַטור האָט ניט געוואָלט זיך דערהייבן צו אַ גרויסקײַט, צו אַן עמעס פאַר זיך אַליין, צו אַ שיינקײַט פון דער גאַנצער וועלט"[2].

איך וויל ניט פאַרגלײַכן די „יונגע" מיט די קובאָ־ און עגאָ־פוטוריסטן. די רוסישע פוטוריסטן האָבן ניט געגעבן דער ליטעראַטור קיין איין באַדײַטנדיקן דיכטער. אָבער דאָס איז נאָך ווייניק. זיי האָבן געהאַט פאַר זיך, ביז זייערע מאַניפעסטן, אַ רײַכע טראַדיציע פון גענִאַלער דיכטונג אין 19־טן און אַפילו שוין אין 20־טן יאָרהונדערט. דעריבער איז אין זייערע דעקלאַראַציעס אויסער פוסטער כוצפּעדיקער אַמביציע גאָרנישט ניט געווען. די אַמעריקאַנער „יונגע", פאַרקערט, האָבן אַרויסגערוקט אַזעלכע גרויסע דיכטער, ווי לייוויק און מוישע־לייב האַלפּערן. אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלץ. די ייִדישע דיכטונג האָט אין 19־טן יאָרהונדערט און אַפילו אין ערשטן צענדליק פונעם 20־טן יאָרהונדערט געהאַט אַ שוואַכע טראַדיציע. דעריבער איז אין מאַניפעסט פון די „יונגע" געווען אַ באַשטימטער עמעס. ווען מע לייענט די אַרויסטרעטונגען פון די ערשטע ייִדישע סאָוועטישע דיכטער און פון די ערשטע סאָוועטישע קריטיקער (מאַרקיש, ליטוואַקאָוו, דאָברושין אאַ.), קאָן מען הערן אַנאַלאָגישע טענער, ווי בײַ די „יונגע", אין דער אָפּשאַצונג פון דער ייִדישער דיכטונג פון 19־טן און פון אָנהייב 20־טן יאָרהונדערט, באַזונדערס פון אַזעלכע דיכטער, ווי אייכנהאָרן, סעגאַלאָוויטש.

די ערשטע ייִדישע סאָוועטישע דיכטער און די אַמעריקאַנער דיכטער פון די צוואַנציקער און דרײַסיקער יאָרן האָבן, פאַרשטייט זיך, געווירקט אויף די ווײַטערדיקע גענעראַציעס פון דער ייִדישער דיכטונג. די מערהײַט ייִדישע סאָוועטישע דיכטער פון דעם צווייטן און דריטן דאָר, ביז אונדזער צײַט, זײַנען אין דער אָדער יענער מאָס גע־

[1] „שריפטן". אַ דרײַמאָנאַט־בוך. פאַרלאַג „אַמעריקאַ". זומער 1919, ז. 33—34.

[2] דאָרטן.

ווען אונטער דער דירעקטער ווירקונג פון שוואַרצמאַנען, האָפּשטיינען, קוויטקאָן, מאַרקישן, קושניראָוון, האַלקינען, פינינבערגן, פעפערן, כאַריקן. די מער באַדײַטנדיקע הײַנטצײַטיקע דיכטער — אַרן ווערגעליס, אוורהאָם גאָנטאַר, מוישע טייף, מאָטל גרוביאַן, שיקע דריז, כאַיִם מאַלטינסקי, יאַנקעוו שטערנבערג — זײַנען אָרגאַניש פאַרבונדן מיט דער טראַדיציע פונעם ערשטן דאָר ייִדישע דיכטער אין ראַטנפאַרבאַנד און אין אויסלאַנד. אָבער די וויכטיקסטע פּראָבלעם פון זייער שאַפן איז שוין איצט ניט טראַדיציע און ווירקונג, נאָר דעריקער — נאָוואַטאָרישקײַט; דאָס זײַנען דיכטערישע פּערזענלעכקײַטן, וועלכע זוכן און געפינען, פאָרשן און אַנטפּלעקן; זיי לערנען זיך און זײַנען אָבער אומעטום און אין אַלץ זעלבשטענדיק, נײַ, אַנדערשדיק; זיי גייען פאָרויס מיט אייגענע וועגן.

אין דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור האָבן זיך איבערגעקרייצט אין איין פּונקט די פּראָבלעמען פון טראַדיציע, ווירקונג און נאָוואַטאָרישקײַט. די שרײַבער־אָנהייבער, די מערהײַט פון וועלכע עס זײַנען טראַגיש אומגעקומען, פאַרבלײַבן אין דער געשיכטע פון אונדזער ליטעראַטור אַלס גרויסע שעפער. באַ זיי לערנען זיך די הײַנטצײַטיקע ליטעראַטור־שעפער. אָבער דער איצטיקער דאָר שרײַבער האָט זיך שוין דערהויבן צו אַזאַ שטופע פון מײַסטערשאַפט, וואָס איז ניט נידעריקער פון דער מײַסטערשאַפט פונעם ערשטן סאָוועטישן ליטעראַרישן דאָר. מאָטל האַרצמאַן איז מיסטאַם געווען באַווירקט פון פינינבערגן. אָבער אין אַ ריי לידער איז ער לויט דער קינסטלערישער קראַפט ניט שוואַכער פון פינינבערגן; אָליעווסקי איז לויטן אינהאַלט און לויטן סטיל פון זײַן דיכטונג געווען נאָענט צו האָפּשטיינען, אָבער ער איז שטענדיק געווען אומאָפּהענגיק און אָריגינעל. ווערגעליס איז מיט עפּעס קרויוויש צו שוואַרצמאַנען, אָבער אייגנצײַטיק — ווײַט און אַנדערש, נײַ און אַנטדעקעריש, זוכעריש און אָנהייבעריש אין זײַן ליריק און אין זײַן עפּאָס, אין דער פּובליציסטישער ליד און אין דער אינטימער לירישער מיניאַטור. און מוישע טייף? ער איז שטענדיק נאָוואַטאָריש און פאַרבונדן מיט טראַדיציע אַזש ביז דער איבערדיכטונג פון „שיר־השירים‟. מאָטל גרוביאַן איז מאָמענטנווײַז, אין זין פון פּאָעטישער קולטור, פון ריטמיק און מעלאָדיק, אין זין פון פּאָעטישן לאָשן אַמאָל אַ קוואַדפּע, אָבער ער איז שטענדיק אָריגינעל, אײַנפּאַלעריש און לײַדנשאַפטלעך־טראַגיש. גאָנטאַר איז באַווירקט פון האַלקינען, אָבער גאָנטאַרס פּאָעטישע קולטור האָט שוין דערגרייכט אַזאַ הויכע שטופע, וואָס נעמט אַראָפּ די פראַגע וועגן ווירקונג. אין כאַיִם מאַלטינסקיס ליד פילט זיך די פאָלקסטימלעכע טראַדיציע פון כאַריקן און קולבאַקן. אָבער אין דער זעלבער צײַט איז ער אייגנאַרטיק און זעלבשטענדיק אין זײַן דיכטעריש וואָרט.

די מער אָנגעזעענע ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער זעצן פאָר די רומפולע טראַדיציעס פון די פריערדיקע גרויסע שעפער און גייען ווײַטער.

די ייִדישע ליטעראַטור איז אין פאַרלויף פון קימאַט טויזנט יאָר, זינט איר אַנטשטיין און ביז אונדזער צײַט, פון אירע סאַמע ערשטע אָנהייבן געווען פאַרבונדן מיט דער העברעיִשער קולטור, מיט דער העברעיִשער טראַדיציע און מיט דער העברעיִשער שפּראַך. דער אַמאָליקער קאַמף צווישן די „העברעיִסטן‟ מיט די „ייִדישיסטן‟ האָט איצט קיין שום זין ניט. דאָס איז, אייגנטלעך, געווען אַ קאַמף פון די ציוניסטן מיט די בונדיסטן. אים האָט נאָך אויסגעלאַכט שאָלעם־אַלייכעם אין זײַן געניאַלן ציקל „קאַסרילעווקער פּראָגרעס‟. פאַרבינדן אין די איצטיקע באַדינגונגען דעם קאַמף קעגן ציוניזם מיט קאַמף קעגן העברעיִש וואָלט געווען אינגאַנצן אומבאַרעכטיקט. איוורית איז די שפּראַך פון דעם ייִדישן פאָלק אין ייִסראָעל, פונעם פּראָלעטאַריאַט, פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, פון דער פּראָגרעסיוונער וויסנשאַפט און קולטור אין ייִסראָעל.

אין דער זעלבער צײַט איז די הײַנטצײַטיקע ייִדישע סאָוועטישע ליטעראַטור אָרגאַניש פאַרבונדן מיט דער רוסישער קולטור און ליטעראַטור, מיט דער קולטור און ליטעראַטור פון די פעלקער פונעם ראַטנפאַרבאַנד. דער עלטערער דאָר ייִדישע שרײַבער, די ייִדישע שרײַבער ביז דער רעוואָליוציע זײַנען געווען באַקאַנט מיט דער פּראָגרעסיוונער קלאַסישער רוסישער ליטעראַטור. עס האָט עקזיסטירט אַ ייִדישע ליטעראַטור אויף רוסיש. אָבער דאָס אַלץ קאָן ניט פאַרגלײַכט ווערן מיט דער אָרגאַנישער איינהײַטלעכקײַט פון דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור מיט דער גאַנצער סאָוועטישער קולטור און ליטעראַטור. די רוסישע שפּראַך איז איצט די צווייטע מוטער־שפּראַך פון אַלע ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער. אַ ייִדישער שרײַבער אין ראַטנפאַרבאַנד איז אַ גלײַכבאַרעכטיקטער מיטגליד פונעם אַלסאָוועטישן שרײַבער־פאַרבאַנד. רוסיש איז פאַרן ייִדישן שרײַבער די גײַסטיקע לופט, מיט וועלכער ער אָטעמט „פון געבוירן ביז פאַרלוירן‟. דורך רוסיש באַהעפט ער זיך צו דער אַלוועלטלעכער, צו דער אינטערנאַציאָנאַלער קולטור.

ביז דער רעוואָליוציע האָבן בלויז די גרעסטע ייִדישע שרײַבער זיך געווען צו זען זייערע ווערק אויף רוסיש. פון די קלאַסיקער זײַנען נאָר שאָלעם־אַלייכעם און שאָלעם אַש געווען פּאָפּולער און באַוווּסט אין דער רוסישער ליטעראַטור. אפילו מענדעלע מוכער־ספאָרים, י.־ל. פּערעץ, אווראָם רייזען, דאָוויד בערגעלסאָן זײַנען אויף רוסיש ניט געווען באַוווּסט. אָבער איצט איז שוין מיסטאָמע ניטאָ קיין איין ייִדישער סאָוועטישער שרײַבער, וועלכער זאָל ניט האָבן קיין בוך און אפילו עטלעכע ביכער אויף רוסיש. און ניט בלויז אויף רוסיש, נאָר אויך אויף אוקראַיִניש, ווײַסרוסיש און אויף אַנדערע שפּראַכן פון די פעלקער פונעם ראַטנפאַרבאַנד. איצט זײַנען די טראַדיציעס, די ווירקונגען און די נאָוואַטאָרישקײַט אין דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור פאַרבונדן מיט דער פּראָבלעם פון נאַציאָנאַלן און אינטערנאַציאָנאַלן אין דער גאַנצער סאָוועטישער ליטעראַטור, מיט די נײַע פּראָצעסן אין דער בויונג פון דער סאָוועטישער קולטור און ליטעראַטור אינגאַנצן גענומען.

באָריס שײַנין

קונסט, וואָס רופט צו פאַרטראַכטן זיך

צווישן די געסט פונעם אכטן צווישנפעלקערלעכן קינאָ־פעסטיוואַל אין מאָסקווע איז געווען דער ייִסראָעלדיקער קינאָ־רעזשיסער יאַנקעוו אגמאָן. ער האָט געבראַכט מיט זיך זײַן קינסטלערישן פילם „די באַלאַגערונג״. דער פילם האָט צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקײַט פון די מאָסקווער צושויער.

פאַרשטייט זיך, אַז לויט איין פילם איז שווער אורטיילן וועגן דעם קינעמאַטאָגראַף פון ייִסראָעל, ווו עס ווערן פּראָדוצירט 26 פולמעטראַזשיקע פילמען א יאָר. דער עצעם פאַקט אָבער, וואָס עס האָט זיך באַוויזן אַזאַ פילם, ווי „די באַלאַגערונג״, זאָגט אײדעס, אַז אין דער ייִסראָעלדיקער קינעמאַטאָגראַפיע זײַנען פאַראַן פּראָגרעסיווע שעפערישע קויכעס, וועלכע שטעלן ערנסטע פּראָבלעמען.

דאָס איז דער גרונט־אויספיר, א פרײדיקער אויספיר, וועלכן עס האָבן געמאַכט די מאָסקווער צושויער.

די טיטרען, אָפּגעדרוקטע אויף א טעלעגראַפישער טאַשמע, דאָס קלאַפּן פונעם טעלעטײַפּ, וואָס דערמאָנט אין א שיסערײַ פון אווטאָמאַטן, — אָט דער אָנהייב שאַפט טייקעף א געפיל פון אומרו... דער דאָזיקער געפיל פאַרשטאַרקט זיך נאָך מער בײַ די ערשטע קאַדרען פונעם פילם: מענטשן בײַם ראַדיאָ־רעפּראָדוקטאָר הערן די לעצטע נײַעס.

ערגעץ פליִען קאָסמאָנאַווטן, עס טרעטן אַרויס אויף סימפּאָזיומס געלערנטע, ערגעץ פרייען זיך מענטשן, רוען אָפּ, מיִען זיך...

אויך דאָ, אין איינעם פון „די אָנגעגליטע פונקטן פון דער פּלאַנעטע״, פאַרווײַלן זיך מענטשן, אויך דאָ טוען זיי זייער טאָגטעגלעכע אַרבעט. דאָס לעבן איז דאָ אָבער גאָר אָן אָנדערש, עס רײַסן זיך אין דעם אַרײַן גרויזאַמע ידיעות וועגן בלוט־פאַרגיסונגען, וועגן אומגעקומענע מענטשן.

מעגלעך, אַז הײַנט האָט זיך אונטערגעריסן אויף א מינע דײַן מאַן, דײַן ברודער אָדער דײַן זון... און מאָרגן קאָן דער דיקטאָר אָנרופן נאָך א באַקאַנטן נאָמען, און דאַן וועט זיך צום געיאָמער פון די מוטערס און פרויען פאַרייניקן נאָך איין שטים... ווי ענלעך עס זײַנען צווישן זיך מענטשן, וועמען ס'האָט געטראָפן אַן אומגליק! עס וויינען דען אַנדערש די וויעטנאַמער מוטערס, ווי די ייִסראָעלדיקע, אָדער ווי די אַראַבישע, אָדער ווי די אירלענדישע?

קעדײַ אַראָפּנעמען קאַדרען פון ברודער־קוואָרים, מיליטערישע בעסאַלמענס, איז די אווטאָרן פונעם פילם ניט אויסגעקומען אוועקצושטעלן דעקאָראַציעס.

די סוזשעטישע ליניע פונעם פילם איז געבויט אויף דער לעבנס־געשיכטע פון דער יונגער אַלמאָנע טאַמאַר. די פרײַנט פון איר מאַן, וועלכער איז געפאַלן בײַס א שלאַכט צווישן ייִסראָעלדיקן און אַראַבישן מיליטער, זאָרגן וועגן איר. אָבער זייער מיטגעפיל פאַרטיפערט די ווונד. טאַמאַר איז מיד. זי וויל אוועקגיין פון די שווערע דערינערונגען, אָנהייבן א נײַ לעבן. זי באַגעגנט דעם שאָפער פון א בולדאָזער דאָוויד. מיט אים, קאָן זײַן, וועט זי ווידער זײַן גליקלעך. נאָר דאָווידן, פונקט ווי איר ערשטן מאַן, נעמט מען צו אויף מיליטערישער דינסט. און ווידער איז טאַמאַר צוגעשמידט צום רעפּראָדוקטאָר, ווידער הערט זי זיך צו צו די לעצטע נײַעס. די ראַדיאָ טיילט מיט, אַז ערגעץ אויף דער גרענעץ האָט זיך אָנגעשטויסן אויף א מינע א בולדאָזער, עפּשער איז עס געווען דאָווידס בולדאָזער?

אַזאַ סוזשעט וואָלט געקענט פאַרוואַנדלען דעם פילם אין א מעלאָדראַמע. די אווטאָרן האָבן אָבער בלויז אויסגענוצט דעם סוזשעט צוליב אַן ערנסטער סאָציאַלער פאָרשונג. זיי האָבן מיט דער הילף פון דער קינעמאַטאָגראַפישער קונסט באַוויזן די געזעלשאַפט, אין וועלכער זיי לעבן.

אין פילם פלעכטן זיך איבער דאָקומענטאַלע קאַדרען מיט שוישפּילערישע. דעם פילם נעמט מען אַראָפּ אויף די גאַסן, אין טעל־אוויווער אַעראָפּאָרט לאָד, אויפן סטאַדיאָן, אין שול, אין דער באָמבעבאַהעלטעניש. די צופעליקע פאַרבײַגייער, וועלכע זײַנען אַרײַן אינעם קאַדער, זײַנען אַפילו ניט כוישעד, אַז באַגלײַך מיט זיי געפינען זיך דאָ פּראָפעסיאָנעלע אַקטיאָרן. א סך פון די רעפּליקעס, וועלכע מיר הערן אין פילם, זײַנען פון פריִער אין סצענאַרי ניט געווען. זיי האָט „אונטערגעהערט״ דער מאַגניטאָפאָן. דאָס אַלץ גיט צו איבערצײַגעוודיקײַט און נאַטירלעכקײַט דער האַנדלונג פון די העלדן, זייערע ווערטער, זייערע שטרײַטן און מאַכשאָוועס.

מיט עכטער טראַגישקײַט באַווײַזט דעם געמיטצושטאַנד פון א ייִסראָעלדיקער פרוי די באַוווּסטע ייִסראָעלדיקע אַקטריסע גילע אַלמאַגאָר. איר שפּילמאַניר איז געצוימט, לאַקאָניש.

גילע אַלמאַגאָר ווייסט גוט די פרוי, וועלכע זי שפּילט. דער סצענאַרי פונעם פילם — דאָס איז אַן עקראַניזאַציע פון א דערציילונג, וועלכע זי אַליין האָט אָנגעשריבן. די דערציילונג איז געווידמעט איר מוטער, וועלכע איז, אַזוי ווי טאַמאַר, פרי געבליבן אַן אַלמאָנע.

א באַזונדער אָרט צווישן די פּערסאָנאַזשן פונעם פילם פאַרנעמט טאַמאַרס זעקסיאָריקער זון — אורי. דער רעזשיסער דערציילט, אַז איידער ער האָט אָנגעשריבן אָט די ראָל, האָט ער געשמועסט מיט א סך אַלמאָנעס, לערער, דערציִער. ער האָט נאָכגעשפּירט נאָך קינדער, פאַרשריבן די אַמעריסטן כאַראַקטעריסטישע דיאַלאָגן, פראַגעס, רעפּליקעס.

די אַקטריסע גילע אַלמאַגאָר אין דער הויפּט־ראָל פונעם פילם.

אורי איז דער אײנציקער צווישן די העלדן פונעם פילם, וועלכער באַגרײַפט ניט דעם אומגליק, וואָס איז אַרײַן אין לעבן פון דער מישפּאָכע. דעם פאָטערס טויט איז פאַר אים דערווײַל ניט געוואָרן קיין טראַגישע רעאַלקײַט. דעם קינד האָט מען געזאָגט,

ג. אַלמאַגאָר (רעכטס) שמועסט מיט וואַלענטינאַ טערעשקאָווע.

און ער גלייבט, אז זײַן אומגעקומענער פאָטער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א שטערן, וועלכער פליט אין הימל. ער פרעגט נאָר: דאָרט, אין הימל, האלט ער אויך מילכאָמע?

דער לעבנשטייגער אין „דער באַלאַגערונג“ צע־קאַליעטשעט די קינדערשע נעשאָמעס. די שפּיל אין מילכאָמע, די מיליטערישע לימודים אין שול, דאָס געפינען זיך אין די באָמבע־באַהעלטענישן — ווי־אזוי וועט עס אַלץ זיך אָפּשטעמפּלען אינעם באַוווסטזײַן פון דעם יונגן דאָר אין לאַנד?

אורי איז ווי א שוואָם, וואָס קען אין זיך אײַנ־זאַפּן סײַ גוטס, סײַ שלעכטס, אַלץ איז אָפּהענגיק פון די באַדינגונגען. ווי גליקלעך איז דאָס קינד, ווען דאָוויד זעצט אים אוועק לעבן זיך אָפן בול־דאָזער — א מאַשין, וועלכע איז באַשאַפן געוואָרן פאַר פרידלעכע צוועקן.

אין אָט דעם קאַדער איז צו שפּירן דעם טרוים נאָך שאָלעם, נאָך יענעם שאָלעם, וועלכער איז דער־ווײַל נאָך ווײַט, ווי דאָס זאָגן ניט איין מאָל די העלדן פונעם פילם.

פאַראַן אין פילם א סצענע, וועלכע אַנטפּלעקט פאַר אונדז מער ווי אַנדערע די פּאָזיציע פון די אויטאָרן. פרײַנט זײַנען געקומען אין שפּיטאָל צו א סאָלדאַט, וועלכער איז פאַרוווּנדעט געוואָרן בײַם דער שיסערײַ פון די פּאַלעסטינער פּאַרטיזאַנער. זיי זיצן אַלע אינײַנעם אונטער א בוים אין סאָד פון דעם שפּיטאָל. פאַרבײַ זיי פירט דורך אן אַראַבער אָף א וועגעלע אן אומבאַקאַנטן פאַרווונדעטן יונגנ־מאַן.

— ווער איז דאָס? — פרעגט אײנער.

— א פּאַלעסטינער פּאַרטיזאַן. ער געפינט זיך אויך אין דעם שפּיטאָל, און דאָס איז זײַן פאָטער, ער קומט צו אים יעדן טאָג.

דער רעזשיסער האָט אונדז דערציילט, אז די דאָזיקע סצענע האָט מען אַראָפּגענומען פון דער נאַטור.

דער עקראַן באַווײַזט, ווי עס באַגעגענען זיך די בליקן פון מענטשן, וועלכע האָבן ערשט נעכטן געשאָסן אײנער אינעם צווייטן. אופמערקזאַם, אָנ־געשטרענגט קוקן זיי זיך אָן, אָט די יונגע מענטשן, וואָס האָבן אין דער זעלבער מאָס געליטן פון דער מילכאָמע. צי וועלן זיי אימשטאַנד זײַן צו געפינען דעם גיכן וועג צום פרידן? דער פילם גיט ניט קיין ענטפער אָף דער דאָזיקער פראַגע, ווי ער גיט ניט קיין ענטפער אָף א סאַך אַנדערע פראַגן.

ער שטעלט זיי, די דאָזיקע פראַגן, ער ווענדט די אופמערקזאַמקײַט אָף פּראָבלעמען, וועלכע מע קען ניט אויסבאַהאַלטן ניט אין די באָמבע־באַהעל־טענישן, ניט אין די טאַנקען.

דער פילם לאָזט ניט איבער קיין גלײַכגילטיקע. ער רופט, ער צווינגט צו פאַרטראַכטן זיך. אין ייִסראָעל האָט ער, ווי מע גיט איבער, געהאַט גרויס דערפאָלג. און דאָס איז קיין וווּנדער ניט. דער דער־פאָלג פונעם פילם „די באַלאַגערונג“ פרייט אַלע די, וואָס טרעטן ארויס פאַר פרידן אָפן נאָענטן מיזרעך.

אונדזער רעפליק

לייענענדיק די „ייוואָ-בלעטער" פון 1973

וי באַוווּסט, זײַנען די „ייִוואָ־בלעטער" דער אָפּיציִעלער אָרגאַן, די עפנטלעכע טריבונע פון דעם ייִדישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט אין ניו־יאָרק. פאַר אונדז ליגט דער 44־טער באַנד פון די בלעטער פאַרן 1973 יאָר, ווו די רעדאַקציע באַוואָרנט זיך לעכאַטכילע און שרײַבט: „דאָס אַכרײַעס פאַר די וויסנשאַפטלעכע שטאַנדפּונקטן, וואָס ווערן אַרויסגעזאָגט אין די אויסגאַבעס פון ייִוואָ, טראָגן די מעכאַברים גופע". דערמיט דעקלאַרירט די רעדאַקציע (רעדאַקטאָר — שלוימע נאָבעל) איר קלוימערשטע אָביעקטיווקײַט בענעגייע די פאַרעפנטלעכטע פּובליקאַציעס. אָבער ווי האַלט עס אינדערעמעסן מיטן פאַקטישן מאַטעריאַל, מיט דער דאָקומענטאַציע, מיט די אויסגענוצטע מעקוירים באַם באַהאַנדלען די אָדער אַנדערע פּראָבלעמאַטיק? צי פאַרנעמען ניט אייניקע אַוטאָרן, וואָס גרופּירן זיך אַרום דעם ייִוואָ, מיט דער שטילער האַסקאָמע פון דער רעדאַקציע אַן איינזײַטיקע, סוביעקטיווע פּאָזיציע באַם באַלויכטן ליטעראַטור־היסטאָרישע און קולטור־פּראָבלעמען? לאָמיר פון אָט דעם קוק־ווינקל באַטראַכטן אייניקע וויכטיקע, לויט דער טעמאַטיק, אָפּהאַנדלונגען און מאַטעריאַלן פון דעם 44־טן באַנד פון די „ייִוואָ־בלעטער".

פּראָפעסאָר דאַן מיראָן טרעט דאָ אַרויס מיט זײַן אַרבעט „שאָלעם־אַלייכעם: פּסעוודאָנים און פּערסאָנאַ" (זז. 138 — 170), ווו ער שטעלט זיך אָפּ אויף דער דערשײַנונג פון ליטעראַרישע פּסעוודאָנימען ביכלאַל און אויף די געזעלשאַפטלעכע און עסטעטישע פונקציעס פונעם שאָלעם־אַלייכעם־פּסעוודאָנים ביפּראַט. דערבײַ פאַרופט זיך דאַן מיראָן אויף ייִדישע וויסנשאַפטלער און קריטיקער, וועלכע האָבן בעשײַטע געשריבן וועגן שאָלעם־אַלייכעמען, ווי צום בײַשפּיל, באַל־מאַכשאָוועס, י. טרונק, — אָבער פון די סאָוועטישע ייִדישע שרײַבער, ליטעראַטור־פאָרשער און קריטיקער, אַוטאָרן פון ווערק וועגן שאָלעם־אַלייכעמען, ווערן דערמאָנט בלויז נ. אויסלענדער און א. פרומקין אַלס רעדאַקטאָרן פון שאָלעם־אַלייכעמס אַן אויסגאַבע אין מאָסקווע, און י. מיטלמאַן און כ. נאַדעל אַלס רעדאַקטאָרן פונעם זאַמלבוך „פאַרגעסענע בלעטלעך" (קיִעוו, 1939), און דאָס — גאָר! דאָך, רײדנדיק וועגן די שײַכעסן צווישן ליִנעצקין און שאָלעם־אַלייכעמען, מוז דער אַוטאָר מוידע זײַן, אַז „ליִנעצקיס האַשפּאָע אויף שאָלעם־אַלייכעמען איז ביז איצט ניט אָנערקענט געוואָרן מיצאַד ייִדישע וויסנשאַפטלער מעכוץ דעם ראַטנפאַרבאַנד" (ז. 165).

אין יעשוע טרונקס אַרטיקל „מייער באַלאַבאַן — דער פאָרשער פון דער קאָהאָלשער אָרגאַניזאַציע און אַוטאָנאָמיע אין אַמאָליקן פּוילן" ווערט געזאָגט: „מיט דער פראַגע פונעם יורידישן מאַצעוו פון דער ייִדישער באַפעלקערונג אין אַמאָליקן פּוילן האָבן זיך אויך פאַרנומען ייִדישע היסטאָריקער פאַר באַלאַבאַנען, לעמאָשל, ל. גומפּלאָוויטש, מ. שאָר" (ז. 199), און מיט קיין איין וואָרט ווערט ניט דערמאָנט דער וויכטיקער און נאָוואַטאָרישער צושטײַער, וואָס עס האָבן אַרײַנגעטראָגן אין דער פאָרשונג וועגן מעהוס פון קאָהאָל אַזוינע אָנגעזעענע בויער פון דער ייִדיש־סאָוועטישער היסטאָריִאָגראַפיע, ווי ט. הייליקמאַן מיט זײַן ווערק „די געשיכטע פון דער געזעלשאַפטלעכער באַוועגונג פון די ייִדן אין פּוילן און רוסלאַנד", אָדער אַ. מאַרגוליס, דער מעכאַבער פונעם בוך „ייִדישע פאָלקסמאַסן אין קאַמף קעגן זייערע אונטערדריקער".

דער פּעדאַגאָג מענדל מאַרק גיט אין די „בלעטער" אַ „קורצן איבערבליק איבער דער ייִדישער שול אין לעטלאַנד" צווישן ביידע וועלט־מילכאָמעס און שרײַבט: „מיט אַלע מיטלען האָבן די ציִעניסטן, אַסימיליאַטאָרן און אָרטאָדאָקסן געקעמפט קעגן דער ייִדישער שול" מיט דער טײַנע, אַז „ייִדיש איז אַן אָנשיקעניש אויפן ייִדישן פאָלק", אַ פּראָדוקט פון גאָלעס; „דאָס ייִדישע פאָלק סטאַרעט זיך פּאָטער ווערן פון דעם" (ז. 232). אָבער דער אַוטאָר איגנאָרירט פולשטענדיק די טעטיקײַט פון די ייִדישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס אין פאַרמילכאָמעדיקן לעטלאַנד, בעראָש מיט פּראָפ. י. שאַץ־אַנינען אויפן געביט פון ייִדישער פּראָגרעסיווער קולטור און שול־וועזן.

אויך אין רעצענזיע־אָפּטייל פון אָט דעם באַנד פון די „בלעטער" האָבן מיר אַ פאַל פון פאַרשווײַגן די ליטעראַריש־היסטאָרישע פאָרש־אַרבעט פון אַן אָנגעזעענעם סאָוועטישן ייִדישן שרײַבער. עס האַנדלט זיך וועגן דינע אַבראַמאָוויטשעס אָפּרוף אויף דער אַנטאָלאָגיע „נוסח השכלה" (זז. 311 — 318), וועלכע איז אין 1968 דערשינען אין בוענאָס־אײַרעס מיט אַן אַרײַנפיר־וואָרט פון שמועל ראָזשאַנסקי. אין דער פּאָלעמיק מיט ראָזשאַנסקין וועגן דעם מעהוס פון דער ייִדישער האַסקאָלע אין מײַרעוו־ און מיזרעך־אייראָפּע ווערן דאַפקע יאָ געבראַכט אויסצוגן פון מ. עריקס און אַ. ראָזענצווײַגס בוך „די ייִדישע ליטעראַטור אין 19־טן יאָרהונדערט", אָבער עס איז אינגאַנצן ניט דערמאָנט מייער ווינערס וואָגיק ליטעראַריש־וויסנשאַפטלעך ווערק „צו דער געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין 19־טן יאָרהונדערט", ווו דער אַוטאָר ווײַזט אָן אויף די אינעווייניקסטע ווידערשפּרוכן פון דער האַסקאָלע־באַוועגונג, די סטירעדיקײַט פון אירע באַציִונגען צו די פאָלקסמאַסן.

אויך מערטאָן מעראָוויטש, וואָס רעצענזירט פּ. גאַרטנערס ענגליש בוך וועגן דער געשיכטע פון

דעם ייִדישן דערציִונגס־וועזן אין די פאַראייניקטע שטאטן (זז. 333 — 335), שטעלט זיך אָפּ בלויז אָף דער געשיכטע פון אַזעלכע דערציִונגס־טיפּן, ווי כאַדאָרים, יעשיוועס און העברעיִשע שולן, און... מײַדט אײַנגאַנצן אויס די געשיכטע פון די ייִדיש־וועלטלעכע שולן אין די שטאטן.

צו וואָס קאָן דערפירן אידייִשע אומפּרינציפּיעלקײַט, איז צו זען פון וויליאַם אראָנס אַרטיקל „קאָנסטאַנטין ברונער און דאָס ייִדנטום" (זז. 187 — 197). דער עמעסער נאָמען פון אָט דעם דײַטשיש־ייִדישן „געלערנטן" איז לעאָ ווערטהיימער (1862 — 1937). מיט זײַנע „טעאָריעס" וועגן ייִדנטום האָט ער זיך דערקײַקלט אין 1930 צו דער באַהויפּטונג, אַז „אַלץ, וואָס איז ייִדיש, מוז פאַרשווינדן" (ז. 195). אָפּזאָגנדיק דעם ייִדישן פאָלק דאָס לעבן, האָט ל. ווערטהיימער בימיי־היטלער זיך פאַקטיש סאָלידאַריזירט מיט די נאַציס און זייער אידעאָלאָגיע און געשריבן אַזעלכע אופשוידערנדע שורעס: „וואָס איז שיַיעך דאָס נעלעם ווערן פון די דײַטשישע ייִדן אין דעם אַלגעמיינעם דײַטשטום — בין איך אײַנגאַנצן מאַסקים מיט די סוינע־ייִסראָעל" (ז. 196). און אָט איז אַן אַנדערע ציטאַטע פון ק. ברונערס שמירערײַ פון יענער צײַט: „אין אַ סאַך איקרים שטייען ביכלאַל די נאַציִאָנאַל־סאָציִאַליסטן אָף דעם באָדן, וואָס איך בין טאָמיד געשטאַנען" (ז. 196). אָנשטאָט שאַרף צו טאַדלען אָט דעם גײַסטיקן קאַלאַבאָראַציִאָניסט, דעם אָנהענגער פון דער ברוינער בעסטיע, און געבן אים די געהעריקע כאַראַקטעריסטיק, ווײַזט אַרויס דער אווטאָר פון דעם אַרטיקל אַ מין „ליבעראַליזם" און זוכט נאָך אָף אים אַ זכוס, אָפּקומענדיק מיט אַ פּאָסעק פון דער ביבל: „דײַן כאָכמע און דײַן קענטשאַפט — זיי האָבן דיך פאַרפירט" (ז. 196).

אין זײַן אַרבעט „נאַציִאָנאַליזם און שפּראַך" דערקלערט דער מיטאַרבעטער פונעם ייִדישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט שיקל פישמאַן, אַז „דער ייִוואָ האָט אַ שפּראַך־שליכעס" (ז. 208) און אַז „ווײַל איז דעם ייִוואָ, וואָס ייִדיש איז פאַר אים און פאַר אונדז ניט קיין סימען פון אַ טויטער, דערשלאָגענער אידע" (ז. 216). זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז ס'איז ווייניק צו זײַן אַ נאָה דורש, מע דאַרף זײַן אויך אַ נאָה מקיים[1]. דער שאַפונגס־אינסטרומענט פון ייִוואָ איז טאַקע ייִדיש — אָבער מיט וואָס איז צו דערקלערן, וואָס אייניקע אַרטיקלען פון די „בלעטער" זײַנען פאַרמיסטיקט מיט אַ ריי ניט אײַנגעבירגערטע און ניט פאַרייגנטע אין ייִדישן לאָשן לאַטיניזמען, וועלכע זײַנען ניט געוואָרן קיין אינטערנאַציִאָנאַליזמען, און האָבן זייער ייִדישן עקוויוואַלענט? אָט זײַנען אייניקע בײַשפּילן פון אַזעלכע פרעמדווערטער:

רעוואָלאַציע (ז. 22) — אָנשטאָט אַנטפּלעקונג, אופדעקונג, אויסגעפינען, האַמצאָע.
קאָלאַציִאָנירונג (ז. 76) — אָנשטאָט טעקסט־פאַרגלײַך.
אַטראַקציע (ז. 77) — צוציִונגס־קראַפט, אָנצי־קויעך.
פּרעלימענאַרער וואַריִאַנט (ז. 149) — פאָרלויפיקער, ענדגילטיקער וואַריִאַנט.
רעלעוואַנט (ז. 152) — וויכטיק, כאָשעווידיק, באַדײַטנד.
אימפּליקאַציע (ז. 158) — פאַרוויקלונג, פאַרמישן, פאַרפּלאָנטערן.
נאָטאָרישע שוואַכקײַט (ז. 199) — באַקאַנטע, אָנזעעוודיקע, דײַטלעכע, קלענטיקע שוואַכקײַט.
פּאַגינאַציע (ז. 306) — דורכנומערירן בוך־זײַטן.
סימפּליקאַציע (ז. 315) — פאַרייִנפאַכונג, פאַרפּאָשעטן.

די סאָוועטישע ייִדישע לינגוויסטיק שטייט אָף דעם שטאַנדפּונקט, אַז באַם באַנוצן פרעמדווערטער דאַרף מען אין זינען האָבן די אינטערעסן פון אייניײַטלעכקײַט און אומעטום־פאַרשטענדלעכקײַט פונעם ייִדישן דרוקוואָרט. וועגן דעם האָט אָנגעוויזן דער סאָוועטיש־ייִדישער שפּראַך־פאָרשער און לעקסיקאָגראַף מוישע שאַפּיראָ אין זײַן אַרבעט „וועגן אייניקע נאָרמאַטיווע פראַגן פון ייִדיש". „אין דער סאָוועטישער לינגוויסטישער ליטעראַטור, — שרײַבט ער, — איז שוין פון לאַנג פאַרורטיילט די נעטיִע צו נוצן פרעמדווערטער, ווו מע דאַרף יאָ און ווו מע דאַרף ניט" („סאָוועטיש היימלאַנד", נום. 4, 1973, ז. 150).

מ. גלייזער

[1] נאָע דוירעש, נאָע מעקײַעם — געמיינט: ס'איז ווייניק צו זײַן אַ שיינריידער, מע דאַרף אויך גוט אויספּילן דאָס צוגעזאָגטע.

קאָוועד זייער אָנדענק!

יאָסל פריידקעס

אין בוענאָס־אײַרעס איז געשטאָרבן דער מיטרעדאַקטאָר פון דער פּראָגרעסיווער ייִדישער צײַטונג „אונדזער לעבן", איינער פון די אָנפירער פונעם אַרגענטינער „איקוף", יאָסל פריידקעס.

דער כ' י. פריידקעס איז געווען אַ וועטעראַן פון דער רעוואָליוציִאָנערער באַוועגונג אין אַרגענטינע, אַ באַדײַטנדיקער פּובליציסט און געזעלשאַפטלעכער טוער.

די רעדקאָלעגיע און רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" דריקן אויס זייער טיפן מיטלײַד דעם אַרגענטינער „איקוף", זײַן צײַטונג „אונדזער לעבן" און דער מישפּאָכע פונעם פאַרשטאָרבענעם.

ראַכמיל פיש

אין עלטער פון 72 יאָר איז געשטאָרבן דער קולטור־טוער ראַכמיל פיש.

נאָך די יאָרן פון בירגערקריג, אין וועלכן ר. פיש האָט זיך באַטייליקט אַלס רויטאַרמייער, איז ער אָנגעקומען אין כאַרקאָווער ייִדישן פּעדאַגאָגישן טעכניקום. ער האָט געאַרבעט אַלס לערער און קולטור־טוער אין קאַלינינדאָרפער ייִדישן נאַציִאָנאַלן ראַיאָן.

אין אָנהייב פון די דרײַסיקער יאָרן לערנט זיך ר. פיש אין דער ייִדישער אָפּטיילונג פונעם מאָסקווער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט אָף לעגינס נאָמען. ער האָט אויך פאַרענדיקט די אַספּיראַנטור פונעם אינסטיטוט אין געביט פון ייִדישער ליטעראַטור. אייניצײַטיק האָט ער געאַרבעט אין „עמעס"־פאַרלאַג און אין דער רעדאַקציע פון דער צײַטונג „דער עמעס", ווו ער האָט פּובליקירט דערציילונגען, קאָרעספּאָנדענצן, פאַרצייכענונגען און אַרטיקלען איבער פאַרשיידענע קולטור־פראַגן.

ראַכמיל פיש איז געווען אַן אָנטיילנעמער פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע. אין די נאָכמילכאָמע־יאָרן האָט ער אונטעריכט אין אַ הויכשול דעם קורס פון דיִאַלעקטישן און היסטאָרישן מאַטעריִאַליזם.

מ״יער ברוקאזש

פערזענלעכקײטן פונעם טויזנטיאָריקן וויטעבסק

וויטעבסק ווערט שוין אלט טויזנט יאָר. די שטאָט האָט זיך פאנאנדערגעשפרייט אףביידע ברעגן פון דער מײַרעוו־דווינע, פונקט דאָרט, ווו אין איר גיסן זיך ארײַן די טײַכלעך וויטבע און לוטשאסע. וויטעבסק ליגט אף בערגלעך און אין טאָלן, איז ארומגערינגלט מיט וועלדער און אָזערעס. ביט אומזיסט רופט מען דאָס אָרט — די ווײַסרוסישע שווייץ. ניט מיטאמאָל האָט זיך די שטאָט אויסגעבויט. אין לויף פון יאָרהונדערטער האָט זי עטלעכע מאָל געליטן פון מילכאָמעס, סרייפעס, רויִנירונגען. באזונדערס שטארק האָט זי געליטן אין דער לעצטער מילכאָמע. זי איז געוואָרן קימאט פולשטענדיק פארניכטעט — געלעגן אין כורוועס (ניט געקוקט דערויף, וואָס עפּעס איינער א צאדיק האָט געהאט געבענטשט די שטאָט, אז זי זאָל ניט וויסן פון קיין כורבן). איצט איז וויטעבסק א פולשטענדיק נײַע שטאָט: ברייטע גאסן, פילשטאָקיקע מויערן, מיקראָראיאָנען, בולווארן, פארקן, דענקמעלער, צענדליקער זאוואָדן און פאבריקן, פיל אינסטיטוטן, טעכניקומס, מיטלשולן און קולטור־פּאלאצן. א פערטל מיליאָן אײַנוווינער ציילט אָן די שטאָט.

אכוץ די געאָגראפישע און ארכיטעקטור־שיינקײַטן, פארמאָגט וויטעבסק מענטשלעך־גײַסטיקע שיינקײַטן. איך וויל דערמאָנען איייניקע פערזענלעכקײַטן, וועלכע שטאמען פון וויטעבסק און אומגעגנט און פארנעמען א בעקאָוועדיק אָרט אין דער מאָלערײַ און ליטעראטור.

מיר וועלן אָנהייבן פון מאָלערײַ.

יעהודע פּען איז דער ערשטער מאָלער, וואָס האָט געשאפן א קינסטלערישע סטודיע אין וויטעבסק און ביכלאל אין ווײַסרוסלאנד (אין 1892). צענדליקער בארימטע קינסטלער האָבן בא פּענען געשטעלט די ערשטע טריט אין דער וועלט פון קונסט. אין פארלויף פון קימאט 50 יאָר האָט יעהודע פּען געלעבט אין וויטעבסק. זײַן יערושע באשטייט פון הונדערטער בילדער. מערסטנטייל דערציילן זיי פונעם יידישן לעבן ביז דער רעוואָליוציע, פונעם אָוואר. נאָך דער רעוואָליוציע ווערט ער א פּעדאגאָג אין מאָלער־טעכניקום. ס׳איז ניטאָ קיין איין קינסטלער פון עלטערן דאָר, וועלכער איז ניט דורכגעגאנגען פּענס שול. גענוג צו דערמאָנען מארק שאגאלן, וועלכער האָט געשריבן: „פּען איז מײַן ערשטער לערער. די גאנצע צײַט וווינט ער אין וויטעבסק. וויטעבסק לעבט, און פּען לעבט שטענדיק אין אים״.

פּען האָט דערצויגן בא זײַנע שילער ליבשאפט צו דער קונסט און געוווינשאפט צו האָרעוואניע.



אלט־ און ניי־וויטעבסק

פענס לעבן איז געווען א מוסטער פון אומופהערלעכער מי. פון זײַן שול זײַנען ארויס אזעלכע קינסטלער, ווי א. בראזער, ש. צאדקין, ל. שולמאן און פיל אנדערע.

מארק שאגאל האָט שטארק ליב וויטעבסק. א סאך פון זײַנע געמעלן זײַנען געווידמעט זײַן היימשטאָט. זײַנע געשטאלטן שטאמען פון אָט דער שטאָט און שוועבן איבער איר און איבער דעם טײַך דווינע. זײַנע הײַזקעס און ציגעלעך זײַנען אויך א שטיק וויטעבסק.

דער טאלאנטפולער גראפיקער שלוימע יודאָווין האָט געמאכט זײַנע ערשטע טריט אין דער קונסט אין וויטעבסק, בא פענען. דער די־אפאזאָן פון יודאָווינס שאפונג איז א ביז גאָר ברייטער. א היפּש אָרט אין זײַנע גראווירן פארנעמט לענינגראד, ווו ער האָט געלעבט נאָך וויטעבסק. מע דארף דערמאָנען זײַן ציקל „לענינגראד אין די טעג פון דער פאָטערלענדישער מילכאָמע", וועלכער שילדערט ליידן און העלדנמוט. עמאָציאָנעל איז זײַן סעריע „פארגאנגענהײַט", וועלכע דערציילט אין בילדער וועגן דעם קינסטלערס געבורטס־שטעטל בעשענקאָוויטש און וועגן וויטעבסק, ווו ער האָט געלעבט פיל יאָרן. באזונדערס אָריגינעל זײַנען יודאָווינס אָרנאמענט־מאָטיוון און די בוך־איליוסטראציעס צו די ווערק פון מענדעלע מויכער־ספאָרים, אָלגע פאָרש, דאָוויד בערגעלסאָן אא. ווען ליאָן פויכטוואַנגער האָט זיך באקאנט מיט יודאָווינס איליוסטראציעס צו זײַן ראָמאן „דער ייִד זיס", האָט ער אים געשריבן: „איך דאנק אײַך הארציק פארן בריוו און באזונדערס פאר דער וווּנדער־שיינער מאטאָנע — די גראווויור־צייכענונגען".

צווישן די קינסטלער, אָפּשטאמיקע פונעם וויטעבסקער קאנט, דארף מען דערמאָנען דעם באוווּסטן סקולפּטאָר נאָכעם אראָנסאָן. פיל פון זײַנע ווערק האָבן באקומען א הויכע אָפּשאצונג, ער האָט געשאפן איינעם פון די בעסטע סקולפּטור־פּאָרטרעטן פון וו. אי. לענין. דער ביוסט איז עקספּאָנירט אין צענטראלן לענין־מוזיי אין מאָסקווע. איבערגעבנדיק אים דעם מוזיי, האָט אראָנסאָנס פלעמעניצע דערקלערט: „מײַן האנדלונג איז מיט דער פולער אײַנשטימיקײַט און הייסן באגער פונעם אווטאָר פון דעם ווערק, וועלכער איז געווען מיט ליבע איבערגעגעבן דעם סאָוועטנפארבאנד — זײַן פאָטערלאנד. דאָס רופט ניט ארויס קיין שום צווייפל".

דאָס הויז אין וויטעבסק, ווו עס האָט געלעבט מארק שאגאל.

ניט ווײַט פון וויטעבסק ליגט דאָס שטעטל דריסע, פונוואנען עס שטאמט דער טאלאנטפולער מאָלער איסאק אשקענאזי. ער האָט שטודירט אין דער פּעטערבורגער קונסט־אקאדעמיע. פיל פון זײַנע לײַוונטן זײַנען געווידמעט היסטאָרישע טעמעס („מוישע אין מידבער", „קויהעלעס", „דער טויט פון יעהודע האלייווי"). ער האָט אויך געשאפן זשאנרעווע שטייגער־בילדער: „א ייִדישע כאסענע", „דער פארהער פונעם כאָסן", „דער אָנקומענדיקער שאבעס" אא.

אין דער וויטעבסקער מאָלערײַ־שול האָבן זיך דערצויגן די הײַנט באוווּסטע אין ווײַסרוסלאנד קינסטלער אזגור, גלעבאָוו, קראסאָווסקי, מאנאסזאָן, לייטמאן. זיי אלע האָבן באזונגען וויטעבסק אין דער קונסט.

אָפּשטאמיקע פון וויטעבסק און אומגעגנט האָבן א גרויסן בײַשטײַער אין דער ליטעראטור, — סײַ אין דער ווײַסרוסישער, סײַ אין דער ייִדישער.

אין שטעטעלע אושאטשי איז געבוירן געוואָרן דער פובליציסט און פילאָסאָף כאַיִם זשיטלאָווסקי, וועלכער איז נאָך קינדווײַז, מיט זײַנע עלטערן, איבערגעפאָרן קיין וויטעבסק, דאָ זיך געלערנט אין דער גימנאזיע און זיך פארבונדן מיט א קרײַז „נאראָדוואָלצעס", נאָכדעם מיט עסערן. זײַן לעבנסוועג איז ביז גאָר פילפארביק. ער איז געווען איינער פון די ראדיקאלע קעמפער פאר ייִדיש לאָשן, קעגן די ציִעניסטן. בייס דער צווייטער וועלט־מילכאָמע איז זשיטלאָווסקי געווען אקטיוו אין דער באוועגונג פון פרײַנטשאפט און סאָלידאריטעט מיטן ראטנפארבאנד. דער פּראָגרעסיווער אמעריקאנער שרײַבער דזשאָזעף נאָרט שרײַבט אין זײַן בוך „ניטאָ קיין פרעמדע צווישן מענטשן" וועגן כ. זשיטלאָווסקין: „איך האָב טיף געאכטעט דעם סאָלידן אלטן קעמפער מיט קלאָרע אויגן, מיט א ווײַסער באָרד, ווי בא א הייליקן". וויטעבסק האָט זיכער געשפילט א ראָליע אין אויספאָרמירן זשיטלאָווסקיס וועלט־אָנשויונג. די גימנאזיסטישע יוגנט פון דער שטאָט האָט אין יענער צײַט געשאפן א געהיימע ביבליאָטעק מיט ווערק פון בעלינסקין, טשערנישעווסקין, דאָבראָליובאָוון. אינטערעסאנט, אז אין 1878 גיט זשיטלאָווסקי ארויס צוזאמען מיט זײַן יוגנט־כאווער שלוימע־זײַוול ראפּאָפּאָרט, דעם שפּעטערדיקן שרײַבער ש. אנ־סקי, א זשורנאל אין ייִדיש „וויטעבסקער גלעקלעך". פון א שטעטעלע לעבן וויטעבסק טשאשניק שטאמט ש. אנ־סקי. זײַנע קינדער־ און יוגנט־יאָרן האָט ער געלעבט אין וויטעבסק, ער איז ברייט באוווּסט מיט זײַן דראמע „דער דיבוק". ש. אנ־סקי האָט פיל יאָרן אָפּגעגעבן אָף צו זאמלען ייִדישן פאָלקלאָר. פּאָפּולער איז געווען זײַן בוך „כורבן גאליציע", ווו ער באשרײַבט די צארישע פּאָגראָמען בייס דער ערשטער וועלט־מילכאָמע.

לעאָן קאָברין איז א געבוירענער א וויטעבסקער. ער איז געווען זייער א פּראָדוקטיווער שרײַבער, פארפאסט א סאך דראמעס פונעם ייִדישן לעבן. ס'איז גענוג אָנצורופן „יענקל בוילע", „געטאָ־דראמען", „דער דאָרפס־יונג", „עמיגראנטן", די ראָמאנען „ווילדע וועגן", „אָרע די באָרד", „זיכרוינעס פון א ייִדישן דראמאטורג". אגעוו, דרוקן זיך איצטער אין דער פּאריזשער צײַטונג „נײַע פּרעסע" קאָברינס דערציילונגען פון זײַן בוך „פיר מאָדערנע

דער ייִדישער ליטעראַרישער קרײַז אין וויטעבסק אין די צוואַנציקער יאָרן אונטער דער אָנפירונג פונעם ליטעראַטור־פאָרשער אײַזיק ראָזענצווײַג (אין צענטער)

פרויען״. קאַברין האָט אויך געשילדערט דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן אין וויטעבסק אין 1905 יאָר.

מיכאס לינקאָוו, דער ווײַסרוסישער פאָלקס־שרײַבער, איז געבוירן געוואָרן אין דאָרף זאזיבי, גאָר נאָענט פון וויטעבסק. בא אים איז פאַראַן א דערציילונג „גוי״, אין וועלכער ער שילדערט די באַציִונגען צווישן ייִדן און ווײַסרוסן אין שטעטל אין די ערשטע יאָרן נאָך דער רעוואָליוציע. דאָ זעען מיר דאָס ברידערלעכע צונויפלעבן צווישן די ווײַסרוסן מיט די ייִדן, אָבער אויך באַגרענעצטע שטימונגען בא א טייל שטעטלדיקע ייִדן. לינקאָווס פונדאַמענטאַל ווערק אין פיר בענדער „ניט פאַרגעסלעכע טעג״ איז אַן עפּאָפּייע, וואָס באַשרײַבט דעם גורל פון מענטשן אין דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע, באַזונדערס די פּאַרטיזאַנישע באַוועגונג אין ווײַסרוסלאַנד, וואָס האָט, ווי באַוווּסט, געטראָגן א מאַסן־כאַראַקטער.

אין זײַן אויטאָביאָגראַפיע שילדערט דער פאָלקס־פּאָעט פון ווײַסרוסלאַנד פּעטרוס בראָווקא זײַן געבורט־אָרט — דאָס דאָרף פּוטילקאָוויטש, אושאַטשער ראַיאָן, וויטעבסקער געגנט. די נאַטור איז דאָ א וואונדער־שיינע — דורכזיכטיקע אָזערעס און אוראַלטע סאָסנע־וועלדער, וואָס ציִען זיך אויף צענדליקער מײַל. אָט די בילדער האָבן געלאָזט א טיפן שפּור אין בראָווקאס נעשאָמע נאָך פון קינדווײַז אָן. אין זײַן דיכטונג פאַרנעמען א בעקאָוועדיק אָרט די היים־אײַנדרוקן.

צאַדעק דאָלגאָפּאָלסקי איז געווען אַן אַלטער ייִדישער סאָוועטישער שריפטשטעלער. א געבוירענער אין שטעטל האָראָדאָק, לעבן וויטעבסק, האָט ער קימאַט זײַן גאַנץ לעבן פאַרבראַכט אין אָט דער שטאָט. דאָ האָט ער געאַרבעט אלס א לערן־ייִנגל אין א בערשטער־וואַרשטאַט, דאָ האָט ער אָנגעהויבן זײַנע ליטעראַרישע פּרוּוון. גלײַך נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע האָט דאָלגאָפּאָלסקי געאַרבעט אין וויטעבסק אין א רײַ שולן. ער איז דאָ אויך געווען אַקטיוו אין זײַן שרײַבערישער טעטיקײַט.

ס׳איז געגנוג אָנווײַזן אויף אַזעלכע זײַנע ווערק, ווי „זײַד״, אין וועלכע עס ווערט געשילדערט דאָס לעבן פון א גרויסן אַרבעטער־קאָלעקטיוו, דעם ראָמאַן „בא געעפנטע טויערן״ און אַנד. די אַרבעטער־טעמע האָט פאַרנומען אין דאָלגאָפּאָלסקיס שאַפן דעם אויבנאָן. ער האָט אָנגעשריבן עטלעכע פּיעסן, אויך אויף דעם סוזשעט פונעם אַרבעטער־לעבן (לעמאָשל, „אין מאַשינען־געראַנגל״). פיל יאָרן איז דאָלגאָפּאָלסקי געווען א מיטאַרבעטער אין דער מינסקער צײַטונג „אָקטיאַבער״, פאַרעפנטלעכט דאָרט פעליעטאָנען אונטערן פּסעוודאָנים „א האָראָדאָקער״, וועלכע האָבן געהאַט א גרויסן דערפאָלג בא די לייענער.

א וויכטיקע פּאָזיציע אין דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור־וויסנשאַפט האָט ביז דער מילכאָמע פאַרנומען אײַזיק ראָזענצווײַג. פיל פון זײַנע פאָרשונגען זײַנען געווידמעט י.־ל. פּערעצן. זײַן הויפּט־ווערק „דער ראַדיקאַלער פּעריאָד אין י.־ל. פּערעצעס שאַפן״ איז אָפּגעשאַצט געוואָרן ווי א וויכטיקע דערשײַנונג אין דער ליטעראַטור־קענטעניש.

אײַזיק ראָזענצווײַג איז געווען א לערער פון ייִדישער ליטעראַטור אין וויטעבסקער פּעדאַגאָגישן טעכניקום. קימאַט א צענדליק יאָר האָט ער אָנגעפירט מיט א ליטעראַריש־שעפערישן קרײַז אין וויטעבסק. דעם קרײַז האָט באַזוכט איינער פון די ערשטע ייִדישע סאָוועטישע פּאָעטן מוישע יודאָווין. צווישן די באַזוכער זײַנען געווען אייניקע, וועלכע זײַנען מיט דער צײַט באַוווּסט געוואָרן ווי דיכטער — כאַיִם מאַלטינסקי, לייב טאַלאַלײַ, הירש רעלעס.

באַם ליבהאָבער פון דער ייִדישער ליטעראַטור מ. מעלצער האָט זיך פאַרהיט א פאָטאָגראַפיע פון דעם קרײַז פאַרן 1927 יאָר. דאָס איז א קליינער טייל פון זײַנע באַזוכער.

אײַזיק ראָזענצווײַג איז געווען אַן ערודיט און א טאַלאַנטפולער קריטיקער. צום גרויסן באַדויערן, איז ער אומגעקומען אין עלטער פון 46 יאָר, בײַס אַן אויטאָמאָביל־קאַטאַסטראָפע אין אָדעס, ווו ער האָט

געאַרבעט אין אוניווערסיטעט אַלס פאַרוואַלטער פון דער קאַטעדרע פאַר יידישער ליטעראַטור.

צו וויטעבסק האָט אויך אַ שײַכות דער אויטאָר פונעם „אויצער פון דער יידישער שפּראַך" נאָכעם סטוטשקאָוו, האַגאַם ער איז געבוירן געוואָרן אין פּוילן. נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע האָט ער עטלעכע יאָר אָנגעפירט מיטן יידישן טעאַטער אין וויטעבסק. פאַר דעם טעאַטער האָט ער איבערגע־זעצט אין יידיש אַ ריי פּיעסן פון רוסיש, אויך מאָליערס פּיעסע „דער קאַרגער".

וויטעבסק און זײַן אומגעגנט האָבן אַרײַנגעשריבן אַ רומפול בלעטל אין דער געשיכטע פון דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע. ס'איז גענוג צו דערמאָנען אַזעלכע העלדן, ווי די ווײַסרוסן דאָ־וואַטאָר, שמיראָוו, זאַסלאָנאָוו, ווערא כאָרוזשע. צווישן די העלדן פון סאָוועטנפאַרבאַנד געפינען זיך יידן, וועלכע שטאַמען פון וויטעבסק, לעמאַשל דער גענעראַל פון אַרטילעריע בעסקין. יויסעף בומאַגין, וועלכער האָט מיט זײַן ברוסט פאַרשטעלט די אַמ־בראַזור פון אַ דזאָט, איז אַ געבוירענער אין האַ־ראַדאָק. אַף זײַן נאָמען איז אין וויטעבסק אָנגערופן אַ גאַס.

אַ וויטעבסקער איז ס. באַגאַראַד, דער קאָ־מאַנדיר פון אַן אונטערוואַסער־שיף, וועלכע האָט אופגעריסן אַ סאַך שיפן פונעם סוינע. דער באַ־ווּסטער פּאָליט־קאָמיסאַר יעפים מאַסיײַעוויטש פאָ־מין שטאַמט פונעם שטעטעלע קאַלישק, ליאָזנער ראַיאָן, וויטעבסקער געגנט. פאָמין איז געווען איי־נער פון די העלדישע פאַרטיידיקער פון דער בריס־קער פעסטונג. ביז דער לעצטער מינוט פון זײַן לעבן האָט ער אָרגאַניזירט אין דער פעסטונג אַ העראָישן ווידערשטאַנד די נאַציסטן. עטלעכע טעג האָט געדויערט דער ניטגלײַכער קאַמף. ווען די פאַשיסטן האָבן פאַמינען אַ פאַרווּנדעטן פאַרכאַפּט, האָט מען אים אַלס ייד גלײַך דערשאָסן. ער איז נאָכן טויט באַלוינט געוואָרן מיטן לענין־אָרדען.

אין דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע זײַ־נען אין וויטעבסקער געגנט געווען טעטיק צענדלי־קער פּאַרטיזאַנישע אָטריאַדן, וועלכע האָבן אַף קיין איין מינוט ניט געלאָזט צורו דעם סוינע. אין שטאָט גופא האָבן געקעמפט קעגן די אָקופּאַנטן עטלעכע אונטערערדישע גרופּעס. בעראָש פון איין גרופּע איז געשטאַנען דער העלד פון ראַטנפאַרבאַנד ווערא כאָרוזשע.

גריגאָרי פּערקעלס ליטאָגראַפֿיעס

אין הײַנטיקן נומער „סאָוועטיש היימלאַנד" באַקענען מיר אונדזערע לייענער מיט נאָך איין פאַרשטייער פונעם ייִנגערן דאָר סאָוועטישע קינסטלער, וועלכער ווידמעט אַ היפּשן טייל פון זײַן שאַפונג דער יידישער טעמאַטיק. די זיבן רעפּראָדוקציעס, וואָס זײַנען פאַרעפנטלעכט אין דער קינסטלערישער בײַלאַגע, גייען אַרײַן אין דער סעריע ליטאָגראַפֿיעס צו שאָלעם־אַליײכעמס ווערק, איבער וועלכער דער באַגאַבטער גראַפֿי־קער גריגאָרי פּערקעל אַרבעט די לעצטע צוויי יאָר.

גריגאָרי פּערקעל איז געבוירן געוואָרן אין ווי־ניצע אין 1939 אין דער מישפּאָכע פון אַן אײַזנ־באַן־אַרבעטער. זײַן פאָטער, אַן אָנטיילנעמער פון דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע, איז אַ קאַוואַלער פון אַ לענין־אָרדען, פונעם אָרדען פון דער רויטער אַרבעטס־פאָן און פון שלאַכט־אָרדענס.

דער יונגער פּערקעל, וועמען עס האָט פון קינדווײַז אָן געצויגן צו מאָלערײַ, פאַרענדיקט אין 1964 דעם קונסט־פאַקולטעט באַם מאָסקווער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט אַף לענינס נאָמען. אײַנ־געיכן הייבן זיך אָן באַווײַזן זײַנע אַרבעטן אַף די מאָסקווער און רעפּובליקאַנישע אויסשטעלונגען. אין 1971 עקספּאָנירט ער זײַנע שאָלעם־אַלייכעם־ליטאָגראַפֿיעס אַף אַ גרויסער צווישנפעלקערלע־כער אויסשטעלונג אין לייפּציק.

צווישן אַנדערע קינסטלער טיילט זיך פּערקעל אויס סײַ מיטן רײַכן קאָלאָריט אין זײַנע שאַ־פונגען, סײַ מיט דער פאַרשיידנאַרטיקייט פון זשאַנרען.

פּערקעל איז ברייט באַקאַנט אַלס ביכער־גראַ־פֿיקער. פאַר די לעצטע יאָרן האָט ער אויסגע־פורעמט אַ ריי אויסגאַבעס פון הײַנטצײַטיקע יידישע דיכטער און פּראָזאַיקער.

פיל אָרט גיט אָפּ דער קינסטלער דער מאָנו־מענטאַלער גראַפֿיק, ווי אויך די אַקוואַרעל־ און אייל־בילדער.

לעצטנס האָט גריגאָרי פּערקעל פאַרענדיקט אַ ליטאָגראַפֿישע סעריע פאַר אַן אַלבאָם אַף דער טעמע פון לעוו טאָלסטאָיס ראָמאַן „מילכאָמע און שאָלעם".

י. ש.

קאָמענטאַרן פון רעדאַקציע

א סקאַנדאַל אין דער פּסאַרניע

ערשט ניט לאנג צוריק, ווען די ציִעניסטן אין טעל־אוויוו האָבן „באַקומען די מעציִע" — יויסעף קערלערן, וועלכער איז ווויליונגעריש שוין געשטאַנען דאָרט אינמיטן א לעכערלעכן און מיִעסן שיידים־טאַנץ, — האָבן מיר געוואָרנט, אז קערלער איז אן איינפאכער סקאנדאליסט, וועמענס אומווירדיקע אויפירונג אין סאָוועטנפארבאנד האָט זיך גענומען פון דעם, וואָס אפן זעקסטן צענדליק פון זײַנע יאָרן איז ער פארבליבן אין פּראָפעסיאָנעל־ליטעראַרישן זין אן אָנפאנגער און איצט גיט ער זיך איבער דעם ציִעניזם מיט דער אויסרעכענונג, אז דאָס וועט אים העלפן צו קאָמפּענסירן פאר דער אָפּגענאַרטער עפנטלעכקײַט דעם מאנגל אין טאלאנט און די אָפּוועזנהײַט פון וועלכער־ניט־איז מעגלעכקײַט צו שאנטאזשירן די ליטעראַרישע סוויווע אין סאָוועטנפארבאנד. זעלבסטפארשטענדלעך, די ציִעניסטישע פּראָפּאגאנדע־מאשין האָט זיך ניט פארהאקט פון אזא וואָרענונג, פארקערט, זי האָט געזוכט אין קערלערס רעכילעס־רייד א נײַ קאַפּל שמירעכץ פאר אירע פארזשאווערטע רעדער.

דעם סקאנדאליסט האָט זיך געדוכט, אז ער איז אפן פערד. עס האָט ארום אים צעפירט אומפארשעמטע רעקלאַמע א גאנצע כאַליאַסטרע אָנגעדונגענע באם ציִעניזם פען־זוינעס, און לעשעם עמעס וועלן מיר דאָ ניט פארשווײַגן, אז די ראָל פון א מין „באַלעבאָסטע" בא אָט דער כאַליאַסטרע האָט פון אָנהייב אָן גענומען אף זיך דער שעף־רעדאקטאָר פון דער טעל־אוויווער צײַטונג „לעצטע נײַס" מאָרדכע צאנין, וועלכער האָט דערלאָזט, אז די רעקלאַמע ארום קערלערן זאָל צעגאָסן ווערן איבער די שפּאלטן פון זײַן בלאט, דערבײַ האָט ער אויך פערזענלעך, אלס זשורנאליסט, זיך ניט ווייניק פארנומען מיט דער דאָזיקער רעקלאַמע. צאנין איז, אויסער דעם, א צענטראַלע פיגור אינעם ייִדישן שרײַבער־פאריין פון ייִסראָעל און — וואָס עס איז געווען פאר קערלערן באזונדערס וויכטיק — אין קאָמיטעט אף צו פארטיילן די מאנגער־פּרעמיע.

אין טעל־אוויוו, אין דער אטמאָספער פון פּראָווינציִעל־שאָוויניסטישער פאריסנקײַט, האָט מען זיך ניט צוגעהערט צו דער וואָרענונג פון דער סאָוועטישער ליטעראַרישער געזעלשאפטלעכקײַט, אז אפן אומרייִנעם אנטיסאָוועטישן פערדל איז אהין אָנגעקומען א מעטורעף, וועלכער נעמט זיך וואַרפן א געפעלשטע ליטעראַרישע קאָרט. אזא רעאקציע פון די טעל־אוויווער קרײַזן האָט קיינעם ניט פארכידעשט, ווײַל ווער ווייסט דען ניט, אז דער ציִעניזם איז א קוינע אף שוואכע מויכעס און אף קרומע נעשאָמעס.

ווען מיר בלעטערן די צײַטונג „לעצטע נײַס", זעען מיר די עוואָליוציע אין דער שטימונג ארום דער „אליִא". צוערשט — ציִעניסטישע טומלערײַ פון די ביליקע רעפּאָרטיאָרן, וועלכע האָבן פאָרגעשטעלט א ליאַדע ארויסגעפּאָרענעם פונעם ראַטנפארבאנד ווי א „העלד". שפּעטער — אָפּטע בריוועלעך פון לייענער וועגן די ווילדקײַטן פון דער „אליִא": אָדער קיין ייִסראָעל קומען אָן ניט די, וועמען מע באדארף, אָדער ייִסראָעל איז ניט דאָס, וואָס מע באדארף... און לעסאָף — א ביטער כאָכמענען זיך פון די רעדלפירער אליין, אז אין סאָוועטנפארבאנד „ווינטשט מען אונדז מיסטאָמע אייביק לעבן פאר דער טויווע, וואָס מיר טוען רוסלאַנד מיט צונעמען פון דאָרט אזעלכע פײַנע „מעציִעס" (מ. צאנינס אן אויסדרוק אין זײַן ארטיקל „א רעגע פון עמעס", געדרוקט אין „לעצטע נײַס"). ווען עס קומט אָן אף מאָרדכע צאנינען א רעגע פון עמעס, זאָגט ער, אז „אין לעצטן סאַכאַקל איז א געוויסער טייל (מיר וואָלטן געזאָגט: דער גרעסטער טייל. — רעד. „סאָוועטיש היימלאַנד") פון דער אליִא א פּראָבלעמאַטישער — וואָס שײַעך די הויצאָעכ, דער עווענטועלער אומפּראָדוקטיוקײַט, די עווענטועלע סאָציִאַלע לאַסטן, אָדער דער עווענטועלער יערידע..." ער פאלט אפילע ארײַן אין פארצווייפלונג: „די מעדינע נייטיקט זיך ניט אין אימפּאָרטירטע סאָציִאַלע פאלן — זי האָט אירע אייגענע, באַרעכהאַשעם. די מעדינע נייטיקט זיך ניט אין פארגרעסערן די נאַטירלעכע צאָל מענטשן אין פּענסיע־עלטער דורך ברענגען אזעלכע מיט דער אליִא. די מעדינע נייטיקט זיך ניט אין פּסיכאָפּאַטישע טיפּן, אָדער אין פּאָטענציִעלע פארברעכער. די מעדינע נייטיקט זיך ניט אין קראַנקע, זי זאָל זיי ברענגען פון אויסלאַנד — זי האָט ווייניק שפּיטעלער אפילע פאר די קראַנקע פון דער אָרטיקער באפעלקערונג"...

וואָס זשע איז דער אויסוועג? צאנין לייגט פאָר א פּלאַן: „פאר די אקטיווע און לעבנסוויכטיקע צוועקן, פאר וועלכע די מעדינע דארף וואָס מער ייִדן, וואָלט אייגנטלעך געדארפט זײַן א סעלעקטיווע אליִא, ווי עס איז סעלעקטיוו די ווערבירונג פון זעלנער אין אן ארמיי".

מיר וועלן דאָ ניט גיין באהאַנדלען דעם אומגעלומפּערטן פּראָיעקט צאנינס. ס'איז קלאָר, אז דער ציִעניסטישער־שטוב־זשורנאליסט זוכט פאר א טויטן באַנקעס. אונדז אינטערעסירט איצט, וואָס פאר א סיבע עס האָט ארויסגערופן אן אויסטויש פון זידלערײַען צווישן צאנינען און קערלערן. דער לעצטער האָט, אויפכאַפּנדיק מיטן פארשטאַנד בלויז דעם וואָרט־צוזאַמענשטעל „סעלעקטיווע אליִא", טעמפּ א ברום געטאָן: „סעלעקטיווע? — סעלעקציע?!", „ווידער — סעלעקציע בא ייִדן?!!" און געמאַכט א סקאנדאל. אָנגערופן צאנינען „איבערגעוואַקסענער שייגעץ". געגעבן אים א קאַפּוליער אָנצוהערעניש: „א מענטשן קומט אויס צו רעדאגירן א צײַטונג, וואָס געהערט צו א פּארטיי, וועמענס אידעאָלאָגיע עס איז אים פרעמד און דערווידער... מע וועט מוזן פּליִען סאָפּקאָלסאָף פון די באַקוועמע בענקלעך".

געהערט רייד? באלד וועט דער ערשט־אָנגעקומענער סקאנדאליסט א נעם טאָן דעם אלטגעזעסענעם רעדאקטאָר פאר די גאָרגערעס...

און צאנין, וועלכער האָט ניט לאנג צוריק באגריסט קערלערן מיט דער פּרעמיע, וואָס טראָגט דעם נאָמען פון איינעם פון די גרעסטע און נאָבלסטע ייִדישע דיכטער, — צאנין האָט זיך צערעדט גאָר אנדערש. ער האָט פארעפנטלעכט אין זײַן צײַטונג קערלערס זידלערײַען (זאָל מען זען, אף וואָס דער נעפעש איז פּייִק...) און אים געענטפערט מיט נאָך גרעסערע זידלערײַען (זאָל דער נעפעש זען, אף וואָס דער באַלעבאָס איז פּייִק...). איצט לאָמיר אף ציקאוועס א קוק טאָן, וואָס מאָרדכע צאנין שרײַבט וועגן יויסעף קערלערן, ווען יענער האָט אָנגערירט זײַן, צאנינס, קאָוועד. געקומען, שרײַבט ער, איז קערלער קיין ייִסראָעל „צוזאַמען מיט די פארבלאָטיקטע שטיוול, מיט אלע זידלערײַען און אונטערטראָגעכצער". און קעדיי „ניט געבן קערלערן קיין געלעגנהײַט צו שפּילן ווײַטער די ראָל פון א געפּײַניקטן קאָדעש, ווי ער שפּילט די ראָל פון א קעמפער און פון א דיכטער, מישטיינסגעזאָגט", — דעקט צאנין אויף דעם עמעסן פארצעף פונעם „העלד": „טהאָמיקע אמעראַצעס", „נישט קענען איבערלייענען א פּאָפּולער צײַטונגס־ארטיקל", „גאָט מײַנער, וואָס פאר א נעשאָמע־כורבן אין איין נעפעש!", „א טיפּישער „אזשאַן פּראָוואָקאַטאָר", „עס האָט אף אים אָנגעהויבן

ברענען דאָס היטל וואָס שײַעך עוועטועלער אומ־פּראָדוקטיווקײַט", „ער גלייבט, אז ער איז א דיכטער; ער גלייבט, אז ער ווייסט, וואָס עס קומט ארויס פון אונטער זײַן אמעראַצישער פעדער; ער גלייבט, אז ער איז בעעמעס געווען א קעמפער; ער גלייבט, אז ער פארטרעט די ייִדן פון רוסלאנד, באהיט זאָלן זיי ווערן פון אזא אומגליק"; „קערלער איז געקומען, ווי יענע ציג, וואָס מע האָט איר צוגעבונדן צום וויידל א ליידיקע בלעך, דער אוילעם זאָל מיינען, אז עס פאַרט אן עקספּרעסנער פאַיעזד"; „איך וואָלט גע־דרוקט קערלערס לידער, אָבער ליידער, זײַנען זיי פון אזא קוואליטעט, אז איך קאָן זיי ניט דרוקן" („עס קערט פון זיי די גאל"...).

צום סאָף דערציילט צאנין אָט וואָס: „איך האָב אפילע אויסגעבעסערט זײַנע ארטיקלען און געמאכט זיי דרוקפייִק... די מענטשן, וועלכע האָבן געשטויגט, האלעמײַ מע האָט אים, קערלערן, צוגעטיילט דעם מאנגער־פּרײַז, האָב איך בארויִקט, אז דאָס האָט די זשורי מיסטאמע אים געגעבן קרעדיט אָף דער צו־קונפט, — עפשער, טאָמער, גאָט איז א פּאָטער. נאָר דאָס אלץ האָט געהאָלפן ווי א טויטן באנקעס. נישט פון יעדן שטאָף קען מען מאכן א שטרײַמל"...

מיר וועלן איבעררײַסן דאָס מײַנעלאָשן פון דעם אופגעבראכטן רעדאקטאָר, ניט פארפירנדיק מיט אים קיין דיסקוסיע ארום דעם אויפן, וויִאזוי ער פּרוּווט אין זײַן סאמאָדורסקע לויטן טאָן ארטיקל צושרײַבן קערלערן די ווירקונג אף אים... פונעם „באָלשעוויזם" און פונעם „סאָצרעאליזם"; מירן אין דער פראגע נעמען צו קענטעניש קערלערס א קעגן־פּײַל, וואָס ער שיקט אף צאנינען: „דער מענטש קאָן זיך ניט באהערשן"... מירן לאָזן די צוויי לײַט, זיי זאָלן ווערט זײַן איינער דעם צווייטן, און דערווײַל וועלן מיר פּרוּוון אוועקשטעלן דעם דיִאגנאָז — וואָס עס איז פארלאָפן:

אין דער פסארניע, ווו די ציִעניסטישע אפאראטשי־קעס האלטן אוף די עטלעכע איבערגעלאָפענע אף זייער זײַט באשעפענישן, האָט אויסגעבראָכן א סקאנדאל. אין איין שיינעם טאָג האָט זיך דאָרט א ריס געטאָן פונעם קייטל דער מעטורעף קערלער, און ווען עִר האָט א ביס געטאָן זײַנעם א באלעבאָס, דעם רעדאקטאָר פון דער צײַטונג „לעצטע נײַס" צאנינען, האָט יענער געכאפּט דאָס דרענגל און אזא שמײַס געגעבן קערלערן, אז ער וועט עס האָבן לאנג צו געדענקען...

כראָניק

דרײַסיקסטער יאָרטאָג
פון די באוואָפנטע אופשטאנדן

עס איז געוואָרן דרײַסיק יאָר, זינט די אסירים פון טרעבלינקע און ביאליסטאָק האָבן אופגע־הויבן די פאָן פון באוואָפנטן אופשטאנד קעגן די היטלעריסטישע קאניבאלן.

צום אָנדענק־טאָג האָט די הויפּט־פארוואלטונג פונעם קולטור־געזעלשאפטלעכן פארבאנד פון די ייִדן אין פּוילן, צוזאמען מיט אנדערע אינסטיטו־ציעס פון ווארשע, דורכגעפירט פײַערלעכע האז־קאָרעס לעקאָוועד די העלדישע געטאָ־קעמפער.

מיט בלומען־קרענץ האָבן דעלעגאציעס אין שטילשווײַגן געשפּאנט איבער די ריזיקע טרעב־לינקע־פעלדער, וועלכע זײַנען דורכגעווייקט מיט בלוט און טרערן פון טויזנטער און טויזנטער מענטשן. די פארזאמלטע האָבן מיט פארנייגטע קעפּ זיך אָפּגעשטעלט באם דענקמאָל, ווו עס איז אף א גראניט־שטיין אויסגעקריצט אין 6 שפּראכן (אין פּויליש, ייִדיש, רוסיש, ענגליש, פראנצויזיש און דײַטש) א קורצער און פילזאָגנדיקער אופ־שריפט: „קיינמאָל מער!".

באם ארײַנגאנג אף דער טעריטאָריע פונעם געוועזענעם טויט־לאגער לייענען מיר אף די זעלבע שפּראכן די אופשריפטן, וואָס שילדערן די געשיכטע פון דעם גרויליקן פלאץ:

„דאָ, אף דעם דאָזיקן שטעך, איז פון יול 1942 ביז אווגוסט 1943 געווען דער היטלעריסטי־שער פארניכטונגס־לאגער, אין וועלכן עס זײַנען אויסגעמאָרדעט געוואָרן העכער 800 טויזנט ייִדן פון פּוילן, ראטנפארבאנד, יוגאָסלאוויע, טשעכאָ־סלאָוואקיע, בולגאריע, עסטרײַך, פראנקרײַך, בעלגיע, דײַטשלאנד און גריכנלאנד.

דעם 2 אווגוסט 1943 האָבן די רעשטלעך פון די אסירים אופגעהויבן א באוואָפנטן אופשטאנד, וועלכער איז בלוטיק דערשטיקט געוואָרן דורך די היטלעריסטישע טאליאָנים".

ווערטער, וואָס טרייסלען אוף יעדן מענטשן, ווערטער, וואָס דערמאָנען און וואָרענען: קיינמאָל ניט מויכל זײַן, קיינמאָל ניט פארגעסן!

■

אין עטלעכע טעג ארום נאָכן אויסברוך פון פאָלקס־צאָרן אין טרעבלינקע איז פאָרגעקומען דער אופשטאנד אין ביאליסטאָקער געטאָ. די אָנפירונג פונעם אנטיפאשיסטישן פארייניקטן קאמפס־פראָנט האָט זיך געווענדט מיט א רוף צו די אסירים, זיי זאָלן געבן א ווידערשטאנד די היטלעריסטן, זיך פארייניקן מיט די פארטיזאנישע מאכנעס, וועלכע זײַנען געווען טעטיק אין די ארומיקע וועלדער:

„שרעקלעכע טעג זײַנען אף אונדז געקומען... גייט ניט פרײַוויליק צום טויט. ביזן לעצטן אָטעם ראנגלט זיך פארן לעבן! זאָל דער סוינע באצאָלן מיט בלוט פאר בלוט, מיט טויט פאר טויט!".

דער קאמף פון די ביאליסטאָקער העלדן איז געווען א טייל פון דער אלגעמיינער פּוילישער אנטיהיטלעריסטישער ווידערשטאנד־באוועגונג.

ווינקל פון געזעלשאַפטלעכן פאַרשפּרייטער
פון „סאָוועטיש היימלאַנד"

עס גייט די אבאָנירונג אַף „סאָוועטיש היימלאַנד"

ס'איז שוין געוואָרן א טראַדיציע, אז יעדן יאָר ווערן די הארבסט־כאדאָשים געמאָלדן אלס כאדאָשים פון דער מאסן־אבאָנירונג אַף צײַטונגען און זשורנאלן. א גרויסע ארבעט ווערט אין דער צײַט דורכגעפירט אַף צו פארשפרייטן צווישן די ייִדישע לייענער אונדזער זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד". אין הונדערטער פאָסט־אָפטיילונגען און אנשטאלטן פון „סאָיוזפעטשאט" באווײַזן זיך פרישע אבאָניר־קארטלעך מיט דער ציפער 70821 — דעם אינדעקס פונעם זשורנאל.

ווי געוויינלעך, קומען צו הילף אין אָט דער ארבעט די איבערגעגעבענע ליבהאָבער פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראטור און פונעם זשורנאל, באזונדערס די געזעלשאפטלעכע פארשפרייטער.

בא דער געלעגנהײַט ווילן מיר דאָ אָנרופן אייניקע טרײַע פרײַנט פון „סאָוועטיש היימלאנד", אזעלכע, ווי ז. מינקין, ב. קאָגאן, אָ. באסינע פון דאָנעצק, ב. קאָטליאר און י. עלקיס פון כארקאָוו, ה. טשערטקאָוו און ה. לוקאשעוויטש פון זשדאנאָוו, מ. גרוזבערג און ב. טקאטש פון זשמערינקע, יא. וויניצקי פון ווילנע, ל. ווינער פון זאפּאראָזשיע, כ. גלייזערמאן פון קאָרסון־שעווטשענקאָווסקי, י. סקונדין פון סאראטאָוו און נאָך און נאָך פארשפרייטער פון אנדערע שטעט און ייִשוּווים.

לעצטנס האָט די רעדאקציע דערהאלטן א בריוו פון זאלמען מינקינען, אין וועלכן ער טיילט מיט:

— נעכטן האָב איך זיך אומגעקערט פון א נעסיִע איבער זעקס שטעט פון דאָנעצקער געגנט, ווּ איך האָב זיך געטראָפן מיט באשטענדיקע לייענער פון „סאָוועטיש היימלאנד". אין דער שטאָט יענאקיִעוואָ האָב איך געשמועסט מיט לייב פראָשקערן, וועלכער ארבעט אלס בארג־מײַסטער אַף דער שאכטע „קראסני פראָפינטערן".

„פון הײַנטיקן אָסיען, — האָט ער מיר געזאָגט, — שליס איך זיך אויך אײַן אין דער פארשפרייטונג פון „סאָוועטיש היימלאנד". דערווײַל האָב איך טאקע מיט זײַן הילף און מיט דער הילף פון דער נײַער לייענערן מאריִע מאָיסייעוונע יאבלאָנאָווסקאיא דאָ געשאפן זיבן נײַע אבאָנענטן. באָריס ווײַס פון גאָרלאָווקע, אויך א ליבהאָבער פונעם ייִדישן געדרוקטן וואָרט, האָט געהאָלפן פינף לייענער באצײַטנס זיך אונטערשרײַבן אפן זשורנאל. די באשטענדיקע לייענער פון „סאָוועטיש היימלאנד" בענציִאָן אוצעכא פון סלאָוויאנסק, לויטן בארוף א לערער פון מוזיק, די מישפּאָכע יעווע און איסאק קליינער פון ארטיאָמאָווסק, אווראָם לומבערגער, א הויפט־טעכנאָלאָג פון א בוי־טרעסט אין דער שטאָט קראמאטאָרסק, האָבן אויסגעדריקט זייער צופרידנקײַט מיטן זשורנאל און האָבן דערבײַ געמאָלדן, אז זיי וועלן אויך אַף ווײַטער פאָפּולאריזירן און פארשפרייטן דעם זשורנאל.

עס דארף באמערקט ווערן, אז ז. מינקין פאָרט ארויס אין די שטעט פון דער געגנט, ווּ ער וווינט, לויט זײַן אייגענער איניציִאטיוו, פאָלגנדיק, ווי מע זאָגט, „דעם רוף פון זײַן אייגענעם הארצן".

פונעם היפּשן פּעקל בריוו, וואָס די רעדאקציע האָט לעצטנס באקומען, האָבן מיר ארויסגענומען עטלעכע פון די, וואָס האָבן א שײַכעס צו דער אבאָנירונג.

באָריס בינדער פון דער שטאָט זשדאנאָוו שרײַבט:

— איך בין דאנקבאר די כאווירים, וועלכע האָבן מיר געהייצעט אויסשרײַבן „סאָוועטיש היימלאנד". איך לייען אים מיט פארגעניגן. דער זשורנאל העלפט מיר אויך צו בארײַכערן און אנטוויקלען די רייד־שפּראך. איך פיל, אז איך ווער ניט נאָר זײַן שטענדיקער לייענער, נאָר אויך זײַן פארשפרייטער צווישן מײַנע כאווירים לאנדסלײַט פונעם געוועזענעם נײַ־זלאטאָפּאָליער ראיאָן, וועלכע לעבן און ארבעטן איצט אין דער שטאָט פון די מעטאלורגן.

און אָט איז א בריוועלע פון אָלגע באסינע, א געוועזענער לערערן פון דאָנעצק:

— איך געפין זיך איצט אַף אָפּרו אין בערדיאנסק. אָבער אויך דאָ האָב איך באוויזן צוציִען נײַע לייענער פון „סאָוועטיש היימלאנד". אין אָט דער שטאָט וווינען איצט ניט ווייניק ייִדן, וועלכע אינטערעסירן זיך מיטן זשורנאל, מיט די ווערק פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור, מיט ייִדיש טעאטער.

די אבאָניר־קאמפּאניע אַף „סאָוועטיש היימלאנד" ווערט פאָרגעזעצט. אין פארשיידענע שטעט און ייִשוּווים פון אונדזער לאנד וואקסט די צאָל לייענער, וועלכע דערווארטן פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראטור נײַע אינטערעסאנטע ווערק.

י. שוסטער

זיי אבאָנירן זיך אפן 1974

פאַרשיידנס

פון דער ביבליאָטעק פון א דעקאבריסט

אין דער פונדאמענטאלער ביבליאָטעק פונעם סימפעראָפּאָליער אוניווערסיטעט האָט מען געפונען זעלטענע ביכער. אפן שארבלאט פונעם בוך פונעם ענגלישן פילאָסאָף אי. בענטאם „א טראקטאט וועגן געריכטלעכע פעסטשטעלונגען" שטייט דער אווטאָגראַף פון ניקיטא מוראוויאָוו, און באנאנד אן אנדער אופשריפט — „געזעגן לעפארסקי".

די צארישע רעגירונג האָט פארשיקט אף קאטאָרגע און אין ווײַטע מעקוימעס העכער הונדערט אָנטיילנעמער פונעם דעקאבער־אופשטאנד אין 1825 יאָר. אין סיביר האָט מען פאר זיי געשאפן א רעזשים ווי פאר קרימינעלע פארברעכער, נאָר די סאמע גרעסטע מאָראלישע שטראָף איז געווען דאָס אָפּנעמען בא זיי די רעכט צו נוצן זיך מיט ביכער און איבערשרײַבן זיך מיט פרײַנט. נאָך די פילצאָליקע שטאדלאָנעס פון די אייגענע און נאָענטע האָט מען די קאָטאָרזשאנעס דערלויבט פארנעמען זיך מיט זעלבסטבילדונג, נאָר מיטן באדינג, אז יעדער ביכל דארף דורכקוקן דער קאָמענדאנט פונעם טשיטינער אָסטראָג גענעראל לעפארסקי. דעריבער איז אף יעדן בוך, איידער עס איז ארײַנגעפאלן אין די הענט פונעם פארשיקטן, האָט געדארפט זײַן דער אופשריפט: „געזעגן לעפארסקי", אָדער „געלייענט לעפארסקי".

פונוואנען זשע קומען די ביכער קיין סימפעראָפּאָל? נאָך נ. מוראוויאָווס טויט האָט מען זײַן ביבליאָטעק אריבערגעפירט קיין מאָסקווע, און די מוטער זײַנע האָט איבערגעגעבן אלס מאטאָנע דעם מאָסקווער אוניווערסיטעט העכער פיר טויזנט בענדער. ניט ווייניק ביכער פונעם דעקאבריסט זײַנען געפונען געוואָרן אינעם אירקוטסקער אוניווערסיטעט, אין דער טשיטינער געגנטלעכער ביבליאָטעק, אין פריוואטע קאָלעקציעס. מעגלעך, אז א געוויסן טייל ביכער האָט איבערגעפירט קיין קרים נ. מוראוויאָווס א פלעמעניק, וועמעס פאָלווארק האָט זיך געפונען ניט ווײַט פון סימפעראָפּאָל אינעם דאָרף קילבורון (איצט פּיאָנערסקאָיע).

ג. גוקאסאָוו („איזוועסטיא")

א מאטאָנע פון פאריזש

די שרײַבערן נ. וו. קאָדריאנסקע האָט צוגעשיקט פון פאריזש קיין אָריאָל אי. א. בונינס פערזענלעכע כפייצים פון זײַן פאריזשער קווארטיר: א שרײַבטיש, א טישל פאר א שרײַבמאשינקע, א סעקרעטער, א סטעלאזש פאר ביכער און מאנוסקריפטן.

ווי באוווּסט, זײַנען אין אָריאָל דורכגעגאנגען בונינס יוגנטלעכע יאָרן, אין אָט דער שטאָט האָט ער געמאכט זײַנע ערשטע טריט אין דער ליטעראטור. דאָ, אינעם מעלוכע־מוזיי פון אי. ס. טורגעניעוון, איז פאראן א זאל, אין וועלכן עס געפינט זיך א באשטענדיקע עקספּאָזיציע, וואָס איז געווידמעט אי. א. בונינס שאפונג. אן אָנגעזעען אָרט אין דער עקספּאָזיציע וועלן איצט פארנעמען די מעמאָריאלע כפייצים, וואָס זײַנען צוגעשיקט געוואָרן פון פאריזש.

א פּראָפּאגאנדיסט פון וויסנשאפטן

די אלפארבאנדישע געזעלשאפט „וויסן" איז א מאסעווע אָרגאניזאציע, וואָס פאראייניקט אין אירע רייען 2,5 מיליאָן געלערנטע, וויסנשאפטלעכע מיטארבעטער, לעקטאָרן פון די הויכשולן, לערער, דאָקטוירים, אינזשעניערן, יוריסטן, פאָרשטייער פון דער שעפערישער אינטעליגענץ, נאָוואטאָרן און אוואנגארדיסטן פון דער פּראָדוקציע. אין 1972 יאָר האָבן די

די ביאָגראפיע פון זשיול ווערנען

דער באוווּסטער פאריזשער פארלאג „אשטעט" האָט ארויסגעגעבן א קאפיטאלע ביאָגראפישע אויספאָרשונג „זשיול ווערן", וואָס עס האָט אָנגעשריבן דאָס אייניקל פונעם שרײַבער זשאן זשיול־ווערן. בא פערציק יאָר האָט זשאן זשיול־ווערן סקרופולעז געקליבן מאטעריאלן פאר דער ביאָגראפיע פון זײַן גרויסן זיידן. כאָטש זשיול ווערן געהער צו די וועלט־שרײַבער, וואָס ווערן אמערסטנס געלייענט, דאָך איז זײַן לעבן און שאפונג נאָך ניט גענוג דערלערנט. „די שאפונג פון זשיול ווערנען, — האָט געמאָלדן זײַן אייניקל אין אן אינטערוויו דער פאריזשער וואָכנשריפט „לע נוּוועל ליטערער", — האָט געגעבן שפּײַז פאר אלערליי אינטערפּרעטאציעס, און מע דארף אנערקענען, אז אייניקע פון זיי זײַנען פונקט אזוי גלענצנד, ווי פעלערהאפט. אָפטער פון אלץ זײַנען זיי פעלערהאפט איבערן מאנגל אין דאָקומענטאציע".

דעם „סאָד" פון זשיול ווערנס שטענדיקער יונגקײַט זעט זײַן אייניקל אײַן אין דעם, וואָס „די פּראָבלעמען, וואָס דער שרײַבער האָט געשטעלט, זײַנען פּראָבלעמען פון אונדזער צײַט". זשיול ווערנס ביכער פארכאפן דעם לייענער מיט דער דרייסטער ראָמאנטיק פונעם וויסנשאפטלעכן עקספערימענט, מיטן גלויבן אינעם מענטשן, אין זײַן פארנונפט, אין זײַנע איידעלע געפילן. זשיול ווערנס ווערק זײַנען ווירקלעך אין אוניסאָן מיט אונדזער עפּאָכע פון קאָסמישע פלוגן און גראנדיעזע דערגרייכונגען פון דער וויסנשאפטלעך־טעכנישער רעוואָליוציע.

זשאן זשיול־ווערן באהויפּט, אז ס'איז ניט ריכטיק רעכענען זשיול ווערנען בלויז „אלס שרײַבער פארן יונגן דאָר". „זײַן שאפונג איז אדרעסירט די לייענער פון יעדן עלטער, — זאָגט ער, — אין א באליביקן עלטער קאָנען מיר שעפּן בא אים אלץ מער פארשיידנארטיקן אינהאלט".

(„ליטעראטורנאיא גאזעטא")

מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט דורכגעלייענט העכער צוואַנציק מיליאָן לעקציעס, אף וועלכע ס׳איז בײַגעווען העכער א מיליאַרד מענטשן.

ס׳איז שווער אָנצורופן אוועלכע־עס־איז אקטועלע פּראָבלעם פונעם געזעלשאַפטלעכן לעבן, וואָס זאָל ניט געפינען איר באַלויכטונג אין דער טעטיקײַט פון דער אַלפאַרבאַנדישער געזעלשאַפט „וויסן״. אף די אונטערנעמונגען, אין די קאָלווירטן און סאָווירטן, בא די קולטור־אַנשטאַלטן, אין די הויכשולן און אין די וויסנשאַפטלעך־פאָרשערישע אינסטיטוטן אַרבעטן 29 טויזנט פאָלקס־אוניווערסיטעטן.

די אַלפאַרבאַנדישע געזעלשאַפט „וויסן״ פאַרנעמט זיך מיט אַקטיווער פאַרלעגערישער טעטיקײַט. זי האָט איר פאַרלאַג „וויסן״, וואָס גיט אַרויס די זשורנאַלן „וויסנשאַפט און לעבן״, „וויסנשאַפט איז א קויעך״, „דאָס צווישנפּלאַנעטערלעכע לעבן״, „וויסנשאַפט און רעליגיע״ און אַנדערע אויסגאַבן. וועגן דעם אַלעמען האָט אף א פּרעסע־קאָנפערענץ פאַר סאָוועטישע און אַקרעדיטירטע אין מאָסקווע אויסלענדישע זשורנאַליסטן מיטגעטיילט דער פאָרזיצער פון דער פאַרוואַלטונג פון דער אַלפאַרבאַנדישער געזעלשאַפט „וויסן״ דער אַקאַדעמיקער העלד פון סאָציאַליסטישער מי אי. אַרטאָבאָלעווסקי.

בריוו צו שערלאָק כאָלמסן

שערלאָק כאָלמס איז געשטאָרבן מיט א סאַך יאָרן צוריק. ער האָט אופגעהערט צו עקזיסטירן נאָך דעם, ווי דער גײַסטיקער פאָטער פונעם באַרימטן דעטעקטיוו קאָנאַן־דאָיל האָט אַרויסגעלאָזט עטלעכע צענדליק ביכער מיט דער באַשרײַבונג פון זײַנע פּאַסירונגען.

די לייענער אָבער קאָנען ביז איצט ניט שאָלעם מאַכן מיט אָט דעם פאַרלוסט און זעצן פאָר שיקן פּילצאָליקע בריוו אפן אַדרעס: „לאָנדאָן. בייקער־סטריט 211, דעם מיסטער שערלאָק כאָלמס״. אָט דער אַדרעס געהער איצט צו איינער א בוי־פירמע. לויט דער שוין אײַנגעשטעלטער טראַדיציע גיט מען דאָ איבער אַלע בריוו, וואָס זײַנען אַדרעסירט דעם באַרימטן דעטעקטיוו, דער יונגער מיטאַרבעטערן פון דער פירמע דזשיל ניקאָלסאָן. לויט איר אייגענער איניציאַטיוו ענטפערט זי אף יעדן בריוו און שרײַבט זיי אונטער אַזוי: „סעקרעטאַר פונעם מיסטער שערלאָק כאָלמס״.

„ניט ווערנדיק אַנטוישן די לייענער, — זאָגט דזשיל, — טייל איך געוויינלעך מיט, אַז אין געגעבענעם מאָמענט איז כאָלמס אַרויסגעפאָרן אויספאָרשן אוועלכן־ניט־איז איניען״. דזשיל דערציילט, אַז האַיאָר זײַנען אָנגעקומען עטלעכע הונדערט בריוו, אין וועלכע שערלאָק כאָלמסן ווערט פאָרגעלייגט צו שליסן קאָנטראַקטן אף אויספאָרשן פאַרברעכנס, אַרויסטרעטן מיט לעקציעס.

אוטאָרן־אָנפאַנגער שיקן ניט זעלטן צו כאָלמסן אף א רעצענזיע זייערע ערשטע ליטעראַרישע פּרוּוון, מיט א ביטע געבן א געניטע קריטישע אָפּהאַנדלונג. זייער אָפט קומען אָן ריין פּראָפעסיאָנעלע פראַגעס, וואָס זײַנען פאַרבונדן מיט קרימינאַליסטיק. איין יונגער אויספאָרשער, צום בײַשפּיל, האָט צוגעשיקט זײַן באַריכט, וויאַזוי ער האָט באַטראַכט דאָס אָרט, ווו ס׳איז פאָרגעקומען א פאַרברעכן, מיט א ביטע אָנווײַזן, וועלכע פעלערן האָט ער דערבײַ דערלאָזט.

(„זא רובעזשאָם״)

ליטעראַרישע קוריאָזן

קונצשטיק פון דער קאַפּריזער מוזע

מע דערציילט, אַז דער דײַטשישער פילאָסאָף קאַנט (1724 — 1804) פלעגט בייסן באַטראַכטן זײַנע אידייען זיך זעצן אַזוי, אַז זײַן בליק זאָל פאַלן אפן אַלטערטימלעכן טורעם, וואָס האָט זיך געזען דורכן פענצטער. אָט דער טורעם איז מיט דער צײַט געוואָרן א ביז גאָר נייטיקע זאַך פאַרן געלערנטן אינעם פּראָצעס פון זײַן שאַפן, און ווען עטלעכע טענענביימער זײַנען אף אַזויפיל אונטערגעוואַקסן, אַז זיי האָבן פאַרשטעלט דעם טורעם, האָט קאַנט פאַרלוירן די פעיִקײַט צו קאָנצענטרירן דעם געדאַנק. לויט זײַנע אײַנגעשפּאַרטע באַקאָשעס האָט מען אָפּגעזעגן די קרוינען פון דיביימער, און ער האָט באַקומען די מעגלעכקײַט ווידעראַמאָל קוקן אפן טורעם.

לייענענדיק לעקציעס אינעם קעניגסבערגער אוניווערסיטעט, האָט דער פילאָסאָף געהאַט א געוווינשאַפט קוקן אף איינעם אָן אָרעמען סטודענטס סורדעט, ווו אפן אָרט פון אָן אָפּגעריסן קנעפּל האָבן געסטאַרטשעט עקעלעך פון ווײַסע פעדעם.

נאָר איינמאָל בייס דער לעקציע זוכט אָפּ קאַנט דעם באַקענטן סורדעט, און אין שרעק באַמערקט ער, אַז אָנשטאָט די פעדעם שײַנט א נײַ מעשן קנעפּל. דעם פּראָפעסאָרס געדאַנקען האָבן זיך פאַרפּלאָנטערט, ער איז אַנשוויגן געוואָרן — דאָס איז געווען די אומגליקלעכסטע לעקציע.

ניט ווייניקער אָריגינעל פלעגט דורכגיין דער שאַפונגס־פּראָצעס בא נ. וו. גאָגאָלן. ווי עס דערציילט אַקסאַקאָוו, פלעגט גאָגאָל שטענדיק אַרבעטן אין א פינצטערן צימער מיט פאַרוקטע פאָרהאַנגען. אפן טיש איז געשטאַנען א גראַפין מיט מילך. פון צײַט צו צײַט פלעגט דער שרײַבער אָנגיסן מילך אין א גלאָז, אויסטרינקען זי און פאָרזעצן שאַפן.

די מוזע איז קאַפּריז מאַמעש צו שטוינען. אַלע, וואָס האָבן נאָענט געקענט פּושקינען, דערציילן, אַז ער האָט געקענט שרײַבן בלויז מיט אַזוינע אַרומגעשטשיפּעטע פעדערן, וואָס די האַנט האָט קוים געקאָנט אײַנהאַלטן. ווען דער פּאָעט פלעגט נעמען א נײַע פעדער, האָט ער זי אַרומגעשטשיפּעט און בלויז דאַן זיך גענומען פאַר דער אַרבעט.

באַלזאַק פלעגט פאַרן נעמען זיך שרײַבן אומבאַדינגט אָנטאָן א ווײַסן קיטעל.

דער אונגאַרישער ראָמאַניסט מאָר יאָקאַי (1825 — 1904) — דעם סאָוועטישן צושויער זײַנען באַוווּסט די פילמען, וואָס זײַנען געשאַפן געוואָרן לויט זײַנע סוזשעטן: „דער אונגאַרישער נאַבאָב״, „דער גוירל פון זאָלטאַן קאַרפּאַטי״ און אַנד. — פלעגט באַנוצן א באַזונדערן גאָלדקאָליריקן טינט, לויט זײַן ספּעציעלער באַשטעלונג. דער „אונגאַרישער דיומאַ־פּאָטער״, ווי זײַנע מיטצײַטלער האָבן אים גערופן, פלעגט זײַן אין א גרויסער פאַרלעגנהײַט, ווען אַזאַ טינט איז ניט געווען אונטער דער האַנט, אַפילע ווען ער האָט געדאַרפט בלויז פאַרפילן א טעלעגראַף־בלאַנק אָדער א פּאָטשט־איבערווײַזונג.

קיריל קאַלמאַנאָוויטש („ליטעראַטורנאַיאַ ראָסיאַ״)

פון אונדזער פאָטאָ־אַרכיוו



1



2

3

1. איטשע באָרוכאָוויטש אין 1969.

2. מיט זײַן טאָכטער טאַמאַרע.

3. מיט שמועל האַלקינען. מאַ־לאַכאָווקע, 1957.

4. אַף איינער פון די לעצטע מיליטערישע פאָטאָגראַפיעס (דער צווייטער פון רעכטס). דײַטשלאַנד, מײַ, 1945.

5. מיטן שרײַבער יאַקאָוו שוועדאָוו. 1953.

6. מיט זײַן לעבנס־פרײַנט מיליע האַלקין.

וויניק באַוווסטע
פֿאָטאָגראַפֿיעס
פֿונעם דיכטער איטשע
באָרוכאָוויטש



4

5

6

נאָטיצן אפֿן קאַלענדאַר

שרײַבער און ווערק

דעם 25 אָקטיאַבער 1898, מיט 75 יאָר צוריק, איז אין א וואָלינער שטעטל (אוקראַיִנע) געבוירן געוואָרן דער פּראָפעסאָר פון עקאָנאָמישע און געזעלשאַפטלעכע וויסנשאַפטן יוסף ליבערבערג.

אין 1919 איז י. ליבערבערג פרײַוויליק אוועק אין דער רויטער אַרמיי. אין דרײַ יאָר ארום איז ער באַשטימט געוואָרן אלס לעקטאָר פון די העכערע מיליטעריש־פּאָליטישע קורסן באַם צק פון דער קאָמפּאַרטיי פון אוקראַיִנע. פון 1924 האָט ער אין די קיִעווער הויכשולן און אינעם אוקראַיִנישן אינסטיטוט פון מאַרקסיזם־לעני־

ניזם געפירט דעם קורס „געשיכטע פון דער מײַרעוו־אייראָפּעיִשער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג". שפּעטער (אין 1927) איז ער געוואָרן פּראָפעסאָר און לייטער פון דער קאַטעדרע פאַר יידישער פּראָלעטאַרישער קולטור באַ דער אוקראַיִנישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע, און אין 1934 ווײַלט מען אים אויס אלס מיטגליד־קאָרעספּאָנדענט פון דער אַקאַדעמיע. צו יענער צײַט איז אַפן ווײַטן מיזרעך, אין כאַבאַראָווסקער קאַנט, אויסגעבילדעט געוואָרן די יידישע אווטאָנאָמע געגנט, און י. ליבערבערג איז געוואָרן דער פאָרזיצער פונעם געגנט־אויספּירקאָם.

יוסף ליבערבערג האָט אין א היפשער צאָל סאָוועטישע צײַטשריפטן און זאַמלביכער פאַרעפנטלעכט עסייען אָף היסטאָרישע טעמעס, ווי אויך וועגן עקאָנאָמישע פּראָבלעמען און וועגן פראַגן פון ליטעראַטור און שפּראַך. ער איז געווען אַן אַקטיווער אָנטיילנעמער אין דער קיִעווער יידישער שפּראַך־קאָנפערענץ אין 1935.

אין א בוכפאָרם זײַנען פאַרעפנטלעכט י. ליבערבערגס פּאָלגנדיקע ווערק: „רעשימע פון דער יידישער פּרעסע אין אוקראַיִנע פון פעווראַל 1917 ביז פעווראַל 1919". קיִעוו, 1919; „עקאָנאָמישע און סאָציאַלע געשיכטע פון ענגלאַנד", קיִעוו, „קולטור־ליגע", 1927; „אָקטיאַבער־טעג" (מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע). קיִעוו, 1927; „די אופגאַבן פון דער יידישער ביבליִאָגראַפיע", קיִעוו, 1930; „די יידישע וויסנשאַפטלעכע אַרבעט אין ראַטנפאַרבאַנד" (פאַרעפנטלעכט אינעם זאַמלבוך „יידן אין פססר", אונטער דער רעדאַקציע פון ש. דימאַנשטיין), מאָסקווע, 1935.

יוסף ליבערבערג איז טראַגיש אומגעקומען אין 1938.

מיט 90 יאָר צוריק, דעם 8 (20) אָקטיאַבער 1883, איז אין ניזשני־נאָווגאָראָד (הײַנט גאָרקי), אין א געזינד פון א קלעזמער, געבוירן געוואָרן דער קאָמפּאָזיטאָר, פאַרדינסטפולער קונסט־טוער פון דער רוסלענדישער פעדעראַציע אלעקסאַנדער קריין.

אין 1908 האָט א. קריין פאַרענדיקט די מאָסקווער קאָנסערוואַטאָריע און אין פיר יאָר ארום געוואָרן פּראָפעסאָר פון דער דאָזיקער קאָנסערוואַטאָריע. אין 1926 האָט ער געשאַפן די באַוווּסטע טרויער־אָדע צום אָנדענק פון וו. אי. לענין, וועלכע איז אופגעפירט געוואָרן אין 1927.

א. קריין איז דער אווטאָר פון דער אָפּערע „זאַגמוק" (1930), פון די באַלעטן „לאַורענסיע" (1937) און „טאַטיאַנע" (1942).

א. קריין האָט געשאַפן די מוזיק צו י.־ל. פּרעצעס „באַנאַכט אַפן אלטן מאַרק" אין דער שטעלונג פונעם מאָסקווער יידישן מעלוכע־טעאַטער, ער איז דער אווטאָר פון דער קאַנטאַטע „קאַדיש", פון צוויי סימפאָניעס, פון „יידישע סקיצן" פאַר א סטרונע־אָרקעסטער און פאַר קלאַרנעט (צוויי סוויטעס, געשאַפן אין די יאָרן 1909 — 1910), אויך פון די מוזיקאַלע ווערק „יידישער קאַפּריז", „יידישע מעלאָדיע" און פון א גרעסערער צאָל זינגלידער.

אלעקסאַנדער קריין איז געשטאָרבן דעם 21 אַפּרעל 1951 אין מאָסקווע.

БЕСЕДЫ В ПОМОЩЬ ИЗУЧАЮЩИМ ИДИШ

Тема IV.

Времена года

Прочтите и устно переведите на русский язык описание весны у «дедушки» еврейской литературы Менделе Мойхер-Сфорима:

טעקסט נומער 13.

א שיינער, א וואַרעמער וועסנע־טאָג. די גילדענע זון האָט באַם אופגיין צעריסן, צעטריבן די גרויסע וואָלקנס אין דער לופט און מיט איר ליכטיק פּנים אַראָפּגעקוקט פונעם בלויען הימל מילד, פרײַנטלעך אף דער ערד. גאָטס באַשעפעניש, אַלע, פון גרויס ביז קליין, האָבן, אופכאַפּנדיק זיך פונעם ווינטערשלאָף, לעבעדיק, פריילעך זיך גענומען איטלעכער צו זײַן זאַך. פריש־געלע בלומען שטעקן אַרויס די קעפּלעך פון צווישן יונגן גראָז, קוקן אַרויס און מאַכן כיין. ווערבעס באַם טײַך כאַפּן זיך אָנטאָן זייער נײַ־גרינע זשופּיצע, שפּיגלענדיק זיך אין דער וואַסער, ריין, קלאָר ווי זילבער. פון די ווײַטע וואַרעמע לענדער, דאָרט אין דער פרעמד, קומען אויפעס טשאַטעסווײַז צוריק אַהער אין זייער רו אַרײַן. ווילדע גענדז פּליעסקען זיך ערגעץ צווישן וויספּעס דאָ אין טײַך. ווילדע קאַטשקעס דרייען זיך אַרום דעם טשערעט, אַרויס, אַרײַן מיט אַ געהילך, אַ געסווישטש. שוועלבעלעך פּלאַטערן, שוועבן אַהין, אַהער אין דער לופט, שטאַרק פאַרטראָגן אין דעם בויען, פאַריכטן נײַע און אַלטע נעסטער. באָרעכהאַבאַ! דאָס אַלטע באַקאַנטע פּאָרפּאָלק בושלעס איז אויך לעמאַזל דאָ אין אַ גוטער שאָ. זי, די בושעליכע, שטייט אף איין פוס, דאָס קעפּל אין דער זײַט, שטייט, באַטראַכט איר אַלטע נעסט אויבן אַפן שפּיץ בוים, און ער, אף די לאַנגע שטאָלצן, שפּאַצירט זיך האָפּערדיק אף דעם זומפּ דאָרט, צוקוקנדיק זיך צו אַ קאַליזשע, ווו עס שפּרינגען, קוואַקען זשאַבעס. און פּלוצעם — פּיק־פּיק, אַ כאַפּ אין דעם רויטן ווײַטן פּיסק אַרײַן... ס'איז אַ לעבן, אַ פרייד, אַ פלי‌ענעניש, אַ זשוזשעניש, אַ געזינ־געריי, אַ געסווישטשערײַ אומעטום.

ס'איז יאָמטעוו, ס'איז וועסנע־צײַט!..

Слова и словосочетания:

1) באַם אופגיין; 2) אַראָפּקוקן; 3) בלויער; 4) מילד; 5) גאָטס באַשעפעניש; 6) אַרויס־קוקן; 7) מאַכן כיין; 8) כאַפּן זיך; 9) זשופּיצע; 10) שפּיגלען זיך; 11) טשאַטע וו ־ס; 12) טשאַ־טעסווײַז; 13) אין זייער רו אַרײַן; 14) וויספּע וו ־ס; 15) טשערעט מ; 16) אַרויס, אַרײַן; 17) געהילך ז; 18) פּלאַטערן; 19) שוועבן; 20) שטאַרק פאַרטראָגן (אין עפּעס); 21) באָרעכ־האַבאַ; 22) פּאָרפּאָלק ז; 23) בושל מ ־ען, ־עס; 24) לעמאַזל; 25) איז אויך לעמאַזל דאָ; 26) באַטראַכטן; 27) שטאָלצן מצ.; 28) האָפּערדיק; 29) זומפּ מ ־ן; 30) אַ כאַפּ; 31) פּיסק מ ־עס.

Их перевод:

1) взошедши; 2) *здесь*: поглядывать (вниз); 3) голубой; 4) щедро; 5) божьи твари; *здесь:* всякая божья тварь; 6) выглядывать; 7) *здесь*: кокетничать; 8) спешить, торопиться; 9) халат; 10) *здесь*: прихорашиваться; 11) стая; 12) стаями; 13) *здесь*: на свои насиженные места; 14) островок; 15) камыш; 16) *здесь*: вылетая и влетая; 17) *здесь*: громкий крик; 18) порхать; 19) носиться; 20) крепко занятый (*чем-либо*); 21) добро пожаловать; 22) чета, парочка; 23) аист; 24) счастливо, благополучно: 25) *здесь:* также благополучно появилась; 26) *здесь:* осматривать; 27) ходули; 28) строптиво; 29) болото; 30) хвать; 31) зев, пасть.

Упражнения:

1. Впишите в свой словарик следующие еврейские дублеты (равнозначащие слова):

א) פרילינג מ ־ן, וועסנע וו ־ס — весна; **ב)** הארבסט מ ־ן, אָסיען מ ־ס — осень; **ג)** קאַפּאָטע וו ־ס, זשופּיצע וו ־ס — халат (традиционный сюртук); **ד)** בושל מ ־ען, ־עס, באָטשאַן מ ־עס — аист; **ה)** קאַטשקע וו ־ס, ענטל ז ־עך — утка; **ו)** אויפעס מצ., פייגל מצ., פויגלען מצ. — птицы.

2. Переведите на русский язык следующие сочетания:

א) פון גרויס ביז קליין; **ב)** אַהין — אַהער; **ג)** אין אַ גוטער שאָ; **ד)** איטלעכער נעמט זיך צו זײַן זאַך.

3. Продумайте, куда отнести слова, выделенные в следующих предложениях курсивом — к (1) или к (2)?

א) די זון האָט *צעטריבן* (1) *די גרויסע וואָלקנס* (2) אין דער לופט; ב) די *ווערבעס שפּיגלען זיך* (1) *אינעם וואַסער* (2), ריין, קלאָר ווי זילבער; ג) פֿון די *וואַרעמע לענדער* (1), דאָרט אין דער פֿרעמד, *קומען אַהער די פֿייגל צוריק* (2); ד) *ווילדע גענדז פֿליִעסקען זיך* (1) *צווישן ווייספּעס* (2) דאָ אין טײַך; ה) *דער בושל* (1), אויף די לאַנגע שטאָלצן, *שפּאַצירט זיך* (2) *אויף דעם זומפּ*; ו) די *בושעליכע באַטראַכט* (1) *איר אַלטע נעסט* (2) אויבן אויפֿן שפּיץ בוים.

4. Выпишите из текста № 13 сложные слова: а) образованные от двух существительных (всего — 4); б) — от двух прилагательных (всего — 2).

5. Из этих шести сложных слов пять имеют ударение на первой части и лишь одно — на второй. Какое?

6. Выпишите из текста № 13 существительные, образованные от глаголов:

а) при помощи суффикса ־ניש (всего — 2); б) при помощи префикса ־גע (всего — 2); в) при помощи префикса ־גע и суффикса ־ערײַ (всего — 2). Какие из этих шести существительных обозначают определенное звучание и какие — определенное движение?

7. Сравните следующие предложения с герундивом (деепричастием) на ־(ע)נדיק. В каких из них герундив выражает действие, одновременное с действием, обозначенным в сказуемом, и в каком — предшествующее действие?

א) דער בושל שפּאַצירט זיך אויף דעם זומפּ, *צוקוקנדיק זיך* צו אַ קאַליזשע...; ב) אַלע האָבן, *אויפֿכאַפּנדיק זיך* פֿונעם ווינטערשלאָף, גענומען זיך איטלעכער צו זײַן זאַך; ג) ווערבעס כאַפּן זיך אָנטאָן די זשופּיצע, *שפּיגלענדיק זיך* אין וואַסער.

Устно переведите на русский язык отрывок из романа советского еврейского писателя Нояха Лурье — «В лесу»:

טעקסט נומער 14

זומער אין וואַלד

ווי אַ קעצל אין אַ נײַ אָרט, וואָס לויפֿט אַרום, באַשמעקט אַלע לעכער, אַלע פֿאַרטונקלטע ווינקעלעך, אַזוי האָט דאַניע דעם זומער גענישטערט איבערן וואַלד, אויסגעזוכט ווו אַן אומבאַקאַנט סטעזשקעלע, ווו אַ העק.

...אַלץ האָט אים אויסגעזען אומגעוויינלעך און וווּנדערלעך: צוויי הויכע דינע בערעזעס, צוגעבויגענע מיט די שפּיצן איינע צו דער אַנדערער, אַ בוים מיט רויטע ראַבינעס, אַ געשלאָגענער פֿון אַ בליץ פֿאַרקוילטער דעמב, אַ לאָנקעלע, פֿאַרוואַקסן מיט בלויע גלעקעלעך.

...ווען ער איז מיד געוואָרן פֿון לויפֿן און פֿון הוקען, האָט ער זיך דערזען אין אַן אומבאַקאַנטן וואַלד, צווישן אַן אומענדלעכער מענגע סאָסנע־שטאַמען. הויכע, הויל פֿון צווײַגן ביז צו די קראָנעס גאַנץ אויבן, זײַנען זיי געשטאַנען אומבאַוועגלעך, שטרענג אויסגעצויגן, אין פֿײַערלעכן שווײַגן.

... צו די סאָסנעס האָט זיך ניט געזען קיין סאָף. די ווייניק פֿאַרשאָטנטע זון האָט געוואַרעמט דאָס לײַב מיט איר היץ. ס'האָט זיך געוואָלט שלאָפֿן, און ס'האָט זיך געוואָלט עסן, און ס'האָט אַלץ מער געדריקט און באַאומרויִקט דאָס בלאָנדזשען אָן אַ וועג.

Слова и словосочетания:

1) פֿאַרטונקלטער; 2) נישטערן; 3) העק מ; 4) וווּנדערלעך; 5) צוגעבויגענער; 6) ראַבינע ו ־ס; 7) פֿאַרקוילטער; 8) לאָנקעלע ז ־ך; 9) הוקען ז; 10) דערזען זיך; 11) מענגע ו; 12) שטאַם מ ־ען; 13) הויל פֿון צווײַגן; 14) שטרענג; 15) אין פֿײַערלעכן שווײַגן; 16) דריקן; 17) באַאומרויִקן.

Их перевод:

1) затемнённый; 2) *здесь*: бродить в поисках; 3) тупик; 4) замечательно, удивительно; 5) пригнутый; 6) *здесь*: ягодка рябины; 7) обугленный; 8) лужайка; 9) гуканье; 10) *здесь*: очутиться; 11) множество; 12) ствол; 13) *здесь*: лишенный ветвей; 14) строго; 15) в торжественном безмолвии; 16) удручать, угнетать; 17) тревожить, беспокоить.

Кандидат филологических наук

М. Шапиро

כאַשעווע לייענער און געזעלשאַפטלעכע פאַרשפּרייטער פון „סאָוועטיש היימלאַנד"

דער ליטעראַריש־קינסטלערישער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט פאַר די צוועלף יאָר פון זײַן עקזיסטענץ איבערגעגעבן אין רעשוס פון אונדזערע לייענער א היפּשע צאָל נײַע ווערק פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור.

אויך אין קומענדיקן 1974 יאָר וועלן דאָס צענטראַלע אָרט אין זשורנאַל פאַרנעמען די בעסטע שאַפונגען פון די סאָוועטישע שרײַבער.

גלײַכצײַטיק וועט „סאָוועטיש היימלאַנד" פאַרהיטן און פאַרטיפערן אַזעלכע אינטערעסאַנטע אָפטיילן, ווי „אונדזער ליטעראַרישער אוצר", „אַף די שפּורן פון געשעענעם", „מענטשן — זייער צײַט און זייער גורל", „קאָמענטאַרן פון רעדאַקציע", „פּאָלעמיק" אאַז״וו.

אַבאָנירן זיך אַף אונדזער זשורנאַל אַפן 1974 יאָר קאָן מען אין אַלע פּאָטשט־אָפטיילונגען און בא די געזעלשאַפטלעכע פאַרשפּרייטער אַף די אונטערנעמונגען און אַנשטאַלטן. דער אינדעקס פון „סאָוועטיש היימלאַנד", וועלכער איז אָנגעוויזן אין דעם אַבאָניר־קאַטאַלאָג, איז 70821.

„סאָוועטיש היימלאַנד" דערשײַנט 12 מאָל א יאָר.
אַבאָנעמענט־פּרײַז: אַף א יאָר — 6 רובל, אַף 6 כאַדאָשים — 3 רובל.

לייענט און פאַרשפּרייט „סאָוועטיש היימלאַנד"!

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД (СОВЕТСКАЯ РОДИНА)

Ежемесячный литературно-художественный журнал

Орган Союза писателей СССР

(На еврейском языке)

Издается с 1961 г.

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор **А. Вергелис.**

Редколлегия: **Т. Ген, А. Гонтарь, С. Гордон, М. Лев, Нотэ Лурье, Х. Мальтинский, Х. Меламуд, Б. Миллер, Г. Полянкер, С. Фрай, И. Чичельницкий** (зам. главного редактора).

Ответственный секретарь И. Шустер

Адрес редакции журнала: Москва, Центр, ул. Кирова, 17.

Телефоны: главный редактор — 228-27-91; ответственный секретарь — 294-46-69; отделы прозы и поэзии — 228-49-42; отдел критики — 223-96-07.

Художеств. и техн. редакция: М. Сафронович, С. Черняк

Корректор Х. Поташник

Подписано к печати 18/IX 1973 г. Формат $70 \times 108^1/_{16}$. Печ. л. 12+0,25 вкл. (17,15). Бум. л. 6+0,125. Цена 50 коп. Зак. 611.

Ордена Трудового Красного Знамени московская типография № 7 «Искра революции» «Союзполиграфпрома» при Государственном комитете Совета Министров СССР по делам издательств, полиграфии и книжной торговли. Москва, Г-19, пер. Аксакова, 13.

© Журнал «Советиш геймланд», 1973 г.

Цена 50 коп.

Индекс 70821

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

№ 10

1973

В НОМЕРЕ:

Н. Забара. Под горячим солнцем Прованса (роман).

Рассказы А. Лизена, И. Шулькиной, Л. Ханукова, Ю. Домбровского.

Стихи А. Вергелиса, Л. Вассерман, И. Боруховича, Г. Блоштейна, М. Талалаевского.

Х. Меламуд. Люблю тебя, мой город (очерк).

Публицистика

Н. Одегов. Национальный вопрос и идеологическая борьба.

Отвечаем на вопросы наших читателей. О фальшивках сионистской пропаганды; о палестинской организации «Черный сентябрь».

Литературная критика. Библиография. Вопросы искусства

Г. Ременик. Проблемы современной еврейской литературы.

Б. Шейнин. Израильская действительность в фильме «В осаде».

Комментарии редакции.

Хроника. Разное. Наши сообщения. Заметки на календаре.

М. Шапиро. Беседы о еврейском языке.